STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03656

GESHIKHTE FUN F.S.S.R

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונדזער לאנד אינ דער ווײַטער פארגאנגענהײַט

קאפיטל I.

די אוראַלטע געמיינדע־אָרדענונג אינ אונדזער לאנד.

§ 1. די אורעלטסטע מענטשלעכע געזעלשאפט.

דער אָנהייב פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט. די ערשטע שפורנ פונ דעמ מענטשנס עקזיסטענצ אינ איירָאָפּע געהערנ צו יענער ווײַט פארגאנגענער עפּאָכע, ווענ דער קלימאט איז דאָ געווענ א ווארעמער אונ א פײַכטער. געדיכטע אייביק־גרינע וועלדער זײַנענ באשטאנענ פונ לאָרבער־ביימער, בוקסנ־ביימער, אייבענ־ביימער א. אנד. אינ די וועלדער אונ בא די ברעגנ פונ די טײַכנ האָבנ געלעבט אזוינע באלעכאימ, וואָס זײַנענ שוינ אָדער לאנג אויסגעשטאָרבנ (דער פּארצײַטיקער העלפאנד, א ספּעציעלער מינ נאָזהאָרנ) אָדער מע טרעפט זיי אינ די דאָרעמדיקע לענדער (דער היפּאָפּאָטאמ, דער לעמפּערט).

די מענטשנ האָבנ געלעבט קליינע גרופּעסווײַז („די אוראלטע האָרדע“). די ערשטע געצײַג זייערע זײַנענ געווענ גראָב ארומגעטעסעטע שטיינער. צומ דערנערנ זיכ פלעגנ די מענטשנ געמיינזאמ קלײַבנ שנעקעס, אינזעקטנ, פרוכטנ אונ אויכ וואָרצלענ, וואָס טויגנ צומ עסנ. דער געיעג אפ קליינע מינימ כײַעס האָט נאָכ געטראָגנ א צופעליקנ כאראקטער. אדאנק דעמ ווארעמענ קלימאט, האָבנ זיכ די מענטשנ ניט גענייטיקט ניט אינ קיינ ספּעציעלע באהעלטענישנ, ניט אינ קיינ קליידונג צו באשיצנ זיכ פונ קעלט.

ביסלעכווײַז האָט אָנגעהויבנ ווערנ קעלטער. דער קלימאט איז געוואָרנ נאָכ פײַכטער. אינ צאָפנ האָבנ זיכ אויסגעבילדעט גרויסע גלעטשערס, וואָס פלעגנ אראָפּלאָזנ



איינס פונ די סאמע אוראלטע געצײַג אינ פסטר. פאלעאָליט. דאָס געצײַג האָט מענ געפונענ אינעמ אונטערשטנ שיכט פונ דער הײל קיִיק־קאָבא — קרימ.

זיכ פונ די בערג. די פרעכטיקע וועלדער זײַנענ אָפּגעטראָטנ צו דאָרעמ־צו. אינײַנעמ מיט זיי זײַנענ פארשווונדנ געוואָרנ אָדער האָבנ איבערגעוואנדערט די באלעכאיִמ פונעמ ווארעמענ קלימאט. די גלעטשערס האָבנ באדעקט קאָלאָסאלע שעטעכנ.

דער מענטש איז געבליבנ לעבנ אינ די פיל הארבערע קלימאטישע באדינגונגענ, ווארעמ ער האָט זיכ אויסגעלערנט צו באנוצנ פײַער. לעכאטשילע איז ער דערגאנגענ וויאזוי אופצוהיטנ פײַער, דערנאָכ האָט ער זיכ שוינ אויסגעלערנט אויכ ארויסצוקריגנ פײַער, רײַבנדיק איינס אָנעמ אנדערנ טרוקענע שטיקלעכ האָלצ אָדער אויסשלאָגנדיק א פונק פונ שטיינ. דאָס פײַער האָט דעמ מענטשנ באשיצט פונ קעלט, פונ כײַעס אונ געגעבנ אימ די מעגלעכקײַט צו דערנערנ זיכ מיט א גארהאפטיקער געקאָכטער פלייש־ אונ פיש־שפּײַז.

די עלטסטע לאגערונגענ פונעמ מענטשנ (ערטער, ווו דער אוראלטער מענטש האָט זיכ אופגעהאלטנ) זײַנענ בא אונדז אינ לאנד אנטדעקט געוואָרנ אפ קאווקאז (לעבנ סוכומי) אונ אינ קרימ. ניט ווײַט פונ סימפעראָפּאָל האָט מענ אינ הײלנ געפונענ א סאכ צעשפּאָלטענע בײנער פונ באלעכאיִמ אונ דערבײַ אויכ גראָב באארבעטע שטיינ־געצײַג. דאָס זײַנענ געווענ לאגערונגענ פונ אוראלטע יעגער, וועלכע פלעגנ אויסנוצנ די נאטירלעכע הײלנ, קעדיי צו באשיצנ זיכ פונ כײַעס אונ אויסבאהאלטנ זיכ פונ א שלעכטנ וועטער.

ווענ דער אײַז־צודעק האָט דערגרייכט דעמ העכסטנ גראד פארשפּרייטונג, האָט ער אפ דער אייראָפּייִשער טעריטאָריע פונ אונדזער לאנד אָנגעשפּארט ביז צו דער מיטל־שטרעמונג פונ דאָנ אונ דער נידערשטרעמונג פונ דניעפּער (קימאט ביז דניעפּראָפּעטראָווסק). אינ סיביר איז די פארשפּרייטונג פונעמ אײַז געווענ קלענער.

פיל צענדליקער טויזנטער יאָרנ איז דער אײַז־צודעק אָפּגעלעגנ אינ אונדזער לאנד. צעגאנגענ זײַנענ די גלעטשערס זייער לאנגזאמ. די אײַז־גרענעצ איז ביסלעכווײַז אָפּגעטראָטנ צו צאָפנ, איבערלאָזנדיק אפ דער באפרײַטער טעריטאָריע בײטנ וואלגער־שטײנער.

די ערד, וואָס האָט זיכ באפרײַט פונ די גלעטשערס, איז צוערשט באדעקט גע־

וואָרנ מיט טונדרע. די שטראָמענ וואסער פונעם צעגייענדיקנ אײַז האָבנ זיכ דורכגעשלאָגנ טײַכ=בעטנ אפ דער ערד אונ האָבנ געבילדעט טײַכ=סיסטעמענ. דער גרויסער סכומ פײַכטקײַט האָט געבראַכט דערצו, אז די ערד האָט זיכ אינגיכנ באדעקט מיט גראָז אונ מיט וואלד. אינ די סטעפעס, אינ די וועלדער אונ בא ברעגנ פונ די וואסערנ האָבנ זיכ באזעצט גרויסע באלעבאטים: מאמאָנטנ, נאָזהאָרנס, צאָפנדיקע הירשנ אונ אנדערע פאָרשטייער פונ דער צאָפנדיקער אונ פאָליארישער באלעבאטים=וועלט. אינ די בערג אונ הייִלנ האָבנ געלעבט די סאמע געפערלעכע סאָנימ פונעמ מענטשנ: דער הייל=לייב, דער הייל=בער אונ דער הייל=וואָלפ.



די סאמע אורעלטע מענטשנ־פיגורנ אפ דער טעריטאָריע פונ פססר. שטיינערנע סטאטועטקעס (פונ שטײַפנ קאלכ). קאָסטענקי, ארומ וואָראָנייעזש.

דער גלעטשער איז אלצ מער אָפגעטראָטנ, אונ נאָכ אימ האָט זיכ אײַבערגערוקט אלצ ווײַטער צו צאָפנ אויכ דער מענטש.

די אורעלטע געמיינדע. דער מענטש, וואָס האָט זיכ געקענט באנוצנ בלויז מיט פלעקענער, מיט פארשפיצטע שטעקנס אונ אייַנפאכסטע שטיינ=געצײַג, האָט ניט געקאָנט אייַנער אליינ פירנ א קאמפ מיט די הארבע נאטור=באדינגונגענ אונ מיט די רויב=כײַעס. אפ טריט אונ שריט האָבנ אפ אימ געלויערט געפארנ. פארטיידיקנ זיכ קעגנ אנ אָנפאל פונ כײַעס, אײַנשאפנ זיכ די נייטיקע שפײַז האָבנ די מענטשנ געקאָנט נאָר, ווענ זיי האָבנ געהאָלפנ איינער דעמ אנדערנ. באזונדערס נייטיק איז געווענ די קעגנזײַטיקע הילפ בייסנ גייענ אפ גרויסע כײַעס: אפ א מאמאָנט, אפ א נאָזהאָרנ, אפ ווילדע אָקסנ א. אנד. דער מאמאָנט איז אויסערלעכ געווענ ענלעכ צו א העלפאנד, ער איז אָבער געווענ נאָכ גרעסער אונ שטארקער פונ אימ. דאָס הויפטמיטל צומ פארטיידיקנ זיכ זײַנענ באמ מאמאָנט געווענ זײַנע ריזיקע, אפ ארופ=צו אויסגעבויגענע, שטויס=ציינער.

דער מאמאָנט איז א באלכײַ א גראָזפרעסער, געפערלעכ איז ער געווענ נאָר ביים מע פלעגט זיכ נאָכ אימ יאָגנ. קעדיי צו פאקנ אזא שטארקע כײַע, ווי דער מאמאָנט, האָבנ די מענטשנ געמוזט מאכנ פארצאמונגענ, טשאטעווענ אפ אימ ארומ די ערטער, ווו ער פלעגט קומענ טרינקענ, אָדער באמ ראנד פונ א שטיילנ אָפרימ.

דאָס געמיינזאמע לעבנ פונ די מענטשנ האָט געבראַכט צו דער אויסבילדונג פונ דער אורעלטער געמיינדע. אכוץ אייניקע קליינע זאכנ, האָט דאָ אלצ געהערט דער געמיינדע; קיינ פריוואט=אייגנטומ האָט נאָכ ניט עקזיסטירט. אינ דער אורעלטער געמיינדע איז ניט געווענ ניט קיינ רײַכע, ניט קיינ אָרעמע, ס'איז ניט געווענ קיינ עקספלואטאציע פונ מענטש דורכ מענטש. פאר דער אורעלטער געמיינדע איז כאראקטעריסטיש א ביז גאָר נידעריקער צושטאנד פונ די פראָדוקטיוו=קרעפטנ.

צו באשיצן זיך פון דער ווינטערדיקער קעלט, האָבן די מענטשן זיך אויסגעלערנט בויען ערד־שטיבלעך און געצעלטן. רעשטן פון אזא מין וווינונג האָט מען ניט לאנג אנטדעקט באם טײַך דאָן לעבן דעם דאָרף גאגארינאָ. דער דעך פונעם געצעלט איז געווען ניט קיין טיפע אָוואלע גרוב, וואָס איז בא די זײַטן אויסגעלייגט מיט גרויסע שטיינער און ביינער. אף די ביינער מיט די שטיינער זײַנען געווען אײַנגעפּעסטיקט דרענגלעך, צונויפגעצויגענע און איבערגעדעקטע פון אויסן מיט צווײַגן און מיט פעלן פון באלעכאים. אינווייניק אין געצעלט זײַנען געלעגן צעוואָרפן ביינער פון מאמאָנטן, פון נאָזהאָרנס, פון אָקסן און פון פארשיידענע קליינע באלעכאים. מע האָט דאָ געפונען אויך באצירונגען — ציינער פון קליינע רויבכײַעס און מויער־קעפּלעך, און אויך עטלעכע פרויען־פיגורלעך, געמאכט פון ביין.

אדאנק דער אנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ארכעאָלאָגישער וויסנשאפט, זײַנען בא אונדז אין לאנד אנטדעקט געוואָרן בא 200 לאגערונגען פון דער אוראלטער מענטשלעכער געזעלשאפט. זיי זײַנען צעוואָרפן אין פארשיידענע ערטער פון דער דאָרעמדיקער העלפט פון דער אייראָפּייִשער טעריטאָריע, אין די בערג פון אלטײַ, אין מײַרעוו־ און מיזרעך־סיביר. דאָס זאָגט אײדעס וועגן דעם, ווי ווײַט אלט עס איז די מענטשלעכע געזעלשאפט בא אונדז אין לאנד.

§ 2. דער מוטער־שטאם.

די אנטשטייונג פונעם מוטער־שטאם. צוליב דעם, וואָס די קלימאטישע באדינגונגען האָבן זיך געענדערט, זײַנען די ריזיקע גלעטשערס פארשוואונדן. פארבליבן זײַנען זיי נאָר אפן עקסטן צאָפן און אף די בארג־שפּיצן. די נאטור־באדינגונגען האָבן זיך ביסלעכווײַז אָנגעהויבן דערנענטערן צו די הײַנטצײַטיקע. געענדערט האָט זיך אויך די באלעכאים־וועלט. א סאך גרויסע כײַעס — די מאמאָנטן, די הייל־לייבן — זײַנען אויסגעשטאָרבן.

די אוראלטע געמיינדע האָט לעבאטכילע ניט געהאט קיין באשטימטן באשטאנד, זי פלעגט זיך לײַכט צעפאלן, ביים די געמיינזאמע ווירטשאפט־פירונג האָט אלץ מער געפאָדערט א פעסטע און באשטענדיקע פארייניקונג. די מענטשן פון יענער צײַט האָבן אָבער ניט געוווסט פון קיין באשטענדיקער הייראט. די קינדער זײַנען געווען פארבונדן בלויז מיט זייער מוטער. דאָס געזעלשאפטלעכע קעמערל איז דעריבער געווען די מוטער־פאמיליע, וואָס איז באשטאנען פון דער מוטער, פון אירע טעכטער, זין און פון די טעכטערס קינדער. עטלעכע מוטער־פאמיליעס האָבן געבילדעט דעם מוטער־שטאם, די מיטגלידער פון דעם מוטער־שטאם האָבן געוווסט זייער אָפּשטאם בלויז לויט דער פרויען־ליניע. די דערוואקסענע מאנצבלעכע האָבן זיך פארנומען דעריקער מיט יאגד, די פרויען האָבן געפירט די שטוב־ווירטשאפט, פארגרייט פראָדוקטן, צוגעריכט שפּײַז, געמאכט קליידער, געזאָרגט זיך וועגן שטייגער און וווינונג.

די שטאם־קרוווים האָבן איינער דעם אנדערן ארויסגעהאָלפן און פארטיידיקט. אויב עמעצער פון א פרעמדן שטאם פלעגט באאוולען אָדער דערהארגענען א שטאם־קאָרעוו, פלעגט פארן באאוולטן אָדער דערהארגעטן נעקאָמע נעמען דער גאנצער שטאם. די מיטגלידער פונעם שטאם פלעגן אזוי לאנג פארפאָלגן דעם באליידיקער, ביז מע פלעגט אים ניט טויטן. דערין איז באשטאנען די פליכט פון בלוט־נעקאָמע.

אפ צו לייזנ די וויכטיקסטע פראגנ פלעגט זיכ צונויפקלײַבנ דער גאנצער שטאמ — סײַ די מאנצבלעג סײַ די פרויענ. אפ די שטאמ=פארזאמלונגענ פלעגנ אויסגעוויילט ווערנ און אראפגעזעצט ווערנ די עלטסטע אדער פירער.

אינ פארלויפ פונ פיל טויזנטער יארנ האבנ די מענטשנ איבערגעגעבנ פונ דאר צו דאר די געוווינהײַטנ, וואס זיי האבנ באקומענ אינ קאמפ פאר דער עקזיסטענצ. דער מענטש האט זיכ אויסגעלערנט פונ הארטנ שטיינ און בײנ מאכנ געצײַג פונ פארשיידענער פארמ און גרייס: העק, העמערלעכ, מעסערס, שאבערס, האקערס, שניצערס, שפיצנ פאר שפיזנ א. אנד. די אויבערפלאכ פונ די שטיינערנע געצײַג האט מענ אנגעהויבנ ארומשלײַפנ; דאס האט פארבעסערט די געצײַג און געמאכט לײַכטער צו באנוצנ זיכ מיט זיי. זייער א וויכטיקע באדײַטונג האט געהאט דער אופקומ פונ פײַל=און=בויגנ. מיטנ פײַל=און=בויגנ האבנ די יעגער אנגעהויבנ שלאגנ די כײַע אפ א דיסטאנצ.

די מענטשנ האבנ זיכ אויכ אויסגעלערנט מאכנ געפעס פונ ליימ. ביז דאנ פלעגט מענ מאכנ געפעס פונ האלצ, פונ ריטער און פעל. קעדיי דאס געפעס זאל זײַנ שטארקער, האט מענ נאכדעמ אנגעהויבנ ארומשמירנ די ווענטלעכ פונעמ הילצערנעמ געפעס מיט ליימ. נאכ שפעטער האט מענ גענומענ מאכנ געפעס בלויז פונ ליימ. לעסאפ, האט מענ גענומענ אנווענדנ די טעפער=ראד. אזוי איז אופגעקומענ די טעפערײַ. אפנ געפעס פלעגנ פונ אויסנ געמאכט ווערנ פארשיידענע באפוצונגענ; גריבעלעכ, יאדלעלעכ. פריער פלעגנ די מענטשנ פלעכטנ קוישנ פונ ריטער און טשערעט. נאכדעמ איז מענ אריבערגעגאנגענ צו פלעכטנ די פיברענ פונ ווילדע געוויקסנ. אזוי איז אופגעקומענ די וועבערײַ. דאס גראבע געוועב, וואס מע האט געפלאכטנ מיט דער האנט, פלעגט גיינ אפ קליידער, אפ זעק א. אנד. די ווירטשאפטלעכע טעטיקײַט פונ די מענטשנ איז געווארנ מער קאמפליצירט און פארשיידנארטיק. בא פישפאנג האט מענ אנגעהויבנ געברויכנ נעצנ, געפלאכטענע פונ פיברענ. בא יאגד איז דאס הויפט=געווער געווארנ די שפיז, דאס שלײַדער=דרעטל און דער פײַל=און=בויגנ. בא ארכעאלאגישע אויסגראבונגענ געפינט מענ צומאל ביינער פונ גרויסע רויב=כײַעס מיט טיפ אינ זיי ארײַנגעזעצטע קיזלשטייגערנע שפיצנ פונ פײַלנ.

פונ קלײַבנ פרוכטנ זײַנענ די מענטשנ אריבערגעגאנגענ צומ זייענ קערנער און קנוילנ=געוויקסנ, און אויכ וואָרצלפרוכטנ. צוליב דעמ צוועק פלעגט מענ אויסקלײַבנ א שטיק פרוכטבארע ערד, געוויינלעכ אינ א טײַכ=טאל, און ווייכ מאכנ זי מיט א שפיציקנ שטעקנ — א מאטיקע. דערנאכ פלעגט מענ זייענ גערשטנ, פראסע, וווייצ. אט אזוי איז אופגעקומענ די פרימיטיווע ערדארבעט — מיט א מאטיקע.

דאס פארהיימישנ ווילדע באלעכאימ איז געווענ דער אנהייב פונ פיצוכט. די ערשטע היימישע כײַע איז געווענ דער הונט. אינ די צאפנ=ראיאנענ איז פארהיימישט געווארנ דער צאפנ=הירש.

די לאגערונגענ פונ שטאמ=געמיינדעס בא אונדז אינ לאנד. אפ דער גאנצער טעריטאריע פונ אונדזער לאנד, פונ די ברעגנ פונעמ שווארצנ יאמ און די בארג=טאלנ פונ טראנסקאווקאז ביזנ עקסטנ צאפנ, און פונ ווײַסרוסלאנד ביז מיזרעכ=סיביר, האט מענ געפונענ א סאכ לאגערונגענ פונ שטאמ=געמיינדעס; לויט די דאזיקע מאטעריאלנ שטעלנ די געלערנטע אופ דעמ שטייגער פונ די מענטשנ פונ יענער ווײַט=פארגאנגענער עפאכע.

אינ דער וואלד=זאנע פונ דער צאפנדיקער העלפט פונ דער אייראפייִשער טערי=

טאָריע זײַנענ די ישוווימ געלעגנ בא די ברעגנ פונ די טײַכנ אונ אָזערעס. יעדער ישעוו האָט געהערט צו א באַזונדערנ שטאמ אונ איז באשטאנענ פונ א קלײנער צאָל ערד-שטיבלעכ אָדער געצעלטנ. די אײַנוווינער פונעמ ישעוו האָבנ זיכ באשעפטיקט דעריקער מיט פישפאנג אונ טײַלווײַז מיט יאַגד. אינ אײניקע ערטער זײַנענ די שטאמ-ישוווימ געלעגנ גרופעסווײַז, וואָס דאָס באווײַזט, אז עס זײַנענ שוינ אופגעקומענ שטאמענ- אונ שוואָטימ-פארבאנדנ.

אינעמ דאָרעמדיקנ סטעפּישנ טײל, באַזונדערס אינ די פרוכטבארע טײַכ-טאָלנ, איז די הויפט-באשעפטיקונג פונ דער באפעלקערונג געוואָרנ די ערדארבעט מיט א מאָטיקע. אלס בײַשפּיל פונ אנ אוראלטער ערדארבעטערישער ווירטשאפט פונ יענער עפּאָכע קאָנ דינענ די טריפּאָליער קולטור, וועלכע מע האָט צומ ערשטנ אנטדעקט לעבנ דעמ דאָרפ טריפּאָליע (ניט ווײַט פונ קיעוו). א גרויסע צאָל לאַגערונגענ פונ דער טריפּאָליער קולטור האָט מענ געפונענ אפ דער טעריטאָריע פונ אוקראינע, מײַרעוו-צו פונעמ דניעפּער.

צומ באַזעצנ זיכ פלעגנ די אײַנוווינער פונ די דאָזיקע לאַגערונגענ אויסקלײַבנ פלעצער אפ א העכערנ אָרט באמ ברעג אָדער אפ אנ אָפּהאנג פונ א רוי, וואָס אפנ דעק זײַנעמ פליסט דאָרט א טײַכל. אפנ פלאצ, וואָס מע פלעגט צוגרײטנ פאר א וווינונג, פלעגט מענ אויסלײגנ א שיכט לײמ, וועלכע מע פלעגט דערנאָכ ארומברענענ מיט שײַטערס. די ווענט פונעמ הויז פלעגנ געמאכט ווערנ פונ סטויפּעס אונ ריטער, ארומגעשמירט מיט לײמ. עס פלעגט זיכ באקומענ א גרויסע וווינונג מיט עטלעכע פײַער-שטעלנ אינ דער מיט, וואָס פלעגט ארײַננעמענ אינ זיכ ביז 100 מאנ אונ מער. ניט ווײַט פונ דער וווינונג פלעגט מענ פארזײענ ווײַצ, גערשטנ אונ פּראָכע. אפ ווײכ מאכנ די ערד פלעגט מענ באנוצנ הילצערנע מאָטיקעס מיט שטײנערנע שפּיצנ. די קערנער פלעגט מענ צעמאָלנ מיט דער האנט אפ שטײנערנע פּליטעס אונ ריבשטײנער. מע האָט געפונענ א גרויסע צאָל לײמענע סטאטועטקעס פונ באלעכאיִמ. דער פארצײַטיקער מענטש האָט אפאָנעמ געמײנט, אז די דאָזיקע סטאטועטקעס האָבנ עפּעס א מאגישע באַדײַטונג. זײ האָבנ באדארפט אָפּהיטנ די הײמישע טשערעדע אונ מיטהעלפנ איר פארמערונג. אויכ אפ געפעס געפינט מענ געמעלנ פונ אײניקע הײמישע באלעכאיִמ.

אינ די לאַגערונגענ פונ דער טריפּאָליער קולטור טרעפנ זיכ שוינ אויכ, האנגאט זעלטנ, קופּערנע כפײצימ. די גוס-פורעמס, וואָס מע האָט דאָ געפונענ, באווײַזנ, אז יעדנפאלס א טײל פונ די דאָזיקע כפײצימ איז געמאכט געוואָרנ דאָרט אפ אָרט. די ברײטע אָנווענדונג פונ מעטאלענע כפײצימ פאלט צונויפ מיט יענער צײַט, ווענ דער מוטער-שטאמ האָט אָנגעהויבנ פאנאנדערפאלנ.

§ 3. דער פאָטער-שטאמ.

די אנטוויקלונג פונ דער פיצוכט. דאָס פארהײמישנ ווילדע באלעכאיִמ האָט געהאט א גרויסע באדײַטונג פאר דער ווירטשאפט פונ די שטאמ-געמײנדעס. אז דער מענטש האָט פארמאָגט הײמישע באלעכאיִמ, האָט ער שוינ געהאט אויכ א שטענדיקנ רעזערוו שפּײַז אונ איז ניט געווענ אָפּהענגיק פונ די רעזולטאטנ פונ יאַגד, וועלכע זײַנענ ניט שטענדיק געווענ געראָטנ. נאָכ די הינט אונ הירשנ (אינ צאָפנ) האָבנ זיכ באווויזנ אנדערע הײמישע באלעכאיִמ: אָקסנ, ציגנ, שעפּסנ, כאזײרימ,

פערד. ביסלעכווײַז איז פיצוכט געוואָרנ דער הויפט-צווײַג פונ דער ווירטשאפט. צוערשט האָט מענ דאָס פי א קײַלעכדיק יאָר אופגעהאלטנ אפ גראָז-פיטער, לעבנ די יִשוווימ. נאָכדעמ האָט מענ אָנגעהויבנ פארגרייטנ פיטער אפנ גאנצנ ווינטער — היי, אונ אינ צאָפנ — אויסגעטריקנטע אונ אָנגעבראָקטע דינע ריטער מיט בלעטער. אפנ ווינטער פלעגט מענ די היימישע באלעכאיִמ פארטרײַבנ אינ די זעלבע געבײַדעס, ווו עס האָבנ געוווינט די מענטשנ. שפעטער האָט מענ שוינ אָנגעהויבנ בויענ פאר די באלעכאיִמ באזונדערע געבײַדעס — שטאלנ. גרויסע טשערעדעס פי האָבנ ניט געקאָנט אופהאלטנ זיכ לאנג אפ איינ אָרט. דעריבער האָבנ די מענטשנ אָנגעהויבנ איבערוואנדערנ צוזאמענ מיטנ פי, זוכנדיק ניט קיינ אויסגעצערטע פאשע-פלעצער. אָט אזוי איז אפ די ראכוועסדיקע סטעפ-שעטעכנ אופגעקומענ די נאָמאדישע פיצוכט. צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער פיצוכט איז אופגעקומענ אויכ די מילכ-ווירטשאפט, מע האָט אָנגעהויבנ מאכנ קעז אונ פוטער. די מענטשנ האָבנ זיכ אויסגעלערנט באארבעטנ די וואָל פונ די באלעכאיִמ, — מאכנ פונ איר פעדעמ אונ דערנאָכ ווארעמע געוועבנ, וואָס האָבנ גוט באשיצט פונ קעלט. עס איז דערפונ געוואָרנ דער וועבשטול.

דאָס אופציִענ היימישע באלעכאיִמ האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט צו באנוצנ זייער קראפט אפ ווייכ מאכנ די ערד. דאָס האָט געבראכט צו דער אנטשטייונג פונעמ ערשטנ אקער-געצײַג — פונעמ הילצערנעמ אקער. אפ צו מאכנ אנ אקער פלעגט מענ אויסקלײַבנ א שטיק שטאמ פונ א בוימ מיט אנ אויסגעבויגענעמ צווײַג אָדער מיט א וואָרצל, אונ מע פלעגט דעמ צווײַג אָדער דעמ וואָרצל באמ שפיצ פארשארפנ.

די אנטשטייונג פונעמ פאָטער-שטאמ. די פיצוכט איז געווענ די הויפט-באשעפטיקונג פונ די מאנצבלעט. דעריבער איז זייער באדײַטונג אינ דער ווירטשאפט געוואָרנ גרעסער. די ארבעט פונ דער פרוי האָט, פארקערט, אָנגעוואָרנ די פריִערדיקע באדײַטונג. די מאנצבלעט זײַנענ געוואָרנ באזיצער פונ די טשערעדעס אונ פונעמ פארמעגנ, וואָס זיי פלעגנ איבערגעבנ בעירושע זייערע קינדער. דעריבער האָט מענ גענומענ רעכענענ די קרויוועשאפט ניט לויט דער פרויענ-ליניע, נאָר לויט דער מענער-ליניע. דער מוטער-שטאמ, וואָס האָט פריִער עקזיסטירט, איז צעפאלנ געוואָרנ; אָנשטאָט אימ האָט זיכ געשאפנ דער פאָטער-שטאמ, דאָס הייסט, א בונד פונ קרויווימ, וואָס שטאמענ פונ איינ אורפאָטער.

דער אײַנגעשטעלטער מינהעג, אז קינדער יארשענענ דעמ פאָטערס פארמעגנ, האָט מיט דער צײַט געבראכט צו דער אָנזאמלונג פונ רײַכטומ אינ דער מישפאָכע. די רײַכע מישפאָכעס האָבנ זיכ גענומענ אויסטיילנ פונ דער שטאמ-געמיינדע. מאכמעס דעמ האָט אָנגעהויבנ צעפאלנ ווערנ די אוראלטע געמיינדע-אָרדענונג.

די אנטוויקלונג פונ דער קופער- אונ בראָנז-קולטור. די אנטוויקלונג פונעמ פאָטער-שטאמ פאלט צונויפ מיט דער צײַט, ווענ די שטיינערנע כפייצימ האָבנ אָנגעהויבנ ארויסגעשטויסנ ווערנ דורכ קופערנע אונ בראָנזענע. דעמ ריינעמ קופער, וואָס מענטשנ פלעגנ געפינענ, האָבנ זיי צוערשט געשמידט אינ א קאלטנ צושטאנד. די כפייצימ, וואָס מע פלעגט מאכנ פונ ריינעמ קופער, זײַנענ אָבער געווענ צו ווייכ, זיי פלעגנ גיכ אָפגעטעמפט ווערנ אונ פלעגנ זיכ לײַכט בייגנ. מיט דער צײַט האָט מענ אנטדעקט א געשמעלצ פונ קופער מיט צינ (בראָנז), אונ די דאָזיקע אנטדעקונג האָט געהאָט א גרויסע באדײַטונג פארנ פארבעסערנ די קוואליטעט פונ די מע-

טאָל-געצײַג. בראָנז שמעלצט זיך בא א מער נידעריקער טעמפעראטור, איידער קופער. דאָס האָט לײַכטער געמאכט צו שמעלצנ און אויסארבעטנ בראָנזענע כפייצים. בראָנז פארמאָגט אויך די מײַלע, וואָס עס איז הארטער פונ קופער, און דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט צו פארבעסערנ די ארבעטס-געצײַג און די באוואָפענונג. דעמ מענטשנס ארבעט איז דעריבער געוואָרנ פראָדוקטיווער, און זײַנ געווער—שטארקער.

די עלטסטע כפייצימ פונ קופער, וואָס מע האָט געפונענ בא אונדז אינ לאנד, געהערנ צומ דריטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע. צוערשט פלעגט מענ די קופערנע כפייצימ ברענגענ צו פירנ פונ די דאָרעמ-און מיזרעכ-לענדער. גיט שפעטער אָבער פונעמ צווייטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע איז שוינ אופגעקומענ אנ אָרטיקע פראָדוקציע פונ בראָנזענע כפייצימ. די בערג פונ קאווקאז, פונ מיטל-אזיע, פונ אלטײַ און אוראל זײַנענ געוואָרנ צענטערס פונ דער בראָנז-קולטור, וועלכע האָט זיך דערנאָכ פארשפרייט אינ די סטעפ- און וואלד-ראיאָנענ.

אינ די גאָר אלטע צײַטנ, ווענ יאַגד איז געווענ די גרונט-באשעפטיקונג פונעמ מענטשנ, איז גיט געווענ קיינ כילעק צווישנ דעמ ארט לעבנ פונ איינ אוראלטער געמיינדע און דער אנדערער. שפעטער איז דיווירטשאפטלעכע טעטיקײַט געוואָרנ מער פארשיידנארטיק. אינ די וואלדיקע קאנטנ, ווו עס איז געווענ א שלאל ווילדע בײַמער, איז די באדײַטונג פונ יאגד פארבליבנ די זעלבע, וואָס פריער. בא די טײַכנ און אָזערעס האָבנ זיך די מענטשנ געגומענ באשעפטיקנ דעריקער מיט פישפאנג. אינ די פרוכטבארע טײַכ-טאָלנ איז אופגעקומענ ערדארבעט. די גראָזיקע סטעפעס זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ פאשע-פלעצער פאר פי.

די באפעלקערונג, וואָס איז אריבערגעגאנגענ צו ערדארבעט און פיצוכט, האָט זיך אנטוויקלט שנעלער, איידער די יעגער-געמיינדעס. אזויארומ איז די אנטוויקלונג פונ דער מענטשלעכער געזעלשאפט פאָרגעקומענ גיט גלײַכמעסיק. דער דאָזיקער אונטערשייד אינ דער אנטוויקלונג האָט זיך בא אונדז אינ לאנד קאָנטיק פארשטארקט אינעמ צווייטנ און באזונדערס אינעמ ערשטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע.

די אײַנוווינער פונ דער וואלד-זאָנע פונ דער אייראָפּייִשער טעריטאָריע און פונ די ריזיקע וואלד-שעטעכנ פונ סיביר זײַנענ פארבליבנ דעריקער יעגער און פישער. די מענטשנ האָבנ דאָ געלעבט אינ קליינע צעוואָרפענע יישוווימ. דאָ האָט זיך נאָכ אופגעהיט די אוראלטע געמיינדע-אָרדענונג.

אפ די גראָזיקע פליינענ פונ דאָרעמ-סיביר, פונ מיטל-אזיע און באַמ שווארצנ יאמ איז די גרונט-באשעפטיקונג געוואָרנ פיצוכט. אינ די פרוכטבארע טאָלנ האָט עקזיסטירט ערדארבעט. אינ די דאָזיקע געגנטנ איז די צעפאלונג פונ דער אוראלטער געמיינדע-אָרדענונג געגאנגענ שנעלער.

אינ די דאָרעמדיקע סטעפעס באַמ שווארצנ יאמ זײַנענ צעוואָרפנ א סאך קורגאנענ, וואָס באַמ פאנאנדערגראָבנ זיי געפינט מענ רויטבאפארבטע סקעלעטנ פונ מענטשנ. באַמ באגראָבנ א געשטאָרבענעמ פלעגט מענ זײַנ קערפער באדעקנ מיט אָכרע אָדער מיט רויטנ בלײַאָקסיד (סוריק), וואָס פלעגט זיך דערנאָכ אָפּזעצנ אפ די ביינער. צוזאמענ מיטנ טויטנ פלעגט מענ ארײַנלייגנ אינ קייווער געווער און פארשיידענע שטיינער-כפייצימ. טיילמאָל טרעפט מענ אינ איינ קייווער א מאנצבלשנ סקעלעט צוזאמענ מיט א ווײַבערשנ. מע קאָנ זיך מעשאער זײַנ, אז ס'איז געווענ אזא מינהעג: ווענ עס פלעגט שטארבנ דער מאנ—דער הויפט פונ דער מישפאָכע—פלעגט מענ טויטנ די פרוי און באגראָבנ זי צוזאמענ מיט אימ. צווישנ די דאָזיקע

קורגאנענ זײַנענ פאראנ רײַכע אונ אָרעמע קווורעס; דאָס איז א באַווײַז, אז עס האָט זיכ שוינ באַוויזנ אנ אומגלײַכהײַט אינעם פארמעגנס-צושטאנד. אלס בײַשפּיל פונ באַזונדערס רײַכע קווורעס, וואָס האָבנ געהערט צו שטאמ-אונ שייוועט-פירער, קאָנ דינענ דער קורגאנ לעבנ דער שטאָט מײַקאָפּ. ער האָט געהאלטנ 10½ מעטער די הייכ. אינעם הויפּט-זאל פונעמ קייווער האָט מענ געפונענ א סקעלעט, וואָס איז אָפּגעפארבט מיט סוריק אפ העל רויט. אפנ געשטאָרבענעמ איז געווענ אָנגעטאָנ א מאלבעש, פול באַדעקט מיט גאָלדענער צירונג,—פיגורלעכ פונ אָקסנ, רינגענ, ראָזעטקעס אונ אויכ גאָלדענע, קארנעאָלענע, טערקיזענע קרעלנ אונ אנדערע קליינע זאכנ. דערבײַ האָט זיכ אויכ געפונענ גאָלדענע אונ זילבערנע געפעס. איבער דעמ געשטאָרבענעמ איז געווענ אופגעשטעלט א באלדאכינ, וואָס האָט זיכ אָנגעשפּארט אפ גאָלדענע אונ זילבערנע רערנ-שטאנגענ. די שטאנגענ זײַנענ געווענ באַפּוצט מיט מאסיווע גאָלדענע אונ זילבערנע פיגורלעכ פונ אָקסנ. אינ באַזונדערע אָפּטיילונגענ פונ דעמ דאָזיקנ קייווער זײַנענ געלעגנ נאָכ צוויי סקעלעטנ: צוזאמענ מיטנ פירער האָבנ געמוזט שטארבנ אויכ די נאָענטסטע מענטשנ זײַנע.



א פיגורל פונ א גאָלדענעמ אָקס. פונעמ מײַקאָפּער קורגאנ.

די בראָנז-קולטור האָט זיכ פרעכטיק פאנאנדערגעבליט אינעמ צווייטנ יאָרטויזנט אונ אינ אָנהייב פונעמ ערשטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע אינ די בערג פונ קאווקאז, טראנסקאווקאז אונ אלטײַ. אינ פיל ערטער האָט מענ אנטדעקט פארצײַטיקע ארצ-גרובנ, ווו מע פלעגט ארויסבאקומענ ארצ, וואָס האָט געדינט אלס מאטעריאל פאר דער אָרטיקער בראָנז-פּראָדוקציע.

אינ אָנהייב פונעמ ערשטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע האָט זיכ אינ די דאָרעמדיקע בערג פונ טראנסקאווקאז אונ אינ קליינ-אזיע גענומענ אויסבילדנ די קלאסנ-געזעלשאפט.

דער אָנהייב פונ דער אײַזנ-קולטור. סאָפ צווייטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע האָבנ זיכ בא אונדז אינ לאנד באַוויזנ כפייצימ פונ אײַזנ. צוערשט האָט מענ אײַזנ באַנוצט אלס באַפּוצונג אפ בראָנזענע כפייצימ. אינ דער ערשטער העלפט פונעמ ערשטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע האָט מענ שוינ אינ פארשיידענע ערטער גענומענ מאכנ אײַזערנע ארטיקלענ, וועלכע האָבנ אָנגעהויבנ ארויסשטויסנ דאָס בראָנזענע שלאכט-געווער אונ ארבעטס-געצײַג. אינ דער מיט פונעמ ערשטנ יאָרטויזנט פאר דער נײַער ערע איז אײַזנ פעסט ארײַנ אינ שטייגער פונ דער באַפעלקערונג פונ אונדזער לאנד. דאָס האָט מיטגעהאָלפנ דערצו, אז די ארבעטס-פּראָדוקטיווקײַט זאָל ווײַטער שטײַגנ, באַזונדערס אפנ געביט פונ ערדארבעט אונ האנטווערקערײַ. „אײַזנ האָט געשאפנ די ערד-באַארבעטונג אפ גרויסע פלעצער, האָט געזיבערט, עס זאָלנ אָפּגערייניקט ווערנ פאר אקער-פעלד ברייטע וואלד-שטעכנ; עס

האָט געגעבנ דעמ האנטווערקער געצײַג פונ אזא הארטקײט אונ שארפקײט, וואָס קעגנ דעמ האָט ניט געקאָנט בײַשטײנ קײנ אײנער פונ די שטײנער, קײנ אײנער פונ די מעטאלנ, וואָס זײַנענ דעמאלט באקאנט געווענ”[1].

קאפיטל II.

די אורעלטסטע מעלוכעס אפ דער טעריטאָריע פונ אונדזער לאנד.

§ 4. די אורעלטסטע שקלאפנבאזיצערישע מעלוכעס אפ קאווקאז אונ אינ מיטל־אזיע.

די באזע פונ דער שקלאפנבאזיצערישער אָרדענונג. אינ דער צײַט פונ דער אוראלטער געמײנדע־אָרדענונג איז ניט געווענ ניט קײנ הערשאפט, ניט קײנ אונטערדריקונג. בא דער שטאמ־אָרדענונג איז די פראָדוקציע געווענ ביז גאָר ניט אנטוויקלט. ווענ עס האָבנ זיכ אָבער אנטוויקלט די פיצוכט, די ערדארבעט אונ די שטוב־מעלאָכעס, האָבנ די מענטשנ באקומענ די מעגלעכקײט אויסצוארבעטנ מער פראָדוקטנ, אײדער דאָס איז נײטיק געווענ אפ אונטערצוהאלטנ דאָס לעבנ. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז די שטאמ־געמײנדעס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אויסטוישנ מיט פראָדוקטנ. אונ ווענ עס האָט זיכ אנטוויקלט דאָס פריוואט־אײגנטומ אפ פראָדוציר־מיטלענ, האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אויסטויש אויכ צווישנ באזונדערע פערזאָנענ. דער אויסטויש האָט געשטויסנ דערצו, אז די פראָדוקציע האָט זיכ וואָס ווײַטער אלצ מער פארברײטערט אונ האָט שוינ ניט געקאָנט אויסקומענ מיט די קרעפטנ פונ דער אײנצלנער מישפאָכע אָדער פונעמ שטאמ. נײַע ארבעטס־קראפט פלעגט מענ קריגנ דורכ מילכאָמע: די געפאנגענע פלעגט מענ ניט דערהארגענענ, ווי מע פלעגט עס טאָנ פריער, נאָר מע פלעגט זײ מאכנ פאר שקלאפנ. פונ דעמאלט אָנ איז דער הויפט־צוועק פונ די מילכאָמעס געוואָרנ — פארכאפנ געפאנגענע אונ רויב. די מילכאָמעס האָבנ נאָכ מער פארשטארקט די אומגלײַכהײט אינעמ פארמעגנ־צושטאנד. די רײַכע האָבנ באקומענ א מעגלעכקײט צו פארוואנדלענ אינ שקלאפנ אויכ מענטשנ פונ זײער אײגענעמ שטאמ אונ שײוועט. אָט אזוי איז אופגעקומענ די ערשטע גרויסע אײַנטײלונג אפ קלאסנ: א קלאס שקלאפנבאזיצער אונ א קלאס שקלאפנ. דער שקלאפנבאזיצער האָט באטראכט דעמ שקלאפ ווי זײַנ א פולשטענדיק אײגנטומ, פונקט ווי יעטווידע אנדער זאכ, וואָס געהערט צו אימ. ער האָט געקאָנט דעמ שקלאפ פארקויפנ, קויפנ, טויטנ, אזוי ווי א שטיקל פי. דער שקלאפ האָט קײנ אײגנטומ ניט פארמאָגט. די ארבעט פונ די שקלאפנ איז ברײט אָנגעווענדט געוואָרנ אינ דער ווירטשאפט.

אינ פארגלײַכ מיט דער אוראלטער געמײנדע־אָרדענונג איז די שקלאפנבאזיצערישע אָרדענונג געווענ א מער פראָגרעסיווע, וואָרעמ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ זײַנענ דאָ געשטאנענ אפ א העכערער אנטוויקלונגס־שטופע.

---

[1] ע נ ג ע ל ס. די אנטשטײונג פונ פאמיליע, פריוואט־אײגנטומ אונ מעלוכע. מ א ר ק ס אונ ע נ ג ע ל ס, ווערק, ב. XVI, ט. I, ז. 138 (רוסיש).

די אויסבילדונג פונ דער שקלאפנבאזיצערישער מעלוכע. צוזאמענ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער פארמעגנס-אומגלייכהייט און פונ דער קלאסנ-אומגלייכהייט קומט אופ די מעלוכע. די מעלוכע איז נייטיק געווענ די אייגנטימער, קעדיי צו זיכערנ זיי די דערוואָרבענע רייכטימער און די מאכט איבער די שקלאפנ און איבער דער ניט-פארמעגלעכער באפעלקערונג. די מעלוכע-אָרגאניזאציע איז אופגעקומענ אפ די רוינעג פונ דער אוראלטער געמיינדע-אָרדענונג.

ווענ ס'איז אופגעקומענ די פארמעגנס-אומגלייכהייט, האָט מענ די שטאמ- און שייוועט-פירער גענומענ אויסוויילנ פונ צווישנ די רייכע מישפאָכעס. די רויבערישע מילכאָמעס האָבנ נאָכ רייכער און שטארקער געמאכט די פירער, אינ קעגנזאצ צומ שטאמ. צוזאמענ מיט די פירער האָט גענומענ רייכ ווערנ אויכ די קריגס-דרוזשינע, וואָס האָט זיי ארומגערינגלט. די דרוזשינע האָט מיטגעווירקט דערצו, אז די מאכט פונ די פירער, וואָס פריער פלעגנ זיי אויסגעוויילט ווערנ פונעמ פאָלק, זאָל ענדגילטיק פארוואנדלט ווערנ אינ דער מאכט פונ א קיניג, וועלכע גייט אריבער בעירושע. קעדיי צו האלטנ אונטערטעניק די שקלאפנ און די ניט-פארמעגלעכע באפעלקערונג, האָט מענ געמוזט האָבנ א ספעציעלע באוואָפנטע קראפט, וועלכע האָט פארנומענ דאָס אָרט פונעמ פריערדיקנ שייוועט-כאַיל. אָנשטאָט דעמ פריערדיקנ פאָלקס-געריכט איז אופגעקומענ א געריכט, וואָס האָט געדינט די אינטערעסנ פונ דער הערשנדיקער מינדערהייט. די שטאמ-געזעלשאפט איז רעגירט געוואָרנ אפנ יעסאָד פונ מינהאָגימ, וואָס דאָס לעבנ האָט געשאפנ. אינ דער מעלוכע זיינענ אופגעקומענ געזעצנ, וואָס האָבנ אָפגעהיט די אינטערעסנ פונעמ הערשנדיקנ קלאס. אָט אזוי האָט זיכ אויסגעבילדעט א מעלוכע-מאכט, וואָס פונ איר האָט די אוראלטע געמיינדע-אָרדענונג ניט געוווסט.

די אוראלטע מעלוכעס פלעגנ פארברייטערט ווערנ דורכ באצווינגענ די שכייניםדיקע שוואכערע שטאָטימ. אזעלכע פיל-שטאָטימדיקע מעלוכעס זיינענ ניט געווענ פעסט, ווייל זיי האָבנ זיכ געהאלטנ ניט אפ קיינ עקאָנאָמישע פארבינדונגענ, נאָר אפ דער מאכט פונעמ באצווינגער. דעריבער פלעגנ זיי זיכ פארייניקנ און צעפאלנ ווערנ, אָפהענגיק פונ די דערפאָלגנ אָדער מאפאָלעס פונ דעמ אָדער יענעמ קריגס-פירער אָדער קיניג.

די אוראלטע מעלוכעס פונ טראנסקאווקאז. די ערשטע שקלאפנבאזיצערישע מעלוכעס זיינענ בא אונדז אינ לאנד אופגעקומענ אינ טראנסקאווקאז, בישכיינעס מיט אסיריע (אשור). אינ דער מיט פונעמ צווייטנ יאָרטויזנט פאר דער נייער ערע האָבנ אפנ בארגלאנד, וואָס ליגט ארומ דער אָזערע ואנ, געלעבט קליינע שוואָטימ-בונדנ. די אסירישע קייסאָרימ פלעגנ אָפט ארויסטרעטנ קעגנ זיי מיט קריגס-מארשנ. דאָס לאנד, וואָס איז געלעגנ בא די אויבערשטרעמונגענ פונ טיגר און עפראט און ארומ דער אָזערע ואנ, האָבנ די אסירישע קייסאָרימ גערופנ אורארטו.

אינ אָנהייב פונעמ ערשטנ יאָרטויזנט פאר דער נייער ערע איז אינעמ לאנד אורארטו פאָרגעקומענ א פארייניקונג פונ די קליינע פירשטנטומס אונטער דער העגעמאָניע פונ די שטארקערע שוואָטימ. די פארייניקטע שוואָטימ האָבנ באקומענ איינ אלגעמיינעמ נאָמענ — כאלדנ, לויטנ נאָמענ פונעמ הויפט-גאָט כאלד. אינ דער שפיצ פונ דער דאָזיקער מעלוכע זיינענ געשטאנענ מעכטיקע קייסאָרימ, וואָס האָבנ ניט נאָר מיט דערפאָלג אָפגעשלאָגנ די אָנפאלנ פונ די אסיריער, נאָר האָבנ אליינ אפילע גענומענ אָרגאניזירנ קריגס-מארשנ צו זיי אינ לאנד. אפנ ברעג פונ דער אָזערע ואנ איז אויסגעבויט געוואָרנ די הויפטשטאָט (לעבנ דער איצטיקער שטאָט ואנ), וואָס איז געווענ גוט באשיצט פונ דאָרעמ-זייט מיט דער קייט

א בוי־שטיינ פונ אורארטו מיט דעמ קייסער ארגישטיס א קלינארטיקער אופשריפט. רויִנעב פונ דער פעסטונג ארומ יערעוואנ. היסטאָרישער מוזיי אינ מאָסקווע.

איבערזעצונג פונ דער אופשריפט: „ארגישטי, דער זונ פונ מענוא, האָט די דאָזיקע פעסטונג אויסגעבויט פונ 10.000 אזויִנע שטיינער“.

פונ די איראנישע בערג. אינ פארלויפ פונ IX אונ VIII יאָרהונדערטער פאר דער נײַער ערע האָבנ זיכ די באזיצנ פונ דער מעלוכע אורארטו פארשפרייט זייער ברייט.

אלס אָנדענק פונ זייערע ניצחונעס האָבנ די קייסאָרימ פונ אורארטו איבערגעלאָזט אופשריפטנ, וואָס זײַנענ געמאכט מיט דער קלינ־שריפט אפ שטיינער אונ פעלדזנ, צומאָל אינ אזויִנע ערטער, וואָס צו זיי איז זייער שווער צוצוקומענ. מיט גרויס מי האָבנ די געלערנטע (דערונטער אויכ רוסישע געלערנטע) דעשיפרירט די קלינשריפטיקע אופשריפטנ, וואָס דערציילנ וועגנ וויכטיקע געשעענישנ אינ דער געשיכטע פונ אורארטו.

אינ דער מיט פונעמ VIII יאָרהונדערט פאר דער נײַער ערע האָט די מעלוכע אורארטו דערגרייכט צו איר העכסטער גרייס אונ מעכטיקײַט. אפ צאָפנ האָבנ די כאלדנ פארכאפט דעמ טאָל פונ אראקס אונ זײַנענ דערגאנגענ ביזנ גרויסנ קאווקאזער בארג־רוקנ. בײַמ די געלונגענע קריגס־מארשנ קעגנ די שכײניִמ פלעגנ די כאלדנ פארניכטנ יִישוווימ אונ פעסטונגענ, אוועקפירנ א רײַכנ רויב, אוועקטרײַבנ דאָס פי, אויסהארגענענ אָדער אוועקפירנ די אײַנוווינער אונ מאכנ זיי פאר שקלאפנ. אינ דער אופשריפט, וואָס איז אויסגעהאקט אפנ וואנער פעלדז, האָט דער קייסער ארגישטי געלאָזט וויסנ, אז בלויז אינ איינ קריגס־מארש האָט ער טיילווײַז געטויט, טיילווײַז אוועקגעפירט לעבעדיקערהייט העכער 64 טויזנט מאנ. אפ די טעריטאָריעס, וואָס האָבנ געהערט צומ קייסער פונ אורארטו אונ צו זײַנע סראָרעס, האָבנ טויזנטער שקלאפנ געגראָבנ קאנאלנ, געארבעט בא דער ווירטשאפט אונ געבויט אפ הויכע פעלדזנ אומצוטריטלעכע שלעסער. די געבײַער פלעגט מענ מאכנ פונ ריזיקע שטיינער, וואָס זײַנענ שטײַפ צוגעפּרעסט איינער צומ אנדערנ, אָנ וואפנע. מע פלעגט אויכ אויסהאקנ ריזיקע לאָקאלנ אינ די פעלדזנ גופע. דער דאָזיקער אופנ פונ בויענ האָט געפאָדערט א קאָלאָסאלע פארווענדונג פונ ארבעט. די קאָמפּליצירטע אײַנריכטונגענ פונ וואסער־באזאָרגונג אונ באוואסערונג איז פאָשעט צו באוווּנדערנ. דער קאנאל, וואָס האָט באזאָרגט מיט טרינק־וואסער די הויפטשטאָט וואנ, האָט פונקציאָנירט העכער צוויי טויזנט יאָר. אינ די באוואסערונג־ראיאָנענ אונ אינ די טײַכ־טאָלנ האָט מענ קולטיווירט טווגע אונ ווײַנטרויבנ.

א גרויסע ווירטשאפטלעכע באדײַטונג האָט געהאט פיצוכט. די כאלדנ זײַנענ בארימט געווענ מיטנ אויסארבעטנ אויסגעצייכנטע בראָנזנ געווער אונ אנדערע בראָנזענע ארטיקלענ. די מעלוכע אורארטו איז געווענ א מעלוכע פונ שקלאפנבאזיצער: די באפעלקערונג איז געווענ

אײַנגעטײלט אַפֿ פֿרײַע און שקלאַפֿנ. דער קײסער און זײַנע מעקוראָווימ די סראָרעס זײַנענ געווענ די רײַכסטע שקלאַפֿנבאַזיצער.

סאָפֿ VIII יאָרהונדערט פֿאַר דער נײַער ערע האָט די מעכטיקײַט פֿונ דער מעלוכע אוראַרטו אָנגעהויבנ באַדײַטנד פֿאַלנ. פֿונ צאָפֿנ זײַנענ די כאַלדנ אָנגעגריפֿנ געוואָרנ פֿונ נאָמאַדנ. אַפֿנ טיגר האָט זיכ אַפֿסנײַ פֿאַרשטאַרקט די אַסירישע מעלוכע. סאַרגאָנ, דער אַסירישער קײסער, האָט צעקלאַפּט דאָס כאַיִל פֿונעמ קײסער פֿונ אוראַרטו, האָט כאָרעוו געמאַכט זײַנ הויפּטשטאָט און אַרויסגעפֿירט פֿונ איר גוואַלדיקע רײַכטימער. וועגנ זײַנ ניצאָכנ האָט ער אויסגעהאַקט אַפֿ אַ פֿעלדז פֿאָלגנדיקע אויפֿשריפֿטנ: „ווענ דער קײסער פֿונ אוראַרטו האָט זיכ דערוווּסט וועגנ דער מאַפּאָלע פֿונ זײַנ כאַיִל, איז באַ אימ פֿאַרצאַפּלט געוואָרנ פֿונ שרעק דאָס האַרצ, ווי דאָס האַרצ פֿונ אַ פֿויגל, וואָס פֿליט אַוועק פֿונ אַנ אָדלער“.

אינ דער מיט פֿונעמ VI יאָרהונדערט פֿאַר דער נײַער ערע האָט זיכ דאָרעמ-מיזרעכ-צו פֿונ אוראַרטו פֿאַרשטאַרקט די פּערסישע מעלוכע. דער קאַמפּ מיט איר האָט קעסיידער אָפּגעשוואַכט די כאַלדישע שוואָטימ. די פֿאַרײניקונג זײערע אונטער דער מאַכט פֿונ די קײסאָרימ פֿונ אוראַרטו האָט גענומענ צעפֿאַלנ ווערנ. דער נאָמענ כאַלדנ איז אײַנגיכנ אַרויס פֿונ געברויכ, און דער זײכער וועגנ דעמ נאָמענ אוראַרטו איז פֿאַרבליבנ אינעמ נאָמענ פֿונעמ באַרג אַראַראַט.

אַפֿ דער געוועזענער טעריטאָריע פֿונ אוראַרטו האָבנ זיכ אינעמ VI יאָרהונדערט פֿאַר דער נײַער ערע אויסגעבילדעט נײַע פֿאַרײניקונגענ פֿונ שטאַמענ און שוואָטימ, וואָס פֿונ די דאָזיקע פֿאַרײניקונגענ האָבנ זיכ אַנטוויקלט צוויי פֿעלקערשאַפֿטנ: די גרוזינישע און די אַרמענישע. די פֿאָרצײַטיקע אַרמענער האָבנ געלעבט אינעמ לאַנד, וואָס ליגט אַרומ דער אָזערע וואַנ. די קאַרטוועלנ (קאַרטנ) און אַנדערע קרוווישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט אינ די טאָלנ פֿונ אַראַקס און קורא און אינ די דערבײַיקע באַרג-ראַיאָנענ, האָבנ געבילדעט די גרוזינישע פֿעלקערשאַפֿט. סאָפֿ VI יאָרהונדערט פֿאַר דער נײַער ערע איז אַרמעניע געצוווּנגענ געווענ אונטערצוואַרפֿנ זיכ אונטער דער מאַכט פֿונעמ פּערסישנ קײסער דאַרי דער I גיסטאַספּ. אינ אַ גרויסער אויפֿשריפֿט וועגנ זײַנע דעראָבערונגענ דערצײלט דאַרי, אַז די אַרמענער האָבנ קעגנ אימ אויפֿגעהויבנ אַנ אויפֿשטאַנד, וואָס איז דערשטיקט געוואָרנ ערשט נאָכ פֿינפֿ בלוטיקע שלאַכטנ. אַפֿ אַרמעניע איז אַרויפֿגעלײגט געוואָרנ אַ שווערער צינז פֿאַר דעמ פּערסישנ קײסערס וועגנ.

די אוראַלטע פֿעלקער פֿונ מיטל-אַזיע. אינעמ ערשטנ יאָרטויזנט פֿאַר דער נײַער ערע זײַנענ די סטעפּ-ראַכוועסנ פֿונ מיטל-אַזיע געווענ פֿאַרנומענ פֿונ פּילצאָליקע שוואָטימ נאָמאַדנ פּיציכטלער. לויט ווי עס דערצײלנ די גריכנ, האָבנ זיכ די דאָזיקע נאָמאַדישע שוואָטימ אויסגעצײכנט מיט גרויסער קריגערישקײַט און מוט. דאָס גאַנצע געווער זײערס: די פֿײַלנ, די שפּיזנ, די שווערדנ, די קריגער-העק — פֿלעגט געמאַכט ווערנ ניט פֿונ אײַזנ, נאָר פֿונ קופּער און בראָנז. די פֿרויענ האָבנ באַ זײ געלעבט אינ זײער פֿרײַע באַדינגונגענ און פֿלעגנ אַפֿילע אָנפֿירנ מיטנ כאַיִל אַפֿ מילכאָמע.

אינ די פֿרוכטבאַרע טײַכ-טאָלנ האָט זיכ די באַפֿעלקערונג באַשעפֿטיקט מיט ערדאַרבעט. באַ דער ערדאַרבעטערישער באַפֿעלקערונג האָט שוינ צו יענער צײַט די שטאַמ-אָרדענונג גענומענ צעפֿאַלנ ווערנ. די ווירטשאַפֿט איז געפֿירט געוואָרנ דורכ גרויסע פּאַטריאַרכאַלע מישפּאָכעס, וואָס אינ זײער באַשטאַנד פֿלעגנ אַרײַנגײנ אויכ די שקלאַפֿנ. מיט די הענט פֿונ די שקלאַפֿנ זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ קינסטלעכע וואַסער-רעזערוואַרנ און קאַנאַלנ, וואָס האָבנ געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג פֿאַר די פּאַרטריקעניש-ראַיאָנענ. די באַדײַטנדיקסטע ערדאַרבעטערישע ראַיאָנענ זײַנענ געווענ

כאָרעזמ בא דער נידערשטרעמונג פונ אמו־דאַריאַ אונ סאָגדיאַנאַ, וואָס ליגט לענגאויס דעמ טײַכ זעראַווושאַנ.

דורכ מיטל־אַזיע האָבנ זיכ געצויגנ די קאַראַוואַנענ־וועגנ, וואָס האָבנ פאַרבונדנ די קאַספּישע לענדער מיט מיזרעכ־אַזיע. די שטעט, וואָס האָבנ זיכ געפונענ בא די דאָזיקע וועגנ, האָבנ געפירט א באַדײַטנדיקנ האַנדל. די גרעסטע צווישנ זיי איז געווענ די הויפּטשטאָט פונ סאָגדיאַנאַ — מאַראַקאַנדאַ (דער איצטיקער סאַמאַרקאַנד).

אַלעקסאַנדער מוקדנס מאַרש קיינ מיטל־אַזיע. בייסנ מאַרש אפּ מיזרעכ האָט אַלעקסאַנדער מוקדנ צעקלאַפּט די אַרמײ פונעמ לעצטנ פּערסישנ קייסער דאַרי דער III אונ אינ פרילינג 329 י. פאַר דער נ. ע. איז ער אַריבערגעגאַנגענ די בערג פונ הינדוקוש אונ האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט אפנ מיטל־אַזיאַטישנ פליינ.

די אײַנוווינער פונ סאָגדיאַנאַ האָבנ זיכ געוועהרט קעגנ די מאַקעדאָנער מיט אַלע קויכעס. אויסנוצנדיק די געלעגנהײַט, וואָס אַלעקסאַנדער מוקדנ האָט זיכ אַוועקגעלאָזט מיט זײַנע הויפּט־קרעפטנ צו סיר־דאַריאַ, האָט די אופגעשטאַנענע באַפעלקערונג אינ דער שפּיצ מיטנ פירער ספּיטאַמענ אויסגעראָטנ אינ די שטעט די מאַקעדאָנישע גאַרניזאָנענ. דאַנ האָט זיכ אַלעקסאַנדער מוקדנ אפּגיכ אומגעקערט קיינ סאָגדיאַנאַ אונ האָט געמאַכט דאָרט א שרעקלעכנ כורבנ. ניט געקוקט אָבער אפ די קאָלאָסאַלע קאָרבאָנעס, האָט די באַפעלקערונג ניט אופגעהערט צו קעמפנ. ספּיטאַמענ מיט אַטריאַדנ רײַטער פלעגט מאַכנ אומגעריכטע אָנפאַלנ אפ די מאַקעדאָנער אונ האָט זיי געהאַלטנ אינ א צושטאַנד פונ שטענדיקער אומרו. נאָכ א דויערנדיקנ קאַמפּ האָט זיכ די מאַקעדאָנער אײַנגעגעבנ צו צעקלאַפּנ ספּיטאַמענענ. דעמלט איז ספּיטאַמענ, צוזאַמענ מיט די נאָמאַדנ, וואָס זײַנענ געווענ מיט אימ אינ א בונד, אַוועק אינ סטעפּ. די נאָמאַדנ האָבנ זיכ דערשראָקנ, אז די מאַקעדאָנער זאָלנ זיכ אָנ זיי ניט נוקעמ זײַנ, האָבנ זיי דערהאַרגעט ספּיטאַמענענ אונ איבערגעשיקט זײַנ קאָפּ צו אַלעקסאַנדערנ. אַזוי איז אומגעקומענ אָט דער מערקווירדיקער פירער פונ די סאָגדיאַנער.

ווענ אַלעקסאַנדער מוקדנ האָט פאַרענדיקט מיטנ באַצווינגענ מיטל־אַזיע, האָט ער פאָרגענומענ א מאַרש קיינ אינדיע. אינ 323 י. פאַר דער נ. ע. איז ער, באַמ גרייטנ זיכ צו נײַע דעראָבערונגס־מילכאָמעס, געשטאָרבנ.

נאָכ אַלעקסאַנדער מוקדנס טויט איז די מעלוכע זײַנע, וואָס איז באַשטאַנענ פונ א גרויסער צאָל פאַרכאַפּטע לענדער, וועלכע זײַנענ צווישנ זיכ מיט גאָרנישט ניט געווענ פאַרבונדנ, צעפאַלנ געוואָרנ. אפ דער טעריטאָריע, וואָס אַלעקסאַנדער מוקדנ האָט געהאַט פאַרכאַפּט, האָבנ זיכ אויסגעבילדעט עטלעכע זעלבשטענדיקע מעלוכעס, וואָס אינ דער שפּיצ פונ זיי האָבנ זיכ געשטעלט די יאָרשימ פונ די מאַקעדאָנער קריגס־פירער. נאָכ אַלעקסאַנדער מוקדנס דעראָבערונגענ האָט אפ מיזרעכ אָנגעהויבנ אַרײַנדרינגענ די גריכישע (העלינישע) קולטור. די גריכישע קריגער האָבנ דורכגעלייגט א וועג פאַר די סאָכרימ אונ האַנטווערקער. עס האָבנ זיכ פאַרשטאַרקט די האַנדלס־פאַרבינדונגענ צווישנ די מיזרעכ־לענדער אונ גריכנלאַנד. די גריכישע קונסט האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אפ דער קונסט פונ די מיזרעכ־פעלקער. די מיזרעכ־מעלוכעס, וואָס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אַלס רעזולטאַט פונ אַלעקסאַנדער מוקדנס דעראָבערונגענ אונ פונ דער צעפאַלונג פונ זײַנ מעלוכע, רופט מענ דעריבער „העליניסטישע“.

די סעלעווקידנ־מעלוכע (לויטנ נאָמענ פונ אַלעקסאַנדער מוקדנס קריגס־פירער סעלעווק), וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט אינ סיריע, האָט אונטערטעניקט טראַנסקאַווקאַז מיט גרוזיע אונ אַרמעניע אונ א טייל מיטל־אַזיע מיט סאָגדיאַנאַ. ביסלעכווײַז אָבער האָט זיכ די באַפעלקערונג פונ די דאָזיקע לענדער גענומענ באַפרײַענ פונ אונטער דער מאַכט פונ די סעלעווקידנ. די נאָמאַדישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט דאָרעמ־מיזרעכ־צו פונעמ קאַספּישנ יאַמ, האָבנ זיכ אָפּגעטיילט פונ זיי באַזונדער אונ האָבנ געבילדעט די זעלבשטענדיקע פאַרטישע מעלוכע, וואָס האָט זיכ פאַרשפּרייט אפ א גרויסנ טייל פּערסיע.

אַרמעניע אינ די צײַטנ פונ טיגראַנ דעמ II. נאָכ דעמ, ווי די רוימער האָבנ אינ 190 י. פאַר דער נ. ע. צעקלאַפּט די סעלעווקידישע מעלוכע, האָבנ די אַרמענער אופגעהויבנ אנ אופשטאַנד קעגנ די סיריער אונ האָבנ געבילדעט א זעלבשטענדיקע

ארמענישע מעלוכע מיט אנ אייגענער קייסאָרימ-דינאסטיע. איר העכסטע גרייס האָט ארמעניע דערגרייכט אינעמ I יה. פאר דער נ. ע. אינ די צייטנ פונעמ קייסער טיגראנ דעמ II, וועלכער האָט איינגעבראָכנ די מאכט פונעמ פארפישנ קייסער. נאָכ דעמ דאָזיקנ ניצאָכנ האָט ער זיכ אָנגעהויבנ רופנ „דער מיילעכ פונ די מעלאָכימ“ אונ האָט זיכ אפילע דערקלערט פאר א גאָט. טיגראנ דער II האָט איינגעפירט בא זיכ א פראכטפולנ מיזרעכדיקנ קייסערלעכנ הויפ. אינ זיינ הויפ האָבנ געפונענ א מאָקעמ-מיקלעט די גריכישע געלערנטע אונ שרייבער, וואָס זיינענ אנטלאָפנ פונ דער רוימישער אונטערדריקונג. ביימ זיינע קריגס-מארשנ האָט טיגראנ דער II גענומענ אינ געפאנגענשאפט אונ באזעצט בא זיכ אינ די שטעט א גרויסע צאָל גריכנ, יידנ אונ אראבער. מיט דער הילפ פונ די דאָזיקע ניי-איינגעוואנדערטע האָט ער זיכ באמיט צו אנטוויקלענ האנטווערקעריי אונ האנדל.

א מאטבייע מיטנ בילד פונעמ ארמענישנ קייסער טיגראנ II. בריטישער מוזיי (לאָנדאָנ).

טיגראנ דער II האָט רעגירט מיטנ לאנד, שטיצנדיק זיכ אפ די גרויסע ערדבאזיצער. אפ דער ערד, וואָס האָט געהערט דעמ קייסער, די טעמפלענ אונ דער רייכער אריסטאָקראטיע, האָבנ געהאָרעוועט שקלאפנ. טיגראנ דער II האָט פארמאָגט זייער א גרויס אונ גוט אָרגאניזירט כאַיל. אינ פאל פונ א נויט, פלעגט ער צונויפרופנ כאַיל פונ די ערדבאזיצער מיט זייערע מענטשנ. דאָס מיליטער זיינס איז געווענ אָרגאניזירט לויט דער רוימישער סיסטעמ.

גרוזיע אונ אלבאניע. צאָפנ-צו פונ ארמעניע איז געלעגנ גרוזיע, וואָס איז באשטאנענ פונ צוויי גרויסע טיילנ: איבעריע אונ קאָלכידע. קאָלכידע האָט געהייסנ דאָס לאנד, וואָס איז געלעגנ באמ ברעג פונ שווארצנ יאמ. זי איז געווענ בארימט מיט אירע גאָלד-פעלדער אונ זילבער-גרובנ. מיזרעכ-צו פונ קאָלכידע האָט זיכ געפונענ איבעריע. אינ די בערגיקע ראיאָנענ פונ איבעריע האָט זיכ די באפעלקערונג באשעפטיקט מיט פיצובט. דאָ האָט זיכ אופגעהיט די שטאמ-אָרדענונג. אינעמ פליינ-טייל איז געווענ אנטוויקלט ערדארבעט אונ סעדעריי. דאָ האָט זיכ שוינ אינעמ I יה. פאר דער נ. ע. אויסגעבילדעט די שקלאפנבאזיצערישעווירטשאפט.

לענגאויס דעמ מיירעוודיקנ ברעג פונעמ קאספישנ יאמ איז געלעגנ אלבאניע. אינ די בערגיקע ראיאָנענ אונ אינעמ נידערלענדישנ טייל פונ אלבאניע האָט געלעבט א גרויסע צאָל קליינע שוואָטימ, וואָס איבער יעדערנ פונ זיי האָט רעגירט אנ אייגענער פירשט. די דאָזיקע שוואָטימ פלעגנ אָפט אָנפאלנ אפ די שכייניִמ — אפ די איבעריער (גרוזינער) אונ ארמענער. שפעטער האָבנ זיי זיכ פארייניקט אונטער דער העגעמאָניע פונ דעמ סאמע שטארקנ שייוועט — אלבאנער (דערפונ נעמט זיכ דער דעמלטיקער נאָמענ פונעמ לאנד — אלבאניע). די שפעטערדיקע דוירעס פונ דער אוראלטער אלבאנישער באפעלקערונג זיינענ דערנאָכ אריינ אינ באשטאנד פונ דער אזערביידזשאנישער פעלקערשאפט.

5 §. די פעלקער פונעמ צאָפנדיקנ שווארציאַמישנ געביט (ביזנ III יה. פונ דער נייער ערע).

די סקיפנ. די באפעלקערונג, וואָס האָט אינ III—VIII יה. פאר דער נייער ערע פארנומענ די סטעפּ-ראַכוועסנ פונ דער וואָלגע ביזנ דניעסטער, האָבנ די גריכנ גערופנ מיט איינ אלגעמיינעמ נאָמענ—סקיפנ. אינדערעמעסנ זײַנענ די סקיפנ באשטאנענ פונ פארשיידענע שוואָטימ, וואָס צווישנ זיי זײַנענ געווענ אי פיציכטלער, אי ערדארבעטער. אלע זײַנענ זיי געווענ פארייניקט אונטער דער מאַכט פונ שטארקע נאָמאַדישע שוואָטימ, וואָס האָבנ איבערגעגעבנ זייער נאָמענ דער גאנצער דעמלטיקער באפעלקערונג פונ די צאָפנדיקע סטעפּעס באמ שווארצנ יאמ.

א זילבערנע וואזע פונעמ טשערטאָמליקער קורגאנ ארומ ניקאָפּאָל. ערמיטאזש (לענינגראד).

די דערציילונגענ פונ גריכישע שרײַבער שילדערנ דאָס לעבנ פונ דעמ סקיפ דעמ נאָמאד. דאָס גאנצע פארמעגנ פונעמ סקיפ פלעגט ארײַנ אינ א בויד אפ פיר אָדער אפ זעקס רעדער, געשפאנט אינ צוויי אָדער דרײַ פּאָר אָקסנ. יעדע בויד איז געווענ א מינ פילצענע שטוב, אינ וועלכער עס פלעגנ זיכ געפינענ די פרויענ אונ קינדער. אריבערוואנדערנדיק אפ נײַע פלעצער, פלעגנ די סקיפנ טרײַבנ מיט זיכ טאבונעס פערד, טשערעדעס שעפּסנ אונ קי. אפ איינ אָרט פלעגנ זיכ די סקיפנ אופהאלטנ, קאָלזמאנ דאָרט פלעגט סטײַענ גראָז אפ צו פיטערנ דאָס פי. נאָכדעמ פלעגנ זיי אריבערוואנדערנ אפ נײַע פאשע-פלעצער. צווישנ דער מאסע נאָמאדנ האָט זיכ אויסגעטיילט די רײַכע אריסטאָקראטיע, וואָס האָט פארמאָגט גרויסע טשערעדעס אונ טאבונעס. די פיצוכט-ווירטשאפט האָבנ באדינט שקלאפנ.

די סקיפנ האָבנ זיכ אויסגעצייכנט מיט זייער קריגערישקײַט אונ דרייסטקײַט, מיט זייער פייִקײַט לײַכט איבערצוטראָגנ שווערִיקײַטנ, מיט זייער אכזאָריעסדיקײַט אינ דער באציִונג צו סאָנימ. פונ די שארבנס פונ די דערהארגעטע פלעגנ זיי מאכנ ווײַנ-בעכערס אונ פונ דער אראָפּגעשונדענער הויט — פײַלנ-טאשנ. דעמ גרעסטנ קאָוועד האָט בא זיי געהאט א דרייסטער קריגער. יעדעס יאָר פלעגט בא זיי געמאכט ווערנ א מאָלצײַט, אפ וועלכנ מע פלעגט געבנ טרינקענ ווײַנ פונעמ אלגעמיינעמ בעכער נאָר יענע, וואָס האָבנ געהאט דערהארגעט סאָנימ.

אינ יעדנ שייוועט איז געווענ אנ אייגענער קייסער, וואָס האָט געהאט א גרויסע מאכט. ווענ דער קייסער פלעגט שטארבנ, פלעגט מענ זײַנ קערפּער ארופלייגנ אפּ א וואָגנ אונ ארומפירנ איבערנ גאנצנ לאנד. באמ באגעגענענ דעמ קייסערס קערפּער זײַנענ די אײַנוווינער מעבויִעוו געווענ אויסצודריקנ טיפנ טרויער: זיי פלעגנ זיכ

א סקיפ פענטעט א פערד. א דעטאל פונ טשערטאָמליקער וואזע.

אָפּשערנ די האָר, אָפּשנײַדנ א שטיקל אויער, צעדראפענ זיכ דאָס פּאָנעם, דורכשטעכנ זיכ די לינקע האנט מיט פײַלנ. די קייסאָרימ פלעגט מענ מעקאבער זײַנ אינ גרויסע קורגאנענ. צוזאמענ מיט זיי פלעגט מענ ארײַנלייגנ אינ קייווער געווער, טײַער געפעס פונ זילבער אונ גאָלד, א גרויסע צאָל דערהארגעטע פערד. מע פלעגט אויכ טויטנ אונ באגראָבנ צוזאמענ מיטנ קייסער דאָס ווײַב אונ די דינער זײַנע.

אפנ דאָרעמ פונ אונדזער לאנד קאָנ מענ נאָכ איצט זענ, ווי עס הייבנ זיכ אינ די סטעפּעס גרויסע סקיפישע קורגאנענ, וואָס דערגרייכנ 10—12 מעטער די הייכ. פיל פונ זיי האָט מענ פאנאנדערגעגראָבנ. די מערקווירדיקע זאכנ, וואָס מע האָט אינ זיי געפונענ, באשײַנענ די קאָלעקציעס פונ אונדזערע מוזייענ.

באמ פאנאנדערגראָבנ דעמ גרויסנ טשערטאָמליקער קורגאנ (ניט ווײַט פונ דער שטאָט ניקאָפּאָל אפנ דניעפּער) האָט מענ געפונענ א פּרעכטיקע זילבערנע וואזע מיט געמעלנ פונעמ לעבנ פונ די נאָמאדנ די סקיפנ. אפ די דאָזיקע געמעלנ איז געשילדערט דאָס פאנגענ אונ פארהיימישנ ווילדע פערד. צוערשט ווערנ באוויזנ צוויי פערד, וואָס פאשענ זיכ אפ דער פרײַ אינ סטעפּ. אינ א צווייטער סצענע איז באוויזנ, ווי די סקיפנ סטארענ זיכ מיט גרויס מי אײַנהאלטנ א ווילד פערד, וואָס זיי האָבנ געפאקט. ווײַטער זײַנענ אויסגעמאָלט דרײַ סקיפנ, וואָס באמיִענ זיכ אומוואלגערנ א פערד אפ דער ערד. צולעצט איז באוויזנ א פערד, ווענ עס איז שוינ פארהיימישט; א סקיפ שטייט אָנגעבויגנ אונ פענטעט אימ די פאָדערשטע פיס.

ניט ווייניקער אינטערעסאנט איז די גאָלדענע וואזע, וואָס מע האָט געפונענ אינעמ קורגאנ לעבנ קערטש (אפנ בארג קול-אָבא). אינ איינער פונ די געשילדערטע סצענעס איז באוויזנ א סקיפ, ווײַזט אויס, א פירער, ווי ער זיצט אונ הערט אויס, וואָס עס דערציילט אימ אָדער עס ראפּאָרטירט אימ א קריגער. דעמ פירערס לאנגע האָר זײַנענ איבערגעבונדנ מיט א שנירל. ער איז אָנגעטאָנ אינ א קורצנ קאפּטנ מיט א גארטל אונ טראָגט ברייטע הויזנ. מיט ביידע הענט שפּארט זיכ דער פירער אָנ

אפ א לאנגנ שפּיז. דער קריגער שטייט פארנ קייסער אפ די קני. וויטער איז באוויזנ א סקיפ, ווי ער ציט אָנ דעמ שנור אפנ בויגנ. הינטער אימ פרווט אייגער א סקיפ מיטנ פינגער א צאָנ בא א צווייטנ. צולעצט, זיינענ באוויזנ צוויי סקיפנ, וואָס איינער פונ זיי בינדט איבער דעמ צווייטנ א קראנקנ אָדער פארוווּנדעטנ פוס. אייניקע סקיפנ טראָגנ אפנ קאָפּ שפּיציקע באשליקנ. אפ די לענדנ זיינענ בא זיי אָנגעהאנגענ פעלנ-טאשנ אונ גאָריטנ (שיידלענ) פאר די בויגנס.

א גאָלדענע וואזע פונ קול-אָבא ארומ קערטש. ערמיטאזש.

אינ איינעמ א קורגאנ (סאָלאָכא) האָט מענ געפונענ א גאָלדענעמ קאמ, וועלכער האָט, ווייזט אויס, געהערט צו עפּעס א סקיפישנ קייסער. אפנ אייבערשטנ טייל פונעמ קאמ איז געשילדערט א סצענע פונ א געראנגל צווישנ דריי קריגער: צוויי קריגער — פוסגייער (וואָס איינער פונ זיי איז אָנ צווייפל א סקיפ) באפאלנ א גריכישנ רייטער.

די גריכישע קאָלאָניזירונג פונ די שווארציאמישע ברעגנ. די הערשאפט פונ די סקיפנ אינ די דאָרעמדיקע סטעפּעס פאלט צונויפ מיט דער צייט, ווענ די גריכנ האָבנ קאָלאָניזירט די ברעגנ פונעמ שווארצנ יאמ. לעכאטכילע האָבנ די גריכנ געהאט זייער ווייניק יעדיעס וועגנ די דאָזיקע קאנטנ. פאנטאסטישע מייסעס וועגנ דער באפעלקערונג פונעמ שווארציאמישנ געביט, האָבנ זיכ אופגעהיט אינ אייניקע גריכישע לעגענדעס וועגנ גאָלדענעמ שאָפנ-וואָל, וועגנ אָדיסייס וואנדערונגענ א. אנד.

די ערשטע גריכנ, וואָס האָבנ באזוכט די דאָזיקע ברעגנ, זיינענ געווענ פישפאנגער אונ הענדלער, וועלכע האָבנ געפירט אנ אויסטויש-האנדל מיט די אָרטיקע איינוווינער. פונעמ VII יאָרהונדערט פאר דער ג. ע. האָבנ אפ די ברעגנ פונעמ שווארצנ יאמ אָנגעהויבנ אופקומענ שטענדיקע גריכישע קאָלאָניעס. אינעמ לימאנ פונעמ דאָרעמדיקנ בוג אונ פונעמ דניעפּער איז אופגעקומענ די קאָלאָניע אָלוויע, נית וויט פונעמ איצטיקנ סעוואסטאָפּאָל — די קאָלאָניע כערסאָנעס. אפנ דאָרעמ-מיזרעכדיקנ ברעג פונ קרימ — פעאָדאָסיע אונ פאנטיקאפּיי (איצט קערטש). דאָרט, ווו דער דאָנ פאלט ארײַנ אינ אזאָווער יאמ, איז אויסגעבויט געוואָרנ טאנאיס. גריכישע קאָלאָניעס זיינענ אופגעקומענ אויכ אפנ קאווקאזער ברעגלאנד.

א סקיפ ציט אָנ דעמ שנור אפנ בויגנ. א דעטאל פונ דער קול-אָבאער וואזע.

אינ צענטער פונ יעדער גריכישער קאָלאָניע איז געלעגנ א שטאָט, ארומגערינגלט מיט א געמויערטער וואנט, וואָס האָט באשיצט די גריכישע קאָלאָניסטנ קעגנ אנ אָנפאל פונ דער פײַנטלעכער באפעלקערונג. אינעמ ארומגעצוימטנ שטעטל האָבנ זיכ געפונענ די וווינונגענ, סכוירע-לאגערנ אונ פארשיידענע געזעלשאפטלעכע לאָקאלנ: די טעמפּלענ, בעדער אד"ג. אייניקע געבײַדעס זײַנענ געווענ באפוצט מיט קאָלאָנעס פונ מירמלשטיינ אונ מיט סטאטועס אונ האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט גלענצנדיקע ווערק פונ דער גריכישער ארכיטעקטור.



א גאָלדענער קאמ, אפ וועלכנ עס איז געשילדערט א געראנגל צווישנ קריגער. פונעמ סאָלאָכ-קורגאנ. ערמיטאזש.

א גרויסע באדײַטונג פאר די גריכישע קאָלאָניעס באמ שווארצנ יאמ האָט געהאט דער האנדל מיט גריכנלאנד, מיט די מיזרעכ-לענדער אונ מיט די פעלקער פונ מיזרעכ-אייראָפּע. די שיפנ, וואָס פלעגנ אָפּגיינ קיינ גריכנלאנד, פלעגנ ארויספירנ טווּע, רויכ-ווארג, פיש אונ אויכ שקלאפנ. צוריק פונ גריכנלאנד פלעגט מענ ברענגענ צו פירנ: געווער, געוועבנ, פארשיידענערליי געפעס פונ ליימ אונ פונ גלאָז, טײַערע צירונגענ, לוקסוס-זאכנ, ווײַנ. א טייל פונ די געבראכטע סכוירעס פלעגט גייג אפ באפרידיקנ די באדערפענישנ פונעמ העכערנ שיכט פונ דער אָרטיקער גריכישער באפעלקערונג; א טייל סכוירעס פלעגט אויסגעביטנ ווערנ אפ טווּע אונ אפ אנדערע פּראָדוקטנ, וועלכע עס פלעגט צושטעלנ די באפעלקערונג פונעמ צאָפנדיק-שווארציאמישנ געביט. שפּעטער אנטשטייט אינ די גריכישע שטעט אנ אייגענע האנטווערקערישע פּראָדוקציע. פיל זאכנ פונ די, וואָס מע האָט געפונענ אינ די סקיפישע קורגאנענ, שטאמענ פונ די ווארשטאטנ פונ די שווארציאמישע קאָלאָניעס. די פרײַע גריכישע באפעלקערונג אינ די קאָלאָניעס פלעגט, פונקט ווי אינ גריכנלאנד, זיכ צונויפקלײַבנ אפ „פאָלקס-פארזאמלונגענ" צו באהאנדלענ פארשיידענע פראגנ אונ אויסוויילנ אמט-פּערזאָנענ. די גאנצע פארוואלטונג האָט זיכ געפונענ אינ די הענט פונ די רײַכע שקלאפנבאזיצער אונ סאָכרימ.



א סקיפיש פורל. א ליימענע צאצקע פונ די סקיפישע קורגאנענ.

יעדע שטאָט — קאָלאָניע האָט געבילדעט א באזונדערע מעלוכע. איינע פונ זיי — פאנטיקאפּיי — האָט פארייניקט אונטער איר מאכט א באדײַטנדיקע טעריטאָריע, וואָס האָט באקומענ דעמ נאָמענ באָספּאָרישע מעלוכע. אינ דער שפּיצ פונ דער דאָזיקער מעלוכע זײַנענ געשטאנענ קייסאָרימ, וואָס זייער מאכט איז איבערגעגאנגענ בעירושע פונעמ פאָטער צומ זונ.

פונעמ סאָפ III יה. פאר דער נ. ע. האָט זיכ די לאגע פונ די גריכישע קאָלאָניעס באמ שווארצנ יאמ גענומענ פארערגערנ. אינ די סטעפּעס באמ קאספּישנ

יאמ האָבנ זיכ באַוויזנ נאָמאַדישע שוואָטימ — סאַרמאַטנ, קרוויוושע צו די סקיפנ. אונטערנ דרוק פונ די סאַרמאַטנ האָבנ טייל סקיפנ און אַנדערע נאָמאַדנ אַריבערגעוואַנדערט אַפ מײַרעוו און זײַנענ דערגאַנגענ ביז צומ דונײַ; א צווייטער טייל סקיפנ איז אַריבער קיינ קרימ און האָט דאָ פאַרנומענ דעמ צאָפנדיקנ, דעמ סטעפּישנ, טייל.

די סקיפנ, וואָס זײַנענ פאַרבליבנ אינ די פריִערדיקע מעקוימעס, האָבנ זיכ אויסגעמישט מיט די סאַרמאַטנ און מיט אַנדערע שוואָטימ. די גריכישע שטעט איז שווער אָנגעקומענ צו באַשיצנ זיכ קעגנ די אָנפאַלנ פונ די נאָמאַדנ.

די סקיפנ, וואָס האָבנ זיכ באַזעצט אינ קרימ אינעמ II יה. פאַר דער נ. ע., פלעגנ אָפט אָנפאַלנ אַפ כערסאָנעס און אַפ דער באָספּאָרישער מעלוכע. אפנ דאָרעמדיקנ ברעג פונעמ שוואַרצנ יאמ אינ קליינ־אַזיע האָט זיכ דעמלט אויסגעבילדעט די פּאָנטישע מעלוכע. כערסאָנעס, וואָס האָט ניט געהאַט קיינ מעגלעכקײַט צו באַשיצנ זיכ מיט אייגענע קויכעס, האָט געשלאָסנ אנ אָפּמאַכ וועגנ הילפ מיטנ פּאָנטישנ קייסער.

א מאַטבייע מיט סאַוומאַקס בילד. II—I יה. פאַר דער נײַער ערע. היסטאָרישער מוזיי

דער שקלאַפנ־אויפשטאַנד אינ קרימ. סאָפ II יה. פאַר דער נ. ע. איז אינ דער באָספּאָרישער מעלוכע פאָרגעקומענ אנ אויפשטאַנד פונ די סקיפנ די שקלאַפנ. דעמ באָספּאָרער קייסערס א שקלאַפ סאַוומאַק האָט דערהאַרגעט דעמ קייסער און האָט זיכ געשטעלט אינ שפּיצ פונ די אויפשטענדלער. דעמ אויפשטאַנד האָט דערשטיקט דיאָפאַנט, דער באַל־פירער פונעמ פּאָנטישנ קייסער מיטרידאַט דעמ VI עוופּאַטאָר. דיאָפאַנט איז ספּעציעל געקומענ קיינ כערסאָנעס צו באַשיצנ אימ קעגנ די סקיפנ. סאַוומאַקנ האָט ער גענומענ אינ געפאַנגענשאַפט און האָט אימ אַוועקגעשיקט צו מיטרידאַטנ קיינ קליינ־אַזיע. אַלס דאַנק פאַר דער הילפ קעגנ די סקיפנ האָבנ די רעגירער פונ כערסאָנעס אינעמ אַקראָפּאָל (קרעמל) פונ דער שטאָט לעבנ דעמ מיזבייעכ פונ דער סאַמע פאַרהײַליקטער געטנ אַוועקגעשטעלט דיאָפאַנטס א בראָנזענע סטאַטוע אינ פולנ וואָפנ. אפנ מירמלשטיינערנעמ פּיעדעסטאַל פונ דער סטאַטוע האָבנ זיי אויסגעקריצט אנ אויפשריפט וועגנ דיאָפאַנטס פאַרדינסטנ און ניצכוינעס. די דאָזיקע אויפשריפט האָט מענ געפונענ צווישנ די רוּינענ פונ כערסאָנעס.

דער שקלאַפנ־אויפשטאַנד אינ קרימ איז געווענ ניט דער איינצלנער. ענלעכע מאַסנ־אויפשטאַנדנ פונ שקלאַפנ זײַנענ אינעמ II יה. פאַר דער נ. ע. פאָרגעקומענ אינ פיל אַנדערע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכעס — אינ קליינ־אַזיע, אינ גריכנלאַנד, אינ איטאַליע, אפנ אינדזל סיציליע און אינ אַנדערע ערטער. די דאָזיקע שקלאַפנ־אויפשטאַנדנ זײַנענ געווענ א סימענ, אַז די שקלאַפנבאַזיצערישע ווירטשאַפט האָט אָנגעהויבנ צעפאַלנ ווערנ.

די רוימישע דעראָבערונגענ אינעמ שוואַרציאַמישנ געביט. אינעמ I יה. פאַר דער נ. ע. האָבנ זיכ די באַזיצנ פונ רוימ שנעל פאַרשפּרייט אַפ מיזרעכ. קעדיי

דעקרעט פונ דער פאָלקס-פאַרזאמלונג פונ כערסאָנעס לעקאָוועד דיִאָפאנטנ. II—I יה. פאר דער נייער ערע. ערמיטאזש.

צו דעראָבערנ קליינ-אזיע האָט רוימ געמוזט צעקלאפנ די פאָנטישע מעלוכע אונ ארמעניע. קימאט 18 יאָר האָט געדויערט דער קאמפ צווישנ רוימ אונ דעמ פאָנטישנ קייסער מיטרידאט דעמ VI. לעסאָפ האָבנ די רוימישע לעגיאָנערנ דערלאנגט א צעשמעטערנדיקנ קלאפ מיטרידאט דעמ VI אונ האָבנ זיכ ארײנגעריסנ אינ די באזיצנ פונ טיגראנ דעמ II. זיי האָבנ צעראבירט די רייכע הויפטשטאָט פונ ארמעניע (די שטאָט טיגראנאָקערט אפנ טייכ טיגער). נאָכדעמ האָבנ זיי אָבער אָנגעהויבנ ליידנ מאפאָלעס. דאנ איז קעגנ טיגראנ דעמ II געשיקט געוואָרנ מיט נייע לעגיאָנערנ דער באַרימטער פאָמפיי. קעגנ די רוימער האָבנ צוזאמענ מיט די ארמענער זיכ געשלאָגנ די גרוזינער, די מידיער אונ אנדערע פעלקער. פאָמפיי האָט אויסגענוצט די רייסערייַ צווישנ דער ארמענישער אריסטאָקראטיע אונ האָט געצוווּנגענ טיגראנ דעמ II צו שליסנ שאָלעמ. דער ארמענישער קייסער האָט באקומענ דעמ טיטל „פריינט אונ פארבינדעטער פונעמ רוימישנ פאָלק", וואָס האָט באטייט, אז ער איז אונטערטעניק רוימ. נאָכדעמ האָבנ די רוימער אונטערטעניקט א באדייטנדיקנ טייל פונ גרוזיע.

אינעמ I יה. פאר דער נ. ע. האָבנ זיכ די רוימער שטארק פארפעסטיקט אינעמ שווארציאמישנ געביט. די קייסאָרימ פונ באָספאָר זיינענ געוואָרנ וואסאלנ פונ די רוימישע אימפעראטאָרנ אונ האָבנ געהאָרכזאמ אויסגעפילט זייערע באפעלנ. אינ כערסאָנעס אונ אינ אנדערע גריכישע שטעט פונ קרימ אונ קאווקאז זיינענ אוועקגעשטעלט געוואָרנ רוימישע לעגיאָנענ. אפנ ברעג פונעמ שווארצנ יאמ זיינענ אויסגעבויט געוואָרנ רוימישע פעסטונגענ, אונ פונ זייערע טורעמס האָט מענ נאָכגעשפירט, צי עס באווייזנ זיכ ניט קיינ פיינטלעכע שיפנ.

די קייסאָרימ פונ באָספאָר האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רופנ מיט די נעמענ פונ די רוימישע אימפעראטאָרנ אונ טראָגנ רוימישע קליידער. פונ רוימ פלעגנ זיי באקומענ די מאכט-עמבלעמענ: א סצעפטער מיטנ אימפעראטאָרס בילד אונ די קייסערלעכע קרוינ. אינ משעכ פונ די פיל הונדערטער יאָרנ, וואָס די גריכישע קאָלאָניעס האָבנ דאָ עקזיסטירט, האָבנ זיכ די קינדס-קינדער פונ די געוועזענע קאָלאָניסטנ אויסגעמישט מיט דער אָרטיקער באפעלקערונג. אהער פלעגנ קומענ אויכ מענטשנ פונ דער פרעמד, וואָס האָבנ געהערט צו פארשיידענע שוואָטימ. זיי פלעגנ זיכ באזעצנ אינ די שטעט באמ יאמ אונ ווערנ אָרטיקע בירגער. אזויארומ איז אינ קרימ פאָרגעקומענ א צונויפמישונג פונ פארשיידענע קולטורנ.

ווענ די רוימישע אימפעריע איז אָפגעשוואכט געוואָרנ, איז די רוימישע ווירקונג

אין די לענדער פונעם שווארציאַמישן געביט שטאַרק געפאַלן. די רוימישע פעסטונ־גען אין קרים און אפן קאַווקאַזער ברעגלאַנד זיינען צום III יה. פון דער נ. ע. וויסט געוואָרן. די געוועזענע גריכישע שטעט זיינען ווידער געוואָרן אומאָפּהענגיק. אינעם III יה. האָט זיך אין די דאָרעם־סטעפּעס באַם שווארצן יאַם אויסגעבילדעט א נייע פאַרייניקונג פון שוואַטים, וואָס איז באַוווּסט אונטערן נאָמען גאָטן. צווישן זיי זיינען אויך געווען די מיזרעכ־גערמאַנער, וואָס האָבן פריער געלעבט בא דער נידערשטרעמונג פון דער ווייסל. פון דער מיט II יה. האָבן זיך די גאָטן אָנגעהויבן אריינרייסן אין די רוימישע באַזיצן, וואָס זיינען געלעגן אפ יענער זייט דונײַ. גלייכ־צייטיק האָבן די גאָטישע פּיראַטן געראַבעוועט דעם קאַווקאַזער און דעם קליינ־אַזיאַטישן ברעג פונעם שווארצן יאַם, זיי האָבן אפילע אָנגעשפּאַרט ביז צום עגיייִשן יאַם און געצונדן די גריכישע שטעט. אינעם IV יה. האָבן די גאָטן געכאַפּט א שטאַרקע מאַפּאָלע פון די רוימער.

די אָנפאַלן פון די גאָטן אפ די מיזרעכדיקע רוימישע באַזיצן זיינען געווען אן אָנהייב פונעם קאַמף, וואָס די פאַרשיידענע שוואַטים פון מיזרעכ־אייראָפּע האָבן אָנגעהויבן קעגן די רוימער. אפן מערעוו פון אייראָפּע איז אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען א קאַמף צווישן די רוימער און די גערמאַנישע שוואַטים. די אָנפאַלן פון די „באַרבאַרן“ (די ניט־רוימער) האָבן פאַרגיכערט דעם אומקום פון דער שקלאַפנבאַזיצערישער רוימישער מעלוכע.

§ 6. דער וועג פון די נאָמאַדן.

די נאָמאַדישע פאַרייניקונגען אין סיביר און מיטל־אַזיע. די אומגעהייערע סטעפּ־ראַכוועסן פון דאָרעם־סיביר און מיטל־אַזיע זיינען געווען פאַרנומען פון פאַר־שיידענע נאָמאַדישע שוואַטים, פון וועלכע עס האָבן זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די טיורקישע און מאָנגאָלישע פעלקערשאַפטן. מיט עטלעכע יאָרהונדערטן פאַר דער נ. ע. האָבן די נאָמאַדן, וואָס האָבן געלעבט צאָפן־צו פון כינע, געבילדעט א גרויסן שוואַטים־בונד. די נאָמאַדן, וואָס זיינען אריין אין דעם דאָזיקן בונד, האָבן די כינע־זער גערופן הונען. דער קאַמף פון די כינעזער מיט די הונען איז געווען זייער א שווערער און האָט זיך געצויגן הונדערטער יאָרן. די נאָמאַדן פלעגן אומגעריכט אָנ־פאַלן אפ די צאָפנדיקע געביטן פון כינע, כאָרעוו מאַכן די שטעט, אומברענגען די גערעטעניש און אוועקפירן מיט זיך די באַפעלקערונג. ווען די כינעזער פלעגן צונויפ־זאַמלען א גרויסע אַרמיי, פלעגן די נאָמאַדן אוועקגיין צוריק אין סטעפּ און זיך צעשיטן אפ אירע אומגעהייערע שטרעקעס.

קעדיי צו פאַרטיידיקן די גרענעץ, האָבן די כינעזער נאָך אינעם III יה. פאַר דער נ. ע. אויסגעבויט שטאַרקע געמויערטע פעסטונגען, וואָס האָבן באַקומען דעם נאָמען „די גרויסע כינעזישע וואַנט“. ביסלעכווייז האָט צו די נאָמאַדן אָנגעהויבן אריינדרינגען די כינעזישע ווירקונג. דער הויפּט פון דער נאָמאַדישער הונען־מעלוכע האָט אָנגענומען דעם טיטל „געבוירן פון הימל און ערד, געזאַלבט פון דער זון און לעוואָנע“. די הונישע פירשטן פלעגן שיקן זייערע זין דינען באַם כינעזישן אימפּע־ראַטאָרס הויף.

דער הערשנדיקער שיכט נאָמאַדן האָט אָנגעהויבן איבערנעמען די כינעזישע מינהאָגים און די כינעזישע האַלבאָשע. אין די ביז גאָר רייכע קורגאַנען—קוואָרים פון

די הונישע פירער, וואָס ב. ק. קאָזלאָווס סאָוועטישע עקספעדיציע האָט אויסגעפאָרשט אינ צאָפנ־מאָנגאָליע, האָט מענ געפונענ רײַטוואָגנס, כינעזישע זײַד, א פרעכטיקנ טעפיכ מיט א געמעל פונ א באפליגלטער כײַע, וואָס פארצוקט אינ איילנהירש, פארשיידענע קאָסטבארע כפייצימ, ערנ־שירעמס אונ אנדערע זאכנ.

אינעמ V יח. פאר דער נ. ע. איז די גרויסע הונענ־מעלוכע צעפאלנ געוואָרנ. א טייל הונענ איז אוועק אפ מײַרעוו. אינ די סטעפעס פונ אזיע, ווו ס׳האָבנ פריער געהערשט די הונישע שוואָטימ, האָבנ זיכ ארויסגערוקט נײַע שוואָטימ, וואָס זײַנענ ביז דאנ געווענ אונטער דער מאכט פונ די הונענ.

דער טיורקישער קאהאנאט. אינעמ VI יח. פונ דער נ. ע. האָט זיכ אינ מאָנגאָליע אויסגעבילדעט א שוואָטימ־בונד, וואָס איז באוווּסט אונטערנ נאָמענ „דער טיורקישער קאהאנאט“. דער פירער פונ דער דאָזיקער מעלוכע האָט געטראָגנ דעמ נאָמענ קאהאנ. אונטער דער מאכט פונעמ קאהאנאט איז געווענ א גרויסע צאָל נאָמאדישע אונ טיילווײַז ערדארבעטערישע שוואָטימ. די הערשנדיקע שוואָטימ, אינ דער שפיצ מיטנ קאהאנ, פלעגנ קעסיידער באפאלנ זייערע שכיינימ אונ האָבנ פארשפרייט זייער מאכט אפ א קאָלאָסאלער טעריטאָריע. די אריסטאָקראטנ אונ רײַכע לײַט האָבנ קאָמאנדעוועט מיט אָטריאדנ אונ רעגירט איבער די באצוווּנגענע שוואָטימ. די גרונט־מאסע פונ דער נאָמאדישער באפעלקערונג האָט געלעבט אינ באזונדערע שטאמ־געמיינדעס.

אינעמ טאָל פונעמ טײַכ אָרכאָנ זײַנענ פארבליבנ מאציייוועס פונ די טיורקישע קאהאנענ מיט אויסגעקריצטע אויפשריפטנ וועגנ מערקווירדיקע קריגס־מארשנ אונ וועגנ די סאמע וויכטיקסטע געשעענישנ.

די טיורקישע קאהאנענ האָבנ קעסיידער מילכאָמע געפירט מיט די קירגיזנ (כאקאסנ), וואָס האָבנ געלעבט בא דער אויבערשטערמונג פונ יעניסיי אונ אינ די בערג פונ אלטײַ. אינ איינער אנ אויפשריפט ווערט דערציילט, ווי דער טיורקישער קאהאנ האָט זיכ ארופגעזעצט אפ א ווײַסנ אָגער אונ זיכ אוועקגעלאָזט מיט זײַנ כאַיל קעגנ די קירגיזנ. איינעמ א קירגיז האָט ער ארפגעוואָרפנ פונעמ פערד. נאָכדעמ האָט ער זיכ מיטנ שפיז אינ דער האנט ארײַנגעשניטנ אינ די רייענ פונ די סאָנימ; דערביי האָט ער אזוי געשלאָגנ אינ די זײַטנ זײַנ ווײַסנ אָגער, אז ער האָט אימ איבערגעבראָכנ די ריפנ. דער קירגיזישער כאנ איז דערהארגעט געוואָרנ, אונ דאָס פאָלק האָט זיכ אונטערגעגעבנ דער מאכט פונעמ טיורקישנ קאהאנ.

די טיורקישע מעלוכע אינ מאָנגאָליע אונ אינ מיטל־אזיע איז צעפאלנ געוואָרנ אינעמ VIII יח. פונ דער נ. ע. נאָכ דעמ, ווי דער טיורקישער קאהאנאט איז געפאלנ, זײַנענ די סאמע שטארקע געבליבנ די קירגיזנ (כאקאסנ). די קירגיזנ זײַנענ געווענ א גרויס פאָלק; ביימ מילכאָמע האָבנ זיי געקאָנט ארויסשטעלנ בא 80 טויזנט קריגער.

אזויארומ האָבנ אינ די קאָלאָסאלע ראכוועסנ פונ דאָרעמ־סיביר אונ מיטל־אזיע פיל יאָרהונדערטנ נאָכאנאנד געהאלטנ אינ איינ געשאפנ ווערנ אונ צעפאלנ ווערנ פארייניקונגענ פונ נאָמאדנ. זוכנדיק בעסערע פאשע־פלעצער אונ רויב, זײַנענ די נאָמאדנ דורכגעגאנגענ דעמ גרעסטנ טייל פונ די מיטל־אזיאטישע סטעפעס. א טייל נאָמאדנ פלעגט בלײַבנ זיצנ אפ די נײַע ערטער, א טייל איז געגאנגענ ווײַטער אפ מײַרעוו. אהינצו האָבנ זיי געצויגנ די גראָז־רײַכע סטעפעס, וואָס האָבנ זיכ אויסגעשפרייט ווי א געדיכטע דעקע צאָפנ־מײַרעוו־צו פונעמ קאספישנ יאמ.

די נאָמאדנ רײַסנ זיכ ארייַנ קיינ מיזרעכ־אייראָפע. די נאָמאדישע שוואָטימ, וואָס האָבנ זיכ סאָפ VI יח. באוויזנ באמ אזאָווער יאמ, זײַנענ אינ אייראָפע באוווּסט געוואָרנ אונטערנ אלגעמיינעמ נאָמענ הונענ. נאָכ דעמ, ווי די הונענ־מעלוכע אינ מאָנגאָליע איז צעפאלנ געוואָרנ, האָבנ אייניקע שוואָטימ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דער דאָזיקער מעלוכע, ראטעווענדיק זיכ פונ די כינעזער, אריבערגעוואנדערט אפ מײַרעוו. אינ עטלעכע יאָרהונדערטנ ארומ האָבנ די קינדס־קינדער פונ די הונענ, וואָס האָבנ אפנ וועג זיכ אויסגעמישט מיט אנדערע פעלקער, זיכ באוויזנ אינ מיזרעכ־אייראָפע. די מענטשנ פונ יענער צײַט פלעגנ זאָגנ וועגנ די הונענ, אז זיי זײַנענ די „סאמע היציקע קריגס־לײַט“. אינעמ באשטאנד פונ

דער הונענ-מעלוכע איז, ביז די מאָנגאָלישע הונענ, ארײַנ אויכ די גרונט-באפעלקערונג פונעמ צאָפנדיק-שווארציאמישנ געביט.

די הונענ האָבנ צעקלאפט די גאָטנ און האָבנ זײ פארטריבנ אפ מײַרעוו. די הויפט-האָרדע פונ די הונענ האָט זיכ אָפגעשטעלט צווישנ די טײַכנ דונײַ און טיסע. אינ דעמ דאָזיקנ אָרט האָט זיכ אפ א קורצער צײַט אויסגעבילדעט א שטארקע הונישע מעלוכע, וואָס איר קייסער איז געווענ אטילא. נאָכ זײַנ טויט (453 י.) איז די הונישע מעלוכע צעפאלנ געוואָרנ: א טייל הונענ האָט זיכ באזעצט אפנ רעכטנ ברעג דונײַ, א טייל איז אוועק צוריק אינ די שווארציאמישע סטעפעס.

די וואנדערונג פונ די הונענ צו מײַרעוו-צו פונ דער וואָלגע, לענגאויס די צאָפנדיקע ברעגנ פונעמ שווארצנ יאמ, האָט ארויסגערופנ אנ איבערוואנדערונג אויכ פונ אנדערע שוואָטימ. נאָכ די הונענ האָבנ זיכ אינ די קאספישע סטעפעס באוויזנ די באָלגארנ. אָבער אויכ די באָלגארנ האָבנ זיכ דאָ ניט געקאָנט לאנג אײַנהאלטנ מאכמעס דעמ אָנדראנג פונ אנדערע נאָמאדנ. דער באָלגארישער שוואָטימ-בונד איז זיכ צעפאלנ אפ עטלעכע טיילנ.

§ 7. די פריִע פעאָדאלע מעלוכעס אינ טראנסקאווקאז.

דער קאמפ צווישנ רוימ און פערסיע פאר ארמעניע און גרוזיע. די רוימער, וואָס האָבנ זיכ נאָכנ זיג איבערנ ארמענישנ קייסער טיגראנ דעמ II באפעסטיקט אינ טראנסקאווקאז, האָבנ דאָ באגעגנט א שטארקנ ווידערשטאנד מיצאד דער אָרטיקער באפעלקערונג. גלײַכצײַטיק מיט די רוימער האָבנ געשטרעבט צו פארכאפנ טראנסקאווקאז אויכ די פארפישע קייסאָרימ. דער אײַנפלוס פונ רוימ האָט אינ טראנסקאווקאז אָנגעהויבנ באדײַטנד פאלנ פונעמ אָנהייב III יה. פונ דער נ. ע. אינ פערסיע האָט זיכ צו יענער צײַט, אונטער דער מאכט פונ דער אָרטיקער דינאסטיע סאסאנידנ, אויסגעבילדעט א שטארקע מעלוכע, וועלכע האָט פארניכטעט די פארפישע מעלוכע. אינ אָנהייב פונעמ IV יה. האָבנ די סאסאנידנ אײַנגענומענ אלבאניע (אזערבײַדזשאנ) און א באדײַטנדיקנ טייל פונ גרוזיע און ארמעניע. אונטער דער מאכט פונ רוימ איז פארבליבנ בלויז א קלײנער טייל פונ מײַרעוו-ארמעניע און פונ מײַרעוו-גרוזיע. סאָפ IV יה. איז די רוימישע אימפעריע צעפאלנ געוואָרנ אפ צוויי טיילנ: אפ א מיזרעכדיקער אימפעריע און אפ א מײַרעוודיקער. די מיזרעכדיקע רוימישע אימפעריע (ביזאנצ) האָט פארגעזעצט דעמ קאמפ מיט דער פערסישער מעלוכע פאר ארמעניע און גרוזיע.

דער אויפקומ פונ פעאָדאלע פארהעלטענישנ אינ ארמעניע און גרוזיע. אנ ערעכ אינ. דער מיט I יה. האָט זיכ אינ ארמעניע באפעסטיקט די קייסאָרימ-דינאסטיע ארשאקידנ. דער רוימישער אימפעראטאָר נעראָנ האָט זײער פײַערלעכ אויפגענומענ אינ רוימ די ארמענישע שליכימ און דעמ ארמענישנ קייסער האָט ער אלײנ אָנגעטאָנ די קרוינ אפנ קאָפ. אָנגעהויבנ אנ ערעכ פונעמ IV יה. פונ דער נ. ע., ביימ דער הערשאפט פונ דער ארשאקידנ-דינאסטיע, האָבנ זיכ אינ ארמעניע אָנגעהויבנ אויסבילדנ פעאָדאלע פארהעלטענישנ. די ארבעט פונ די שקלאפנ איז געווענ ווייניק פראָדוקטיוו. מיט דער אנטוויקלונג פונ דער ערדארבעט, פונ מעלאָכעס, מיט דער פארפולקומונג פונ די ארבעטס-געצײַג איז די שקלאפנ-ארבעט געוואָרנ ניט לײַנבאר. זי איז דעריבער ארויסגעשטויסנ געוואָרנ דורכ דער ארבעט פונ פעאָדאל-

אָפּהענגיקע מענטשנ. די לײַבײגענע פּויערים, וואָס האָבנ געלעבט אַפ דער ערד פונ די פעאָדאַלנ, האָבנ געהאַט אַנ אײגענע ווירטשאַפט מיטנ נייטיקנ אינווענטאַר. זיי פלעגנ באַאַרבעטנ דעמ פעאָדאַלס ערד און אויספילנ פאַרשיידענע אַנדערע פליכטנ פאַרנ פעאָדאַל. דער פעאָדאַל האָט שוינ ניט געקאָנט אומבאַשטראָפט דערהאַרגענענ אַ פּויער, ווי ער פלעגט דערהאַרגענענ אַ שקלאַפ, ער האָט אימ אָבער געקאָנט פאַרקויפנ און קויפנ.

באַ דער שקלאַפנבאַזיצערישער סיסטעמ האָט דער שקלאַפ אינ קיינ מאָס ניט געקאָנט זײַנ פאַרינטערעסירט אינ דער אַרבעט. באַ פעאָדאַלע פאַרהעלטענישנ האָט דער לײַבײגענער פּויער אַ געוויסנ אינטערעס צו פירנ די ווירטשאַפט, — זי איז אימ נייטיק פאַר זײַנ אײגענער עקזיסטענצ, און אויכ קעדיי קענענ אויסצאָלנ דעמ פעאָדאַל מיט נאַטור — מיט פּראָדוקטנ פונ דער אײגענער געראַטעניש. די גרויסע ערדבאַזיצער האָבנ געצוווּנגענ די פּויערימ צו טאָנ אינ זייער ווירטשאַפט די גאַנצע אַרבעט און טראָגנ פאַרשיידענע פליכטנ. יעדער רײַכער פעאָדאַל האָט געהאַט זײַנ שלאָס און אַ באַזונדער כאַיִל. די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע האָט פאַרכאַפּט די וויכ־טיקסטע אַמטנ. דעמ קייסערס הויפ איז באַשטאַנענ פונ די גרויסע פעאָדאַלנ. זיי פלעגנ זיכ באַטייליקנ אינ די פײַערלעכע צערעמאָניעס און פלעגנ פאַרנעמענ דאָרט ערטער לויטנ יִיכעס פונ די שטאַמענ.

סאָפּ III יה. האָבנ דער אַרמענישער קייסער און די אַריסטאָקראַטיע אָנגענומענ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ, וואָס איז געוואָרנ די מעלוכישע רעליגיע פונ אַרמעניע. בי־זאַנצ האָט געשטיצט די קריסטלעכע קירכ, ווײַל זי האָט אויסגענוצט די קירכ אַפ צו פאַרשטאַרקנ איר אײגענע ווירקונג. די קירכ האָט מיטגעהאָלפנ ענדגילטיק צו פאַרפעסטיקנ די פעאָדאַלע אָרדענונג אינ אַרמעניע. צווישנ דער פּויערשער באַפעל־קערונג האָבנ זיכ נאָכ אָבער לאַנג געהאַלטנ די אַלטע געצנדינערישע קולטנ.

סאָפּ IV יה. איז אינעמ ביזאַנטישנ טייל אַרמעניע פאַרניכטעט געוואָרנ די קייסערלעכע מאַכט. מיטנ לאַנד האָבנ אָנגעהויבנ רעגירנ באַאַמטע, וואָס פלעגנ צו־געשיקט ווערנ פונעמ ביזאַנטישנ אימפּעראַטאָר. אינגיכנ איז געפאַלנ די קייסערלע־כע מאַכט אויכ אינ דעמ טייל אַרמעניע, וואָס האָט זיכ געפונענ אונטער דער מאַכט פונ די סאַסאַנידנ. נאָכ דעמ, ווי די קייסערלעכע מאַכט איז געפאַלנ, האָבנ זיכ די גרויסע ערדבאַזיצער נאָכ מער פאַרשטאַרקט.

אינ אָנהייב V יה. האָט דער מאָנאַכ מעסראָפּ מאַשטאָצ, וואָס האָט געשטאַמט פונ אַ פּויערשער פאַמיליע, פאַרפולקומט דעמ אַרמענישנ אַלפאַבייט. פונ דעמאָלט אָנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַנטוויקלענ די אַרמענישע ליטעראַטור: אינ די שולנ האָט מענ געלערנט אַפ דער מוטערשפּראַכ. מע פלעגט שיקנ יונגטלעכע פאַרפולקומענ זייערע קענטענישנ קיינ עגיפּעט און ביזאַנצ. עס איז געשאַפנ געוואָרנ אַ גרויסע אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ליטעראַטור.

אַפ דער טעריטאָריע פונ דער פאַרצײַטיקער קאָלכידע (אינ גרוזיע) האָט זיכ אינ־נעמ IV יה. פונ דער נ. ע. אויסגעבילדעט אַ מײַרעוו־גרוזינישע מעלוכע, וואָס די רוימער און די גריכנ האָבנ זי גערופנ לאַזיקאַ, לויטנ נאָמענ פונעמ הערשנדיקנ שטײַ־ וועט — לאַזנ. דער צענטער פונ דער לאָזיקער מעלוכע איז געווענ דער פרוכטבאַרער טאָל פונ ריאָנ, וואָס איז באַדעקט מיט ווײַנגערטנער און סעדער. אינ דעמ לאָזיקנ טאָל איז געווענ אַ היפּשע צאָל שטעט, וואָס האָבנ זיכ פאַרנומענ מיט האַנדל, צווישנ זיי איז אויכ געווענ די שטאָט קוטאַיִסי. נאָכ אַנ אַקשאָנעסדיקנ קאַמפ מיט

פערסיע האָט ביזאנצ אײַנגעהיט איר מאכט איבער לאזיקא. די מיזרעכדיקע גרוזינישע טעריטאָריעס זײַנענ ארײַנגעגאנגענ אינ באשטאנד פונ אנ אנדער מעלוכע — קארטליע (די פארצײַטיקע איבעריע). פונ אָנהייב V יה. איז דער קארטלישער קייסער געוואָרנ א וואסאל פונ די סאסאנידנ. די אנטוויקלונג פונ די פעאָדאלע פארהעלטענישנ אינ גרוזיע האָט, פונקט ווי דאָס איז געווענ אינ ארמעניע, פארשטארקט די ערדבאזיצערישע אריסטאָקראטיע, וועלכע האָט זיכ געסטארעט צו באגרענעצנ דעמ קייסערס מאכט.

דאָס קריסטנטומ האָט אָנגעהויבנ ארײַנדרינגענ קיינ גרוזיע דורכ די שטעט באמ ברעג פונ שווארצנ יאמ. בײַ דער אונטערשטיצונג פונ ביזאנצ האָט זיכ דער קריסטלעכער גלויבנ ענדגילטיק פארפעסטיקט אלס מעלוכע=רעליגיע: אינ קארטליע — אינ צווייטנ דריטל פונעמ IV יה., אונ אינ לאזיקא — אינ אָנהייב VI יה. דאָס קריסטלעכע גלויבנ פארשטארקט די קולטור=פארבינדונגענ פונ גרוזיע מיט ביזאנצ. צוגלײַכ מיט איבערזעצטע קירכלעכע ביכער האָבנ זיכ באוויזנ איבערזעצונגענ פונ גריכישע פילאָסאָפישע אונ היסטאָרישע ווערק. דאָס האָט מיטגעהאָלפנ דער אנטוויקלונג פונ דער גרוזינישער ליטעראטור.

סאָפ V יה. האָט דער קארטלישער קייסער וואכטאנג, לויטנ צונאָמענ „וועלפישער קאָפ“ (אפנ קייסערס העלמ איז געווענ אויסגעמאָלט א קאָפ פונ א וואָלפ), אָנגעהויבנ פירנ א קאמפ מיט די סאסאנידנ. אינ איינער פונ די שלאכטנ איז ער שטערבלעכ פארוווּנדעט געוואָרנ. נאָכ זײַנ טויט האָבנ די סאסאנידנ, מיט דער האסקאָמע פונ דער גרוזינישער פעאָדאלער אריסטאָקראטיע, פארניכטעט אינ קארטליע די קייסערלעכע מאכט. מיטנ לאנד האָט אָנגעהויבנ רעגירנ דעמ פערסישנ קייסערס א שטאטהאלטער, וואָס האָט זיכ באזעצט אינ טביליסי.

דער קאמפ פונ די פעלקער פונ טראנסקאווקאז קעגנ דער פערסישער אונ ביזאנטישער הערשאפט. די הערשאפט פונ ביזאנצ אונ פערסיע אינ גרוזיע, ארמעניע אונ אלבאניע (אזערבײַדזשאנ) איז באגלייט געוואָרנ מיט א שרעקלעכער אונטערדריקונג אונ רויִנירונג פונ די דאָזיקע לענדער. די אומדערטרעגלעכע צינזנ אונ שווערע פליכטנ האָבנ דערפירט די באפעלקערונג ביז פארצווייפלונג. די דראָבערער פלעגנ צונעמענ צו זיכ אינ מיליטער די ארמענישע אונ גרוזינישע יוגנט. דעריבער פלעגנ אינ גרוזיע, ארמעניע אונ אלבאניע (אזערבײַדזשאנ) אָפט אויסברעכנ בלוטיקע פאָלקס=אופשטאנדנ. די אופשטאנדנ פלעגנ ווערנ באזונדערס שטארק דאנ, ווענ די גרוזינער אונ ארמענער פלעגנ זיכ פארייניקנ אינ קאמפ קעגנ זייערע געמיינזאמע סאָנימ. פול מיט האס צו די פארשקלאפער, האָבנ די גרוזינער אונ ארמענער ניט איינ מאָל צעקלאפט דעמ סוינעס כאיאָלעס, וואָס זײַנענ געווענ גרעסער אינ צאָל אונ בעסער באוואָפנט, איידער זיי. אינ דער צײַט אָבער, ווענ דאָס פאָלק האָט אקשאָנעסדיק אונ מיט גרויס מעסירעסנעפעש געקעמפט פאר באפרײַענ דאָס היימלאנד, פלעגנ די גרויסע פעאָדאלנ אָפטמאָל פאראטנ דעמ קאמפ אונ אריבערגײַנ אפ דער זײַט פונ די סאָנימ. פערסיע אונ ביזאנצ פלעגט דעריבער גרינגער זײַנ צו דערשטיקנ די פאָלקס=אופשטאנדנ.

דער קאמפ פונ די פעלקער פונ טראנסקאווקאז קעגנ די אראבער. די הערשאפט פונ פערסיע אינ ארמעניע אונ גרוזיע האָט געדויערט ביזנ VII יה., ווענ די אראבער האָבנ אינגאנצנ צעקלאפט די פערסישע מעלוכע אונ האָבנ איינגיכנ נאָכ דעמ פארכאפט טראנסקאווקאז אונ מיטל=אזיע. אינ 642 י. האָבנ די אראבער פאר=

כאַפּט די הויפּטשטאָט פונ ארמעניע דווינ, אונ אינ עטלעכע יאָר ארומ האָבנ זײ שוינ ענדגילטיק געהאט דעראָבערט ארמעניע אונ מיזרעכ־גרוזיע. אינ IX—X יה. איז אינ טראנסקאווקאז געווענ א גרויסע צאָל רײַכע שטעט מיט אנ אנטוויקלטנ האנדל אונ האנטווערקערײַ (טבּיליסי, דערבענט אונ אנדערע). די סאָכרימ פונ די דאָזיקע שטעט פלעגנ פאָרנ מיט סכוירעס קיינ מיזרעכ־אייראָפּע. טבּיליסי איז געוואָרנ די רעזידענצ פונעמ אראבישנ עמיר (פירשט). צוזאמענ מיט די אראבער האָט אינ טראנסקאווקאז אָנגעהויבנ ארײַנדרינגענ דער מוסולמענישער גלויבנ.

די פויערימ אינ טראנסקאווקאז זײַנענ ניט איינ מאָל אופגעשטאנענ קעגנ די דעראָבערער די אראבער, וואָס האָבנ מיט זייערע צינזנ רויִנירט דאָס לאנד אונ פארוואנדלט די אָרטיקע באפעלקערונג אינ זייערע שקלאפנ אונ לײַבאייגענע. דער גרעסטער אופשטאנד פונ די פויערימ, האנטווערקער אונ שקלאפנ איז פאָרגעקומענ אינ דער ערשטער העלפט IX יה. אינ אזערבײַדזשאנ, אונטער דער פירערשאפט פונעמ טאלאנטפולנ פירער באבעק. באבעק איז קינדווײַז פארבליבנ א יאָסעמ. נאָכ דעמ פאָטערס טויט האָט מענ באבעקנ, א צעניאָריק יינגל, אָפּגעגעבנ פאר א פאסטעכ צו א רײַכנ פיציכטלער. דערנאָכ איז באבעק געוואָרנ אנ אָנטרײַבער פונ קעמלענ. דאָס האָט אימ געגעבנ די מעגלעכקײַט גוט צו באקענענ זיכ מיטנ לעבנ פונ דער באפעלקערונג פונ אזערבײַדזשאנ. די לײדנ פונעמ פאָלק, וואָס ווערט דערשטיקט אונטער דער שווערער לאסט פונ פארשיידענע שטײַערנ אונ צינזנ, האָט ארויסגערופנ בא באבעקנ א געפיל פונ פארביסענעמ האס צו די אונטערדריקער אונ פארשקלאפער — באזונדערס צו דער אראבישער מאכט. צו 18 יאָר האָט זיכ שוינ באבעק אָנגעשלאָסנ אָנ דעמ אויסגעבראָכענעמ פאָלקס־אופשטאנד, אונ אינגיכנ איז ער געוואָרנ דער פירער פונ דעמ אופשטאנד. שטיצנדיק זיכ אפ די הויכע, ניט־צוטריטלעכע בארג־ראיאָנענ, האָט באבעק געפירט א פארביטערטע מילכאָמע מיט די אראבער. די אופשטענדלער האָבנ עטלעכע מאָל אָפּגעהאלטנ ניצכוינעס איבער דעמ פילצאָליקנ אראבישנ מיליטער.

ערשט נאָכ לאנגע יאָרנ קאמפ האָט זיכ די אראבער אײַנגעגעבנ אײַנצונעמענ די גרונט־ראיאָנענ פונעמ אופשטאנד. נאָכדעמ האָט זיכ נאָכ באבעק א געוויסע צײַט אויסבאהאלטנ אינ די בערג אונ ווײַטער געפירט א פארטיזאנישנ קריג קעגנ די אראבער אונ קעגנ די אָרטיקע פעאָדאלנ, וואָס האָבנ פארראטנ דאָס פאָלק. אלע פרווונג ארומצורינגלענ אונ צו פאקנ באבעקנ זײַנענ דורכגעפאלנ. דאנ האָט איינער א גרויסער פעאָדאל, וואָס האָט זיכ אָנגעגעבנ פאר באבעקס אנ אָנהענגער, אײַנגעלאדנ באבעקנ צו זיכ אינ שלאָס ארײַנ, אונ דאָ האָט מענ אימ אפ א פארעטערישנ אופנ געכאפט אונ איבערגעגעבנ די אראבער. לויט א באפעל פונעמ קאליפ איז באבעק געקעפט געוואָרנ. אזוי איז דער אופשטאנד דערשטיקט געוואָרנ נאָכ א לאנגדויערנדיקנ אונ אקשאָנעסדיקנ קאמפ, וואָס האָט זיכ געצויגנ בא 20 יאָר.

די צעפאלונג פונעמ אראבישנ קאליפאט, וועלכע האָט זיכ אָנגעהויבנ סאָפ IX יה., האָט געבראכט דערצו, אז אינ גרוזיע אונ ארמעניע איז אופגעשטעלט געוואָרנ די מאכט פונ די אָרטיקע פירשטלעכע פאמיליעס.

אינ 864 י. איז א פאָרשטייער פונ איינעמ פונ די מעכטיקסטע שטאמענ פונ ארמעניע אשאָט דער I געוואָרנ קייסער פונ ארמעניע אונ האָט אײַנגעשטעלט א נײַע דינאסטיע — די דינאסטיע פונ די באגראטידנ, וואָס האָט געהערשט ביז דער מיט XI יה. דער דאָזיקער דינאסטיע האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו פארייניקנ א באדײַטנדיקנ



אני. רויִנעג פונ א פעסטונג פונ דער צווייטער העלפט X יה. פאָטאָ.

טייל פונ ארמעניע. די הויפטשטאָט פונ די באגראטידנ איז געוואָרנ די שטאָט אני (ניט ווײַט פונ דער שטאָט קארס), וועלכע איז געוואָרנ א צענטער פונ האנדלס־אויסטויש צווישנ מיזרעכ אונ מײַרעוו. די שטאָט איז באריײַכערט געוואָרנ מיט א כאכ נײַע געבײַדעס, וואָס ווײַזנ אפ א גרויסנ שווונג פונ דער ארמעניִשער קונסט. די רויִנעג פונ דער שטאָט אני האָט אויסגעפאָרשט דער בארימטער סאָוועטישער געלערנטער דער אקאדעמיקער נ. אי. מאר, וועלכער האָט אופגעשטעלט די געשיכטע פונ דער שפראכ אונ פונ דער קולטור פונ דער פארצײַטיקער ארמעניע.

נאָכנ פאלנ פונעמ אראבישנ קאליפאט איז גרוזיע צעפאלנ געוואָרנ אפ א ריי אומאָפהענגיקע פעאָדאלע פירשטנטומס, וואָס האָבנ איינס מיטנ אנדערנ קעסיידער געשטריטנ. ערשט אינ דער צווייטער העלפט X יה. האָט איינס פונ זיי, דאָס מאָ־קלארזשעטער פירשטנטום, פאראייניקט די איבעריקע פירשטנטומס אונטער דער מאכט פונ די קייסאָרימ פונ דער גרוזינישער דינאסטיע באגראטידנ.

דער ארמעניִשער עפאָס—„דאוויד פונ סאסונ". די דערינערונגענ וועגנ דעמ פיליאָ־ריקנ קאמפ פונעמ ארמעניִשנ פאָלק קעגנ די פארכאפער די אראבער זײַנענ פארצייכנט אינ דער גלענצנדיקער עפּישער פאָעמע „דאוויד פונ סאסונ". אינ דער דאָזיקער פאָעמע ווערט דערציילט וועגנ די פאסירונגענ אונ העלדנטאטנ פונ פיר דורעס גיבוירימ. אינ די הויכע בערג האָבנ צוויי ברידער אויסגעבויט פונ ריזיקע שטיינער א פעסטונג אונ האָבנ איר א נאָמענ געגעבנ „גרימצאָרנ" (סאסונ). געפלאָגטע מענטשנ פונ פארשיידענע זײַטנ האָבנ אָנגעהויבנ קומענ אהער, אונטער דער שוץ פונ סאסונ, וואָס איז פונ דעמלט אָנ געוואָרנ א פעסטונג פונעמ פאָלקס־קאמפ קעגנ די סאָנימ פונעמ היימלאנד. דער הויפט־העלד פונ דער פאָעמע איז דאוויד — אנ אייניקל פונ איינעמ פונ אָט די ברידער. שוינ יונגלווײַז האָט ער אָנגעהויבנ פירנ א קאמפ קעגנ די אראבער, וואָס האָבנ אונטערדריקט דאָס פאָלק. דאנ איז דער הערשער פונ די אראבער — מעליק — ארויסגעטראָטנ מיט א גרויס כאיל קעגנ סאסונ. ער האָט געהאט אזויפיל קריגס־לײַט, אז ווענ יעדער פונ זיי פלעגט נעמענ א שלונג וואסער, פלעגנ זיי אויסטרוקענענ גאנצע טײַכנ. דעמ סוינעס קראפט האָט אָבער ניט איבערגעשראָקנ דאווידנ. „ברידער אונ שוועסטער! — האָט דאוויד געזאָגט, — האָט קיינ מורע ניט פאר די סאָנימ, איכ גיי פאר אײַכ אינ שלאכט קעגנ דעמ מעליק". אפנ טאטנס וווּנדערלעכנ פערד טרעט דאוויד ארײַנ אינ א געראנגל קעגנ די פילצאָליקע סאָנימ. ער הארגעט אויס דעמ סוינעס קריגס־לײַט, ער שאנעוועט אָבער יענע, וואָס זײַנענ קעגנ

זייער ווילנ געשוקט געוואָרנ אָפּ דער מילכאָמע. נאָכדעמ דערהארגעט ער דעמ מעליק גופע אונ לאָזט פרײַ די געפאנגענע מיט די ווערטער:

איכ גיב אײַכ פרײַהײַט אלעמענ!
אונ גייט זיכ אײַכ אהינ, פונוואַנענ איר קומט אָנ,
איעדער צו זײַנ הויז, אונ לעבט אײַכ פונקט ווי פריִער,
אונ כ'מאָנ פונ אײַכ קיינ צינזנ ניט!

דאַוויד האָט געהאַט א זונ — מגער דער יִנגערער, פונקט אזא שטארקער אונ מוטיקער מענטש, ווי דער פאָטער. אז מגער דער יִנגערער איז געבליבנ א יאָסעמ, האָט ער גענומענ ווײַטער פירנ דעמ קאמפ קעגנ די סאָנימ פונעמ היימלאַנד. ער האָט געקעמפט קעגנ דעמ בייז אזוי לאנג, ביז ער האָט צוזאמענ מיטנ פערד גענומענ אײַנזינקענ אינ דער ערד. דאָנ איז מגער צוגעגאנגענ צו א פעלדז אונ האָט אימ מיט א שטארקנ קלאַפּ צעשפּאָלטנ אָפּ צווייענ. אפנ זײַדנס וווּנדערלעכנ פערד האָט ער זיכ ארײַנגעלאָזט אינעמ צעעפנטנ שפּאַלט. דאָרט וועט ער פארבלײַבנ, ביז עס וועט ניט כאָרעוו ווערנ די אלטע וועלט פונ אומרעכט.

אזוי לאנג ווי דאָס שלעכטס נאָר געווערט,
אזוי לאנג ווי ס'איז פאלש אונדזער ערד,
איז מיר דאָס לעבנ ניט ליב.
אז די וועלט וועט צו גרונט גיינ אונ אופשטיינ אפס'נײַ,
אז דער ווייץ וועט זײַנ גרויס ווי דער וואלדיקער נוס,
אונ דער גערשט וועט זײַנ ווי א יאגדע די גרויס,
ערשט דאָנ וועט ער קומענ, מײַנ טאָג,
אונ נאָר דאָנ כ'וועל פונדאנענ ארויס!

אינ די דאָזיקע ווערטער פונ מגער דעמ יִנגערנ האָט דאָס ארמענישע פאָלק אויסגעדריקט דעמ אייביקנ טרוימ וועגנ א בעסער לעבנ. עס זײַנענ פארלאָפנ יאָרהונדערטער, דורעס זײַנענ אוועק אונ דורעס זײַנענ געקומענ. פונ דאָר צו דאָר פלעגנ די פאָלקס-זינגער דערציילנ וועגנ די סאסונער גיבוירימ, וועגנ זייערע העלדנטאטנ אינ קאמפ קעגנ דעמ בייז, וועגנ זייער גרויסער ליבע צומ היימלאַנד.

§ 8. די פעלקער פונ מיטל־אזיע אינ קאמפ קעגנ די אראבער.

די אראבער פארכאפּנ מיטל-אזיע. אינעמ פעריאָד, ווענ די אראבער האָבנ פארכאפּט מיטל-אזיע, זײַנענ אָפּ דער טעריטאָריע פונ מיטל-אזיע געווענ עטלעכע מעלוכעס, וואָס האָבנ צווישנ זיכ געפירט א קעסיידערדיקנ קאמפ. די באַדײַטנדיקסטע צווישנ זיי איז געווענ סאָגדיאַנא. אָפּ דער טעריטאָריע פונ סאָגדיאַנא זײַנענ געווענ צעוואָרפנ שלעסער פונ ערדבאזיצער — פירשטנ, וואָס זײַנענ געווענ קימאט אומאָפּהענגיק איינער פונ דעמ אנדערנ. דער שטארקסטער צווישנ זיי איז געווענ דער באזיצער פונ סאמארקאנד, וועלכער האָט זיכ גערופנ „סאָגדיאַנער קייסער". צו מײַרעוו-צו פונ סאמארקאנד איז געלעגנ בוכארא. בא דער נידערשטראָמונג פונעמ טײַכ אמו-דאריא האָט זיכ געפונענ כאָרעזמ.

די סטעפּעס פונ מיטל-אזיע זײַנענ ווי פריִער געווענ פארנומענ פונ שוואָטימ נאָמאדנ. פונ מיזרעכ האָט זיכ אלצ מער פארשטארקט דער אָנדראנג פונ די טיורקישע שוואָטימ. אינ אָנהייב VIII יה. האָבנ די טיורקנ, בא זייער פרווו צו פארנעמענ די ערדארבעטערישע ראיאָנענ פונ מיטל-אזיע אונ אירע רײַכע האנדלס-שטעט, זיכ צונויפגעשטויסנ מיט די אראבער, אָבער זיי זײַנענ אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ.

די באפעלקערונג האָט זיכ מיט אלע קויכעס געווערט קעגנ די אראבער. צו הילפ דער ערדארבעטערישער באפעלקערונג זײַנענ געקומענ די נאָמאדנ. אָט פאר־וואָס עס האָט געדויערט קימאט 75 יאָר, ביז די אראבער האָבנ ענדגילטיק אײַנגענומענ די טעריטאָריע, וואָס ליגט צווישנ אמו־דאריא אונ סיר־דאריא. אינ דער מיט VIII יה. זײַנענ כאָרעזמ, סאָגדיאנא, בוכארא אונ אנדערע מיטל־אזיאטישע לענדער אריינ אינ באשטאנד פונעמ אראבישנ קאליפאט. די אראבער פלעגנ מערסטנטייל לאָזנ די ערד אונ די מאכט בא די אָרטיקע פירשטנ אינ די הענט, זיי פלעגנ אָבער מאכנ די פירשטנ פאר זייערע צינז־פליכטיקע. אינ די גרעסערע שטעט האָבנ זיכ באוויזנ דעמ קאליפס שטאטהאלטער אונ שטענדיקע אראבישע גארניזאָנענ.

די פארמעגלעכע האנדלס־באפעלקערונג האָט אויסגענוצט די אראבישע הערשאפט אונ האָט גענומענ פירנ האנדל מיט די לענדער, וואָס זײַנענ אריינ אינ באשטאנד פונ קאליפאט. אינ די שטעט האָט זיכ באזעצט א גרויסע צאָל אראבער, וואָס האָבנ געהאט א באשטימטע ווירקונג אפ דער אָרטיקער קולטור. צווישנ דעמ הערשנדיקנ שיכט פונ דער אָרטיקער באפעלקערונג האָט זיכ פארשפרייט דער מו־כולמענישער גלויבנ; די אראבישע שפראכ איז געוואָרנ די ליטעראַרישע אונ מעלו־כישע שפראכ.

אפ דער ערדארבעטערישער באפעלקערונג, וואָס פריער פלעגט זי אויספילנ פארשיידענע פליכטנ פאר די ערדבאזיצער, האָבנ די אראבער ארופגעלייגט א שווערנ נאטור־שטײַער. דער שטײַער פלעגט דערגיינ ביז א העלפט פונ דער גאנצער גערע־טעניש. דעריבער האָבנ די פויערימ, די שקלאפנ אונ די אָרעמע שטאָטישע באפעלקערונג שוינ אינ דער צווייטער העלפט VIII יה. ניט איינ מאָל געמאכט אופשטאנדנ קעגנ דער אראבישער הערשאפט.

מוקאנאס אופשטאנד. דער שטארקסטער אופשטאנד איז פאָרגעקומענ אינ די 70־ער יאָרנ פונעמ VIII יה. ער האָט באקומענ דעמ נאָמענ אופשטאנד פונ די „מענטשנ אינ ווײַסע העמדלעכ", ווײַל די פויערימ פלעגנ טראָגנ פאָשעטע ווײַסע קליידער. דער אָנפירער פונעמ פאָלקס־אופשטאנד איז געווענ כאשימ־איבנ־כאקימ, וואָס איז באוווסט אינ פאָלק מיטנ נאָמענ מוקאנא, וואָס דאָס באטײַט — „דער, וואָס אונטערנ שלייער".

מוקאנא האָט זיכ אינ דער יוגנט פארנומענ מיט וואשנ גרעט. נאָכדעמ האָט ער אָנגעפירט מיט איינעמ פונ די אופשטענדלער־אָטריאדנ. איינמאָל האָבנ אימ די סאָנימ געפאקט, אונ ער איז אָפגעזעסנ עטלעכע יאָר אינ טפיסע. פונ דאָרט איז ער אנטלאָפנ אונ האָט אָנגעהויבנ גרייטנ אנ אלגעמיינעמ אופשטאנד פונ די פויערימ קעגנ די ערדבאזיצער אונ קעגנ דער אראבישער מאכט. דער אופשטאנד האָט געדויערט בא זיבנ יאָר. אינ אימ האָט אָנטייל גענומענ א גרויסע צאָל פויערימ־באפעלקערונג פונ מיטל־אזיע. די אופשטענדלער פלעגנ פארכאפנ אונ כאָרעוו מאכנ שלעסער, דערהארגענענ די אָרטיקע ערדבאזיצער אונ אויסראָטנ די אראבישע גארניזאָנענ אינ די שטעט. אפ צו דערשטיקנ דעמ פויערימ־אופשטאנד, האָבנ די אראבישע עמירנ צונויפגעקליבנ א ריזיקע ארמיי. דערבײַ האָבנ זיי די ארמיי באזאָרגט אפילע מיט מאשינעס אפ ברעכנ פעסטונגס־ווענט. עס זײַנענ פאָרגעקומענ עטלעכע פארביטערטע שלאכטנ, אינ וועלכע די פויערימ־ארמיי האָט געליטנ א שווערע מאפּאָלע. אָבער אפילע נאָכ דעמ, ווי מוקאנאס אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ, האָט די פאָלקס־באוועגונג ניט אופגעהערט.



די אראבישע באזיצנ אינ קאווקאז אונ אינ מיטל-אזיע אינ VIII—IX יה.

די סאמאנידנ-מעלוכע. בא דער צעפאלונג פונעמ אראבישנ קאליפאט האָט זיכ אינ מיטל-אזיע אינ דער צווייטער העלפט IX יה. אויסגעבילדעט די טאדזשיקישע מעלוכע פונ די סאמאנידנ. טאדזשיקנ האָט מענ שפּעטער גענומענ רופנ די סאָגדינער טוישווימ. די קייסאָרימ פונ דער סאמאנידנ-דינאסטיע, וואָס זייער הויפּטשטאָט איז געווענ די שטאָט בוכארא, האָבנ זיכ באמיט צו שאפנ א שטארקע צענטראליזירטע מאכט; אזא מאכט איז זיי נייטיק געווענ צומ קאמפ קעגנ די נאָמאדנ. דעריבער האָבנ די סאמאנידנ געפירט אנ אקשאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ די באזונדערע רעגירער, וואָס האָבנ געשטרעבט צו אומאָפּהענגיקײַט.

אדאנק דער פעסטער מאכט פונ די סאמאנידנ איז אינ די מיטל-אזיאטישע סטעפּעס געוואָרנ רויִק. דאָס האָט מיטגעהאָלפנ דעמ אופבלי פונעמ האנדל און פונעמ שטאָטישנ לעבנ. די גרעסטע שטעט (בוכארא, סאמארקאנד און מערוו) האָבנ געפירט א לעבהאפטנ האנדל מיט די מיזרעכדיקע און מײַרעוודיקע לענדער, דערונטער אויכ מיט כינע און מיטנ וואָלגער קאנט.

אינ דער עפּאָכע פונ די סאמאנידנ האָט דערגרייכט צו א הויכער שטופע פונ אנטוויקלונג די ליטעראטור און די וויסנשאפט. פּאָעטנ און געלערנטע (פילאָסאָפנ, מעדיקער, געאָגראפנ, מאטעמאטיקער, היסטאָריקער א. אנד.) האָבנ געשאפנ זייער א רײַכע ליטעראטור אפ דער אראבישער און פערסישער שפּראכנ. אינ דער קייסערלעכער ביבליאָטעק אינ בוכארא האָט זיכ געפונענ א גרויסע צאָל ווערטפולע מאנוסקריפּטנ. דאָ האָט סאָפ X יה. געארבעט דער יונגער אוויצענא (איבנ-סינא), שפּעטער א בארימטער פילאָסאָפ, נאטורפאָרשער און מעדיקער. זײַנע ווערק זײַנענ איבערזעצט געוואָרנ אפ לאטײַנ און זײַנענ שטארק פארשפּרייט געווענ אינ דער מיטלאלטערלעכער אייראָפּע. לויט ווי עס דערציילט אוויצענא, איז אינ דער סאמאנידנביבליאָטעק פאר יעדנ אָפּטייל פונ וויסנשאפט און ליטעראטור געווענ אויסגעטיילט א ספּעציעלער צימער. לויטנ ביבליאָטעק-קאטאלאָג האָט מענ דאָ געקאָנט גיכ געפינענ יעטווידעס ווערק.

§ 9. די קוזרימ (כאזארנ) און די באָלגארנ אפ דער וואָלגע.

די קוזרימ-מעלוכע אפ דער וואָלגע. אינ VII יה. האָט זיכ בא דער נידערשטרעמונג פונ דער וואָלגע אויסגעבילדעט א שטארקע מעלוכע פונ די קוזרימ (כאזארנ). די קוזרימ האָבנ געפירט א האלב-נאָמאדישנ ארט לעבנ. ווינטער-צײַט האָבנ זיי געלעבט אינ די שטעט, און פרילינג-צײַט פלעגנ זיי זיכ אוועקלאָזנ מיט די טשערעדעס פי אינ סטעפּ אפ פּאשע. פיצוכט איז דאָ נאָכ אלצ געווענ די הויפּט-באשעפטיקונג. גלײַכצײַטיק אָבער האָבנ זיי זיכ באשעפטיקט אויכ מיט ערדארבעט און מיט פלאנצנ ווײַנגערטנער. בא די קוזרימ איז נאָכ געהאט פארבליבנ די אײַנטיילונג אפ שטאמענ. יעדער שטאמ האָט געהאט אינ זײַנ באזיץ א באזונדערנ באצירק ערד. די שטאמ-אָרדענונג האָט שוינ אָבער דאָ אָנגעהויבנ צעפאלנ ווערנ. פונ די שטאמענ האָט זיכ אויסגעטיילט אנ אײַנפלוסרײַכער שיכט שטאמ-אריסטאָקראטיע. בעראָש פונ דער קוזרימ-מעלוכע איז געשטאנענ א קאהאנ (קייסער), ארומגערינגלט פונ רײַכע סראָרעס. דער קייסער איז דאָ געווענ פארערט ווי א גאָט. מיט דער מעלוכע האָט אָנגעפירט ניט דער קאהאנ אליינ, נאָר זײַנער א שטאטהאלטער.

דער קאהאנ האָט געווינט אינ איטיל, וואָס געפינט זיכ ניט ווײַט פונ דער וואָלגע-לעפצונג. דאָס איז געווענ א גרויסע שטאָט מיט א פילצאָליקער באַפעלקערונג. געלעגנ איז די שטאָט אפ בײדע ברעגנ פונעם וואָלגע-אָדער. הינטער דער וואנט, וואָס האָט ארומגערינגלט די שטאָט, זײַנענ געשטאנענ הילצערנע ווינונגעג אונ פילצענע יורטעס. דעמ קאהאנס געמויערטער פאלאצ איז געשטאנענ אפ אנ אינדזל, וואָס איז געווענ פארייניקט מיטנ ברעג דורכ א שווימ-בריק. אינעמ מיזרעכדיקנ טײל שטאָט האָבנ געלעבט אָנגעפאָרענע סאָכרימ — אראבער, גריכנ, יידנ, כאָרעזמער א. אנד. דאָ זײַנענ געווענ א סאכ באזארנ, ווו מע האָט געקאָנט געפינענ די פארשיידנסטע ארטיקלענ פונ מיטל-אזיע אונ קאווקאז, פונ וואָלגער געביט אונ פונ די סלאווישע לענדער. איטיל איז געווענ דער גרעסטער צענטער פונעמ דאָרעמ-מיזרעכדיקנ האנדל. א באזונדערס גרויסע באדײַטונג האָט פאר איטיל געהאט דער האנדל מיט כאָרעזמ. די קוזרימ פלעגנ נעמענ צאָל בא די סאָכרימ; דאָס איז געווענ איינער פונ די וויכטיקסטע האכנאָסע-ארטיקלענ פונ דער קייסערלעכער קאסע. דער קעסיידערדיקער פארקער מיט די מער קולטורעלע פעלקער פונ מיזרעכ האָט געהאט א גרויסנ אײַנפלוס אפ דער אײַנאָרדענונג פונ דער קוזרימ-מעלוכע אונ אפנ שטייגער פונ איר באפעלקערונג. דער הערשנדיקער שיכט קוזרימ צוזאמענ מיטנ קאהאנ האָט אָנגענומענ די יידישע רעליגיע.

א צווייטע גרויסע שטאָט בא די קוזרימ איז געווענ די שטאָט סארקעל באמ דאָנ. סארקעל איז אויסגעבויט געוואָרנ באמ אָנטײל פונ ביזאנטישע אינזשעניערנ אונ האָט געדארפט באשיצנ דאָס לאנד קעגנ אָנפאלנ פונ די נאָמאדנ.

דעמ העכסטנ גראד מעכטיקײַט האָט די קוזרישע מעלוכע דערגרייכט אינעמ IX יה. אינ דאָרעמ האָבנ די קוזרימ אינ בונד מיט ביזאנצ מילכאָמע געהאלטנ קעגנ די אראבער אונ זײַנענ אפילע דערגאנגענ ביזנ טײַכ אראקס. צו מײַרעוו-צו פונ דער וואָלגע האָט צו די קוזרימ געהערט די טעריטאָריע צווישנ דעמ קאספישנ יאמ אונ דעמ אזאָווער. איינ צײַט האָבנ זיי געהאט באהערשט א טײל קרימ; זיי האָבנ ארופגעלייגט א צינז אפ די סלאווישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט בא די טײַכנ דניעפער אונ אָקא. אינ צאָפנ האָט זיכ די מאכט פונ די קוזרימ פארשפרייט ביז דער מיטל-וואָלגע.

די נאָענטסטע שכיינימ פונ די קוזרימ זײַנענ געווענ די פעטשעניעגנ, וואָס האָבנ אינעמ IX יה. געוואנדערט צווישנ דעמ טײַכ יאיק (אוראל) אונ דער וואָלגע. אינ דער צווייטער העלפט פונעמ זעלבנ יאָרהונדערט האָבנ די פעטשעניעגנ אונטערנ אָנדראנג פונ אנדערע נאָמאדישע שוואָטימ אונ אויכ פונ די קוזרימ, אריבערגעוואנדערט ווײַטער אפ מײַרעוו אונ האָבנ פארנומענ די סטעפעס צווישנ דאָנ אונ דניעפער.

די באָלגארישע מעלוכע אפ דער וואָלגע אונ קאמע. דער בונד פונ די באָלגארישע שוואָטימ איז זיכ צעפאלנ אונטער די קלעפ פונ אנדערע נאָמאדנ. א טײל באָלגארנ איז אוועק אפנ דונײַ. דאָ האָבנ זיכ די באָלגארנ אויסגעמישט מיט די סלאווונ, דערבײַ אָבער האָבנ די באָלגארנ איבערגעגעבנ די סלאווונ זייער שייוועטנאָמענ. א צווייטער טײל באָלגארנ איז אוועק ארופ-צו מיט דער וואָלגע אונ האָט אפ די טעריטאָריעס, וואָס ליגנ בא דער נידערשטרעמונג פונ דער קאמע אונ בא דער מיטל-וואָלגע געבילדעט א זעלבשטענדיקע מעלוכע. אינעמ פע-

ריאָד, ווען די באָלגאַרן האָבן אַריבערגעוואַנדערט אַף דער קאַמע און וואָלגע, זײַנען זיי נאָך געווען נאָמאַדן. אין די פֿאַרנומענע קאַנטן האָבן זיי אונטערטעניקט די אָרטיקע באַפֿעלקערונג, וואָס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט ערדאַרבעט און פֿיצוכט. אין די נײַע ערטער זײַנען די באָלגאַרן אַריבערגעגאַנגען צו ערדאַרבעט. לויט ווי עס דערציילן אַראַבישע שרײַבער, פֿלעגן די באָלגאַרן זייען ווייץ, גערשטן און פּראָסע.

אין דער באָלגאַרישער מעלוכע האָט די מאַכט געהערט דעם קייסער, די שוואָטים־פּירשטלעך און דער אַריסטאָקראַטיע פֿון די שוואָטים. די מערהײַט שטעט איז געלעגן ניט ווײַט פֿונעם אָרט, ווו די קאַמע פֿאַלט אַרײַן אין דער וואָלגע. די באָלגאַרישע הויפּטשטאָט אַף דער וואָלגע האָבן די אַראַבער גערופֿן „די גרויסע שטאָט". אין דער הויפּטשטאָט פֿון באָלגאַריע פֿלעגן זיך יעדעס יאָר צונויפֿפֿאָרן סאָחרים פֿון די סלאַווישע לענדער און פֿון מיטל־אַזיע. פֿון די סלאַווישע לענדער פֿלעגט מען ברענגען צו פֿירן געזונטע, שטאַלטנע שקלאַפֿן און קאָסטבאַרע מיניִם רויכוואַרג. די אַראַבישע סאָחרים פֿלעגן ברענגען שטאָלענע שווערדן, זײַדענע און באַוולנע שטאָפֿן און פֿאַרשיידענע טײַערע צירונג.

די באָלגאַרן אַליין פֿלעגן פֿאָרן נאָך רויכוואַרג אַף צאָפֿן, וואָס האָט בײַ זיי געהייסן „דאָס לאַנד פֿון פֿינצטערניש". מיט די יעגער פֿון דעם דאָזיקן לאַנד האָבן זיי געפֿירט אַן אויסטויש־האַנדל. די געבראַכטע סחורעס זײַנען פֿלעגט דער באָלגאַרישער סוחר פֿאַנאַנדערלייגן אין אַ באַשטימט אָרט און אַליין אַוועקגיין. אַף מאָרגן פֿלעגט ער לעבן זײַנע סחורעס געפֿינען פֿעלכלעך פֿון חיות. איז דער סוחר געווען צופֿרידן מיטן בײַט, פֿלעגט ער דאָס רויכוואַרג צונעמען, און זײַן אייגענע סחורע איבערלאָזן אַפֿן אָרט; טאָמער ניט, פֿלעגט ער דאָס רויכוואַרג ניט טשעפּען, און זײַן סחורע פֿלעגט ער צונעמען צוריק.

צוזאַמען מיטן מיזרח־האַנדל איז אין דער באָלגאַרישער מעלוכע אַרײַנגעדרונגען אויך די אַראַבישע קולטור, וואָס איז געשטאַנען העכער פֿון דער באָלגאַרישער. שוין אינעם X יה. האָט דער הערשנדיקער שיכט פֿון דער באָלגאַרישער באַפֿעלקערונג איבערגענומען בײַ די אַראַבער דעם מוסולמענישן גלויבן. נאָכטוענדיק די אַראַבער, האָבן די באָלגאַרן אָנגעהויבן שמידן אייגענע מאַטבייעס.

איבן־פֿאַדלאַן, אַן אָנטיילנעמער פֿון דער אַראַבישער מיסיע, וואָס האָט באַזוכט באָלגאַריע אין אָנהייב X יה., האָט געמאַכט זייער אַן אינטערעסאַנטע באַשרײַבונג וועגן זײַן רײַזע. דער באָלגאַרישער קייסער האָט באַגעגנט די שליחים ניט ווײַט פֿון דער הויפּטשטאָט. נאָכדעם זײַנען די שליחים אויפֿגענומען געוואָרן אין אַ גרויסער רײַך־באַפּוצטער יורטע. דער דיל פֿון דער יורטע איז געווען אויסגעשפּרייט מיט אַרמענישע טעפּיכער. דער קייסער איז געזעסן אַף אַ טראָן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ביזאַנטישן בראָקאַט. פֿון דער רעכטער זײַט זײַנען לעבן אים געזעסן די פֿירער פֿון די שוואָטים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטער זײַן מאַכט. בײַסן מאָלצײַט האָט מען די געסט מכבד געווען מיט שטיקער פֿלייש און מיט מעד. איבן־פֿאַדלאַן האָט געזען אָנגעפּאָרענע רוסישע סאָחרים. דאָס זײַנען געווען שטאַרקע, שטאַלטנע לײַט. יעדערער פֿון זיי איז געווען באַוואָפֿנט מיט אַ קריגעהאַק, אַ מעסער און אַ שווערד; מיטן געווער פֿלעגן זיי זיך קיינמאָל ניט שיידן. ווען אַ רײַכער רוס פֿלעגט שטאַרבן, פֿלעגט מען זײַן קערפּער אַרײַנלייגן אין אַ שיפֿל; דערבײַ פֿלעגט מען דאָס שיפֿל אַרויסציִען אַף דער יאַבאָשע, אַרײַנלייגן אַהין די זאַכן פֿונעם געשטאָרבענעם, געווער, פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן און אויך קערפּערס פֿון פֿערד, וועלכע מע פֿלעגט ברענגען אַלס קאָרבן. אין טאָג פֿון דער לעווײַע פֿלעגט מען טייטן אַ מיידל אַ שקלאַפֿן, און דאָס שיפֿל מיט די אַלע זאַכן פֿלעגט מען פֿאַרברענען.

נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך אויסגעבילדעט די באָלגאַרישע און די כוזרישע מלוכעס, האָט די וואָלגע באַקומען זייער אַ גרויסע באַדײַטונג אין די האַנדלס־באַציונגען צווישן אַזיע און אייראָפּע. מיט דער אויבערשטרעמונג אירער קומט די וואָלגע צו גאַנץ נאָענט צו דער מײַרעוו־דווינע, וועלכע פֿאַלט אַרײַן אין באַלטישן יאַם. אַדאַנק דעם האָט זיך אײַנגעשטעלט קימאַט אַ דורכווייִקער טײַך־וועג פֿונעם קאַס=

פישנ יאמ אינ באלטישנ אונ צוריק. דעמ מעהאלעכ צווישנ די טײַכנ פלעגט מענ די שיפלעכ אריבערשלעפנ מיט דער יאבאָשע.

אינ X—VIII יאָרהונדערטער פלעגנ א סאכ אראבישע סאָכרימ ארומפאָרנ אפ דער וואָלגע צוליב מיסכער. פאר די סכוירעס, וואָס זיי פלעגנ נעמענ, פלעגנ זיי צאָלנ מיט קליינע זילבערנע מאטבייעס, וואָס האָבנ געהייסנ „דירהעמ". די „דירהעמס" פלעגנ זיכ דערנאָכ פארשפרייטנ איבער גאנצ מיזרעכ־אייראָפע, פלעגנ ארײַנפאלנ אינ די באלטישע קאנטנ, אינ סקאנדינאוויע אונ אפילע קיינ דײַטשלאנד.

אזויארומ איז מיזרעכ־אייראָפע אינעמ IX—VIII יאָרהונדערטער ארײַנגעצויגנ געוואָרנ אינ האנדלס־באצויונגענ אי מיטנ מיזרעכ, אי מיטנ מײַרעוו.



די קיִעווער מעלוכע

קאַפּיטל III.

די אויסבילדונג פונ דער קיִעווער מעלוכע.

10 §. די סלאַוונ אינ VI—IX יאָרהונדערטער.

די סלאַוונ אינ VI—VII יאָרהונדערטער. די אורעלטערנ פונ די סלאַוונ האָבנ פונ פאַרצײַטנס אָנ באַוווינט דעמ גרעסטנ טײל פונ מיזרעכ=אײראָפּע. לויט ווי עס דערציילנ די רוימישע שרײַבער פונעמ I—II יה., וואָס האָבנ געקענט די סלאַוונ אונטערנ נאָמענ ווענעדנ, האָבנ די סלאַוונ געלעבט באַמ טײַכ ווײַסל אונ אפנ דאָרעמדיקנ ברעג פונעמ באַלטישנ יאַמ.

די ביזאַנטישע שרײַבער פונעמ VI יה. האָבנ אונטערשיידט די מײַרעוו=סלאַוונ פונ די מיזרעכ=סלאַוונ, וועלכע האָבנ באַ זיי געהייסנ אַנטנ. געלעבט האָבנ דעמלט די מיזרעכ=סלאַוונ באַ די טײַכנ דניעסטער אונ דניעפּער ביזנ ברעגלאַנד פונ שוואַרצנ יאַמ אונ ווײַטער=צו אפּ מיזרעכ. זיי האָבנ זיכ באַשעפטיקט מיט ערדאַרבעט, פּיצוכט, פישפאַנג אונ יאַגד. זיי האָבנ געקענט די מעלאָכע פונ באַאַרבעטנ מעטאַלנ. געלעבט האָבנ זיי אינ הײַזקעס, געפלאָכטענע פונ צווײַגנ אָדער אָטשערעט אונ אַרומגעשמירטע מיט לײמ. די ייִשוווימ פלעגנ זיי אַרומרינגלענ מיט גראָבנס, מיט ערדענע וואַלנ אונ הילצערנע ווענט.

די מיזרעכ=סלאַוונ האָבנ דעמלט נאָכ געלעבט שוואָטימווײַז: זייערע איניאָנימ פלעגנ זיי לייזנ אפּ דער שייִוועט=פאַרזאַמלונג; די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט געהייסנ „וועטשע“ (פונעמ וואָרט вещать —ריידנ). אָנגעפירט מיט דער געמײנדע האָבנ

עלטסטע, אָדער פירשטנ; אייניקע פונ זיי האָבנ געהאט א ווירקונג ניט נאָר בא זיכ אינ שייוועט, נאָר אויכ בא די שכיינישע שוואָטימ.

בא די מיזרעכ־סלאווונ האָט עקזיסטירט פאטריארכאלע שקלאפערײַ, אָבער אינ דער ווירטשאפט אינ זייערע האָט די שקלאפנ־ארבעט ניט געשפילט קיינ באדײַטנ־דיקע ראָליע. די געפאנגענע פלעגט מענ אָדער פארקויפנ צו פרעמדלענדישע סאָכרימ, אָדער מע פלעגט זיי נאָכ עטלעכע יאָר געפאנגענשאפט אָפלאָזנ אהיימ אונ נעמענ דערפאר אויסקויפ־געלט, אָדער מע פלעגט זיי גאָר פרײַ לאָזנ אונ געבנ דאָס רעכט צו לעבנ אינ דער געמיינדע אלס פרײַע מענטשנ.

פונעמ V יה. הייבנ די סלאווונ אָנ צו מאכנ אָנפאלנ אפ דער טעריטאָריע פונ דער ביזאנטישער אימפעריע. דער הויפט־צוועק איז דערבײַ געווענ פארכאפנ רויב אונ געפאנגענע, וועלכע זיי פלעגנ דערנאָכ פארקויפנ. די מיזרעכ־ אונ מײַרעוו־סלאווונ פלעגנ יאָר־אײַנ, יאָר־אויס באפאלנ אונ כאָרעוו מאכנ די געביטנ באמ דונײַ, וואָס האָבנ געהערט צו דער ביזאנטישער אימפעריע. ווּקסיקע, שטארקע, פײַיק אויסצו־שטיינ פארשיידענע שוועריקײַטנ, פלעגנ די סלאווונ לײַכט איבערטראָגנ היצ, קעלט, הונגער. אפ מילכאָמע פלעגנ זיי ארויסווײַזנ גרויס פלינקײַט אונ כיטרעקײַט, אונ זײַענדיק באוואָפנט נאָר מיט פאנצערס אונ שלײַדער־שפיזנ, פלעגנ זיי זיכ דרייסט ווארפנ אינ שלאכט קעגנ די סאָנימ. ווענ די סלאווונ פלעגט אויסקומענ ראטעווענ זיכ פונעמ סוינע, פלעגנ זיי זיכ אראָפלאָזנ ביז איבערנ קאָפ אינ וואסער אונ עטעמענ דורכ אנ אָטשערעט־רערל, וואָס זיי פלעגנ האלטנ אינ מויל. בײַמ די מילכאָמעס מיט ביזאנצ האָבנ זיכ די סלאווונ אויסגעלערנט בא די ביזאנטיער קריגס־טעכניק אונ האָבנ זיכ אײַנגעשאפט געווער; דערבײַ האָבנ זיי זיכ אויסגעלערנט באגיינ מיטנ גע־ווער בעסער פונ די ביזאנטיער אליינ.

פונעמ VI יה. אָנ האָבנ זיכ שוינ די סלאווונ ניט באנוגנט נאָר מיט מאכנ אָנ־פאלנ אפ די גרענעצ־געביטנ פונ דער ביזאנטישער אימפעריע, — זיי האָבנ זיכ אויכ גענומענ פארפונדעווענ אפ די פארכאפטע טעריטאָריעס. זיי האָבנ באפעלקערט דעמ גאנצנ צאָפנדיקנ טייל פונעמ באלקאנישנ האלב־אינדזל קימאט ביז סאמע קאָנ־סטאנטינאָפאָל אונ זײַנענ אפילע ארײַנגעדרונגענ אינ פעלאָפאָנעס.

אינ VII יה. האָט זיכ אינעמ טאָל פונ דונײַ ארײַנגעריסנ א נאָמאדישע האָר־דע באָלגארנ. אינ קולטור־הינזיכט זײַנענ די סלאווונ די ערד־ארבעטער, וואָס האָבנ געלעבט באמ דונײַ, געשטאנענ א סאכ העכער פונ די באָלגארנ די פיציכטלער. דע־ריבער האָבנ זיכ דאָ די באָלגארנ גיכ סלאוויזירט. סאָפ VII יה. האָט זיכ צו דאָ־רעמ־צו פונ דונײַ אויסגעבילדעט א סלאווישע מעלוכע, וואָס האָט באקומענ דעמ נאָמענ באָלגאריע (אָדער דונײַ־באָלגאריע, צומ אונטערשייד פונ דער באָלגאריע אפנ טײַכ קאמע). אינ דער שפיצ פונ דער האָזיקער מעלוכע זײַנענ געשטאנענ די יאָר־שימ פונ די באָלגארישע פירשטנ.

די סלאווישע שוואָטימ אינ VIII—IX יה. אינ VIII—IX יאָרהונדערטער זײַנענ די מיזרעכ־סלאווונ געווענ צעטיילט אפ עטלעכע שוואָטימ. יענע סלאווישע שוואָטימ, וואָס האָבנ אמאָל געהאט געלעבט אינ די שווארציאמישע סטעפעס אונ בא די ברעגנ פונעמ שווארצנ יאמ, זײַנענ אינ גרעסטנ טייל אויסגעראָטנ געוואָרנ דורכנ שטראָמ פונ די נאָמאדנ. בא דער מיטלשטרעמונג פונעמ דניעפער, אינעמ ראיאָנ פונ קיעוו, בא דער סאמע גרענעצ מיטנ סטעפ, האָבנ געלעבט די פאָליאנער (פונעמ וואָרט «поле», ד.ה. סטעפ). צו מײַרעוו־צו פונ די פאָליאנער (אינ די מײַ־

רעוו=געביטנ פונ דער איצטיקער אוקראַינע) האָבנ געלעבט די דולעבנ, אָדער וואָלינער, אונ צו צאָפנ=מיזרעוו=צו, ביזנ בײַטײַכ פונעמ דניעפּער — פּריפּיאַט — האָבנ געלעבט די דרעווליאַנער („וואַלד=אײַנוווינער“). צו צאָפנ=צו פונ פּריפּיאַט ביז דער מיזרעוו=דווינע האָבנ זיכ געפונענ ישוווימ פונ די „זומפּ=אײַנוווינער“—דרעגאָוויטשער («дрягва» — באַטײַט א זומפּ). אפנ לינקנ ברעג דניעפּער, לענגויס דעמ בײַטײַכ פונ דניעפּער — דעסנע — האָבנ געלעבט די סעווערינער. בא דער אויבערשטרעמונג פונעמ דניעפּער, אָנגעהויבנ פונעמ ראַיאָנ פונ סמאָלענסק, אונ אויכ בא דער מיזרעוו=דווינע האָבנ א גרויסנ שטעכ פאַרנומענ די קריוויטשנ. א באַזונדערער שייוועט זײַנענ געווענ די ראַדימיטשנ, וואָס האָבנ געלעבט באַמ טײַכ סאָזש, א בײַטײַכ פונ דניעפּער. די סלאַוונ, וואָס האָבנ געלעבט בא די ברעגנ פונ דער אָזערע אילמענ, זײַנענ באַקאַנט אונטערנ נאָמענ אילמענער, אָדער, לויטנ נאָמענ פונ דער שטאָט נאָווגאָראָד, נאָווגאָראָדער סלאַוונ. צו מיזרעכ=צו פונעמ דניעפּער=באַסיינ, בא דער אָקא אונ איר בײַטײַכ מאָסקווע, האָבנ געלעבט די וויאַטיטשנ.

די באַשעפטיקונגענ אונ די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פונ די מיזרעכ=סלאַוונ. אינ דער צײַט, וואָס ווערט דאָ באַשריבנ, זײַנענ די מיזרעכ=סלאַוונ געווענ דעריקער אַנ ערדאַרבעטעריש פאָלק. אינ די וואַלדיקע געגנטנ איז נאָכ די ערדאַרבעט געפירט געוואָרנ אפנ אויסהאַק=אויפנ, דה. מע פלעגט די קליינע ביימער אויסהאַקנ, פונ די גרויסע ביימער פלעגט מענ אראָפּרײַסנ די קאָרע, קעדיי זיי זאָלנ פאַרטריקנט ווערנ, אונ אינ א יאָר ארומ פלעגט מענ דעמ גאַנצנ באַצירק, וואָס איז אזויאַרומ צוגעגרייט געוואָרנ פאַר אַנ אַקער=פעלד, אויסברענענ אונ ווייכ מאַכנ מיט מאָטיקעס אָדער אופּאַקערנ.

צוגלײַכ מיט דער ערדאַרבעט האָבנ דאָ א גרויס אָרט אינ דער ווירטשאַפט פאַרנומענ די וואַלד=געווערבנ (יאַגד, וואַלד=בינענצוכט) אונ דער פישפאַנג. אינ די דאָרעמדיקע ראַיאָנענ האָט די ערדאַרבעט געהאַט א גרעסערע באַדײַטונג איידער אינ צאָפנ.

צומ IX יה. איז די שטאַמ=אָרדענונג בא די מיזרעכ=סלאַוונ שוינ געווענ היפּש צעפאַלנ, אָבער אייניקע רעשטנ פונ דער שטאַמ=אָרדענונג זײַנענ נאָכ פאַרבליבנ אַפּילע ביזנ XI יה. מע פלעגט נאָכ אָנווענדנ די בלוט=נעקאָמע, האָגאַמ ניט אינ אַזאַ ברייטנ פאַרנעמ ווי בא דער שטאַמ=אָרדענונג. עס האָבנ זיכ אופגעהיט די כאַסענע=מינהאָגימ, וואָס זײַנענ כאַראַקטעריסטיש פאַרנ פּאַטריאַרכאַלנ שטאַמ. בא אייניקע מער אָפגעשטאַנענע שוואָטימ איז נאָכ פאַרבליבנ דער מינהעג פונ אַוועקרויבנ פרויענ. בא אַנדערע שוואָטימ פלעגט מענ קויפנ א פרוי פאַר געצאָלט (דאָס געצאָלט האָט געהייסנ «вено»). ווער עס איז געווענ רײַכער, האָט געהאַט עטלעכע ווײַבער. אָבער קיינ שטאַמ אינעמ פולנ זינ פונעמ וואָרט האָט שוינ ניט עקזיסטירט. די שטאַמענ האָבנ גענומענ צעפאַלנ ווערנ אפ באַזונדערע גרויסע מישפּאָכעס. די באַזונדערע מישפּאָכעס, וואָס זײַנענ ניט געווענ פאַרבונדנ מיט קיינ קרויוועשאַפט אונ האָבנ געלעבט בישכיינעס אפ איינ אַלגעמיינער טעריטאָריע, האָבנ געבילדעט די ערד=געמיינדע. די דאָזיקע ערד=געמיינדע האָט בא די מיזרעכ=סלאַוונ געהייסנ „ווערוו“ («вервь»). די ערדאַרבעטער, מיטגלידער פונ דער געמיינדע, האָבנ געהייסנ „סמערדנ“. די וואַלד=באַצירקנ אונ די פּאַשע=פּלעצער זײַנענ געווענ א געמיינזאַמ אייגנס פונעמ ווערוו. יעדע מישפּאָכע, וואָס איז אַרײַנגעגאַנגענ אינ דער געמיינדע, האָט געהאַט דאָס רעכט צו פּאַשענ איר פי אפ דער אַלגעמיינער פּאַשע, אינעמ אַלגעמיינעמ וואַלד אַרויסנעמענ פונ דער בוימ=אויסהוילונג דעמ האָניק פונ די ווילדע בינענ, אַוועק=

שטעלנ א נעצ («перевесь») אפ צו פאנגענ בהיעם אונ פייגל. די אקערפלעצער זהיינענ געווענ א פולשטענדיק אייגנטום פונ באזונדערע מישפאָכעס. אינ צענטער פונ דער געמיינדע האָט זיכ געפונענ א באפעסטיקטער יישעוו («городок»), וואָס האָט בעשאס א געפאר געדינט פאר די געמיינדע=מיטגלידער אלס באהעלטעניש (דאָס רוסישע וואָרט «город» — א שטאָט — באטהיט אנ ארומגעצוימט אָרט). פונ צווישנ די געמיינדע=מיטגלידער טיילט זיכ ביסלעכווהיז אויס א גרופע מער פארמעגלעכע עלטסטע („סטארצעס"*), וואָס בא זיי אינ די הענט קאָנצענטרירנ זיכ גרויסע שטיקער לאנד. די דאָזיקע ערד פלעגנ באארבעטנ ניט נאָר די מישפאָכע=מיטגלידער. א טייל געפאנגענע פלעגט מענ שוינ אצינד מאכנ פאר שקלאפנ אונ צווינגענ זיי צו ארבעטנ. אָבער גלהיכ ווי אייניקע אנדערע אייראָפהיִשע פעלקער פונ מיטלאלטער (צום בהישפיל, די קעלטנ, גערמאנער), האָבנ אויכ די סלאווונ אויסגעמיטנ די שקלאפנבאזיצערישע פאָרמאציע אונ זהיינענ פונ דער שטאם=אָרדענונג אריבער צום פעאָדאליזם.

ביים מילכאָמעס פלעגנ פונ צווישנ די עלטסטע אויסגעוויילט ווערנ קריגס=אָנפירער — פירשטנ. די אָנפירערשאפט אינ די מילכאָמעס האָט געגעבנ די פירשטנ נהיע מעגלעכקהיטנ זיכ צו בארהיכערנ, וואָרעמ באמ טיילנ דאָס רויב אונ די געפאנגענע פלעגט דער פעטסטער ביסנ אָנקומענ זיי. דאָס האָט זיי געגעבנ די מעגלעכקהיט אויסצוהאלטנ אפ זייער אייגענעמ כעזשבנ קריגער=אָטריאדנ אָדער דרוזשינעס, וואָס פאר זיי איז מילכאָמע געווענ דאָס הויפט=מיטל פונ עקזיסטענצ. מיט דער הילפ פונ די דרוזשינעס פלעגנ די פירשטנ פארכאפנ די מאכט בא זיכ אינ שייוועט.

בעראָש פונ יעדנ שייוועט זהיינענ געשטאנענ עטלעכע פירשטנ, וואָס איינער פונ זיי האָט זיכ גערעכנט פארנ הויפט=פירשט. אזוי, צום בהישפיל, האָט זיכ בא די דרעווליאנער אינמיטנ X יה. אלס הויפט=פירשט גערעכנט מאל. בענעגייע אלע פראגנ, וואָס האָבנ געהאט א שהיכעס צום שייוועט, האָט זיכ דער הויפט=פירשט געמוזט בעראטנ מיט די איבעריקע שייוועט=פירשטנ אונ מיט די שייוועט=עלטסטע. צומאָל פלעגט צונויפגערופנ ווערנ די „וועטשע" — דה. א פארזאמלונג פונעמ גאנצנ שייוועט.

אזוינע פירשטנטומס האָבנ זיכ אינעמ IX יה. אויסגעבילדעט בא אלע סלאווישע שוואָטימ פונ מיזרעכ=אייראָפע. די צענטערס פונ די דאָזיקע פירשטנטומס זהיינענ געווענ די שטעט, ווו עס האָבנ געוווינט די פירשטנ מיט זייערע דרוזשינעס. אינ IX יה. זהיינענ באקאנט פאָלגנדיקע שטעט: בא די פאָליאנער — קיִעוו, בא די סעווריאנער — טשערניגאָוו, בא די קריוויטשנ — סמאָלענסק באמ דניעפער אונ פאָלאָצק בא דער מהירעוו=דווינע, בא די אילמענער סלאווונ — נאָווגאָראָד אאוו.

די סלאווישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט צו מיזרעכ=צו פונעמ דניעפער (די וויאטיטשנ, די סעווריאנער), אונ אויכ די פאָליאנער, וואָס האָבנ געלעבט ניט ווהיט פונ סטעפ, זהיינענ אינ IX יה. באצוווּנגענ געוואָרנ דורכ די קוזרים, וועמענ זיי האָבנ געצאָלט צינז מיט פעלכלעכ פונ וועווערקעס אונ פונ אנדערע באלעכאיִמ.

די רעליגיע פונ די מיזרעכ=סלאווונ. ביזנ X יה. זהיינענ די סלאווונ געווענ געצנדינער. זיי האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט, אז אלצ אינ דער נאטור איז באלעבט, אונ האָבנ צוגעשריבנ דער נאטור מענטשלעכע אייגנשאפטנ. אינ אלצ, וואָס זיי האָט ארומגערינגלט, — אינ די שטיינער, טהיכלעכ, ביימער, גראָזנ, אינ יעדער זאכ, האָט זיכ זיי געדוכט, שטעקט א וואונדער=קראפט. דעריבער פלעגנ זיי ברענגענ קאָרבאָנעס

צו די נאטור-געגנשטאנדנ: די צווײַגנ פונ הייליקע ביימער פלעגנ זיי באהענגענ מיט שטיקלעכ שטאָפ, זיי פלעגנ ווארפנ מאטאָנעס אינ וואסער. די סלאוונ האָבנ געהאלטנ, אז אויכ אייניקע כײַעס אונ פייגל באזיצנ אזא מינ ווונדער-קראפט. די גאנצע וועלט, האָט זיכ זיי געדוכט, איז פול מיט גײַסטער. די סלאוונ האָבנ געגלייבט, אז אינ יעדנ וואלד איז דאָ אנ אייגענער וואלד-גײַסט, אונ פונ אימ ווענדט זיכ, אז די יאגד זאָל געראָטנ. איידער זיי פלעגנ גיינ אפ יאגד, פלעגנ זיי איבערלאָזנ פארנ וואלד-גײַסט א שטיקל ברויט אפ א פניאָק. איידער זיי פלעגנ גיינ אפ פישפאנג, פלעגנ זיי זיכ סטארענ פארגינסטיקנ מיט קאָרבאָנעס דעמ וואסער-גײַסט. כוץ דעמ וואסער-גײַסט האָבנ אינ וואסער, לויט דער פאָרשטעלונג פונ די סלאוונ, געלעבט „רוסאלקעס“ — וואסער-מיידלעכ. בא יעדנ סלאוו אינ שטוב איז נאָכ געווענ אנ אייגענער גאָט, דער „דאָמאָוואָי“, וואָס האָט אימ געהאָלפנ פירנ די שטוביקע ווירטשאפט.

אלע נאטור-דערשײַנונגענ פלעגנ די סלאוונ דערקלערנ מיט דער עקזיסטענצ פונ ספּעציעלע איבערנאטירלעכע וועזנס — געטער. דער הויפט-גאָט איז געווענ די זונ, אָדער דאזשד-גאָט, דער זונ פונ סוואראָג, דעמ גאָט פונעמ הימל. לעקאָוועד דער זונ פלעגנ די סלאוונ זומער-צײַט, בעשאס די גרעסטע טעג, פראווענ א גרויסנ יאָנטעוו. אינ דער נאכט פונ 24 יונ (לויטנ אלטנ סטיל) פלעגט מענ פארצײַטנס ברענגענ א קאָרבנ צו גאָט — מע פלעגט דערטרינקענ א מיידל אינ וואסער. שפּעטער האָט מענ אָנשטאָט א מיידל אָנגעהויבנ דערטרינקענ א ליאלקע, אונ די מענטשנ פלעגנ זיכ אויסבאָדנ אינ טײַכ. די דאָזיקע נאכט האָט מענ גערופנ די קופאלא-נאכט („די נאכט פונ באָדנ זיכ“). פײַער האָבנ די סלאוונ געהאלטנ פאר גאָטס א זונ. דער גאָט פונ געוויטער איז געווענ פערונ. בײַמ א געוויטער, האָבנ די סלאוונ געמיינט, טראָגט זיכ דער גאָט פערונ אפ א רײַטוואָגנ איבערנ הימל אונ שלאָגט מיט פײַערדיקע פײַלנ די בייזע גײַסטער. אלס גאָט פונ ווינט האָט זיכ גערעכנט סטריבאָג. דער באשיצער פונ פיצוכט אונ פונ ערדארבעט איז געווענ דער „גאָט פונעמ פי“ וועלעס. אימ האָט מענ געהאלטנ אויכ פארנ באשיצער פונ זינגער.

די סלאוונ האָבנ געגלייבט, אז די נעשאָמעס פונ די פאָרשטאָרבענע בלײַבנ לעבנ אויכ נאָכנ טויט פונעמ מענטשנ. קעדיי די נעשאָמעס זאָלנ האָבנ וואָס צו עסנ, פלעגט מענ זיי איבערלאָזנ שפּײַז אפ די קוואָרימ. די לעווייע-מינהאָגימ זײַנענ בא די סלאוונ געווענ פארבונדנ מיטנ מייסימ-קולט. בא פארשיידענע סלאווישע שוואָטימ זײַנענ די דאָזיקע מינהאָגימ געווענ פארשיידנ: אינ אייניקע ערטער פלעגט מענ באגראָבנ דעמ טויטנ קערפּער אינ א קייווער, אינ אנדערע ערטער פלעגט מענ דעמ קערפּער פארברענענ אונ דאָס אש פארגראָבנ אינ דער ערד (צומאָל אינ עפּעס א קיילע). אפנ קייווער פלעגט מענ אָנשיטנ א קורגאנ. דעמ טויטנ פלעגט מענ באזאָרגנ מיט אלצ, וואָס ס'איז נייטיק צומ לעבנ אפ יענער וועלט: צוזאמענ מיט אימ פלעגט מענ פארברענענ אונ ארײַנלייגנ אינ קייווער ארײַנ פארשיידענע ווירטשאפט-כפייצימ (א מעסער, א פײַער-שטיינ, געווער, געפעס אאוו.). ווענ ס'פלעגט שטארבנ א רײַכער מענטש, פלעגט מענ צוזאמענ מיט אימ באגראָבנ איינס פונ זײַנע ווײַבער אונ אויכ שקלאפנ. נאָכ דעמ, ווי מע פלעגט אפנ קייווער אָנשיטנ דעמ קורגאנ, פלעגט מענ לעקאָוועד דעמ פארשטאָרבענעמ פראווענ א „טריזנע“, דה. מע פלעגט אײַנאָרדענענ קריגס-שפּילנ אונ שטעלנ קיבעד. דערבײַ האָט מענ געמיינט, אז אינ דעמ מאָלצײַט באטייליקט זיכ אויכ דער פארשטאָרבענער.

קיינ טעמפּלענ זײַנענ בא די סלאַוונ ניט געווענ. די הילצערנע אָפּגעטער פלעגט מענ שטעלנ אונטערנ אָפענעמ הימל. קעדיי צו פאַרגיטיקנ די געטער, דערשלאָגנ זיכ בא זיי הילפ אונ אײַנשטילנ זייער צאָרנ, פלעגט מענ זיי ברענגענ קאָרבאָנעמ. צומאָל פלעגט מענ ברענגענ אויכ מענטשלעכע קאָרבאָנעמ. די סלאַוונ האָבנ געגלייבט, אַז עס זײַנענ פאַראַנ מענטשנ, וואָס קאָנענ טרעפנ דעמ ווילנ פונ די געטער; אַזוינע מענטשנ האָבנ בא זיי געהייסנ „וואָלכוונ“ (מעכאשפימ). מע האָט געהאַלטנ, אַז זיי ווייסנ פונ אַזוינע „שפּרוכנ“, מיט וועלכע זיי קאָנענ קלוימערשט באַצווינגענ די נאַטור־קויכעס, אויסהיילנ פונ קראַנקײַטנ, מעגולגל ווערנ אינ כײַעס אאַוו. די געצנדינערישע אײַנגלויבענישנ פונ די סלאַוונ זײַנענ פאַרבליבנ אינעמ פאָלק אינ מעשעכ פונ יאָרהונדערטער, ווי, צומ בײַשפּיל, דאָס גלייבנ אינעמ „דאָמאָוואָי“ (דעמ שטוב־גײַסט), אינעמ „לעשי“ (דעמ וואַלד־שעד) אונ אַנדערע אָבערגלויבנס.



א נאָרמאַנישע שיפ,
געפונענ אינ אָזעבערג
(נ אָ ר ו ו ע ג י ע).

די שכיינימ פונ די סלאַוונ. אינעמ דאָרעמ־מיזרעכדיקנ טייל פונעמ באַלטישנ ברעגלאַנד — פונעמ טײַכ ניעמאַנ ביז דער מײַרעוו־דווינע — האָבנ געלעבט די ליטווינער. זיי זײַנענ באַשטאַנענ פונ א ריי קליינע שוואָטימ. אינעמ לאַנד צווישנ ניעמאַנ אונ דער ווײַסל האָבנ געלעבט די פרײַסנ. בא די רעכטע בײַטײַכנ פונעמ נידער־ניעמאַנ האָט געלעבט די זשמוד. אינעמ געביט פונ דער מיטלשטרעמונג פונעמ ניעמאַנ האָבנ געלעבט די אייגנטלעכע ליטווינער (ליטווא). דער דאָזיקער נאָמענ איז נאָכדעמ געוואָרנ אַנ אַלגעמיינער פאַר אַלע קרויווישע ליטווישע שוואָטימ. אפנ רעכטנ ברעג, בא דער נידערשטרעמונג פונ דער מײַרעוו־דווינע, האָט געלעבט די לעטגאַלאַ; אפנ לינקנ ברעג — די זימיגאַלאַ; פונ די דאָזיקע צוויי שוואָטימ האָט זיכ שפּעטער אויסגעבילדעט די לעטישע פעלקערשאַפט. די שטיקער לאַנד, וואָס ליגנ בא דער שטרעמונג פונ די טײַכנ, וועלכע פאַלנ אַרײַנ אינ באַלטישנ יאַמ, זײַנענ געווענ באַדעקט מיט געדיכטע וועלדער אונ מיט א סאַכ זומפּנ. די ליטווינער האָבנ געלעבט אינ די דאָזיקע וואַלד־געדיכטענישנ אינ קליינע יישוווימ, זיי האָבנ ניט געהאַט ניט קיינ שטעט, ניט קיינ פאַרפעסטיקונגענ. די קליינע שטאַמענ אונ שוואָטימ־בונדנ זײַנענ איינע מיט די אַנדערע מיט גאָרנישט ניט געווענ פאַרבונדנ. די באַפעלקערונג האָט זיכ באַשעפטיקט מיט יאַגד, מיט ערדאַרבעט אונ טיילווײַז מיט פיצוכט. די ליטווינער, וואָס האָבנ געלעבט באַמ ברעג יאַמ, האָבנ זיכ באַשעפטיקט מיט יאַמ־געווערבנ, זיי פלעגנ אַרויסבאַקומענ בורשטינ, וואָס דאָס איז אינ יענער צײַט זייער טײַער געשאַצט געוואָרנ, אונ האָבנ געפירט האַנדל מיט די שכייניש פעלקער (צומ בײַשפּיל, מיט די סקאַנדינאַווונ).

צו צאָפנ־מיזרעכ־צו פונ די ליטווינער אונ סלאַוונ האָבנ געלעבט פאַרשיידענע שוואָטימ: טשוד, עסטנ, מעריא, מאָרדווא, טשערעמיסנ (מאַרי) א. אַנד. זיי האָבנ באַוווינט די וואַלד־שטעכנ פונ צאָפנ־מיזרעכ־אייראָפּע. די גרונט־באַשעפטיקונג פונ דער

באפעלקערונג איז א לאנגע צײַט נאָך געװען יאגד און פישפאנג. די צאָפּנ־װעלדער זײַנען זײער רײַך געװען מיט סויבלען, מארדערס, װעװערקעס, פוקסן און אנדערע בהמות, װאָס גיבן װערטפול רויכװאַרג. דאָס האָזיקע רויכװאַרג פלעגן געוויסע אויפֿקויפֿן די מיזרעך־סאָכרים אפ דער װאָלגע און די אײראָפּײִשע סאָכרים אפן ברעג־לאנד פונעם באלטישן יאם. די באפעלקערונג האָט געלעבט אין ערד־שטיבלעך, דערבײַ פלעגט מען צום באזעצן זיך אויסקלײַבן אזעלכע ערטער, װאָס זײַנען דורך די עצעם נאטור־באדינגונגען באשיצט געװען פון אָנפאלן פון סאָנים.

די װאריאגן אין מיזרעך־אײראָפּע. דורך די לענדער, װוּ עס האָבן געלעבט די מיזרעך־סלאװן, איז געלעגן דער װאסער־װעג, װאָס האָט פאריײניקט דעם באלטישן יאם מיטן שװארצן: „דער װעג פון די װאריאגן צו די גריכן“, דאָס הײסט, פונעם װאריאגן־לאנד — פון סקאנדינאװיע — קײן ביזאנץ. דער דאָזיקער װעג איז געגאנגען פונעם פינישן אײַנגוס מיט דער ניעװא צו דער לאדאָגער אָזערע, װײַטער מיטן טײַך װאָלכאָװ װאסער־ארוף ביז דער אָזערע אילמען און פון דער אָזערע אילמען צום טײַך לאָװאט. פונדאנען פלעגט מען די שיפן אריבערשלעפן מיט דער יאבאָשע ביז צו דער אױבערשטרעמונג פון דער מײַרעװ־דװינע. אזױארום פלעגט מען צוקומען ביז דער אױבערשטרעמונג פונעם דניעפּער און מיטן דניעפּער זיך אראָפּלאָזן צום שװארצן יאם. מיט דעם דאָזיקן װעג זײַנען אין IX יה. אין גע־יעג נאָך רויב געגאנגען גאנצע באנדעס װאריאגן, — אזוי האָט מען אין מיזרעך־אײראָפּע גערופן די אײַנװױנער פון סקאנדינאװיע — די נאָרמאנען. מיט זײערע אָנפאלן פלעגן די נאָרמאנען דעמלט ארופװארפן א פּאכעד אפ גאנץ מײַרעװ־אײראָפּע. אין די לענדער פון די מיזרעך־סלאװן פלעגן זײ זיך פארקלײַבן צוליב גזײלע און רויבערישן האנדל. די װאריאגן זײַנען געװען אָרגאניזירט אין קריגס־מאכנעס און־טער דער קאָמאנדע פון קאָנונגן אָדער פירשטן. זײ פלעגן באפאלן די סלאװן און אנדערע שװאָטים, אָפּנעמען בא זײ דאָס רויכװאַרג, פארכאַפּן געפאנגענע און אװעק־פירן דאָס אָנגערויבטע צום פארקויפן קײן קאָנסטאנטינאָפּאָל אָדער אריבערפירן עס מיטן װאסער איבער דער װאָלגע צו די באָלגארן און אין דער הויפּטשטאָט פון די קוזרים איטיל. די סלאװן און די שכײניש פעלקער זײערע זײַנען ניט אײן מאָל אופגעשטאנען קעגן די רויבער און פלעגן זײ פארטרײַבן.

אײניקע װאריאגער פירשטן מיט זײערע דרוזשינעס האָבן אָנגעהויבן פארכאַפּן די סאמע באקװעמע פונקטן אפן „װעג פון די װאריאגן צו די גריכן“ און ארופ־לײגן צינז אפ דער ארומיקער סלאװישער באפעלקערונג. זײער אָפּט פלעגן זײ אומ־ברענגען אָדער אונטערטעניק מאכן די אָרטיקע סלאװישע פירשטן און אלײן זיך אװעקשטעלן אין זײער אָרט. װי עס װערט דערצײלט, האָט אײנער פון די דאָזיקע אװאנטיוריסטן — ריוריק — אינמיטן IX יה. זיך באפעסטיקט אין נאָװגאָראָד, װאָס איז געװען דער שליסל פון צאָפּן צום דניעפּער־װעג. זײַן ברודער סינעוס איז געזעסן בא בעלאָאָזערא, דורכװאַנען עס איז געלעגן דער װעג פונעם פינישן אײַנגוס צו דער װאָלגע, און נאָך א ברודער זײַנער, טרוװאָר, האָט זיך באזעצט אין איזבאָרסק, א שטאָט, װאָס האָט געהערשט איבער די װעגן צום באלטישן ברעג־לאנד צװײ אנדערע אָנפירער פון די װאריאגער מאכנעס, אסקאָלד און דיר, האָבן אינעם לאנד פון די פּאָליאנער פארנומען קיִעװ, װאָס איז געװען א װיכטיקער פונקט אפן „װעג פון די װאריאגן צו די גריכן“ אין דאָרעם. אויך אפן צװײטן װעג, פונעם באלטישן יאם צום דניעפּער מיט דער מײַרעװ־דװינע, אינעם פּאָלאָצ־



מע שלעפט אריבער שיפנ מיט דער יאבאָשע.
קעניגסבערגער כראָניק.

קער פירשטנטום, האָט זיכ באפעסטיקט א געקומענער פונ סקאנדינאוויע. א וואריאנער פירשט, וואָס פלעגט פארנעמענ א סלאווישע שטאָט, פלעגט באשיצנ די אײַנוווינער קעגנ אנדערע אזוינע רויבער ווי ער, דערפאר אָבער פלעגט ער אליינ לעבנ אינגאנצנ אפנ כעזשבנ פונ דער באפעלקערונג. א סאכ שפעטער, אינ XI יה. איז געשאפנ געוואָרנ א לעגענדע, אז מאכמעס די קעסיידערדיקע רײַסערײַענ צווישנ זיכ, האָבנ די נאָווגאָראָדער סלאווונ קלוימערשט, לויט זייער אייגענער איניציאטיוו, אײַנגעלאדנ אינ 862 י. (דאָס יאָר האָט דער כראָניק-שרײַבער ארײַנגעשטעלט לויט אנ אייגענער האשאָרע) ריוריקנ מיט זײַנע ברידער. די דאָזיקע מײַסע איז אויסנ געווענ צו דערווײַזנ, אז ריוריקס יאָרשימ האָבנ דאָס רעכט אפנ טיטל פירשט. אינ די וואריאגער דרוזשינעס, וואָס האָבנ זיכ באפעסטיקט אינ די סלאווישע לענדער, האָבנ זיכ אלץ מער ארײַנגענאָסנ אָרטיקע סלאווישע קריגס-לײַט.

קיינ גרויסע ווירקונג אפנ לעבנ פונ די מיזרעכ-סלאווונ האָבנ די באנדעס וואריאגנ ניט געקאָנט האָבנ. די צאָל וואריאגנ, וואָס זײַנענ געבליבנ וווינענ אינ די סלאווישע לענדער, איז געווענ צו קליינ דערצו, אונ וואָס איז שײַעכ זייער קולטור-ניוואָ, זײַנענ זיי קלאל ניט געשטאנענ העכער פונ די סלאווונ. דעריבער האָבנ זיכ די וואריאגנ גאנצ גיכ סלאוויזירט: שוינ אינ אָנהייב X יה. האָבנ זיי גענוצט די סלאווישע שפראכ אונ געדינט צו די סלאווישע געטער. די וואריאגער דרוזשיניקעס האָבנ זיכ זייער גיכ צונויפגעמישט מיט די סלאווישע עלטסטע אונ געבילדעט מיט זיי איינ קלאס. אונטערנ אלגעמיינעם נאָמענ „רוס“ האָבנ די וואריאגנ אָנטיילגענומענ אינ די אָנפאלנ פונ די סלאווונ אפ די שכיינישע לענדער. לעמאָשל, אינ 860 י. האָט א גרויסער פלאָט פונ רוסישע קריגס-שיפלעכ זיכ אדורכגעריסנ אינ דער בוכטע גאָלדענער האָרנ (אפ די ברעגנ פונ דער דאָזיקער בוכטע ליגט קאָנסטאנטינאָפאָל) אונ האָט באדראָט די ווענט פונ קאָנסטאנטינאָפאָל. די שטאָט האָט זיכ געראטעוועט נאָר אדאנק דעמ, וואָס א שטורעמ-ווינט האָט צעטריבנ די רוסישע שיפלעכ.

§ 11. די מיזרעכדיקע סלאוונ ווערנ פארייניקט אונטער דער מאכט פונ קיִעוו.

די מעלוכע פונ די ריוריקס. אינ אָנהייב X יה. האָבנ זיכ די לענדער, וואָס ליגנ באַם דניעפּער, אונ די, וואָס ליגנ ארומ זיי, פארייניקט אונטער דער מאכט פונעמ פירשט אָלעג. די כראָניקעס דערציילנ, אז אָלעג האָט אפריִער געהערשט איבער די נאָווגאָראָדער סלאוונ, דערנאָכ אָבער האָט ער זיכ געלאָזט מיטנ וואסער-אראָפּ איבערנ דניעפּער אונ האָט אונטערטעניקט די סמאָלענסקער קריוויטשנ. שוויִמענדיק ווײַטער מיטנ וואסער-אראָפּ איבערנ דניעפּער, האָט ער אײַנגענומענ קיִעוו, דערבײַ האָט ער דערמאָרדעט די דאָרטיקע פירשטנ אסקאָלד אונ דיר אונ האָט אונטערטעניקט די שכיינעסדיקע דרעווליאנער. די סעוועריאנער אונ די ראדימיטשנ פלעגנ ביז דאנ צאָלנ צינז די קוזרימ. אָלעג האָט באצווּנגענ אויכ די דאָזיקע שוואָטימ אונ ארופגעלייגט אפ זיי א צינז. דאָס, וואָס אָלעג האָט גלײַכצײַטיק געהערשט אי איבער נאָווגאָראָד אי איבער קיִעוו, האָט אימ געמאכט פאר א פולשטענדיקנ באַלעבאָס איבערנ דניעפּער-וועג: די קלענערע פירשטלעכ זײַנענ געווענ געצווּנגענ זיכ אונטערצוווארפנ אימ: ער איז געוואָרנ א „רוסישער גרויספירשט“, אונ די איבעריקע פירשטנ זײַנענ געווענ „אונטער זײַנ אָרעמ“. אזויארומ האָבנ זיכ די סלאווישע לענדער באַמ דניעפּער אונ אילמענ פארייניקט אונטער דער מאכט פונעמ קיִעווער פירשט. די דאָזיקע פארייניקונג האָט באקומענ דעמ נאָמענ „רוס“. דער צענטער פונ רוס איז געווענ קיִעוו; דעריבער רופנ מיר די דאָזיקע פארייניקונג קיִעווער מעלוכע. מארקס רופט אָנ די קיִעווער מעלוכע „אימפּעריע פונ די ריוריקאָוויטשעס“, ווײַל אָלעגס יאָרשימ האָבנ געצויגנ זייער יִכעס פונ ריוריקנ.

די הויפּט-מאסע פונ דער באפעלקערונג, וואָס האָט זיכ געפונענ אונטער דער מאכט פונ די ריוריקאָוויטשעס, איז באשטאנענ פונ סלאוונ. אינ דער דאָזיקער מעלוכע זײַנענ אָבער געווענ אײַנגעשלאָסנ אויכ די מעריא, וועס, טשוד אונ אַנדערע שוואָטימ. די דאָזיקע אלע שוואָטימ זײַנענ נאָכ עקאָנאָמיש געווענ שוואכ פארבונדנ צווישנ זיכ אונ האָבנ דעריבער ניט געקאָנט בילדנ קיינ פעסטע אייִנהײַט.

אינ דער עפּאָכע פונ דער אימפּעריע פונ די ריוריקאָוויטשעס האָט נאָכ באַ די מיזרעכ-סלאוונ עקזיסטירט די ערד-געמיינדע — די ווערװ — אונ עס האָבנ זיכ נאָכ אופגעהיט אייניקע רעשטנ פונ דער שטאמ-אָרדענונג. אינ דער געמיינדע איז אָבער געגאנגענ א צעפאלונגס-פּראָצעס: באַ באזונדערע געמיינדע-מיטגלידער אינ די הענט האָבנ זיכ אָנגעזאמלט רײַכטימער, אונ באַ זיי אינ דער ווירטשאפט איז אויסגענוצט געוואָרנ די ארבעט פונ ווייניקער פארמעגלעכע מיטגלידער פונעמ זעלבנ שייוועט. אזויארומ האָט זיכ די קלאסנ-דיפערענציאציע אלץ מער פארשטארקט, ס'האָט זיכ אלץ מער אנטוויקלט דער פּריוואטער ערדבאזיץ אונ ס'האָבנ גענומענ אופקומענ פעאָדאלע פארהעלטענישנ.

די מארשנ אפ ביזאנץ אונ אינ די קאספּישע לענדער. די אימפּעריע פונ די ריוריקאָוויטשעס, וואָס איז באשטאנענ פונ באזונדערע, אײנער מיטנ אנדערנ שלעכט פארבונדענע, טיילנ, האָט זיכ געהאלטנ אפ דער קראפט פונ געווער.

אָלעגס מעלוכע האָט אינ מיזרעכ-אייראָפּע געשפּילט א גרויסע ראָליע. די כראָניקעס דערציילנ, אז אָלעג האָט דורכגעפירט א זיגרײַכנ קריגס-מארש אפ קאָנסטאנטי-

נאָפּאָל. אינ 911 י. האָט אָלעג געשלאָסנ א גינסטיקנ שאָלעמ=אָפּמאַכ מיט ביזאַנצ; אינ דעמ אָפּמאַכ זײַנענ פּינקטלעכ פעסטגעשטעלט געוואָרנ די קעגנזײַטיקע באַציִונגענ צווישנ רוס אונ די גריכנ. דער דאָזיקער אָפּמאַכ זאָגט איידעס וועגנ דעמ, אַז רוס אונ ביזאַנצ האָבנ צווישנ זיכ געהאַט קעסיידערדיקע באַציִונגענ אונ אויכ אַז דער קיִעווער פירשט איז געווענ זייער מעכטיק.

אינ 913 אָדער 914 י. איז רוס באַפאַלנ דאָס ברעגלאַנד פונעמ קאַספּישנ יאַמ. די רוסישע שיפנ האָבנ זיכ פונעמ אַזאָווער יאַמ געלאָזט מיטנ וואַסער=אַרופ איבערנ דאָנ אונ זײַנענ דערגאַנגענ ביז צו יענעמ אָרט, ווו דער דאָזיקער טײַכ קומט צו גאַנצ נאָענט צו דער וואָלגע. פונדאַנענ האָט מענ אַריבערגעשלעפּט די שיפנ מיט דער יאַבאָשע צו דער וואָלגע. דערנאָכ האָבנ זיי זיכ אַראָפּגעלאָזט אינ קאַספּישנ יאַמ, האָבנ א ראַבעווע געטאָנ דאָס טראַנסקאַווקאַזער ברעגלאַנד (דער איצטיקער אַזערבײַדזשאַנ), אָבער אַפ צוריקוועגס, אינעמ קוזרים=לאַנד, זײַנענ זיי אַליינ באַפאַלנ געוואָרנ אונ האָבנ געליטנ גרויסע פאַרלוסטנ.

ווי אָלעג אינ זײַנ צײַט, אַזוי האָט אינעמ צווייטנ פערטל פונעמ X יה. האָט הויפּט=אָרט צווישנ די איבעריקע פירשטנ פאַרנומענ דער קיִעווער פירשט איגאָר, וועגנ וועמענ די כראָניק זאָגט, אַז ער איז געווענ ריוריקס א זונ. איגאָר האָט פאַרגעזעצט אָלעגס דעראָבערונגענ. ער האָט אונטערטעניקט די סלאַווונ, וואָס האָבנ געלעבט באַמ האָרעמ=בוג, האָט אַרופגעלייגט א צינז אַפ די דרעווליאַנער, וואָס האָבנ געהאַט אופגעהויבנ אַנ אופשטאַנד קעגנ דער מאַכט פונ קיִעוו. אינ 941 י. האָט זיכ איגאָר אַוועקגעלאָזט אינ א גרויסנ יאַמ=מאַרש קעגנ ביזאַנצ. די רוסנ האָבנ אָנגעמאַכט גרויסע כורבונעס אינ דער אומגעגנט פונ קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָבער דער גריכישער פלאָט האָט זיי ניט דורכגעלאָזט אינ האַפנ אונ האָט זיי געצווונגענ אַוועקצוגיינ אינ שוואַרצנ יאַמ. צוריקגעשטויסנ פונ קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָבנ די רוסנ כאָרעוו געמאַכט דאָס צאָפנדיקע ברעגלאַנד פונ קליינ=אַזיע. די גריכישע רעגירונג איז געווענ געצווונגענ צו שיקנ א סאַכ יאַבאָשע=כײַל, קעדיי אַרויסצושטויסנ די רוסנ פונ קליינ=אַזיע. אַנ אַנטשיידנדיקע מאַפּאָלע האָט איגאָרס כײַל געליטנ אַפנ יאַמ פונ דעמ גריכישנ פלאָט, וועלכער האָט פאַרמאָגט ספּעציִעלע אײַנריכטונגענ צו באַגיסנ דעמ סוינעס שיפנ מיט א ספּעציעלער ברענ=פליסיקײַט, וואָס האָט געהייסנ „גריכיש פײַער". די גריכנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ אונטערצוצינדנ די רוסישע שיפנ; ראַטעווענדיק זיכ פונעמ „גריכישנ פײַער", האָבנ זיכ די רוסנ געוואָרפנ אינ וואַסער אַרײַנ אונ א סאַכ זײַנענ דערטרונקענ געוואָרנ. די רעשטנ פונעמ רוסישנ פלאָט האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק אַהיימ.

קעדיי צו באַוואָרענענ זיכ קעגנ נײַע אָנפאַלנ מיצאַד די רוסנ, האָבנ די גריכנ אינ 945 י. געשלאָסנ מיט איגאָרנ א נײַעמ אָפּמאַכ. אינעמ אָפּמאַכ זײַנענ אויספירלעכ אַרומגערעדט געוואָרנ די באַדינגונגענ פונעמ האַנדל צווישנ רוס מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל אונ ס'איז געשלאָסנ געוואָרנ א קריגס=בונד קעגנ די געמײַנזאַמע סאָנימ.

אינ 943 י. האָט רוס ווידער געמאַכט א גרויסנ אָנפאַל אַפ די ברעגנ פונעמ קאַספּישנ יאַמ. די רוסישע קריגער האָבנ זיכ אופגעהויבנ אַפ שיפנ מיטנ טײַכ קוראַ אונ האָבנ פאַרכאַפּט די שטאָט בערדאַא. פאַרפעסטיקט זיכ אינ בערדאַא, האָבנ די רוסנ גענומענ באַפאַלנ די אַרומיקע געגנטנ. אָבער מאַכמעס די אומגינסטיקע קלימאַטישע באַדינגונגענ זײַנענ א סאַכ רוסנ קראַנק געוואָרנ אונ א גרויסע צאָל

פונ זײ איז אויסגעשטאָרבנ. דאַנ האָט אַנ אַראַביש כאַ׳ל באַלאַגערט דעמ שיטער געוואָרענעמ אָטריאַד אינ דער פעסטונג; דעמ אָטריאַד האָט זיך אָבער, אַדאַנק דער נאַכט=פינצטערניש, אײַנגעגעבנ צו דערקלײַבנ זיך צו זײַנע שיפנ און אומ=קערנ זיך מיט רויב צוריק קיינ רומ.

„פאָליודיע“. איינע פונ די סיבעס, וואָס האָבנ געשטויסנ די קיִעווער פירשטנ צו מאַרשנ און מילכאָמעס, איז געווענ דאָס נעמענ ציגז בײַ די באַצוווּנגענע פעל=קער.

די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישנ זײַנענ אינ דער קיִעווער מעלוכע פונ X יה. נאָך געווענ שוואַך אַנטוויקלט. דער גרויסער ערד=באַזיץ האָט זיך ערשט אָנגעהויבנ אויס=בילדנ. דעריבער האָבנ די פירשטנ עקספּלואַטירט די באַפעלקערונג דעריקער דורך צונויפזאַמלענ ציגז. די פירשטנ האָבנ פאַרמאָגט אָטריאַדנ מיליטערישע דינער — דרוזשיניקעס, און מיט זייער הילפ פלעגנ זײ מאַכנ מאַרשנ און האַלטנ אינ גע=האָרכזאַמקײַט די באַצוווּנגענע פעלקער. פאַר זייער דינסט פלעגנ נאָך די פירשטנ דאַנ ניט געבנ די דרוזשיניקעס קיינ ערד (לענעס, ווי מע האָט עס גערופנ אינ מײַ=רעוו), נאָר זײ פלעגנ זיך טיילנ מיט זײ מיטנ ציגז. יעדעס יאָר, אָנהייב ווינטער, פלעגט דער פירשט אַרויסגייענ מיט דער דרוזשינע פונ שטאָט אַפ „פאָליודיע“ — אַזוי האָט מענ גערופנ דאָס אײַנמאָנענ די ציגזנ (פונ די רוסישע ווערטער «по лю-дям» — גייענ צו מענטשנ). ער פלעגט אַרומפאָרנ די קאַנטנ, וואָס האָבנ זיך גע=פונענ אונטער זײַנ מאַכט, און צונויפנעמענ בײַ די אײַנוווינער רויכוואַרג, האָניק, וואַקס אאַוו. פרילינג=צײַט פלעגט מענ דאָס צונויפגענומענע גוטס און פאַריינגוועגס שוינ אויך די געפאַנגענע, וואָס מע האָט גענומענ אַפ דער מילכאָמע, אָנלאָדנ אַפ שיפנ און איבערשיקנ מיטנ דניעפּער מיטנ וואַסער=אַראָפ צומ שוואַרצנ יאַמ. בײַ די דניעפּער=שוועלנ פלעגט מענ די סכוירעס אינ די שיפנ אַריבערטראָגנ מיטנ ברעג. דאָ פלעגט גאַנצ אָפט פאַסירנ, אַז די פעטשעניעגנ פלעגנ איבערכאַפּנ אַפנ וועג די דורכפאָרער, באַפאַלנ זײ און אָפּנעמענ בײַ זײ די סכוירעס. נאָך איינ געפערלעך אָרט אַזאַ איז געווענ לעבנ דעמ אינדזל כאָרטיצאַ (ווו עס געפינט זיך איצט דער דניעפּראָגעס). די הויכע ברעגנ האַלטנ דאָ ווי צונויפגעפרעסט די שמאָלע שטרע=מונג פונעמ דניעפּער, אַזוי אַז די שיפּ=קאַראַוואַנענ האָבנ ריזיקירט באַפאַלנ צו ווערנ פונ די נאָמאַדנ. אַז מע פלעגט אַרויסגייענ פונ דער לעפצונג פונעמ דניעפּער אינ שוואַרצנ יאַמ אַרײַנ, פלעגט מענ ברענגענ דאַנק=קאָרבאָנעס בײַ אַ „הייליקנ“ דעמב אַפ איינעמ אַנ אינדזל. נאָכדעמ פלעגט מענ זיך לאָזנ ווײַטער לענגויס דעמ מײַרעוו=ברעג פונעמ שוואַרצנ יאַמ. דער ענדציל איז געווענ קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָדער, ווי די סלאַווננ האָבנ אימ גערופנ, צאַרגראַד (וואָס דאָס באַטײַט — דעמ קייסערס שטאָט). דאָ פלעגט מענ אויספאַרקויפנ דאָס רויכוואַרג, דעמ וואַקס, די שקלאַפנ און אָנשטאָט דעמ אײַנשאַפנ זיך טײַערע שטאָפנ, ווײַנענ, פרוכטנ און אַנדערע לוקסוס=זאַכנ.

דאָס אײַנמאָנענ דעמ ציגז פונ די אונטערטעניקע שוואָטימ פלעגט צוגייענ מיט צוואַנג און גוואַלדטאַט. אַפ דעמ דאָזיקנ באָדנ איז אינ איגאָרס צײַטנ אויסגעבראָכנ אַנ אופשטאַנד פונ די דרעווליאַנער; אינ דער שפיץ פונ זײ איז געשטאַנענ דער אָרטיקער פירשט מאַל. די כראָניק דערציילט, אַז דאָס אײַנמאָנענ ציגז בײַ איינינקע סלאַווישע שוואָטימ האָט איגאָר איבערגעגעבנ איינעמ פונ זײַנע אָנגעזעענסטע דרו=זשיניקעס — סווענעלדנ. דאָס האָט אַרויסגערופנ אומצופרידנקײַט בײַ די איבערי=

קע דרוזשיניקעס. זיי האָבנ ענערגיש גענומענ פאָדערנ פונ איגאָרנ, ער זאָל אלײנ גײנ צו די דרעווליאנער אפ „פאָליודיע“, — דערבײַ האָבנ זיי אים אזוי געזאָגט: „סוועגעלדס דרוזשיניקעס האָבנ זיכ פול באזאָרגט מיט געווער, קליידער אונ פערד, אונ מיר זײַנענ הויל. לאָמיר, פירשט, גײנ אײַנמאָנענ צינז, אי דו וועסט קריגנ, אי מיר“. ווענ איגאָר האָט צונויפגענומענ דעמ צינז פונ די דרעווליאנער, האָט ער אָפּגעלאָזט א גרויסנ טײל פונ זײַנ דרוזשינע אונ אלײנ האָט ער באשלאָסנ גײנ אהינ נאָכאמאָל: „כ'וועל זיכ אומקערנ אונ נאָכ א ביסל א גיי טאָנ“. דערהערט, אז דער פירשט גייט א צווייט מאָל נאָכ צינז, האָבנ די דרעווליאנער גענומענ צווישנ זיכ ריידנ: „האָט זיכ א וואָלפ אײַנגעגאדיעט צו די שעפּסנ, וועט ער די גאנצע טשערעדע אוועקשלעפּנ, אויב מע וועט אים ניט דערהארגענענ“. זיי האָבנ אויסגעהארגעט איגאָרס דרוזשינע, אונ אים אלײנ האָט מענ געכאפּט אונ דערהארגעט.

איגאָרס אלמאָנע, אָלגע, וואָס האָט רעגירט אָנשטאָט איר קלײנעמ זונ סוויאטאָסלאוו, האָט דערשטיקט דעמ אופשטאנד מיט גרויס אכזאָריעס: די הויפּטשטאָט פונ די דרעווליאנער — איסקאָראָסטענ האָט מענ אײַנגענומענ אונ פארברענט, די אײַנוווינער האָט מענ א טײל אויסגעהארגעט אָדער געמאכט פאר שקלאפנ, אונ אפ די איבעריקע האָט מענ ארופגעלײגט א שווערנ צינז. מוירע האָבנדיק אָבער פאר נײַע אופשטאנדנ, האָט אָלגע אפ ווײַטער פינקטלעכ פעסטגעשטעלט די גרייס פונעמ צינז. נאָר זי האָט זיכ ניט באגנוגנט מיטנ צינז אונ האָט אָנגעהויבנ פארכאפּנ די שטיקער לאנד, וואָס האָבנ זיכ ביז דאנ געפונענ אינ באנוץ פונ די געמײנדעס. דאָס באווײַזט, אז די פירשטנ אונ זייערע דרוזשיניקעס זײַנענ אריבער צו א מער אינטענסיווער עקספּלואטאציע פונ די דעראָבערטע געביטנ.

סוויאטאָסלאווס דעראָבערונגענ. איגאָרס אונ אָלגעס זונ — סוויאטאָסלאוו האָט ווײַטער געפירט די דעראָבערונגס=מילכאָמעס. צו יענער צײַט האָבנ זיכ שוינ די וואריאגנ אינגאנצנ געהאט אויסגעמישט מיט דער אלגעמײנער מאסע פונ דער סלאווישער באפעלקערונג. סוויאטאָסלאוו אלײנ איז געווענ א סלאוו סײַ לויטנ נאָמענ, סײַ לויטנ אויסערלעכנ אויסזענ. ער פלעגט טראָגנ א פּאָשעט ווײַס העמדל, גײנ מיט אנ אויערינגל, האָט געגאָלט דעמ קאָפּ, איבערלאָזנדיק נאָר א לאנגנ טשוב. א דרייסטער אָנפירער פונ א קריגערישער דרוזשינע, האָט ער דאָס גאנצע לעבנ זײַנס פארבראכט אינ קריגס=מארשנ, „גײענדיק לײַכט, ווי א פאנטערע“; קײנ אָבאָז פלעגט ער מיט זיכ ניט פירנ, אינ וועג פלעגט ער שלאָפנ אפ דער ערד, מיטנ זאָטל צוקאָפּנס, געגעסנ האָט ער האלב=רוי פערדנ=פלייש. ארויסטרעטנדיק אינ א מארש, פלעגט ער שיקנ אָנזאָגנ: „איכ וויל אפ אײַכ גײנ“.

די געביטנ באַמ דניעפּער אונ באַ דער אָזערע אילמענ זײַנענ שוינ געווענ טײלנ פונ דער קיעווער מעלוכע. האָט זיכ סוויאטאָסלאוו צוערשט גענומענ צו די סלאווישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט צו מיזרעכ=צו פונעמ דניעפּער; ער האָט באצוווּנגענ די וויאטיטשנ אפנ טײַכ אָקא אונ איז דערנאָכ אריבער אינ אָנגריפּ אפ אנדערע פעלקער. אינ די 60=ער יאָרנ פונעמ X יה. האָט ער צעקלאפּט די מעלוכעס באַ דער וואָלגע — די באָלגארישע מעלוכע אונ די קוזרימ=מעלוכע. נאָכדעמ האָט ער זיכ געלאָזט אפ צאָפנ=קאווקאז אונ האָט דאָ צעקלאפּט די קאסאָגנ (טשערקעסנ) אונ די יאסנ (אָסעטינער). אינ 967 י. האָט זיכ סוויאטאָסלאוו געלאָזט אינ א מארש קעגנ דונײַ=באָלגאריע, א לאנד, וואָס איז געווענ באזעצט פונ סלאווינ, וועלכע האָבנ אָנגענומענ דעמ נאָמענ פונ די באָלגארנ, וואָס האָבנ זיי באצוווּנגענ. קײנ

באָלגאריע האָט סוויאטאָסלאוו גערופנ די גריכישע רעגירונג, מאכמעס מיט די אוי=
גענע קויכעס איז זי ניט אימשטאנד געווענ צו ספּראווענ זיכ מיט זיי. סוויאטאָס=
לאוו האָט ניט נאָר אָפּגעהאלטנ א פולשטענדיקנ זיג איבער די באָלגארנ, נאָר ער
האָט זיכ אפילע געקליבנ צו פארפונדעווענ זיכ אפּ שטענדיק אינ פּערעיאסלאווע.
באַם דונײַ, — די הויפּטשטאָט פונ באָלגאריע. „דאָ, — האָט ער געזאָגט, — איז
דער מיטנ פונ מײַנ לאנד, אהערצו קומט זיכ צונויפ אלדאָסגוטס: פונ די גריכנ—
גאָלד, טײַערע שטאָפנ, ווײַנ אונ פרוכטנ, פונ טשעכיע אונ אונגארנ — זילבער,
פערד, פונ רוס — רויכווארג, וואקס, האָניק אונ שקלאפנ“.

די גריכישע רעגירונג האָט זיכ אָבער דערשראָקנ פאר אזא מעכטיקנ שאָכנ אונ
האָט אונטערגעקויפט די פּעטשעניעגנ, זיי זאָלנ אָנפאלנ אפּ קיִעוו. די ידיִעה, אז די
פּעטשעניעגנ האָבנ באלאגערט קיִעוו, האָט געצווונגענ סוויאטאָסלאווג, ער זאָל זיכ
אײַליק לאָזנ צום דניעפּער=געביט. ער האָט זיכ אָבער ניט אָפּגעזאָגט פונעם געדאנק
צו דעראָבערנ באָלגאריע. ווענ ער האָט פארטריבנ די פּעטשעניעגנ אינ סטעפּ, האָט
ער זיכ צוריקגעקערט אונ ווידער אײַנגענומענ פּערעיאסלאווע. דאנ איז דער נײַ=
ער ביזאנטישער אימפּעראטאָר יאָהאנ צימיסכי ארויסגעטראָטנ קעגנ אימ מיט א
גרויס כאַיִל. אונ כאָטש סוויאטאָסלאווס קרעפטנ זײַנענ געווענ קלענער, דאָכ האָט
ער דעמ קאמפּ ווײַטער געפירט. די כראָניק דערציילט, אז סוויאטאָסלאוו זאָל זיכ
האָבנ געווענדט צו זײַנ דרוזשינע מיט אזוינע ווערטער: „לאָמיר ניט פארשעמענ
דאָס רוסישע לאנד, לאָמיר אוועקלייגנ דאָס לעבנ — טויטע איז קיינ כארפּע ניט,
טאָמער וועלנ מיר אָבער אנטלויפנ, וועט אונדז זײַנ א כארפּע“.

דעמ גריכישנ כאַיִל איז גאנצ שווער אָנגעקומענ אײַנצונעמענ פּערעיאסלאווע.
דער רוסישער אָטריאד, וועלכנ סוויאטאָסלאוו האָט איבערגעלאָזט אינ שטאָט, האָט
זיכ פארשפּארט אינעמ פארפעסטיקטנ פאלאצ פונ די באָלגארישע קייסאָרימ אונ
האָט זיכ פארטיידיקט אפילע נאָכ דעמ, ווי די שטאָט איז שוינ געווענ באַם סוינע
אינ די הענט. האָט צימיסכי באפוילנ אונטערצינדנ דעמ פאלאצ. ערשט דאנ זײַ=
נענ די רוסנ ארויס פונ שטאָט אינ פעלד ארײַנ אונ האָבנ דאָרט דערלאנגט די
לעצטע שלאכט. „זיי האָבנ זיכ אקשאָנעסדיק געשלאָגנ, — שרײַבט דער גריכישער
היסטאָריקער, — אונ האָבנ ניט געמאכט קיינ פּרווו צו אנטלויפנ, נאָר אונדזערע
האָבנ אלעמענ אויסגעקוילעט“. סוויאטאָסלאוו האָט זיכ פארשפּארט אינ דער שטאָט
דאָראָסטאָל באַם דונײַ. פונ דער יאבאָשע=זײַט האָט אימ באלאגערט צימיסכיס כאַ=
יִל, אונ אפּנ דונײַ האָט אימ דעמ וועג צוריק פארצאמט דער גריכישער פלאָט מיט
זײַנ פײַער=געווער. אונ דאָכ האָט סוויאטאָסלאוו אָפּגעוואָרפנ אלע פאָרשלאָגנ
וועגנ שליסנ א שאָלעמ. זײַנ כאַיִל, כאָטש זייער קליינ אינ צאָל, האָט זיכ פארטיי=
דיקט מיט גרויס מוט אונ פלעגט אָפּט ארויסגייג פונ שטאָט אונ מאכנ דרייסטע
אטאקעס. באנאכט פלעגנ די רוסנ פארברענענ אפּ שײַטערהויפנס די קערפּערס פונ
די געפאלענע כאווירימ, טויטנ פונ זייער קאָוועד וועגנ געפאנגענע אונ ברענגענ
קאָרבאָנעס צו די געטער. די באלאגערטע זײַנענ געווענ אויסגעמאטערט פונ הונגער.
זיי האָבנ געמאכט דעמ לעצטנ פארצווייפלטנ פּרווו דורכצושלאָגנ זיכ. דאָס גריכי=
שע כאַיִל האָט א ציטער געטאָנ אונ דעמ אימפּעראטאָר איז אויסגעקומענ פּערזענ=
לעכ גייג אינ שלאכט אינ דער שפּיצ פונ זײַנ מאכנע „אומשטערבלעכע“ לײַב=וועכ=
טער. די אטאקע איז אָפּגעשלאָגנ געוואָרנ; בא די רוסנ זײַנענ א סאכ דערהארגעט
געוואָרנ. סוויאטאָסלאוו אליינ איז פארוואונדעט געוואָרנ. ווערנ זיכ ווײַטער איז געווענ

אומעגלעכ. האָט סוויאטאָסלאוו אינ 971 י. געשלאָסנ אנ אָפּמאכ, לויט וועלכנ ער האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ באָלגאריע. די גריכישע רעגירונג האָט נאָכ אָבער אלצ מוירע געהאט פאר סוויאטאָסלאווג, האָט זי געוואָרנט די פעטשעניעגנ, אז ער קערט זיכ אומ צוריק אהיימ. די פעטשעניעגנ האָבנ אפּ אימ אָפּגעווארט בא די דניעפּער-שוועלנ אונ האָבנ אימ דערהארגעט.

§ 12. דאָס אײַנפירנ קריסטנטומ אינ קיִעווער רוס.

וולאדימיר סוויאטאָסלאוויטש. נאָכ באמ לעבנ האָט סוויאטאָסלאוו, ווענ ער האָט זיכ אוועקגעלאָזט אינ קריגס-מארש, אָפּגעגעבנ זײַנע באזיצנ צומ רעגירנ זײַנע דרײַ זינ; דאָס לאנד פונ די פּאָליאנער צוזאמענ מיט קיִעוו האָט באקומענ זײַנ על-טערער זונ יאראָפּאָלק, דאָס לאנד פונ די דרעווליאנער — אָלעג, אונ נאָווגאָראָד — וולאדימיר. אינגיכנ נאָכנ טאטנס טויט איז צווישנ די ברידער אויסגעבראָכנ א קאמפ. אָלעג אונ יאראָפּאָלק זײַנענ אומגעקומענ אינעמ קאמפ, אונ וולאדימיר האָט אפּסנײַ פאראייניקט אונטער זײַנ מאכט אלע לענדער פונ די מיזרעכ-סלאווג. שפּעטער האָט ער פארברייטערט זײַנע באזיצנ אפנ כעזשבנ פונ די שכיינימ. וולאדימיר האָט אָנגעשלאָסנ צו דער קיִעווער מעלוכע דאָס גאליטשער לאנד אונ האָט זיכ געשלאָגנ מיט די פּאָליאקנ, וואָס האָבנ עס געוואָלט אָפּנעמענ. וולאדימיר איז אויכ געגאנגענ אפנ ליטע. דעריקער אָבער האָט ער געזאָרגט צו באשיצנ די האָרעמ-גרענעצנ קעגנ אָנפאלנ פונ די פעטשעניעגנ. אינ זײַנ צײַט איז די סטעפּ-גרענעצ פארפעסטיקט געוואָרנ מיט א וואל אונ מיט שטאכעטנ, עס זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ פעסטונגענ אונ מע האָט אָנגעהויבנ באזעצנ די גרענעצ-זאָנע מיט קריגס-לײַט.

דאָס אָנעמענ קריסטנטומ. פאר דער צײַט, וואָס וולאדימיר איז געווענ פירשט, האָט די קיִעווער רוס איבערגענומענ בא די גריכנ דעמ פּראוואָסלאווישנ גלויבנ; אזוי האָט געהייסנ בא די סלאווג דאָס גריכישע קריסטנטומ צומ אונטערשייד פונעמ מײַרעוו-אייראָפּײַשנ קריסטנטומ, דה. פונעמ קאטאָליציזמ. מיט דער קריסטלעכער קולטור האָבנ זיכ די מיזרעכ-סלאווג באקענט אדאנק די קעסיידערדיקע האנדלס-באציִונגענ אונ פּאָליטישע באציִונגענ מיט ביזאנצ אונ די אָפטע רײַזעס קיינ קאָנסטאנטינאָפּאָל. די הויפּט-סיבע פונ אָנעמענ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ איז געווענ דאָס, וואָס דער קלאס פעאָדאלנ, וועלכער האָט זיכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ באמ דניעפּער, האָט זיכ גענייטיקט אינ אזא רעליגיע, וואָס זאָל שטיצנ זײַנע קלאסנ-אינטערעסנ. די ערשטע, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ אָנעמענ דאָס קריסטנטומ, זײַנענ געווענ די פאָרשטייער פונעמ העכערנ קלאס, דערונטער די דרוזשיניקעס. שוינ אינ איגאָרס צײַט איז אינ דער פירשטלעכער דרוזשינע געווענ א סאכ קריסטנ. איגאָרס אלמאָנע, אָלגע, האָט אויכ אָנגענומענ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ. אונ וולאדימיר האָט זיכ ניט נאָר אליינ געטויפט, נאָר ער האָט מיט געוואלט פארשפּרייט דאָס קריסטנטומ צווישנ זײַנע אונטערטאנענ. פאָרגעקומענ איז עס אזוי. סאָפּ 987 י. איז אינ דער ביזאנטישער אימפּעריע אויסגעבראָכנ אנ אויפשטאנד; פונ צאָפנזײַט האָבנ איר בייסמײַסע געדראָט די דונײַער באָלגארנ. האָט זיכ די ביזאנטישע רעגירונג געווענדט נאָכ הילפ צומ קיִעווער פירשט. צווישנ דעמ קיִעווער פירשט אונ דער ביזאנטישער אימפּעריע איז געשלאָסנ געוואָרנ א בונד; קעדיי צוצוגעבנ דעמ דאָזיקנ בונד מער קראפט, האָט מענ געהאט בעדייע צו באצייכענענ אימ דורכ

טויפנ וולאדימירנ און דאָס גאנצע רוסישע פאָלק, און אויכ דורכ א שידעכ צווישנ דעם קיִעווער פירשט מיט דער גריכישער פרינצעסנ אנא (אינ יענער צײַט האָבנ איבער ביזאנצ רעגירט צוויי אימפעראטאָרנ; די פרינצעסנ אנא איז געווענ זייע- רע א שוועסטער). באם אָנטייל פונ א רוסישנ אָטריאד איז דער אופשטאנד אינ אָנהייב 989 י. דערשטיקט געוואָרנ.

די אימפעראטאָרנ האָבנ זיכ אָבער ניט געײַלט אויסצופילנ דעם באדינג פונעם אָפמאכ וועגנ אויסגעבנ די פרינצעסנ אנא פאר וולאדימירנ. דאנ האָט וולאדימיר באלאגערט און אײַנגענומענ די שטאָט כערסאָנעס (קאָרסונ) אינ קרים, וועלכע האָט געהערט צו ביזאנצ, און האָט זיכ דער- שלאָגנ, אז ביזאנצ זאָל דעם אָפמאכ אויספילנ. ווענ וולאדימיר האָט זיכ אומגעקערט פונ כערסאָנעס, האָט ער באפוילנ, מע זאָל צונויפטרײַבנ אינ טײַכ ארײַנ אלע קיִעווער אײַנוווינער, און גריכישע גאלאָכים האָבנ זיי גע- טויפט. די אָפגעטער האָט מענ פאר- ברענט, די סטאטוע פונ פערונענ האָט מענ ארײַנגעוואָרפנ אינ דניעפער. אפנ זעלבנ אויפנ איז געטויפט געוואָרנ די באפעלקערונג פונ אנדערע שטעט. לויט אייניקע ידיעות, האָבנ זיכ אינ נאָווגאָ- ראָד די אײַנוווינער קעגנגעשטעלט מיט געווער אינ די הענט און האָבנ זיכ ניט געוואָלט לאָזנ טויפנ, נאָר וולאדימירס וואָ- יעוואָדעס האָבנ דעם אופשטאנד דערשטיקט און געטויפט די נאָווגאָראָדער מיט גע- וואלט. דאָס קריסטנטום האָט זיכ אָבער פארשפרייט ווײַט ניט מיטאמאָל. די געצנ- דינערישע גלויבונגענ האָבנ זיכ נאָכ זייער לאנג געהאלטנ, באזונדערס צווישנ דער דאָרפישער באפעלקערונג.

א פירשטלעכער מאָלצײַט. סילוועסטער- זאמלונג (XIV יה.)

דאָס אָנעמענ קריסטנטום האָט געהאט זייער א גרויסע באדײַטונג אינעם לעבנ פונ דער קיִעווער רוס. אינ פארגלײַכ מיט דער געצנדינערײַ איז עס געווענ א גרוי- סער שריט פאָרויס. דאָס קריסטנטום האָט מיטגעהאָלפנ דער ווײַטערדיקער אנט- וויקלונג און פארפעסטיקונג פונ די פעאָדאלע פארהעלטענישנ אינ דער קיִעווער רוס, וואָרעמ דער גריכישער קלער פלעגט זיכ אפ דער קירכלעכער ערד באנוצנ מיט דער ארבעט פונ פארקנעכטעטע פויערימ.

דאָס קריסטנטום האָט מיטגעהאָלפנ דערצו, אז צווישנ די מיזרעכ-סלאוונ זאָל זיכ פארשפרייטנ די העכערע ביזאנטישע קולטור. דאָס אײַנפירנ אנ אייננהײַטלעכע רעליגיע האָט פארגיכערט דעם פראָצעס פונ פארייניקונג פונ אלע סלאווישע שוואָ- טימ און האָט פארשטארקט די פירשטלעכע מאכט.

אדאנק דעם קריסטנטום האָבנ זיכ אײַנגעשטעלט ענגערע פארבינדונגענ מיט די מעלוכעס פונ מײַרעוו-אייראָפע און מיט ביזאנצ. וולאדימיר האָט זיכ געפונענ אינ פרײַנטלעכע באציִונגענ מיט טשעכיע, פוילנ און אונגארנ. מיטנ גריכישנ אימפערא- טאָרישנ הויף איז ער געוואָרנ א קאָרעוו אדאנק דעם, וואָס ער האָט כאסענע גע- האט מיט אנענ. עס האָט זיכ אויכ פארשטארקט דער קולטור-אײַנפלוס פונ די מער

אויפגעקלערטע קריסטלעכע לענדער. די שטאָט קיִעוו האָט מען, לויטנ מוסטער פונ
ביזאנצ, געצוימענ פארבויענ מיט מויערנ, באפוצט מיט מאָלערײַ און מאָזאיק; אפנ
אָרט, וווּ ס'איז פריִער געווענ די געצנדינערישע „באָמע" (דאָס אָרט, וווּ די געצנ=
דינער פלעגנ אָפּריכטנ זייער קולט), האָבנ גריכישע מײַסטערס אויסגעבויט א קלויס=
טער, און דערנעבנ א פאלאצ פאר וולאדימירנ. עס האָט זיך גענומענ פארשפרייטנ
בילדונג. נאָכ מיט הונדערט יאָר פריִער פאר דער טויפונג פונ רוס האָבנ די מי=
סיִאָנערנ קיריל און מעפאָדי, לויטנ אויפטראָג פונ דער גריכישער רעגירונג, געשאפנ
א סלאווישנ אלעפביים און איבערגעזעצט די גריכישע קלויסטער=ביכער אפ דער
סלאווישער (באָלגארישער) שפראכ צום פריידיקנ קריסטנטום צווישנ די מײַרעוו=
און דאָרעמ=סלאווננ. אדאנק דעמ האָט די קיִעווער רוס נאָכ דער טויפונג באקומענ
ביכער אינ סלאוויש. וולאדימיר האָט באפוילנ אָפּצונעמענ קינדער בא מיוחסדיקע
עלטערנ און ער פלעגט זיי מיט געוואלט אָפּגעבנ לערנענ זיך גראמאָטע.

דער אָנדענק וועגנ וולאדימירנ האָט זיך אויפגעהיט אינ די פאָלקס=לידער, אָדער, ווי זיי
הייסנ, „בילינעס". אינ אָט די „בילינעס" אינ די פערזאָנענ פונ די רומפולע גיבוירים —
דעמ פירשט וולאדימירס דרוזשיניקעס: פונעמ פויער איליא מוראָמעצ, דאָבריניא ניקי=
טיטש, אליאָשא פאָפאָוויטש א. אנד., וואָס האָבנ פארטיידיקט דאָס רוסישע לאנד קעגנ די
סטעפ=אײַנוווינער, — אינ די פערזאָנענ פונ די דאָזיקע גיבוירימ האָט דאָס פאָלק פאר=
קערפערט זײַנע אידעאלנ פונ ליבע צום היימלאנד. אינ די „בילינעס" ווערט אָפּגעשפיגלט
דער אָנדענק וועגנ דער קיִעווער רוס, ווי וועגנ א גלענצנדיקער עפּאָכע אינ דער רוסישער
געשיכטע.

יאראָסלאוו דער קלוגער. וולאדימיר איז געשטאָרבנ אינ 1015 י. ביז דער
טויפונג האָט וולאדימיר, ווי דער שטייגער איז געווענ בא די רײַכע סלאווננ, געהאט
עטלעכע ווײַבער, פונ וועלכע ער האָט געהאט א סאך זינ. באלד נאָכ זײַנ טויט האָט
זיך צווישנ זײַנע זינ אָנגעהויבנ א פארביטערטער קאמפ. איינער פונ זיי, סוויאטאָ=
פאָלק, האָט פארכאפט די מאכט אינ קיִעוו און האָט דערהארגעט זײַנע ברידער —
באָריסנ, גליעבנ און סוויאטאָסלאווננ. קעגנ סוויאטאָפאָלקנ איז ארויסגעטראָטנ זײַנ
ברודער יאראָסלאוו וולאדימיראָוויטש, וואָס האָט נאָכ בא וולאדימירס לעבנ באקו=
מענ פונעמ פאָטער צום רעגירנ נאָווגאָראָד. מיט דער הילפ פונ די נאָווגאָראָדער
האָט ער סוויאטאָפאָלקנ צעקלאפט און סוויאטאָפאָלק איז אנטלאָפנ קיינ פוילנ צו
זײַנ שווער, דעמ פירשט באָלעסלאוו דעמ מוטיקנ. באָלעסלאוו האָט אויסגענוצט
די דאָזיקע געלעגנהײַט אפ ארײַנצומישנ זיך אינ די איניִאָנים פונ דער קיִעווער רוס.
ער האָט זיך ארײַנגעריסנ אינ די גרענעצנ פונ רוס, האָט צעקלאפט יאראָ=
סלאווננ, איז ארײַנ אינ קיִעוו און האָט דאָרט צוריק ארופגעזעצט אפנ טראָנ
סוויאטאָפאָלקנ. די ווילקיר=מײַסימ און די גזיילעס פונ די פאָליאקנ האָבנ
ארויסגערופנ בא די רוסנ גרויס צאָרנ. ווענ די פאָליאקנ זײַנענ זיך צעגאנגענ אי=
בער די שטעט און דערפער אפ ווינטער, האָט זיי די באפעלקערונג אויסגעהאר=
געט. באָלעסלאוו מיט די רעשטלעכ פונ זײַנ חיל איז אנטלאָפנ צוריק קיינ פוילנ.
נאָכ דעמ, ווי סוויאטאָפאָלק האָט אָנגעוואָרנ די שטיצע פונעמ פוילישנ פירשט,
האָט ער געכאפט אַנ אנטשיידנדיקע מאפּאָלע פונ יאראָסלאוונ און פונ די נאָווגאָ=
ראָדער און איז באלד אנטלויפנ אומגעקומענ. יאראָסלאוו האָט פארייניקט אונטער
זײַנ מאכט קיִעוו און נאָווגאָראָד (1019). קעגנ אימ איז אָבער ארויסגעטראָטנ זײַנ
ברודער מסטיסלאוו וולאדימיראָוויטש, וועלכער האָט געהערשט איבערנ טמוטאָרא=

די פאַמיליע פונעם פירשט יאַראָסלאַוו דער קלוגער.
פרעסקע פונ XI יה. סאָפיער קאַטעדראַל. קיעוו.

קאַנער פירשטנטום אפּנ טאַמאַנער האַלב=אינדזל, לעבנ קאַווקאַז (די צײַט, ווי אויכ די באַדינגונגענ, ווי:אַזוי דאָס דאָזיקע רוסישע פירשטנטום איז אויפגעקומענ, זײַנענ פינקטלעכ ניט פעסטגעשטעלט). מסטיסלאַוו האָט אויסגעקעמפט בײַ יאַראָסלאַווג דאָס סיעווערער לאַנד מיט דער שטאָט טשערניגאָוו; די גרענעצ צווישנ די באַזיצנ פונ ביידע ברידער איז געוואָרנ דער דניעפּער. נאָכ מסטיסלאַווס טויט (1036) האָט יאַראָסלאַוו צוריק פאַרייניקט דאָס סיעווערער לאַנד צו דער קיעווער מע=לוכע.

פאַר דער צײַט, וואָס יאַראָסלאַוו איז געווענ פירשט (1019—1054), האָט זיכ דאָס קריסטנטום אינ דער קיעווער רוס פאַרפעסטיקט ענדגילטיק. בײַ זײַנ לעבנ איז אָרגאַניזירט געוואָרנ א קירכ=פאַרוואַלטונג: אינ דער שפּיצ פונ דער קיעווער קירכ איז געשטעלט געוואָרנ א מיטראָפּאָליט, וואָס פלעגט באַשטימט ווערנ פונעם קאָנ=סטאַנטינאָפּאָלער פּאַטריאַרכ. בײַ יאַראָסלאַווס לעבנ טאַקע איז אונטער קיעוו גע=שאַפנ געוואָרנ דער פּעטשערסקער מאָנאַסטיר, וועלכער האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אינעם פאַרשפּרייטנ די ביזאַנטישע אויפקלערונג צווישנ די רעגירנדיקע קלאַסנ פונ קיעווער רוס.

סײַ מיט איר קראַפט, סײַ לויטנ קולטור=ניוואָ האָט די קיעווער מעלוכע אינ יאַראָסלאַווס צײַטנ פאַרנומענ אַנ אָנגעזעענ אָרט צווישנ די מעלוכעס פונ אייראָפּע. וועגנ די ענגע פּאָליטישע באַציונגענ צווישנ קיעווער רוס אונ די מעלוכעס פונ מיט=רעוו=אייראָפּע זאָגנ אײדעס די הייראַט=פאַרבינדונגענ פונ יאַראָסלאַווס פאַמיליע מיט די אויסלענדישע הויפנ: זײַנ שוועסטער האָט כאַסענע געהאַט מיטנ פּוילישנ פירשט קאַזימיר, איינע פונ זײַנע טעכטער — מיטנ פראַנצויזישנ קיניג, א צווייטע—מיטנ

נאָרוועגישנ קיניג. יאַראָסלאַוו האָט זיכ ניט איינ מאָל ארײַנגעמישט אינ די איניאָנים פונ פוילנ. אויסנוצנדיק די מעהומע-צײַט, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ פוילנ נאָכ באָלעסלאַווס טויט, האָט יאַראָסלאַוו צוריק אָפּגענומענ די שטעט פונ דער גאַליטשער רוס, וועלכע וולאַדימיר האָט געהאַט דעראָבערט אונ וועלכע מע האָט אָנגעוואָרנ נאָכ זײַנ טויט. שפּעטער האָט יאַראָסלאַוו געשטיצט מיט זײַנ כאַיל זײַנ שוואָגער קאַזימיר.

אינ יאַראָסלאַווס צײַטנ איז אונטער דער אָנפירונג פונ זײַנ זונ וולאַדימיר פאָרגענומענ געוואָרנ דער לעצטער מאַרש אפ קאָנסטאַנטינאָפּאָל (1043); דער מאַרש איז אָבער ניט געלונגענ.

אינ מיזרעכ-אייראָפּע האָט יאַראָסלאַוו פאַרשפּרייט זײַנ מאַכט אפ די באַלטישע פעלקער אונ האָט אויסגעבויט די שטאָט יוריעוו (טאַרטו — אפ עסטאָניש). אפ דער וואָלגע האָט ער געגרינדעט די שטאָט, וואָס ער האָט אָנגערופנ מיט זײַנ נאָמענ — יאַראָסלאַוול. אינ דאָרעמ איז יאַראָסלאַוונ אויסגעקומענ צו פירנ אנ אינטענסיווע קאַמף קעגנ די פּעטשעניעגנ; ער האָט געבויט א סאַכ שטעט, קעדיי צו פאַרפעסטיקנ די גרענעצ-זאָנע.

פאַר דער צײַט, וואָס יאַראָסלאַוו איז געווענ פירשט, איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ א זאַמלבוכ פונ פירשטלעכע באַשטימונגענ וועגנ געריכט — די אַזויגערופענע יאַראָסלאַווס „פּראַווּדאַ“ („רעכט“). אפנ אינהאַלט פונ דעמ דאָזיקנ זאַמלבוכ האָט א געוויסנ אײַנפלוס געהאַט די קריסטלעכע ביזאַנטישע געזעצגעבונג, וואָס איז צוגעפּאַסט געוואָרנ צו די סאָציאַלע באַדינגונגענ פונ דער קיעווער רוס. אינ יאַראָסלאַווס „פּראַווּדאַ“ זײַנענ נאָכ פאַרבליבנ רעשטלעכ פונעמ אַלטנ שטאַמ-שטייגער: דאָ איז, צומ בײַשפּיל, דערלאָזט געוואָרנ בלוט-נעקאָמע. „אויב א מענטש דערהאַר



יאַראָסלאַוו וולאַדימיראָוויטשס „פּראַווּדאַ“. „נ אָ ווּ ג אָ ר אָ ד ס ק א י א ק אָ ר מ ט ש א י א“ 1282 י.
דער טעקסט וועגנ נעקאָמע-רעכט.

א זײַטל פונ „איזבאָרניק סוויאַטאָסלאַווא" („סוויאַטאָסלאַווס זאַמלונג") XI יה.

געט א מענטשנ, — ווערט געזאָגט אינ דער „פּראַוודא" — דאַרפ דער ברודער נעקאָמע נעמענ פאַרנ ברודער, דער זונ — פאַרנ פאָטער, דער פאָטער — פאַרנ זונ, דער פּלימעניק פונ דעם ברודערס צאַד אָדער פונ דער שוועסטערס צאַד; אויב ס'איז נישטאָ, ווער עס זאָל נעקאָמע נעמענ, דאַרפ מענ באַצאָלנ 40 גריווונעס פאַרנ דערהאַרגעטנ". די נעקאָמע-פליכט ווערט שוינ דאָ אָבער אַרומגעלייגט נאָר אויפ נאָ-ענטע קרויווים, אונ ניט אויפ גאַנצנ שטאַם, וואָרעם דער שטאַם איז שוינ צו יענער צײַט געווענ צעפאַלנ. בײַ יאַראָסלאַווס זינ איז די בלוט-נעקאָמע אָפּגעשאַפט געוואָרנ בײַכלאַל.

שפּעטער, בײַ יאַראָסלאַווס זינ אונ אייניקלעך, איז יאַראָסלאַווס „פּראַוודא" דער-גאַנצט אונ איבערגעאַרבעט געוואָרנ.

די קולטור פונ קיִעווער רוס. אינ XI יה. איז אינ דער קיִעווער רוס צו מערקנ אַנ אויפבלי פונ אַ הויכער אונ גלענצנדיקער קולטור. אַ גרויסנ אײַנפלוס אויפ דער קולטור-אַנטוויקלונג פונעם לאַנד האָט געהאַט ביזאַנצ, וואָס איז אינ יענער צײַט געווענ די קולטורעלסטע מעלוכע אינ אייראָפּע. די רוסנ האָבנ אָבער ניט פּאַשעט איבערגענומענ די פרעמדע קולטור, זיי האָבנ זי איבערגעאַרבעט אונטער דער וויר-

קונג פונ זייער אייגענער פאָלקסשאפונג און פונ די מיזרעוו־אייראָפּייִשע און טראנסקאווקאזער מוסטערנ. אזוי־ארום האָט זיכ אפּגעשאפנ א באַדינג אויפנ קיִעווער באָדנ אייגענע קולטור, וועלכע איז שפּעטער געוואָרנ דער פונדאמענט פונ די נאציאָנאלע קולטורנ פונ דער רוסישער, אוקראיִנישער און ווייסרוסישער פעלקערשאפט.

דער איינפלוס פונ ביזאנצ האָט זיכ באזונדערס פארשטארקט נאָכנ אָננעמענ קריסטנטום. צוזאמענ מיט דער נייער רעליגיע איז אינ קיִעווער רוס ארײנגעדרונגענ א סאַכ ביכער, וואָס זיינענ איבערגעזעצט געוואָרנ פונ דער גריכישער שפּראכ אינ דונײ־באָלגאריע. דער פירשט אליינ און די רײַכע לייט פלעגנ באשטעלנ קאָפּיעס פונ די דאָזיקע ביכער. אנדערע ביכער האָט מענ אפּגעניי גענומענ איבערזעצנ אפּ רוסיש.

אכוץ קירכלעכע ביכער, זיינענ דאָ אויכ געווענ ביכער מיט א וועלטלעכנ אינהאלט, באזונדערס די גריכישע כראָניקעס. די איבערגעזעצטע ליטעראטור האָט געדינט אלס מוסטער פאַר אָריגינעלע רוסישע ווערק. אינ יאראָסלאווס צייטנ זיינענ געמאכט געוואָרנ די ערשטע פרווונ צו שאפנ א געשיכטע פונ רוס. שוינ נאָכ יאראָסלאווס טויט זיינענ די דאָזיקע געשיכטלעכע פארנאָטירונגענ איבערגעארבעט געוואָרנ אינעמ פּעטשערסקער מאָנאסטיר אינ א ברייט ווערק, ווו עס ווערט דערציילט וועגנ דעמ, „פונוואנענ עס האָט זיכ גענומענ דאָס רוסישע לאנד”. אינ דעמ דאָזיקנ ווערק זיינענ ארײנ באזונדערע דערציילונגענ, לעבנס־באשרייבונגענ פונ פירשטנ, יאָר־יערלעכע פארנאָטירונגענ פונ געשעענישנ,— פארנאָטירונגענ, וואָס זיינענ געמאכט געוואָרנ אינ פארשיידענע שטעט, אויסצוגנ פונ גריכישע כראָניקעס א״וו. אָט די אלע היסטאָרישע מאטעריאלנ זיינענ געווענ אויסגעשטעלט לויט די יאָרנ: פונדאנענ נעמט זיכ אינ רוסיש

אָסטראָמירס עוואנגעליע. מאנוסקריפּט פונ 1056 י.

דער נאָמענ, מיט וועלכנ מע רופט אזוינע מינע ווערק, — „ליעטאָפּיס” (פונעמ וואָרט „ליעטאָ”, וואָס באטייט אפּ אלט־רוסיש — א יאָר. אפּ ייִדיש און אנדערע שפּראכנ הייסט עס „כראָניק” — פונעמ גריכישנ וואָרט „כראָנאָס”, וואָס באטייט צייט). די „נאטשאלנאיא ליעטאָפּיס” („אָנהאנג־כראָניק”), ווי מע רופט געוויינלעכ דאָס דאָזיקע ווערק, איז קעסיידער דערגאנצט און איבערגעארבעט געוואָרנ; צו אונדז איז זי דערגאנגענ אונטערנ נאָמענ «Повесть временных лет» („דערציילונג וועגנ די פארגאנגענע יאָרנ”), וואָס איז באארבעט אינ די יאָרנ 1116 און 1118. די „נאטשאלנאיא ליעטאָפּיס” דינט אונדז אלס קוואל פונ אונדזערע קענטענישנ וועגנ דער פארצייטיקער געשיכטע פונעמ דניעפּער־געביט און פונ די שכייניש לענדער. דאָס דאָזיקע ווערק זאָגט איידעס וועגנ דעמ הויכנ ניוואָ פונ דער בילדונג אינ די מאָנאסטירנ פונ דער קיִעווער רוס און דער פארשיידנארטיקייט און רייכקייט פונ דער דעמאָלטיקער איבערזעצטער און אָריגינעלער ליטעראטור.

דער אײַנפלוס פונ ביזאנצ האָט זיכ געלאָזט פילנ אויכ אינ דער קונסט. אינ יאראָסלאַווס צײַטנ האָבנ גריכישע ארכיטעקטאָרנ אויסגעבויט אינ קיִעוו דעמ סאָפיער קאַטעדראַל; דער געווײנלעכער טיפ פונ א ביזאנטישנ ביניענ איז דאָ אָבער געענדערט געוואָרנ לויטנ רוסישנ געשמאַק אונ לויט די רוסישע פאָדערונגענ. דער סאָפיער קאַטעדראַל איז א שעדעוור פונ רוסישער ארכיטעקטור-קונסט פונעמ XI יה. (באַ הײַנטיקנ טאָג איז ער רעסטאַווירט אונ איז פארוואַנדלט געוואָרנ אינ א מוזײ). אינווייניק אינ קאַטעדראַל האָבנ זיכ אופגעהיט אויסגעצייכנטע מאָזאַיִקעס אונ פרעסקנ. נאָכ א דענקמאָל פונ יאראָסלאַווס צײַטנ אינ קיִעוו זײַנענ די רוינענ פונעמ אַזויגערופענעמ „גאָלדענעמ טויער". די אויסלענדער פלעגנ בלײַבנ דערשטוינט, אָנקוקנדיק די פראַכט אונ גלאַנצ פונ קיִעוו, אונ זײ פלעגנ זאָגנ, אז די שטאָט איז א „קאָנקורענט פונ קאָנסטאַנטינאָפאָל". מיט אַזוינע גרויסארטיקע געבײַדעס זײַנענ פארבויט געוואָרנ אויכ אַנדערע שטעט, באַזונדערס נאָווגאָראָד, וווּ יאראָסלאַווס זונ וולאַדימיר האָט לויטנ מוסטער פונעמ קיִעווער קאַטעדראַל אויסגעבויט דעמ פראַכטפולנ סאָפיער קאַטעדראַל.

קאַפיטל IV.

די צעפאַלונג פונ דער קיִעווער מעלוכע.

§ 13. די ענדגילטיקע אײַנשטעלונג פונ פעאָדאַלע פארהעלטענישנ אינ דער קיִעווער מעלוכע.

די אַנטוויקלונג פונ די פעאָדאַלע פארהעלטענישנ אינ קיִעווער רוס. דער גרונט-צווײַג פונ דער ווירטשאַפט איז אינ קיִעווער רוס געווענ ערדארבעט. צומ XI יה. האָט דאָ די ערדארבעט געמאַכט גרויסע דערפאָלגנ אונ האָט זיכ פארשפרייט אַפ קאָלאָסאַלע שעטכנ.

צווישנ די סמערדנ, די געמיינדע-מיטגלידער, זײַנענ אינ יענער צײַט געווענ פארמעגלעכע מענטשנ. זײ האָבנ אָנגעהויבנ פארכאַפנ ערד אונ באַארבעטנ זי מיט דער הילפ פונ די אָרעמע לײַט אונ כאָלאָפעס, וואָס זײַנענ געווענ פונ זײ אָפהענגיק. אַזוי-ארומ האָבנ זיכ פונ צווישנ די געמיינדע-מיטגלידער אויסגעטיילט גרויסע ערדבאַזיצער, וואָס האָבנ קאָנצענטרירט באַ זיכ אינ די הענט גרויסע ערדבאַזיצנ. די פירשטנ אונ זייערע דרוזשיניקעס האָט אויכ מער אָנגעהויבנ לוינענ צו פירנ א ברייטע לאַנד-ווירטשאַפט, אײדער באַנוגענענ זיכ מיטנ אײַנמאָנענ צינז באַ דער באַפעלקערונג. דעריבער פלעגנ זײ אָפנעמענ באַ די סמערדנ געמיינדישע ערד אונ זיכ אײַנשאַפנ קאָלאָסאַלע ערדבאַזיצנ מיט אקער-ערד, מיט האָניק- אונ יאַגד-פלעצער. באַ דער מיט-הילפ פונ די פירשטנ אונ באָיארנ (ווי מע האָט אָנגעהויבנ רופנ די גרויסע ערדבאַזיצער) האָבנ אויכ די מאָנאַסטירנ אָנגעהויבנ צונעמענ פאַר זיכ ערד. אַזוי-ארומ האָט זיכ דער ערדבאַזיצ פונ די פירשטנ, פונ די באָיארנ אונ פונ דער קירכ גענומענ שטאַרק פאַנאַנדערוואַקסנ אַפנ כעזשבנ פונ דער געמיינדישער ערד פונ די סמערדנ.

ארומ די גרויסע שטעט האָבנ זיכ אויסגעשפרייט פירשטלעכע, באָיארישע אונ מאָנאַסטירישע דערפער. די ארבעט פונ די כאָלאָפעס איז געווענ קנאַפ פראָדוקטיוו. דעמ ערדבאַזיצער האָט מער געלוינט צו האַלטנ באַ זיכ אַפ דער ערד האַלב-פרײַע פויערימ, וואָס האָבנ געפירט אַנ אײגענע ווירטשאַפט, נאָר גלײַכצײַטיק זײַנענ זײ גע-

צווונגענ געוועז צו ארבעטנ פארנ ערדבאזיצער. דעריבער האָבנ די ערדבאזיצער פארקנעכט אונ עקספלואטירט די פרײַע סמערדנ.

דער גרעסטער טייל סמערדנ האָט אינ XI יה. נאָכ אלצ געלעבט אינ געמיינדעס, אונ זייער אָפהענגיקײַט פונ די פירשטנ האָט זיכ באגרענעצט מיט צאָלנ צינז. אָבער צומ סאָפ פונעמ זעלבנ יאָרהונדערט איז שויג געווענ א באדײַטנדיקער טייל אזוינע סמערדנ, וואָס זײַנענ געווענ אָפהענגיק פונ די גרויסע ערדבאזיצער. צווישנ די דאָזיקע אָפהענגיקע סמערדנ זײַנענ געווענ א סאכ אזויגערופענע „זאָקופנ“. דער „זאקופ“ פלעגט באקומענ פונ זײַנ האר א „קופע“, דאָס הייסט, א געלט-האלוואָע, אונ א קליינעמ ערד-בײַלעק, אונ דערפאר פלעגט ער דארפנ אָפארבעטנ פאנשטשינע (барщина), דער אינווענטאר—דאָס פערד, די סאָכע, די בראָנע האָבנ געהערט דעמ באלעבאָס. דער באלעבאָס האָט געהאט דאָס רעכט צו באשטראָפנ זײַנ „זאָקופ“ מיט שמיץ. דער „זאקופ“ האָט ניט געטאָרט אוועקגיינ, איידער ער האָט אומגעקערט די האלוואָע; אויב ער פלעגט דאָכ אנטלויפנ, פלעגט מענ אימ מאכנ פאר א שקלאפ. דער „זאקופ“ איז אזויארומ אינגאנצנ פארקנעכטעט געוואָרנ באמ ערדבאזיצער.

„די ערדבאזיצער, — האָט לענינ געזאָגט, — פלעגנ פארקנעכטנ די סמערדנ נאָכ אינ די צײַטנ פונ דער „רוסקאיא פראוודא““[1]. „אינעמ XI יה. זײַנענ, — לויט לענינס ווערטער, — די „סמערדנ“ (אזוי רופט די פויערימ די „רוסקאיא פראוודא“) געגאנגענע פארקנעכט ווערנ אונ זיי פלעגנ „זיכ צושרײַבנ“ צו די פריצימ“[2].

די סמערדנ האָבנ געקעמפט קעגנ דער ערד-בארויבונג אונ פארשקלאפונג. זיי פלעגנ פאראקערנ די מעזשעס, וואָס האָבנ אָפגעטיילט די ערד-שטיקער, וועלכע די פעאָדאלנ האָבנ פארכאפט, פארניכטנ די מעזשע-צייכנס, דערהארגענענ די פירשטלעכע אונ באָיארישע פריקאזשטשיקעס, אונטערציגדנ די ווירטשאפטלעכע געבײַדעס. ניט איינמאָל זײַנענ אינ די דערפער אויסגעבראָכנ סטיכישע אופשטאנדנ קעגנ די פעאָדאלנ.

אזויארומ האָבנ זיכ אינ קיִעווער רוס געגומענ אויסבילדנ כאראקטעריסטישע פארנ פעאָדאליזמ פארהעלטענישנ: דער גרויסער ערדבאזיצער פלעגט נעמענ אונטער זײַנ מאכט דעמ קליינ-פראָדוצירער אונ פלעגט אימ עקספלואטירנ, צווינגענדיק צו ארבעטנ אפ אימ, אפנ ערדבאזיצער.

בא דער פעאָדאלער אָרדענונג זײַנענ דער פויער אונ דער האנטווערקער געווענ איינגנטימער פונ די פראָדוציר-געצײַג אונ האָבנ געפירט זייער פריוואטע ווירטשאפט, וואָס איז באזירט אפ פערזענלעכער ארבעט. דאָס פראָדוציר-מיטל אָבער, וואָס איז דאָס גרונטיקע פאר יעגער עפאָכע, די ערד — האָט זיכ געפונענ אינעמ באזיצ פונעמ פעאָדאל. דאָס האָט געגעבנ דעמ פעאָדאל די מעגלעכקײַט מיט געוואלט צו פארקנעכטנ דעמ קליינ-פראָדוצירער — דעמ פויער. דער פעאָדאל האָט פארקנעכט דעמ פויער אונ האָט אימ פארוואנדלט אינ א האלב-פרײַענ מענטש, וועלכנ ער האָט ניט געטאָרט דערהארגענענ, אָבער ער האָט אימ געמעגט פארקויפנ אונ קויפנ.

די „רוסקאיא פראוודא“. אינ די צײַטנ פונ יאראָסלאווס זינ אונ אייניקלעכ האָבנ די פעאָדאלע פארהעלטענישנ געפונענ אנ אָפשפיגלונג אינעמ זאמלבוכ פונ פירשטלעכע באשטימונגענ, וועלכער איז באוווסט אונטערנ נאָמענ „רוסקאיא פראוודא“. אינ יעסאָד פונ דעמ דאָזיקנ קאָדעקס איז געלייגט געוואָרנ יאראָסלאווס „פראוודא“. אינ דער צווייטער העלפט XI יה. אונ אינ XII יה. איז זיכ די „רוסקא-

[1] לענינ, ווערק, ב. III, ז. 150.
[2] לענינ, ווערק, ב. XI, ז. 98.

יא פראוודא" פאנאנדערגעוואקסנ אינ א ברייטנ געזעצנ-קאָדעקס. די „רוסקאיא פראוודא" האָט פאר זיכ געשטעלט די אויפגאבע צו פארטיידיקנ דאָס פארמעגנ פונ די ערדבאזיצער די פעאָדאלנ. אינ א רײ ארטיקלענ פונ דעמ דאָזיקנ קאָדעקס ווערנ אויסגערעכנט די שטראָפנ, וואָס האָבנ געקומט פאר ברעכנ די מעזשעס, פאר אוועקרויבנ פי אאוו. דאָ זײַנענ געווענ פינקטלעכ פעסטגעשטעלט די רעכט פונעמ האר איבערנ „זאקופ" אונ איבערנ שקלאפ. די „רוסקאיא פראוודא" האָט אָפּגעשאפט די בלוט-נעקאָמע אונ האָט אָנשטאָט איר אײַנגעפירט די „ווירע", דאָס הייסט, אויסקויפ-געלט פארנ דערהארגעטנ מענטשנ אינ א סומע פונ 40 גריוונעס (אנ ערעכ 300 רובל לויטנ קורס פונ סאָפ XIX יה.). פאר דערהארגענענ א באָיארינ האָט מענ געצאָלט ווירע צוויי מאָל אזויפיל — 80 גריוונעס. א צווייענדיקע ווירע האָט מענ געצאָלט אויכ פאר דערהארגענע מענטשנ, וואָס האָבנ פארנומענ הויכע שטעלעס אינ דער פירשטלעכער ווירטשאפט, — פאר דעמ פירשטס שטאלמייסטער, הויפמייסטער אאוו. דערפאר האָט אָבער פאר כאָלאָפעס אָדער פאר שקלאפנ קיינ ווירע ניט געקומט. פאר זיי פלעגט מענ דארפנ אויסצאָלנ דעמ באלעבאָס נאָר זייער פרײַז — 5 גריוונעס (אנ ערעכ 35 רובל לויטנ זעלבנ קורס). די זעלבע סומע פלעגט מענ אויכ צאָלנ פאר סמערדנ, וואָס האָבנ געארבעט בא דער ווירטשאפט פונעמ פירשט אָדער באָיארינ. אזויארומ איז א סמערד, וואָס האָט געארבעט אפנ פעאָדאלס ערד, געווענ צוגעגליכנ צו א כאָלאָפ. פאר פארברעכנס האָט די „רוסקאיא פראוודא" אײַנגעפירט,

א זילבערנע גריוונע.

מע זאָל צאָלנ שטראפ לעטויוועס דעמ פירשט (דאָס האָט געהייסנ „פראָדאזשא") אונ דעקנ דעמ געליטענעמ זײַנ העזעק. אזוי, צומ בײַשפּיל, איז אינ דער „רוסקאיא פראוודא" געווענ פארשריבנ: „אויב עמעצער וועט געבנ א קלאפ מיט א שווערד אונ וועט ניט דערהארגענענ אפ טויט, איז דרײַ גריוונעס שטראפ, אונ דעמ געשלאָגענעמ גופע א גריוונע, אונ פאר א וואונד — די היילצאָעמ אפ היילנ זיכ"; אָדער: „אויב מע האקט אויס א צאָנ אונ אינ מויל איז קאָנטיק בלוט, איז צוועלפ גריוונעס שטראפ, אונ פארנ צאָנ א גריוונע"; „אויב עמעצער האקט אונטער א בינענ-בוימ, איז דרײַ גריוונעס שטראָפ, אונ פארנ בוימ א האלבע גריוונע". פאר אונטערציענדנ א הויפ אָדער א שײַער האָט געקומט די הארבסטע שטראָפ: פארטריבנ צו ווערנ. דערבײַ פלעגט מענ צעראבעווענ דאָס גאנצע פארמעגנ פונעמ פארברעכער. די שטרענגקײַט פונ דער שטראָפ דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס די פעאָדאלנ האָבנ זיכ אזויארומ געוואָלט באוואָרענענ פונ נעקאָמע מיצאד די עקספּלואטירטע סמערדנ.

האנדל אונ האנטווערקערײַ. די ווירטשאפט איז אינ קיעווער רוס געווענ א נאטורעלע, דה. יעדע ווירטשאפט האָט אינ גרונט באפרידיקט אירע אייגענע באדערפענישנ. אינ די שטעט אָבער האָט שוינ אינ XI יה. עקזיסטירט א פראָדוקציע, וואָס האָט געארבעט פארנ אָרטיקנ מארק. אייניקע ארטיקלענ פונ מאסנ-געברויכ, צומ בײַשפּיל, קליידער, שוכווארג, פלעגט מענ זיכ אײַנשאפנ אפנ „טאָרג" (מארק). די פעאָדאלנ האָבנ געוואָלט האָבנ לוקסוס-זאכנ, אזעלכע ווי די, וואָס מע פלעגט ברענגענ פונ ביזאנצ אונ פונ מיזרעכ, צומ בײַשפּיל, יוועליר-ארטיקלענ. די קיעווער האנטווערקער פלעגנ נאָכמאכנ די גריכישע אונ מיזרעכדיקע מוסטערנ אונ

האָבנ געשאפנ אנ אייגענע הויכע קונסט. מוסטערנ פונ דער דאָזיקער קונסט האָט מענ געפונענ אינ די קיִעווער אונ אנדערע אויצרעס. עס האָט געבליט שמידערײַ; די רוסישע געווער=מײַסטערס פלעגנ מאכנ אויסגעצייכנטע שווערדנ אונ אנדערע מינימ געווער. אינ די שטעט האָט זיכ אויסגעבילדעט א ספּעציעלע גרופּע באפעלקערונג — סאָכרימ, וואָס האָבנ זיכ באשעפטיקט מיט אופקויפנ די אָרטיקע סכוירעס אונ איבערפארקויפנ זיי אינ אנדערע שטעט אונ קיינ אויסלאנד; אָנשטאָט דעמ פלעגנ זיי ברענגענ צומ פארקויפנ אויסלענדישע סכוירעס.

די מאָס=איינס באמ אויסטויש איז צוערשט געווענ רויכווארג אונ פי. דעריבער האָט געלט פארצײַטנס געהייסנ „סקאָט" (פי) אָדער „קוני" (מארדער=פעלכלעכ). אינ XI יה. זײַנענ שוינ געווענ ספּעציִעלע געלט=צייכנס: גריוונעס, דאָס הייסט, גוסשטיקער זילבער פונ א באשטימטער וואָג. קיינ אייגענע מאטבייעס איז צוערשט ניט געווענ, מע פלעגט זיכ באנוצנ מיט אראבישע, מיט גריכישע, מײַרעוו=אייראָפּייִשע מאטבייעס. פונעמ XI יה. אָנ האָט מענ אינ קיִעווער רוס, לויטנ גריכישנ מוסטער, אָנגעהויבנ מאכנ אינ א קליינער צאָל אייגענע מאטבייעס מיט בילדער פונ די פירשטנ.

א זילבערנע מאטבייע מיט א בילד, ווי מע איז מעשאער, פונעמ פירשט וולאדימיר סוויאטאָסלאָוויטש.

אינ די שטעט האָט געבליט וווכערײַ, פונ וועלכער עס האָבנ שטארק געליטנ די נידעריקערע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג, באזונדערס די האנטווערקער. כאָטש די האנטווערקער האָבנ פארמאָגט אייגענע פּראָדוציר=געצײַג, זײַנענ זיי פונדעסטוועגנ אלצ מער אונ מער געוואָרנ אָפּהענגיק פונ די וווכערניקעס אונ סאָכרימ. אזויארומ איז אינ די שטעט, אינ צוזאמענהאנג מיט דער פארשטארקונג פונ דער ארבעט=צעטיילונג, אלצ טיפער געגאנגענ דער פּראָצעס פונ קלאסנ=דיפערענציִרונג. די שטאָטישע אָרעמשאפט, עקספּלואטירט דורכ די רײַכע סאָכרימ אונ וווכערניקעס, האָט ניט איינ מאָל געבונטעוועט קעגנ אירע אונטערדריקער; זי איז אָבער ניט בעקויעכ געווענ צו באפרײַענ זיכ פונ דער אָפּהענגיקײַט, וואָס האָט זי געדריקט.

דער אָנהייב פונ דער צעפאלונג פונ דער קיִעווער מעלוכע. ניט געקוקט אפנ אויסערלעכנ גלאנצ, איז די קיִעווער מעלוכע געווענ א שוואכ=צעמענטירטע פאריייניקונג פונ פארשיידנארטיקע לענדער, וואָס זײַנענ באצוווּנגענ געוואָרנ דורכ די קיִעווער פירשטנ. וואָס מער עס האָט זיכ אינ די באזונדערע געביטנ אנטוויקלט דער גרויסער ערדבאזיצ, — אלצ מער האָבנ זיכ פארשטארקט די אָרטיקע ערדבאזיצער, וואָס האָבנ קאָנצענטרירט בא זיכ אינ די הענט גרויסע ערדבאזיצנ מיט א גרויסער צאָל אָפּהענגיקע פויערימ אונ וואָס האָבנ געהאלטנ אייגענע דרוזשינעס קריגס=דינער. די מעכטיקע אָרטיקע פעאָדאלנ האָבנ געשטרעבט צו באפרײַענ זיכ פונ דער מאכט פונ די קיִעווער פירשטנ אונ האָבנ געשטיצט זייערע אייגענע פירשטנ אינעמ קאמפ קעגנ קיִעוו פאר זעלבשטענדיקײַט. אזויארומ האָט די איינהײַט פונ דער קיִעווער רוס אָנגעהויבנ צעשטערט ווערנ, אונ אָנשטאָט דעמ איז געקומענ א פעאָדאלע צעברעקלטקײַט.

נאָכ יאראָסלאווס טויט (1054) האָט זײַנ מעלוכע אָנגעהויבנ ארויסווײַזנ סימאָנימ פונ צעפאלונג. אפ איר אָרט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אויסבילדנ עטלעכע פירשטנ=

טומס. אינ יעדנ פונ די פירשטנטומס האָט רעגירט אײנער פונ יאראָסלאװס זינ. דער עלטסטער — איזיאסלאװ — האָט באקומענ קיִעװ אונ נאָװגאָראָד, דה. בײדע װיכטיקסטע פונקטנ אפנ דניעפּער-װעג, סװיאטאָסלאװ האָט באקומענ דאָס טשערניגאָװער לאנד אונ װסעװאָלאָד — פּערעיאסלאװער אונ ראָסטאָװ-סוזדאלער. די איבעריקע לענדער האָבנ באקומענ די ייִנגערע מיטגלידער פונ דער פירשטלעכער פאמיליע. די ערשטע צײַט האָבנ די דרײַ עלטערע ברידער — איזיאסלאװ, סװיאטאָסלאװ אונ װסעװאָלאָד געהאלטנ אײנ האנט, האָבנ מיט געמײנזאמע קויכעס געהאלטנ אָרדענונג אינ לאנד, באשיצט דאָס לאנד פונ סאָנים. װענ מע פלעגט דארפנ לײזנ אלגעמײנע פראגנ, פלעגנ זיכ די ברידער פונ צײַט צו צײַט צונויפקומענ אפ צוזאמענפאָרנ. אזוי, צום בײַשפּיל, האָבנ זײ אפ אײנעמ אזא צוזאמענפאָר דערגאנצט אונ אויסגעבעסערט זײער פאָטער יאראָסלאװס „פּראװדא“.

די פּעאָדאלע מילכאָמעס אונ דער קאמפּ מיט די פּאָלאָװצעס. יאראָסלאװס זינ איז אויסגעקומענ צו פּארטײדיקנ די רוסישע באזיצנ קעגנ דעמ אָנגריפ פונעמ נאָמאדישנ טיורקישנ פאָלק — פּאָלאָװצעס. אינמיטנ XI יה. האָבנ זיכ די פּאָלאָװצעס ארײַנגעריסנ פונ אזיע אינ די שװארציאמישע סטעפּעס אונ האָבנ זײ פארנומענ, דערבײַ האָבנ זײ טײלװײַז אָפּגעשטויסנ די פּעטשעניעגנ אפ מײַרעװ, צום דונײַ, טײלװײַז זיכ אויסגעמישט מיט זײ. די פּאָלאָװצעס זײַנענ געװענ פּיציכטלער. זײ זײַנענ געװענ צעטײלט אפ עטלעכע האָרדעס, אָדער שװאָטימ, װאָס אינ דער שפּיצ פונ זײ זײַנענ געשטאנענ כאנענ (פירשטנ). די פּאָלאָװצעס פלעגנ באפאלנ די רוסישע לענדער, פארװיסטנ זײ, צונעמענ געפאנגענע, אװעקטרײַבנ דאָס פי אונ אװעקטראָגנ זיכ צוריק אינ סטעפּ ארײַנ. זײערע איבערפאלנ פלעגנ זיכ אויסצײכענענ מיט גװאלדיקער האסטיקײַט. „אינ אײנ אויגנבליק, — שרײַבט אײנער א גריכישער אװטאָר, — איז דער פּאָלאָװעצ דאָ נאָענט אונ אָט איז ער שוינ ניטאָ. געמאכט אנ איבערפאל אונ בליצ-שנעל מיט פולע הענט א כאפּ פארנ צײַמל, א טריב דאָס פערד מיט די פיס אונ מיט דער בײַטש אונ װי א װיכער טראָגט ער זיכ שוינ װײַטער, װי ער װאָלט געװאָלט אריבעריאָגנ דעמ פלי פונ א פויגל. מע האָט אימ קוים באװיזנ צו זענ, אונ ער איז שוינ פארשװוּנדנ פונ די אויגנ“.

אינ 1068 י. איז איזיאסלאװ צוזאמענ מיט זײַנע ברידער סװיאטאָסלאװ אונ װסעװאָלאָד ארויסגעטראָטנ קעגנ די פּאָלאָװצעס. זײ האָבנ אָבער געליטנ א שװערע מאפּאָלע אונ זײַנענ אנטלאָפנ פונ שלאכט-פעלד. איזיאסלאװ איז אװעק קײנ קיִעװ. די פויערימ, װעלכע זײַנענ אָנגעלאָפנ אינ שטאָט ארײַנ פונ די דערפער, װאָס די פּאָלאָװצעס האָבנ רויִנירט, אונ אויכ די אונטערשטע שיכטנ פונ דער קיִעװער באפעלקערונג האָבנ גענומענ פאָדערנ פונ איזיאסלאװנ, ער זאָל זײ געבנ געװער אונ פערד אונ זאָל זײ פירנ א צװײט מאָל אינ שלאכט קעגנ דעמ סוינע. איזיאסלאװ האָט זיכ אָבער אָפּגעזאָגט, עפּשער טאקע דערפאר, װײַל ער האָט מוירע געהאט, אז דאָס געװער קאָנ זיכ אויסקערעװענ קעגנ אימ גופע. דאנ האָט זיכ דער האמוינ ארײַנגעריסנ אינעמ פירשטס הויפ, האָט אימ צעראבעװעט, ארויסגעפירט פונ טורמע דעמ פּאָלאָצקער פירשט װסעסלאװ, װאָס איז דאָרט געזעסנ אינ געפענקעניש, אונ פּראָקלאמירט אימ אלס קיִעװער פירשט. איזיאסלאװ איז אנטלאָפנ קײנ פּוילנ זוכנ הילפּ באמ פירשט באָלעסלאװ דעמ דרײסטנ. פאר די פּוילישע פּעאָדאלנ איז דאָס געװענ א פּאסיקע געלעגנהײַט ארײַנצומישנ זיכ אינ די איניאָנימ פונ קיִעװער רוס. איזיאסלאװ האָט זיכ אומגעקערט מיט פּויליש כאיִל. װסעסלאװ

די פּאָלאָווצעס טרײַבנ אוועק געפאנגענע אונ פי. קעניגסבערגער כראָניק.

האָט פאראטנ די קיִעווער אײַנוווינער און איז באנאכט בישטיקע אנטלאָפנ קיינ פּאָלאָצק. שטיצנדיק זיך אפ דער הילפ פונ די פּוילישע פעאָדאלנ, האָט זיך איזיאסלאוו אכזאָריעסדיק אָפּגערעכנט מיט די אופגעשטאנענע קיִעווער אײַנוווינער. 70 מאנ זײַנענ געקעפּט געוואָרנ, בא פיל מענטשנ האָט מענ אויסגעשטאָכנ די אויגנ, א סאך האָט מענ באשטראָפט מיט אנדערע שטראָפנ. די פּאָליאקנ האָבנ זיך אײַנגעקוואַרטירט אפ קעסט אינ די שטעט פונעמ קיִעווער פירשטנטום. אופגעבראכט פונ זייערע גוואלדטאטנ, האָט זיי די באפעלקערונג אויסגעהארגעט.

ניט געקוקט אפ דער געפאר, וואָס האָט געדראָט מיצאד די פּאָלאָווצעס, האָט די אייגהײַט צווישנ יאראָסלאווס זינ אָנגעהאלטנ ניט לאנג. אינ 1073 י. האָבנ סוויאטאָסלאוו אונ ווסעוואָלאָד פארטריבנ איזיאסלאוונ פונ קיִעוו. דעמ קיִעווער טראָנ האָט פארנומענ סוויאטאָסלאוו. איזיאסלאוו האָט געזוכט הילפ באמ גערמאנישנ אימפּעראטאָר אונ באמ רוימישנ פּויפּסט אונ לעסאָפ האָט ער, בא דער מיטהילפ פונ די פּאָליאקנ (שוינ נאָכ סוויאטאָסלאווס טויט), ווידער זיך אומגעקערט אפנ טראָנ, אָבער אינגיכנ איז ער געפאלנ אינ דער מילכאָמע קעגנ זײַנע פּלימעניקעס.

די פעאָדאלע מילכאָמעס האָבנ געדויערט אויכ בא יאראָסלאווס אייניקלעכ. אינ 1097 י. זײַנענ זיך די מער אײַנפלוסרײַכע פירשטנ צונויפגעקומענ אפ אנ אלגעמיינעמ צוזאמענפאָר אינ ליובעטש. „צו וואָס, — האָבנ די פירשטנ געטײַנעט אפנ צוזאמענפאָר, — ברענגענ מיר אומ דאָס רוסישע לאנד, פלאנעווענדיק איינער קעגנ אנדערנ אינטריגעס, אונ די פּאָלאָווצעס רײַסנ אפ שטיקער אונדזער לאנד אונ פרייענ זיך, וואָס מיר האלטנ מילכאָמע צווישנ זיך. פונ הײַנט אָנ לאָמיר אלע זײַנ איינמוטיק!“. קעדיי מאכנ א סאָפ צו די פעאָדאלע קריגערײַענ, האָבנ די אָנטיילנעמער פונעמ צוזאמענפאָר פארגעזעצלעכט די צעטיילונג פונ קיִעווער רוס צווישנ זיי לויטנ יערושע-פּרינציפּ: „זאָל יעדער הערשנ איבער זײַנ פאָטערס ערד“, ד.ה. איבער דעמ פירשטנטום, איבער וועלכנ עס האָט געהערשט זײַנ פאָטער. קיִעוו איז פארבליבנ פאר סוויאטאָפּאָלקנ, איזיאסלאווס זונ, דעמ עלטסטנ פונ יאראָסלאווס קינדער. דאָס

פּערעיאסלאווער פירשטנטום, וואָס האָט געהערט וסעוואָלאָדנ, האָט באקומענ זײַנ זונ וולאדימיר, וועלכער איז באוווסט מיטנ צונאָמענ מאָנאָמאכ. די אָנטיילנעמער פונעמ צוזאמענפאָר האָבנ זיכ פארפליכטעט ארויסצוטרעטנ מיט געמיינזאמע קויכעס קעגנ די, וואָס וועלנ דעמ דאָזיקנ אָפּמאכ ברעכנ. מע האָט אָבער קוים באוויזנ זיכ פאנאנדערצופאָרנ פונעמ צוזאמענפאָר, האָט דער וולאדימיר-וואָלינסקער פירשט דאוויד איגאָרעוויטש אונטערגעהעצט סוויאטאָפאָלק איזיאסלאוויטשנ, ער זאָל פאנגענ איינעמ פונ די אָנטיילנעמער פונעמ צוזאמענפאָר—דעמ ענערגישנ און דרייסטנ וואסילקאָ. סוויאטאָפאָלק האָט פארופנ וואסילקאָנ צו גאסט קיינ קיִעוו, האָט אימ געכאפט און איבערגעגעבנ דאווידנ אינ די הענט. דאוויד האָט באפוילנ אויסשטעכנ וואסילקאָנ די אויגנ און ארײַנווארפנ אימ אינ טפיסע; די שטעט ווידער, וואָס האָבנ געהערט וואסילקאָנ, האָט ער פארכאפט. די איבעריקע פירשטנ אינ דער שפיצ מיט וולאדימיר מאָנאָמאכנ זײַנענ ארויסגעטראָטנ פארטיידיקנ וואסילקאָנ. מע האָט וואסילקאָנ באפרײַט, און פאר דעמ, וואָס מע האָט אימ בלינד געמאכט, האָט ער זיכ גרויזאמ נויקעמ געווענ — ער האָט כאָרעוו געמאכט דאווידס באזיצנ. אפנ נײַעמ צוזאמענפאָר אינ 1100 יאָר אינ וויטיטשעוו האָבנ די פירשטנ אלס שטראָפ אָפּגענומענ בײַ דאווידנ וולאדימיר-וואָלינסק. „מיר ווילנ דיר ניט געבנ דעמ וולאדימירער טראָנ, — האָבנ זיי געהייסנ אימ זאָגנ, — ווײַל דו האָסט ארײַנגעשטאָכנ א מעסער צווישנ אונדז, וואָס אזוינס איז קיינמאָל ניט געווענ אינעמ רוסישנ לאנד".

די מילכאָמעס צווישנ די פירשטנ האָבנ געגעבנ א מעגלעכקײַט די פאָלאָווצעס אומבאשטראָפט צו ראבעווענ די רוסישע לענדער. צומאָל פלעגנ די פירשטנ אליינ רופנ די פאָלאָווצעס צו הילפ קעגנ זייערע סאָנימ. קעדיי צו קעמפנ קעגנ די פאָלאָווצעס, האָט מענ זיכ געמוזט פארייניקנ. אינ 1103 י. זײַנענ סוויאטאָפאָלק איזיאסלאוויטש און וולאדימיר מאָנאָמאכ זיכ צונויפגעפאָרנ אונטער קיִעוו, בײַ דער דאָלאָבער אָזערע: דאָ האָבנ זיי באהאנדלט די פראגע וועגנ ארויסטרעטנ געמיינזאמ מיט א מארש קעגנ די פאָלאָווצעס. סוויאטאָפאָלק און זײַנע דרוזשיניקעס זײַנענ ניט גערנ אײַנגעגאנגענ אפ דעמ — זיי האָבנ זיכ פארופנ אפ דעמ, אז א מארש אינ פרילינג וועט זיכ שלעכט אָפּרופנ אפנ אקער-פעלד פונ די סמערדנ (פונ די פויערימ), ווײַל צוליבנ מארש וועט מענ בײַ זיי מוזנ צונעמענ די פערד. „עס וווּנדערט מיכ, דרוזשיניקעס, — האָט וולאדימיר דערווידערט, — וואָס איר זשאלעוועט א פערד, מיט וועלכנ אײַער אקערט, איר טראכט אָבער ניט וועגנ דעמ, אז ווענ דער סמערד וועט נעמענ אקערנ, וועט קומענ דער פאָלאָווצ, וועט אימ טרעפנ מיט א פײַל און וועט דאָס פערד זײַנס צונעמענ און וועט ארײַנ אינ דאָרפ און וועט צונעמענ דאָס ווײַב מיט די קינדער מיטנ גאנצנ האָב-און-גוטס... זײַנ פערד איז אײַכ א שאָד, און אימ אליינ איז אײַכ ניט קיינ שאָד!" וולאדימירס ארגומענטנ האָבנ געווירקט אפ די וואקלדיקע. אינעמ מארש קעגנ די פאָלאָווצעס האָבנ זיכ באטייליקט קימאט אלע רוסישע פירשטנ, און ער האָט זיכ געענדיקט מיט א גלענצנדיקנ דערפאָלג. די זיגער זײַנענ צוריקגעקומענ מיט א קאָלאָסאלנ רויב: מיט רינדער, מיט פערד, מיט קעמלענ און געפאנגענע. נאָכ מער דערפאָלג האָט געהאט דער מארש, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ 1111 י., ווענ די רוסישע פירשטנ זײַנענ ארײַנ טיפ אינעמ לאנד פונ די פאָלאָווצעס.

דער אָנדענק וועגנ דעמ אקשאָנעסדיקנ קאמפ, וואָס קיִעווער רוס איז ארויסגעקומענ צו פירנ קעגנ די סטעפ-פעלקער פאר איר עקזיסטענצ, האָט זיכ אופגעהיט אינ די בילינעס,

ווי עס ווערנ באַזונגענ די גיבוירימ, וועלכע האָבנ באשיצט דאָס רוסישע לאנד קעגנ די טאָטערנ (אונטערנ נאָמענ טאָטערנ ווערנ געמיינט ביכלאל אלע סטעפּ־פעלקער — די פּאָלאָווצעס, די פּעטשענעגעס א. אנד.). אינ די בילינעס ווערט דערציילט, וויאזוי איליא מוראָמעצ, דאָברינו ניקיטיטש, אליאָשא פּאָפּאָוויטש אונ אנדערע גיבוירימ שטייענ אפ דער „גיבוירימ־וואכ“ אונ באשיצנ דאָס רוסישע לאנד.

וולאדימיר מאָנאָמאכ. אינ 1113 י., באלד נאָכנ פירשט סוויאטאָפּאָלק איזאסלאוויטשעס טויט, איז אינ קיעוו אויסגעבראָכנ א שטארקער אופשטאנד. די שטאָטישע אָרעמשאפט, וואָס די אונטערדריקונג פונ די פירשטלעכע דינער אונ די עקספּלואטאציע פונ די ריַיכע ווּכערניקעס האָבנ זי דערפירט ביז פארצווייפלונג, איז אופגעשטאנענ אונ האָט צעגראָמירט זייערע הויפנ. דער אופשטאנד האָט געהאלטנ באַמ אריבערוואָרפנ זיכ אויכ אפנ דאָרפ. אינ געפאר זיַינענ געווענ אויכ די גרויסע פעאָדאלנ — די מאָנאסטירנ, די באָיארנ, די פאמיליע פונעמ פארשטאָרבענעמ פירשט. די איבערגעשראָקענע ריַיכע קיעווער לַיַט האָבנ געשיקט רופנ וולאדימיר מאָנאָמאכנ, ער זאָל איבערנעמענ דעמ פירשטלעכנ טראָנ: „קומ, פירשט, קיינ קיעוו; אויב דו וועסט ניט קומענ, זאָלסטו וויסנ זיַינ, אז עס וועט געשענ א סאכ בייז, — מע וועט זיכ א לאָז טאָנ אפ די באָיארנ אונ אפ די מאָנאסטירנ“.

וולאדימירס אָנקומ מיט דער דרוזשינע האָט געמאכט א סאָפ צומ אופשטאנד. וולאדימיר האָט אָבער פארשטאנענ, אז מע מוז גייַנ אפ האנאָכעס, האָט ער ארויסגעגעבנ א געזעצ, וואָס האָט עטוואָס באגרענעצט די גריים פונ די פּראָצענטנ פאר האלוואָעס. אויב די לאגע פונ די „זאקופּנ“ איז עטוואָס געלינדערט געוואָרנ. די דאָזיקע האנאָכעס, וואָס זיַינענ געמאכט געוואָרנ אויס מוירע פאר נייַע אופשטאנדנ, האָבנ אָבער קלאל ניט געענדערט די אלגעמיינע לאגע.

אז וולאדימיר מאָנאָמאכ (1113—1125) האָט באקומענ די הערשאפט איבער קיעוו, האָט ער געפּרווט פארהאלטנ די אָנגעהויבענע צעפאלונג פונ דער קיעווער מעלוכע. ער האָט געצווונגענ די איבעריקע פירשטנ, זיי זאָלנ זיכ אימ אונטערווארפנ, אונ מיט די ניטגעהאָרכזאמע פלעגט ער זיכ אָפּרעכענענ זייער הארב, — ער פלעגט אָפּנעמענ בא זיי די שטעט. אלע פירשטנ זיַינענ געווענ בא אימ „אונטערנ אָרעמ“, אונ זיי פלעגנ זיכ מוזנ מעלדנ צו אימ לויטנ ערשטנ רופ.

דער מעכטיקער קיעווער פירשט האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אינ די אייראָפּייִשע איניאָנימ. וולאדימיר איז געווענ א קאָרעוו מיט דער גריכישער אימפּעראטאָרישער דינאסטיע: זיַינ מוטער איז געווענ דעמ אימפּעראטאָר קאָנסטאנטינ מאָנאָמאכס א טאָכטער (פונדאנענ נעמט זיכ דעמ פירשט וולאדימירס צונאָמענ — מאָנאָמאכ); וולאדימירס אייניקל האָט כאסענע געהאט מיט איינעמ פונ די גריכישע פרינצנ. וולאדימיר פלעגט זיכ אריַינמישנ אינ די אינערלעכע קריגעריַיענ, וואָס זיַינענ פאָרגעקומענ אינ ביזאנצ, אונ זיַינ כאיל איז ניט איינ מאָל געגאנגענ אפ דונַיַ. וולאדימיר מאָנאָמאכס א שוועסטער איז געווענ דעמ גערמאנישנ אימפּעראטאָרס וויַיב. וולאדימירס וויַיב איז געווענ א טאָכטער פונעמ ענגלישנ קיניג.

וולאדימיר מאָנאָמאכ האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט זיַינ מוט אונ געוואגטקייַט. „איכ האָב זיכ ניט געיאָגט אַיַנצוהיטנ מיַינ לעבנ,—האָט ער געשריבנ וועגנ זיכ, — איכ האָב ניט געשוינט דעמ קאָפּ מיַינעמ“. „קינדער, — האָט ער אָנגעזאָגט זיַינע זינ,—האָט קיינ מוירע נישט ניט פאר קיינ כאיל, ניט פאר קיינ כיַיע, פירט זיכ ווי עס

פּאַסט פאַר מאַנצבל“. דאָס גאַנצע לעבן זײַנס האָט ער פאַרבראַכט אין קריגסמאַרשן, אונטערוועגס בא לויערנדיקע געפאַרן, „ניט געוווּסט פון קיין רו ניט באַ נאַכט, ניט באַטאָג, ניט אין קעלט, ניט אין היץ“. ער האָט ליב געהאַט יאַגד און האָט ניט איין מאָל ריזיקירט מיטן לעבן: צוויי מאָל האָט אים אַ ווילדער אָקס געבומען אַף די הערנער, אַ הירש האָט אים געשטויסן, אַן איילנהירש האָט אים געטאָפּטשעט מיט די פיס, אַ ווילדער כאַזער האָט בא אים אַראָפּגעריסן דעם שווערד פון די לענדן, אַ בער האָט אים דורכגעביסן די קליידער, „אַ כײַע-ראָע“ (פּאַנטערע) האָט אים אומגעוואַלגערט צוזאַמען מיטן פערד.

דער שטורמישער אַרט לעבן פון די פירשטן האָט אָבער ניט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון זייערע אינטעלעקטועלע אינטערעסן. וולאַדימירס פאָטער, ווסעוואָלאָד, איז געווען אַ געבילדעטער מענטש, ער האָט באַהערשט פינף אויסלענדישע שפּראַכן. וולאַדימיר אַליין האָט הויך געשעצט קענטעניש. „וואָס איר קענט, פאַרגעסט ניט דאָס גוטע, און וואָס איר קענט ניט, דאָס לערנט זיך“, — האָט ער געשריבן צו די זין. ער האָט אַ סאַך געלייענט, אַפילע אונטערוועגס האָט ער שטענדיק געהאַט מיט זיך ביכער. אַליין האָט ער אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטן „מוסער-האַסקל פאַר די קינדער“, וו ער שילדערט, לויט זײַן פאַרשטאַנד, דאָס געשטאַלט פון אַן אידעאַלן פירשט און ברענגט אַ סאַך בײַשפּילן פונעם אייגענעם לעבן.

די באַדײַטונג פון דער קיִעווער מעלוכע אין דער געשיכטע פון פסר.

אין זײַן ווערק „די געהיימע דיפּלאָמאַטיע“ האָט מאַרקס אָנגעוויזן אַף דער היסטאָרישער באַדײַטונג פון דער קיִעווער מעלוכע אין X יה. און אין דער ערשטער העלפט XI יה. פונקט ווי די אימפּעריע פון קאַרל דעם גרויסן, — שרײַבט מאַרקס, — איז אַ פאָרגייערן צו דער אויסבילדונג פון פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און איטאַליע, אַזוי איז די אימפּעריע פון די רוריקאָוויטשעס אַ פאָרגייערן צו דער אויסבילדונג פון פּוילן, ליטע, פון די באַלטישע יִישוּווים, פון טערקײַ און פון דער מאָסקווער מעלוכע גופע.

אַזויאַרום איז די קיִעווער מעלוכע אַן עטאַפּ ניט נאָר אין דער געשיכטע פונעם גאַנצן מיזרעכדיקן סלאַוונטום, נאָר אויך פון די ניט-סלאַווישע פעלקער, וואָס האָבן זיך דערנאָך אויסגעטיילט אין באַזונדערע מעלוכעס. אין דער קיִעווער מעלוכע איז געשאַפן געוואָרן אַ הויכע און גלענצנדיקע קולטור; זי איז געווען דער קוואַל פאַר דער קולטור-אַנטוויקלונג פון באַזונדערע סלאַווישע פעלקער פון מיזרעך-אייראָפּע און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אַף די פעלקער, וואָס האָבן געלעבט בישכיינעס מיט זיי.

די קיִעווער מעלוכע איז אָבער ניט געווען קיין פעסטע פּאָליטישע אייניקײַט. צווישן די באַזונדערע טיילן פון דער קיִעווער מעלוכע זײַנען נאָך ניט געווען קיין ענגע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען, און אָן דעם איז ניט מעגלעך געווען קיין פעסטע מעלוכישע פאַראייניקונג. צוגלײַך דערמיט ווי אין די באַזונדערע געביטן, וועלכע זײַנען אַרײַן אין באַשטאַנד פון דער קיִעווער מעלוכע, זײַנען געוואַקסן די פּראָדוקטיוו-קרעפטן (עס האָט זיך פאַרשפּרייט די ערדאַרבעט, עס איז געוואַקסן די האַנטווערקערײַ, עס איז געוואָרן אַלץ קרעפטיקער דער גרויסער ערדבאַזיץ, עס האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט די ווירטשאַפטלעכע באַדײַטונג פון די שטעט), זײַנען אין די דאָזיקע געביטן אויפגעקומען אָפּגעזונדערטע מעלוכישע צענטערס און די צעפאַלונג פון דער קיִעווער מעלוכע איז געוואָרן אומפאַרמײַדלעך.

די פעאָדאלע צעשפּליטערונג פונ מיזרעכ=אײראָפּע אונ מיטל=אזיע

קאפיטל V.

די פעאָדאלע פירשטנטומס אינ XII—XIII יאָרהונדערטער.

§ 14. די פארשטארקונג פונ דער פעאָדאלער צעשפּליטערטקײַט.

די מעלוכע=אָרדענונג אינ די רוסישע פירשטנטומס. וולאדימיר מאָנאָמאכ האָט ניט געקאָנט אָפּשטעלנ דעמ פּראָצעס פונ צעשפּליטערונג פונ דער קיִעווער מעלוכע. די אנטוויקלונג פונ די פעאָדאלע פארהעלטענישנ אינ די באזונדערע געביטנ האָט געבראכט דערצו, אז אפ די ערטער האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אומאָפּהענגיקע פירשטנטומס, וואָס האָבנ זיכ ביסלעכווײַז אָפּגעזונדערט פונ קיִעוו.

אינ XII יה: האָט זיכ דאָס גאנצע רוסישע לאנד צעטײלט אפ א רײ באזונדערע זעלבשטענדיקע פירשטנטומס. די וויכטיקסטע פונ זײ זײַנענ געווענ: דאָס קיִעווער פירשטנטומ, דאָס טשערניגאָווער, דאָס גאליטשער, דאָס סמאָלענסקער, פּאָלאָצקער, טוראָוו=פּינסקער, ראָסטאָוו=סוזדאלער, ריאזאנער, נאָווגאָראָדער אונ וולאדימיר=וואָלינסקער. אינ יעדנ פונ די דאָזיקע פירשטנטומס האָט זיכ באפעסטיקט אײנער א וועלכער=ניט=איז צווײַג פונ וולאדימיר סוויאטאָסלאוויטשעס גרויסנ פאמיליענ=שטאמ. נאָר קיִעוו פלעגט אריבערגײנ פונ האנט צו האנט. פארכאפּנ קיִעוו פלעגט יענער פירשט, וואָס איז געווענ דער שטארקסטער, ווײַל, ווי עס האָט זיכ אויסגעדריקט אײנער א פירשט, „ניט דאָס אָרט גײט צומ קאָפּ, נאָר דער קאָפּ צומ אָרט“. דעמ קיִעווער פירשט האָט מענ לויט דער אלטער געוווינהײַט געהאלטנ פארנ הויפּט פונ אלע פירשטנ. ער האָט געדארפט „טראכטנ אונ דײַגענ“ וועגנ דעמ גאנצנ רוסישנ לאנד. נאָכ וולאדימיר מאָנאָמאכס טויט האָבנ די פירשטנ אָבער אופגעהערט

צו פאָלגנ דעמ קיעווער פירשט אונ זײַנענ געוואָרנ אינגאַנצנ אומאָפהענגיק. אזויארומ האָט זיכ אינ די סלאַווישע לענדער פונ מיזרעכ-אייראָפּע אויסגעבילדעט א גרייסע צאָל קליינע פירשטנטומס, וואָס זײַנענ איינס מיטנ אנדערנ געווענ זייער קנאַפ פארבונדנ.

אינ זײַנ קליינ מעלוכעלע איז יעדער פירשט געווענ אי רעגירער, אי באלעבאָס. ער האָט זיכ אליינ פארנומענ מיט אלע מעלוכע-איניאָנימ — ער האָט געמישפעט, קאָמאנדעוועט מיטנ כאַיל, אכטונג געגעבנ אפ דער ווירטשאפט. אינ ערגסטנ פאל, טאָמער האָט ער ניט געהאט קיינ צײַט, פלעגט ער דאָס מישפעטנ איבערגעבנ זײַנע אָנפארטרויטע מענטשנ. וולאדימיר מאָנאָמאכ פלעגט זיכ אינ קיינ זאכ ניט פארלאָזנ אפ זײַנע דינער, ער פלעגט אפילע אליינ אכטונג געבנ אפ די פערד, אפ די יאגד-פייגל (סאָקאָלנ), אפ דער קיכ.

א גרויס אָרט האָט אינעמ פירשטס לעבנ פארנומענ מילכאָמע. די מיליטערישע הויפט-קראפט פונעמ פירשט איז געווענ די גוט באוואָפנטע דרוזשינע, וואָס ער האָט אויסגעהאלטנ אפ זײַנ אייגענעמ כעזשבנ. די דרוזשינע האָט זיכ געטיילט אפ א יינגערער אונ אנ עלטערער. די עלטערע דרוזשינע איז באשטאנענ פונ די רײַכע ערדבאזיצער — באָיארנ. מיט זיי צוזאמענ פלעגט דער פירשט „טראכטנ", דה. ער פלעגט זיכ מיט זיי בארעטנ וועגנ אלע איניאָנימ, און אָנ זייער האסקאָמע פלעגט ער קיינ זאכ ניט באשליסנ. טאָמער פלעגט דער פירשט עפעס-וואָס פאָרנעמענ, ניט האָבנדיק דערופ פאָרויס קיינ האסקאָמע פונ די דרוזשיניקעס, פלעגנ זיי אימ דערקלערנ: „פירשט, דו האָסט עס פארטראכט אָנ אונדז, פאָרנ מיר ניט מיט דיר".

אינ פאל פונ א מילכאָמע פלעגט דער פירשט צונויפנעמענ א לאנדסווער (ополчение) פונ צווישנ די שטאָטישע אײַנוווינער. מיט געוואלט צווינגענ די באפעלקערונג גייג אפ מילכאָמע האָט דער פירשט ניט געקאָנט און אינ דער דאָזיקער פראגע איז ער אינגאנצנ געווענ אָפּהענגיק פונ דער „וועטשע", דה. פונ דער שטאָט-פארזאמלונג. דער באשטאנד פונ דער „וועטשע" איז געווענ אנ אומבאשטימטער, אָנגעפירט אָבער מיט דער „וועטשע" האָבנ די באָיארנ און רײַכע לײַט. אזויארומ האָט די „וועטשע" אויסגעדריקט דעמ ווילנ ניט פונ דער גאנצער שטאָטישער באפעלקערונג, נאָר בלויז פונ איר פארמעגלעכנ טייל. צונויפרופנ די שטאָט-לײַט אפ דער „וועטשע" פלעגט מענ מיט א גלאָקנ-געקלאנג אָדער דורכ אויסרופער. ווענ די „וועטשע" פלעגט אײַנשטימענ צו לאָזנ זיכ אינ א קריגס-מארש, פלעגט מענ שרײַענ: „אלע וועלנ מיר גייג צוזאמענ מיט די קינדער". עס פלעגנ אָבער טרעפנ פאלנ, ווענ די שטאָט-לײַט האָבנ ניט געוואָלט אָדער ניט געקאָנט מילכאָמע האלטנ. דאנ פלעגנ זיי פאָדערנ, אז דער פירשט זאָל שאָלעמ מאכנ מיטנ סוינע: „מאכ שאָלעמ, פירשט, אָדער פארזאָרג זיכ אליינ". אזויארומ האָט דער פירשט אינ XII יה. אָנ דער אונטערשטיצונג פונ דער „וועטשע", פונקט ווי אָנ דער אונטערשטיצונג פונ דער דרוזשינע, ניט געקאָנט ניט ארויסטרעטנ אינ קיינ קריגס-מארש און ניט געבנ א ווידערשטאנד דעמ סוינעס אנ אָנפאל. דאָס האָט געגעבנ דער „וועטשע" א גרויסע קראפט. ווענ עס פלעגט זיכ ארופזעצנ אפנ טראָנ א נײַער פירשט, פלעגט זיכ די „וועטשע" „דינגענ", דה. צונויפריידנ זיכ מיטנ פירשט, אפ וואָסערע באדינגונגענ זי איז מאסקימ צו אָנערקענענ אימ פאר א פירשט. עס זײַנענ געווענ פאלנ, ווענ די שטאָט-לײַט האָבנ ארויסגעטריבנ דעמ פירשט, וואָס איז זיי ניט געפעלנ, און גערופנ א נײַעמ פירשט: „קומ, פירשט, צו אונדז. מיר ווילנ דיכ".

די יערידע פונ קיִעווער רוס. דאָס, וואָס רוס איז צעברעקלט געוואָרנ אפ באַזונדערע פירשטנטומס, האָט זי זייער אָפּגעשוואַכט. זי איז שוינ ניט געווענ אימשטאַנד מיט דערפאָלג צו באַשיצנ זיכ קעגנ די אָנפאַלנ פונ די פאָלאָווצעס. די קעסיידערדיקע פעאָדאַלע מילכאָמעס צווישנ די באַזונדערע פירשטנטומס האָבנ געבראַכט דערצו, אַז רוס איז שטאַרק רוּינירט געוואָרנ. די פאָלאָווצעס פלעגנ מאַכנ אָנפאַלנ, ניט באַקומענדיק קימאַט קיינ ווידערשטאַנד. מער איידער אַלע האָבנ פונ די מילכאָמעס געליטנ די סמערדנ. ביים די קריגס-מאַרשנ פלעגנ די פירשטנ פאַרכאַפּנ סמערדנ פונ פרעמדע פירשטנטומס, באַזעצנ זיי בא זיכ אפ ערד און צווינגענ די דאָזיקע סמערדנ צו אַרבעטנ לעטוויוועס זיי, די פירשטנ. אָבער אויכ בא זיכ אינ די אייגענע פירשטנטומס פלעגנ די פירשטנ און זייערע באָיאַרנ מיט קאָלערליי פאַלשע גענג אָפּנעמענ די ערד בא די פרייע סמערדנ, און זיי אַליינ פאַרקנעכטנ. דאַנ איז געשאַפנ געוואָרנ דאָס שפּריכוואָרט: „שאַפ זיכ ניט איינ קיינ הויפ לעבנ דעמ פירשטלעכנ הויפ, שאַפ זיכ ניט איינ קיינ דאָרפ לעבנ דעמ פירשטלעכנ דאָרפ: דעמ פירשטס פריקאַזטשיק איז ווי א פייער, און זיינע דינער זיינענ ווי פונקענ. אויב דו וועסט זיכ אויסהיטנ פונ פייער, וועסטו זיכ אָבער ניט אויסהיטנ פונ א פונק". די רויבערישע עקספּלואַטאַציע מיצאַד די פעאָדאַלנ און די קעסיידערדיקע מילכאָמעס פלעגנ רוּינירנ די האָרעפּאַשנע באַפעלקערונג. די פאַרוויסטנדיקע אָנפאַלנ פונ די פאָלאָווצעס האָבנ מיטגעווירקט דערצו, אַז די סמערדנ זאָלנ זיכ צעלויפנ פונ די געביטנ, וואָס זיינענ געלעגנ בישכיינעס מיטנ סטעפּ, און די קיִעווער רוס זאָל בלייבנ פוסט, אַנ מענטשנ „די שטעט זיינענ אַלע פוסט געוואָרנ, אויכ די דערפער זיינענ פוסט געוואָרנ, — דערציילט וועגנ דעמ דער כראָניק-שרייבער. — קאָמיר זיכ דורכגיינ איבער די פעלדער, ווו עס האָבנ זיכ פריִער געפּאַשעט טאַבונעס פערד, טשערעדעס שעפּסנ און אָקסנ, — אַלצ איז איצטער פוסט, די פעלדער זיינענ פאַרוואַקסנ געוואָרנ און זיינענ געוואָרנ א היימ פאַר כייעס". די פאָלאָווצעס פלעגנ פאַרכאַפּנ אינ געפאַנגענשאַפט גאַנצע האַמוינימ סמערדנ: „טרויעריקע, געפּייניקטע, פאַרשוואַרצט פונ הונגער און דאָרשט, זיינענ זיי געגאַנגענ איבער אומבאַקאַנטע ערטער, נאַקעט און באָרוועס, די פיס צעפּליקט פונ דערנער; מיט טרערנ פלעגנ זיי ענטפערנ איינער דעמ אַנדערנ; איינער פלעגט זאָגנ: „איכ בינ פונ אַזאַ און אַזאַ שטאָט", און דער אַנדערער: „און איכ בינ פונ אַזאַ און אַזאַ דאָרפיש אָרט".

„דאָס געזאַנג וועגנ איגאָרס כאַיִל". די שווערע פאָלגנ פונ דער פעאָדאַלער צעשפּליטערטקייט און די נייטיקייט פונ איינהייט קעדיי צו ראַטעווענ דאָס רוסישע לאַנד, זיינענ מיט גרויסער קינסטלערישער קראַפט געשילדערט אינ איינעמ פונ די געניאַלע ווערק פונעמ רוסישנ פאָלק — אינעמ „געזאַנג וועגנ איגאָרס כאַיִל", אָנגעשריבנ דורכ אַנ אומבאַוווּסטנ אויטאָר סאָפ XII יה. אַלס סיוזשעט פאַר דעמ דאָזיקנ ווערק האָט געדינט דער קריגס-מאַרש פונ די סעווערסקער פירשטנ קעגנ די פאָלאָווצעס אינ 1185 י. אינ דער שפּיצ מיטנ פירשט איגאָר סוויאַטאָסלאַוויטש. אינ דעמ אַלגעמיינעמ קריגס-מאַרש, וואָס די אַנדערע רוסישע פירשטנ האָבנ פאָרגענומענ קעגנ די פאָלאָווצעס, האָבנ די סעווערסקער פירשטנ זיכ אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמענ; דערנאָכ האָבנ זיי זיכ געלאָזט אינ א מאַרש איינע אַליינ און האָבנ געליטנ א שרעקלעכע מאַפּאָלע. פירשט איגאָר גופע איז אַרייַנגעפאַלנ אינ געפאַנגענשאַפט. דער אויטאָר שילדערט דעמ פירשט איגאָר אַלס באַשיצער פונעמ רוסישנ לאַנד, וואָס גייט צוליבנ לאַנד איינשטעלנ דאָס לעבנ: „מיט קריגערישנ גייסט זיכ אָנגענומענ און אוועקגעפירט זיינ העלדיש כאַיִל קעגנ לאַנד דעמ פאָלאָווצער פאַרנ לאַנד דעמ רוסישנ". און איגאָר האָט צו זיינ דרוזשינע געזאָגט: „ברידער און דרוזשינע! בעסער שוינ דערהאַרגעט זיינ, איידער

אונדז געפאנגענע זײַנ". „איכ וויל, — האָט איגאָר געזאָגט, — איבערברעכנ מײַנ שפּיז בא דעמ ראנד פונ דעמ פעלד פּאָלאָוועצער. איכ וויל מיט אײַכ, רוסנ, אָדער ליגנ מײַנ קאָפּ, אָדער אָנטרינקענ זיכ מיטנ העלמ פונ דאָנ". דער גאנצער קריגס־מארש איז באשריבנ געוואָרנ ווי א גרויסער העלדנטאַט, וואָס איז באגאנגענ געוואָרנ, קעדיי צו ראטעווענ דאָס היימלאנד פונ די סאָנימ, וועלכע האָבנ עס קעסיידער רויִנירט. די אנטשיידענע שלאכט ווערט געשילדערט ווי א בלוטיקער מאָלצײַט: „דאָ האָט שוינ קיינ בלוטיקער ווײַנ ניט געקלעקט. דאָ האָבנ די מוטיקע רוסנ דעמ מאָלצײַט פארענדיקט: אָנגעשיקערט די מעכוטאָנימ אונ אַליינ זיכ אויסגעלייגט פאר דער ערד דער רוסישער". די שולד פאר דער דאָזיקער מאפּאָלע ווארפט דער דיכטער מיט רעכט ארופ אפ די פירשטנ, וואָס האלטנ אינ איינ קריגנ זיכ צווישנ זיכ אונ ווילנ זיכ ניט פאראייניקנ צו פירנ געמיינזאמ דעמ קאמפ קעגנ דעמ סוינע. ער גיט א בוילעט בילד פונ די צאָרעס, וועלכע עס שטייט אויס דאָס רוסישע לאנד, וואָס ווערט צעפרעסנ פונ די פּעאָדאלע מילכאָמעס. „אזוי געווענ איז דאנ, — זאָגט דער דיכטער, — מע האָט קריג געזייט, אונ קריג איז אופגעגאנ... מערידעס פירשטלעכע האָבנ מענטשנ די יאָרנ פארקירצט. אפ דער רוסישער ערד דאנ פלעגנ אקערער זיכ איבערופנ זעלטנ, נאָר דערפאר די ראָבנ האָבנ אָפט געקארקעט, טיילנדיק זיכ מיט נעווילעס". „ווײַל געזאָגט האָט א ברודער צו א ברודער: „דאָס איז מײַנס! אונ יענצ איז אויכעט מײַנס!" אונ די פירשטנ האָבנ וועגנ קלײנס — „דאָס איז גרויס" — גענומענ זאָגנ. אונ אַליינ אפ זייער קאָפּ געטאָנ מערידעס שמודנ. אונ די אומריינע (די געצנדינער, דה. די פּאָלאָווצעס) פונ אלע זײַטנ האָבנ אָנגעהויבנ קומענ מיט ניצכוינעס אפנ לאנד דעמ רוסישנ". דער דיכטער ווענדט זיכ מיט א הייסנ רופ צו אלע פירשטנ, זיי זאָלנ זיכ פאראייניקנ צו באשיצנ דאָס רוסישע לאנד קעגנ די פּאָלאָווצעס: „טרעט ארײַנ איר, הארנ, אינ די גאָלדענע סטרעמענעס פאר דער קריוודע פונ דער צײַט אָט דער, פארנ לאנד דעמ רוסישנ, פאר די וווּנדנ איגאָרס — דעמ געוואגטנ סוויאטאָסלאוויטשנ!..."[1]

„דאָס געזאנג וועגנ איגאָרס כאַיִל" איז א הויכ קינסטלעריש ווערק. דער אווטאָר האָט ניט נאָר אויסגענוצט די ליטערארישע מוסטערנ, וואָס זײַנענ אימ באקאנט געווענ, נאָר ער איז אויכ באהויכט געוואָרנ פונ דער פאָלקס־פּאָעזיע, פונ וועלכער ער האָט געשעפּט פּאָעטישע געשטאלטנ אונ בילדער. אינ זײַנ פּאָעמע קלינגט דער פּאטריאָטישער רופ צו פאראייניקנ דאָס גאנצע רוסישע לאנד קעגנ די אויסערלעכע סאָנימ.

§ 15. דאָס גאליטש־וואָלינער פירשטנטומ אינ XIII—XII יאָרהונדערטער.

דאָרעמ־מײַרעווודיקע רוס. נאָכ אינ די ערשטע צײַטנ האָט זיכ אָפּגעזונדערט פונ קיִעוו אונ געבילדעט אינ די פּאָרבערג פונ די קארפּאטנ א זעלבשטענדיקע מעלוכע די דאָרעמ־מײַרעווודיקע רוס. דאָס איז געווענ איינער פונ די סאמע רײַכע אונ געדיכט־באפעלקערטע רוסישע געביטנ. די דאָרעמ־מײַרעווודיקע רוס האָט וויניקער ווי דער דניעפּער־געביט געליטנ פונ די אָנפאלנ פונ די סטעפּ־פעלקער. די שכיינעס מיט די לענדער פונ מיטל־אייראָפּע — פוילנ אונ אונגארנ — האָט מיטגעהאָלפנ, עס זאָל זיכ אנטוויקלענ דער האנדל. די גאליטשער זאלצגרובנ פלעגנ באזאָרגנ מיט זאלצ די גאנצע קיִעווער רוס. די אָרטיקע פּעאָדאלנ — די באָיארנ אונ עפּיסקאָפּנ — האָבנ זייער פרי פארכאפּט צו זיכ אינ די הענט די בעסטע ערד־פלעצער. אדאנק זייער אשירעס, האָבנ די גאליטשער אונ וואָלינער באָיארנ באקומענ א גרויסע פּאָליטישע ווירקונג אונ קראפט. זיי האָבנ פארמאָגט אייגענע אָטריאדנ מיליטערישע

[1] ציטירט לויט דער איבערזעצונג פונ א. קושניראָוו. דערשינענ אינ פארלאג „דער עמעס", 1938.

דינער, מיט וועלכע זיי פלעגן גיין אף מילכאָמע. זיי האָבן געהאַט באַציִונגען מיט אויסלענדישע מעלוכעס, פלעגן אָראָפּזעצן זייערע פירשטן.

אין XII יה. האָבן זיך אין דער דאָרעמ-מערעוודיקער רוס אויסגעבילדעט צוויי פירשטנטומס: דאָס גאַליטשער מיט דער הויפּטשטאָט גאַליטש, און דאָס וואָלינער, מיט דער הויפּטשטאָט וולאַדימיר. דאָס גאַליטשער פירשטנטום האָט זיך שטאַרק צעבליט אין די צייטן פונעם פירשט יאַראָסלאַוו אָסמאָמיסל (1152—1187). וועגן דער מעכטיקייט פון דעם דאָזיקן פירשט זאָגן אייִדעס די פאָלגנדיקע ווערטער, מיט וועלכע עס ווענדט זיך צו אים דער אווטאָר פונעם „געזאַנג וועגן איגאָרס כאַ‏ִל“: „גאַליטשער אָסמאָמיסל-יאַראָסלאַוו! דו זיצסט הויך אף דיין טראָן דעם גאָלדגע-שמידטן, דו שפּאַרסט אונטער די בערג די אונגאַרער מיט דיינע כאַיאָלעס און איִזן געפּאַנצערטע; האַסט דעם קיניג (דעם אונגאַרישן) דעם וועג פאַרצאַמט; באַם דונײַ פאַרשלאָסן דעם טויער... עס שטראָמט איבער ערדן דיין שטורעם; דו עפנסט דעם טויער קיִעוו“. דעם צונאָמען „אָסמאָמיסל“ (א מענטש מיט א גרויסן פאַר-שטאַנד) האָט יאַראָסלאַוו געקראָגן ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געווען א קלוגער פון דער נאַטור, נאָר אויך פאַר זיין גרויסער געבילדעטקייט: ער האָט געקענט עט-לעכע אויסלענדישע שפּראַכן.

די אויסבילדונג פונעם גאַליטש-וואָלינער פירשטנטום. נאָך יאַראָסלאַוו אָסמאָמיסלס טויט האָבן זיך אין גאַליטש אָנגעהויבן אומרועס. די באָיאַרן זיינען געווען ניט צופרידן מיט אָסמאָמיסלס זון, וועלכער האָט געוואָלט רעגירן זעלב-שטענדיק, האָבן זיי זיך געווענדט נאָך הילף צום אונגאַרישן קיניג.

קיין גאַליטש האָט זיך אַרײַנגעריסן אונגאַריש כאַ‏ִל און האָט מיט דער אונ-טערשטיצונג פון די באָיאַרן אַרופגעזעצט אפן טראָן דעם אונגאַרישן פּרינץ אַנדריי. די אונגאַרן האָבן זיך אופגעפירט אין גאַליטש ווי דערעבערער און האָבן אַרויסגע-רופן קעגן זיך גרויס צאָרן. דער פּרינץ אַנדריי איז פאַרטריבן געוואָרן מיט דער הילף פון די פּאָליאַקן; די אומרועס האָבן אָבער ניט אופגעהערט. דערמיט האָט זיך באַנוצט דער פירשט פונעם שכייניש וולאַדימיר-וואָלינסקער פירשטנטום ראָמאַן מסטיסלאַוויטש, וואָס האָט געשטאַמט פון מאָנאָמאַכס פאַמיליע. ער האָט פאַרכאַפּט גאַליטש און האָט אים אָנגעשלאָסן אָן זיין פירשטנטום (1199). אַזוי האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס גאַליטש-וואָלינער פירשטנטום. ראָמאַן איז געווען איינער פון די מעכטיקסטע פירשטן פון דאָרעמ-רוס. ער פלעגט זיך אַרײַנמישן אין די איניאָנים פונעם קיִעווער פירשטנטום, האָט מילכאָמע געהאַלטן מיט ליטע. די נעפּאַנגענע ליטווינער פלעגט ער צווינגען צו אַרבעטן אף זיין ערד. וועגן אים איז געגאַנגען א ווערטל: „ראָמאַן, ראָמאַן, פון בייז לעבסטו, מיט ליטווינער אַקערסטו“. מיט זיין נאָמען פלעגן די פּאָלאָוועצער שרעקן קליינע קינדער. בא זיך אינעם פיר-שטנטום האָט ראָמאַן געפירט אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף מיט די באָיאַרן.

אין 1205 י. איז ראָמאַן געפאַלן אין א שלאַכט מיט די פּאָליאַקן. דער כראָ-ניק-שרײַבער כאַראַקטעריזירט אים אַזוי: „ער פלעגט זיך א לאָז טאָן אף די אומ-ייִנע (אף די געצנדינער), ווי א לייב, בייז איז ער געווען, ווי א לוכס, אומברענ-גען פלעגט ער זיי ווי א קראָקאָדיל, איבערן לאַנד זייערן פלעגט ער זיך אַרומטראָגן ווי אַן אָדלער, דרייסט איז ער געווען ווי א טור, ער האָט נאָכגעטאָן זיין עלטער-זיידן מאָנאָמאַך“.

ראָמאַן האָט איבערגעלאָזט צוויי קליינע זין — דאַניִל און וואַסילקאָ. אויס-

נוצנדיק די מינדעריעריקײַט פון די יאָרשים, האָבן די גאַליטשער באָיאַרן געפּרווט פאַרכאַפּן די מאַכט. אין די אומרועס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך גענומען אַרײַנמישן די אונגאַרן און די פּאָליאַקן. ראָמאַנס זין פלעגט מען אָט דורכטרײַבן, אָט ווידער רופן. ווען דאַניִל ראָמאַנאָוויטש איז געוואָרן אַ דערוואַקסענער מענטש, האָט ער גענומען פירן אַן ענערגישן קאַמפּ קעגן דעם ווילקיר פון די גרויסע פעאָדאַלן — די באָיאַרן. אין דעם דאָזיקן קאַמפּ האָבן אים מיטגעהאָלפן די קלײנע מיליטערישע דינער, וואָס זײַנען געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פונעם פירשט. אפילע אין די סאַמע שווערע מאָמענטן האָבן זיך די יונגערע דרוזשיניקעס פעסט געהאַלטן אַרום דאַניִל ראָמאַנאָוויטשן. אויך די באַפעלקערונג פון די רײַכע שטעט, וואָס האָט געליטן פון די פעאָדאַלע מילכאָמעס און פון דער אונטערדריקונג מיצאַד די פעאָדאַלן, האָט ענערגיש געשטיצט דעם פירשט. דער פאָרשטייער פון די שטאָטלײַט, דער „סאָטסקי" (אויסגעווײלטער הונדערט-עלטסטער) מיקולא, האָט, ווי עס דערציילט די כראָניק, אַלץ אײַנגעטײַנעט מיט דאַניִלן, ער זאָל אויסראָטן די באָיאַרן ביזן סאָף; דערבײַ האָט ער אים געזאָגט: „אַז מע צעקוועטשט ניט די בינען, האָט מען ניט קיין האָניק צום עסן".

ענדגילטיק באַפעסטיקט זיך אינעם גאַליטשער לאַנד האָט דאַניִל ראָמאַנאָוויטש ערשט אין 1235 י. דער פּרוּוו פונעם יעפּיסקאָפּ און פון אײנעם פון די באָיאַרן ניט אַרײַנצולאָזן דאַניִלן אין דער שטאָט גאַליטש איז דורכגעפאַלן, ווײַל די שטאָטלײַט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו זײער פירשט אַנטקעגן, ווי עס דערציילט די כראָניק, „אַזוי ווי קינדער צו אַ פאָטער, אַזוי ווי בינען צו דער בינען-מוטער, אַזוי ווי דורשטיקע צו אַ וואַסער-קוואַל". דאַניִלס ברודער וואַסילקאָ, וואָס האָט מיט אים דורכגעמאַכט אַלע לײדן און פרײדן, איז געוואָרן פירשט אין וואָלין.

דאַניִלן איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל אָפּצושלאָגן אָנגריפן פון די אונגאַרן. אין 1249 י. איז אַ פאַרײניקט כאַיִל פון אונגאַרן און פּאָליאַקן אַרײַנגעטראָטן אינעם גאַליטשער לאַנד. דאַניִל האָט זיך אַרײַנגעריסן אינמיטן די רײען פון די אונגאַרן, דערבײַ איז ער שיִר ניט אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, ער האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן און האָט ווידער דערלאַנגט אַ קלאַפּ די סאָנים, האָט זײ אומגעוואָרפן, פאַרכאַפּט און צעריסן די אונגאַרישע פאָן. די אונגאַרן זײַנען אַנטלאָפן. גלײַכצײַטיק זײַנען אַנטלאָפן אויך די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן געליטן אַ מאַפּאָלע אין אַ שלאַכט מיט וואַסילקאָס כאַיִל.

שפּעטער האָט דער אונגאַרישער קיניג אײַנגעפונען, אַז אים לוינט בעסער צו שליסן אַ בונד מיט דאַניִלן. אין בונד מיט אונגאַרן און מיט פוילן האָט דאַניִל געפירט אַ מילכאָמע קעגן טשעכיע און עסטרײַך. דאַניִלס זון האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ פּלימעניצע פונעם עסטרײַכישן הערצאָג, און דאַניִל האָט געהאָפּט, אַז אויב ער וועט זיגן, וועט ער אַרופזעצן זײַן זון אויפן עסטרײַכישן טראָן; צווײ מאָל האָט ער זיך געלאָזט אין אַ מאַרש קעגן עסטרײַך, נאָר בײדע מאָל אָן דערפאָלג. ניט אײן מאָל האָט דאַניִל פאָרגענומען קריגס-מאַרשן אויך קעגן די שכײנישע ליטווישע שוואַטים.

דאָס גאַליטש-וואָלינער פירשטנטום האָט אין אײראָפּע פאַרנומען אַזאַ אָרט, אַז אין 1255 י. האָט דאַניִל אָנגענומען דעם טיטל קיניג.

אין קעסײדערדיקן קאַמפּ קעגן די אויסערלעכע סאָנים און קעגן די אײגענע באָיאַרן האָט זיך אויסגעאַרבעט דאַניִלס כאַראַקטער, דער כאַראַקטער פון אַ טי-

פישנ דאָרעמ-רוסישנ פירשט, א געוואגטנ אונ א דרייסטנ, וואָס האָט זיכ שטארק געיאָגט נאָכ מיליטערישנ רומ.

אינ XIII יה. האָט דאָס גאליטש-וואָלינער פירשטנטומ זיכ געהאט שטארק פאנאנדערגעבליט. די לעבהאפטע האנדלס-באציונגענ סײַ מיט די מײַרעוו-איראָפּייִשע לענדער סײַ מיט די געביטנ באמ דניעפּער האָבנ מיטגעהאָלפנ דערצו, אז עס זאָלנ אויסוואקסנ שטעט מיט א פארשיידנפעלקערדיקער סאָכרימ- אונ האנטווערקער-באפעלקערונג. אינ דער שטאָט כעלמ (כאָלמ), וואָס דאניִיל האָט געגרינדעט, האָט ער פונ אומעטומ אײַנגעלאדנ קאָלאָניסטנ, דערונטער אויכ א סאכ האנטווערקער. אינעמ קאמפ קעגנ די פעאָדאלנ האָט דאניִיל געהאט די שטיצע פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג.

אינעמ זעלביקנ XIII יה. איז געגרינדעט געוואָרנ די שטאָט לוואָוו, וואָס איז אזוי אָנגערופנ געוואָרנ לעקאָווער איינעמ פונ דאניִילס זינ; שפעטער איז לוואָוו געוואָרנ די הויפּטשטאָט פונעמ גאליטשער לאנד.

די רוסישע קולטור איז אינעמ גאליטש-וואָלינער לאנד געשטאנענ אפ א הויכנ ניוואָ. א דענקמאָל פונ דער דאָזיקער קולטור איז די גאליטש-וואָלינער כראָניק, וואָס צייכנט זיכ אויס מיט דער קינסטלערישקײַט אונ אויסדריקלעכקײַט פונ די געשטאלטנ אונ וואָס דערמאָנט ערטערווײַז מיט אירע פּאָעטישע אייגנשאפטנ „דאָס געזאנג וועגנ איגאָרס כאויל“.

די האנדלס-פארבינדונגענ מיט די לענדער פונ מײַרעוו האָבנ געגעבנ א צוטריט צומ גאליטש-וואָלינער לאנד אויכ דער מײַרעוו-איראָפּייִשער קולטור. אינ כעלמ זײַנענ די קלויסטערס אפנ קאטויִלישנ מאניר געווענ מיט באמאָלטע שויבנ אונ באפוצט מיט סקולפטור. די שטאָט כעלמ איז געווענ פארפעסטיקט לויט אלע קלאָלימ פונ דער דעמאָלטיקער מײַרעוו-איראָפּייִשער קריגס-טעכניק.

§ 16. דאָס ראָסטאָוו-סוזדאלער פירשטנטומ.

די צאָפנ-מיזרעכדיקע רוס. אינ XII יה. האָט זיכ צו צאָפנ-מיזרעכ-צו פונ קיִעווער לאנד, צווישנ די טײַכנ וואָלגע אונ אָקא, אויסגעבילדעט א שטארק פירשטנטומ — דאָס ראָסטאָוו-סוזדאלער פירשטנטומ. דער דאָזיקער קאנט האָט פארמאָגט א סאכ נאטור-רײַכטימער. די וועלדער זײַנענ פול געווענ מיט כײַעס אונ מיט ווילדע בינענ. אינ די טײַכנ איז געווענ א שלאל פיש. לענגויס דעמ טײַכ קליאזמע האָט זיכ אויסגעשפרייט א גרויסער טוווע-פרוכטבארער פליינ.

באמ טײַכ אָקא אונ זײַנ בײַטײַכ מאָסקווע האָט געלעבט דער סלאווישער שיוועט וויאטיטשנ. די סלאווישע באפעלקערונג האָט זיכ אינ דעמ דאָזיקנ קאנט געהאלטנ אינ איינ פארגרעסערנ, אדאנק דעמ קעסיידערדיקנ צופלוס פונ סמאָלענסקער קריוויטשנ אונ נאָווגאָראָדער סלאווונ. שוינ אינעמ X יה. ווערט דאָ דערמאָנט די סלאווישע שטאָט ראָסטאָוו. נאָכ איינע זייער אנ אלטע סלאווישע שטאָט איז געווענ סוזדאל. אינ יאראָסלאווס צײַטנ איז געגרינדעט געוואָרנ די שטאָט יאראָסלאוול. אפאָנעמ, אז אינ וולאדימיר מאָנאָמאכס צײַטנ איז אויסגעבויט געוואָרנ די שטאָט וולאדימיר.

בישכיינעס מיט די וויאטיטשנ האָבנ געלעבט די פעלקער מעריא, וועס אונ מאָרדווא. די הויפּט-באשעפטיקונג פונ די דאָזיקע פעלקער איז געווענ וואלד-געווערב,

יאגד, וואלדבינענ־צוכט אונ אויכ ערדארבעט. אינ XII יה. האָט שוינ די שטאַמ־אָרדענונג געהאלטנ בא זיי אינ צעפאלנ ווערנ. עס האָט זיכ גענומענ אויסטיילנ א מער פארמעגלעכער שיכט. אינ דער שפּיצ פונ די שוואָטימ זיינענ געשטאַנענ פירשטנ. צווישנ דער באפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט בא דער אָקא אונ בא דער וואָלגע, האָבנ זיכ א צייט לאנג שטארק געהאלטנ געצנדינערישע גלויבונגענ. דאָ איז געווענ שטארק פארשפּרייט דער קולט פונביימער, פונ שטיינער אונ פונ וואסער. מ׳ האָט געגלייבט אינ וואלד־גייסטער, אינ וואסער־גייסטער א. אנד. גייסטער. א גרויסע ווירקונג האָבנ דאָ געהאט די וואָלכווס (מעכאשפים). ביסלעכווייז האָבנ די רוסישע פירשטנ גענומענ פארכאפּנ די טעריטאָריעס פונ די מעריא, וועס אונ שפּעטער אויכ פונ דער מאָרדווא. אפּ דער אָרטיקער באפעלקערונג האָבנ די רוסישע פירשטנ ארופגעלייגט א צינז.



לינקס — אייזערנע אקערס פונ X—XII יה., געפונענע אינ קורגאנענ פונעמ מיטל־טייל פונ פּסקאָווער געגנט (?); רעכטס — אייזערנע סערפּנ, געפונענע אינ די סלאווישע קורגאנענ פונעמ סוזדאלער לאנד. X—XIII יה. היסטאָרישער מוזיי.

אינ XII יה. האָבנ די פירשטנ, די באָיארנ אונ די קירכלעכע מאכטהאָבער אויכ אינעמ ראָסטאָוו־סוזדאלער פירשטנטומ, פּונקט ווי דאָס איז געווענ אינ די דניעפּער־געביטנ, גענומענ פארכאפּנ די טעריטאָריעס, וואָס זיינענ באזעצט געווענ מיט סלאוונ אונ אנדערע פעלקער, אונ פארקנעכטנ די באפעלקערונג. וועגנ דעמ ראָסטאָווער יע־פּיסקאָפּ פיאָדאָר ווערט געזאָגט אינ דער כראָניק אזוי: „מענטשנ האָבנ פונ איִמ פיל געליטנ אונ זיינענ בארויבט געוואָרנ אי פונ זייערע דערפער, אי פונעמ געווער, אי פונ די פערד, אונ אפּ אנדערע האָט ער ארופגעלייגט ארבעט, אָדער פארשפּארט אינ געפענקעניש אונ באגאזלט“. אזוי האָט אינעמ סוזדאלער קאנט זיכ געהאלטנ אינ איינ פארמערנ די צאָל דערפער אונ סלאָבאָדעס, וואָס האָבנ געהערט צו די פעאָ־דאלנ: צו די פירשטנ, באָיארנ אונ צו קירכלעכע מאכטהאָבער. טאקע מיטנ צוועק צו פארקנעכטנ זי, האָט מענ די באפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט צווישנ די טייכנ אָקא אונ וואָלגע, געצוווּנגענ אָנצונעמענ דעמ קריסטלעכנ גלויבנ.

אינ דער ערשטער העלפט XII יה. האָט זיכ אינעמ ראָסטאָוו־סוזדאלער לאנד אויסגעבילדעט אנ אָפּגעזונדערט פירשטנטומ. דער ערשטער זעלבשטענדיקער ראָס־

טאָוו-סוזדאַלער פירשט איז געווענ וולאַדימיר מאָנאָמאַכס זונ — יורי דאָלגאָרוקי. ער האָט דאָ אַרײַנגענומענ צו זיכ אינ די הענט זייער א סאַך ערד, ער פלעגט, גאָר ניט זשעניר נדיק זיכ, אָפּנעמענ די „וואָטשינעס“ (די יערושע-גיטער) אפילע בא די אַריסטאָקראַטיע — —



שטאָלענע שווערדנ פונ X—XI יה., געפונענ אינ קורגאַנענ פונעם מיטל-טייל פונ פסטר. היסטאָרישער מוזיי.

אײַנגעלאדנ דערצו קינסטלער פונ מײַרעוו-אײראָפּע. דער אויספּענסקער קאטעדראל, וואָס איז אינ זײַנע צײַטנ אויסגעבויט געוואָרנ, טראָגט אפּ זיכ שפּורנ פונ דער ווירקונג פונ דער מײַרעוו-אײראָפּײיִשער קונסט. לעבנ ווֹלאדימיר האָט זיכ געפונענ דעמ פירשטס באפעסטיקטער גוט באָגאָליובאָוואָ. דאָ פלעגט דער גרויספירשט פארברענגענ דעמ גרעסטנ טײל צײַט. דעריבער טאקע האָט מענ אימ א נאָמענ געגעבנ באָגאָליובסקי.

אנדריי האָט געשטרעבט צו פארשטארקנ זײַנ מאכט בא זיכ אינעמ פירשטנטומ גופא. אימ האָט באומרויִקט די שטארקײַט פונ די ראָסטאָווער אונ סוזדאלער באָיארנ. האָט ער זײ באזײַטיקט אונ האָט זיכ ארומגערינגלט מיט מענטשנ פונ קנאפּנ ייִכעס. די ניט-מעיוכאָסימ, די „מיזינע“-לײַט, ווי זײ האָבנ דעמלט געהײסנ, וואָס האָבנ פיל געליטנ פונעמ ווילקיר פונ די גרויסע פעאָדאלנ, האָבנ געשטיצט אנדרײענ: „בעסער אומגײנ אינ פּאָסטעלעס באמ פירשט אינ הויפ, אײדער אינ שײנע שטיוול בא א באָיארינ אינ הויפ“, — האָט אײנער פונ זײ געשריבנ. די באָיארנ האָבנ געהאט א גרויסע באדײַטונג אינ סוזדאל אונ אינ ראָסטאָוו, ווו ארומ אונ ארומ זײַנענ געלעגנ באָיארישע באזיצנ. פארקערט, אינ ווֹלאדימיר אונ ארומ ווֹלאדימיר זײַנענ געווענ קאָנצענטרירט א האנטווערקערישע באפעלקערונג אונ די ייִנגערע דרוזשינע, וואָס זײַנענ געווענ איבערגעגעבנ דעמ פירשט. שטיצנדיק זיכ אפּ דער ייִנגערער דרוזשינע אונ אפּ די שטאָט-לײַט, האָט אנדריי געמאכט א פרווו צו פארײניקנ די אָפּגעזונדערטע רוסישע פירשטנטומס, אײַנגעשלאָסנ קיִעוו אונ נאָווגאָראָד, אינ אײנ מעלוכע. אָבער צווישנ די באזונדערע געביטנ פונעמ רוסישנ לאנד זײַנענ קײנ עקאָנאָמישע פארבינדונגענ ניט געווענ, אונ דעריבער האָט זיכ דאָס ארויסגעוויזנ פאר אומעגלעכ.

אנדרייס שטרעבונג צו קאָנצענטרירנ די גאנצע מאכט בא זיכ אינ די הענט אונ צו פארכאפּנ די בעסטע ערד-פּלעצער האָט אימ דערפירט צו א צוזאמענשטויס מיט די גרויסע פעאָדאלנ פונעמ סוזדאלער לאנד. אינ 1174 י. האָבנ די באָיארנ אָרגאניזירט א פארשווערונג. אינ דער שפּיצ פונ דער פארשווערונג זײַנענ געשטאנענ די קוטשקאָוויטשעס, וואָס זײער ברודער האָט דער פירשט געקעפּט. די פארשווערער זײַנענ ארײַנ אינ באָגאָליובאָווער פּאלאצ אונ האָבנ אנדרײענ דערהארגעט. די דערמאָרדונג פונ אנדרײענ איז געווענ א סיגנאל פאר אנ אופשטאנד פונעמ פּאָשעטנ האמוינ אינ באָגאָליובאָוואָ אונ אינ ווֹלאדימיר. די נידעריקערע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג האָבנ שטארק געליטנ פונ דעמ פירשטס דינער. האָבנ זײ טאקע אצינד אויסגענוצט דעמ מאָמענט, ווענ אינ שטאָט איז קײנ מאכט ניט געווענ, אונ האָבנ זיכ צערעכנט מיט זײערע אונטערדריקער. די הויפנ פונ די פירשטלעכע דינער זײַנענ צעראבירט געוואָרנ, א סאכ דינער זײַנענ אויסגעהארגעט געוואָרנ.

די פארשטארקונג פונעמ ווֹלאדימיר-סוזדאלער פירשטנטומ. נאָכ אנדרייס טויט האָבנ די ראָסטאָווער אונ סוזדאלער באָיארנ באשלאָסנ צו דערשלאָגנ זיכ זעלבשטענדיקײַט. זײ האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט צו אָנערקענענ פאר פירשטנ אנדרייס ברידער אונ האָבנ אײַנגעלאדנ זײַנע פלימעניקעס. אנדרייס ייִנגערע דרוזשינע אונ די ווֹלאדימירער שטאָטלײַט האָבנ זיכ אָבער ניט געוואָלט אונטערווארפנ דעמ באָיארנטומ פונ ראָסטאָוו אונ סוזדאל. די ראָסטאָווער אונ סוזדאלער באָיארנ האָבנ געדראָט: „מיר וועלנ אונטערצינדנ ווֹלאדימיר אָדער מיר וועלנ אהינ שיקנ א „פּאָסאדניק“ (א שטאטהאלטער), דאָס זײַנענ אונדזערע כאָלאָפּעס — מויערער“,

אַנדרײַ באָגאָליובסקיס ברודער װסעװאָלאָד יוריעװיטש האָט אָבער מיט דער הילפ פונ די קלענערע מיליטערישע דינער אונ שטאָט=לײַט צעקלאַפּט די גרויסע פעאָדאלנ אונ האָט זײ געצװוּנגענ צו אָנערקענענ אימ פאַר א פירשט (1176—1212).

די הויפּטשטאָט פונעמ ראָסטאָװ=סוזדאלער לאַנד איז ענדגילטיק געװאָרנ די שטאָט װלאדימיר. דאָס ראָסטאָװ=סוזדאלער פירשטנטומ האָט זיכ אָנגעהויבנ רופנ װלאדימירער.

װסעװאָלאָד האָט אָנגענומענ דעמ טיטל װלאדימירער גרויספירשט. ער האָט מיט גרויס מאכט געשטיצט זײַנ פּאָזיציע, אלס „עלטסטער צװישנ אלע ברידער — די רוסישע פירשטנ“. די נאָװגאָראָדער זײַנענ געװענ געצװוּנגענ אָנצונעמענ פאַר פירשטנ זײַנע פּלימעניקעס אונ זינ, װעלכע ער פלעגט צו זײ ארײַנשיקנ. די סמאָלענסקער פירשטנ זײַנענ געװענ זײַנע „פּאָדרוטשניקעס“ אונ פלעגנ געהאָרכזאמ ארויסטרעטנ אינ די קריגס=מארשנ, אינ װעלכע ער פלעגט זײ שיקנ. די ריאזאנער פירשטנ האָט װסעװאָלאָד געכאפּט אונ פארשפּארט אינ געפענקעניש, אונ אָפּ זײער אָרט האָט ער אװעקגעזעצט זײַנ זונ; אונ װענ די ריאזאנער האָבנ זיכ געפּרוּװט קעגנשטעלנ, האָט מענ פונ דער שטאָט ריאזאנ געמאכט א טיל=טעל.

„אָ, דו גרויסער פירשט װסעװאָלאָד, — װענדט זיכ צומ גרויספירשט דער אװטאָר פונעמ „געזאנג װעגנ איגאָרס כאַװל“, — ביסט בעקויעכ דאָכ די װאָלגע מיט די װעסלעס צעשפּריצנ, אונ דעמ דאָנ מיט די העלמס אויסשעפּנ“.

װסעװאָלאָד האָט עטלעכע מאָל מילכאָמע געהאלטנ מיט די װאָלגער באָלגארנ. ער האָט פאָרגענומענ א גרויסנ קריגס=מארש אינ פּאָלאָװעצער סטעפּ. אינ װסעװאָלאָדס צײַטנ האָבנ זיכ אײַנגעשטעלט פרײַנטלעכע באַציִונגענ צװישנ דעמ װלאדימירער פירשטנטומ אונ דער װײַטער גרוזיע. װסעװאָלאָד האָט אויסגענוצט גרוזינישע מײַסטערס באַמ בויענ דעמ דמיטרי=קאטעדראל אינ װלאדימיר. די גרוזינישע כראָניק=שרײַבער דערציילנ װעגנ דער מעכטיקײַט פונעמ װלאדימירער גרויספירשט, װעמענ עס „װארפנ זיכ אונטער 300 קייסאָרימ“.

אינ דער באַציִונג צו די באָיארנ האָט זיכ װסעװאָלאָד געהאלטנ פונקט אזוי הערשעריש װי זײַנ ברודער אנדריי. „ער, — שרײַבט דער כראָניקער, — האָט ניט געלייגט קיינ אכט אָפּ זײַנע שטארקע באָיארנ“.

װסעװאָלאָד איז באַװוּסט מיטנ צונאָמענ „באָלשאָיע גניעזדאָ“ („גרויסע נעסט“), װאָרעמ ער האָט געהאט א סאכ זינ. נאָכ װסעװאָלאָדס טויט האָט יעדערער פונ זײַנע זינ באַקומענ א באַזונדער „אודיעל“, דאָס הייסט, א באַזיץ פונעמ באַשטאַנד פונעמ װלאדימירער פירשטנטומ. װאָס װײַטער, זײַנענ די „אודיעלנ“ אלצ מער אונ מער צעבראָקלט געװאָרנ, דאָס װלאדימיר=סוזדאלער לאַנד, װאָס האָט זיכ אָפּגעטיילט פונ דער קיִעװער רוס, האָט זיכ אליינ אויכ צעטיילט אָפּ א רײ קליינע פירשטנטומס. בא די זינ פונ װסעװאָלאָדנ איז דאָס װלאדימיר=סוזדאלער לאַנד געװענ צעטיילט אָפּ 5 אודיעלנ, אונ בא זײַנע אייניקלעכ — שוינ אָפּ 12. דער עלטסטער אינ דער פירשטלעכער פאמיליע פלעגט באַקומענ די הויפּטשטאָט װלאדימיר אונ דעמ טיטל „װלאדימירער גרויספירשט“.

די דעראָבערונג פונ די מאָרדאָװישע טעריטאָריעס. נאָכ װסעװאָלאָדנ האָבנ די װלאדימירער פירשטנ װײַטער באַצװוּנגענ די פעלקער, װאָס האָבנ געלעבט בא דער אָקא אונ בא דער נידערשטראָמונג פונ דער װאָלגע. א לאַנגע צײַט האָט נאָכ פאַרהיט איר אומאָפּהענגיקײַט די מאָרדװא. די װלאדימירער פירשטנ פלעגנ באַפאלנ די

מאָרדווא, פאַרברענענ די מאָרדאָווישע יישוווים, פאַרניכטנ די פאַרזייטע פעלדער, אויסקוילענ דאָס פי, צונעמענ אינ געפאַנגענשאַפט די איינוווינער. אומזיסט פלעגנ זיכ די מאָרדווינער אויסבאַהאַלטנ טיפ אינ די וועלדער. אויכ דאָרט פלעגט מענ זיי דערטאַפנ אונ אויסהאַרגענענ. אינ 1221 י. האָט וסעוואָלאָדס זונ, דער גרויספירשט יורי וסעוואָלאָדאָוויטש, ארומ דעמ אָרט, ווו די אָקא פאַלט ארײַנ אינ דער וואָלגע, אַפנ פלאַצ, ווו ס'איז געשטאַנענ א מאָרדאָוויש שטעטל, אויסגעבויט א פעסטונג, וואָס האָט באַקומענ דעמ נאָמענ ניזשני נאָווגאָראָד (איצט די שטאָט גאָרקי). פונ דאַנענ פלעגנ די רוסישע פירשטנ מאַכנ אָנפאַלנ אַפנ מאָרדאָווישנ לאַנד. די מאָרדווא האָט זיכ אַקשאָנעסדיק פאַרטיידיקט. פונ דעמ מאָרדאָווישנ פירשט פורגאַס האָבנ די רוסישע פירשטנ ניט איינ מאָל געכאַפּט מאַפּאָלעס. ער איז אפילע איינ מאָל באַפאַלנ ניזשני נאָווגאָראָד אונ האָט פאַרברענט די פאָרשטאָט, די פעסטונג אָבער האָט ער ניט געקאָנט איינעמענ. די רוסישע פירשטנ פלעגנ זיכ גרויזאַמ צערעכענענ מיטנ אומגעהאָרכזאַמענ מאָרדאָווישנ פאָלק. זיי פלעגנ וויסט אונ כאָרעוו מאַכנ דאָס מאָרדאָווישע לאַנד, די געפאַנגענע פלעגט מענ פאַרפײַניקנ ביז צומ טויט, מע פלעגט אָנלאָזנ הינט צומ פאַרצוקנ זיי. מיט אַזוינע מיטלענ האָבנ די רוסישע פירשטנ פאַרשפרייט זייער מאַכט איבער פרעמדע לענדער.

§ 17. דאָס נאָווגאָראָדער לאַנד.

דער גרויסער נאָווגאָראָד אונ זײַנע באַזיצנ. אינ צאָפנ האָט זיכ אינ XII יה. אָפגעטיילט פונעמ קיִעווער פירשטנטומ דאָס נאָווגאָראָדער לאַנד.

נאָווגאָראָד איז געווענ איינע פונ די עלטסטע סלאַווישע שטעט. די שטאָט איז געשטאַנענ דאָרט, ווו דער טײַכ וואָלכאָוו פליסט ארויס פונ דער אָזערע אילמענ. דער טײַכ וואָלכאָוו האָט געטיילט די שטאָט אַפ צוויי זײַטנ. אַפ דער מיזרעכדיקער זײַט, אַפ דער מאַרק-זײַט, האָט זיכ געפונענ דער מאַרק אונ דער וועטשע-פלאַצ. דאָ איז דעריקער קאָנצענטרירט געווענ די האַנדלס-באַפעלקערונג, די האַנטווערקער אונ שוואַרצאַרבעטער. אַפ דער מײַרעוודיקער זײַט, אַפ דער „סאָפיער", איז געווענ א פעסטונג („דיעטינעצ"), ווו ס'איז געשטאַנענ דער סאָפיער קאַטעדראַל אונ עס האָט געלעבט דער נאָווגאָראָדער יעפיסקאָפ. ארומ נאָווגאָראָד האָט זיכ אָנגעהויבנ דאָס אייגנטלעכע נאָווגאָראָדער לאַנד, וואָס האָט זיכ געשפרייט ביז אָניעגער אונ לאַדאָגער אָזערעס אונ ביז די ברעגנ פונעמ פינישנ אײַנגוס. דאָ זײַנענ געלעגנ גרויסע באַזיצנ, וואָס האָבנ געהערט צו די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ אונ צו דער קירכ. ווײַטער זײַנענ געגאַנגענ די גרויסע קאָלאָניאַלע באַזיצנ פונ נאָווגאָראָד, וואָס האָבנ ארומגעכאַפט דעמ גאַנצנ צאָפנ פונ אונדזער לאַנד ביז די אוראַלער בערג. די נאָווגאָראָדער פעאָדאַלנ פלעגנ זיכ באַנוצנ נאָר מיט צונויפגענעמענע צינדז פונ די פעלקער, וואָס האָבנ געלעבט אינ צאָפנ אָדער צומאָל גאָר מיט איינצלנע אָנפאַלנ אונ מיט פאַרכאַפנ צופעליק רויב.

דאָס נאָווגאָראָדער לאַנד איז געווענ ווייניק פרוכטבאַר. דערפאַר אָבער אינ פראַט פונ האַנדל האָט זיכ די שטאָט נאָווגאָראָד געפונענ אינ א גינסטיקער געאָגראַפישער לאַגע. נאָווגאָראָד איז דורכ טײַכ-וועגנ געווענ פאַרבונדנ סײַ מיטנ באַלטישנ יאַמ סײַ מיט די וויכטיקסטע רוסישע שטעט. לויט זײַנ געאָגראַפישער לאַגע איז נאָווגאָראָד געווענ א נאַטירלעכער טראַנזיט-פונקט צווישנ אייראָפע אונ רוס. די דײַטשישע אונ שוועדישע סאָכרימ פלעגנ, שטאַרק פאַרדינענדיק דערבײַ, ברענגענ אינ רוס געוואַנטנ אונ אַנדערע געוועבנ, ווי אויכ מעטאַל-אַרטיקלענ אונ ארויספירנ פונ נאָווגאָ-



פלאנ פונעמ אמאָליקנ נאָווגאָראָד. לויט אנ איקאָנע פונ XVII יה.

ראָד רויווארג: פלאקס, האנפ אונ באזונדערס רויכווארג. רעגולער צוויי מאָל א יאָר פלעגנ קומענ קיינ נאָווגאָראָד קאראוואנענ דײַטשישע „געסט“ (דה. סאָכרימ): „די זומערדיקע געסט“ — מיטנ וואסער-וועג איבער דער ניעווא, די „ווינטערדיקע“ — מיטנ שליטוועג, דורכ ליוואָניע. פאר די אָנגעפאָרענע „דײַטשישע“ אונ „גאָטישע“ געסט (דה. פאר די סאָכרימ פונעמ שוועדישנ אינדזל גאָטלאנד) זײַנענ אינ נאָווגאָראָד געווענ אויסגעבויט צוויי הויפנ — א „דײַטשישער“ אונ א „גאָטישער“. די דײַטשישע באלטישע שטעט, וואָס האָבנ געהאנדלט מיט די לענדער פונ מיזרעכ-אייראָפּע אונ ביפראט מיט נאָווגאָראָד, האָבנ זיכ פאראייניקט אינ א בונד, וואָס האָט שפּעטער, אינ XIV יה., באקומענ דעמ נאָמענ האנזע. אינ דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רוס איז די אייגענע אינדוסטריע געווענ שוואכ אנטוויקלט, דעריבער זײַנענ די נאָוו-גאָראָדער סאָכרימ געווענ פארמיטלער אינעמ אויסלענדישנ האנדל מיט מיזרעכ-אייראָפּע. זיי פלעגנ די פּראָדוקציע פונ אויסלענדישע מײַסטערס אונ פארשיידענע „דײַטשישע“ סכוירעס איבערפארקויפנ אנדערע רוסישע פירשטנטומס.

פאר זייערע סכוירעס פלעגנ די אויסלענדער פאָדערנ א סאכ רויכווארג. זוכנדיק אלצ נײַע יאגד-פלעצער, האָבנ די נאָווגאָראָדער באָיארנ אָנגעהויבנ ארײַנדרינגענ אלצ ווײַטער אונ ווײַטער אפ צאָפנ-מיזרעכ אונ פארכאפנ אלצ נײַע שטיקער לאנד.

דאָס באצווינגענ די צאָפנ-פעלקער. אינ די טונדרעס, וואָס ליגנ באמ צאָפנדיקנ אײַז-אָקעאנ, האָבנ אינ יענער צײַט ארומגעוואנדערט נענצעס, וואָס די נאָווגאָראָדער פלעגנ זיי רופנ „סאמאָיעדנ“ (סאמאָיאד). די גרונט-באשעפטיקונג פונ די נענצעס איז געווענ הירשנצוכט. א באהילפיק עקזיסטענצ-מיטל איז בא זיי געווענ דער יאגד אפ וואסער-פייגלענ אונ אפ אײַז-פוקסנ. די נענצעס האָבנ געלעבט שטאמענווײַז. דער עלטסטער אינ שטאמ איז געווענ אויכ דער שאמאנ, דה. דער פּריסטער. די נענצעס האָבנ געגלייבט, אז זייערע שאמאנענ קאָנענ דורכ הייליקע טענצ אונ לידער ארויסרופנ גײַסטער, היילנ פונ קראנקײַטנ אונ זאָגנ נעוויִעס.

צו האָרעמ־צו פונ די טונדרעס, אינ דער וואלד־זאָנע, האָבנ געלעבט שוואָטימ כײַעס־פאנגער — די קאָמי. די פונ זיי, וואָס האָבנ געלעבט בא דער ווימשעגדא (א בײַטײַכ פונ צאָפנ־דווינע), האָבנ די רוסנ גערופנ זיריאַנער, אונ די, וואָס האָבנ גע־לעבט בא דער אויבערשטרעמונג פונעמ טײַכ קאמע, זײַנען געווענ באַוווּסט אונטערנ נאָמענ פערמ.

אפ די בארג־זײַטנ פונעמ צאָפנדיקנ אוראל האָבנ געלעבט פעלקער, וואָס די נאָווגאָראָדער האָבנ זיי גערופנ יוגרא. אונטער דעמ דאָזיקנ נאָמענ האָט מענ געמיינט די איצטיקע מאנסי (וואָגולנ) אונ כאנטע (אָסטיאקנ). זייער לאנד האָט געשעמט מיט א שעפע פוטער־כײַעס. די נאָווגאָראָדער פלעגנ דערציילנ, אז אָנשטאָט א רעגנ, פאלנ דאָרט פונ די וואָלקנס קליינינקע וועווערקעס אונ הירשנ, אונ אז זיי וואקסנ עטוואָס אונטער, צעלויפנ זיי זיכ אינ אלע זײַטנ.

די נאָווגאָראָדער באָיארנ פלעגנ פונ צווישנ דער נאָווגאָראָדער אָרעמשאפט אונ פונ די אייגענע כאָלאָפעס צונויפקלײַבנ אָטריאדנ, באוואָפענענ זיי אפנ אייגענעמ כעזשבנ אונ אוועקשיקנ אינ רויב־עקספעדיציעס אינ די צאָפנ־לענדער. די דאָזיקע אָטריאדנ פלעגנ ארומשווימענ איבער די טײַכנ אפ שיפנ, וואָס האָבנ געהייסנ „אוש־קויעס“; פונדאנענ נעמט זיכ דער נאָמענ פונ די אָנטיילנעמער פונ די דאָזיקע אָט־ריאדנ — „אושקויניקעס“. די אושקויניקעס פלעגנ באפאלנ די צאָפנ־אײַנוווינער, פלעגנ זיי באראבעווענ, אָפנעמענ דאָס רויכווארג, צונעמענ די פרויענ אונ קינדער אונ פארקויפנ זיי פאר שקלאפנ. מיט אזוינע מיטלענ האָבנ די נאָווגאָראָדער באָיארנ באצווונגענ די פעלקער פונ צאָפנ אונ זיי גענויט צו צאָלנ נאָווגאָראָד ציגז מיט רויכווארג.

די צאָפנ־פעלקער האָבנ ניט איינ מאָל געפרווט אנטקעגנשטעלנ זיכ. אינ 1187 י. האָט די יוגרא אויסגעהארגעט די נאָווגאָראָדער ציגז־אופמאָנער. אינ עטלעכע יאָר ארומ האָט מענ פונ נאָווגאָראָד ארויסגעשיקט א גרויס כאַיל אָפּ צו דערשטיקנ די יוגרא. דער יוגרישער פירשט האָט זיכ פארשלאָסנ אינ א באפעסטיקטנ ישעוו. קע־דיי צו געווינענ צײַט, האָט ער געשיקט זאָגנ דעמ נאָווגאָראָדער וואָיעוואָדע: „מיר קלײַבנ געלט אונ סויבלענ אונ אנדערע מינימ גוטס אפ צו באצאָלנ ציגז. ברענגט ניט אומ אײַערע אונטערטאנענ!“ די נאָווגאָראָדער האָבנ מאסקימ געווענ צו ווארטנ, אונ דערווײַל האָבנ זיכ צומ יוגרישנ פירשט אינ ישעוו גענומענ צונויפ־קלײַבנ זײַנע שייוועט־לײַט. צווישנ די נאָווגאָראָדער גופע האָבנ זיכ געפונענ פארע־



נאָווגאָראָדער פעסטונג. XIV יה. פאָטאָ.

טער, וואָס האָבנ געהאט באַציִונגענ מיט דער יוגרא. מיט זייער הילפ טאקע האָט דער יוגרישער פירשט פארופנ די נאָווגאָראָדער צו זיכ אינ שטאָט אריינ, קלוימערשט קעדיי צו פירנ אונטערהאנדלונגענ, אונ האָט זיי אויסגעהארגעט. דאָכ האָט זיכ די יוגרא ניט איינגעגעבנ צו פארהיטנ זייער אומאָפּהענגיקייט: עס זיינענ געקומענ נייע אָטריאַדנ נאָווגאָראָדער אונ האָבנ געצווונגענ די יוגרא צאָלנ ציגז אזוי ווי פריִער.

פירשט דימיטרי אַלעקסאנדראָוויטש ווערט פארטריבנ פונ נאָווגאָראָד אינ 1264 יאָר. פראָנטאל־געמעל.

די סאָציִאַלע אָרדענונג פונ נאָווגאָראָד. די נאָווגאָראָדער באָיארנ האָבנ פארכאפּט אינעמ נאָווגאָראָדער לאנד אונ אינ די דעראָבערטע געביטנ די בעסטע ערד־פלעצער. באארבעטנ די דאָזיקע פלעצער פלעגנ זייערע פויערימ אונ כאָלאָפּעס. די פויערימ פלעגנ מוזנ אָפּגעבנ די באָיארנ א היפּשנ טייל פונ דער געוועקס (ביז א העלפט געוועקס — דעריבער האָבנ זיי געהייסנ „פּאָלאָווניקעס“, פונעמ רוסישנ וואָרט „פּאָלאָווינא“ — א העלפט). די באָיארנ האָבנ אויסגענוצט זייער מאכט, קעדיי ניט צו לאָזנ די „פּאָלאָווניקעס“ אוועקגיינ פונ די גיטער. די פּראָדוקטנ פונ יאגד, פונ פישפאנג אונ פונ דער ערדארבעט פלעגנ די באָיארנ צעגעבנ אינ קרעדיט די רייכע נאָווגאָראָדער סאָכרימ, אונ די סאָכרימ פלעגנ עס פארקויפנ קיינ אויסלאנד. די קלייניע הענדלער זיינענ געווענ אָפּהענגיק פונעמ רייכנ סאָכרימטומ. אינ נאָווגאָראָד איז געווענ אנטוויקלט די האנטווערקעריי; אָבער אויכ די האנטווערקער פלעגנ אריינפאלנ אינ קנעכטשאפט צו די באָיארנ אונ סאָכרימ.

אלע נוצנ פונ די קאָלאָניִאַלע פארכאפּונגענ האָבנ אזויארומ באקומענ די באָיארנ אונ די סאָכרימ. די באָיארנ אונ די סאָכרימ האָבנ עקספּלואטירט די אָרעמע שיכטנ פונ דער נאָווגאָראָדער באפעלקערונג — די אזויגערופענע „שווארצע מענטשנ“. די האנטווערקער אונ די קלייניע הענדלער זיינענ געווענ פארזונקענ אינ כויוועס בא די באָיארנ אונ סאָכרימ. די אָרעמשאפט פלעגט זיכ פארדינגענ פאר מאסע־טרעגער אונ רודערער אפ שיפנ. די גרויזאמע עקספּלואטאציע, וואָס די „שווארצע מענטשנ“ האָבנ געהאט אויסצושטיינ, פלעגט בא זיי אָפט ארויסרופנ שטורמישע ארויסטרעטונגענ קעגנ די רעגירנדיקע קלאסנ.

דער פירשט אונ די וועטשע אינ נאָווגאָראָד. די אשירעס פונעמ אויבער־

2791—6

שיכט פונ דער נאָווגאָראָדער געזעלשאַפט האָט מיטגעהאָלפנ צו פאַרשטאַרקנ זײַנ פּאָליטישע קראַפט. די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ אונ סאָכרימ האָבנ שטאַרק באַגרענעצט די מאַכט פונעמ נאָווגאָראָדער פירשט. אינ נאָווגאָראָד האָט די וועטשע געהאַט מער קראַפט אונ ווירקונג, ווי אינ אַנדערע שטעט, די באַלעבאַטימ אָבער אַפ דער וועטשע זײַנענ געווענ די באָיאַרנ, זיי זײַנענ געווענ די רעדלפירער אינ אַלע איניאָנימ. אָנגעפירט פונ באָיאַרנ, האָט די נאָווגאָראָדער וועטשע אינעמ ערשטנ פערטל פונ XII יה. זיכ דערשלאָגנ דערצו, אַז אַפ אַלע וויכטיקסטע אַמטנ זאָלנ אויסגעוויילט ווערנ נאָווגאָראָדער באָיאַרנ. די נאָווגאָראָדער האָבנ מיט געוואַלט געצווונגענ די פירשטנ אײַנצוגיינ אַפ אַזוינע וויכטיקע האַנאָכעס. אינ 1136 י., ווענ פירשט אינ נאָווגאָראָד איז געווענ וולאַדימיר מאָנאָמאַכס אייניקל ווסעוואָלאָד מסטיסלאַוויטש, איז אויסגעבראָכנ אַנ אָפענער אויפשטאַנד. מע האָט אַרויסגעשטעלט דעמ פירשט אַ סאַכ באַשולדיקונגענ: אַז ער היט ניט אָפ די פויערימ, אַז אַפ מילכאָמע פלעגט ער אַנטלויפנ פונ שלאַכט-פעלד דער ערשטער. די נאָווגאָראָדער האָבנ אַרעסטירט ווסעוואָלאָדנ אונ די גאַנצע פאַמיליע זײַנע אונ האָבנ זיי אָפגעלאָזט ערשט אינ צוויי כאָדאָשימ אַרומ. דער פירשט איז געווענ געצווונגענ צו פאַרלאָזנ נאָווגאָראָד. פונ דעמלט אָנ האָט זיכ די מאַכט פונ די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ זייער פאַרשטאַרקט. אָנ אַ פירשט האָבנ זיכ די נאָווגאָראָדער ניט געקאָנט באַגיינ. דער פירשט מיט זײַנ דרוזשינע זײַנענ פאַר נאָווגאָראָד נייטיק געווענ אַלס מיליטערישע קראַפט אינ קאַמפ קעגנ די אויסערלעכע סאָנימ. יעדעס מאָל אָבער, ווענ דער פירשט פלעגט טאָנ קעגנ דעמ „נאָווגאָראָדער ווילנ“, פלעגנ אימ די נאָווגאָראָדער „אָפדאַנקענ“, ד.ה. זיי פלעגנ אימ דורכטרײַבנ אונ רופנ אַ נײַעמ פירשט, לויטנ אייגענעמ אײַנזענ.



דער נאָווגאָראָדער פירשט יאַראָסלאַוו ווסעוואָלאָדאָוויטש (לויט אַ האַשאָרע). פרעסקע פונ סאָפ XII יה. קלויסטער פונ ספאַס נערעדיצאַ. נאָווגאָראָד.

די וולאַדימירער גרויספירשטנ האָבנ ניט איינ מאָל געפרווט פאַרשפרייטנ זייער מאַכט אַפ נאָווגאָראָד, אָבער די נאָווגאָראָדער פלעגנ יעדעס מאָל אויסקעמפנ זייער אומאָפהענגיקייט. יאַראָסלאַוו, דעמ גרויספירשט ווסעוואָלאָד יוריעוויטשס אַ זונ, וואָס איז געווענ פירשט אינ נאָווגאָראָד, פלעגט אַפ אַ גראָבנ אויפנ ברעכנ די רעכט פונ די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ, אונ דערמיט האָט ער דערוועקט קעגנ זיכ אַזאַ צאָרנ מיצאַד די באָיאַרנ, אַז ער האָט אינ 1216 י. געמוזט אַרויספאָרנ פונ שטאָט. פרײַע פרעסט האָבנ אינ יענעמ יאָר אָוועקגעפאַטערט די גערעטעניש אינעמ נאָווגאָראָדער לאַנד. יאַראָסלאַוו ווסעוואָלאָדאָוויטש האָט פאַרנומענ דעמ וועג, וואָס האָט געפירט פונעמ סוזדאַלער לאַנד, אונ האָט ניט דורכגעלאָזט קיינ נאָווגאָראָד קיינ איינ פור טווע. אינ נאָווגאָראָד האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ הונגער. דאַנ האָבנ די נאָווגאָראָדער

צונויפגעזאמלט א כאַיל אונטער דער קאָמאנדע פונעם טאָראָפּעצער פירשט מסטיסלאוו אודאַלאָי (מסטיסלאוו דער בראַווער). יאראָסלאוו האָט זיכ פארייניקט מיט זײַנ ברודער דעמ וולאדימירער גרויספירשט יורי ווסעוואָלאָדאָוויטש אונ איז אָפּגעטראָטנ אפּ דער סוזדאלער טעריטאָריע. די אנטשיידענע שלאכט איז פאָרגעקומענ אפּנ טײַכ ליפּיצ. די נאָווגאָראָדער זײַנענ, ווי עס האָט זיכ געפירט פארצײַטנס, אראָפּ פונ די פערד, האָבנ אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ די איבעריקע קליידער אונ דאָס שוכווארג אונ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ באָרוועס אפנ סוינע אונ אָפּגעשטויסנ דאָס סוזדאלער כאַיל. אינ דער אנטשיידנדיקער מינוט איז ארײַנגעטראָטנ אינ שלאכט דער פירשט מסטיסלאוו מיט זײַנ דרוזשינע אונ האָט זיכ דרײַ מאָל אדורכגעשלאָגנ דורכנ סוינעס פאָלקנ. די סוזדאלער האָבנ געמוזט האסטיק אנטלויפנ. די ערשטע זײַנענ געלאָפנ די פירשטנ יורי אונ יאראָסלאוו.



דעמ פירשט יאראָסלאוו ווסעוואָלאָדאָוויטשס העלמ, וואָס מע האָט געפונענ ניט ווײַט פונעמ אָרט, ווו ס'איז פאָרגעקומענ די ליפּיצער שלאכט. XII יה.

געווער־קאמער. מאָסקווע.

די ליפּיצער שלאכט האָט געהאָלפנ די נאָווגאָראָדער צו פארהיטנ זייערע „פרײַהײַטנ“. יעדער נײַער פירשט, וועלכנ מע פלעגט אײַנלאדנ קיינ נאָווגאָראָד, האָט געמוזט שליסנ מיט די נאָווגאָראָדער א „ריאַד“, אָדער אנ אָפּמאכ, לויט וועלכנ דער פירשט פלעגט זיכ פארפליכטנ ניט צו ברעכנ די נאָווגאָראָדער פאָראָנדקעס. דער פירשט האָט קיינ רעכט ניט געהאט אײַנצופירנ נײַע שטײַערנ. די גאנצע פארוואלטונג מיט נאָווגאָראָד אונ מיטנ נאָווגאָראָדער געביט איז געווענ איבערגעגעבנ פערזאָנענ, אויסגעווילטע פונ די נאָווגאָראָדער. דער פירשט האָט זיי ניט געטאָרט אראָפּזעצנ „אָנ א שולד“. דעמ פירשטס דרוזשינע איז באזײַטיקט געוואָרנ פונ פארוואלטונג.

די וועטשע פלעגט אויסקלײַבנ פונ צווישנ די נאָווגאָראָדער באָיארנ א פאָסאדניק. אָנ דעמ פאָסאדניק האָט דער פירשט ניט געהאט קיינ רעכט ניט צו מישפּעטנ, ניט צו לייזנ וויכטיקע פראגנ. צו הילפ דעמ פאָסאדניק פלעגט מענ אויסוויילנ א „טיסיאצקי“—א טויזנט=עלטסטנ, וואָס אפּ אימ איז געלעגנ דאָס אָנפירנ מיטנ נאָווגאָראָדער כאַיל אונ דאָס מישפּעטנ אינ האנדלס=איניאָנימ. דער פאָסאדניק אונ דער „טיסיאצקי“ זײַנענ עס געווענ די, וואָס האָבנ פאקטיש רעגירט אינ נאָווגאָראָד.

די העכסטע מאכט אינ נאָווגאָראָד איז געווענ די וועטשע. די וועטשע פלעגט אײַנלאדנ אונ דורכטרײַבנ פירשטנ, אויסקלײַבנ אמט=פערזאָנענ, מישפּעטנ. אפּ דער וועטשע פלעגט מענ זיכ צונויפקלײַבנ לויטנ קלונג פונעמ וועטשע=גלאָק. ס'פלעגט טרעפנ, אז אינ איינ אונ דער זעלבער צײַט פלעגנ צונויפגערופנ ווערנ וועטשע=פארזאמלונגענ אי אפּ דער „טאָרגאָווע“ זײַט, אי אפּ דער „סאָפיער“ זײַט אונ עס פלעגנ אָנגענומענ ווערנ קעגנזעצלעכע באשלוסנ. די צוזאמענשטויסנ צווישנביידע וועטשעס פלעגנ פאָרקומענ געוויינלעכ אפנ וואָלכאָווער בריק.

די וועטשע האָט קלאָר ניט אויסגעדריקט די פאָדערונגענ פונ די ברייטע מאַסנ פונ דער נאָווגאָראָדער באַפעלקערונג. די רעדלפירער אפ דער וועטשע זײַנענ געווענ די פעאָדאַלנ די באָיאַרנ אונ טײלווײַז די רײַכע סאָכרימ. דורכ כאַבאַר אונ קיבעד פלעגנ די באָיאַרנ שאַפנ אַנ אײגענע כעוורע „מוזשיקעס — שרײַער", אונ מיט זײער הילפ האָבנ זײ געפירט דאָס רעדל אפ דער וועטשע. די אַרבעטנדיקע מאַסנ פונ נאָווגאָראָד זײַנענ געווענ פאַרקנעכטעט בײַ די באָיאַרנ. צײַטנווײַז פלעגט די נאָווגאָראָדער אָרעמשאַפט אופשטײנ קעגנ אירע אונטערדריקער די באָיאַרנ.

סאָפיִער קאַטעדראַל אינ נאָווגאָראָד. 1045 י.
פאָטאָ.

אזויאַרומ, האָט זיכ אינעמ נאָווגאָראָדער לאַנד צומ XIII יה. אויסגעבילדעט אַ פעאָדאַלע מעלוכע פונ אַ ספּעציעלנ טיפּ. די גרויסע ערדבאַזיצער די באָיאַרנ אינ בונד מיטנ סאָכרימטומ האָבנ פאַרכאַפט די גאַנצע מאַכט צו זיכ אינ די הענט אונ האָבנ געמאַכט צונישט די באַדײַטונג פונעמ פירשט. עס האָט זיכ געשאַפנ אַ מינ רעפּובליק, ווו די הויפּט-ראָליע האָט געשפּילט דאָס באָיאַרנטומ.

די נאָווגאָראָדער קולטור. די גרויסע רײַכטימער, וואָס האָבנ זיכ אַלץ מער אָנגעזאַמלט בײַ די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ אונ בײַ די סאָכרימ אינ די הענט, ווי אויכ דער פאַרקער מיט די רוסישע לענדער אונ מיט די אויסלענדער, האָט מיטגעהאָלפנ דערצו, אַז אינ נאָווגאָראָד זאָל געשאַפנ ווערנ אַ הויכע קולטור. די דענקמעלער פונ דער דאָזיקער קולטור האָבנ זיכ פאַרהיט ביז איצט; דאָס זײַנענ גלענצנדיקע בינײאָנימ, וואָס די נאָווגאָראָדער פירשטנ, באָיאַרנ אונ סאָכרימ האָבנ געבויט. אײנער פונ די מערקווירדיקסטע דענקמעלער פונ XII יה. איז דער נערעדיצער קלויסטער, וואָס איז באַפוצט מיט פּרעכטיקער קינסטלערישער וואַנט-מאָלערײַ. אינ נאָווגאָראָד האָט געבליט די שריפט-קולטור. שוינ אינ XI יה. איז דאָ געמאַכט געוואָרנ אַ פּרוּוו צונויפצושטעלנ אַ זאַמלונג פונ כראָניקעס, אַזאַ אַנ ערעכ, ווי עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ אינ קיִעוו. פונעמ סאָפ XI יה. אָנ איז אינ נאָווגאָראָד געפירט געוואָרנ אַ כראָניק-בוכ, אינ וועלכנ עס פלעגנ פאַרשריבנ ווערנ די וויכטיקסטע שטאָטישע געשעענישנ.

דער אָנדענק וועגנ דער אַמאָליקער גרויסקײַט פונ נאָווגאָראָד האָט זיכ פאַרהיט אינ די בילינעס וועגנ דעמ „רײַכנ גאַסט" (סויכער) סאַדקאָ אונ וועגנ וואַסילי בוסלאַיעוונ. אינ דער ערשטער בילינע ווערט דערמאָנט דער רײַכער האַנדל אונ די רײַזעס פונ די נאָווגאָראָדער סאָכרימ אפ יענער זײַט יאַמ, אינ דער צווייטער — די שטורמישע צוזאַמענשטויסנ אפ דער וועטשע.

פסקאָוו. פונ די שטעט, וואָס זײַנענ געווענ אונטערגעוואָרפנ נאָווגאָראָד, האָט זיכ אינ XII יה. פאַרשטאַרקט פסקאָוו. צווישנ פסקאָוו אונ די דײַטשישע שטעט באַמ באַלטישנ יאַמ איז געגאַנגענ אַ לעבהאַפטער האַנדל. דער דאָזיקער האַנדל האָט מיטגעהאָלפנ דער באַרײַכערונג אונ פאַרשטאַרקונג פונעמ פסקאָווער באָיאַרנטומ אונ

סאָכרימטום. ביסלעכווײַז האָבן זיי זיך דערשלאָגן דערצו, אַז זיי זײַנען געוואָרן אײַנ־גאַנצן אומאָפּהענגיק פון נאָווגאָראָד.

לויט דער אינערלעכער אָרדענונג זײַנען נאָווגאָראָד און פּסקאָוו געווען ענלעך צו די מײַרעוו־אייראָפּייִשע „פרײַע שטעט". עס איז אָבער אויך געווען א וועזנטלעכער כילעק צווישן זיי. אין די מײַרעוו־אייראָפּייִשע שטעט איז די מאכט געלעגן אין די הענט פון די סאָכרים און באַלעבאַטים פון גרויסע װאַרשטאַטן. די רײַכקײַט פון נאָווגאָראָד און פּסקאָוו האָט זיך גענומען פון די וואַלדיקע ערדבאַזיצן, וואָס פון דאָרט פלעגן די שטעט באַקומען רויוואַרג צום האַנדלען מיט מײַרעוו. דעריבער האָט אין נאָווגאָראָד און פּסקאָוו די מאכט געהערט די ערדבאַזיצער די פעאָדאַלן (די באָ־יאַרן און דער קירך), און די ערדבאַזיצער האָבן נאָר טיילווײַז געטיילט די מאכט מיטן רײַכן סאָכרימטום, וואָס איז געווען א פּאַרמיטלער צווישן זיי און די סאָכרים פון מײַרעוו־אייראָפּע.

§ 18. טראַנסקאַווקאַז און מיטל־אַזיע אין XI—XII יאָרהונדערטער.

גרוזיע אין XI—XII יאָרהונדערטער. אין XII יה. האָבן צווישן טראַנס־קאַווקאַז און קיִעווער רוס עקזיסטירט רעגולערע באַציִונגען.

פון די טראַנסקאַווקאַזער לענדער האָט זיך אין XII יה. באַזונדערס פאַר־שטאַרקט גרוזיע. אין גרוזיע זײַנען די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן געווען אַנטוויקלט מער איידער אין קיִעווער רוס. די גרוזינישע פעאָדאַלן פלעגן פאַרכאַפּן די ערד, וואָס האָט געהערט צו די געמיינדע־פּויערים, און די פּויערים גופא פאַרוואַנדלען אין לײַבייגענע. די פעאָדאַלן האָבן געבויט שלעסער אין די בערג און געהערשט איבער די פּויערים. די פּויערים־אופשטאַנדן קעגן די אונטערדריקער פלעגן דערשטיקט ווערן מיט באַוואָפנטער קראַפט; לויטן אויסדרוק פון א מאָנאַך א כראָניק־שרײַבער איז „דאָס פאָלק געווען פול מיט מוירע פאַר זײַנע האַרן". בלויז אין די אומצוטריטלעכע בערג זײַנען נאָך געהאַט פאַרבליבן פרײַע פּויערים־געמיינדעס.

די פאַרשטאַרקונג פון דער קייסערלעכער מאכט אין גרוזיע, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן אין X יה. האָט באַגעגנט א ווידערשטאַנד מיצאַד די גרויסע פעאָדאַלן, וואָס האָבן געשטרעבט אײַנצוהיטן זייער אומאָפּהענגיקײַט. די קלענערע פעאָדאַלן און דאָס סאָכרימטום האָט געשטיצט די קייסאָרים. די קליינע פעאָדאַלן האָבן זיך גענייטיקט אין א שטאַרקער קייסערלעכער מאכט, קעדיי צו האַלטן אונטערטעניק זייערע פּויערים, און פאַר די סאָכרים האָט די איינהײַטלעכקײַט פון גרוזיע געזי־כערט די מעגלעכקײַט אומגעשטערט צו האַנדלען.

דער פאַרייניקונג פון גרוזיע האָבן געשטערט די אָנפאַלן פון די טורקמענער — סעלדזשוקן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין XI יה. די טורקמענער — סעלדזשוקן זײַנען געקומען פון די מיטל־אַזיאַטישע סטעפּעס אונטער דער פירערשאַפט פון סול־טאַנען (הערשער) פון סעלדזשוקס שטאַם (פון דאַנען נעמט זיך זייער נאָמען). די סעלדזשוקן האָבן אײַנגענומען פערסיע, מעסאָפּאָטאַמיע און א טייל פון קליין־אַזיע.

דער ערשטער פאַרוויסטנדיקער אָנפאַל פון די סעלדזשוקן אַף טראַנסקאַווקאַז (אַרמעניע) איז פאָרגעקומען אין די יאָרן 1048—1049. פון די 60־ער יאָרן אָן בו־גנמ XI יה. האָבן די סעלדזשוקן גענומען באַפאַלן גרוזיע. „ווי היישעריקן האָבן

זיך די טורקמענער צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, — דערציילט אַ מענטש פון יענער צייט, — זיי האָבן בארויבט די איינוווינער און געמאַכט זיי פאַר שקלאַפן. זיי זיינען דאָ פאַרבליבן ביזן ערשטן שניי, האָבן אַרומגעפּרעסט דאָס לאַנד און דערהארגעט יעדן איינעם, וועלכער עס האָט געזוכט זיך צו ראַטעווען אין די בערג, אין די וועלדער און היילן. און וועלכער עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די שלעסער, איז אומגעקומען פון הונגער און קעלט. אַז עס איז ווידער געקומען דער פרילינג, האָבן זיך די טורקמענער אומגעקערט אַפּסנײַ. קיינער אין לאַנד האָט ניט געזייט און ניט אַראָפּגענומען קיין גערעטעניש; אָנשטאָט מענטשן האָבן אין לאַנד געלעבט ווילדע בהמות, די וווינונגען זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין פייער; די טײַכן זיינען רויט געוואָרן פון מענטשן-בלוט".

קעדייז צו פירן אַ דערפאָלגרײַכן קאַמף קעגן די אָנגריפן פון די סעלדזשוקן, האָט מען געמוזט האָבן אַ שטאַרקע מעלוכע-מאַכט, וואָס זאָל פאַראייניקן די אָפּגעזונדערטע פעאָדאַלע באַזיצן. דאָס איז פאָרגעקומען אין די צייטן פונעם גרוזינישן קייסער דאַוויד דעם בויער (1089—1125). דאַוויד האָט אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף קעגן די פעאָדאַלן, וואָס האָבן עטלעכע מאָל געמאַכט פרוווּן אים צו דערהאַרגענען. דאַוויד האָט געשאַפן אַ שטאַרקע אַרמיי: ער האָט אָרגאַניזירט אַ גוואַרדיע פון 5 טויזנט מאַן, האָט אַריבערגעזעצט פון קובאַנער סטעפּעס 40 טויזנט פּאָלאָווצעס און געשאַפן פון זיי אַ שטענדיק באַזיל. ער האָט אַרונטערגענומען אונטער זיין מאַכט אויך די קאַווקאַזער באַרג-לײַט.

פאַראייניקט גרוזיע, האָט דאַוויד אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די סעלדזשוקן. די סעלדזשוקן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון גרוזיע. אין 1122 י. האָט זיך דאַווידן איינגעגעבן אָנצושליסן אָן זיינע באַזיצן טבּיליסי, וואָס האָט זיך ביז דאַן געפונען אונטער דער מאַכט פון די מוסולמענער. דאַוויד האָט גענומען פאַרשפּרייטן זיין מאַכט אויך אויף די שכייניש געביטן. ער האָט אונטערטעניקט אַזערבײַדזשאַן, איז געגאַנגען מיט אַ קריגס-מאַרש קיין אַרמעניע; אַהין האָט אים גערופן די אָרטיקע אַרמענישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין די גרוזינער געזען אירע אויסלייזער פון אונטערן יאָך פון די סעלדזשוקישע און אַנדערע פרעמדלענדישע פירשטן. דאַוויד האָט אָרגאַניזירט די פאַרוואַלטונג מיט גרוזיע. גרוזיע איז צעטיילט געוואָרן אויף געגנטן אונטער דער אָנפירונג פון עריסטאַווס. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געזעצקאָדעקס. דאַוויד פלעגט אַראָפּזעצן און באַשטימען די יעפּיסקאָפּן. אין גרוזיע האָט זיך ביסלעכווײַז איינגעשטעלט אַ פרידלעך לעבן. עס האָט אויפגעלעבט דער האַנדל. פון אַרמעניע האָט מען אַריבערגעפירט אַ סאַך האַנטווערקער. דאָס זײַדנס פון גרוזיע איז געווען באַרימט ווײַט אַריבער די גרענעצן פונעם לאַנד. מע פלעגט פונדאַנען אַרויספירן זײַדנס אַפילו קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאַוויד האָט אויסגעבויט נײַע שטעט, דערונטער אויך די שטאָט גאָרי. ער האָט באַנײַט די בריקן און די וואַסער-ליימונג, געבויט פּאַלאַצן און אַנדערע ביניאָנים. פאַר דער דאָזיקער טעטיקייט זיינער האָט ער באַקומען דעם צונאָמען דאַוויד דער בויער. די גרוזינישע כראָניק גיט אַזאַ כאַראַקטעריסטיק דאַוויד דעם בויער: „ער האָט זיך דערהויבן איבער אַלע קייסאָרים פון דער וועלט; זיין לינקע האַנט האָט געהאַלטן דעם יאַם, און די רעכטע האָט זיך אָנגעלענט אויף די טײַכן. אין שלאַכטן איז ער געווען ווי אַ לייב".

דאַווידס יאָרשים האָבן פאַרשפּרייט זייערע באַזיצן אין אַרמעניע ביז ערזערום. אַ באַזונדערן גלאַנץ האָט די פעאָדאַלע גרוזיע דערגרייכט אין די צייטן פון דער

קייסעריניע טאמארע (1213—1184). זי האָט געפירט א קאמפ קעגנ די פעאָדאלנ; איינגעהײט די מאכט אָבער האָט זי נאָר פארנ פרייז פונ גרויסע האנאָכעס, וואָס זי האָט געגעבנ די סאמע מעכטיקע צווישנ זיי: זי האָט זיכ פארפליכטעט צו רעגירנ מיטנ לאנד צוזאמענ מיט א ראט פונ די גרויסע פעאָדאלנ.

גרוזיע האָט דעמלט פארנומענ א גרויסנ שטעטכ — פונעמ שווארצנ יאמ ביזנ קאספישנ און פונעמ קאווקאזער בארג=רוקנ ביז ערזערומ. אינ טאמארעס צײטנ זײנענ אָנ גרוזיע אָנגעשלאָסנ געוואָרנ אייניקע געביטנ פונ פערסיע. גרוזיע האָט געשפילט א גרויסע ראָליע צווישנ די מעלוכעס פונ מיזרעכ=אייראָפע און אזיע. עס האָבנ זיכ אײנגעשטעלט פארבינדונגענ אויכ מיט דער סוזדאלער רוס. דער ערשטער מאנ טאמארעס איז געווענ אנדריי באָגאָליובסקיס זונ — יורי.

אינגיכנ נאָכ טאמארעס קיניגנ איז געקומענ די יערידע פונ גרוזיע. עס האָבנ זיכ ווידער פארשטארקט די פעאָדאלנ. א באזונדערס שווערנ קלאפ האָט אָבער גרוזיע באקומענ פונ דער אינוואזיע פונ די מאָנגאָלנ.

דער פאָעט שאָטא רוסטאוועלי. טאמארעס צײט איז פאר גרוזיע געווענ אנ עפאָכע פונ גרויסנ קולטור=אופבלי. גרוזיע איז געלעגנ אפנ איבערקרייצ פונ באלעבטע האנדלס=וועגנ צווישנ די לענדער פונ מײרעוו און מיזרעכ. דאָ האָבנ זיכ צונויפגעטראָפנ די קולטור=ווירקונגענ פונ קליינ=אזיע, פונ פערסיע און ביזאנצ. די יונגע גרוזינישע פעאָדאלנ פלעגנ פאָרנ לערנענ זיכ קיינ קאָנסטאנטינאָפאָל. אפ דער גרוזינישער ארכיטעקטור האָט זיכ אָפגעשפיגלט דער אײנפלוס פונ ביזאנצ; אפ דער גרוזינישער ליטעראטור — דער אײנפלוס פונ פערסיע. פונ די אראבער זײנענ קיינ גרוזיע ארײנגעדרונגענ קענטענישנ אינ מעדיצינ און אסטראָנאָמיע. אפ דעמ דאָזיקנ באָדנ האָט זיכ געשאפנ אנ אייגענע גרוזינישע קולטור, וואָס האָט שוינ אליינ באײנפלוסט די שכיינישע לענדער, דערונטער אויכ די רוסישע קולטור. די בילדונג האָט אינ גרוזיע אינ XII יה. געמאכט גרויסע פאָרשריט. מע האָט געעפנט שולנ. עס האָט זיכ אנטוויקלט די ליטעראטור. טאמארע האָט זיכ ארומגערינגלט מיט פאָעטנ. צווישנ זיי האָט דאָס ערשטע אָרט געהערט דעמ גרויסנ גרוזינישנ דיכטער שאָטא רוסטאוועלי. זײנ בארימטע פאָעמע „דער העלד אינ דער טיגער=פעל" האָט א וועלט=באדײטונג.

שאָטא רוסטאוועלי האָט געקראָגנ בילדונג אינ גריכנלאנד און איז געווענ איינער פונ די געבילדעטסטע פעאָדאלנ אינ גרוזיע. ער האָט געדינט באמ הויפ פונ דער קייסעריניע טאמארע און האָט געהערט צו די הייסטע אָנהענגער פונ פארשטארקנ די קייסערלעכע מאכט. ווי עס ווערט דערציילט, האָט ער טאמארענ פיל מיטגעהאָלפנ אינ איר קאמפ קעגנ די ווידערשפעניקע וואסאלנ און האָט דערמיט דערוועקט קעגנ זיכ אזא צאָרנ מיצאד דער אריסטאָקראטיע, אז ער האָט געמוזט פארלאָזנ די היימ און אָפריכטנ גאָלעס. זײנ פאָעמע, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ סאָפ XII יה., האָט ער געווידמעט טאמארענ.

רוסטאוועלי האָט געשעפט באגײסטערונג אינ דער גרוזינישער פאָלקס=דיכטונג. אינ זײנ פאָעמע האָט געפונענ אנ אָפשפיגלונג דער דוירעסדיקער העראָישער קאמפ פונעמ גרוזינישנ פאָלק פאר זײנ אומאָפהענגיקײט קעגנ די פערסנ, די ביזאנטיער, די אראבער, די סעלדזשוקנ און אנדערע פעלקער.

דערקלער: דער פערס וועט קיינמאָל
איבער אונדז ניט הערשנ!

רופט אויס די העלדנ פונ דער פאָעמע. רוסטאוועלי האָט באזונגענ די ריטערישע העלדנטאטנ פונ די גרוזינישע העלדנ — די קעמפער פאר דער אומאָפהענגיקײט פונעמ היימלאנד, ער האָט געלערנט זײנ דרויסט, ניט מוירע האָבנ פארנ טויט.

בעסער אומקומענ מיט רומ,
אײדער פלאָגנ זיכ אינ שאנד.

רוסטאַוועלי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין קאַמף איז נייטיק אייניקייט, און ער האָט באַזונגען די פֿריינטשאַפֿט און ברידערשאַפֿט צווישן די קריגער.

ווער עס זוכט פֿאַר זיך קיין פֿריינטשאַפֿט,
דער איז זיך אַליין אַ סוינע.
ווער ס'פֿאַרלאָזט זיין פֿריינט אין ליידן,
וועט אַליין אין לייד פֿאַרזינקען.

רוסטאַוועלי איז אַ הייסער קעגנער פֿון דער פֿעאָדאַלער צעבראָקלטקייט, דעריבער האָט ער גערופֿן צו אונטערשטיצן די קייסערלעכע מאַכט. אין דער זעלבער צייט אָבער איז ער אַרויסגעטראָטן אַלס פֿאַרטיידיקער פֿון די אונטערדריקטע קלאַסן קעגן דעם ווילקיר פֿון די פֿעאָדאַלן. איינער פֿון זיינע העלדן באַפֿוילט, אַז מע זאָל דאָס פֿאַרמעגן זיינס פֿאַרטיילן אַזוי:

צעשענק עס די היימלאָזע, די שקלאַפֿן באַפֿריי.
באַזאָרג די יעסוימים. זיי צום אָרעמען מילד,
און ס'וועלן צום גוטן דערמאָנען מיך אַלע.

רוסטאַוועלס פּאָעמע איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע וויכטיקסטע שפּראַכן און רופֿט ביז איצט אַרויס אַנציקונג.

אַרמעניע אין XI—XII יאָרהונדערטער. אין XI—XII יאָרהונדערטער איז אין אַרמעניע, פּונקט ווי אין גרוזיע, די פֿעאָדאַלע אָרדענונג געווען אין פֿולן בלי. די אַרמענישע גייסטלעכע און די אַרמענישע אַריסטאָקראַטיע האָבן בײַ זיך אין די הענט קאָנצענטרירט קאָלאָסאַלע ערדבאַזיצן. וועגן איינעם אַן אַרמענישן יעפּיסקאָפּ שרייבן מענטשן פֿון זיין צייט, אַז ער פֿלעגט יעדן טאָג אַרויסשיקן אין פֿעלד 800 אַקערס, צו זעקס אָקסן אין יעדן אַקער. די פּויערים זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין לייביגענע און האָבן געטאָן פּאַנשטשינע-אַרבעט.

פֿונעם X יה. אָן האָט זיך אָנגעהויבן די צעפֿאַלונג פֿון אַרמעניע אויף אומאָפּהענגיקע פֿעאָדאַלע פֿירשטנטומס. די ביזאַנטישע אימפּעריע האָט דאָס אויסגענוצט. פֿאַרכאַפּנדיק איין פֿירשטנטום נאָכן אַנדערן, האָט זי אין דער ערשטער העלפֿט XI יה. אָנגעשלאָסן גאַנץ אַרמעניע אָן אירע באַזיצן. די ביזאַנטישע אימפּעריע איז אָבער ניט אימשטאַנד געווען צו באַשיצן אַרמעניע, ווען די סעלדזשוקן האָבן פֿון 1048—1049 יאָר אָן גענומען באַפֿאַלן זי. אין 1064 י. האָבן די סעלדזשוקן איינגענומען אַני. דאָס ביזאַנטישע מיליטער האָט געפּרוווט צוריקקריגן אַרמעניע אונטער דער מאַכט פֿון ביזאַנץ, עס האָט אָבער געכאַפּט אַ מאַפּאָלע, און דער אימפּעראַטאָר, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן מיליטער, איז גענומען געוואָרן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. די אינוואַזיע פֿון די סעלדזשוקן האָט זיך זייער שווער אָפּגערופֿן אויף דער באַפֿעלקערונג. דאָס לאַנד איז פֿאַרוויסט געוואָרן.

נאָר אין די הויכבערגיקע געביטן פֿון אַרמעניע האָבן זיך אויפֿגעהיט קליינע פֿעאָדאַלע באַזיצן. די פֿאַראָרעמטע באַפֿעלקערונג איז געלאָפֿן ראַטעווען זיך אין די אומצוטריטלעכע באַרג-שפּאַלטן; אַהער זיינען אויך געלאָפֿן די רואינירטע פֿעאָדאַלן. פֿאַראייניקט אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון פֿעאָדאַלן, האָבן די אַרמענישע פֿאָלקסדרוזשינעס פֿאָרגעזעצט דעם קאַמף קעגן די אויסערלעכע סאָנים. אַ לאַנגע צייט האָבן „די זין פֿון אַרמעניע, די העלדישע באַשיצער פֿון זייער היימלאַנד“, ווי דער באַוווּסטער סטאַלין האָט זיך אויסגעדריקט, מעסירעסנעפֿעשדיק פֿאַרטיידיקט זייערע

בערג און בארג=שפאלטנ. לענגער פאר אלעמענ האָט געקעמפט פאר זײַנ אומאָפּהענגיקײַט דער בארג=ראיאָנ סאסונ.

כאָטש די סעלדזשוקנ האָבנ פונעמ לאנד געמאכט א שרעקלעכנ טעל, דאָכ איז דאָס קולטור=לעבנ אינ ארמעניע ניט אָפּגעשטאָרבנ. די דערגרעניענטערונג פונ דער ארמענישער קונסט מיט דער קונסט פונ די באצווינגער די סעלדזשוקנ האָט מיטגעהאָלפנ דעמ אופבלי פונ דער אָרטיקער קולטור, וועלכע האָט שוינ געהאט אנ אײַנפלוס אויכ אפ די שכייניש לענדער.

אזערבײַדזשאנ אינ XI—XII יאָרהונדערטער. אינעמ צאָפנדיקנ טייל אזערבײַדזשאנ, וואָס ליגט בישכיינעס מיט גרוזיע, אינעמ געביט שירוואנ, האָט זיכ אינ XI—XII יאָרהונדערטער געפונענ דאָס פעאָדאלע קיניגרײַכ פונ די שירוואנ=שאכנ (שירוואנער שאכנ, אָדער קייסאָרימ). אינעמ לעצטנ פערטל פונעמ XI יה. האָבנ די סעלדזשוקנ געגוויט די שירוואנ=שאכנ צו צאָלנ זיי צינז, זיי האָבנ זיכ אָבער ניט ארײַנגעמישט אינ די אינערלעכע איניאָנימ פונעמ לאנד. דער גרוזינישער קייסער דאוויד דער בויער האָט געמאכט א מארש קיינ שירוואנ; זינט דאנ זײַנענ די שירוואנ=שאכנ געוואָרנ וואסאלנ פונ גרוזיע און זײַנענ ארײַנגעטראָטנ מיט איר אינ א קריגס=בונד. דער דאָזיקער בונד איז געשלאָסנ געוואָרנ ניט נאָר דערפאר, ווײַל גרוזיע האָט געזיגט, נאָר אויכ דערפאר, ווײַל צווישנ די ביידע לענדער האָבנ עקזיסטירט ענגע האנדלס=באציִונגענ, און קעדיי צו באשיצנ זיכ קעגנ די אויסערלעכע סאָנימ, האָבנ זיי זיכ געמוזט פארייניקנ.

א גרויסער האנדלס=צענטער אינ אזערבײַדזשאנ איז געווענ די שטאָט דערבענט, באמ דורכגאנג צווישנ דעמ קאווקאזער בארג=רוקנ און דעמ קאספּישנ יאמ; דורכ דערבענט איז געגאנגענ דער גאנצער פארקער מיט צאָפנ=קאווקאז און מיט רומ. דער דערבענטער דורכגאנג איז געווענ באשיצט מיט פעסטע ווענט. א וויכטיקער צענטער פונ זײַדצוכט און פונ האנדל מיט זײַד איז געווענ די שטאָט שעמאכא.

אינ XI יה. פארענדיקט זיכ דער אויספורעמונג=פראָצעס פונ דער אזערבײַדזשאנישער פעלקערשאפט, וועלכע האָט זיכ אויסגעבילדעט דורכ דער אויסמישונג פונ די אָרטיקע אלבאנישע שוואָטימ מיט די פאָלאָווצעס, וואָס זײַנענ געקומענ פונ צאָפנ, און מיט די טורקמענער, וואָס זײַנענ געקומענ פונ דאָרעמ. א גרויסער טייל אלבאנער האָט אָנגענומענ דעמ מוסולמענישנ גלויבנ; יענע אלבאנער, וואָס זײַנענ געבליבנ באמ קריסטלעכנ גלויבנ, האָבנ זיכ צונויפגעגאָסנ מיט די ארמענער.

א גרויסנ אײַנפלוס האָט אפ דער קולטור פונ אזערבײַדזשאנ געהאט די שכייניש פערסיע. די פעאָדאלנ אינ אזערבײַדזשאנ פלעגנ ריידנ אפ פערסיש, אויכ אלע אוטאָרנ פלעגנ שרײַבנ אפ פערסיש. די אזערבײַדזשאנער האָבנ אָבער ארײַנגעבראכט פיל אייגנס אינ דער פערסישער קולטור. אינ איינ צײַט מיט שאָטא רוסטאוועלי האָבנ געלעבט צוויי אויסגעצייכנטע אזערבײַדזשאנישע דיכטער: ניזאמי און באקאני.

פונקט ווי רוסטאוועלי, האָט ניזאמי באזונגענ די ריטערישע העלדנטאטנ און זייער קריגס=מוט; אלס טעמע האָבנ פאר אימ געדינט די לעגענדעס וועגנ אלעקסאנדר מוקדנ און וועגנ די פארצײַטיקע פערסישע קייסאָרימ. אינ דער פאָעמע וועגנ אלעקסאנדר מוקדנ, וואָס איז פול מיט פאנטאסטישע, לעגענדארע פראָטימ, ווערט, אגעוו, דערמאָנט, אז ער האָט קלוימערשט, געפירט א קאמפ מיט די רוסנ; דאָס איז אנ אָפּקלאנג פונ די דערינערונגענ וועגנ די קריגס=מארשנ פונ די רוסנ אפנ קאספּישנ יאמ אינ X יה. באקאני, אנ אייניקל פונ א פראָסטנ וועבער, א זונ פונ א טעסלער און פונ א קריסטנ א שקלאפנ, איז געווענ א גלענצנדיקער ליריקער; ער האָט איבערגעלאָזנ אויסגעצייכנטע ליבע=לידער און לויב=אָדעס.

ניזאמי און באקאני האָבנ געשריבנ אפ פערסיש, כאָטש זיי זײַנענ געווענ אזערבײַד=

ושאנער טווישווים, ניט קיינ געבוירענע אינ פערסיע. זיי האָבנ פיל מיטגעהאָלפנ דער פאַר־פולקומונג פונ דער ליטעראַרישער פערסישער שפּראַכ. אפ זייער שאַפונג האָבנ געהאַט א שטאַרקנ איינפלוס די קולטור־פאַרבינדונגענ פונ אזערבייַדזשאַנ מיט גרוזיע.

מיטל־אזיע פונעמ X ביזנ אָנהייב XIII יה. סאָפ X יה. האָבנ די נאָמאַדישע טיורקישע שוואָטימ כאָרעוו געמאַכט די סאַמאַנידנ־מעלוכע. די טיורקנ האָבנ זיכ אויסגעמישט מיט דער אָרטיקער איינגעזעסענער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיכ טיילווייַז טיורקיזירט און איבערגענומענ די טיורקישע שפּראַכ. אינ דער ערשטער העלפט XII יה. האָבנ זיכ קיינ מיטל־אזיע אַריינגעריסנ פונ מיזרעכ די קאַראַ־קייַדאַנער, א פילצאָליק נאָמאַדיש פאָלק, וואָס האָט געציילט ביז 40 טויזנט ביידלעכ. די קאַראַ־קייַדאַנער האָבנ אָנגעהויבנ אומוואַנדערנ אינעמ טאָל פונעמ טייַכ טשו. די קאַראַ־קייַדאַנער האָבנ געצווּנגענ די איינגעזעסענע באַפעלקערונג צווישנ אמו־דאַריא און סיר־דאַריא צו צאָלנ זיי צינז. ווייַטער פונ דעמ איז זייער אָפּהענגיקייט ניט געגאַנגענ.

כאָרעזמ האָט געבילדעט א זעלבשטענדיקע מעלוכע, וואָס די רעגירער אירע האָבנ געטראָגנ דעמ נאָמענ כאָרעזמ־שאַכנ, דה. כאָרעזמער קייסאָרימ. די כאָרעזמ־שאַכנ האָט זיכ איינגעגעבנ צו באַשיצנ זייער אומאָפּהענגיקייט קעגנ די קאַראַ־קייַדאַנער. פונ מיזרעכ־זייַט פלעגנ די באַזיצנ פונ די כאָרעזמ־שאַכנ באַפאַלנ ווערנ פונ די טורקמענער — די סעלדזשוקנ; זיי זייַנענ אָבער צעקלאַפּט געוואָרנ. אינ דער צייַט, ווענ כאָרעזמ־שאַכ איז געווענ מוכאַמעד (1200—1220), איז אינ באַשטאַנד פונ זייַנ מעלוכע אַריינגעגאַנגענ דער געביט צווישנ אמו־דאַריא און סיר־דאַריא און אויכ צאָפנ־ און מיזרעכ־פערסיע.

קאַפּיטל VI.

די מאָנגאָלישע דעראָבערונגענ אינ XIII יאָרהונדערט.

§ 19. טשינגיס־כאַנס מעלוכע.

די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פונ די מאָנגאָלנ אינ XII און אָנהייב XIII יה. אינ מיזרעכ־אייראָפּע, טראַנסקאַווקאַז און מיטל־אזיע דעראָבערט געוואָרנ דורכ די מאָנגאָלנ. די מאָנגאָלנ האָבנ געלעבט אינ די סטעפּעס פונ צענטראַל־אזיע, צאָפנ־צו פונ כינע. באַשעפטיקט האָבנ זיי זיכ מיט פיטוכעט. זייער איקער־שפּייַז איז געווענ פלייש, זייער באַליבטער געטראַנק—קומיס (שקאַפּע־מילכ). א באַהילפיק עקזיסטענצ־מיטל איז בא זיי געווענ די יאַגד אפ גרויס ווילדוואַרג, וואָס אפ צו כאַפּנ עס פלעגנ די מאָנגאָלנ מאַכנ אָבלאַוועס. קיינ ברויט האָבנ די מאָנגאָלנ ניט געזייט און קימאַט ניט געברויכט. דאָס, וואָס זיי האָבנ געמוזט באַזאָרגנ מיט שפּייַז א גרויסע צאָל פי, פלעגט צווינגענ די מאָנגאָלנ קעסיידער צו וואַנדערנ פונ איינ אָרט אפנ אַנדערנ, זוכנדיק גוטע און רייַכע פאַשע־פּלעצער. געלעבט האָבנ זיי אינ פילצענע געצעלטנ און באַמ אַריבערפאָרנ פונ איינ אָרט אפנ אַנדערנ פלעגט מענ די דאָזיקע געצעלטנ אַרופשטעלנ אפ וועגענער, אינ וועלכע עס זייַנענ געווענ איינגעשפּאַנט אָקסנ. בעשאַסנ פאָרנ איז זיכ דאָס לעבנ אינ די דאָזיקע געצעלטנ גע־



טאָטערשע פורלעך. פון ווילהעלם דע רוברוקס „רייזעס אין די מיזרעכ־לענדער".

גאנגען ווי געוויינלעך. די פרויען האָבן דאָ געהייצט און געקאָכט; דער רויך פלעגט ארויסגיין דורך א לאָך אין דאך. פונוואַנען פלעגט זיך אויסדרוקן, אז עס באַוועגט זיך א גאנצע שטאָט.

צוערשט האָבן די מאָנגאָלן ארומגעוואנדערט שטאמענווײַז. דאָס פי האָט געהערט צום גאנצן שטאם און מע פלעגט עס פאשען געמיינזאם. עטלעכע שטאמען, וואָס האָבן געלעבט אינאיינעם, האָבן געבילדעט א „האָרדע", אָדער א שייוועט. ביסלעכווײַז איז בא די מאָנגאָלן אופגעקומען פריוואט־אייגנטום אפן פי. עס האָט זיך געשאפן אן אומגלײַכהײַט. אפ צו פירן מילכאָמע פלעגט דער שייוועט אויסוויילן פירער, אָדער „גיבוירים" („באָגאטירן"). ארום א דרייסטן און רײַכן גיבער פלעגן זיך צונויפקלײַבן גרויסע אָטריאדן קריגס־לײַט. ניט זעלטן פלעגט פאסירן, אז די פירער פון די מאכנעס פלעגן פארכאפן די מאכט בא זיך אין שייוועט און ווערן כאנען. בא די כאנען, בא זייערע קרויווים און סוויטע־לײַט האָט זיך קאָנצענטרירט א גרויסע צאָל פי און שקלאפן. די אָרעמע מאָנגאָלן האָבן געמוזט ארבעטן אפ די כאנען און אפ זייער סוויטע: פאשען זייערע טשערעדעס, מאכן קומיס, שערן די שעפסן, מאכן פילץ אאוו.

באגלײַך מיט דעם, ווי עס האָט זיך פארשטארקט די עקספּלואטאציע פון די ברייטע מאסן פון דער נאָמאדישער געזעלשאפט, זײַנען די מאָנגאָלישע כאנען געוואָרן פונקט אזוינע פעאָדאלן, ווי די ערד־באזיצער אין מיזרעו־אייראָפּע און אין רוס. צו די כאנען האָבן געהערט די פאשע־פלעצער און גרויסע טשערעדעס. די אייגענע שייוועט־לײַט פלעגן ארײַנפאלן צו די כאנען אין קנעכטשאפט. די מאכט אי

בער זייערע אונטערטאַנענ האָבנ די כאַנענ אײַנגעהאַלטנ מיט דער הילף פונ זייערע קריגס=לײַט.

די אויסבילדונג פונ טשינגיס=כאַנס מעלוכע. איינער פונ די אָנגעזעענסטע מאָנגאָלישע גיבוירימ איז אינ XII יה. געווענ יעסוגײַ, וועמענס שטאַמ עס האָט ארומגעוואַנדערט אינ מיזרעכ=טראַנסבײַקאַל. ער איז געפאַלנ אינ קאַמפ מיטנ שכייִשנ פאָלק — מיט די טאָטערנ. נאָכ זײַנ טויט האָט דער מינדעריעריקער זונ זײַנער טעמוטשינ ניט באַוויזנ אײַנצוהאַלטנ די מאַכט אינ זײַנע הענט. אפילע די נאָענטסטע קרויווימ האָבנ אימ פאַרלאָזט. ווענ ער איז אָבער אונטערגעוואַקסנ, האָט זײַנ געוואַגטקײַט צוגעצויגנ צו אימ א סאַכ מיטקעמפער. ער האָט זיכ געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ א קליינעמ, נאָר דרייסטנ אָטריאַד. מיט דער הילף פונ איינעמ פונ די שכייניש כאַנענ האָט טעמוטשינ צעקלאַפּט די טאָטערנ, אויסגעראָטנ קימאַט אַלע מאַנצבלענ, איבערלאָזנדיק נאָר די מינדעריעריקע, וואָס זײַנענ געווענ „ניט העכער פונ א וואָגנ=אַקס“, און די פרויענ מיט די קינדער האָט ער געמאַכט פאַר שקלאַפנ. שפּעטער האָבנ די אַרומיקע פעלקער איבערגעטראָגנ דעמ נאָמענ טאָטערנ אפ דעמ פאָלק, וואָס אינ דער שפּיצ פונ אימ איז געשטאַנענ טשינגיס=כאַנ, און זיי האָבנ דאָס דאָזיקע פאָלק גענומענ רופנ סײַ טאָטערנ סײַ מאָנגאָלנ. נאָכנ זיג איבער די טאָטערנ האָט טעמוטשינ גענומענ פאַרשפּרייטנ זײַנ מאַכט אפ די איבעריקע שוואָטימ. אינ 1206 י. האָט דער ראַט פונ די מאָנגאָלישע פעאָדאַלנ, אָדער דער קורולטײַ, פּראָקלאַמירט טעמוטשינענ פאַרנ אויבער=כאַנ איבער אַלע מאָנגאָלנ. טעמוטשינ האָט זיכ דאַנ געגעבנ א נײַעמ נאָמענ—טשינגיס=כאַנ.

טשינגיס-כאַנ.
כינעזישע מיניאַטיור.
היסטאָרישער מוזיי.

אונטער זײַנ מאַכט איז געווענ זייער א גרויסע האָרדע, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט פונ פאַרשיידנשטאַמיקע מאָנגאָלישע, טיורקישע און מאַנטשזשורישע שוואָטימ.

טשינגיס=כאַנס מעלוכע איז ניט געווענ קיינ איינהײַטלעכע. אַלע מיטגלידער פונ טשינגיס=כאַנס פאַמיליע פלעגנ באַקומענ באַזונדערע באַזיצנ. די באַצוווּנגענע שוואָטימ פלעגט ער אָדער לאָזנ אונטער דער מאַכט פונ זייערע פירשטנ, אָדער צעטיילנ צווישנ זײַנע קריגס=לײַט. יעדער באַזיצ האָט באַדאַרפט צושטעלנ טשינגיס=כאַנענ א באַשטימטע צאָל קריגער. דעריבער האָבנ די באַזיצנ געהייסנ לויט דער גרייס פונ די אָטריאַדנ, וואָס זיי פלעגנ דאַרפנ צושטעלנ: הונדערטער, טויזנטער, צענטויזנטער, און די וואַסאַלנ זײַנענ געווענ אײַנגעטיילט אפ הונדערט=עלטסטע, טויזנט=עלטסטע און צענטויזנט=עלטסטע. די טויזנט=עלטסטע און די צענטויזנט=עלטסטע האָבנ געהאַט אונטער זייער מאַכט די קלענערע פעאָדאַלנ. כאָטש די מעלוכע איז געווענ אַזוי צעבראָקלט, דאָכ האָט טשינגיס=כאַנ געהאַלטנ פעסט אינ זײַנע

העגט די אויבער=מאכט אינ דער מעלוכע. פונ זײַנ אייגענעמ אָטריאַד האָט ער גע=
שאַפנ א גוט=אָרגאַניזירטע גוואַרדיע אונ אַפ איר האָט ער זיכ געשטיצט. ער האָט
פאַרמאָגט אַנ אויסגעצייכנטע אַרמיי, וואָס האָט באַוואונדערט מיט איר פּראָנט=אָרדע=
נונג. דאָס כאַיל פלעגט ארויסטרעטנ, אײַנגעטיילט אינ צענדליקער, הונדערטער אונ
טויזנטער, אונטער דער קאָמאַנדע פונ זײַנע צענדליק=עלטסטע, הונדערט=עלטסטע אונ
טויזנט=עלטסטע. די הויפּט=קראַפט איז געווענ דאָס רײַטער=כאַיל, באַוואָפנט מיט
פײַל=אונ=בויגנ. די מאָנגאָלנ האָבנ איבערגענומענ בײַ די כינעזער זייער הויכע קריגס=
טעכניק. ביים באַלאַגערנ שטעט פלעגנ זיי באַנוצנ באַלאַגערונג=מאַשינעס צומ שלײַ=
דערנ שטייגער אונ קיילימ מיט פײַער=פּליסיקײַט, אונ אויכ טאַראַנעס אַפ ברעכנ ווענט.

די מעלוכע, וואָס טשינגיס=כאַנ האָט געשאַפנ, איז געווענ א מיליטערישע מע=
לוכע, וואָס איר הויפּט=צוועק איז געווענ מילכאָמעס אונ דעראָבערונגענ. „די רײַב=
טימער פונ די שכייניט,— האָט ענגעלס געשריבנ,— דערוועקנ א גירִיקײַט בײַ די
פעלקער, וואָס דאָס דערווערבנ רײַכטומ שײַנט זיי שוינ צו זײַנ איינער פונ די וויכ=
טיקסטע לעבנס=צוועקנ. זיי זײַנענ באַרבאַרנ: רויבערײַ שײַנט זיי צו זײַנ גרינגער אונ
אַפילע בעקאָוועדיקער, איידער אַקשאָנעסדיקע מי. מילכאָמע, וואָס פריִער פלעגט
מענ זי פירנ נאָר קעדיי געקאָמע צו גענעמ פאַר אָנפאַלנ, אָדער קעדיי צו פאַר=
ברייטערנ די טעריטאָריע, וואָס איז געוואָרנ קנאַפּ, ווערט אַצינד געפירט נאָר צו=
ליב רויב, ווערט א שטענדיקע פאַרנאָכט=זאַכ“[1].

דאָס דעראָבערנ מיטל=אַזיע. ווענ טשינגיס=כאַנ האָט פאַרייניקט די נאָמאַדי=
שע שוואָטימ, איז ער צוגעטראָטנ אײַנצונעמענ די ארומיקע לענדער. אינ 1207 י.
האָט טשינגיס=כאַנס זונ דזשוטשי אונטערטעניקט די פעלקער פונ דאָרעמ=סיביר: די
קירגיזנ בײַ דער אויבערשטערמונג פונ יעניסיי, די בוריאַטנ בײַ דער אָזערע בײַקאַל
אונ אַנדערע. אינ 1211 י. האָט זיכ אָנגעהויבנ די דעראָבערונג פונ כינע, אונ אינ
עטלעכע יאָר ארומ — דער אָנגריפ אַפ מיטל=אַזיע. אָט דער אָנגריפ האָט געבראַכט
צו א צוזאַמענשטויס צווישנ די מאָנגאָלנ מיטנ כאָרעזמ=שאַכ מוכאַמעד. מוכאַמעד
איז ניט אימשטאַנד געווענ צו געבנ א שטאַרקנ ווידערשטאַנד די מאָנגאָלנ. זײַנ מע=
לוכע איז געווענ צעפרעסנ פונ אינערלעכע אומרוענ. די פאַרשיידנשטאַמיקע פעל=
קער, וואָס זײַנענ ארײַנגעגאַנגענ אינ באַשטאַנד פונ דער האָזיקער מעלוכע, האָבנ
זיכ קעסיידער ארומגעריסנ איינע מיט די אַנדערע. די מיליטערישע אָנפירער, די רע=
גירער פונ די געגנטנ, די פאָרשטייער פונעמ העכערנ קלער האָבנ אויס מוירע צו
פאַרלירנ זייערע פעאָדאַלע באַזיצנ קימאַט אומעטומ פאַראַטנ זייער היימלאַנד אונ
פאַרעטעריש אָפּגעגעבנ די שטעט טשינגיס=כאַנענ. נאָכ די ערשטע מאַפּאָלעס איז
מוכאַמעד אַנטלאָפנ פונ כאָרעזמ אונ איז געשטאָרבנ אַפ איינעמ פונ די אינדזלענ
פונעמ קאַספּישנ יאַמ. געבליבנ אַפ העפקער, האָבנ די אײַנוווינער פונ כאָרעזמ מיט
די לעצטע קויכעס פאַרטיידיקט די שטאָט, דאָכ האָבנ זי די דעראָבערער אײַנגענו=
מענ. די מאָנגאָלנ האָבנ אויכ אײַנגענומענ סאַמאַרקאַנד, בוכאַרא אונ אַנדערע
שטעט אונ געמאַכט דאָרט א מוירעדיקנ כורבנ. דאָס לאַנד איז פאַרוויסט געוואָרנ.
איינע פונ די גרעסטע דאַמבעס (די מורגאַבער) איז פאַרניכטעט געוואָרנ אונ אי=
בער דעמ איז אינגאַנצנ כאָרעוו געוואָרנ די שטאָט מערוו. מוכאַמעדס גאַנצע מע=

[1] ענגעלס, די אַנטשטייונג פונ פאַמיליע, פּריוואַט=אייגנטומ אונ מעלוכע, מאַרקס
אונ ענגעלס, ווערק, ב. XVI, ט. I, ז. 140.

לוכע איז אַריבער צו טשינגיס-כאַנענ; אויכ אַ גרויסער טייל פונ פערסיע איז אַרונטערגעפאַלנ אונטער זייַנ מאַכט.

דער מאַרש אפ טראַנסקאַווקאַז און אינ די שוואַרציאַמישע סטעפעס. נאָכדעמ האָט זיכ דאָס מאָנגאָלישע כאַיל, אונטער דער קאָמאַנדע פונ טשינגיס-כאַנס קריגס-פירער, אַ לאָז געטאָנ צו דעראָבערנ טראַנסקאַווקאַז און קאַווקאַז. זיי האָבנ רויִנירט אַזערבייַדזשאַנ, אַרמעניע און גרוזיע און זייַנענ אַרייַנגעטראָטנ אינ די פּאָלאָווצער סטעפעס. די פּאָלאָווצער כאַנענ האָבנ זיכ געווענדט נאָכ הילפ צו די רוסישע פירשטנ. „אויב איר וועט אונדז ניט העלפנ, — האָבנ געזאָגט זייערע שלוכימ, — וועלנ מיר אויסגעהאַרגעט ווערנ הייַנט, און איר — מאָרגנ“.

אינ 1223 י. זייַנענ די רוסישע פירשטנ, אינ דער שפּיצ מיטנ קיִעווער פירשט, אַרויסגעטראָטנ אינ סטעפּ אַנטקעגנ די מאָנגאָלנ, אָדער טאָטערנ, ווי די רוסנ האָבנ זיי אָנגעהויבנ רופנ. די טאָטערנ האָבנ גענומענ אָפּטרעטנ און פאַרציִענ דאָס רוסישע כאַיל אַלצ טיפער אינ סטעפּ אַרייַנ. די רוסנ און די פּאָלאָווצעס זייַנענ דערגאַנגענ ביזנ טייַכ קאַלקאַ, וואָס פאַלט אַרייַנ אינ אַזאָווער יאַמ. צווישנ די רוסישע פירשטנ איז ניט געווענ קיינ אייַנפאַרשטאַנדיקייַט. דער סאַמע דרייסטער צווישנ זיי, מסטיסלאַוו דער בראַווער, איז צוזאַמענ מיט עטלעכע יונגע פירשטנ און מיט די פּאָלאָווצעס אַרייַנגעטראָטנ אינ אַ שלאַכט קעגנ די טאָטערנ, ניט האָבנדיק געוואָרנט וועגנ דעמ די איבעריקע פירשטנ. עס האָט זיכ פאַרבונדנ אַ געראַנגל. די רוסנ האָבנ געהאַט אָנגעהויבנ זיגנ. באַזונדערס האָט זיכ אויסגעצייכנט דאַניִל ראָמאַנאָוויטש דער גאַליטשער, וואָס איז נאָכ דאַנ געווענ גאָר יונג. ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרנ, נאָר אינ היצ פונ געראַנגל האָט ער די ווונד אַפילע ניט באַמערקט. אָבער די פּאָלאָווצעס האָבנ ניט אויסגעהאַלטנ דעמ אָנדראַנג פונ די טאָטערנ, זיי האָבנ זיכ געלאָזט לויפנ און האָבנ אומגעוואָרפנ די רוסנ. די מאַפּאָלע איז געווענ אַ פולשטענדיקע. מסטיסלאַוו און דאַניִל האָבנ זיכ קוימ געראַטעוועט מיטנ לעבנ. אינ דער זעלבער צייַט איז דער קיִעווער פירשט צוזאַמענ מיט די אַנדערע פירשטנ, וואָס האָבנ זיכ אינ דער שלאַכט ניט באַטייליקט, געשטאַנענ אינ אַ באַפעסטיקטנ לאַגער אפ איינעמ פונ די שכייניִשע בערגלעכ און זיכ ניט גערירט פונ אָרט, כאָטש זיי האָבנ געזעענ, אַז ס'איז געשעענ אַ צאָרע. די טאָטערנ זייַנענ אָנגעפאַלנ אויכ אפ זיי. דרייַ טעג האָבנ זיכ די רוסנ אָפּגעשלאָגנ. אָבער סאָפּקאָלסאָפּ האָבנ זיי געמוזט זיכ אונטערגעבנ. די פירשטנ האָט מענ צוגעזאָגט, אַז מע וועט זיי שוינענ דאָס לעבנ, מע האָט אָבער געבראָכנ דאָס וואָרט און זיי דערהאַרגעט. נאָכנ זיג אפ דער קאַלקאַ האָבנ זיכ די מאָנגאָלנ אַ לאָז געטאָנ צו דער וואָלגע און זייַנענ באַפאַלנ די וואָלגער באָלגאַרנ. דאָ האָבנ זיי קיינ דערפאָלג ניט געהאַט און זיי זייַנענ דורכ די קאַזאַכישע סטעפּעס אַוועק צוריק קיינ מאָנגאָליע.

די לעצטע טעג פונ זייַנ לעבנ איז טשינגיס-כאַנ געווענ פאַרנומענ מיט פאָרזעצנ די מילכאָמע קעגנ כינע און באַצווינגענ דאָס טאַנגוטער לאַנד (אינ דאָרעמ-מאָנגאָליע).

אָט אַזוי האָט זיכ אינ די מאָנגאָלישע סטעפּעס אויסגעבילדעט אַ שטאַרקע מיליטערישע מעלוכע. דאָס, וואָס די מאָנגאָלנ האָבנ פאַרכאַפּט קולטורעלע לענדער, האָט זיכ געמוזט אָפּרופנ אפ זייער שטייגער און אפ דער אָרגאַניזאַציע פונ זייער מעלוכע. אַ באַזונדערס שטאַרקע ווירקונג האָט געהאַט דאָס דעראָבערנ כינע. טשינגיס-כאַנ האָט אויסגענוצט די הילפ פונ כינעזישע באַאַמטע, קעדיי ריכטיקער אייַנצואָרדענענ דעמ מעלוכע-אַפּאַראַט פונ זייַנ ריזיקער אימפּעריע.

§ 20. די דערֶאָבערונג פונ מיזרעכ־אײראָפּע.

די מאָנגאָלנ דעראָבערנ די רוסישע לענדער. טשינגיס=כאַנ איז געשטאָרבנ א טיפער זאָקנ (1227). צו דער צײַט פונ זײַנ טויט זײַנעג אינ באשטאנד פונ זײַנ מעלוכע ארײַנגעגאנגענ: די אײגנטלעכע מאָנגאָליע, צאָפנ=כינע, דאָרעמ=סיביר, מיטל=אזיע אונ טראנסקאווקאז.

נאָכ טשינגיס=כאנס טויט האָט זיכ זײַנ מעלוכע צעשפּאָלטנ אפ עטלעכע גרויסע מעמשאָלעס, אָדער אולוסנ, וואָס זײַנעג אײַנגעטײלט געוואָרנ צווישנ זײַנע זינ אונ אײניקלעכ. פאר טשינגיס=כאנס יורעש, ס׳הײסט פארנ „גרויסנ כאנ“, איז אָנערקענט געוואָרנ זײַנ דריטער זונ אוגעדײ. ער האָט באקומענ צום רעגירנ מאָנגאָליע אונ צאָפנ=כינע. די איבעריקע מיטגלידער פונ טשינגיס=כאנס פאמיליע זײַנעג געווענ אונטערגעוואָרפנ אוגעדײענ. טשינגיס=כאנס צווײטער זונ טשאגאטײַ האָט באקומענ מיטל=אזיע צו דאָרעמ=צו פונ כאָרעזמ: דעמ איצטיקנ אוזבעקיסטאנ, טאדזשיקיסטאנ אונ א טײל קאזאכסטאנ. זײַנע באזיצנ האָט מענ אָנגעהויבנ רופנ טשאגאטײַער אולוס. נאָכ אײנע א גרויסע מאָנגאָלישע מעלוכע אפ דער טעריטאָריע פונעמ איצטיקנ פּססר איז געווענ די גאָלדענע האָרדע, וועלכע עס האָט געגרינדעט טשינגיס=כאנס אײניקל באטי. באטיענ איז אָנגעקומענ די גאנצע טעריטאָריע צו מײַרעוו=צו פונ אירטיש, „וווהינ נאָר עס האָבנ דערלאנגט די טלאָענ פונ די מאָנגאָלישע פערד“. באטי האָט זיכ געלאָזט אינ א מארש צו באצווינגענ די מײַרעוו=לענדער. אינ 1236 י. איז זײַנ האָרדע אריבער דעמ טײַכ אוראל (יאיק), האָט זיכ ארײַנגעריסנ אינעמ לאנד פונ די וואָלגער באָלגארנ אונ האָט דאָס לאנד מוירעדיק רויִנירט.

אינ 1237 י. זײַנענ די טאָטערנ ארופגעטראָטנ אפ דער טעריטאָריע פונעמ ריאזאנער פירשטנטום. צעברעקלט אפ א רײ באזונדערע פירשטנטומס, איז די צאָפנ=מיזרעכדיקע רוס געווענ אָנמעכטיק קעגנ די טאָטערישע האָרדעס. די פירשטנ האָבנ ניט פארשטאנענ צו פאראײניקנ זיכ צום קאמפ קעגנ דעמ געמײנזאמענ סוינע. דער וולאדימירער גרויספירשט יורי וסעוואָלאָדאָוויטש (א זונ פונ וסעוואָלאָד די גרויסע נעסט) האָט זיכ אָפּגעזאָגט צו העלפנ די ריאזאנער פירשטנ. די טאָטערנ האָבנ אײַנגענומענ ריאזאנ אונ פארברענט זי. נאָכדעמ האָבנ זײ כאָרעוו געמאכט וולאדימיר אונ האָבנ זיכ צעשפּרײט איבער די שכײנישע פירשטנטומס, „שנײַדנדיק מענטשנ, אזוי ווי גראָז“. פאר אײנ כוידעש צײַט האָבנ זײ אײַנגענומענ אונ פארברענט 14 שטעט, דערונטער אויכ מאָסקווע.

דער גרויספירשט יורי וסעוואָלאָדאָוויטש איז געשטאנענ מיט זײַנ כאַיל צאָפנ=צו פונ דער וואָלגע, אפ א ברײטנ פעלד באמ טײַכ סיט, א בײַטײַכ פונ מאָלאָגא. די טאָטערנ האָבנ ארומגערינגלט אונ צעקלאפּט דאָס רוסישע כאַיל (1238). דער גרויספירשט איז געפאלנ אינ שלאכט. באטי האָט געוואָלט גײנ ווײַטער אפ צאָפנ, אינ נאָווגאָראָדער לאנד. נאָווגאָראָד איז אָבער געווענ גוט באשיצט דורכ געדיכטע וועלדער אונ בלאָטעס, וועלכע עס איז אומעגלעכ געווענ דורכצוגײנ; האָט באטי אויסגעקערעוועט צוריק צו די וואָלגער סטעפּעס. אפ צוריקוועגס צו דאָרעמ האָט אימ א שטארקנ ווידערשטאנד געגעבנ די שטאָט קאָזעלסק (אפנ טײַכ זשיזדרא), וואָס האָט זיכ מוטיק פארטײדיקט זיבנ וואָכנ נאָכאנאנד; די טאָטערנ האָבנ זי דערפאר אָנגערופנ „די בײזע שטאָט“. נאָכ דעמ, ווי ער האָט אונטערטעניקט די פּאָ=

לאָווצעס און דעראָבערט קרימ, האָט זיכ באטי אינ 1240 י. א לאָז געטאָנ אפ קיִעוו. די פירשטנ האָבנ געלאָזט קיִעוו אפ העפקער, די אײַנוווינער האָבנ זיכ אָבער מוטיק פארטיידיקט. די טאָטערנ האָבנ באלאגערט די שטאָט. דאָס סקריפענ פונ די וועגענער, דאָס רעווענ פונ די קעמלענ און דאָס הירזשענ פונ די פערד האָט אזוי פארטויבט, אז מע האָט ניט געהערט, וואָס מע רעדט. די טאָטערנ האָבנ טאָג און נאכט געהאקט אינ די ווענט מיט טאראנעס און האָבנ זיי סאָפקאָלסאָפ דורכגעבראָכנ. די קיִעווער האָבנ זיכ אָבער ניט אופגעהערט צו שלאָגנ אפילע אינעמ דורכבראָכ פונ דער וואנט; ווענ זיי זײַנענ געווענ געצוווּנגענ אָפצוטרעטנ, האָבנ זיי פאר איינ נאכט אויסגעבויט א פארצאמונג אינ צענטער שטאָט, און די טאָטערנ איז אפ מאָרגנ אינדערפרי אויסגעקומענ צו שטורעמענ אויכ די דאָזיקע פארפעסטיקונג.

באוואָפענונג פונ רוסישע קריגער אינ XIII יה.
היסטאָרישער מוזיי.

נאָכנ אײַנעמענ קיִעוו האָבנ זיכ די טאָטערנ ארײַנגעריסנ אינעמ גאליטש-וואָלינער פירשטנטומ. דאניִיל ראָמאנאָוויטש און די אנדערע פירשטנ זײַנענ אנטלאָפנ קיינ אויסלאנד. וולאדימיר, גאליטש און די איבעריקע שטעט זײַנענ אײַנגענומענ געוואָרנ. נאָכדעמ האָבנ די טאָטערשע האָרדעס וויסט געמאכט פוילנ. באטי אליינ האָט זיכ געלאָזט אפ אונגארנ, האָט צעקלאפט דאָס כאיל פונעמ אונגארישנ קיניג און האָט זיכ געלאָזט ווײַטער קיינ טשעכיע. דאָ האָט ער געקראָגנ א שטארקנ ווידערשטאנד מיצאד די טשעכישע פעאָדאלנ. דעמ טאָטערשנ רײַטער-כאיל איז דאָ שווער געווענ צו אָפערירנ, מאכמעס דאָס אָרט איז א בארגיקס. דעמ טשעכישנ קיניג האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו צעקלאפנ דאָס טאָטערשע כאיל. דאנ האָט באטי אויסגעקערעוועט צוריק צו די וואָלגער סטעפעס. דאָ, לעבנ דער לעפצונג פונ דער וואָלגע, איז געוואָרנ זײַנ הויפט-קווארטיר.

דאָס רוסישע פאָלק האָט אינ זײַנע בילינעס פארהיט דעמ אָנדענק וועגנ דעמ העלדישנ קאמפ קעגנ די טאָטערנ. דער העלד פונעמ בילינעס-עפאָס איליא מוראָמעצ באפרײַט די שטאָט קיִעוו פונ די טאָטערנ, וואָס האָבנ זי באלאגערט.

ער שלאָגט און מויכעסט און פארניכטעט זיי,
און די רעשט טאָטערנ אינ געלאָפ אוועק,
אינ זומפנ, אינ טײַכנ דערטרונקענ זיכ,
איבערלאָזנדיק פורנ און לאגערנ.

דער טאָטערישער יאָך. באַטים מעלוכע האָט באַקומען דעם נאָמען „גאָלדענע האָרדע“, דאָס הייסט, גאָלדענער שיוועט. ביסלעכווײַז האָבנ זיך די טאָטערנ (די מאָנגאָלנ) אויסגעמישט מיט די פּאָלאָווצעס, האָבנ איבערגענומענ בא זיי די טיורקישע שפּראַך אונ געבילדעט איינ אַלגעמיינע האָרדע, וואָס האָט גערעדט אָפ דער טיורקישער שפּראַך. די רוסישע פירשטנ האָבנ זיך פאַרפליכטעט צו צאָלנ ציִנז די טאָטערנ אונ העלפנ זיי מיט זייער כאַיִל. באַטי פלעגט אַרויסגעבנ דעם פירשט אַ „יאַרליק“, דה. אַ שײַנ אָפ צו הערשנ איבערנ פירשטנטום. די פירשטנ האָבנ זיך אַ לאָז געטאָנ אינ דער האָרדע נאָך „יאַרליקנ“ אָפ זייערע פירשטנטומס. איינער פונ די ערשטע איז אַהינ געפאָרנ יאַראָסלאַוו וסעוואָלאָדאָוויטש, אַ ברודער פונעם גרויספירשט יורי, וואָס איז דערהאַרגעט געוואָרנ אָפנ טײַך סיט. לויט דער בכוירעשאַפט האָט ער געהאַט דאָס רעכט אָפנ טיטל גרויספירשט, אונ באַטי האָט אים אָנערקענט פאַרנ וולאַדימירער גרויספירשט. אויך די איבעריקע פירשטנ, וואָס האָבנ זיך אונטערגעוואָרפנ די טאָטערנ, זײַנענ געבליבנ בא זייערע פירשטנטומס. דאָס קומענ צו באַטינ אינ דער האָרדע פלעגט באַגלייט ווערנ מיט אַ רײַ דערנידערנדיקע צערעמאָניעס. איידער די פירשטנ פלעגנ אַרײַנגיינ אינעם כאַנס געצעלט האָבנ זיי געמוזט דורכגיינ צווישנ צוויי שײַטערהויפנס. די טאָטערנ האָבנ געהאַלטנ, אַז פײַער רייניקט אָפ די מענטשנ, וואָס גייענ צום כאַנ, פונ אַלערליי בייזע געדאַנקענ קעגנ אים. אויב עמעצער פונ די פירשטנ פלעגט זיך אָפּזאָגנ אויסצופילנ די דאָזיקע צערעמאָניע, פלעגט מענ אים דערהאַרגענענ ווי אַ פאַרברעכער (אַזוי איז דערהאַרגעט געוואָרנ דער פירשט מיכאַיִל דער טשערניגאָווער). אַרײַנקומענדיק אינ געצעלט, האָט זיך דער פירשט געמוזט בוקנ צום כאַנ ביז דער ערד אונ שטיינ אָפ די קני די גאַנצע צײַט, וואָס דער אופנעם האָט געדויערט.

אינ די וויכטיקסטע רוסישע שטעט האָט באַטי באַשטימט באַסקאַקנ (רעגירער), וואָס האָבנ אונטערדריקט די באַפעלקערונג מיט פאַרשיידענע שווערע אָפּצאָלנ אונ גזיילעס.

קעדיי צו פאַרגרעסערנ דעם ציִנז פונ די אונטערטעניקטע לענדער האָט דער גרויסער כאַנ אונגעדיי דורכגעפירט אַ ציילונג פונ דער באַפעלקערונג פונ אַלע לענדער, וואָס האָבנ זיך געפונענ אונטער דער מאַכט פונ די מאָנגאָלנ. אָפנ יעסאָד פונ דער דאָזיקער ציילונג איז אויך אָפ די רוסישע לענדער אַרופגעלייגט געוואָרנ נאָך אַ שווערערער ציִנז. „ווער עס באַצאָלט ניט, — דערציילט אַ מענטש פונ יענער צײַט, — פירט מענ אים אַוועק צו די טאָטערנ, אונ ער פאַרבלײַבט דאָרט אַ שקלאַפ“. די ציִנז־אופמאָנער אונ זייערע דינער פלעגנ פאָדערנ מאַטאָנעס. אויך אויסהאַלטנ זיי האָט געמוזט די באַפעלקערונג.

ווי עס דערציילט אַ פאָלקס־ליד, האָט מענ אַפילע דעם גרעסטנ אָרעמאַנ ניט געשאַנעוועט. דער ציִנז־אופמאָנער האָט געריסנ פונ טויט אונ פונ לעבעדיק:

בא וועמענ ס׳איז קיינ געלט ניטאָ,
נעמט ער דאָס קינד צו;
בא וועמענ ס׳איז קיינ קינד ניטאָ,
נעמט ער דאָס ווײַב צו;
בא וועמענ ס׳איז קיינ ווײַב ניטאָ,
נעמט ער דעמ נעפעש צו.

באַפרײַט פונ אַלערליי אָפּצאָלנ זײַנענ געוועזנ נאָר די פירשטנ אונ די גאַלאָכים.

די לאַסט פונ די טאָטערשע ציִנזנ פלעגט אַרויסרופנ אופשטאַנדנ אינ די רוסי־

שע שטעט; די פירשטנ האָבנ אָבער געציטערט, אז זיי וועלנ אָנווערנ זייערע פירשטנטומס, פלעגנ זיי העלפנ די טאָטערנ דערשטיקנ די דאָזיקע אופשטאנדנ.

נאָווגאָראָד האָט באטי ניט געהאט איינגענומענ; אונ דערפאר, אז קיינ נאָווגאָראָד זיינענ געקומענ די טאָטערישע שליכים מאָנענ צינז, האָבנ זיך די נאָווגאָראָדער אָפּגעזאָגט צו צאָלנ זיי. וולאדימירער גרויספירשט איז דעמלט געווענ אלעקסאנדר יאראָסלאוויטש, אנ אייניקל פונ וסעוואָלאָד די גרויסע נעסט. ער איז געווענ א דרייסטער אונ א קריגסמוטיקער פירשט. אָבער ארויסטרעטנ קעגנ די טאָטערנ האָט ער זיך ניט אנטשלאָסנ. איז ער צוזאמענ מיט די טאָטערישע שליכים געקומענ קיינ נאָווגאָראָד אונ האָט מיט געוואלט גענויט די נאָווגאָראָדער, זיי זאָלנ צאָלנ דעם כאנ צינז. די נאָווגאָראָדער באָיארנ האָבנ זיך צונויפגערעדט מיטנ פירשט אונ מיט די טאָטערנ אונ האָבנ געצוווּנגענ די אָרעמשאפט נאָכגעבנ. די טאָטערנ האָבנ איבערגעשריבנ אלע איינוווינער פונ שטאָט אונ האָבנ אפ זיי ארופגעלייגט א צינז. די גאנצע לאסט פונעם צינז האָבנ די באָיארנ ארופגעווארפנ אפ די אָרעמעלייט, „זיך האָבנ זיי געמאכט גרינג, אונ דעם פראָסטנ אוילעם — שווער“.

באטי.
צייכענונג אפ א כינעזישער וואזע. היסטאָרישער מוזיי.

די פראוואָסלאווּנע גייסטלעכע האָבנ זיך אויך געשטעלט צו דינסט די טאָטערישע כאנענ. די כאנענ האָבנ באפרייט די גייסטלעכע פונ צינז אונ פלעגנ ארויסגעבנ די מיטראָפּאָליטנ שוץ-יארליקנ אפ זייערע ערד-באזיצנ. דער קלער האָט געשטיצט די טאָטערישע מאכט אונ פלעגט פריידיקנ דער באפעלקערונג, אז מע מוז זיך אונטערווארפנ די טאָטערישע פעאָדאלנ. די האָרעפּאשנע באפעלקערונג פונ רוס האָט אזויארום געליטנ פונ א צווייענדיקנ דרוק: אי פונ די טאָטערישע, אי פונ די רוסישע פעאָדאלנ.

פונ אלע רוסישע פירשטנ איז נאָר איינער — דאניִיל ראָמאנאָוויטש דער גאליטשער צוערשט ניט געפאָרנ אינ דער האָרדע בוקנ זיך צום כאנ. ווענ ס'איז אָבער געקומענ א שטרענגער באפעל פונעם כאנ, האָט דאניִיל, פילנדיק זיינ אָנמעכטיקייט, געמוזט זיך אונטערגעבנ אונ פאָרנ. באטי האָט אים אופגענומענ גנעדיק. „אָ, טאָטערישער קאָוועד איז נאָך ערגער, ווי שלעכט“, — שרייבט אויס מיקויעכ דעמ דער כראָניק-שרייבער. דאניִיל איז איינגעגאנגענ אפ דער דערנידעריקונג, קעדיי צו פארהיטנ זיינ פירשטנטום, ער האָט אָבער ניט געקאָנט איינגיינ אפ דער אָפּהענגיקער לאגע, אינ וועלכער ער האָט זיך געפונענ. ווענ ער האָט זיך אומגעקערט פונ דער האָרדע, האָט ער זיך גענומענ גרייטנ צום קאמפ, בויענ נייע שטעט אונ פארפעסטיקנ די אלטע. ער האָט געשלאָסנ א בונד מיט אונגארנ אונ האָט זיך געווענדט צום רוימישנ פויפסט נאָכ הילפ קעגנ דעם סוינע, וואָס האָט באדראָט גאנצ אייראָפּע. קעדיי צו דערשלאָגנ זיך הילפ באמ פויפסט, האָט דאניִיל אפילע מאסקימ געווענ צו אָנערקענענ אימ פארנ הויפּט פונ דער רוסישער קירכ. דער רוימישער

פויפסט, פונ זײַנ זײַט, האָט אָנערקענט דאַניִלנ פאר א קיניג. ווענ מע האָט זיכ אָבער אינ מײַרעוו=אייראָפּע איבערצײַגט, אז די טאָטערשע געפאר איז פארבײַ, האָט קיינער ניט געוואָלט צו הילפ קומענ די רוסנ. דאנ האָט אויכ דאַניִל איבערגע=ריסנ זײַנע פארבינדונגענ מיטנ פויפסט. אז די טאָטערנ האָבנ זיכ דערוווּסט וועגנ דאַניִלס פלענער, האָבנ זיי געשטעלט א פאָדערונג, אז אלע פארפעסטיקונגענ אי=נעמ גאליטש=וואָלינער פירשטנטום זאָלנ צעשטערט ווערנ. די שטאָט כעלמ, וואָס איז געווענ שטארק באפעסטיקט, האָט זיכ אָפּגעזאָגט אויסצופילנ די פאָדערונג פונ די טאָטערנ; אלע איבעריקע פעסטונגענ זײַנענ אָפּגעווישט געוואָרנ.

די כורבונעס, וואָס די טאָטערנ האָבנ אָנגעמאכט, האָבנ אפ א לאנגער צײַט פארהאלטנ די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג פונ די רוסישע לענדער. „דאָס בלוט פונ אונדזערע טאטעס אונ ברידער האָט, ווי וואסער, אָנגעזעטיקט די ערד, — דער=ציילט א מענטש פונ יענער צײַט, — פיל פונ אונדזערע ברידער אונ קינדער זײַנענ צוגענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט; אונדזערע דערפער זײַנענ באוואקסנ גע=וואָרנ מיט יונגנ וואלד; אונדזער רומ איז געפאלנ; אונדזער שײַנדל איז אומגעקו=מענ; אונדזער רײַכטומ איז געוואָרנ דאָס אייגנס פונ פרעמדע; אונדזער מי האָבנ געיארשנט די געצנדינער: אונדזער ערד איז געוואָרנ אנ אייגנס פונ פרעמדע שוואָ=טימ". עס איז שטארק געפאלנ די בילדונג אונ די קולטור. אינ די סרייפעס פונ די רוסישע שטעט זײַנענ אומגעקומענ פיל קונסט=דענקמעלער אונ ווערק פונ דער אלטער רוסישער שריפט=קולטור.

די גאָלדענע האָרדע אינ דער צווייטער העלפט XIII אונ אינ XIV יאָרהונדערטער. אינ באשטאנד פונ דער גאָלדענער האָרדע זײַנענ ארײַנגעגאנגענ די געביטנ פונ די וואָלגער באָלגארנ, די פאָלאָווצער סטעפעס, צאָפנ=קאווקאז, כאָ=רעזמ אינ מיטל=אזיע אונ מײַרעוו=סיביר ביזנ אירטיש. אויכ די רוסישע פירשטנ=טומס זײַנענ געווענ אונטערטעניקט צו די כאנענ פונ דער גאָלדענער האָרדע. די הויפטשטאָט פונ דער גאָלדענער האָרדע איז געווענ די שטאָט סארײַ (דה. פאלאצ) בא דער נידער=וואָלגע. מײַסטערס — געפאנגענע האָבנ אויסגעבויט אינ סארײַ פאר די טאָטערשע כאנענ פרעכטיקע פאלאצנ מיט פראכטפולע קאָלירטע קאכל=ווענט. אינ שטאָט איז געווענ א גרויסער מארק: אהער פלעגנ זיכ צונויפאָרנ סאָכרימ פונ רוס, פונ פערסיע אונ אפילע פונ מײַרעוו=אייראָפּע. סארײַ איז געווענ א צײַטווײַליקע רעזידענצ פאר די טאָטערשע פעאָדאלנ. די איבעריקע טאָטערנ האָבנ, ווי פריִער, געפירט א נאָמאדישנ ארט לעבנ, אריבערטרײַבנדיק זייערע טשערעדעס פונ איינ אָרט אפנ אנדערנ איבער די ראכוועסדיקע סטעפעס — פונ דער נידערשטרעמונג פונ דונײַ ביז קאזאכסטאנ. די כאנענ אליינ האָבנ ניט געלעבט קעסיידער אינ זייער הויפטשטאָט, דעמ גרעסטנ טייל יאָר פלעגנ זיי פארברענגענ אינ אומוואנדערנ.

די גאָלדענע האָרדע האָט זיכ געטיילט אפ עטלעכע האָרדעס, אָדער שוואָטימ. אינ דער שפיצ פונ יעדער האָרדע זײַנענ געשטאנענ פירשטנ — דעמ כאנס וואַ=סאלנ. אָנ זייער אייצע אונ האסקאָמע פלעגנ די כאנענ גאָרניש ניט פאָרנעמענ. די פירשטנ אונ די אנדערע פעאָדאלנ האָבנ עקספלואטירט זייערע אייגענע שטאמ=לײַט, פלעגנ בא זיי צונעמענ דאָס פי אונ די פראָדוקטנ פונ דער פיצוכט. כוצ דעמ האָבנ די פירשטנ זיכ גענומענ אײַנצומאָנענ דאָס רעכט אינ די שטײַערנ פונ איי=ניקע דעראָבערטע געביטנ אונ פלעגנ עס צונעמענ פאר זיכ. כוצ דעמ אלעמ, פלעגנ

פיל פעאָדאלנ פארכאפנ אונ צונעמענ אינגאנצנ פאר זיכ, אלס אייגנטומ, שטיקער ערד צוזאמענ מיט דער באצווונגענער ערדארבעטערישער באפעלקערונג; די דאָזיקע באפעלקערונג איז מעכוייעוו געווענ צו צאָלנ די פעאָדאלנ טשינש אונ ארבעטנ אפ זיי, אקערנ זייער ערד.

סאָפ XIII יה. איז געוואָרנ זייער מעכטיק דער פירשט נאָגײַ, וועלכער האָט פארייניקט אונטער זײַנ מאכט א גרויסע צאָל נאָמאדנ. ער פלעגט ארופזעצנ אונ אראָפזעצנ פונ טראָנ כאנעג. נאָכ נאָגײַס אומקומ איז די האָרדע זײַנע צעפאלנ געוואָרנ.

דער אויבערשיכט פונ די טאָטערנ האָט א סאכ איבערגענומענ בא די פערסנ, בא די כינעזער אונ בא אלע קולטורעלע פעלקער פונ אזיע. אינ XIV יה. האָבנ די טאָטערשע פעאָדאלנ אָנגענומענ דעמ מוסולמענישנ גלויבנ אונ פארשפרייט די דאָזיקע רעליגיע צווישנ די ברייטע מאסנ פונ דער טאָטערשער באפעלקערונג. די מוסולמענישע רעליגיע איז פאר די טאָטערשע פעאָדאלנ געווענ א מיטל צו האלטנ געהאָרכזאמ די באפעלקערונג, וואָס איז געווענ אונטער זייער מאכט. צוזאמענ דערמיט האָבנ, אדאנק דער מוסולמענישער רעליגיע, זיכ פארשטארקט די פארבינדונגענ פונ דער גאָלדענער האָרדע מיט די קולטורעלע לענדער פונ מיזרעכ.

די טאָטערשע הערשאפט האָט געהאט א געוויסנ אײַנפלוס אפנ אויסערלעכנ שטייגער אויכ פונ די רוסישע פעאָדאלנ. זיי האָבנ איבערגענומענ בא די טאָטערנ די מיזרעכדיקע האלבאָשע (די ווערטער: באשמאק—א שוכ, קאפטאנ — א קאפטנ, קושאק — א גארטל, קאָלפאק — א מיצ, — זײַנענ גענומענ פונ די מיזרעכשפראכנ), געווער, געשיר. אייניקע טאָטערשע אינסטיטוציעס האָבנ זיכ א לאנגע צײַט געהאלטנ אינ דער רוסישער מעלוכע. צומ בײַשפיל, די טאָטערנ האָבנ אײַנגעפירט אינ רוס די אזויגערופענע „יאמעס", דה. סטאנציעס, וווּ מע פלעגט האלטנ פערד אפ איבערצופירנ דעמ כאנס באאמטע. די „יאמסקאיא גאָנבא" (פאָטשטאָווע פערד=דינסט) האָט זיכ געהאלטנ אינ רוסלאנד עטלעכע הונדערט יאָר. אָבער קיינ גרויסנ קולטור=אײַנפלוס אפ די רוסנ האָבנ די טאָטערשע דעראָבערער ניט געקאָנט האָבנ, מאכמעס אליינ זײַנענ זיי געשטאנענ אפ א סאכ א נידעריקערער שטופע פונ געזעלשאפטלעכ=עקאָנאָמישער אונ קולטורעלער אנטוויקלונג, איידער די רוסנ. בא די רוסנ, לעמאָשל, איז שוינ פונ פארצײַטנס אָנ געווענ א לאנדווירטשאפטלעכע קולטור, בייס בא די טאָטערנ האָט נאָכ געהערשט די פרימיטיווע נאָמאדישע פיצוכט. די טאָטערשע אָנפאלנ האָבנ רויִנירט די לאנדווירטשאפטלעכע ראיאָנענ אונ געבראכט צו אנ אלגעמיינער ווירטשאפטלעכער יערידע פונעמ לאנד. דער טאָטערשער יאָכ האָט זיכ שווער אָפגערופנ אפ אלע געביטנ פונעמ רוסישנ לעבנ. די פארשיידענערליי אָפצאָלנ לעטוויוועס די כאנעג, די גזיילעס פונ די באסקאקנ אונ אנדערע כאנישע באאמטע, די אָנפאלנ פונ די טאָטערשע אָטריאדנ, וואָס פלעגנ די ערשטע צײַט פאָרקומענ קימאט יעדעס יאָר, האָבנ רויִנירט דאָס רוסישע פאָלק אונ געשטערט דעמ גאנג פונ דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פונעמ לאנד. ווי מארקס זאָגט, האָט דער טאָטערשער יאָכ ניט נאָר געדריקט, נאָר אויכ באליידיקט אונ אויסגעטריקנט די עצעמ נעשאָמע פונעמ פאָלק, וואָס איז געוואָרנ זײַנ קאָרבנ. די אָרדנטלעכע היסטאָרישע אופגאבע פונעמ רוסישנ פאָלק איז דעריבער געוואָרנ — באפרײַענ זיכ פונ דער טאָטערשער הערשאפט.

§ 21. טראנסקאווקאז אונ מיטל־אזיע אונטער דער מאכט פונ די מאָנגאָלנ.

די טאָטערנ דעראָבערנ טראנסקאווקאז. גלײכצײטיק מיט די רוסישע פירשטנטומס האָבנ די טאָטערנ דעראָבערט אויכ ארמעניע, גרוזיע אונ אזערבײדזשאנ. „ווי די הײשעריקנ", האָבנ זיכ די טאָטערנ צעשפּרײט איבער די בערג אונ טאָלנ פונ טראנסקאווקאז אונ קאווקאז. ווענ זײ פלעגנ אײנעמענ א שטאָט, פלעגנ זײ אויסקוילענ אלע דערוואקסענע מאנצבלענ, כוץ די האנטווערקער, — זײ פלעגט מענ מאכנ פאר שקלאפנ. די פרויענ אונ קינדער פלעגנ צעטײלט ווערנ צווישנ די טאָטערשע קריגער. דאָס גאנצע לאנד איז צעטײלט געוואָרנ צווישנ די טאָטערשע פירשטנ. די אומצוטריטלעכע בארג־פעסטונגענ זײנענ פארנומענ געוואָרנ פונ די טאָטערנ. דעמ גרעסטנ ווידערשטאנד די באצווינגער האָבנ אינ טראנסקאווקאז ארויסגעוויזנ די ארבעטנדיקע. די ארמענישע אונ גרוזינישע פירשטנ האָבנ, פונקט ווי די רוסישע פירשטנ, זיכ געכאפּט גלײכ פאָרנ צו באטױענ אויסדריקנ זײער דינסטפארטיקײט; אויכ זײ האָט באטי ארויסגעגעבנ יארליקנ אפ די פירשטנטומס, פאָדערנדיק צינז אונ קריגס־שטײער. פונקט ווי אינ רוס, איז אויכ אינ ארמעניע, אזערבײדזשאנ אונ גרוזיע דורכגעפירט געוואָרנ א צײלונג פונ דער באפעלקערונג. ווי עס דערצײלנ מענטשנ פונ יענער צײט, פלעגנ די טאָטערשע צינז־אופמאָנער „פאָדערנ אזוינע שטײערנ, וואָס זײנענ געווענ איבער די קויכעס, אונ דערמיט פלעגנ זײ דערפירנ די מענטשנ ביז דאלעס; דערבײ פלעגנ זײ מאטערנ אונ פּײניקנ די מענטשנ אינ קלעמענ; די, וואָס פלעגנ זיכ אויסבאהאלטנ, פלעגט מענ פאקנ אונ טויטנ". בא די, וואָס האָבנ גאָרניט געהאט, פלעגט מענ צונעמענ די קינדער אונ פארקויפנ זײ צו אויסלענדישע סאָכרימ. די פירשטנ פלעגנ העלפנ די טאָטערנ אונ פלעגנ אלײנ, ווי עס דערצײלט דער כראָניקער, „באראבעווענ אונ באנעמענ די אָרעמעלײט אונ פאר די דאָזיקע געלטער פלעגנ זײ זיכ קויפנ טײערע מאלבושימ, קלײדנ זיכ דערינ, עסנ, טרינקענ אונ זיכ אופירנ גאדלעסדיק". דעמ ארמענישנ אונ גרוזינישנ קלער האָט באטי אויכ באפרײט פונ שטײערנ, אונ דער קלער האָט געשטיצט זײנ מאכט.

די גרוזינישע קײסעריניע רוסודאנ, דער קײסעריניע טאמארעס א טאָכטער, איז געווענ געצוווּנגענ אויסבאהאלטנ זיכ מיט איר מינדעריעריקנ זונ אינ די בערג. אָנשטאָט איר האָבנ די גרוזינישע פעאָדאלנ ארופגעזעצט אפנ טראָנ איר פלימעניק דאוויד. אויס מוירע ארײנצופאלנ אינ די הענט פונ די טאָטערנ, האָט זיכ רוסודאנ פארסאמט. איר זונ ווידער איז אוועקגעפאָרנ צו באטױענ בעטנ מעכילע. אהינ האָט זיכ אויכ אפגיכ אוועקגעלאָזט זײנ קאָנקורענט, דער נײער גרוזינישער קײסער דאוויד. באטי האָט זײ באפוילנ צו רעגירנ איבער גרוזיע צוזאמענ.

אזוי ארומ האָט זיכ גאנצ טראנסקאווקאז געפונענ אונטער דער מאכט פונ די טאָטערנ. פונקט ווי אינ רוס, האָט אויכ דאָ די באפעלקערונג געליטנ פונ א צווײענדיקנ יאָכ — אי פונ די טאָטערשע אי פונ די אײגענע פעאָדאלנ.

מיטל־אזיע אונטער דער מאכט פונ די מאָנגאָלנ. דער גרעסטער טײל פונ מיטל־אזיע איז נאָכ טשינגיס־כאנס טויט ארײנ אינ באשטאנד פונעמ טשאגאטײער אולוס. ביסלעכווײז האָט זי אָנגעהויבנ קומענ צו זיכ פונ דער שרעקלעכער פארוויסטונג, צו וועלכער עס האָט זי געבראכט די מאָנגאָלישע אינוואזיע. אינ סאמארקאנד אונ אינ בוכארא האָט ווידער אופגעלעבט דער האנדל. אָבער אויכ דאָ האָט זיכ גע-

לאָזט פילן די שווערע לאַסט פון די פאַרשיידענע שטײַערן לעטוויוועס די מאָנגאָלי־שע רעגירער. פון אָט די שטײַערן זײַנען געווען באַפרײַט בלויז די אָרטיקע פעאָ־דאַלן די ערדבאַזיצער: די מאָנגאָלישע כאַנען און זייערע זין פלעגן זיי ארויסגעבן ספּעציעלע געשאַנק־גראַמאָטעס — „יאַרליקן" — און פלעגן פאַרווערן צו אונטער־דריקן זיי. די גאַנצע לאַסט פון די שטײַערן און פון דער פּאַנשטשינע איז געפאַלן אַפ דער אָרעמשאַפט — אַפ די פּויערים און האַנטווערקער. אַפ זיי איז געלעגן די פליכט אויסצוהאַלטן די טאַטערשע באַאַמטע. די האַנטווערקער פלעגן מוזן צו־שטעלן אומזיסט אין קאַזנאַ זייערע אַרבעט־פּראָדוקטן: געווער, געוועבן א. אַנד. די לאַסט פון די שטײַערן און פליכטן האָט אַרויסגערופן א גרויסן אויפשטאַנד אין בו־כאַרא. אין דער שפּיץ פונעם אויפשטאַנד איז געשטאַנען דער זיפּנמאַכער מאַכ־מוד, וואָס האָט געלעבט אינעם ישעוו טאַראַב לעבן בוכאַרא (דערפון שטאַמט זײַן צונאָמען טאַראַבי). דער אויפשטאַנד האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָטישע האַנטווערקער און די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. ער איז געווען געווענדט ניט נאָר קעגן די באַסקאַקן, דה. קעגן די טאַטערשע רעגירער, נאָר אויך קעגן די אָרטיקע פעאָ־דאַלן. די באַסקאַקן זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון בוכאַרא. מאַכמוד האָט פאַרנו־מען די שטאָט און האָט פאַרטריבן פון בוכאַרא אַלע פעאָדאַלן און גווירים. קעגן די אויפשטענדלער האָבן זיך פאַראייניקט די טאַטערשע און בוכאַרער פעאָדאַלן. צו־ערשט האָבן זיי געליטן א שווערע מאַפּלע. באַוואָפנט מיט העק, האָבן די פּויע־רים פאַרפאָלגט און געשלאָגן די אַנטלויפנדיקע סאָנים. מאַכמוד אַלײן איז אָבער געפאַלן אין שלאַכט. ניט געקוקט אַפ די איינצלנע דערפאָלגן, איז דער אויפשטאַנד דערשטיקט געוואָרן.

קאַפּיטל VII.

דער קאַמף מיט די דײַטשישע און שוועדישע פעאָדאַלן.

§ 22. די פאַרכאַפּונגען פון די דײַטשישע פעאָדאַלן אין די באַלטישע געביטן.

דער אָנגריף פון די דײַטשישע ריטער אַפ מיזרעכ. אין דער זעלביקער צײַט, ווען פון מיזרעכ־זײַט האָבן אַפ אונדזער לאַנד אָנגעגריפן די מאָנגאָלישע כאַ־יאַלעס, איז עם פון מײַרעוו־זײַט געשטאַנען אין א גרויסער סאַקאָנע מיצאַד די דײַ־טשישע און שוועדישע קרייצריטערס.

זוכנדיק נײַע טעריטאָריעס און לײַבייגענע, האָט דאָס דײַטשישע ריטערטום אין XII יה. גענומען פירן אַן אָנגריף אַפ מיזרעכ.

דאָס דאָרעמדיקע ברעגלאַנד פונעם באַלטישן יאַם — פון דער ווײַסל ביז דער לעפצונג פון דער עלבע — איז אין יענער צײַט געווען באַוווינט פון די מײַרעוו־סלאַווען. די מײַרעוו־סלאַווען זײַנען געווען געצנדינער. דעריבער האָבן די דײַטשישע ריטערס מאַסקירט זייערע דעראָבערונגס־פּלענער מיט דער שטרעבונג צו מאַכן די מײַ־רעוו־סלאַווען פאַר קריסטן.

די דײַטשן פלעגן באַפאַלן די סלאַווישע לענדער, אויסבויען דאָרט שלעסער, מיט פײַער און שווערד טויטן די סלאַווען און פאַרוואַנדלען זיי אין זייערע לײַבייגענע. ביסלעכווײַז האָבן די דײַטשן פאַרכאַפּט אַלע סלאַווישע לענדער צו מיזרעכ־צו פון

דער עלבע ביז פוילנ אונ ליטע. די סלאוונ זײַנענ טײלווײַז אויסגעראָטנ געוואָרנ, די איבעריקע זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ לײַבײגענע.

נאָכנ פארכאפנ די מײַרעוו-סלאווישע לענדער האָבנ זיכ די דײַטשישע ריטערס א נעמ געטאָנ צומ מיזרעכדיקנ אונ דאָרעמדיקנ ברעגלאנד פונעמ באלטישנ יאמ. דאָ האָבנ געלעבט די ליטווישע שוואָטימ, אונ בישכײנעס מיט זײ — די ליוונ (פונדאנענ נעמט זיכ ליפלאנד, אָדער ליוואָניע) אונ צו צאָפנ-צו — די עסטנ (עסטלאנד, אָדער עסטאָניע). דאָס לאנד אינגאנצנ, וווּ עס האָבנ געוווינט די דאָזיקע שוואָטימ, האָט מענ געווײנלעכ גערופנ ליוואָניע, לויטנ נאָמענ פונ די ליוונ.

דער געביט בא דער מײַרעוו-דווינע איז געווענ אָפהענגיק פונ די פאָלאָצקער (רוסישע) פירשטנ, וועמענ די אײַנוווינער האָבנ געצאָלט צינז. די שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט צו צאָפנ-צו, זײַנענ געווענ אָפהענגיק פונ נאָווגאָראָד.

דער שווערדריטערס-אָרדענ. אינמיטנ XII יה. זײַנענ אינ די באלטישע געביטנ ארײַנגעדרונגענ דײַטשישע סאָכרימ, וואָס זײַנענ געקומענ אהער אופקויפנ רויכווארג אונ האָבנ געשאפנ א האנדלס-קאָלאָניע לעבנ דער לעפצונג פונ דער מײַרעוו-דווינע. קעדײ אײַנצופונדעווענ זיכ וואָס פעסטער אפ דער פרעמדער טעריטאָריע, האָבנ די דײַטשנ אויסגענוצט די קריסטלעכע רעליגיע. קײנ ליוואָניע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ מיסיאָנערנ צו פרײדיקנ קריסטנטומ. דאָס פרײדיקנ האָט אָבער ניט געהאט קײנ דערפאָלג. דאנ האָבנ די דײַטשנ, בא דער אונטערשטיצונג פונעמ פויפסט, דערקלערט א קרײץ-צוג קעגנ די ליוואָנער. דאָס סאָכרימ-טומ פונ די צאָפנדיקע דײַטשישע שטעט, וואָס איז געווענ פארינטערעסירט אינ דעראָבערנ ליוואָניע, האָט געגעבנ די קרײצריטערס שיפנ.

א שווערדריטער.
מאצײווע.

ווענ דער ערשטער בישאָפ איז מיט א מאכנע קרײצריטערס אָנגעקומענ קײנ ליוואָניע, האָבנ די ליוואָנער צו אימ אזוי געזאָגט: „דאָס כאָל לאָז אָפ אהײמ: איבערצײַג מיט ווערטער, ניט מיט קײנ שטעקנס“. אינ שלאכט האָבנ די דײַטשישע ריטערס צעקלאפט די ליוואָנער; נאָר דעמ בישאָפ האָט דאָס פערד זײַנס פארטראָגנ אינ די רײענ פונ קעגנער, אונ זײ האָבנ אימ דערהארגעט. די דײַטשנ האָבנ געמאכט א מוירעדיקנ כורבנ אינעמ לאנד אונ געצווונגענ די ליוואָנער צו טויפנ זיכ. דער נײַער בישאָפ, אלבערט, האָט דערזענ, אז צופעליקע אָנפאלנ פונ די קרײצריטערס קאָנענ ניט ברענגענ צומ פולשטענדיקנ אונטערטעניקנ דאָס לאנד. דעריבער האָט ער בא דער לעפצונג פונ דער מײַרעוו-דווינע אויסגעבויט די פארפעסטיקטע שטאָט ריגע (1201) אונ האָט זי באזעצט מיט קאָלאָניסטנ, וואָס זײַנענ ארויסגעפאָדערט געוואָרנ פונ דײַטשלאנד. אינ 1202 י. האָט דער פויפסט, לויט דער הישטאדלעס פונעמ בישאָפ אלבערט, דערלויבט צו גרינדנ א ספעציעלנ ריטע-

רישנ אָרדענ (געזעלשאַפט) — דעמ אָרדענ פונ די שווערדריטערס, וואָס די מיטגלידער זײַנע האָבנ באַדאַרפט ווײַנענ אינ ליוואָניע און מיט געווער פאַרשפּרייטנ דאָס קריסטלעכע גלויבנ. דעמ דאָזיקנ אָרדענ האָט מענ שפּעטער אָנגעהויבנ רופנ ליוואָנער אָרדענ. דער שעפ פונעמ אָרדענ האָט געהייסנ מאַגיסטער. אינעמ אָרדענ זײַנענ אַרײַנגעטראָטנ קליינע דײַטשישע גוטבאַזיצער — אַדל־לײַט, וואָס האָבנ געהאַט אָפּלעקנ אַ ביינדל אינעמ דעראָבערטנ לאַנד. די ריטער האָבנ גענומענ בויענ אינ ליוואָניע שלעסער, מיט געוואַלט טויפנ די באַפעלקערונג און פאַרוואַנדלענ זי אינ לײַבייגענע. אונטער דער שוץ פונ די ריטערס פלעגנ זיכ די דײַטשישע סאָכרימ באַזעצנ אינ ליוואָניע צו פירנ דאָ האַנדל און האָבנ דאָ געבויט שטעט.

די צעשפּליטערטע ליוואָנישע שוואָטימ זײַנענ ניט אימשטאַנד געווענ קעגנצושטעלנ זיכ דעמ גוט אָרגאַניזירטנ אָרדענ. אַרײַנגעפאַלנ אינ שווערער שקלאַפערײַ, האָבנ זיכ די ליוואָנער געווענדט נאָכ הילפ צו די פּלאָצקער פירשטנ. די פּלאָצקער פירשטנ פלעגנ זיכ באַנוגענענ דערמיט, וואָס זיי פלעגנ נעמענ בא די ליוואָנער אַ קליינעמ צינז, — דעריבער איז זייער הערשאַפט, אינ פאַרגלײַכ מיט דער דײַטשישער, געווענ אַ גרינגע. זיי האָבנ עטלעכע מאָל צוזאַמענ מיט די ליוואָנער געפרוווט פאַרטרײַבנ די באַצווינגער. די ריטערס זײַנענ אָבער געווענ באַוואָפנט בעסער פונ זיי; די ריטערס האָבנ פאַרמאָגט מאַשינעס צומ שלײַדערנ שטיינער, וואָס די רוסנ האָבנ פונ דעמ ניט געוווּסט. אַלע אַרויסטרעטונגענ פונ די פּלאָצקער פירשטנ זײַנענ דורכגעפאַלנ.

באַצווינגענ די ליוואָנער, האָבנ די ריטערס גענומענ פאַרשפּרייטנ זייער מאַכט אויכ אָפ די רוסישע לענדער. זייער אַ שטאַרקנ ווידערשטאַנד האָבנ די דײַטשישע ריטערס געקראָגנ פונ דער באַפעלקערונג פונעמ פּלאָצקער פירשטנטומ. איינ צײַט האָט דער ריגער בישאָפ געמוזט אַפילע צאָלנ צינז די פּלאָצקער פירשטנ. באַזונדערס איז באַרימט געוואָרנ מיט זײַנ פאַרביסענעמ קאַמפ פאַר אומאָפּהענגיקײַט איינער פונ די קליינע פּלאָצקער פירשטנ וויאַטשקאָ. נאָכ דעמ, ווי די דײַטשנ האָבנ אײַנגענומענ און פאַרברענט זײַנ אייגענע שטאָט, האָט ער פאָרגעזעצט דעמ העראָישנ קאַמפ. אינ 1224 י. זײַנענ די ריטערס באַפאַלנ די רוסישע שטאָט יוריעוו, ווו עס האָט זיכ באַפעסטיקט דער פירשט וויאַטשקאָ. די דײַטשנ האָבנ אַרומגערינגלט יוריעוו מיט באַלאַגערונגס־מאַשינעס, האָבנ צוגעקײַקלט צו דער שטאָט אַ הילצערנעמ באַלאַגערונגס־טורעמ און האָבנ אונטערגעגראָבנ די ווענט. ווענ אַ טייל וואַנט איז אומגעפאַלנ, האָט מענ צומ אײַנגעבראָכענעמ אָרט צוגערוקט דעמ טורעמ. די באַלאַגערטע האָבנ זיכ אָבער בעשומויפנ ניט געוואָלט אונטערגעבנ. ווענ די דײַטשנ האָבנ זיכ געלאָזט אינ אַ שטורעמ־אַטאַקע, האָבנ די באַלאַגערטע דורכ דער עפענונג, וואָס איז דורכגעבראָכנ געוואָרנ אינ וואַנט, אַרויסגעקײַקלט צעגליטע רעדער און אונטערגעצונדנ דעמ טורעמ. דורכ דער זעלבער עפענונג אָבער האָבנ זיכ די דײַטשנ אַרײַנגעריסנ אינ שטאָט. יוריעוו איז אײַנגענומענ געוואָרנ; עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ שכיטע. די דײַטשנ האָבנ אַרומגערינגלט די שטאָט און האָבנ קיינעמ ניט אַרויסגעלאָזט קיינ לעבעדיקנ. אומגעקומענ איז אויכ דער פירשט וויאַטשקאָ. די דײַטשנ האָבנ געענדערט דעמ נאָמענ פונ דער שטאָט יוריעוו אָפ דערפּט (איצט טאַרטו).

נאָכנ טויט פונעמ בישאָפ אַלבערט האָבנ די דײַטשנ געליטנ אַ ריי מאַפּאָלעס. אַ גרויסע מאַפּאָלע האָבנ די דײַטשנ געכאַפּט באַמ פּרווו אַרײַנצורײַסנ זיכ אָפ דער ליטווישער טעריטאָריע. דער שווערדריטערס־אָרדענ האָט גענומענ זוכנ פאַרבינדעטע.

דער טעווטאָנישער אָרדענ. אינ איינ צײַט מיטנ ליוואָנישנ אָרדענ האָט פונקציאָנירט א צווייטער דײַטשישער אָרדענ. צווישנ ניעמאַנ אונ דער ווײַסל איז געלעגנ דאָס לאַנד פונעמ ליטווישנ שייוועט פרײַסנ. די קריגערישע פרײַסנ פלעגנ מאַכנ פאַרוויסטנדיקע אָנפאַלנ אפ די שכיינישע געביטנ. די פּוילישע פעאָדאַלנ זײַנענ ניט אימשטאַנד געווענ צו ספּראַווענ זיכ מיט די פרײַסנ. האָבנ זיי זיכ געווענדט נאָכ מיטהילפ צומ דײַטשישנ טעווטאָנישנ אָרדענ. דער טעווטאָנישער אָרדענ איז געשאַפנ געוואָרנ סאָפ XII יה. צו קעמפנ מיט די מוסולמענער אינ פּאַלעסטינע. מיט דער דערלויבעניש פונעמ רוימישנ פויפּסט האָבנ די טעווטאָנישע ריטערס גערנ אײַנגעשטימט אריבערצוקלײַבנ זיכ אינ לאַנד פונ די פרײַסנ. די פרײַסנ האָבנ געלעבט אינ קליינע שוואָטימ, וואָס אינ דער שפּיצ פונ זיי זײַנענ געשטאַנענ באַזונדערע עלטסטע. זיי האָבנ ניט באַוויזנ צו פאַראייניקנ זיכ צומ קאַמפ קעגנ די ריטערס. די דײַטשנ, פאַרקערט, פלעגנ אַרויסטרעטנ אַלס פאַראייניקטע דיסציפּלינירטע קראַפט. די שטעטלעכ פונ די פרײַסנ זײַנענ גאָר גיכ דעראָבערט געוואָרנ. „צומ סאָפ XIII יה., — זאָגט מאַרקס, — איז א בליִענדיק לאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ א וויסטע; ווו עס זײַנענ פריִער געווענ דערפער אונ באַאַרבעטע פעלדער, האָבנ זיכ באַוויזנ וועלדער אונ זומפּנ; די אײַנוווינער זײַנענ א טייל אויסגעהאַרגעט געוואָרנ, א טייל אַוועקגעפירט געוואָרנ, א טייל געצוווּנגענ געוואָרנ אַרויסצוּוואַנדערנ אינ דער ליטע“[1].

אינעמ לאַנד פונ די פרײַסנ האָבנ די ריטערס אויסגעבויט שלעסער אונ שטעט אונ גענומענ אַהער צוציִענ פונ דײַטשלאַנד קאָלאָניסטנ. די דײַטשנ, וואָס פלעגנ קומענ צו הילפ דעמ טעווטאָנישנ אָרדענ אינ זײַנע מילכאָמעס מיט די פרײַסנ, פלעגנ באַקומענ ערד-כאַלאָקימ אונ אויסבויענ נײַע שלעסער. דעריבער פלעגנ אינעמ לאַנד פונ די פרײַסנ קומענ אַלצ נײַע שטראָמענ דײַטשישע קאָלאָניסטנ. די פּאָליטיקע אַרויסטרעטונגענ פונ די פרײַסנ זײַנענ דערשטיקט געוואָרנ מאַכמעס דעמ, וואָס זיי האָט געפעלט אייגנהײַט.

אינ 1237 י. האָבנ זיכ ביידע אָרדענס (דער שווערדריטערישער אונ דער טעווטאָנישער) פאַראייניקט, קעדיי אינייינעמ פאָרזעצנ זייערע פאַרכאַפּונגענ.

דאָס, וואָס די ביידע אָרדענס האָבנ זיכ פאַראייניקט, האָט פיל פאַרשטאַרקט די דײַטשישע ריטערס אונ האָט געשטעלט אינ גרויס געפאַר די רוסישע לענדער. אפנ ערשטנ פײַער זײַנענ געווענ נאָווגאָראָד אונ פּסקאָוו. די דאָזיקע שטעט האָבנ אינ איינ אונ דער זעלבער צײַט געהאַט אויסצושטיינ א שווערנ קאַמפ ניט נאָר מיט די דײַטשנ, נאָר אויכ מיט די שוועדנ. די נאָווגאָראָדער אונ די פּסקאָווער האָבנ אינ XIII יה. גראַטעוועט די רוסישע לענדער פונ דעראָבערט ווערנ דורכ די דײַטשישע אונ שוועדישע פעאָדאַלנ.

§ 23. דער קאַמפ פונ נאָווגאָראָד אונ פּסקאָוו קעגנ די שוועדישע אונ דײַטשישע פעאָדאַלנ.

דער זיג אפ דער ניעווא איבער די שוועדנ. די שוועדנ האָבנ שוינ לאַנג געשטרעבט צו פאַרכאַפּנ דעמ טײַכ-וועג, וואָס פירט פונעמ פינישנ אײַנגוס צומ נאָווגאָראָדער לאַנד. דאָס וואָלט זיי געגעבנ די מעגלעכקײַט אַרײַנצונעמענ צו זיכ אינ די הענט אַרײַנ דעמ גאַנצנ האַנדל מיט מיזרעכ-אייראָפּע.

[1] אַרכיוו פונ מאַרקס אונ ענגעלס, ב. V, 1938, ז. 344 (רוסיש).

אינ 1240 י. האָבנ די שוועדנ פאָרגענומענ א מאַרש אונטער דער קאָמאַנדע פונעמ גראַפ בירגער, וועלכער האָט דעמלט רעגירט איבערנ שוועדישנ קיניגרײַכ. אָבער ווי נאָר זיי האָבנ זיכ ארויסגעזעצט לעבנ דער לעפצונג פונ דער נעווא, איז אפ זיי אָנגעפאלנ דאָס נאָווגאָראָדער כאַיל. אינ דער שפּיצ פונעמ כאַיל איז געשטאַנענ דער נאָווגאָראָדער פירשט אלעקסאַנדר יאַראָסלאַוויטש. ער איז געווענ איינער פונ די אָנגעזעענסטע פירשטנ פונ זײַנ צײַט, האָט געפירט א פאָרזיכטיקע אונ קלוגע פּאָליטיק מיט די טאָטערשע כאַנענ אונ האָט באַוויזנ ארויסצורופנ צו זיכ אכטונג אינ דער גאָלדענער האָרדע. ער איז געווענ א דרייסטער אונ געניטער קריגס־פירער. „ער פלעגט זיגנ אונ אליינ איז ער געווענ אומבאַזיגבאַר“, — זאָגט וועגנ אימ א מענטש פונ זײַנ צײַט. אונטער זײַנ קאָמאַנדע איז פאָרגעקומענ א שלאַכט מיט די שוועדנ אפ דער נעווא. די נאָווגאָראָדער האָבנ זיכ געשלאָגנ מיט גרויס מוט. פאַרפאָלגנדיק דעמ סוינע, איז איינער א נאָווגאָראָדער — גאַווריליא אָלעקסיטש, רײַטנדיק אפנ פערד, ארופגעפאָרנ איבער אנ איבערגעוואָרפענער ברעט גלײַכ אפנ סוינס א שיפ; ווענ מע האָט אימ צוזאַמענ מיטנ פערד אראָפגעוואָרפנ אינ וואסער ארײַנ, איז ער צוגעשווומענ צומ ברעג אונ האָט זיכ איבעראַנײַט געוואָרפנ אינ שלאַכט. נאָכ איינער א נאָווגאָראָדער — מישא האָט צוזאַמענ מיט זײַנע כאַוויירימ דערטרונקענ דרײַ שוועדישע שיפנ. סאַווא האָט זיכ דורכגעשלאָגנ צו בירגערס געצעלט אונ האָט אונטערגעהאַקט דעמ סטויפ, אפ וועלכנ דאָס געצעלט האָט זיכ געהאלטנ; דאָס, וואָס דאָס געצעלט איז פּלוצעמ אומגעפאלנ בא די שלאַכט־אָנטיילנעמער פאַר די אויגנ, האָט צוגעגעבנ מוט דעמ רוסישנ כאַיל. בירגער האָט געליטנ א פּולשטענדיקע מאַפּאָלע. ער איז אליינ שיר ניט אומגעקומענ פונ אלעקסאַנדרס שפּיז אונ איז אנטלאָפנ צו די שיפנ. די נאָווגאָראָדער האָבנ פאַרפאָלגט די אָפּטרעטנדיקע סאָנימ. פאַר דעמ דאָזיקנ זיג אפ דער נעווא האָט מענ דעמ פירשט אלעקסאַנדר א נאָמענ געגעבנ נעוווסקי.

אלעקסאַנדר האָט שטאַרק אָפגעהיט זײַנ פירשטלעכע מאַכט. אינגיכנ נאָכנ זיג אפ דער נעווא האָט ער זיכ צעקריגט מיט די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ אונ איז אוועקגעפאָרנ פונ נאָווגאָראָד.

די דײַטשנ האָבנ אויסגענוצט אלעקסאַנדרס אָפוועזנהײַט, האָבנ פאַרכאַפּט איזבאָרסק (א שטאָט, וואָס האָט געהערט צו די פּסקאָווער באַזיצנ) אונ זײַנענ צוגעקומענ האַרט צו פּסקאָוו. אינ שטאָט האָבנ זיכ צווישנ די באָיאַרנ אויסגעפונענ פאַררעטער. פּסקאָוו איז פאַרנומענ געוואָרנ דורכ א גאַרניזאָנ פונ דײַטשישע ריטערס. נאָכדעמ האָבנ זיכ די דײַטשנ ארײַנגעריסנ אינ די גרענעצנ פונעמ נאָווגאָראָדער לאַנד אונ האָבנ דאָרט אויסגעבויט די פעסטונג קאָפּאָריע. זיי האָבנ באַלעבאַטעוועט 30 קילאָמעטער ווײַט פונ נאָווגאָראָד.

די שלאַכט אפנ אײַז. בא די דאָזיקע אומשטענדנ האָבנ די נאָווגאָראָדער געשיקט צוריק רופנ אלעקסאַנדערנ. ווי נאָר אלעקסאַנדר איז צוריקגעקומענ, איז ער גלײַכ ארויסגעטראָטנ אינ א מאַרש אונ האָט אײַנגענומענ די קאָפּאָריער פעסטונג. אינ 1242 י. איז ער צוגעקומענ צו פּסקאָוו, האָט אויסגעהארגעט דעמ דײַטשישנ גאַרניזאָנ אונ באַפרײַט די שטאָט. נאָכדעמ האָט ער זיכ ארײַנגעריסנ אינ די באַזיצנ פונעמ אָרדענ. אימ אנטקעגנ איז ארויסגעטראָטנ א שטאַרק דײַטשיש כאַיל. די ריטערס האָבנ זיכ באַרימט: „מיר וועלנ דעמ פירשט אלעקסאַנדר נעמענ מיט הוילע הענט“. דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישנ די אוואַנגאַרד־אָטריאַדנ איז גע=

די שלאַכט אפנ אײַז. לאַפּטעווער כראָניקער.

ווענ ניט צוגוסטנ די נאָווגאָראָדער. אלעקסאנדער האָט פארנומענ א באקוועמע פּאָזיציע אפ דער טשודישער אָזערע. דאָ, אפנ אײַז פונ דער אָזערע, איז דעמ 5 אפּרעל 1242 י. פאָרגעקומענ א שלאַכט, וואָס איז באוווסט אונטערנ נאָמענ „די שלאַכט אפנ אײַז“ («Ледовое побоище»). די דײַטשנ זײַנענ ארויסגעטראָטנ אינ זייער געווײנלעכער פראָנט-אָרדענונג — אינ א „כאזער“-פראָנט, דה. אויסגעשטעלט אינ דער פאָרמ פונ א קלינ. דעמ שפּיצ פונעמ קלינ האָט געבילדעט אנ אָטריאַד שווער באוואָפנטע ריטערס אפ פערד. ווײַטער זײַנענ געגאנגענ פוס-ריטערס, באוואָפנט מיט שפּיזנ אונ שווערדנ; דעמ אריערגארד אונ די פלאנגנ האָט באשיצט אנ אָטריאַד רײַטער. די שלאַכט איז געווענ א „בייזע“, ווי עס דריקט זיכ אויס דער כראָניקער, דאָס אײַז איז געווענ פארפּלייצט מיט בלוט. די נאָווגאָראָדער האָבנ געיאָגט די דײַטשנ אפ א מעהאלעכ פונ 7 קילאָמעטער, האָבנ דערהארגעט 500 ריטערס אונ גענומענ אינ געפאנגענשאפט 50. נאָכ דער דאָזיקער מאפּאָלע האָבנ די דײַטשנ געבעטנ שליסנ א שאָלעמ. זיי האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ פּסקאָוו אונ פונ אלע זייערע דעראָבערונגענ.

די שלאכט אפנ אײַז האָט אָפּגעשטעלט דעמ אָנגריפ פונ די דײַטשישע ריטערס אפ אונדזער לאנד אונ האָט געראטעוועט דאָס לאנד פונעמ זעלבנ גוירל, וואָס האָט געטראָפנ ליוואָניע. די ריטערס זײַנעג ענדגילטיק אָפּגעשלײַדערט געוואָרנ פונ דער רוסישער גרענעצ. דער האָזיקער זיג האָט געמאכט א סאָפ צומ אָנגריפ פיג די דײַטשישע פעאָדאלנ אפ די רוסישע לענדער.

קאפּיטל VIII.

דאָס ליטווישע גרויספירשטנטומ.

§ 24. די אויסבילדונג פונעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ.

מיט דער אנטוויקלונג פונ די עקאָנאָמישע פארבינדונגענ צווישנ די באזונדערע געביטנ הייבט זיכ אָנ אינ XIV יה. אינ מיזרעכ-אייראָפּע די פארייניקונג פונ די קליינע פעאָדאלע באזיצנ אינ עטלעכע גרויסע פעאָדאלע מעלוכעס. דער דאָזיקער פּראָצעס איז פארגיכערט געוואָרנ דורכ דעמ, וואָס מע האָט זיכ געמוזט באשיצנ קעגנ די אויסערלעכע סאָנימ. אָט אפ אזא אויפנ האָט זיכ אויסגעבילדעט דאָס ליטווישע גרויספירשטנטומ, וואָס האָט פארייניקט ניט בלויז די קליינע ליטווישע פירשטנטומס, נאָר אויכ די שכײנישע סלאווישע פירשטנטומס.

די פארייניקונג פונ די ליטווישע שוואָטימ. אינ XII יה. זײַנענ די ליטווינער שוינ אוועק פונ דער שטאמ-אָרדענונג. זיי זײַנענ געווענ אײַנגעטיילט אינ באזונדערע שוואָטימ, וואָס אינ דער שפּיצ פונ זיי זײַנענ געשטאנענ קליינע פירשטנ אָדער קוניגאסנ, וואָס האָבנ זיכ מיט זייער רײַכקײַט אויסגעטיילט פונ די איבעריקע מיטגלידער פונעמ שייוועט. בא די קוניגאסנ אינ די הענט איז געווענ קאָנצענטרירט א סאכ פּי אונ שקלאפנ. זיי פלעגנ אופהאלטנ גרויסע קריגס-אָטריאדנ. די קוניגאסנ מיט זייערע אָטריאדנ פלעגנ זיכ אײַנגעפינענ אינ באפעסטיקטע שטעטלעכ, וואָס זײַנענ געלעגנ טיפ אינ די וועלדער. די געפאר מיצאד די דײַטשישע ריטערס האָט געצוווּנגענ די צעשפּליטערטע ליטווישע שוואָטימ צו פארייניקנ זיכ.

אינמיטנ XIII יה. האָט זיכ צווישנ די ליטווישע קליינע פירשטנ אויסגעטיילט דער פירשט מינדאָווג. מיט קראפט אונ מיט פארשיידענע שפּיצלעכ האָט ער באזײַטיקט די איבעריקע פירשטנ אונ האָט אײַנגענומענ צו זיכ אינ די הענט די גאנצע מאכט איבער ליטע. ער האָט פארכאפּט אויכ אייניקע רוסישע גרענעצ-געביטנ. די הויפּטשטאָט פונ זײַנ מעלוכע איז געווענ די רוסישע שטאָט נאָוואָגראָדאָק. קעדיי צוציִענ אפ זײַנ זײַט די דײַטשישע ריטערס, האָט מינדאָווג אפ צוקלוימערשט אָנגענומענ קריסטנטומ אונ האָט אפילע אָפּגעטראָטנ דעמ אָרדענ א טייל פונ דער ליטווישער ערד. פאר דעמ האָט אימ דער פויפּסט געגעבנ דעמ טיטל קיניג. ווענ מינדאָווג האָט זיכ אָבער פארשטארקט, האָט ער זיכ אָפּגעזאָגט אי פונ קריסטנטום, אי פונעמ קיניגלעכנ טיטל, האָט זיכ ארײַנגעריסנ מיטנ ליטווישנ כאַיל אינ די באזיצנ פונעמ אָרדענ אונ האָט דערלאנגט די ריטערס א צעשמעטערנדיקנ קלאפּ. די ליטווינער האָבנ געפּײַניקט זייער ניצאָכנ אונ האָבנ דערבײַ, ווי דער מינהעג איז בא זיי אמאָל געווענ, פארברענט געפאנגענע ריטערס לעקאָוועד זייערע געטער. נאָכ דעמ איז מינדאָווג מיט זײַנ כאַיל ארײַנגעטראָטנ אינעמ לאנד פונ די פּרײַסנ, האָט כאָ-



די שלאכט אפן אייז (5 אפריל 1242 י׳)

רעוו געמאַכט דאָס דאָזיקע לאַנד און אויכ די שכײַנישע געביטנ פונ פוילנ. מיט זײַנ שטרעבונג צו פאַרײניקנ ליטע האָט מינדאָווג דערוועקט קעגנ זיכ דעמ צאָרנ פונ די איבעריקע ליטווישע קלײנע פירשטנ, און זיי האָבנ אימ דערהאַרגעט.

די פאַרײניקונג פונ די ליטווישע שוואָטימ אינ אנ אײנהײטלעכער מעלוכע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ בא מינדאָווגס לעבנ, איז געגאַנגענ ווײַטער אויכ נאָכ זײַנ טויט. דער גרונט-קערנ, אַרומ וועלכנ די דאָזיקע מעלוכע האָט זיכ אויסגעבילדעט, איז געווענ דער שייוועט ליטווינער; צו די ליטווינער האָבנ זיכ ביסלעכווײַז אָנגעשלאָסנ אויכ די אַנדערע קריווישע שוואָטימ, אַכוץ די פרײַסנ, וואָס זײַנענ באַצוווּנגענ געוואָרנ דורכ די טעווטאָנישע ריטערס און זײַנענ גערמאַניזירט געוואָרנ.

די ליטווישע מעלוכע האָט זיכ באַזונדערס פאַרשטאַרקט אינ אָנהײב XIV יה., ווענ אינ דער שפיץ פונ איר האָט זיכ געשטעלט געדימינ (1316—1341). געדימינ האָט אָנגענומענ דעמ טיטל ליטווישער גרויספירשט. ער האָט שוינ פאַרמאָגט א גוט דיסציפלינירט מיליטער, וואָס האָט פאַרביטנ דעמ פריִערדיקנ צעשפליטערטנ לאַנדווער. זײַנ מיליטער האָט שוינ געוווּסט, וויאַזוי מע דאַרפ ריכטיק באַלאַגערנ שטעט, וויאַזוי צו שטורעמענ באַפעסטיקונגענ, וויאַזוי אָנצווענדנ באַלאַגערונגס-געווער. צומ באַשיצנ דאָס לאַנד זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ שלעסער לויטנ מוסטער פונ די דײַטשישע.

פאַרײניקט ליטע, האָבנ די ליטווישע גרויספירשטנ גענומענ פאַרשפרײטנ זײער מאַכט אַפ די שכײַנישע רוסישע געביטנ. די באַפעלקערונג פונ די דאָזיקע געביטנ האָט אינעמ אָנשליסנ זיכ אָנ ליטע געזענ אנ אויסלײזונג פונ אונטערנ טאָטערשנ יאָכ. נאָכ אינ מינדאָווגס צײַטנ איז פאָלאָצק געוואָרנ אָפהענגיק פונ ליטע. אינ געדימינס צײַטנ זײַנענ פאַרכאַפט געוואָרנ פאָלגנדיקע געביטנ: וויטעבסקער, מינסקער און אײניקע אַנדערע. נאָכ געדימינענ איז ליטווישער גרויספירשט געוואָרנ זײַנ זונ אָלגערד (1345—1377). דאָס איז געווענ, ווי עס דריקט זיכ אויס די רוסישע כראָניק, א „כניפעניק", דה. א כיטרער און א שעלמישער הערשער, וואָס האָט געוווּסט ווי אויסצונוצנ פאַרשײדנערלײ אומשטענדנ און געשיקט פאַרווירקלעכנ זײַנע פלענער. אינ זײַנע צײַטנ האָבנ די ליטווינער פאַרכאַפט קיִעוו, דאָס טשערניגאָוו-סעווערסקער לאַנד און דעמ גרעסטנ טײל פונעמ וואָלינער לאַנד. שוינ נאָכ אָלגערדנ איז אָנגעשלאָסנ געוואָרנ אויכ דאָס סמאָלענסקער פירשטנטומ. אַזוי האָט זיכ אויסגעבילדעט די גרויסע און שטאַרקע ליטווישע מעלוכע, וואָס אינ איר באַשטאַנד זײַנענ אַרײַנ פיל רוסישע לענדער. די הויפטשטאָט אירע איז געווענ די שטאָט ווילנע.

אַזוי אַרומ זײַנענ אינ XV יה. די רוסישע לענדער צעטײלט געווענ אַפ דרײַ טײלנ: די צאָפנ-מיזרעכדיקע רוס (דאָס וולאַדימיר-סוזדאַלער לאַנד מיט אַלע פירשטנטומס, וואָס זײַנענ געווענ אינ זײַנ באַשטאַנד, און מיט נאָווגאָראָד) האָט זיכ געפונענ אונטער דער מאַכט פונ דער גאָלדענער האָרדע; די דאָרעמ-מײַרעוודיקע רוס (דאָס קיִעווער פירשטנטומ, דאָס טשערניגאָווער, סמאָלענסקער, פאָלאָצקער, וולאַדימיר-וואָלינער) איז אַוועק צו ליטע. איבערנ גאַליטשער פירשטנטומ ווידער איז פונ מיטנ XIV יה. די הערשערנ געוואָרנ פוילנ. דאָס מיזרעכדיקע סלאַוונטומ האָט געבילדעט דרײַ גרויסע פעלקער, וואָס יעדעס פונ זיי האָט פאַרמאָגט זײַנע אנ אײגענע שפראַכ. די סלאַווישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט צווישנ דער אָקאַ און דער וואָלגע און צאָפנצו פונ דער וואָלגע, מיטנ פאָליטישנ צענטער אינ וולאַדימיר, האָבנ געבילדעט די גרויסרוסישע, אָדער, ווי מיר רופנ זי, די רוסישע פעלקערשאַפט; די, וואָס האָבנ



די רויִנענ פונעמ טראָקער שלאָס — געדימינס רעזידענצ. פאָטאָ.

געלעבט צווישנ פריפיאט אונ דער מײַרעוו-דווינע אונ זײַנענ געווענ אָפהענגיק פונ דער ליטע, — האָבנ געבילדעט די ווײַסרוסישע פעלקערשאפט; אינ די דאָרעמ-רוסישע געביטנ, מיטנ צענטער אינ קיִעוו, האָט זיכ אויסגעבילדעט די אוקראַיִנישע פעלקערשאפט.

די אוניע פונ ליטע מיט פוילנ. נאָכ אָלגערדנ איז אפנ ליטווישנ טראָנ ארופ זײַנ זונ יאגײַלאָ (1377—1392). אינ זײַנע צײַטנ האָט זיכ ליטע פאראייניקט מיטנ שכייִנישנ פוילנ. ביידע מעלוכעס האָט געשטויסנ דערצו די נייטיקײַט צו פאראייניקנ זייערע קרעפטנ צוליבנ קאמפ קעגנ דעמ טעווטאָנישנ אָרדענ. כוץ דעמ האָט יאגײַלאָ גערעכנט אזויארומ צו פארשטארקנ זײַנ מאכט אינעמ לאנד גופע. ניט זײַענדיק בעקויעכ צו קעמפנ קעגנ די דײַטשנ, האָבנ די פוילישע פאנעס פאָרגעלייגט יאגײַלאָנ, ער זאָל כאסענע האָבנ מיט דער פוילישער קיניגנ יאדוויגע אונ פאראייניקנ ליטע מיט פוילנ אינ איינ מעלוכע. קעדיי דער בונד זאָל זײַנ פעסטער, האָט יאגײַלאָ געדארפט מאכנ זײַנע אונטערטאנענ פאר קאטוילקנ — דער קאטאָליציזמ איז געווענ די הערשנדיקע רעליגיע אינ פוילנ. אינ 1385 י. איז געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפמאכ וועגנ א פאראייניקונג (אוניע) צווישנ ליטע מיט פוילנ. יאגײַלאָ איז געוואָרנ גלײַכצײַטיק אי גרויספירשט פונ ליטע אי קיניג פונ פוילנ.

די ליטווינער זײַנענ אָבער געווענ קעגנ דער אוניע, וואָרעמ זיי האָבנ ניט געוואָלט פארלירנ זייער אומאָפהענגיקײַט. יאגײַלאָס א שוועסטערקינד — דער ערנגײַציקער אונ טאלאנטפולער וויטאָווט — האָט אופגעהויבנ אנ אופשטאנד, קעדיי צו דערשלאָגנ זיכ די אומאָפהענגיקײַט פונ ליטע. יאגײַלאָ האָט אינ די וויכטיקסטע שטעט פונ ליטע אוועקגעשטעלט פוילישע גארניזאָנענ. די אײַנוווינער האָבנ אָבער אויסגעהארגעט די פאָליאקנ. וויטאָווט האָט באקומענ דעמ טיטל גרויספירשט פונ לי-

טע (1392—1430). ער האָט זיכ אָבער פארפליכטעט ניט איינצורײַסנ מיט פוילנ אונ זײַנ אונטערגעוואָרפנ יאגײַלאָנ.

די דײַטשישע ריטערס ווערנ אינגאנצנ צעקלאפּט. די פארייניקונג פונ ליטע מיט פוילנ איז ארויסגערופנ געוואָרנ דעריקער דורכ דער געפאר מיצאד די דײַטשישע ריטערס. נאָכ דעם, ווי זיי האָבנ באצוווּנגענ דאָס לאנד פונ די פרײַסנ, האָבנ די טעווטאָנישע ריטערס געשטרעבט צו פארשפרייטנ זייער מאכט אויכ אפנ איבעריקנ טייל ליטע. זיי צו הילפ האָבנ פונ דײַטשלאנד געהאלטנ אינ איינ קומענ אלצ נײַע אונ נײַע אוואנטיורע-זוכער, דורשטיקע נאָכ רויב אונ נאָכ ערד. אינ XIV יה. האָבנ די דײַטשנ דעראָבערט די טעריטאָריע פונעמ ליטווישנ שייוועט זשמוד, וועלכע איז פונ זיי פריִער אויכ ניט איינ מאָל באפאלנ געוואָרנ. די זשמודיגער האָבנ געלעבט בא דער נידערשטרעמונג פונעמ ניעמאנ, בישכייניעס מיט די פרײַסנ. די אכזאָריעס פונ די ריטערס אונ דאָס ארויספרעסנ אלצ פונ דער באפעלקערונג האָט ארויסגערופנ א רייִ פארצווייפלטע אופשטאנדנ פונ די זשמודינער. מענגעסווײַז פלעגנ די זשמודיגער ארויסגייִנ פונ די וועלדער, באפאלנ אונ אונטערציינדנ די גאָרוואָס אויסגעבויטע שלעסער, אויסהארגענענ אונ נעמענ אינ געפאנגענשאפט די גארניזאָנענ. די זשמוד האָט זיכ געווענדט צו וויטאָווטנ אונ צו די אנדערע פירשטנ נאָכ הילפ: „הערט אויס אונדז, די געדריקטע אונ געפּײַניקטע, — האָבנ זיי געשריבנ, — דער אָרדענ האָט אונדז דערפירט דערצו, אז קעדיי צו עקזיסטירנ, דארפנ מיר אָדער אומגייִנ איבער די הײַזער, אָדער פארנעמענ זיכ מיט גזײלע. אלע פרוכטנ פונ דער ערד אונ די בינשטאָקנ האָבנ די ריטערס בא אונדז אָפּגענומענ, זיי דערלויבנ אונדז נישט ניט קיינ כײַעס הארגענענ, ניט קיינ פיש פאנגענ, ניט האנדלענ מיט די שכייניעס. יעדעס יאָר פירנ זיי אוועק אונדזערע קינדער אלס אָרעווניקעס, די עלטסטע אונדזערע האָבנ זיי אוועקגעפירט קיינ פרײַסנ, אנדערע האָבנ זיי גאנצע שטאמענווײַז פארברענט. דערמאָנט זיכ, אז מיר זײַנענ מענטשנ, ניט קיינ כײַעס“. דער אָנגריפ פונ די דײַטשנ האָט דאָס גאנצע ליטווישע גרויספירשטנטומ אונ די שכייניש רוסישע פירשטנטומס געשטעלט אינ א סאכאָנע אָנצווערנ זייער אומאָפּהענגיקײַט. וויטאָווט האָט געפירט בענעגייע די דײַטשנ א צווייענדיקע פאָליטיק: אָט פלעגט ער מיט זיי שליסנ שאָלעמ-אָפּמאכנ אונ אָט פלעגט ער שטיצנ די זשמודינער. די געפאר מיצאד די דײַטשנ האָט אָבער געצוווּנגענ וויטאָווטנ צוזאמענ מיט יאגײַלאָנ אָפּנ ארויסצוטרעטנ אינ 1410 י. קעגנ די ריטערס. די הויפט-קראפט פונעמ פארייניקטנ מיליטער זײַנענ געווענ די רוסישע, ווײַסרוסישע אונ אוקראַיִנישע פאָלקנ: דער סמאָלענסקער פאָלק, דער פאָלאָצקער, דער קיִעווער אונ אנדערע. די באגעגעניש מיטנ סוינע איז פאָרגעקומענ דעמ 15 יונ צווישנ די דערפער גרינוואלד אונ טאנענבערג. צוערשט איז דער דערפאָלג געווענ אפ דער זײַט פונ די ריטערס. געראטעוועט די לאגע האָט די אויסערגעווייגלעכע דרייסטקײַט פונ די סמאָלענסקער קריגס-לײַט. די דײַטשנ האָבנ געליטנ א שרעקלעכע מאפּאָלע, 40 טויזנט זייערע זײַנענ דערהארגעט געוואָרנ אונ 15 טויזנט זײַנענ גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט. אינ שלאכט איז געפאלנ דער מאגיסטער גופע פונעמ אָרדענ. דער גרינוואלדער זיג, וואָס איז אָפּגעהאלטנ געוואָרנ אדאנק די רוסישע פאָלקנ, האָט אָפּגעשטעלט דעמ דײַטשישנ אָנגריפ אפ מיזרעכ. פונ דעמ מאָמענט הייבט זיכ אָנ די ביסלעכווײַזע יערידע פונעמ טעווטאָנישנ אָרדענ, — ביז ער פארלירט יעטווידע מיליטערישע אונ פאָליטישע באדײַטונג. גלײַכצײַטיק דערמיט פאלט אויכ די באדײַטונג פונעמ ליוואָנער אָרדענ.

25 §. די סאָציאַלע אָרדענונג פונעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ.

די ליטווישע פעאָדאַלנ. דאָס ליטווישע גרויספירשטנטומ איז געווענ א פעאָדאלע מעלוכע. געהערשט האָבנ דאָ די גרויסע ערדבאזיצער. דער גרעסטער צווישנ זיי איז געווענ דער גרויספירשט. ער האָט פארמאָגט קאָלאָסאלע „הארנ"־גיטער. די פויערימ, וואָס האָבנ געלעבט אינ די דאָזיקע גיטער, פלעגנ ארבעטנ פאנשטשינע אינ די גרויספירשטלעכע גערטנער, פעלדער אונ וועלדער אונ צאָלנ דעמ גרויספירשט טשינש מיט געלט אונ מיט פראָדוקטנ. די פויערימ, וואָס האָבנ געלעבט אפ דעמ גרויספירשטס ערד, האָבנ זיכ געטיילט אפ „פאָכאָזשע" („אוועקגייענדיקע", פונעמ וואָרט «ХОДИТЬ» — גייג), דה. יורידיש פרייע, וואָס האָבנ געהאט דאָס רעכט אוועקצוגייג פונעמ גוט, אונ אפ „ניע פאָכאָזשע" („ניט־אוועקגייענדיקע"), לייביגענע פויערימ. די לייביגענע פויערימ, אויב זיי פלעגנ אוועקגייג, פלעגט מענ זיי כאפנ אונ אומקערנ צוריק אלס אנטלאָפענע. כוץ די פויערימ האָבנ אינ דעמ גרויספירשטס גיטער געלעבט זיינע פרייע דינער; זיי האָבנ ניט געדארפט ארבעטנ קיינ פאנשטשינע אונ צאָלנ קיינ טשינש; דערפאר אָבער זיינענ זיי געווענ מעכוייעוו צו מעלדנ זיכ אפ מיליטער־דינסט. ביסלעכווייז האָט זיכ פונ די דאָזיקע דינער אויסגעבילדעט א שיכט קליינע ערדבאזיצער, וועלכע מע האָט אָנגעהויבנ רופנ מיטנ פוילישנ וואָרט „שלאכטא". כוץ דעמ גרויספירשט זיינענ אינעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ געווענ אויכ אנדערע פעאָדאלנ: די פירשטנ, די פאנעס (וועלמאָזשעס) אונ די קירכ. בא זיכ אינ די גיטער זיינענ די דאָזיקע פעאָדאלנ געווענ פולמעכטיקע הארנ. די מערהייט פויערימ, וואָס האָבנ געלעבט בא זיי אינ די גיטער, זיינענ געווענ לייביגענע אונ האָבנ ניט געהאט קיינ רעכט אריבערצוגייג צו אנדערע באלעבאטימ. פונקט ווי באמ גרויספירשט, האָבנ אויכ בא די גרויסע פעאָדאלנ אפ זייער ערד געלעבט פרייע דינער, וואָס זיינענ מעכוייעוו געווענ „די מיליטער־דינסט אפנ פערד אונ אינ פולנ וואָפנ אָפּריכטנ". אזויארומ איז די באפעלקערונג פונעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ, — סיי די ליטווישע, סיי די סלאווישע, געווענ שארפ איינגעטיילט אפ צוויי קלאסנ: אפ פעאָדאלע ערדבאזיצער אונ אפ פויערימ, וואָס ווערנ פונ זיי עקספּלואטירט.

די ליטווישע פעאָדאלנ זיינענ אדאנק דער גרויסער צאָל פויערימ אונ באוואָפנטע דינער געווענ זייער שטארק. דער ליטווישער גרויספירשט האָט זיכ געמוזט רעכענענ מיט זייער ווילנ. ער האָט געהאט בא זיכ א ספּעציעלנ ראט פונ די גרעסטע פעאָדאלנ (געהייסנ האָט עס „פּאני—ראדא" — „די הארנ — דער ראט"), וועלכער פלעגט צוזאמענ מיט אימ באשליסנ אלע מעלוכע־איניאָנימ. בא מער וויכטיקע פאלנ פלעגנ אלע גרעסטע פעאָדאלנ צונויפגערופנ ווערנ אפ אנ אלגעמיינער פארזאמלונג (סיימ).

די שטעט אינעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ. די מייִרעוו־דווינע, וואָס האָט דורכגעשניטנ דאָס ליטווישע פירשטנטומ, איז געווענ א באקוועמער וועג פארנ האנדלס־פארקער מיט די באלטישע געביטנ. דעריבער זיינענ אינעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ געווענ א סאכ רייכע האנדלס־שטעט. דאָס ערשטע אָרט, כוץ ווילנע, האָבנ פארנומענ די אלטע רוסישע שטעט: פּאָלאָצק, מינסק אונ בערעסטיע. באזונדערס האָט דער האנדל אינ די שטעט בא דער מייִרעוו־דווינע זיכ צעבליט נאָכנ גרינוואלדער זיג, וועלכער האָט דעמ ליטווישנ סאָכרימטומ געעפנט דעמ וועג צומ באלטישנ יאמ. די ליטווישע גרויספירשטנ פלעגנ באקומענ גרויסע האכנאָסעס פונעמ האנדל. דעריבער האָבנ זיי זיכ מיט אלע קויכעס באמיט אימ צו אנטוויקלענ. מיט דעמ דאָזיקנ צוועק האָבנ זיי דאָס סאָכרימטומ פונ די גרויסע שטעט באפרייט פונ א סאכ פליכטנ אונ האָבנ זיי געגעבנ דאָס רעכט פונ זעלבסטפארוואלטונג. דער דאָזיקער סיידער האָט בעסער געזיכערט די האכנאָסעס פאר דעמ גרויספירשטס קאסע.

די ווייסרוסישע, אוקראאינישע אונ רוסישע לענדער אינעמ באשטאנד פונעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ. לויטנ באשטאנד פונ דער באפעלקערונג איז דאָס ליטווישע גרויספירשטנטומ געווענ צעטיילט אפ ליטווישע לענדער אונ אפ רוסישע (ווייסרוסישע, אוקראאינישע אונ אייגנטלעכ רוסישע). די רוסנ, אלס מער קולטורעלע, האָבנ געהאט א באדייטנדיקנ איינפלוס אפ די ליטווינער. צווישנ די ליטווינער האָט

 2791—8

זיך גענומען פארשפרייטן דאָס פּראַוואָסלאַווישע גלויבן. אַף דער רוסישער שפּראַך פלעגן געשריבן ווערן מעלוכישע דאָקומענטן. דאָס ליטווישע רעכט איז באַווינפלוסט געוואָרן פון דער „רוסקאיאַ פּראַוודאַ". נאָך דער אוניע מיט פוילן האָט זיך די לאַגע געענדערט. ווען די ליטווישע און פוילישע פאַנעס האָבן זיך פאַראייניקט, האָבן זיי גענומען אונטערדריקן די רוסישע באַפעלקערונג פונעם פירשטנטום. אָנגענומען דעם קאַטאָליציזם, האָבן די ליטווישע פעאָדאַלן אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די פּראַוואָסלאַווישע רעליגיע און די נאַציאָנאַלע רוסישע קולטור. בא די פּראַוואָסלאַווישע פעאָדאַלן איז אָפּגענומען געוואָרן דאָס רעכט צו פאַרנעמען מעלוכישע שטעלעס אינעם ליטווישן גרויספירשטנטום, און מע האָט זיי ניט דערלאָזט אין גרויספירשטלעכן ראַט. פיל פון זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָלאָניזירן און אריבערגיין אין קאַטאָליציזם, דאָס פאָלק אָבער האָט זיך פעסט געהאַלטן בא דער מוטערשפּראַך און בא דער אייגענער קולטור. ווען אין דער צאָפן-מיזרעכדיקער רוס איז אופגעקומען די רוסישע מעלוכע, האָבן דעריבער ניט נאָר די אייגנטלעכע רוסן, נאָר אויך די ווייסרוסן און אוקראַינער, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון ליטע, גענומען שטרעבן צו פאַראייניקן זיך מיט דער קרויווישער רוסישער פעלקערשאַפט.

קאַפּיטל IX.

דאָס וולאַדימירער גרויספירשטנטום.

§ 26. די פירשטנטומס פון דער צאָפן-מיזרעכדיקער רוס.

דער פעאָדאַלער ערדבאַזיץ אין XV—XIV יאָרהונדערטער. אין XIV יה. האָט זיך אָנגעהויבן די פאַראייניקונג פון די פירשטנטומס פון דער צאָפן-מיזרעכדיקער רוס אין אַן אייגנהייטלעכער רוסישער מעלוכע.

די הויפּט-באַשעפטיקונג פון די איינוווינער אין דער צאָפן-מיזרעכדיקער רוס איז אין XIV—XIII יה. געווען ערדאַרבעט. אַ וויכטיקער באַהילפיקער צווייג פון דערווירטשאַפט זיינען געווען די געווערבן: פישפאַנג, יאַגד און וואַלד-בינענצוכט. אין אייניקע ערטער האָט מען זיך פאַרנומען מיט אויסגראָבן פון אונטערערדישע לאַגערערטער זאַלץ און איבערקאָכן זי; זאַלץ איז געווען אַן ארטיקל צום האַנדל מיט די שכייניש געגנטן. די ווירטשאַפט איז געווען אַ נאַטורעלע, דה. אַלע זאַכן פון מאַסנגעברויך (שפּייז-פּראָדוקטן, קליידונג, געהילצ-אויסאַרבעטונגען) פלעגן אויסגעאַרבעט ווערן אַף אַ שטוביקן אופן. דער האַנדל איז געווען ווייניק אַנטוויקלט. צום מאַרק פלעגט מען אָנקומען דעריקער נאָך סכוירעס, וואָס זיינען געוואָרן געבראַכט פון דער פרעמד, אַזעלכע, וואָס זיינען אין דער אייגענער ווירטשאַפט ניט געווען. דער וויכטיקסטער האַנדלס-ארטיקל זיינען געווען אויסלענדישע סכוירעס; די דאָזיקע סכוירעס האָבן געקאָסט זייער טייער און זיינען דעריבער געווען ניט-צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן באַפעלקערונג, קויפן זיי פלעגן נאָר די פעאָדאַלן. פון די ווייניק-פּרוכטבאַרע ערטער פלעגט מען איינקויפן ברויט אין יענע קאַנטן, וווּ עס זיינען געווען מויסרעס ברויט. אין אייניקע ערטער פלעגט מען שמעלצן זומפּיק אייזנאַרץ; דערבײַ פלעגן דאָס אייזן און די אויסאַרבעטונגען פון דעם טיילווייז אויך גיין צום האַנדל.

דערמיט פלעגנ זיכ אויסלאָזנ די האנדלס=באַציִונגענ צווישנ די געגנטנ. בא דער שוואַכער אנטוויקלונג פונעם האנדל האָט געלט צירקולירט אינ א קליינער צאָל.

אינ XIV יה. האָט דער גרעסטער טייל ערד געהערט צו די פעאָדאלנ — די וועלטלעכע אונ די גײַסטלעכע: צו די פירשטנ, צו זייערע באָיארנ אונ דינער, צו די מאָנאכטירנ אונ אנדערע קירכלעכע אינסטיטוציעס. די ערדבאזיצנ, וואָס האָבנ געהערט די פעאָדאלנ אלס פולשטענדיק אייגנטום, האָבנ געהייסנ „וואָטשינעס" (יערושע=נאכלעס), ווײַל זיי האָבנ געקאָנט איבערגיינ בעירושע פונעם פאָטער צום זונ.

בא זיכ אינ די יערושע=נאכלעס זײַנענ די פעאָדאלנ געווענ קליינינקע קייסאָרימלעכ. זיי האָבנ געהאט דאָס רעכט צו מישפּעטנ יעדנ איינעמ, וואָס לעבט אפ זייער ערד, באשטראָפנ מיט שמיץ, אונ זיי פלעגנ זיכ אפילע נעמענ דאָס רעכט צו קעפנ זייערע אונטערטאנענ. זיי פלעגנ נעמענ בא דער באפעלקערונג פונ זייערע יערושע=נאכלעס שטײַערנ אונ אופּמאָנענ צינזנ. דער אָרטיקער פירשט האָט ניט געהאט קיינ רעכט ארײַנצומישנ זיכ אינ דעמ פעאָדאלס פאראָרדענונגענ. ער האָט אינ קיינ אויפנ ניט געטאָרט ארײַנשיקנ צו אימ ניט זײַנע ריכטער, ניט קיינ צינזאופמאָנער. די באָיארנ אונ די אנדערע פעאָדאלנ פלעגנ פאנאנדערגעבנ זייערע דינער — פאר דער מיליטער=דינסט זייערער — ערד=כאלאָקימ צום באנוצנ זיכ. די פעאָדאלנ האָבנ זיכ גענייטיקט אינ די מיליטערישע דינער סײַ צוליב מילכאָמע, סײַ קעדיי צו האלטנ אונטערטעניק די באפעלקערונג פונ זייערע יערושע=נאכלעס.

מע האקט וואלד אינ מאָנאסטירישע באזיצנ.
לעבנס=באשרײַבונג פונ סער י דעמ ראדאָניעזשער.

די פעאָדאלנ האָבנ קעסיידער געשטרעבט צו פארגרעסערנ זייערע יערושע=נאכלעס אפנ כעזשבנ פונעם פרײַענ פויערטום. באזונדערס אקטיוו זײַנענ אינ דער הינזיכט געווענ די מאָנאסטירנ.

די מאָנאסטירנ פלעגנ געוויינלעכ אופקומענ אינ א פארוואָרפנ, ווייניק=באפעלקערטנ אָרט. די מאָנאכנ פלעגנ צוציִענ אהער פויערימ, אונ די פויערימ פלעגנ פאר זיי אויסהאקנ די וועלדער אונ פאראקערנ די פעלדער. די מאָנאסטירנ האָבנ קאָלאָניזירט קאָלאָסאלע ניט=באזעצטע שעטעכנ ערד, מיטהעלפנדיק דערמיט דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פונעם לאנד. דערינ איז אינ יענער צײַט באשטאנענ די פּאָזיטיווע ראָליע פונ די מאָנאסטירנ. די קאָלאָניזאטאָרישע טעטיקײַט פונ די מאָנאסטירנ איז

אָבער באַגלייט געוואָרנ מיט א גרויזאמער עקספּלואטאציע פונ די פּויערימ קאָלאָ-גיסטנ, וועלכע פלעגנ זיכ באַזעצנ אפ דער מאָנאסטירישער ערד. אויב בישכיינעס מיט דער מאָנאסטירישער „וואָטשינע“ האָבנ געלעבט פרײַע פּויערימ, פלעגנ זיכ די מאָנאכנ סטארענ מיט געוואלט פארנעמענ זייער ערד און זיי אלײַנ צווינגענ צו אר-בעטנ אפנ מאָנאסטיר.

די רײַכע מאָנאסטירנ, ווו עס האָבנ זיכ געפונענ א סאכ מאָנאכנ, האָבנ באַקו-מענ א גרויסע פּאָליטישע באַדײַטונג. אינ XIV יה. האָט דער מאָנאכ סערגי דער ראדאָניעזשער געגרינדעט בישכיינעס מיט מאָסקווע דעמ טראָיצער מאָנאסטיר (ווו ס'איז איצט די שטאָט זאגאָרסק). אָט דער צוערשט אָרעמער מאָנאסטיר, וואָס איז געשטאנענ אינ טיפנ וואלד, איז שפּעטער געוואָרנ דער רײַכסטער צווישנ אלע מאָנאסטירנ אינ דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רומ.

מע ברענגט ברויט אינ מאָנאסטיר.
לעבנס-באשרײַבונג פונ סערגי דעמ
ראדאָניעזשער.

די פּויערימ אינ XIV—XV יאָרהונדערטער. די גאנ-צע ארבעט אינ דעמ פעאָדאלס ווירטשאפט איז געלעגנ אפ די פּויערימ, וואָס האָבנ געלעבט אפ זײַנ ערד. זיי פלעגנ בויענ אינעמ פעאָדאלס הויפ די פרי-צישע שטיבער, מאכנ א פאר-קאנ ארומ הויפ, האטיענ סא-זשלקעס, אקערנ, זייענ, שנײַדנ און ארויספירנ דעמ קאָרנ צומ האר אינ הויפ, שנײַדנ היי, באקנ ברויט, ברײַענ ביר, שפּינענ פלאקס, וואָס דער ערדבאזיצער פלעגט זיי געבנ, ארײַנשלאָגנ פּישער-צאמענ אינ טײַכ אט צו כאפּנ פיש, גיינ אפ יאגד אפ בערנ, פוקסנ, הירשנ אאוו. אָט דאָס זײַנענ אינ יענער צײַט גע-ווענ די פארשיידענע פאָרמענ פאנ-שטשינע, דה. ארבעט אפנ פאָרעצ.

כוצ דער פאנשטשינע האָט מענ נאָכ געצאָלט טשינש: אינ די גרויסע יאָמטוי-וימ פלעגנ די פּויערימ ברענגענ זייער האר „וואָס יעדער איינער האָט בעיאד“: אייער, קעז, ברויט, און פונעמ גאנצנ דאָרפ — א קו אָדער עטלעכע שאָפ. טיילמאָל פלעגט די פאנשטשינע אינגאנצנ פארביטנ ווערנ אפ א באשטימטנ טשינש: מיט קאָרנ און האָבער. ווענ דער באזיצער פלעגט קומענ צו פאָרנ אינ א דאָרפ, זײַנענ די פּויערימ געווענ מעכויעוו צו האָדעווענ אימ און זײַנ גאנצע סוויטע, שטעלנ „ביר לעראָיו, ברויט און געטראנקענ, פיש און פלייש לערא‌ָוו און פאר די פערד האָבער און היי לעראָוו“. אָט די אלע פארשיידנארטיקע און שווערע פליכטנ האָבנ די פּוי-

ערימ געמוזט אפ זיכ טראָגנ אָנ שומ טײַנעס, ווײַל באַלעבאָס פונ דער ערד, אַז וועלכער זײ האָבנ געלעבט, איז געווענ דער פעאָדאַל.

אוועקגײנ פונ דעמ פעאָדאַלס ווילקיר איז געווענ שווער. טאָמער פלעגט דער פויער אַוועקגײנ, פלעגט ער פאַרלירנ דאָס גאַנצע פאַרמעגנ זײַנס. כוץ דעמ פלעגנ זיכ די ערדבאַזיצער אופרײדנ צווישנ זיכ, מע זאָל ניט נעמענ די פויערימ, וואָס גײענ אַוועק פונ זײערע הארנ. גאַנצ אָפט פלעגנ די ערדבאַזיצער אפילע מיט געוואַלט אײַנהאַלטנ די פויערימ. ווענ דעמ פויער פלעגט דאָכ געלינגענ אַוועקצוגײנ, פלעגט ער אַרײַנפאַלנ אינ דער זעלביקער קנעכטישער לאַגע בײַ אַ צווייטנ ערדבאַזיצער.

די פויערימ האָבנ געלעבט אינ צעוואָרפענע דערפער צו צווײ—דרײַ הויפנ אינ אַ דאָרפ. פאַרײניקנ זיכ, קעדײ אַרויסטרעטנ צוזאַמענ, איז געווענ שווער. די אײנצלנע פרווונ פונ אַ ווידערשטאַנד פלעגנ לײַכט דערשטיקט ווערנ.

די ערד-פלעצער, וואָס האָבנ זיכ ניט געפונענ אינ רעשוס פונ די פעאָדאַלנ, זײַנענ געווענ באַזעצט פונ פרײַע פויערימ. די דאָזיקע פויערימ פלעגנ בילדנ געמײנדעס, אָדער, ווי מע פלעגט זײ דאַנ רופנ, וואָלאָסטנ. יעדער פויער אינ דער וואָלאָסט האָט פאַרמאָגט זײַנ בײַלעק אַקער-ערד אונ לאָנקע; די וועלדער אָבער אונ דאָס איבעריקע לאַנד-גוטס האָט זיכ געפונענ אינ געמײנזאַמענ רעשוס פונ דער גאַנצער וואָלאָסט. אָבער אויכ די דאָזיקע קלוימערשט פרײַע פויערימ זײַנענ אינ דער ווירקלעכקײַט געווענ פעאָדאַל-אָפהענגיק פונעמ פירשט.



באַמ אַקערנ. לעבנס-באַשרײַבונג פונ סערגי דעמ ראַדאָניעזשער.

זײ האָבנ ניט נאָר געמוזט צאָלנ צינז דעמ פירשט, נאָר אויכ טאָנ אַלערלײ פאַנשטשינע-אַרבעט: פאַשענ די פירשטלעכע פערד, שנײַדנ הײ, העלפנ די פירשטלעכע יעגער אונ פישפאַנגער, דערנערנ דעמ פירשטס דינער אונ אפילע זײַנע הינט אונ יאַגד-פײגל (סאָקאָלנ). די וואָלאָסט-פויערימ האָבנ געהײסנ „שוואַרצע“, דה. אַזוינע, וואָס זײַנענ מעכויעוו צו צאָלנ שטײַערנ.

די שטעט אינ XIV—XV יאָרהונדערטער. בײַ דער הערשאַפט פונ דער נאַטורעלער ווירטשאַפט האָבנ די האַנטווערקערײַ אונ דער האַנדל ניט געקאָנט זיכ ברײט אַנטוויקלענ אינ די שטעט. דעמ אויסערנ-האַנדל האָבנ געהאַלטנ אינ זײערע הענט די גרענעצ-שטעט: נאָווגאָראָד אונ פסקאָוו. אינ די אַנדערע גרויסע שטעט, ווי מאָסקווע, טווער, זײַנענ געווענ קלײנע גרופעס גרויסע סאָכרימ, וועלכע פלעגנ רײַכ ווערנ פונ אופקויפנ אונ איבערפאַרקויפנ אויסלענדישע געוואַנטנ אונ אַנדערע קאָסטבאַרע סכוירעס. די אָרטיקע קלײנע מערק זײַנענ געווענ שוואַכ פאַרבונדנ צווישנ זיכ. ביסלעכווײַז אָבער האָבנ זיכ די ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגענ גענומענ אײַנשטעלנ. סאָפ XIV יה. איז מאָסקווע שוינ געווענ אַ באַדײַטנדיקע האַנדלס-שטאָט.

די צעברעקלונג אפ „אודיעלנ". די צאָפנ-מיזרעכדיקע רוס איז אינ אָנהײב XIV יה. צעפאַלנ געוואָרנ אפ עטלעכע גרויסע פירשטנטומס. די גרעסטע צווישנ זײ זײַנענ געווענ: דאָס טווערער, דאָס מאָסקווער, דאָס ריאַזאַנער, עטוואָס שפּעטער — דאָס ניזשנע-נאָווגאָראָדער. אינ יעדנ פונ די דאָזיקע פירשטנטומס האָט זיכ פאַרפונ-דעוועט אײנע פונ די פירשטלעכע פאַמיליעס, וואָס האָבנ געשטאַמט פונ ווסעוואָלאָד „די גרויסע נעסט".

באַ דער שוואַכער אַנטוויקלונג פונ די סכוירע- אונ געלט-פאַרהעלטענישנ איז צווישנ די געביטנ פונ יעדנ פירשטנטום באַזונדער קײנ ענגע עקאָנאָמישע פאַרבינדונג נאָכ ניט געווענ. דעריבער האָט זיכ צווישנ זײ ניט געקאָנט אײַנשטעלנ אויכ קײנ פעסטע פּאָליטישע פאַרבינדונג. יעדעס גרויסע פירשטנטום איז געווענ צעטײלט אפ „אוי-דיעלנ", ד. ה. אפ ניט קײנ גרויסע באַזיצנ, וואָס האָבנ געהערט צו באַזונדערע מיט-גלידער פונ דער פירשטלעכער פאַמיליע. די אודיעלנ פלעגנ אריבערגײנ בעירושע פונעם פאָטער צומ זונ.

וואָס ברײטער די פירשטלעכע פאַמיליעס זײַנענ זיכ פאַנאַנדערגעוואַקסנ, אַלצ גרעסער איז געוואָרנ די צאָל אודיעלנ אונ אַלצ קלענער — די אודיעלנ גופע. יעדער פירשט האָט געשטרעבט צו פאַרגרעסערנ זײַנ אודיעל אפנ שאָכנס כעזשבנ. פאַר ערד אונ פאַר שטעט האָבנ די פירשטנ קעסײדער געפירט צווישנ זיכ מילכאָמעס.

דער עלטסטער אינ דער פאַמיליע — דער פאָטער אָדער דער עלטערער ברו-דער — האָט געטראָגנ דעמ טיטל גרויספירשט אונ האָט זיכ גערעכנט פאַרנ הויפּט-פירשט. אינ דער ווירקלעכקײַט אָבער איז זײַנ מאַכט איבער די יינגערע מיטגלידער פונ דער פאַמיליע געווענ זײער שוואַכ. די אודיעלנע פירשטנ, ווי עס האָבנ גע-הײסנ די יינגערע פירשטנ, זײַנענ באַ זיכ אינ די באַזיצנ געווענ אַבסאָליוט אומאָפּ-הענגיק. „דיר דאַרפ אָנגײנ דײַנ וואָטשינע, אונ מיר דאַרפ אָנגײנ מײַנע", — אַזוי פלעגט דער גרויספירשט אָפּרײדנ מיט די אודיעלנע פירשטנ. דער אודיעלנער פירשט האָט באַ זיכ אינ אודיעל אַלײנ געמישפּעט אונ אַלײנ אײַנגעמאָנט צינז.

בלויז אינ דער אויסערנ-פּאָליטיק האָט דער אודיעלנער פירשט געמוזט זײַנ „פּאַ-רײנס" מיטנ גרויספירשט אונ בײַס א מילכאָמע קומענ אונ העלפנ אים מיט כאַיל.

דער אינינע פונ פאַרוואַלטנ מיט אַנ אײנצלנעמ פירשטנטום איז געווענ א גאַנצ אײנפאַכער. די פירשטנטומס זײַנענ געווענ קלײנ. אינעם באַשטאַנד פונעמ מאָסקווער פירשטנטום, צומ בײַשפּיל, איז סאָפ XIII יה., כוצ מאָסקווע, געווענ ניט מער ווי דרײַ קלײנע שטעט. עס זײַנענ געווענ פירשטנטומס, וואָס זײַנענ באַשטאַנענ סאַכאַקל פונ אײנ שטעטל מיט א פאָר דערפער אַרומ. אפ אײנעמ א געמעל פונ יענער צײַט ווערט געשילדערט די הויפּטשטאָט פונ דעמ פּיצינקנ זאַאָזערער פירשטנטום: דאָס איז דעמ פירשטס הויפ מיט א קלויסטער אונ דערבײַ א דאָרפ. יעדער פירשט האָט אַלײנ אָנגעפירט סײַ מיט די מעלוכע-איניאָנימ סײַ מיט זײַנ ווירטשאַפט. דעמ פירשטס כאָל איז באַשטאַנענ פונ באָיאַרנ אונ פונ זײַנע „פרײַע דינער". צומ גרויס-פירשטס כאָל פלעגנ צוקומענ די פּאָלקנ פונ די אודיעלנע פירשטנ אָדער פונ זײערע באָיאַרנ. דאָס פוסגײער-כאָל פלעגט קאָמפּלעקטירט ווערנ פונ צווישנ דער שטאָטי-שער אונ דאָרפישער באַפעלקערונג. באַ די וויכטיקסטע פראַגנ פלעגנ זיכ די פירשטנ באַראַטנ מיט די באָיאַרנ. אַזאַ מינ באַראַטונג האָט געהײסנ „באָיאַרנ-דומע" (באָ-יאַרנ-ראַט).

דאָס פאַרוואַלטנ מיט פאַרשײדענע צווײַגנ פונ דער פירשטלעכער ווירטשאַפט

פלעגט איבערגעגעבנ ווערנ באזונדערע באָיארנ. צומ רעגירנ מיט באזונדערע געגנטנ פלעגט דער פירשט באשטימענ זײַנע שטאטהאלטער. די שטאטהאלטער פלעגנ קיינ געהאלט ניט באקומענ, נאָר זיי פלעגנ צונעמענ פאר זיכ א טייל פונ די האכנאָסעס אונ פלעגנ זיכ „שפײַזנ“ אפנ כעזשבנ פונ דער באפעלקערונג פונ דער געגנט, דה. זיי פלעגנ באקומענ דערנערונג אינ נאטור. די דאָזיקע סיסטעמ פונ פארוואלטנ האָט געהייסנ „קאָרמליעניע“ (קעסט, אויסהאלט).

דאָס וולאדימירער גרויספירשטנטומ. די פילצאָליקע פירשטנטומס, אינ וועלכע די צאָפנ=מיזרעכדיקע רוס איז געווענ צעטיילט, זײַנענ לעבאטכילע געווענ איינס פונעמ אנדערנ אבסאָליוט אָפגעזונדערט. די קעסיידערדיקע געפאר מיצאד דער גאָלדענער האָרדע אונ דעמ ליטווישנ גרויספירשטנטומ פלעגט אָבער צווינגענ די באפעלקערונג פונ די רוסישע פירשטנטומס פארייניקנ זיכ צוליב געמיינזאמענ קאמפ קעגנ די סאָנימ. דער צענטער, ארומ וועלכנ די רוסישע פירשטנטומס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ פארייניקנ, איז געוואָרנ דאָס וולאדימירער גרויספירשטנטומ. לויטנ אלטנ מינהעג, פלעגט דער כאנ פונ דער גאָלדענער האָרדע איינעמ פונ די רוסישע פירשטנ באשטימענ פארנ „גרויספירשט פונ וולאדימיר אונ פונ גאנצ רוס“, פארנ הויפט איבער די אלע איבעריקע פירשטנ, אונ פלעגט אימ דערופ ארויסגעבנ א „יארליק“. דער פירשט, וואָס פלעגט באקומענ דעמ טיטל גרויספירשט, פלעגט צײַטווײַליק אָנשליסנ אָנ זײַנע באזיצנ די שטאָט וולאדימיר אונ די ארומיקע געגנט.

די נייטיקײַט צו באשיצנ זיכ קעגנ די טאָטערנ האָט מיטגעווירקט דערצו, אז דער וולאדימירער גרויספירשט זאָל זיכ פארשטארקנ; אונטער זײַנ העגעמאָניע איז אופגעקומענ א בונד פונ די פירשטנ.

די פארבינדעטע האָבנ זיכ מיסכײַעוו געווענ צו העלפנ איינער דעמ אנדערנ קעגנ די טאָטערנ אונ אלע אנדערע אויסערלעכע סאָנימ. כוץ דעמ האָבנ די פארבינדעטע אײַנגעפירט אינ זייערע באזיצנ אלצײַנע טאמאָזשנע=פאָשלינעס. דאָס איז געווענ א באווײַז, אז אינ XIV יה. האָט די עקאָנאָמישע אָפגעזונדערטקײַט פונ די פעאָדאלע פירשטנטומס שוינ גענומענ אָפגעשוואכט ווערנ; דאָס האָט פארגרינגערט פאר זיי די מעגלעכקײַט זיכ צו פארייניקנ.

§ 27. נאָווגאָראָד אונ פסקאָוו אינ XIV—XV יאָרהונדערטער.

אינ א באזונדער לאגע בענעגייע צומ וולאדימירער גרויספירשטנטומ האָט זיכ געפונענ נאָווגאָראָד, — „די רוסישע הויפט=רעפובליק, וואָס האָט געהערשט אינ צאָפנ=רוסלאנד“, ווי עס דריקט זיכ אויס מארקס. פונ סאָפ XIII יה. אָנ האָט שוינ נאָווגאָראָד מער ניט געוויילט קיינ אייגענע פירשטנ. אלס נאָווגאָראָדער פירשט האָט זיכ גערעכנט דער וולאדימירער גרויספירשט. צוטרעטנדיק צומ רעגירנ אינ נאָווגאָראָד, פלעגט דער גרויספירשט, פונקט ווי אמאָל, דארפנ „קושנ דעמ קרייצ“ (ס'הייסט, געבנ א שווּע), אז ער וועט אָפהיטנ אלע רעכט פונ נאָווגאָראָד. די פארפליכטונגענ פונעמ גרויספירשט פלעגנ פיקסירט ווערנ אינ א ספעציעלער אָפמאכ=גראמאָטע. דער גרויספירשט אליינ פלעגט זעלטנ=ווענ קומענ קיינ נאָווגאָראָד, ער פלעגט אהער ארײַנשיקנ זײַנע שטאטהאלטער. אינ דער ווירקלעכקײַט האָבנ מיט נאָווגאָראָד רעגירט די פאָסאדניקעס אונ „טיסיאצקעס“ (טויזנט=עלטסטע), וואָס פלעגנ אויסגעוויילט ווערנ פונ צווישנ די נאָווגאָראָדער באָיארנ.

נאָווגאָראָד האָט דעמלט אלצ מער אונ מער באקומענ דעמ כאראקטער פונ א פעאָדאלער אריסטאָקראטישער רעפובליק. דער הויפט פונ דער דאָזיקער רעפובליק איז געווענ דער גרעסטער פונ די נאָווגאָראָדער פעאָדאלנ — דער ארכיִעפיסקאָפ. דעמ נאָווגאָראָדער ארכיִעפיסקאָפ האָבנ געהערט קאָלאָסאלע ערדבאזיצנ; ער האָט פארמאָגט אנ אייגנ כאיִל. אינ נאָווגאָראָד פלעגט גאָרנישט ניט געטאָנ ווערנ אָנ דעמ ארכייעפיסקאָפס האסקאָמע; ער פלעגט פירנ די אונטערהאנדלונגענ מיט פאָרשטייער פונ אויסלענדישע מעלוכעס. דער ארכייעפיסקאָפ האָט מיט אלע מיטלענ, וואָס ער האָט געהאט אינ זײַנ רעשוס, אונטערגעהאלטנ די מאכט אונ די באדײַטונג פונעמ באָיארנטומ אינ נאָווגאָראָד.

אפ דער ווטשע האָבנ ווי פריִער געבאלעבאטעוועט די נאָווגאָראָדער באָיארנ. אלע איניאָנימ פלעגנ צוערשט באטראכט ווערנ אפנ ראט פונ די פאָרנעמסטע באָיארנ, וועלכער פלעגט זיכ פארזאמלענ אונטערנ פאָרזיצ פונעמ ארכיִעפיסקאָפ. צוגלײַכ מיט די באָיארנ האָבנ אינ נאָווגאָראָד פונ XIV—XV יה. א גרויסע באדײַטונג געהאט די רײַכע סאָכרימ, וועלכע פלעגנ רײַכ ווערנ פונעמ האנדל מיט דער האנזע אונ מיט די רוסישע לענדער. די נאָווגאָראָדער סאָכרימ זײַנענ געווענ פארמיטלער צווישנ די באָיארנ אונ די דײַטשישע סאָכרימ, וועמענ זיי פלעגנ איבערפארקויפנ די פראָדוקטנ פונ דער לאנדווירטשאפט אונ דעמ רויב, וואָס זיי פלעגנ אופקויפנ בא די באָיארנ. די רײַכע סאָכרימ פלעגנ דעריבער געוויינלעכ שטיצנ די באָיארנ.

וואָס מער עס איז געוואקסנ די רײַכקײַט פונ די באָיארנ, אלצ מער האָט זיכ פארשטארקט זייער מאכט. אָט די רײַכקײַט זייערע האָט זיכ באזירט אפנ עקספלואטירנ די אונטערשטע שיכטנ פונ דער נאָווגאָראָדער באפעלקערונג. דעריבער איז אינ נאָווגאָראָד אָנגעגאנגענ א פארביסענער קלאסנקאמפ. אינ 1418 י. איז אינ נאָווגאָראָד אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד, וואָס איז ארויסגערופנ געוואָרנ דורכ דער עקספלואטאציע מיצאד די באָיארנ די וווכערניקעס. אזא מינ וווכערניק איז, ווי עס ווײַזט אויס, געווענ דער באָיארינ דאניִיל איוואנאָוויטש באָזשינ. איינער א סטעפאנקאָ האָט אימ אָנגעכאפט אינ גאס אונ גענומענ שרײַענ: „מענטשנ, העלפט מיר קעגנ דעמ דאָזיקנ רויצייעכ“. עס האָט זיכ צונויפגעקליבנ א האמוינ. מע האָט אוועקגעשלעפט דעמ באָיארינ אפנ וואָלכאָווער בריק אונ ארײַנגעוואָרפנ אינ וואסער ארײַנ. צופעליק אָבער האָט ער זיכ געראטעוועט. אז ער איז ארויס מיטנ לעבנ, האָט ער געכאפט סטעפאנקאָנ אונ האָט אימ גענומענ פײַניקנ. דאנ האָט מענ גענומענ קלינגענ אינ וועטשע-גלאָק אפ דער מארק-זײַט. דער האמוינ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צו דער גאס, ווו באָזשינ האָט געוווינט, האָט צעראבירט זײַנ הויז אונ האָט זיכ א לאָז געטאָנ גראָמירנ די הײַזער פונ אנדערע באָיארנ, מיטנ געשריי: „זיי זײַנענ אונדזערע דאמ-סאָנימ“. מע האָט צעטראָגנ אויכ די באָיארישע טווע-שפײַכלערס. אפ דער סאָפיִער זײַט האָבנ זיכ באָיארנ באוואָפנט אונ אָפגעשלאָגנ די אָנפאלער. פונ ביידע זײַטנ זײַנענ אפנ וואָלכאָווער בריק זיכ צונויפגעלאָפנ מענטשנ אינ פולנ וואָפנ, פונקט ווי צו א מילכאָמע; עס זײַנענ שוינ אפילע געווענ דערהארגעטע. האָט זיכ אָבער אינ דעמ איניענ ארײַנגעמישט דער נאָווגאָראָדער ארכיִעפיסקאָפ; אינ דער באגלייטונג פונ די גײַסטלעכע איז ער אינ איינ אײַלעניש געקומענ צומ אָרט פונעמ געשלעג. אלס איינער פונ די גרעסטע נאָווגאָראָדער פעאָדאלנ, איז דער ארכיִעפיסקאָפ געווענ פארינטערעסירט וואָס גיכער צו מאכנ א סאָפ צומ אופשטאנד. זײַנ ארויסטרעטונג האָט געראטעוועט די באָיארנ פונ פולשטענדיקער צעגראָמירונג.

אינמיטנ XIV יה. האָט זיכ פסקאָוו ענדגילטיק אָפגעטיילט פונ נאָווגאָראָד. די פסקאָווער פלעגנ אויסוויילנ אפ דער וועטשע אייגענע פאָסאדניקעס פונ צווישנ די פסקאָווער באָיארנ. אויכ דאָ, פונקט ווי אינ נאָווגאָראָד, איז געגאנגענ א פארביסענער קלאסנקאמפ. פונקט ווי נאָווגאָראָד, איז פסקאָוו געווענ אונטערגעוואָרפנ דעמ וולאדימירער גרויספירשט, וועלכער פלעגט אהער ארײַנשיקנ זײַנע שטאטהאלטער.

קאפיטל X.

די דערהייבונג פונ מאָסקווע.

28 §. די פארשטארקונג פונעמ מאָסקווער פירשטנטומ.

מאָסקווע אונ טווער אינ אָנהייב XIV יה. אינעמ ערשטנ פערטל פונ XIV יה. האָט זיכ צווישנ די צוויי שטארקסטע פירשטנ פונ דער צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס — דעמ טווערער אונ דעמ מאָסקווער — צעפלאקערט א פארביסענער קאמפ איבער דעמ, ווער עס זאָל זײַנ וולאָדימירער גרויספירשט. ביידע פירשטנטומס האָבנ פארנומענ א גינסטיקע געאָגראפישע לאגע. זיי האָבנ ווייניקער ווי אנדערע געהאט אויסצושטייג פונ די אָנפאלג פונ די טאָטערנ, ווײַל פונ דאָרעמ־מיזרעכ זײַנענ זיי געווענ פארשטעלט דורכ אנדערע פירשטנטומס; אהער, אינ די דאָזיקע ביידע פירשטנטומס, פלעגט זיכ צונויפלויפנ די באפעלקערונג פונ די רויִנירטע געביטנ. דעריבער איז דער וווּקס פונ די פראָדוקטיוו־קרעפטנ אינעמ טווערער פירשטנטומ אונ אינעמ מאָסקווער געגאנגענ גיכער איידער אינ די אנדערע געביטנ פונ דער צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס.

טווער איז געשטאנענ אפ דער וואָלגע, ניט ווײַט פונעמ אָרט, וווּ עס פאלט אינ איר ארײַנ דער טײַכ טווערצא, אונ האָט געהאלטנ אינ אירע הענט דעמ גאנצנ סכוירע־טראנזיט פונ נאָווגאָראָד צו דער וואָלגע, וואָרעמ מיט דער טווערצא פלעגנ די נאָווגאָראָדער סאָכרימ פאָרנ אינ דער צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס. מיט דער וואָלגע איז געגאנגענ אויכ דער האנדל פונ די טווערער סאָכרימ מיט די מיזרעכ־לענדער.

מאָסקווע איז געשטאנענ אפנ ברעג פונ דער אָקא — אפנ טײַכ מאָסקווא. דורכנ מאָסקווער פירשטנטומ איז געגאנגענ א גלײַכער וועג פונ דער אויבער־וואָלגע צו דער אָקא. פונ דער אָקא האָט מענ געקאָנט צוקומענ צו דער אויבערשטרעמונג פונ דאָנ, אונ מיטנ דאָנ זיכ ארויפלאָזנ אינ אזאָווער אונ אינ שווארצנ יאמ אונ דערגייג ביז קרימ צו פירנ האנדל מיט די איטאליענישע האנדלס־קאָלאָניעס, וואָס האָבנ זיכ דאָרט צו יענער צײַט געגרינדעט.

מאָסקווע האָט פארמאָגט די מעלע, וואָס זי האָט פארנומענ א צענטראלע לאגע צווישנ די אנדערע צאָפנ־מיזרעכדיקע רוסישע פירשטנטומס. די דאָזיקע לאגע האָט באוואָרנט איר זיכערקייט ניט נאָר קעגנ די טאָטערנ, נאָר אויכ קעגנ ליטע אונ קעגנ די דײַטשנ. דאָס האָט פארלײַכטערט מאָסקווע צו פארייניקנ אלע צעשפליטערטע פירשטנטומס פונ דער צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס.

מאָסקווע איז געוואָרנ די הויפטשטאָט פונ א באזונדער פירשטנטומ ערשט סאָפ XIII יה. אינ יענער צײַט איז נאָכ דאָס מאָסקווער פירשטנטומ געווענ זייער קליינ. צו אימ האָבנ, כוצ מאָסקווע, געהערט צוויי שטעט — רוזא אונ זווענינאָראָד. דער



דעמ כאנ אוזבעקס פײַזע — א זילבערנער צייכנ, וואָס באשטעטיקט די באזיצ-רעכט.
היסטאָרישער מוזיי.

איבערזעצונג פונ אראביש: „מיט דער קראפט פונעמ גרויסנ הימל, מיט דער שוצ פאר יעדער גרויסקײַט אונ גלאנצ. ווער עס וואָרפט זיכ ניט אונטער אוזבעקס באפעל, דעמ קומט טויט-שטראָף".

מאָסקווער פירשט דאניִל (אלעקסאנדר ניעווסקיס א זונ) האָט אינ 1301 י. פארנומענ קאָלאָמנע, ווו דער טײַכ מאָסקווא פאלט ארײַנ אינ דער אָקא; אינ 1302 י. האָט ער בעירושע באקומענ דאָס שכייניִשע פערעיאסלאווער פירשטנטומ, אונ דאָס האָט זייער פארשטארקט מאָסקווע. דאָכ איז טווער צוערשט געווענ שטארקער. דער טווערער גרויספירשט מיכאיִל יאראָסלאווויטש האָט אינ אָנהייב XIV יה. באקומענ פונ די טאָטערנ א יארליק אפנ טיטל וולאדימירער גרויספירשט.

די טאָטערנ האָבנ מיט אלע מיטלענ זיכ געסטארעט אָפּצושוואכנ די רוסישע פירשטנטומס אונ פלעגנ ניט דערלאָזנ, אז איינ פירשט זאָל זיכ פארשטארקנ אפנ כעזשבנ פונעמ אנדערנ. אוזבעק, וואָס האָט אינ יענער צײַט רעגירט מיט דער גאָלדענער האָרדע, איז נאָכ באטײַענ געווענ איינער פונ די מעכטיקסטע כאנענ; אָבער אפילע ער האָט מוירע געהאט, אז דער וולאדימירער גרויספירשט זאָל זיכ ניט פארשטארקנ. דעריבער האָט ער געשטיצט קעגנ מיכאיִלנ דעמ מאָסקווער פירשט יורי דאנילאָוויטש (1303—1325). דער כאנ האָט זײַנ שוועסטער געגעבנ יורינ פאר א ווײַב אונ האָט אימ געגעבנ טאָטעריש כאיִל אפ מילכאָמע צו האלטנ מיטנ טווערער גרויספירשט. ניט געקוקט אפ דער הילפ פונ די טאָטערנ, האָט יורי דאָכ געליטנ א שווערע מאפּאָלע. עס איז אפילע ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט זײַנ פרוי, אוזבעקס שוועסטער, אונ אינ געפאנגענשאפט איז זי געשטאָרבנ. יורי האָט זיכ דערמיט באנוצט אונ האָט פארקלאָגט פארנ כאנ מיכאיִלנ, אז יענער האָט זי קלוימערשט געסאמט; ער האָט זיכ דערשלאָגנ א טויט-אורטייל איבער מיכאיִלנ אונ האָט באקומענ דעמ געגארטנ יארליק אפנ טיטל גרויספירשט. אינגיכנ אָבער איז ער אלײנ געפאלנ פונ דער האנט פונ איינעמ פונ מיכאיִלס זינ. אוזבעק האָט יורימס מערדער געקעפּט, נאָר דעמ גרויספירשטלעכנ טראָנ האָט ער פונדעסטוועגנ אָפּגעגעבנ מיכאיִלס צווייטנ זונ — דעמ פירשט אלעקסאנדר מיכײַלאָוויטש.

איוואנ דאנילאָוויטש קאליטא. אינ מאָסקווע האָט יורינ געיארשנט זײַנ ברודער איוואנ דאנילאָוויטש (1325—1341), וועלכער האָט פאר זײַנ רײַכקײַט באקומענ דעמ נאָמענ קאליטא, דה. געלט-זאק. איוואנ קאליטא איז געווענ א כיטרער אונ געשיקטער הערשער. ער פלעגט זיכ ניט אָפּשטעלנ פאר קיינע מיטלענ, אבי נאָר צו דערגרייכנ דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. א גרויסע אונטערשטיצונג האָט ער באקומענ בא דער קירכ, וואָרעמ די קירכ איז געווענ פארינטערעסירט אינ דער פארניכטונג פונ דער פעאָדאלער צעברעקלטקײַט. א שטארקע מעלוכע האָט געזאָלט אָפּהיטנ

די רעכט פונ דער קירכ אפ דער פאַרכאַפּטער ערד און אפ די פּויערימ, וואָס זײַנענ בא איר געווענ פאַרקנעכטעט. די רוסישע מיטראָפּאָליטנ האָבנ שוינ דעמלט געלעבט ניט אינ קיִעוו, וואָס די טאָטערנ האָבנ כאָרעוו געמאכט, נאָר אינ וולאדימיר. יורי דאנילאָוויטשנ און איוואנ קאליטאנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צוציִענ דעמ מיטראָפּאָליט פּיאָטר אפ זייער זײַט. דער מיטראָפּאָליט איז אריבערגעפאָרנ פונ וולאדימיר קיינ מאָסקווע, און פונ דאנ אָנ איז מאָסקווע געוואָרנ די רעזידענצ פונ אלע שפּעטערדיקע מיטראָפּאָליטנ. דער מאָסקווער פירשט האָט געפונענ אינ דעמ מיטראָפּאָליט זייער א מעכטיקנ פאַרבינדעטנ. די קירכ האָט געלאָזנ אינ גאנג איר גאנצע רעליגיעזע ווירקונג אפ צו פאַרשטארקנ די מאָסקווער פירשטנ. דראָענדיק מיט ארײַנוואַרפנ אינ כיירעמ, האָט דער מיטראָפּאָליט געקאָנט צווינגענ די שכייִנישע פירשטנ, זיי זאָלנ זיכ אונטערוואַרפנ דעמ ווילנ פונ מאָסקווע. כוץ דעמ, האָט די קירכ געהאַט אינ איר באזיצ קאָלאָסאלע באפעלקערטע שטיקער לאנד און האָט געקאָנט מיטהעלפנ די מאָסקווער פירשטנ אי מיט געלט, אי מיט מיליטער=קראפט.

צוציִענדיק אפ זײַנ זײַט די קירכ, האָט איוואנ קאליטא גלײַכצײַטיק ניט געזשאלעוועט זײַנ אָנגעזאמלטע אשירעס אפ אונטערצוקויפנ דעמ כאנ מיט זײַנע ווײַבער און זײַנע מעקוראָווימ. אזויארומ האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ צו שאפנ אינ דער האָרדע א פעסטנ צאד. אינגיכנ האָט זיכ אימ געמאכט די געלעגנהײַט צו פאַרכאפּנ מיט דער הילפ פונ די טאָטערנ דעמ גרויספירשטלעכנ טראָנ. אינ 1327 י. איז קיינ טווער ארויפגעקומענ דעמ כאנס א שאָליעב טשאָלכאנ (שטשעלקאנ, ווי עס רופנ אימ די רוסישע פאָלקס=לידער) מיט א גרויסנ טאָטערשנ אָטריאד. די טאָטערנ האָבנ גענומענ ראבעווענ די שטאָט=לײַט, און די טווערער האָבנ אופגעהויבנ אנ אופשטאנד. אינ שפּיצ פונ די אופגעשטאנענע האָט זיכ געשטעלט דער גרויספירשט אלעקסאנדער אליינ. טשאָלכאנ מיט זײַנע טאָטערנ זײַנענ אויסגעהארגעט געוואָרנ. איוואנ קאליטא האָט זיכ אפגיכ געלאָזט פאָרנ אינ דער האָרדע און האָט פאָרגעלייגט דעמ כאנ זײַנ הילפ אפ צו באשטראָפנ די אופשטענדלער. מיט א גרויס טאָטעריש כאַיל האָט זיכ איוואנ קאליטא ארײַנגעריסנ אינ טווערער פירשטנטומ און האָט דאָ אָנגעמאכט א געוואלדיקנ כורבנ. דער גרויספירשט אלעקסאנדער מיכײַלאָוויטש האָט זיכ באהאלטנ אינ פּסקאָוו. דער מיטראָפּאָליט פעאָגנאָסט האָט אָנגעשראָקנ די פּסקאָווער, אז אויב זיי וועלנ ניט ארויסגעבנ דעמ גרויספירשט, וועט ער זיי ארײַנוואַרפנ אינ כיירעמ; איז דער גרויספירשט אנטלאָפנ קיינ ליטע. שפּעטער האָט זיכ אלעקסאנדער אומגעקערט קיינ טווער און האָט באוויזנ זיכ צו דערשלאָגנ באמ כאנ, ער זאָל אימ מויכל זײַנ. דערנאָכ אָבער האָט דער כאנ, לויט איוואנ קאליטאס אייצע, ארויסגערופנ אלעקסאנדערנ אינ דער האָרדע און געהייסנ דערהארגענענ אימ.

דער מאָסקווער פירשט האָט זיכ דערשלאָגנ צו זײַנ ציל. אינ 1328 י., נאָכ דעמ, ווי דער אופשטאנד אינ טווער איז דערשטיקט געוואָרנ, האָט ער באקומענ דעמ טיטל וולאדימירער גרויספירשט. דער כאנ האָט אימ געגעבנ דאָס רעכט אײַנצומאָנענ פאר די טאָטערנ דעמ צינז פונ גאנצ רוס און אליינ עס ברענגענ אימ צו פירנ אינ דער האָרדע. אדאנק דעמ איז איוואנ קאליטאס באדײַטונג צווישנ די אנדערע רוסישע פירשטנ שטארק געשטיגנ. ער האָט באקומענ איבער זיי א געוויסע מאכט. פונ דער אנדער זײַט, האָט ער זיכ אלצ מער געשטעלט אינ אנ אומאָפּהענגיקער לאגע בנוגע די טאָטערנ. א טייל פונעמ צינז פלעגט ער צונעמענ פאר זיכ און איז אזויארומ געוואָרנ אלצ רײַכער. איוואנ קאליטא האָט שטארק פאַרברייטערט זײַנע

באזיצנ אפנ בעזשבנ פונ די שכייניש פירשטנ. מיט גרויס ענערגיע, ניט מ׳עסנדיק זיכ מיט קיינע מיטלענ, — ווי געקויפט, ווי פארכאפט מיט געוואלט, — האָט ער זיכ צוגעשניטנ אייג שטיק לאנד נאָכנ צווייטנ. דערביי האָט ער קונציק אויסגענוצט די טאָטערנ אפ צו פארשטארקנ זיינ אייגענע לאגע. איוואנ קאליטא האָט, — לויט מארקס׳ ווערטער, — פארוואנדלט דעמ כאנ אינ א געציי, וואָס מיט זיינ הילפ פלעגט ער פאָטער ווערנ פונ די סאמע געפערלעכע קאָנקורענטנ אונ באזייטיקנ יעטווידע מעגלעכע אפנ וועג צו פארכאפנ די מאכט. ער פלעגט ניט דערלאָזנ די אודיעלנ אינ מילכאָמע, נאָר אומבאמערקט אריבערגענומענ אפ זיכ אליינ די רעכט פונ די באצווינגער די טאָטערנ.

אז איוואנ קאליטא איז געשטאָרבנ, האָט ער געלאָזנ שוינ א גאנצ גרויס פירשטנטום. זיינ ברודער יורי אונ ער אליינ האָבנ צו די באזיצנ, וואָס זיי האָבנ געיארשנט פונעמ פאָטער, אָנגעשלאָסנ מאָזשייסק אונ נאָכ עטלעכע שטעט. אצינד האָט די גאנצע שטראָמונג פונעמ טייכ מאָסקווא — פונ קאָלאָמנע ביז מאָזשייסק — געהערט צו די מאָסקווער פירשטנ. אָט אזוי האָט זיכ גענומענ אויסבילדנ די טעריטאָריע פונ דער קומענדיקער רוסישער מעלוכע.

איוואנ קאליטא איז געווענ אזוי שטארק, אז ער האָט שוינ געקאָנט אײנפירנ א געוויסע אָרדענונג בא זיכ אינ פירשטנטום. דער כראָניק-שרייבער פארזיכערט, אז אינ איוואנ קאליטאס צייט „האָט זיכ אָנגעהויבנ א גרויסע רויקייט אפנ גאנצנ רוסישנ לאנד אונ די טאָטערנ האָבנ אופגעהערט מיטנ לאנד מילכאָמע פירנ“. אויכ אינעמ פירשטנטום גופע איז אינ א געוויסער מאָס געוואָרנ זיכערער דאָס לעבנ אונ עס האָבנ זיכ פארקלענערט די אָנפאלנ פונ גאזלאָנים.

§ 29. דער אָנהייב פונעמ קאמפ קעגנ די טאָטערנ.

דימיטרי דאָנסקאָי. נאָכ איוואנ קאליטאס טויט איז די פארשטארקונג פונעם מאָסקווער פירשטנטום געגאנגענ אלצ ווייטער. דאָס וולאדימירער גרויספירשטנטום איז די גאנצע צייט פארבליבנ בא איוואנ קאליטאס יאָרשימ אינ די הענט. בלויז אינ 1359 י., ווענ עס איז געשטאָרבנ זיינ צווייטער זונ איוואנ דער II אונ דער מאָסקווער טראָנ איז אריבער צו איוואנ דעמ II-טנס מינדעריעריקנ זונ דימיטרי איוואנאָוויטש (1359—1389), האָבנ די שכייניש פירשטנ געמאכט א פרווו אָפצונעמענ באמ מינדעריעריקנ מאָסקווער פירשט דאָס גרויספירשטנטום. די מאָסקווער באָיארנ האָבנ זיכ אָבער דערשלאָגנ אינ דער האָרדע, אז אלס גרויספירשט זאָל באשטעטיקט ווערנ זייער פירשט, זיי האָבנ ארופגעזעצט דאָס יינגל דימיטרי אפ א פערד אונ זיינענ ארויסגעטראָטנ אינ א מארש קעגנ זיינ קאָנקורענט — דעמ סוזדאלער פירשט. דעמ זיג האָט אָפגעהאלטנ מאָסקווע, אונ דימיטרי איז געוואָרנ הערשער איבער וולאדימיר.

אינ דימיטריס צייטנ האָט דאָס מאָסקווער פירשטנטום דערגרייכט א גרויסע קראפט. דימיטרי האָט שטארק באפעסטיקט זיינ הויפטשטאָט מאָסקווע אונ האָט זי ארומגערינגלט מיט געמויערטע ווענט אָנשטאָט די פריערדיקע דעמבענע. ער האָט ענעריגיש געשטרעבט צו פארשפרייטנ זיינ מאכט אפ די איבעריקע פירשטנטומס אונ האָט „אפ אלע פירשטנ די רוסישע ארופגעצוווּנגענ זיינ ווילנ“. א לאנגדויערנדיקע מילכאָמע איז אימ אויסגעקומענ צו פירנ מיט די שכייניש פירשטנטומס: מיטנ

טווערער, ריאַזאַנער און ניזשני-נאָווגאָראָדער. דימיטריס סאָנים האָבנ געזוכט הילפ באַמ ליטווישנ גרויספירשט אָלגערד. אָלגערד איז שוינ אפילע געהאַט צוגעטראָטנ צו מאָסקווע, נאָר די געמויערטע ווענט האָבנ זי געמאַכט אומצוטריטלעכ. דימיטריג האָבנ שטאַרק מיטגעהאָלפנ זײַנע וואַסאַלנ, די באָיאַרנ און די גײַסטלעכע, באַזונדערס דער מיטראָפּאָליט אַלעקסיי.

דער אָנשלוס פונעמ לאַנד פונ די וויטשעגדער קאָמי. דימיטרי האָט אָנגעהויבנ פאַרשפּרייטנ זײַנ מאַכט אויכ אַפּ אַזוינע לענדער, ווו עס האָבנ געלעבט ניט-רוסישע פעלקערשאַפטנ. אינעמ אוראַלער געביט, אַפּנ טײַכ וויטשעגדאַ, אַ בײַטײַכ פונ דער צאָפנ-דווינע, און בײַ דער אויבערשטערעמונג פונ דער קאַמע האָבנ געלעבט די זיריאַנער (קאָמי) און זייערע שטאַמ-קרויווים — די פערמיאַקער. זייער לאַנד איז געווענ באַדעקט מיט וועלדער, וואָס זײַנענ געווענ רײַכ מיט פוטער-כײַעס. די קאָמי זײַנענ געווענ געניטע יעגער. געלעבט האָבנ זיי אינ שוואָטימ, וואָס אינ דער שפּיצ פונ זיי זײַנענ געשטאַנענ קליינע פירשטנ. די קאָמי זײַנענ געווענ געצנדינער; בײַ זיי איז געווענ פאַרשפּרייט דער קולט פונ הייליקע ביימער, וואָס די צווײַגנ זייערע פלעגט מענ באַהענגענ מיט פעלכלעכ פונ כײַעס און מיט אַנדערע מאַטאָנעס. מיט די זעלבע מאַטאָנעס פלעגט מענ אָנפילנ די הייליקע ערטער — שטיבלעכ, ווו עס פלעגנ זיכ געפינענ מעגושעמדיקע אָפּגעטער. די רוסישע סאָכרימ האָבנ שוינ פונ לאַנג אָנגעהויבנ פאָרנ אינ דעמ קאָמי-לאַנד נאָכ רויכוואַרג. בײַ דער מיטהילפ פונעמ גרויספירשט דימיטרי האָט איינער אַ מאָנאַכ, מיטנ נאָמענ סטעפאַנ, גענומענ מאַכנ די קאָמי פאַר קריסטנ. סטעפאַנ פלעגט פאַרניכטנ די געצנדינערישע הייליקטומס, ער האָט אויסגעהאַקט דעמ באַזונדערס פאַרהייליקטנ בעריאָזע-ביימ און האָט אַפּ דעמ זעלבנ אָרט אויסגעבויט אַ קלויסטער. ער האָט דערפונדנ אַ זיריאַנישנ אַלעפבייז און האָט איבערגעזעצט אַפּ דער קאָמי-זיריאַנישער שפּראַכ פאַרשיידענע גאָטעסדינסט-ביכער. אָבער דער אמעראַציִשער מאָסקווער קלער האָט ניט געשטיצט דעמ פרווו צו שאַפנ אַ קאָמי-זיריאַנישע שריפט. דאָס אָנעמענ קריסטנטומ האָט געדראָט די קאָמי מיט פאַרשקלאַפונג. סטעפאַנ, וואָס איז באַשטימט געוואָרנ אַלס יעפּיסקאָפּ איבערנ לאַנד פונ די קאָמי, האָט אַפּ דעמ אָרט, ווו דער טײַכ וויִמ פאַלט אַרײַנ אינ דער וויטשעגדאַ, אויסגעבויט אַ באַפעסטיקטנ יִשעוו. די אַרומיקע ערד און די פישפאַנג-פלעצער האָט מענ בײַ די אײַנוווינער אָפּגענומענ און מע האָט עס דערקלערט אַלס אייגנטומ פונעמ יעפּיסקאָפּ. דער יעפּיסקאָפּ איז געוואָרנ אַ מינ אויבערהאַר איבערנ גאַנצנ לאַנד, און די באַפעלקערונג איז אַרײַנגעפאַלנ צו אימ אינ פעאָדאַלער אָפּהענגיקײַט. צוזאַמענ מיטנ קריסטנטומ האָט דער יעפּיסקאָפּ פאַרשפּרייט אויכ די מאַכט פונעמ מאָסקווער גרויספירשט. די מאָסקווער צינז-אויפמאַנער פלעגנ קומענ אַפּ דער וויטשעגדאַ און באַרײַסנ די אָרטיקע אײַנוווינער.

די קוליקאָווער שלאַכט. אינ דימיטריס צײַטנ איז דאָס מאָסקווער גרויספירשטנטומ געוואָרנ אַזוי שטאַרק, אַז ס'האָט גענומענ פירנ אַ קאַמפּ מיט די טאָטערנ. אינ אָט דעמ איניענ האָט דימיטרי געהאַט די אונטערשטיצונג פונעמ גאַנצנ רוסישנ פאָלק. אינ דער צײַט, ווענ מאָסקווע איז געוואָרנ אַלצ שטאַרקער, איז אינ דער גאָלדענער האָרדע געגאַנגענ אַלצ טיפער דער פּראָצעס פונ פעאָדאַלער צעשפּליטערונג. אינ די באַזונדערע טיילנ פונ דער גאָלדענער האָרדע-מעלוכע האָבנ זיכ באַוויזנ זעלבשטענדיקע כאַנענ, וואָס האָבנ איינער באַמ אַנדערנ באַשטריטנ די מאַכט. אַלס מעכטיקסטער צווישנ די טאָטערשע פעאָדאַלנ האָט זיכ אויסגעטיילט דער פירשט (דער

„טיעמניק", ווי ער האָט געהייסנ בײַ די אַלטע רוסנ, ד. ה. דער צענטויזנט=עלטסטער) מאַמײַ, וועלכער האָט רעגירט איבערנ גרעסטנ טייל פונ דער האָרדע.

אינ 1378 י. האָט זיכ דאָס טאָטערשע כאַיל, וואָס מאַמײַ האָט ארויסגעשיקט, ארײַנגעריסנ אינ ריאַזאַנער לאַנד, קעדיי צו גײַנ אַפ מאָסקווע, נאָר עס האָט געליטנ א שווערע מאַפּאָלע בײַמ טײַכ וואָזשא. דאַנ האָט מאַמײַ געשלאָסנ א בונד מיטנ ליטווישנ גרויספירשט יאַגײַלאָ. מיט א גרויס כאַיל האָט זיכ מאַמײַ געלאָזנ אינ מאַרש. דער ריאַזאַנער גרויספירשט האָט געשלאָסנ א בונד מיט מאַמײַענ, אויסרעבענענדיק דערופ, אַז מיט זײַנ הילפ וועט זיכ אימ אײַנגעבנ אײַנבערעכנ מאָסקווע. דימיטרי, פונ זײַנ זײַט, האָט צונויפגענומענ א כאַיל פונ 150 טויזנט מאַנ. אונטער זײַנ פאָנ איז ארויסגעטראָטנ א גרויסע צאָל רוסישע פירשטנ. עס האָבנ זיכ צו אימ אָנגעשלאָסנ אויכ צוויי ליטווישע פירשטנ, אָלגערדס זינ. מיט דעמ דאָזיקנ כאַיל איז דימיטרי אריבערגעגאַנגענ דעמ טײַכ אָקא אונ איז צוגעקומענ ביזנ דאָנ. דאָ האָט ער צונויפגעקליבנ א מיליטערישנ ראַט. עס האָט זיכ צעפלאַקערט א שטרײַט. אייניגע האָבנ געטײַנעט: „גיי, פירשט, אַפ יענער זײַט דאָנ!" אונ אַנדערע האָבנ דערווידערט: „גיי ניט, ווײַל די סאָנימ זײַנענ גרויס אינ צאָל". דימיטרי האָט אײַנגעשטימט



די קוליקאָווער שלאַכט (8 סענטיאַבער 1380 יאָר).

די קוליקאָווער שלאכט. לעבנס־באשרײַבונג פונ סערגי דעמ ראדאָניעזשער.

מיט דער מיינונג פונ די מער געוואגטע. דאָס כאַיל איז אריבער דעמ דאָנ. דעמ 8 סענטיאבער 1380 י. איז אפנ גרויסנ קוליקאָווער פעלד, בא דער לעפצונג פונעמ טײַכ ניעפּריאדווא, פאָרגעקומענ אנ אנטשיידנדיקע שלאכט. אפ די בערגלעכ, וואָס האָבנ באזוימט דאָס פעלד, זײַנענ געשטאנענ די רוסנ אונ די טאָטערנ. ווי נאָר דער פרימאָרגנדיקער נעפּל איז אראָפּ, האָבנ זיכ ביידע צדאָדימ אראָפּגעלאָזנ אפנ קולי־קאָווער פעלד. צוגעבנדיק זײַנ כאַיל מוט, האָט זיכ דימיטרי געווענדט ניט נאָר צו די פירשטנ אונ באָיארנ, נאָר אויכ צו די „יונגערע מענטשנ (צומ פּאָשעטנ אוילעמ), צו די זינ די פויערשע פונ קליינ ביז גרויס“, וואָס פונ זיי איז באשטאנענ די הויפּט־מאסע פונ זײַנ כאַיל. עס האָט זיכ פארבונדנ א שלאכט. בלוט האָט זיכ געגאָסנ אפ א מעהאלעכ פונ עטלעכע ווערסט, די פערד האָבנ ניט געקאָנט א טראָט טאָנ איבער

די טויטע קערפערס, קריגער זײנענ אומגעקומענ אונטער די טלאָענ, דערשטיקט געוואָרג פונ ענגשאַפט. צוערשט האָבנ גענומענ די אויבערהאַנט די טאָטערנ. אינ א באַהעלטעניש איז נאָכ אָבער געשטאַנענ אנ אָטריאַד רוסיש כאַװל אונטער דער קאָמאַנדע פונ דימיטריס שוועסטערקינד — װלאַדימיר אַנדרײעװיטש דעמ סערפּוכאָװער אונ פונעמ װאָיעװאָדע װאָלינסקי-באָבראָק. דער אָטריאַד האָט זיכ געריסנ אינ שלאַכט; זײ האָבנ געטײנעט: „װי לאַנג װעלנ מיר דאָ נאָכ שטײנ? װאָס איז די פּוילע פונ אונדז?“ באָבראָק האָט אָבער אײנגעהאַלטנ די קריגער, װײל דער װינט האָט געבלאָזנ די רוסנ אינ פּנעמ אַרײנ. װענ די ריכטונג פונעמ װינט האָט זיכ געענדערט, האָט ער א זאָג געטאָנ: „אַצינד איז צײט!“ די רעזערװ-קרעפטנ האָבנ זיכ א װאָרפ געטאָנ אינ שלאַכט. דאָס, װאָס אינ דער אַנטשײדנדיקער מינוט זײנענ אַפּ די טאָטערנ פונ הינטער זײערע פּלײצעס אָנגעפאַלנ פרישע קױכעס, האָט אַנטשײדנ דעמ אױסגאַנג פונ דער שלאַכט לטױװעס די רוסנ. די טאָטערנ האָבנ זיכ געלאָזט לױפנ. די רוסנ האָבנ זײ נאָכגעיאָגט אונ האָבנ פאַרכאַפּט דעמ לאַגער פונ די טאָטערנ. פאַר דעמ זיג אַפּנ קוליקאָװער פעלד האָט מענ דימיטריג אָנגערופנ דאָנסקאָי (דער דאָנער).

אינגיכנ איז מאַמײ געפאַלנ אינ קאַמפּ מיטנ נײעמ כאַנ טאָכטאַמיש. בײגעקומענ מאַמײענ, האָט טאָכטאַמיש אינ 1382 י. אומגעריכט דערלאַנגט א קלאַפּ אַפּ מאָסקװע. געטראָפנ געװאָרנ אומגעריכט, איז דער גרױספירשט דימיטרי אַרױסגעפאָרנ אַפּ צאָפנ צונױפנעמענ כאַװל. נאָכ אימ נאָכ האָבנ אױכ די באָיאַרנ געװאָלט אַנטלױפנ פונ שטאָט. דאַנ איז אינ מאָסקװע אױסגעבראָכנ אנ אופשטאַנד. די מאָסקװער אײנװױנער האָבנ אױסגעשטעלט באַ די טױערנ א װאַכ אונ האָבנ קײנעמ ניט אַרױסגעלאָזט פונ קרעמל, כוץ דער גרױספירשטנ אונ דעמ מיטראָפּאָליט. װענ די טאָטערנ האָבנ געמאַכט א פּרוּװ צו נעמענ דעמ קרעמל מיט א שטורעמ-אַטאַקע, האָבנ די אײנװױנער גענומענ באַגיסנ זײ מיט זודיק װאַסער, באַװאַרפנ זײ מיט שטײנער, באַשיסנ פונ פײער-געװער. טאָכטאַמישנ האָט זיכ ניט אײנגעגעבנ נעמענ מאָסקװע. נאָכ א דרײטאָגיקער שלאַכט האָבנ די טאָטערנ גענומענ פירנ אונטערהאַנדלונגענ אונ האָבנ מיט א שװינדל, געבנדיק א שװוּע, אַז זײ װעלנ די שטאָט ניט אָנרירנ, זיכ דערשלאָגנ, מע זאָל זײ אָפּגעבנ מאָסקװע. אָבער װי נאָר מע האָט געעפנט די טױערנ, האָבנ זיכ די טאָטערנ אַרײנגעריסנ אינ קרעמל, האָבנ אױסגעהאַרגעט זײנע באַשיצער, צעראַבעװעט די שטאָט אונ זי אונטערגעצונדנ. נאָכ דעמ דאָזיקנ דורכפאַל האָט דימיטרי געמוזט, װי פריער, צאָלנ די טאָטערנ ציגז.

די קוליקאָװער שלאַכט האָט אַזױאַרומ נאָכ ניט באַפרײט די צאָפנ-מיזרעכדיקע רוס פונעמ טאָטערשנ יאָכ, דאָכ איז די באַדײטונג אירע געװענ גרױס; זי האָט באַװיזנ, אַז װענ די קױכעס פונעמ רוסישנ פאָלק זאָלנ זײנ פאַרײניקט אונ באַהעפט, קאָנ מענ די טאָטערנ צעקלאַפּנ. דער צענטער פונעמ קאַמפּ פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקײט איז געװאָרנ מאָסקװע. די קוליקאָװער שלאַכט האָט אײדעס געזאָגט, אַז אינ מיזרעכ אײראָפּע „...האָבנ די אינטערעסנ פונ באַשיצנ זיכ קעגנ דער אינװאַזיע פונ די טערקנ, פונ די מאָנגאָלנ אונ פונ אַנדערע מיזרעכ-פעלקער געפאָדערט, עס זאָלנ טײקעפּ אױסגעבילדעט װערנ צענטראַליזירטע מעלוכעס, װאָס זאָלנ פײיִק זײנ אײנצוהאַלטנ דעמ אָנדראַנג פונ דער אינװאַזיע“[1].

---

[1] סטאַלינ, דער מאַרקסיזמ אונ די נאַציאָנאַל-קאָלאָניאַלע פראַגע, 1939, ז. 97 (רוסיש).

§ 30. דער פעאָדאלער קאמפ אינ דער ערשטער העלפט XV יה.

דער אָנשלוס פונעם ניזשניענאָווגאָראָדער פירשטנטום. אינ די צײַטנ פונ דימיטרי דאָנסקאָיס זונ—דעמ גרויספירשט וואסילי דעמ I דימיטריִעוויטש (1389—1425) איז צו מאָסקווע אָנגעשלאָסנ געוואָרנ דאָס ניזשניענאָווגאָראָדער פירשטנטום. וואסילי דימיטריִעוויטש האָט געקויפט באַמ כאַנ א יאַרליק אַפ דעמ דאָזיקנ פירשטנטום. דעמ גורל פונ ניזשניענאָווגאָראָד האָט אָבער אנטשיידנ ניט דעמ כאַנס יאַרליק, אנטשיידנ האָבנ אימ די ניזשניענאָווגאָראָדער פעאָדאלנ, — זיי האָט בעסער געלוינט צו דינענ דעמ מעכטיקערנ גרויספירשט. ווי נאָר די מאָסקווער כאיאָלעס זײַנענ צוגעטראָטנ צו ניזשני-נאָווגאָראָד, האָבנ די ניזשניענאָווגאָראָדער באָיארנ דערקלערט זייער פירשט אזוי: „האר פירשט, פאַרלאָז זיכ ניט אַפ אונדז, מיר זײַנענ שוינ ניט דײַנע אונ ניט מיט דיר, נאָר קעגנ דיר“. דעמ ניזשניענאָווגאָראָדער פירשט האָט מענ געכאפט אונ פאַרשיקט אינ געפענקעניש. צוזאמענ מיט ניזשני-נאָווגאָראָד זײַנענ אָנגעשלאָסנ געוואָרנ צו מאָסקווע אויכ די געביטנ אַפנ טײַכ אָקא, ווו עס האָט געלעבט די מאָרדווא.

דער זיג פונעם גרויספירשט איבער די אודיעלנע פירשטנ אינעם מאָסקווער פירשטנטום. וואסילי דימיטריִעוויטש האָט איבערגעלאָזט זײַנ זונ, דעמ גרויספירשט וואסילי וואסיליעוויטש (1425—1462), א גרויס אונ שטארק פירשטנטום, וואָס לויט זײַנ פארנעמ אונ לויט דער רײַכקײַט מיט מאטעריעלע מיטלענ האָט עס אַפ אזויפיל איבערגעשטיגנ אלע איבעריקע פירשטנטומס, אז ווענ קאמפ מיט אימ האָט גאָר קיינ רייד ניט געקאָנט זײַנ.

אציינד איז נאָר געבליבנ צו פארניכטנ די פעאָדאלע צעברעקלטקײַט אינעם מאָסקווער פירשטנטום גופא. די צײַט, וואָס וואסילי וואסיליעוויטש איז געווענ פירשט, איז באצייכנט געוואָרנ מיט בלוטיקע רײַסערײַענ אינווייניק אינ דער מאָסקווער פירשטלעכער פאמיליע. וואסילים פעטער, דער אודיעלנער פירשט יורי דימיטריִעוויטש, איז ארויסגעטראָטנ אלס זײַנער א קאָנקורענט, וואָס האָט אויכ פרעטענדירט אַפנ גרויספירשטלעכנ טראָנ. דער כאנ האָט געלייזט דעמ שטרײַט לטויוועס וואסילינ. דאנ האָט זיכ צווישנ די קאָנקורענטנ צעפלאקערט אנ אָפענע מילכאָמע. דער שטרײַט האָט געדויערט בא 20 יאָר; אינ אימ האָבנ זיכ אקטיוו באטייליקט יורי דימיטריִעוויטשעס זינ — וואסילי קאָסאָי אונ דימיטרי שעמיאקא. עטלעכע מאָל איז מאָסקווע אריבערגעגאנגענ פונ האנט צו האנט. אינ 1446 י., ווענ דער גרויספירשט האָט אָפּגעריכט גאָטעסדינסט אינעמ טראָיִצער מאָנאסטיר, איז שעמיאקאס אנ אָטריאד קריגער אַפ שליטנס, אויסבאהאלטנ אונטער האָגאָזשעס, צוגעפאָרנ צומ מאָנאסטיר, האָט איבערגעכאפט די וואכ אונ זיכ ארײַנגעריסנ אינ מאָנאסטירישנ הויפ. וואסילינ האָט מענ געבראכט צו פירנ קיינ מאָסקווע אונ אויסגעשטאָכנ די אויגנ. פונדאנענ נעמט זיכ זײַנ צונאָמענ וואסילי טיאָמני (דער בלינדער). נאָכדעמ האָט מענ אימ פארשיקט קיינ אוגליטש. גאָר גיכ אָבער האָבנ זיכ צומ געוועזענעמ גרויספירשט האמוינימווײַז אָנגעהויבנ צונויפקלײַבנ זײַנע וואסאלנ. דער בלינדער וואסילי האָט זיכ מיט זיי א לאָז געטאָנ אַפ מאָסקווע. שעמיאקא איז ארויסגעטראָטנ קעגנ אימ מיט כאַיל. אינ זײַנ אָפּוועזנהײַט זײַנענ וואסילים אָנהענגער ארײַנ קיינ מאָסקווע. שעמיאקא האָט געמוזט אנטלויפנ. אינ עטלעכע יאָר ארומ האָט מענ אימ געסאמט. מיט שעמיאקאס טויט האָט דער קאמפ אויפגעהערט. אינ אָט דעמ אינערלעכנ קריג זײַנענ אַפנ צאד

פונעמ גרויספירשט וואסילי געשטאנענ ניט נאָר די וועלטלעכע פעאָדאלנ אונ דער קלער, נאָר אויכ די נידעריקערע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג, וואָס האָבנ שטארק געליטנ פונ די פעאָדאלע מילכאָמעס. די פאָלקס=מײַסעס וועגנ „שעמיאקאס מישפעט" האָבנ פארהיט דעמ אָנדענק וועגנ שעמיאקאנ, ווי וועגנ א גיריקנ ריכטער אונ כאבארניק.

וואסילי דעמ בלינדנס זיג איבער די אודיעלנע פירשטנ אינעמ מאָסקווער פירשטנטום איז געווענ זייער א וויכטיקער עטאפ אינעמ פראָצעס פונ ליקווידירנ די פעאָדאלע צעברעקלטקײַט; אָנ דעמ איז ניט מעגלעכ געווענ די פאראייניקונג פונ אלע רוסישע לענדער אינ אנ אײַנהײַטלעכער מעלוכע.

דער אינערלעכער קאמפ אינ דער פירשטלעכער פאמיליע האָט ניט אָפגעשטעלט די ווײַטערדיקע פארשטארקונג פונעמ מאָסקווער פירשטנטום, ווײַל די מערהײַט פעאָדאלנ, באזונדערס די פרײַע דינער אונ די קירכ, האָבנ אינ יענער צײַט געדארפט האָבנ א שטארקע מעלוכע, וואָס זאָל פארטיידיקנ זייערע אינטערעסנ, זיכערנ זייערע רעכט אפ דער ערד, באשיצנ די דאָזיקע ערד פונ אָנגריפ מיצאד די סאָנימ אונ האלטנ זייערע פויערימ אינ געהאָרכזאמקײַט. דערפאר האָבנ די אומיטלבארע וואסאלנ פונעמ מאָסקווער גרויספירשט אזוי סאָלידאר געשטיצט אימ. אָבער אויכ פאר די שטאָט=לײַט אונ פאר די פויערימ איז א פאראייניקטע פעאָדאלע מעלוכע געווענ בעסער איידער די פרײַערדיקע פעאָדאלע צעברעקלטקײַט. אנ אײַנהײַטלעכע שטארקע מעלוכע האָט זיי געזיכערט שאָלעמ, וואָס האָט פרײַער, בא די קעסיידערדיקע מילכאָמעס פונ די פירשטנ צווישנ זיכ, געפעלט.

די אנטוויקלונג פונעמ האנדל האָט ביסלעכווײַז באזײַטיקט די עקאָנאָמישע אײַנגעשלאָסנקײַט פונ די באזונדערע פירשטנטומס. די נייטיקײַט צו פירנ א קאמפ מיט די טאָטערנ האָט פאראייניקט דאָס רוסישע פאָלק אונטער די פאָנענ פונעמ שטארקסטנ פירשט — דעמ מאָסקווער גרויספירשט. ביסלעכווײַז האָבנ זיכ די צעברעקלטע פעאָדאלע פירשטנטומס גענומענ צונויפגיסנ אינ אנ אײַנהײַטלעכער פעאָדאלער מעלוכע.

דער שטייגער אונ די קולטור פונ דער צאָפנ=מיזרעכדיקער רוס אינ XIV אונ אָנהייב XV יאָרהונדערטער. דער טאָטערשער פאָגראָמ האָט זייער שטארק פארהאלטנ די קולטור=אנטוויקלונג פונ דער צאָפנ=מיזרעכדיקער רוס. די טאָטערשע אָנפאלנ אונ די קעסיידערדיקע פעאָדאלע מילכאָמעס האָבנ זיכ שווער אָפגערופנ אפנ לעבנ פונ די ארבעטנדיקע מאסנ. כוץ דעמ צינז=לאסט פונ דער גאָלדענער האָרדע האָט נאָכ די פויערשע אונ שטאָטישע באפעלקערונג געליטנ פונ דער גרויזאמער עקספלואטאציע מיצאד די אייגענע פעאָדאלנ. אומעטומ האָט געהערשט דאָס רעכט פונעמ שטארקנ. שטיצנדיק זיכ אפ זייערע מיליטערישע דינער, האָבנ די פעאָדאלנ געווילדעוועט אונ געראבעוועט אונ האָבנ זיכ ניט געוואָלט אונטערוואַרפנ אפילע די פירשטנ. די קוועלנ דערציילנ, צומ בײַשפיל, א געשיכטע מיטנ מאָזשײַסקער ערדבאזיצער לוקא קאָלאָצקי. ער האָט געשטאמט ניט פונ גרויסנ יִכעס, ער איז אָבער רײַכ געוואָרנ, האָט אויסגעבויט א גרויסנ אונ א שיינעמ הויפ, ניט ערגער פונ א פירשטלעכנ, האָט צונויפגעקליבנ א דרוזשינע, פלעגט פראווענ מאָלצײַטנ, פאָרנ אפ יאגד, האָט געהאלטנ א סאכ סאָקאָלנ, הינט אונ פארהיימישטע בערנ. אופגעפירט האָט ער זיכ ווי א זעלבסטהערשער. ווענ דעמ מאָזשײַסקער פירשטס יעגער פלעגנ ארויספאָרנ אפ יאגד, פלעגט לוקא זיי באפאלנ, שלאָגנ, אָפנעמענ בא זיי די סאָקאָלנ אונ די הינט, אונ דעמ פירשטס שליכימ פלעגט ער אָפענטפערנ פרעכ אונ גראָב. פונ אָט דער העפקײרעס פונ די פעאָדאלנ האָבנ מער פאר אלע געליטנ די פויערימ. קעדיי צו האלטנ אינ צוימ די נידעריקערע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג, פלעגנ די פירשטנ אָנווענדנ די סאמע אכזאָריעסדיקע שטראָפנ: שמײַסנ מיט א בײַטש, אָפשנײַדנ די צונג, די אויערנ, אויסשטעכנ די אויגנ.

בײַם די פירשטנ פלעגנ קעמפנ צווישנ זיכ פאר ערד אונ פאר מאכט, פלעגנ זיי איינער בענעגייע דעם אנדערנ אָנווענדנ ניט ווייניקער אכזאָריעסדיקע מיטלענ.

דער XIV יאָרהונדערט האָט נאָכ זיכ ניט איבערגעלאָזט ניט אזוינע פראכטפולע קונסטדענקמעלער, ניט אזוינע טאלאנטפולע ווערק פונ דער שריפט-קולטור, ווי דער XI—XII יה., ביז דער טאָטערשער אינוואזיע. גראמאָטנע מענטשנ איז געווענ ווייניק; אליינ דער גרויספירשט וואסולי דער בלינדער האָט ניט געקענט ניט לייענענ, ניט שרײַבנ. צווישנ דער באַפעלקערונג האָבנ געהערשט ווילדע אָבערגלויבנס, מע האָט געגלייבט אינ קישעפ. מענטשנ, וואָס מע פלעגט כוישעד זײַנ אינ קישעפמאכערײַ, פלעגט מענ פארברענענ אפ שײַטערהויפנס. דאָכ איז דאָס קולטור-לעבנ ניט פארגליווערט געוואָרנ אינגאנצנ. באם מיטראָפאָליטס הויפ האָט מענ פאָרגעזעצט די ארבעט פונ צונויפשטעלנ כראָניק-זאמלונגענ. דער קאמפ פאר דער נאציאָנאלער אומאָפהענגיקײַט האָט געפונענ זײַנ אָפשפיגלונג אינ באשרײַבונגענ, ווו עס ווערט דערציילט וועגנ אלעקסאנדר ניעווסקים העלדנטאטנ (די „לעבנס-באשרײַבונג" פונעם פירשט אלעקסאנדר) אונ וועגנ דעם זיג פונ די רוסנ אפנ קוליקאָווער פעלד („די באשרײַבונג וועגנ דער שלאכט מיט מאמײַענ"). אינ נאָווגאָראָד, וואָס אימ האָט די טאָטערשע אינוואזיע קנאפ אָנגערירט, האָט מענ סײַ אינ XIV סײַ אינ XV יה. ווײַטער געבויט קלויסטערס, באפוצטע מיט פרעכטיקער וואנט-מאָלערײַ, אונ אויכ ציווילע ביניאָנים. אנ אויסגעצייכנטנ שלאָס מיט א הויכנ טורעמ האָט אינ XV יה. אויסגעבויט אינעם דעטינעצ (פעסטונג) דער נאָווגאָראָדער יעפיסקאָפ. אפ דער נאָווגאָראָדער ארכיטעקטור האָבנ אָנ צווייפל געהאט אנ אײַנפלוס די מערעוו-אייראָפײַשע מוסטערנ.

וואָס רײַכער אונ שטארקער מאָסקווע איז געוואָרנ, אלצ מער האָט זיכ דאָ געלאָזט מערקנ אנ אופשטײַג אפנ געביט פונ קונסט. אינ אָנהייב XV יה. האָט געלעבט אונ געארבעט דער בארימטער מאָסקווער קינסטלער אנדריי רובליאָוו. די איקאָנעס, וואָס ער האָט געמאָלט אונ וואָס געפינענ זיכ אצינד אינ אונדזערע מוזייענ, צייכענענ זיכ אויס מיט א מערקווירדיקער הארמאָניע אונ צארטקײַט פונ די פארבנ.

קאפיטל XI.

טימורס מעלוכע אונ די צעפאלונג פונ דער גאָלדענער האָרדע.

§ 31. טימורס מעלוכע. די אוזבעקנ.

טימור פארכאפט סאמארקאנד. אינ דער צווייטער העלפט XIV יה. האָבנ אינ דער גאָלדענער האָרדע זיכ גענומענ אנטפלעקנ סימאָנים פונ יערידע אונ צעפאלונג. די טאָטערשע פירשטנ, די באזיצער פונ באזונדערע אולוסנ, האָבנ אופגעהערט אונטערצווארפנ זיכ דעמ כאנ פונ דער גאָלדענער האָרדע. די פעאָדאלנ פלעגנ אראָפווארפנ די כאנענ, וואָס זײַנענ זיי ניט געווענ געפעלנ, אונ פלעגנ ארופזעצנ נײַע, וועמענ זיי האָבנ געוואָלט. ניט זעלטנ האָט פאסירט, אז אינ איינ אונ דער זעלבער צײַט האָבנ עטלעכע כאנענ מיטאמאָל געקעמפט צווישנ זיכ פאר דער מאכט. א שווערער קלאפ איז פאר דער גאָלדענער האָרדע געווענ דאָס, וואָס סאָפ XIV יה. האָט זיכ אינ מיטל-אזיע אויסגעבילדעט טימורס מעלוכע, וואָס אינ איר באשטאנד איז ארײַנ א גרויסער טייל פונעם טשאגאטײַער אולוס, א טייל באזיצנ פונ די כאנענ פונ דער גאָלדענער האָרדע, קאָלאָסאלע געביטנ פונ פערסיע, פונ אפגאניסטאנ אונ טיילווײַז פונ טראנסקאווקאז.

אינ מיטל-אזיע איז דער פעאָדאליזירונגס-פראָצעס אינ XIV יה. געגאנגענ מיט גרויס דערפאָלג. עס האָט זיכ אויסגעבילדעט דער גרויסער פעאָדאלער ערדבאזיץ.

דאָס פּויערטום האָט אָפּ זיך געטראָגן שווערע פּליכטן פאַר די כאַנען און די אַנדע־רע פעאָדאַלן. די פעאָדאַלן פלעגן קעמפן קעגן די כאַנען. דער מיזרעכדיקער טייל פונעם טשאַגאַטײַער אולוס האָט זיך אָפּגעטיילט און האָט געבילדעט אַ באַזונדערע מעלוכע — מאָגאָליסטאַן. אין מײַרעוו־טשאַגאַטײַ זײַנען אין דער איבערוועגנדיקער מערהײַט געווען די טיורקישע שוואָטים, און די מאָנגאָלן, וואָס האָבן דאָ געלעבט, האָבן זיך טיורקיזירט. אינמיטן XIV יה. האָט זיך ארויסגערוקט איינער פון די מאָנגאָליש־טיורקישע פעאָדאַלן — טימור (טאַמערלאַן). ארום אים האָט זיך צוזאַ־מענגעשלאָסן אַ קריגס־אַפּריאַד פון עטלעכע הונדערט מאַן. מיט דעם דאָזיקן אָט־ריאַד איז ער אָנגעקומען דינען צום באַזיצער פון סאַמאַרקאַנד כוסיין, און ער פלעגט צוזאַמען מיט אים אָנטיילנעמען אין קריגס־מאַרשן.

סאַמאַרקאַנד איז דעמלט געווען אַ גרויסע און אַ רײַכע שטאָט מיט אַ היפּשער האַנטווערקער־ און האַנדלס־באַפעלקערונג. די סאַמאַרקאַנדער האַנטווערקער האָבן געהאַט פיל אויסצושטיין פון די אונטערדריקונגען מיצאַד די פעאָדאַלן. אין 1365 י. זײַנען די מאָנגאָלן פון מאָגאָליסטאַן באַפאַלן סאַמאַרקאַנד. טימור און כוסיין זײַנען אַנטלאָפן. די שטאָט־לײַט פון סאַמאַרקאַנד האָבן זיך פאַרייניקט צו אָרגאַניזירן די באַשיצונג פון דער שטאָט. אין דער שפּיץ פון די שטאָט־לײַט האָט זיך געשטעלט דער בוימוואָל־פוצער אַבו־בעקר־קעלעווי און דער שילער פון דער העכערער מוסולמענישער גײַסטלעכער שול מאַוליאַנאַ־זאַדע. בײַ דער מיטהילף פון דער אַרבעטנדיקער שטאָטישער באַפעלקערונג האָבן זיי פאַרכאַפּט די מאַכט און אָרגאַניזירט די באַשיצונג פון סאַמאַרקאַנד. נאָך אַ לאַנגדויערנדיקן קאַמף האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אָפּצושלאָגן די מאָנגאָלן. אָפּגעהאַלטן דעם זיג, האָבן די שטאָט־לײַט גענומען די מאַכט צו זיך אין די הענט. אין אַ יאָר ארום זײַנען אָבער כוסיין און טימור צוריקגעקומען. מיט כניפעדיקע רייד און צוזאָגענישן האָבן זיי פאַרנאַרט אַבו־בעקרן און מאַוליאַנאַ־זאַדען צו זיך אין לאַגער און האָבן זיי דאָרט פאַרהאַלטן. אַבו־בעקר איז געקעפּט געוואָרן. מאַוליאַנאַ־זאַדע, וואָס איז אריבער אַף דער זײַט פון די פעאָדאַלן, איז באַגנעדיקט געוואָרן.

אין 1370 י. האָט טימור אראָפּגעזעצט כוסיינען און איז געוואָרן הערשער איבער סאַמאַרקאַנד, בוכאַראַ און איבערן גאַנצן לאַנד צווישן די טײַכן אַמו־דאַריאַ און סיר־דאַריאַ. ער האָט געשאַפן אַ שטאַרק מיליטער פון נאָמאַדן טשאַגאַטײַער (די אײַנוווינער פונעם טשאַגאַטײַער אולוס) און איז צוגעטראָטן צום דעראָבערן די ארומיקע לענדער.

טימורס דעראָבערונגען. טימור האָט געטרוימט צו שאַפן אַן אַלוועלטלעכע אימפּעריע. „דער גאַנצער שעטעך פונעם באַפעלקערטן טייל פון דער וועלט,—האָט ער געזאָגט, — איז ניט ווערט צו האָבן צוויי קייסאָרים“. ער האָט אײַנגענומען כאָרעזם. די הויפּטשטאָט פון כאָרעזם—אורגענטש — האָט קאָנקורירט אין האַנדל מיט סאַ־מאַרקאַנד. האָט טימור באַפוילן כאָרעזו מאַכן אורגענטש ביזן גרונט. אַ טייל באַ־פעלקערונג האָט מען אריבערגעפירט קיין סאַמאַרקאַנד, און דעם פּלאַץ, וווּ אור־גענטש איז געשטאַנען, האָט מען פאַרזייט מיט גערשטן. דערנאָך האָט זיך טימור געלאָזן גיין אַף פּערסיע. דער מאַרש האָט געדויערט פינף יאָר און האָט זיך פאַר־ענדיקט מיטן באַצווינגען פּערסיע. אין אָט דער צײַט האָט זיך די גאָלדענע האָרדע פאַרייניקט אונטער דער מאַכט פונעם כאַן טאָכטאַמיש. נאָך מיט אַ קורצער צײַט פאַר דעם איז כאָרעזם געווען אַ באַשטאַנד־טייל פון דער גאָלדענער האָרדע. טאָכ־



טימור אפן טראָן. פּערסישע מיניאַטיור.

טאָכטאמיש האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, וואָס טימור האָט זיכ אוועקגעלאָזט אינ א מארש אפ פערסיע, אונ האָט זיכ ארײַנגעריסנ קיינ כאָרעזם. די באפעלקערונג איז אריבער אפ זײַנ זײַט. טימור האָט זיכ אָבער אײַליק אומגעקערט פונעם מארש אונ האָט זיכ צערעכנט מיט די אופגעשטאנענע כאָרעזמער; נאָכדעם האָט ער זיכ געלאָזט אפ צאָפנ, אינ טאָכטאמישס באזיצנ, אינ מײַרעוו-סיביר, אונ האָט אים צעקלאפט.

סאָפ XIV יה. האָט זיכ טימור ארײַנגעריסנ אינ טראנסקאווקאז, האָט כאָרעוו געמאכט אזערבײַדזשאנ, ארמעניע אונ גרוזיע אונ האָט באלאגערט דעם גרוזינישנ קייסער באגראט אינ טבילִיסי. די גרוזינער האָבנ פאָרגענומענ א פארצווייפלטע אטאקע. „ווי סאָקאָלנ אפ א טשאטע באָטשאנעס, ווי א לייב אפ א סטאדע אָקסנ“, אזוי האָבנ זיכ די גרוזינער געוואָרפנ אפ די סאָנימ, — נאָר אָנ דערפאָלג. ניט געקוקט אפנ דרייסטנ ווידערשטאנד פונ די גרוזינער, האָט טימור, נאָכ א שטורעמאטאקע, אײַנגענומענ טבילִיסי. דער קייסער באגראט איז גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט. טימור האָט נאָכ אָבער ניט באוויזנ אוועקצוגייִנ, זײַנענ די גרוזינער ווידער אופגעשטאנענ. באגראט האָט צוגעזאָגט טימורנ, אז אויב ער, באגראט, וועט באפרײַט ווערנ, וועט ער זענ, אז דאָס לאנד זאָל זיכ אונטערווארפנ אונטער טימורס מאכט. האָט אים טימור אָפגעלאָזט קיינ גרוזיע; נאָר דאָרט האָט זיכ באגראט אָנגעשלאָסנ צו די אופשטענדלער. אינ א שמאָלנ בארג-שפאלט האָבנ די גרוזינער אָפגעוואַרט די סאָנימ אונ האָבנ זיי אויסגעראָטנ. דאנ איז טימור ארויסגעטראָטנ קעגנ די גרוזינער מיט א סאכ א גרעסערנ כאַיִל. גרוזיע האָט מענ אינגאנצנ כאָרעוו געמאכט, אונ זי איז געצוווּנגענ געווענ אונטערצוּווארפנ זיכ.

טימורס באזיצנ האָבנ שוינ אָנגעשפארט גאָר נאָענט צו די באזיצנ פונ דער גאָלדענער האָרדע. טאָכטאמיש האָט געמאכט א פרווו אָפצושטעלנ טימורס פאָרויסמארש, ער איז אָבער אינגאנצנ צעקלאפט געוואָרנ באַם טײַכ טערעק (1395). טימור איז ארופגעטראָטנ אפ דער טעריטאָריע פונ דער גאָלדענער האָרדע, האָט כאָרעוו געמאכט סארײַ, איז דערגאנגענ ביז דער דעמלטיקער רוסישער גרענעצ-שטאָט יעלעצ, האָט זי רוּיִנירט אונ זיכ אומגעקערט אינ טראנסקאווקאז. די לעצטע יאָרנ פונ זײַנ לעבנ איז טימור געווענ באשעפטיקט מיטנ ענדגילטיקנ אײַנעמענ פערסיע אונ מיט א מארש אפ אינדיע. נאָכדעם האָט זיכ אָנגעהויבנ א מילכאָמע מיט די טערקנ, וועלכע האָט זיכ פארענדיקט דערמיט, וואָס דער טערקישער סולטאנ באיאזעט איז גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט.

טימור האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער אכזאָריעס. ער פלעגט באשטראָפנ אָנ ראכמאָנעס פאר יעטווידנ פרווו פונ א ווידערשטאנד. אז ער פלעגט פארכאפנ א טעריטאָריע, פלעגט ער פונ איר מאכנ א וויסטע. די באפעלקערונג פונ די אײַנגענומענע שטעט פלעגט אויסגעראָטנ ווערנ קימאט ביז צו לעצט, נאָר די האנטווערקער פלעגט מענ נעמענ אינ געפאנגענשאפט. אלס אָנדענק וועגנ זײַנע ניצכוינעס פלעגט טימור באפעלנ, מע זאָל פונ די שארבנס פונ די דערהארגעטע סאָנימ אָנשיטנ קורגאנענ.

פונ די לענדער, וואָס טימור האָט דעראָבערט, האָט זיכ אויסגעבילדעט א ריזיקע פעאָדאלע מעלוכע. באזונדערע טיילנ פונ דער דאָזיקער מעלוכע האָט טימור אָפגעגעבנ צום רעגירנ זײַנע זינ אונ אייניקלעכ. די ערד האָט דאָ געהערט די פעאָדאלנ, וואָס האָבנ אַלײנ קיינ ווירטשאפט ניט געפירט, נאָר זיי פלעגנ אָפגעבנ די ערד קליי-

נע כאלאָקימוווײַז די פּויערימ אינ ארענדע. די פּויערימ האָבנ געמוזט צאָלנ טשינש די ערדבאזיצער אונ טאָנ פּאנשטשינע־ארבעט.

די הויפּטשטאָט פונ טימורס מעלוכע איז געווענ סאמארקאנד. דאָ האָט טימור אויסגעבויט א סאכ פּראכטפולע געבײַדעס, וואָס די רויִנעס זייערע האָבנ זיכ פארהיט ביז הײַנטיקנ טאָג. אָנשטאָט די שמאָלע קרומע געסלעכ האָט טימור געהייסנ דורכשנײַדנ א ברייטע געדעקטע גאס. פונ ביידע זײַטנ גאס זײַנענ געווענ קלייטנ. ס'איז געווענ אָרגאניזירט די וואסער־באזאָרגונג פונ דער שטאָט. ארומ סאמארקאנד האָבנ זיכ אויסגעשפּרייט בליִענדיקע סעדער. אינ טימורס צײַטנ איז סאמארקאנד געוואָרנ א צענטער פונ גרויסנ קאראוואנענ־האנדל; דאָ איז אויכ געווענ א גרויסער האנטווערקערישער צענטער, ווײַל טימור פלעגט צונויפטרײַבנ קיינ סאמארקאנד מײַסטערס אונ קינסטלער פונ די אײַנגענומענע שטעט.



טימורס קייווער אינ סאמארקאנד.
XIV יה. פאָטאָ.

די אוזבעקנ אונ די קירגיזנ. נאָכ טימורס טויט (1405) איז זײַנ מעלוכע צעפאלנ געוואָרנ. צווישנ זײַנע יאָרשימ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ קריגערײַענ. אנ אנטשיידענעמ קלאפּ האָט טימורס מעלוכע געקראָגנ פונ די אוזבעקנ.

די אוזבעקנ זײַנענ געווענ א פאראייניקונג פונ פארשיידענע שוואָטימ (דערונטער אויכ די פּאָלאָווצעס), וואָס האָבנ ארומגעוואנדערט אינ די סטעפּעס פונ מיטל־אזיע. די אוזבעקנ זײַנענ פריִער געווענ אינ באשטאנד פונ דער גאָלדענער האָרדע, אונ גערופנ האָבנ זיי זיכ אוזבעקנ לויטנ נאָמענ פונ א כאנ פונ דער גאָלדענער האָרדע — אוזבעק. די גרונט־באשעפטיקונג פונ די אוזבעקנ איז געווענ פיצוכט.

אינ אָנהייב XVI יה. האָבנ זיכ די אוזבעקנ פאראייניקט אונטער דער מאכט פונעמ כאנ שייבאני. אינ זײַנע צײַטנ זײַנענ די אוזבעקנ ארײַנגעדרונגענ אינעמ לאנד צווישנ אמו־דאריא אונ סיר־דאריא, האָבנ זיכ דאָ גענומענ באזעצנ אינ די פרוכטבארע טאָלנ אונ אריבערגיינ צו ערדארבעט. שייבאני האָט אײַנגענומענ סאמארקאנד (ארומ 1500 י.), נאָכדעמ אויכ בוכארא אונ האָט אונטערטעניקט אלע באזיצנ פונ טימורס יאָרשימ.

בא די אוזבעקנ האָט זיכ אָבער ניט אויסגעבילדעט קיינ צענטראליזירטע מעלוכע; זייערע באזיצנ זײַנענ געווענ צעטיילט אפ עטלעכע פירשטנטומס, וואָס אינ דער שפּיצ פונ זיי זײַנענ געשטאנענ באזונדערע אוזבעקישע סולטאנענ; צווישנ די סולטאנענ זײַנענ קעסיידער אָנגעגאנגענ פעאָדאלע מילכאָמעס. אינ די צײַטנ פונ די אוזבעקישע כאנענ האָט סאמארקאנד אָנגעוואָרנ זײַנ פריִערדיקע באדײַטונג, אונ די

הויפּטשטאָט איז געוואָרן בוכאַרא. א זעלבשטענדיק אוזבעקיש כאַנטום האָט זיך אין XVI יה. אויסגעבילדעט אויך אין כיווע.

צוגלײַך מיט די אוזבעקן ווערן אין XVI יה. דערמאָנט אין מיטל־אַזיע די קירגיזן. ווי מע רעכנט, זײַנען זיי קיין מיטל־אַזיע געקומען פון דער אויבערשטער־מונג פונעם יעניסיי. א טייל קירגיזן איז פאַרבליבן באַם יעניסיי נאָך אין XVII יה. אין מיטל־אַזיע האָבן די קירגיזן געלעבט אַף דער טעריטאָריע פון דער איצטיקער קירגיזישער ססר.

§ 32. די פעלקער פונעם וואָלגער געביט אונטער דער מאַכט פון די טאָטערן.

דאָס קאַזאַנער כאַנטום. אין XV יה. איז די גאָלדענע האָרדע צעפאַלן געוואָרן אַף עטלעכע אומאָפּהענגיקע כאַנטומס. געבראַכט דערצו האָט די אַנטוויקלונג פון די פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן אין די באַזונדערע ראַיאָנען פון דער גאָלדענער האָרדע. אַף די ערטער האָבן זיך פאַרשטאַרקט די פעאָדאַלן, וואָס האָבן עקספּלואַטירט די אָרטיקע ערדאַרבעטערישע און די נאָמאַדישע פיציכטלערישע באַפעלקערונג. זיי האָבן געשטרעבט צו זײַן פּאָליטיש אומאָפּהענגיק פון דער גאָלדענער האָרדע. טימורס אינוואַזיע איז געווען דער לעצטער קלאַפּ, וואָס פון אים האָט שוין די גאָלדענע האָרדע ניט געקאָנט מער קומען צו זיך.

אין דעם אָרט, וווּ די קאַמע פאַלט אַרײַן אין דער וואָלגע, דאָרט, וווּ עס האָט זיך אַמאָל געפונען די באָלגאַרישע מעלוכע, האָט זיך אין XV יה. אויסגעבילדעט דאָס קאַזאַנער כאַנטום. איינער פון די כאַנען פון דער גאָלדענער האָרדע — אולו־מוכאַמעד, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן דורך זײַן ברודער, האָט זיך אין 1437 יאָר אַרײַנגעריסן מיט זײַן האָרדע אין די רוסישע גרענעצן און האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט אַריבערצוגיין דינען צום גרויספירשט וואַסילי דעם בלינדן. זײַנע פּאָרשלאָגן זײַנען ניט אָנגענומען געוואָרן. דאַן איז ער אַריבער די וואָלגע און האָט פאַרנומען דאָס באָלגאַרישע שטעטל קאַזאַן, דערבײַ האָט ער דערמאָרדעט דעם פירשט, וואָס האָט דאָרט רעגירט.

די הויפּטשטאָט פונעם נײַעם כאַנטום — די שטאָט קאַזאַן — איז געשטאַנען אַף א מעשופּעדיקן באַרג, באַם ברעג פונעם טײַך קאַזאַנקע, און איז געווען באַשיצט ניט נאָר דורך די הילצערנע ווענט, נאָר אויך דורך די אַרומיקע זומפּן. נאָך דעם, ווי די טאָטערן האָבן פאַרכאַפּט די מיטל־וואָלגע, האָבן זיך די טויזשווים פונעם קאַזאַנער קאַנט — די באָלגאַרן — אויסגעמישט מיט די באַצווינגער און האָבן געבילדעט דעם גרונט־קערן פון דער באַפעלקערונג פונעם כאַנטום, צו וועלכן עס זײַנען דערנאָך צוגעקומען אין א גרויסער צאָל טאָטערן פון דער גאָלדענער האָרדע און פון אַנדערע טאָטערישע לענדער. צום אונטערשייד פון די סטעפּ־ראַיאָנען, וווּ עס האָט געהערשט די נאָמאַדישע פיצוכט, איז די הויפּט־באַשעפטיקונג פון דער באַפעלקערונג אינעם קאַזאַנער קאַנט, נאָך פון די צײַטן פון די באָלגאַרן, געווען ערדאַרבעט. די וואָלגע און די טײַכן, וואָס פאַלן אין איר אַרײַן, זײַנען געווען רײַך מיט פיש, און די אַרומיקע וועלדער — מיט פוטער־בהמות און מיט בינען. דעריבער זײַנען דאָ אויך פישפאַנג, יאַגד און וואַלד־בינענצוכט געווען זייער וויכטיקע צווײַגן פון דער ווירטשאַפט. די רײַכע פאַשע־פּלעצער האָבן געגעבן די מעגלעכקײַט צו האָדעווען א גרויסע צאָל פי. די פּראָדוקטן פון דער פיצוכט פלעגן גיין צום האַנדל. עס

האָט געהאט א שעמ די קאזאנער אויסגעארבעטע פעל, וואָס מע פלעגט פונדאנענ ארויספירנ. אנ ארטיקל צומ ארויספירנ זײַנענ געווענ אויכ שקלאפנ. די קאזאנער טאָטערנ פלעגנ מאכנ אָנפאלנ אפ די רוסישע גרענעצ-געביטנ אונ נעמענ זייער א סאכ געפאנגענע. א טייל פונ אָט די געפאנגענע פלעגט מוזנ באארבעטנ די ערד בײַ די טאָטערשע פעאָדאלנ, די איבעריקע פלעגט מענ פארקויפנ צו אָנגעפאָרענע סאָכרימ. יעדעס יאָר פלעגנ אפנ סאָכרימ-אינדזל (Гостиный остров) אפ דער וואָלגע פאָר-קומענ יארידנ. עס פלעגנ זיכ אהער צונויפפאָרנ רוסישע סאָכרימ אונ אויכ סאָכרימ פונ פערסיע, פונ בוכארא, פונ כיווע.

אינעמ קאזאנער כאנטומ האָט די מאכט געהערט צו די פעאָדאלנ די ערדבאזי-צער. אינ דער שפיצ פונ זיי איז געשטאנענ דער כאנ; אימ זײַנענ געווענ אונטער-געוואָרפנ די בעקנ (פירשטנ) אונ די אדל-לײַט, אָדער אפ טאָטעריש — די מורזעס. צו די פעאָדאלנ האָט געהערט אויכ דער מוסולמענישער קלער. דער הויפט-גײַסטלע-כער האָט געהייסנ „סעיִד“. דער קלער האָט אינ קאזאנ געהאט א גרויסע מאכט. אפילע דער כאנ אליינ פלעגט, באגעגענענדיק זיכ מיטנ סעיִד, אראָפקריכנ פונ פערד. דער כאנ אונ די איבעריקע פעאָדאלנ פלעגנ נעמענ בײַ די „שווארצע מענטשנ“ יאסאק (צינז) — מיט געלט, האָניק אונ אנדערע פראָדוקטנ.

אינ די ערשטע יאָרנ פונ זײַנ עקזיסטענצ איז דאָס קאזאנער כאנטומ געווענ א גאנצ שטארקע מעלוכע. דער קאזאנער כאנ אולו-מוכאמעד האָט א געוויסע צײַט גע-האט פארכאפט אפילע ניזשני-נאָווגאָראָד. אונטער סוזדאל האָט פונ די קאזאנער טאָטערנ געליטנ א שווערע מאפאָלע דער מאָסקווער גרויספירשט וואסילי דער בלינ-דער אונ ער אליינ איז גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט. וואסילי דער בלינדער איז באפרײַט געוואָרנ בלויז פאר א גרויסער אויסקויפ-סומע. שפעטער אָבער האָבנ די אינערלעכע רײַסערײַענ שטארק אָפגעשוואכט דאָס קאזאנער כאנטומ. בײַ די קא-זאנער פעאָדאלנ האָט געפעלט איינהײַט, ס'איז צווישנ זיי געגאנגענ א פארביסענער קאמפ פאר מאכט אונ פאר יאסאק. רײַסנדיק זיכ איינער מיטנ צווייטנ, האָבנ די פעאָדאלנ-גרופירונגענ געהאלטנ אינ איינ ארופזעצנ אונ אראָפזעצנ די כאנענ. די סאָנימ פונעמ קאזאנער כאנטומ — מאָסקווע אונ קרימ — פלעגנ דעמ דאָזיקנ קאמפ אויסנוצנ. זיי פלעגנ זיכ ארײַנמישנ אינ די איניאָנימ פונעמ כאנטומ אונ ארופזעצנ אפנ קאזאנער טראָנ אייגענע מענטשנ.

וואָלגער געביט אונטער דער מאכט פונ די טאָטערנ. אונטער דער מאכט פונ די טאָטערנ זײַנענ אויכ געווענ די פעלקער, וואָס האָבנ פונ לאנגע צײַטנ אָנ גע-לעבט בײַ דער מיטל-וואָלגע: די מאָרדווא, די מארי, די אודמורטנ, די טשוואשנ. אָט די אלע פעלקער זײַנענ שוינ אינ יענער צײַט אריבערגעגאנגענ צו ערדארבעט, האגאמ יאגד אונ וואלד-בינענצוכט האָט נאָכ אלצ געשפילט א וועזנטלעכע ראָליע אינ זייער ווירטשאפט. באצווונגענ די דאָזיקע פעלקער, האָבנ די טאָטערנ זיי בא-שטײַערט מיט יאסאק, וועלכנ מע פלעגט דארפנ אויסצאָלנ מיט מארדערס, מיט האָניק אָדער מיט געלט. בײַ די מארי, בײַ די טשוואשנ, בײַ דער מאָרדווא אונ בײַ די אודמורטנ איז די שטאמ-אָרדענונג שוינ געווענ צעפאלנ; רעגירט איבער זיי האָבנ קליינע שוואָטימ-פירשטנ. די דאָזיקע פירשטנ האָבנ זיכ גיכ טאטאריזירט, האָבנ זיכ צונויפגעגאָסנ מיט די טאָטערשע פעאָדאלנ אונ צוזאמענ מיט זיי עקספלואטירט זיי-ערע אייגענע שייוועט-לײַט.

אויכ די באשקירנ, וואָס האָבנ ארומגעוואנדערט לענגויס די טײַכנ בעלאיא אונ

אופּא, זײַנענ געווענ אונטערגעוואָרפנ די טאָטערשע כאנענ. די הויפּט=באַשעפטיקונג פונ די באַשקירנ איז געווענ פיצוכט. א באַהילפיק עקזיסטענצ=מיטל איז בא זיי געווענ יאַגד. זיי פלעגנ צאָלנ די קאַזאנער כאנענ יאַסאַק מיט מאַרדער=פעלכלעכ.

די נאָגײַישע האָרדע. אינ אָנהייב XV יה. האָט זיכ צווישנ די טײַכנ וואָלגע אונ יאַיִק (אוראַל) אויסגעבילדעט א גרויסע זעלבשטענדיקע האָרדע, וואָס איז רעגירט געוואָרנ דורכ אירע אייגענע פירשטנ. די דאָזיקע האָרדע האָט באַקומענ דעמ נאָמענ „נאָגײַישע“, ווײַל אינ איר באַשטאַנד זײַנענ אַרײַנ אייניקע שוואָטימ, וואָס זײַנענ אַמאָל געווענ אונטערגעוואָרפנ נאָגײַענ. די נאָגײַער האָבנ זיכ נאָכ אַלצ פאַרנומענ מיט פיצוכט אונ געפירט א נאָמאַדישנ אַרט לעבנ. די האָרדע איז געווענ צעטיילט אַפ קליינע אולוסנ, וואָס אינ דער שפּיצ פונ זיי זײַנענ געשטאַנענ מיטגלידער פונ דער פירשטלעכער פאַמיליע אַלס קימאַט אומאָפּהענגיקע הערשער; איינער פונ די פירשטנ האָט זיכ גערעכנט פאַרנ הויפּט=פירשט.

§ 33. דאָס קרימער כאַנטומ.

אינ XV יה. האָט זיכ אויסגעבילדעט א זעלבשטענדיק כאַנטומ אינ קרימ. דער צאָפּנדיקער, דער סטעפּישער, טייל פונעמ קרימער האַלב=אינדזל האָט געהערט די טאָטערנ. דאָס בערגלאַנד, וואָס איז פונעמ סטעפּישנ טייל אָפּגעצאַמט דורכ בערג, האָבנ געהאַט פאַרכאַפּט די איטאַליענער. נאָכ די קרייצ=צוגנ האָבנ צוויי מערכטיקסטע האַנדלס=רעפּובליקנ פונ איטאַליע — ווענעציע אונ גענוע באַהערשט די וויכטיקסטע האַנדלס=וועגנ, וואָס פירנ אַפ מיזרעכ. די ווענעציאַנער אונ גענועזישע סאָכרימ האָבנ זיכ פאַרקליבנ צומ שוואַרצנ יאַמ אונ, אַרויסשטויסנדיק פונ דאָרט די גריכנ, פאַרכאַפּט די וויכטיקסטע האַפנס אינ קרימ. צווישנ ווענעציע אונ גענוע האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאַמפּ פאַר די שוואַרציאַמישע מערק. געזיגט האָט גענוע; זי האָט באַקומענ אונטער איר מאַכט די וויכטיקסטע יאַמ=שטעט פונ קרימ. דער צענטער פונ די גענועזישע קאָלאָניעס איז געווענ קאַפאַ (די איצטיקע פעאָדאָסיע), ווו עס האָבנ זיכ ביז הײַנטיקנ טאָג פאַרהיט די רוינען פונ גענועזישע ווענט אונ טורעמס. די גענועזער אינ קרימ זײַנענ געווענ געצוווּנגענ צו אָנערקענענ די העגעמאָניע פונ די כאַנענ פונ דער גאָלדענער האָרדע, זיי האָבנ אָבער אײַנגעהיט זייער אינערלעכע זעלבשטענדיקײַט אונ האָבנ פאַרשפּרייט זייער מאַכט אַפנ גאַנצנ דאָרעמדיקנ בערגלאַנד פונ קרימ מיט זײַנ פאַרשיידנשטאַמיקער באַפעלקערונג (גריכנ, איטאַליענער, אַרמענער, יִידנ, טאָטערנ א. אנד.).

די קרימער טאָטערנ האָבנ זיכ צוערשט באַשעפטיקט נאָר מיט פיצוכט. זיי פלעגנ אַוועקגיינ מיט זייערע טשערעדעס ווײַט אַפ יענער זײַט גרענעצנ פונעמ האַלב=אינדזל. ביסלעכווײַז האָט זיכ בא זיי, צוגלײַכ מיט דער פיצוכט, גענומענ אַנטוויקלענ אויכ די ערדאַרבעט. די טאָטערשע פעאָדאַלנ האָבנ אָנגעהויבנ פאַרכאַפּנ די ערד פונ די קרימער טוישווימ, אונ אויכ פונ זייערע אייגענע שייוועט=לײַט, וואָס האָבנ זיכ באַזעצט אַפנ האַלב=אינדזל. די טאָטערשע פויערימ, וואָס האָבנ געלעבט אַפ דער ערד פונ די פעאָדאַלנ, זײַנענ געווענ פאַרפליכטעט צו צאָלנ זיי מײַסער (א צענטבײַלעק פונ אַלע האַכנאָסעס) אונ טאָנ פאַנשטשינע=אַרבעט. אַפ דער קריסטלעכער אונ יִדישער באַפעלקערונג איז אַרופגעלייגט געוואָרנ טשינש.

אינ XV יה. האָבנ זיכ די קרימער פעאָדאַלנ אַזויפיל פאַרשטאַרקט, אַז זיי האָבנ אויסגעקליבנ אַנ אייגענעמ כאַנ — כאַדזשי=גירײַ, ווענג וועלכנ מע האָט גע=

האלטנ, אז ער שטאמט פונ טשינגיס=כאנענ. נאָכ זײַנ טויט (1466) האָט זיכ צווישנ זײַנע זינ אָנגעהויבנ א קאמפ פאר דער מאכט. גענומענ די אויבערהאנט האָט דער קלוגער אונ פײַיקער מענגלי=גירײ, נאָר אויכ ער האָט זיכ ניט מיטאמאָל פארפונדעוועט אפנ טראָנ. איינער פונ די גרויסע קרימער פעאָדאלנ האָט זיכ מיט אימ צעקריגט אונ האָט צו הילפ ארויסגערופנ די טערקנ. אינ בונד מיט מענגלי=גירייענ זײַנענ געווענ די גענועזער. אינ 1475 י. האָט זיכ באמ ברעג פונ קרימ באוויזנ דער טערקישער פלאָט אונ האָט צעשמעטערט קאפא אונ די אנדערע גענועזישע פעסטונגענ. מענגלי=גירײ איז ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט אונ אָפגעפירט געוואָרנ קיינ קאָנסטאנטינאָפאָל. די רעשטלעכ פונ די גענועזער האָבנ זיכ אויסגעמישט מיט דער טאָטערשער באפעלקערונג פונ קרימ.

דער סולטאנ האָט געשאפנ אינ קרימ א כאנטומ, וואָס איז געווענ וואסאל אָפהענגיק פונ טערקײַ. לויט א פארשטענדיקונג מיט די קרימער פעאָדאלנ האָט ער פארנ כאנ געמאכט מענגלי=גירייענ (1479—1515). די קרימער כאנענ זײַנענ מעכײעוו געווענ לויטנ ערשטנ רופ קומענ מיט זייער כאיִל צו הילפ דעמ סולטאנ. דער סולטאנ האָט אויסגעשטעלט זײַנע גארניזאָנענ אינ קאפא אונ אינ די אנדערע וויכטיקסטע יאמ=שטעט פונ קרימ.

מענגלי=גירײ האָט געשלאָסנ אנ ענגנ בונד מיטנ מאָסקווער גרויספירשט איוואנ דעמ III אונ האָט מיט זײַנ הילפ צעקלאפט דעמ סוינע זײַנעמ—דעמ כאנ פונ דער גאָלדענער האָרדע. אינ בונד מיט מאָסקווע האָט מענגלי=גירײ געפירט אנ אקשאָנעסדיקנ קאמפ קעגנ ליטע אונ האָט ניט איינ מאָל געמאכט פארוויסטנדיקע אָנפאלנ אפ אוקראַינע; ער האָט אײַנגענומענ אונ אונטערגעצונדנ קיִעוו, ער האָט זיכ פארקליבנ טיפ אינעמ ליטווישנ פירשטנטומ. די פוילישע קיניגנ, וואָס זײַנענ גלײַכצײַטיק געווענ ליטווישע גרויספירשטנ, פלעגנ יאָר=יערלעכ צאָלנ מענגלי=גירייענ אונ די כאנענ, וואָס זײַנענ געקומענ נאָכ אימ, א גרויסנ צינז, אבי פאָטער צו ווערנ פונ זייערע אָנפאלנ. אויכ די מאָסקווער פירשטנ פלעגנ יעדעס יאָר איבערשיקנ קיינ קרימ „פאָמינקעס“, דה. מאטאָנעס. די הויפטשטאָט פונעמ קרימער כאנטומ איז געוואָרנ באכטשיסאראַי, וואָס דאָס באטײַט: דער פאלאצ פונ סעדער. די שטאָט איז אזוי אָנגערופנ געוואָרנ צוליב אירע פראכטפולע פאלאצנ אונ סעדער, באפוצטע מיט פאָנטאנענ.

אינ באכטשיסאראַי האָט מענגלי=גירײ געשאפנ א שול. דאָס גאנצע לערנענ איז דאָ, אייגנטלעכ, באשטאנענ אינ שטודירנ מוסולמענישע הייליקע ביכער. שפעטער האָבנ זיכ אינ קרימ באוויזנ געלערנטע, היסטאָריקער, דיכטער.

צווישנ די טאָטערשע כאנטומס אינ מיזרעכ=אייראָפע איז דאָס קרימער כאנטומ געווענ דאָס שטארקסטע. דאָס דאָזיקע כאנטומ האָט עקזיסטירט ביזנ סאָפ XVIII יה.

§ 34. דאָס סיבירער כאנטומ. די קאזאכנ.

די פעלקער פונ מײַרעוו=סיביר אינ XV יה. די טאָטערנ, וואָס האָבנ געלעבט צו מיזרעכ=צו פונ אוראל לענגויס דעמ טײַכ טאָבאָל אונ זײַנ בײַטײַכ טורא, האָבנ געבילדעט א באזונדער סיבירער כאנטומ, וואָס די הויפטשטאָט זײַנע אינ סאָפ XV יה. איז געווענ די שטאָט טיומענ. אינ XVI יה. איז די הויפטשטאָט פונעמ כאנטומ געוואָרנ די שטאָט, וואָס איז געלעגנ בא דער לעפצונג פונ טאָבאָל אונ וואָס די רוסנ האָבנ זי גערופנ „סיביר“. דאָס סיבירער כאנטומ איז ניט געווענ קיינ איינ=

הײַטלעכע מעלוכע. עס איז געווענ צעטײלט אפּ א גרויסער צאָל קלײנע פירשטנטומס אָדער „אולוסנ“. אָט די קלײנע אולוסישע פירשטלעכ זײַנען געווענ אינ א גרויסער מאָס אומאָפּהענגיק.

די סיבירער טאָטערנ האָבנ זיכ באשעפטיקט מיט פיצוכט און טײלווײַז מיט ערדארבעט, נאָר די הויפּט־באשעפטיקונג איז געווענ יאגד. דאָס לאנד איז דאָ געווענ זײער רײַכ מיט קאָסטבארע פוטער־כײַעס — סויבלענ, מארדערס, ביבערס, וועווער־קעס אד״ג. די יאגד פלעגט די סיבירער טאָטערנ געבנ לוינבארע סכוירע צום אויס־טויש מיט די מער קולטורעלע פעלקער פונ אזיע: מיט בוכארא און כיווע. די סיבי־רער טאָטערנ פלעגנ אויכ קריגנ רויכווארג דורכ דעם, וואָס זײ פלעגנ בארויבעווענ זײערע שכײנים די יעגער־פעלקער, בא וועלכע זײ פלעגנ אײַנמאָנענ דעם צינז (יא־סאק) מיט פעלכלעכ.

לענגזוים דער אויבערשטרעמונג פונ דער טורא און צו צאָפנ־צו פונ דעם דאָזיקנ טײַכ האָבנ געלעבט די מאנסי (וואָגולנ), לענגזוים דער נידערשטרעמונג פונעם איר־טיש און באם טײַכ אָב האָבנ געלעבט די כאנטע (אָסטיאקנ). אָט די בײדע פעלקער זײַנען געווענ אײַנגעטײלט אינ קלײנע שוואָטימ, וואָס אינ דער שפּיץ פונ זײ זײַנענ געשטאנענ פירשטלעכ. די מאנסי האָבנ געלעבט פונ יאגד. יעדער שטאם האָט גע־האט אינ זײַנ רעשוס א באצירק װאלד, װו מע פלעגט פאנאנדערשטעלנ צאמענ צום פאנגענ אײלנהירשנ און אײַנשטעלנ אָנגעצויגענע בויגנס מיט פײַלנ. בא אײניקע פונ די מאנסי זײַנענ שויג געווענ סימאָנימ (נאָכ זײער שוואכע) פונ ערדארבעט און פיצוכט. די כאנטע האָבנ געלעבט דעריקער פונ פישפאנג. יענע כאנטע, וואָס האָבנ גע־לעבט אינ דער טונדרע, האָבנ זיכ פארנומענ מיט אופציִענ טשערעדעס צאָפנ־הירשנ.

די מאנסי און די כאנטע זײַנענ געווענ געצנדינער. בא די כאנטע האָט עקזיס־טירט דער קולט פונעם בער, וועמענ זײ האָבנ געהאלטנ פאר זײער אור־פאָטער. ווענ מע פלעגט דאָ דערהארגענענ א בער, פלעגט מענ ארום אים אײַנאָרדענענ א הײליקנ טאנצ מיט געזאנג, קעדײ „אויסצוקויפנ די שולד“.

די טאָטערנ האָבנ אונטערטעניקט די מאנסי און די כאנטע און האָבנ זײ גע־צוווּנגענ צו צאָלנ יאסאק מיט רויכווארג. אינ פאל פונ א מילכאָמע זײַנענ די וואָ־גולישע און אָסטיאקישע פירשטלעכ מעכויעוו געווענ קומענ מיט זײערע קריגער צו הילפ די טאָטערנ.

צו צאָפנ־צו פונ די כאנטע האָבנ אינ די טונדרעס אומגעוואנדערט מיט זײערע טאבונענ הירשנ די נענצעס („סאמאָיעדנ“). פרילינג־צײַט פלעגנ זײ קומענ צום טײַכ אָב פאנגענ פיש. אינ די ענדלאָזע טונדרעס זײַנענ די נענצעס געווענ אומצוטריטלעכ פאר די באצווינגער, דעריבער זײַנענ זײ טאקע ניט ארונטערגעפאלנ אונטער דער מאכט פונ די טאָטערנ.

די אויסבילדונג פונ דער קאזאכישער האָרדע. אינמיטנ XV יה. האָט זיכ צו מיזרעכ־צו פונ אוראל, אינעם איצטיקנ קאזאכסטאנ, אויסגעבילדעט נאָכ א מעלו־כע — די קאזאכישע האָרדע. די נאָמאדישע פעלקער, וואָס זײַנענ ארײַנ אינ איר באשטאנד, האָבנ פריִער געהערט צום בונד פונ די אוזבעקישע שוואָטימ. אינ 1456 י. האָבנ זײ זיכ אָפּגעטײלט פונ די אוזבעקנ און האָבנ געבילדעט א זעלבשטענדיקע האָרדע. דעם נאָמענ קאזאכנ האָבנ זײ באקומענ טאקע דערפאר, ווײַל זײ האָבנ זיכ אָפּגעטײלט פונ די אוזבעקנ (דאָס וואָרט „קאזאכ“ באטײַט אפ טיורקיש „א מענטש, וואָס האָט זיכ אָפּגעטײלט פונ זײַנ פאָלק“).

די באשאפונג פונ דער רוסישער נאציאָנאלער מעלוכע

קאפיטל XII.

דאָס רעגירנ פונ די פירשטנ איוואנ דעמ III אונ וואסילי דעמ III.

35 §. די אויסבילדונג פונ דער טעריטאָריע פונ דער רוסישער מעלוכע.

די פאריייניקונג פונ דער צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס. פונעמ XIV יה. אָנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ שאפנ ענגערע עקאָנאָמישע פארבינדונגענ צווישנ די באזונדערע רוסישע פירשטנטומס. דאָס האָט מיטגעהאָלפנ דערצו, אז זיי זאָלנ זיכ ביסלעכווייז פאריייניקנ אינ איינ נאציאָנאלער רוסישער מעלוכע. די נייטיקייט מיט געמיינזאמע קויכעס צו אָרגאניזירנ די באשיצונג קעגנ די טאָטערנ אונ אנדערע אויסערלעכע סאָנימ האָט פארגיכערט דעמ פאריייניקונגס־פראָצעס.

אינ די צייטנ פונ וואסילי דעמ בלינדנס זונ — איוואנ דעמ III (1462—1505) האָט דאָס מאָסקווער גרויספירשטנטומ אָנגעשלאָסנ צו זיכ קימאט אלע לענדער פונ דער צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס, וואָס זיינענ נאָכ געווענ אומאָפהענגיק.

דער גרעסטער פונ די געביטנ, וואָס האָבנ נאָכ אלצ פארהיט זייער אומאָפהענגיקייט, איז געווענ דאָס נאָווגאָראָדער לאנד מיט זיינע גוואלדיקע קאָלאָניאלע באזיצנ. אינ נאָווגאָראָד האָבנ, ווי פריער, רעגירט די וועטשע אונ די אויסגעוויילטע פאָסאדניקעס אונ טיסיאצקעס (טויזנט־עלטסטע). מיט די גרויספירשטנ פלעגט נאָווגאָראָד נאָכ אלצ שליסנ אָפמאכנ, אָבער די נאָווגאָראָדער באָיארנ האָבנ שוינ אויס-

געצייכנט געזען, אז צו זייער פרײַ לעבנ קומט א סאָפ. צווישנ די נאָווגאָראָדער באָיארנ איז געווענ א גרופע, וואָס איז גרייט געווענ אריבערצוגיינ אפ דער זײַט פונ ליטע, אבי נאָר אײַנהיטנ זייערע פריִערדיקע רעכט. אינ דער שפיצ פונ דער דאָזיקער פארטיי איז געשטאנענ די גווירישע אונ אײַנפלוסרײַכע פאמיליע באָרעצקים. איינער פונ די באָרעצקים איז געווענ נאָווגאָראָדער פאָסאדניק. אָנגעפירט מיטנ קאמפ קעגנ מאָסקווע האָט זײַנ מוטער, די ענערגישע מארפא באָרעצקאיא. די אָנהענגער פונ די באָרעצקים פלעגנ שרײַענ אפ דער וועטשע: „מיר ווילנ ניט הייסנ קיינ וואָטשינע פונעמ מאָסקווער גרויספירשט! מיר זײַנענ פרײַע מענטשנ, מיר ווילנ ניט לײַדנ קיינ אוולעמ פונ מאָסקווע, מיר ווילנ געהערנ צומ קיניג קאזימיר“.

אינ 1471 י. האָבנ די נאָווגאָראָדער באָיארנ פאראטנ אונ האָבנ זיכ אָפגעגעבנ אונטער דער מאכט פונעמ ליטווישנ גרויספירשט קאזימיר (וועלכער איז גלײַכצײַטיק געווענ פוילישער קיניג). פארקערט, די נאָווגאָראָדער אָרעמשאפט איז געווענ פאר דעמ, מע זאָל זיכ פאראייניקנ מיט מאָסקווע, וואָס מיט איר איז נאָווגאָראָד געווענ ענג פארבונדנ דורכ דער איינהײַט פונ שפראכ אונ קולטור. איוואנ דער III איז מיט א גרויס כאַיִל ארויסגעטראָטנ אינ א מארש קעגנ נאָווגאָראָד. אינ אנ אנטשיידנדיקער שלאכט בײַמ טײַכ שעלאָנ האָט דאָס נאָווגאָראָדער כאַיִל געליטנ א מאפאָלע. די נאָווגאָראָדער קריגער, — נעכטיקע האנטווערקער, וועלכע האָבנ קוימ געקענט אײַנזיצנ אפ די פערד, וואָס מע האָט נאָרוואָס גענומענ גלײַכ פונ דער סאָכע, — זײַנענ זיכ צעלאָפנ אינ גרויס אומאָרדענונג. אינ שטאָט האָט אויסגעפעלט ברויט. האָט די אָרעמסטע באפעלקערונג געצוווּנגענ די באָיארנ, זיי זאָלנ אָנהייבנ פירנ אונטערהאנדלונגענ מיטנ גרויספירשט. איוואנ דער III האָט אָפגעשטעלט די מילכאָמע מיטנ טנײַ, אז נאָווגאָראָד זאָל באצאָלנ קאָנטריבוציע. די נאָווגאָראָדער האָבנ זיכ פארפליכטעט אײַנצורײַסנ דעמ בונד מיט ליטע. ניט געקוקט אפ דער מאפאָלע, האָט נאָווגאָראָד דאָכ אײַנגעהיט די פריִערדיקע „פרײַהײַט“.

אונ פונדעסטוועגנ איז אינ נאָווגאָראָד נאָכ אלצ געווענ אומרויִק. די פארטיי, וואָס האָט געליטנ א מאפאָלע, האָט זיכ גענומענ אָפרעכענענ מיט די „פרײַנט“ פונ מאָסקווע; יענע ווידער האָבנ זיכ געווענדט נאָכ הילפ צומ גרויספירשט. אינ 1477 י. האָט די מאָסקווער פארטיי אוועקגעשיקט שליכימ צומ גרויספירשט באגריסנ אימ אלס „האר“. איוואנ דער III האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהײַט אונ האָט גענומענ פאָדערנ „הארנ-רעכט“ אויכ אינ נאָווגאָראָד, אומבאגרענעצטע מאכט, אזא, ווי ער האָט עס געהאט אינ מאָסקווע, אונ אז די נאָווגאָראָדער וועטשע איז ניט אײַנגעגאנגענ אפ איוואנ דעמ III-טנס פאָדערונגענ, האָט ער זיכ ווידער געלאָזט אינ א מארש קעגנ נאָווגאָראָד אונ האָט באלאגערט די שטאָט. דאָס מאָל האָבנ די נאָווגאָראָדער אפילע ניט געפרווט זיכ ווערנ. אינ יאנוואר 1478 י. זײַנענ זיי נאָכ דויערנדיקע אונטערהאנדלונגענ געצוווּנגענ געווענ אָנצונעמענ אלע באדינגונגענ פונעמ גרויספירשט. די וועטשע איז פארניכטעט געוואָרנ; אָנשטאָט די פאָסאדניקעס האָבנ אָנגעהויבנ רעגירנ דעמ גרויספירשטס שטאטהאלטער; א באדײַטנדיקער טייל ערד פונ די נאָווגאָראָדער פעאָדאלנ איז אריבער צומ גרויספירשט. די נאָווגאָראָדער רעפובליק האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירנ. דעמ סימוואָל פונ דער נאָווגאָראָדער פרײַהײַט — דעמ וועטשע-גלאָק — האָט מענ אראָפגענומענ אונ אוועקגעפירט. א סאַכ נאָווגאָראָדער באָיארנ אונ סאָכרימ (דערונטער אויכ מארפא באָרעצקאיא) האָט מענ אריבערגעפירט אינ די מאָסקווער שטעט, אונ אפ זייער אָרט האָט מענ באזעצט מאָסקווער.

אַפּ דער ערד, וואָס מע האָט אָפּגענומען בײַ די נאָווגאָראָדער באָיאַרנ, האָט דער גרויספירשט אוועקגעזעצט מאָסקווער דינסט-לײַט. פּסקאָוו האָט נאָכ יאָ אײַנגעהיט אייניקע סימאָנימ פונ אומאָפּהענגיקײַט, ווײַל אינ דער מילכאָמע מיט נאָווגאָראָד האָט ער געהאָלפנ מאָסקווע.

נאָכדעמ איז אָנגעשלאָסנ געוואָרנ דאָס טווערער פירשטנטומ, וואָס האָט אמאָל געהאַט קאָנקורירט מיט מאָסקווע. דער טווערער פירשט מיכאַיל באָריסאָוויטש האָט, אזוי ווי נאָווגאָראָד, געהאַט פאַרקניפּט באַציִונגען מיטנ ליטווישנ פירשט קאַזימיר. איוואַנ דער III האָט דאָס אויסגענוצט און האָט באַלאַגערט טווער. מיכאַיל איז באַנאַכט אנטלאָפנ קיינ ליטע, זײַנע באָיאַרנ זײַנענ אריבער דינענ צומ זיגער (1485).

איוואַנ דער III.
פראַנצויזישע גראַוויור פונ יענער צײַט.

אויכ דאָס ריאַזאַנער פירשטנטומ איז געוואָרנ וואסאַל אָפּהענגיק פונ מאָסקווע. אזויארומ האָט אינ איוואַנ דעמ III-טנס צײַטנ אינ דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רוס, אַנשטאָט די פריִערדיקע אומאָפּהענגיקע לענדער, זיכ אויסגעבילדעט אַנ איינהײַטלעכע נאַציאָנאַלע רוסישע מעלוכע.

די פאַרייניקונג פונ די רוסישע פירשטנטומס ארומ מאָסקווע איז פאָרגעקומענ ניט נאָר מיט דער קראַפט פונ געווער. זי איז צוגעגרייט געוואָרנ דורכנ וווּקס פונ די מאַרק-פאַרבינדונגענ צווישנ די רוסישע לענדער; כוץ דעמ האָט די געפאַר מיצאַד די טאָטערנ, די ליטווינער און אנדערע סאָנימ געצווונגענ דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק צו פאַרייניקנ זיכ צוליב געמיינזאַמער באַשיצונג, און דאָס האָט פאַרשנעלערט דעמ פּראָצעס פונ פאַרייניקנ זיכ. אינ פאַרגלײַכ מיט דער פעאָדאַלער צעברעקלטקײַט איז די באַשאַפונג פונ אַנ איינהײַטלעכער פעאָדאַלער מעלוכע געווענ אַ פּאָזיטיווע דערשײַנונג, וואָרעמ אזאַ מעלוכע האָט אינ יענער עפּאָכע בעסער געזיכערט די מעגלעכקײַט פאַנאַנדערצוּוויקלענ ווײַטער די פּראָדוקטיוו-קרעפטנ פונעמ לאַנד.

די רוסישע נאַציאָנאַלע מעלוכע האָט מיטגעהאָלפנ ווײַטער צו פאַרייניקנ די רוסישע פעלקערשאַפט. דעמ ווײַסרוסישנ פאָלק און דעמ אוקראַיִנישנ—פעלקער, וואָס זײַנענ קרויוויש מיטנ רוסישנ, — האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו באַפרײַענ זיכ פונ אונטער דער מאַכט פונ ליטע און פוילנ און בילדנ אייגענע נאַציאָנאַלע מעלוכעס. שפּעטער האָבנ זיי זיכ פאַרייניקט מיטנ רוסישנ פאָלק אינ אַנ איינהײַטלעכער צענטראַליזירטער פילנאַציאָנאַלער מעלוכע.

§ 36. די באַפרײַונג פונ אונטערנ טאָטערשנ יאָכ. די דעראָבערונגענ פונ איוואַנ דעמ III.

דאָס אראָפּוואַרפנ דעמ טאָטערשנ יאָכ. נאָכ דעמ, ווי מאָסקווע האָט פאַריניקט ארומ זיכ די איבעריקע פירשטנטומס פונ דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רוס, איז זי געוואָרנ אזוי שטארק, אז זי האָט באַשלאָסנ ענדגילטיק אראָפּצוואַרפנ דעמ טאָטערשנ יאָכ. איוואַנ דער III האָט קונציק אויסגענוצט די צעברעקלטקײַט פונ דער האָרדע. ער האָט געשלאָסנ אנ ענגנ בונד מיטנ קרימער כאנ מענגלי-גירײ. יעדעס יאָר פלעגט איוואַנ דער III שיקנ קיינ קרימ זײַנע שליכימ מיט מאַטאָנעס פאַרנ כאנ, פאַר זײַנע ווײַבער אונ פאַר די גרעסטע פעאָדאלנ. אויסנוצנדיק די שוואַכקײַט פונ דער גאָלדענער האָרדע, האָט איוואַנ דער III אויפגעהערט צו צאָלנ צינז די טאָטערנ.

דער כאנ פונ דער גאָלדענער האָרדע אכמאט האָט געשלאָסנ א בונד מיטנ ליטווישנ גרויספירשט אונ האָט אינ 1480 י. זיכ געלאָזט אינ א מארש, קעדיי צו צווינגענ מאָסקווע צאָלנ צינז. דער גרויספירשט איז ארויסגעטראָטנ מיט זײַנ כאַיל אנטקעגנ די טאָטערנ צומ טײַכ אָקא. איוואַנ דער III האָט אָבער אויסגערעכנט אפנ געווער ניט גאָר פונ זײַנע אייגענע קריגער. ער האָט געוואָרט, אז ס'זאָל ארויסטרעטנ זײַנ פאַרבינדעטער מענגלי-גירײ אונ האָט אָפּגעצויגנ די צײַט, פירנדיק מיט אכמאטנ אונטערהאנדלונגענ. דאָס האָט ארויסגערופנ אנ אומצופרידנקײַט מיצאַד די אײַנוווינער פונ מאָסקווע. ווענ איוואַנ דער III איז צײַטווײַליק געקומענ צו פאָרנ קיינ מאָסקווע, האָבנ אימ די מאָסקווער אײַנוווינער אפילע כוישעד געווענ, אז ער וויל פאַרלאָזנ דאָס מיליטער, אונ האָבנ דעריבער ארויסגעשטעלט א פאָדערונג, ער זאָל זיכ טייקעף צוריקקערנ אפנ פראָנט. זײַנ אייגענער זונ, וועלכנ ער האָט ארויסגערופנ אפ א באַגעגעניש קיינ מאָסקווע, האָט זיכ אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזנ דאָס מיליטער אפילע אפ א קורצער צײַט. איוואַנ דער III האָט זיכ אפגיכ צוריקגעקערט צו זײַנ מיליטער. ביידע כאיאָלעס, דאָס טאָטערשע אונ דאָס רוסישע, זײַנענ געשטאַנענ איינס קעגנ אנדערנ פונ ביידע זײַטנ טײַכ אוגרא, א בײַטײַכ פונ אָקא. ניט די רוסנ, ניט די טאָטערנ האָבנ ניט געמאכט קיינ פרווו אריבערצוגייִנ דעמ טײַכ. אכמאט איז גרייט געווענ צו שליסנ שאָלעמ, ער האָט אָבער געפאָדערט, מע זאָל אימ, ווי פריִער, צאָלנ צינז. אזוי האָט זיכ עס פאַרצויגנ ביז די ערשטע פרעסטלעכ. אז די אוגרא האָט זיכ באַדעקט מיט אײַז, האָט איוואַנ באַפוילנ זײַנ כאַיל צוריקטרעטנ, קעדיי צו געבנ א שלאכט אפ מער גינסטיקע פאָזיציעס. דער כאנ האָט זיכ אָבער ניט אנטשלאָסנ אריבערצוגייִנ אינ אָנגריפ. זײַנ כאַיל האָט געליטנ פונ קעלט אונ פונ מאנגל אינ שפּײַז. דערצו נאָכ האָט איוואַנ דעמ III-טנס פאַרבינדעטער, דער קרימער כאנ מענגלי-גירײ, באַדראָט די גאָלדענע האָרדע פונ הינטערלאנד, אונ דער ליטווישער גרויספירשט, וואָס האָט געהאט צוגעזאָגט אכמאטנ הילפ, האָט אימ אָפּגענארט. אכמאט איז דעריבער אָפּגעטראָטנ פונ די מאָסקווער גרענעצנ. אפ צוריקוועגס איז ער באַפאלנ געוואָרנ פונ די סיבירער טאָטערנ אונ פונ די נאָגײַער אונ איז דערהארגעט געוואָרנ.

אזוי איז געקומענ א סאָפ צו דעמ טאָטעריש-מאָנגאָלישנ יאָכ, וואָס האָט אינ מעשעכ פונ יאָרהונדערטער געדריקט אפנ רוסישנ פאָלק. אויסגעקעמפט איר אומאָפּהענגיקײַט פונ די טאָטערנ, האָט די רוסישע נאציאָנאלע מעלוכע, וואָס האָט שוינ

צו יענער צײט פאריײניקט די באזונדערע רוסישע פירשטנטומס, באקומענ די מעגלעכקײט פונ װײטערדיקנ פאליטיש־װירטשאפטלעכנ װוקס אונ פארפעסטיקונג.

די גאלדענע האָרדע, װאָס איז נאָכ גאָר ניט לאנג געװענ אזױ מעכטיק, איז אלץ מער אונ מער צעפאלנ געװאָרנ. אינ 1502 י. האָבנ זי די קרימער טאָטערנ ענדגילטיק צעשמעטערט. אפנ אָרט פונ דער גאָלדענער האָרדע, בא דער נידער־װאָלגע, האָט זיכ אױסגעבילדעט א קלײנ כאנטום, װאָס איר הױפטשטאָט איז געװענ די שטאָט אסטראכאנ.

די שיסערײ באמ טײַכ אוגרא.
ג י ק אָ נ־כ ר אָ נ י ק.

דער אָנגריפ אפ די פעלקער פונ צאָפנ אונ פונ װאָלגע־געביט. גלײַכצײַטיק מיטנ פארײניקנ די רוסישע לענדער אונ באשיצנ זײ קעגנ די סאָנימ האָט איװאנ דער III גענומענ פארכאפנ לענדער, װאָס זײַנענ באזעצט פונ אנדערע פעלקער. נאָכ דעמ, װי ער האָט דעראָבערט נאָװגאָראָד, האָט ער פארכאפט די קאָלאָניעס, װאָס האָבנ געהערט צו נאָװגאָראָד. אינ 1472 י. איז דאָס מאָסקװער כאַל ארײַנגעטראָטנ אינ פערמער לאנד. דאָס דאָזיקע לאנד איז געװענ באזעצט פונ קאָמי־פערמיאקעס. דאָס מאָסקװער כאַל האָט צעקלאפט די פערמער פירשטנ, אײַנגענומענ די װיכטיקסטע באפעסטיקטע פונקטנ אונ זײ פארברענט. דאָס פערמער לאנד איז געװענ געצװוּנגענ צו אָנערקענענ די מאכט פונעמ מאָסקװער גרױספירשט.

שפּעטער מאָל זײַנענ פארגענומענ געװאָרנ מארשנ אפ צו באצװינגענ די יוגרא אפ יענער זײַט אוראל. אינ 1500 י. האָט דאָס מאָסקװער כאַל אריבערגעשפאנט די אוראלער בערג. אינ די בערג איז עס באפאלנ געװאָרנ פונ די נענצעס. די מאָסקװער האָבנ זײ אָבער צעקלאפט אונ צוגענומענ בא זײ 200 הירשנ. װײַטער זײַנענ די מאָסקװער װאָיעװאָדעס געפאָרנ אפ הירשנ, אונ די פראָסטע קריגער — אפ הינט. די יוגרער פירשטנ, װאָס זײַנענ ארױסגעטראָטנ קעגנ זײ, זײַנענ צעקלאפט געװאָרנ אונ האָבנ זיכ פארפליכטעט צו צאָלנ צינז.

איװאנ דער III האָט געצװוּנגענ אױכ דאָס קאזאנער כאנטומ צו אָנערקענענ זיכ פאר א װאסאל, װאָס איז אָפּהענגיק פונ מאָסקװע. ער פלעגט זיכ ארײַנמישנ אינ באשטימענ די כאנענ אפנ קאזאנער טראָנ, אונ די קאזאנער האָבנ גאָרנישט ניט געקאָנט טאָנ אָנ דער דערלױבעניש פונ מאָסקװע.

די מילכאָמע מיט ליטע אונ מיט ליװאָניע. דאָס, װאָס מע האָט זיכ באפרײַט פונעמ טאָטערשנ יאָכ, האָט איװאנ דעמ III געגעבנ די מעגלעכקײַט אָנצוהײבנ ביסלעכװײַז אָפּנעמענ צוריק די רוסישע לענדער, װאָס זײַנענ פארכאפט געװאָרנ דורכ

ליטע. די רוסישע פירשטנ, וואָס זײַנענ געווענ אונטער דער מאַכט פונ ליטע, האָבנ געהאַט א סאַך אויסצושטייג פונ די ליטווישע פעאָדאלנ. פיל רוסישע פירשטנ האָבנ צוזאַמענ מיט זייערע פירשטנטומס גענומענ אריבערגיינ אפ דער זײַט פונ מאָסקווע. אינ 1500 י. איז איבער דעם אויסגעבראָכנ מיט ליטע אנ אָפענע מילכאָמע, וואָס האָט געדויערט דרײַ יאָר. דאָס מאָסקווער מיליטער האָט אָפגעהאַלטנ איבער די ליטווינער עטלעכע גלענצנדיקע ניצכוינעס. האָט דעמלט דער ליוואָנער אָרדענ געשלאָסנ א בונד מיט ליטע. די דײַטשישע ריטערס זײַנענ עטלעכע מאָל דערגאַנגענ ביז פסקאָוו, זיי האָבנ אָבער געכאַפט פונעם רוסישנ מיליטער א שטאַרקע מאַפּאָלע. לויט א שאָלעמ=אָפמאַכ מיט ליטע איז צו די מאָסקווער באַזיצנ אָנגעשלאָסנ געוואָרנ דער פאַרצײַטיקער רוסישער געביט — דאָס סעווערסקער לאַנד מיט דער שטאָט טשערניגאָוו. דער ליוואָנער אָרדענ האָט זיך פאַרפליכטעט צו צאָלנ יערלעכנ צינז דעם מאָסקווער גרויספירשט, ער האָט אָבער די דאָזיקע פאַרפליכטונג ניט אויסגעפילט.

§ 37. די סאָציאַלע און מעלוכישע אָרדענונג פונ דער רוסישער מעלוכע סאָפ XV יה.

די אַנטוויקלונג פונ די סכוירע= און געלט=פאַרהעלטענישנ. די פאַרייניקונג פונעם רוסישנ פאָלק אינ אנ איינהײַטלעכער מעלוכע איז מעגלעכ געווענ נאָר באַם באַדינג, אַז עס זאָלנ עקזיסטירנ געוויסע, זאָל זײַנ אפילע שוואַכע, מאַרק=פאַרבינדונגענ צווישנ די רוסישע געביטנ.

די ווירטשאַפט פונ דער רוסישער מעלוכע איז סאָפ XV יה. אינ גרונט נאָכ פאַרבליבנ א נאַטורעלע. אָבער די אַנטוויקלונג פונ די סכוירע= און געלט=פאַרהעלטענישנ איז אינ דעם דאָזיקנ פעריאָד געגאַנגענ אינטענסיווער ווי פריער. צווישנ די באַזונדערע שטעט און געגנטנ האָבנ זיך אײַנגעשטעלט מער לעבהאַפטע האַנדלס=באַציִונגענ. מאָסקווע איז געוואָרנ א גרויסער האַנדלס=צענטער, עס זײַנענ אויפגעקומענ קלייטנ און אײַנפאָר=הײַזער, ווו עס פלעגנ זיך אָפשטעלנ פונ דער פרעמד געקומענע סאָכרימ („гости“). פונ די ארומיקע געגנטנ פלעגט מענ קיינ מאָסקווע ברענגענ צו פירנ פראָדוקטנ צומ פאַרקויפנ. איינער אנ אויסלענדער, וואָס האָט באַזוכט מאָסקווע אינ איוואַנ דעם III=טנס צײַטנ, האָט אינ לעבעדיקע בילדער באַשריבנ דעם ווינטער=האַנדל: אָפנ אײַז פונעם טײַכ מאָסקוואַ „שטעלנ די סאָכרימ זייערע קלייטנ מיט פאַרשיידענע סכוירעס“, אהער „ברענגט מענ צו פירנ יעדנ טאָג אינ פאַרלויפ פונעם גאַנצנ ווינטער ברויט, פלייש, כאַזיירימ, האָלצ, היי און אַנדערע נייטיקע פראָדוקטנ; סאָפ נאָיאַבער קוילענ אַלע ארומיקע אײַנוווינער זייערע קי און כאַזיירימ און פירנ זיי ארויס אינ שטאָט צומ פאַרקויפנ. עס איז א פאַרגעניגנ צו קוקנ אפ אָט דעמ שלאַל טויטע פי, וואָס איז אינגאַנצנ אָפגעשונדנ און שטייט אפ די הינטערשטע פיס אפנ אײַז“. אַזויאַרומ פלעגנ שוינ ניט אַלע פראָדוקטנ געמאַכט ווערנ אינ יעדער ווירטשאַפט באַזונדער, — אייניקע פראָדוקטנ פלעגט מענ שוינ קויפנ אפנ מאַרק. א סימענ, אַז דאָ זײַנענ געווענ אַנטוויקלט סכוירע= און געלט=פאַרהעלטענישנ, איז אויכ דאָס, וואָס סאָפ XV און אָנהייב XVI יאָרהונדערטער האָבנ זיכ די ערדבאַזיצער שוינ מער ניט באַנוגנט מיט באַקומענ פונ זייערע פויע=

רימ דעמ טשינש אינ פראָדוקטנ, נאָר זיי פלעגנ שוינ פאָדערנ פונ זיי אויכ געלט (געלט-טשינש).

אדאנק דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל אינ די שטעט האָט זיכ פארשטארקט די באַדײַטונג פונעמ סאָכרימטום. שוינ פונ סאָפ XIV יאָרהונדערט ווערט אינ מאָסקווע דערמאָנט א גרופע רײַכע סאָכרימ — סוראָזשאנער (ד.ה. אזוינע, וואָס האנדלענ מיט דער שטאָט סוראָזש, ד.ה. סודאק, אינ קרימ) אונ געוואנט-הענדלער. כוץ האנדל פלעגנ זיכ די רײַכע סאָכרימ פארנעמענ מיט וווכערײַ; צווישנ זייערע באלכוויוועס זײַנענ געווענ א סאכ אודיעלנע פירשטנ, אפילע איוואנ דעמ III-טנס ברידער. דאָס סאָכרימטום איז געווענ פארינטערעסירט, אז די פעאָדאלע מילכאָמעס זאָלנ אופהערנ אונ אז אלע רוסישע געביטנ זאָלנ זיכ פארייניקנ, ווײַל דאָס וואָלט פארלײַכטערט די האנדלס-באצִיונגענ צווישנ די באזונדערע טיילנ פונעמ לאנד.

די גוטבאזיצער אונ די פויערימ. די ווירטשאפט אינ די פעאָדאלע גיטער איז נאָכ פארבליבנ א נאטורעלע. זי האָט זיכ נאָכ אלצ שווער צוגעפאסט צומ מארק. געלט איז אינ לאנד געווענ ווייניק. נייטיקנדיק זיכ אינ געלט, פלעגנ די ערדבאזיצער מאכנ האלוואָעס בא די רײַכע סאָכרימ אונ דעריקער בא די מאָנאסטירנ, וועלכע האָבנ אָנגעקליבנ גרויסע געלט-מיטלענ פונ זאמלענ נעדאָוועס אונ פונ וווכערישע אָפעראציעס. פאר א מאשקנ פלעגט מענ אָפגעבנ די ערד, אונ אז דער כויוו פלעגט ניט געדעקט ווערנ, פלעגט די ערד אריבערגיינ אינ באזיצ צו די מאָנאסטירנ. די גרויסע יערושע-גיטער זײַנענ אלצ מער רוּנירט אונ צעדריבלט געוואָרנ. די וויכטיקסטע מיליטערישע קראפט זײַנענ אצינד געווענ ניט די גרויסע ערדבאזיצער, נאָר די קליינע ערדבאזיצער; וואָרעמ בא די נײַע באדינגונגענ זײַנענ די גרויסע ערדבאזיצער שוינ ניט געווענ אימשטאנד אויסצוהאלטנ אפנ אייגענעמ כעזשבנ גרויסע מיליטער-אָטריאדנ. די קליינע ערדבאזיצער זײַנענ אינ דער מערהײַט זייערע געווענ וואסאלנ פונ די גרעסערע פעאָדאלנ, אונ די ערד, וואָס זיי האָבנ פארמאָגט, פלעגנ זיי באַקומענ בא אָט די גרעסערע פעאָדאלנ פאר זייער דינסט. די הויפט-מאסע פונ די דאָזיקע „דינסט-לײַט“ („Служилые люди“), ווי זיי האָבנ דעמאָלט געהייסנ, האָט געהערט צו דעמ גרויספירשטס הויפ. דעריבער האָט מענ זיי אויכ א נאָמענ געגעבנ „דוואָריאנעס“ (הויפ-לײַט; פונעמ וואָרט „двор“ — הויפנ; אפ יִדיש הייסנ זיי אדל-לײַט). דער דאָזיקער נאָמענ איז געווענ פארשפרייט אפ אלע קליינע ערדבאזיצער, וואָס האָבנ געדינט אינעמ גרויספירשטלעכנ מיליטער. באמ מאנגל אינ געלט אינ דער גרויספירשטלעכער קאזנא פלעגנ די הויפ-לײַט קיינ געלט-געהאלט ניט באקומענ. אָנשטאָט געלט-געהאלט פלעגט דער גרויספירשט געבנ דעמ הויפ-מאנ א קליינעמ ביילעק ערד, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ זײַנ רעשומ אזוי לאנג, קאָלזמאנ ער איז געווענ אפ מיליטער-דינסט. אז דער הויפמאנ פלעגט וואַרפנ די מיליטער-דינסט, פלעגט ער אָנווערנ די ערד. צומ אונטערשייד פונ דער יערושע-נאכלע, וואָס האָט געהערט דעמ באזיצער אלס זײַנ פולשטענדיק אייגנטומ, האָט דער ערדביילעק, וועלכנ מע פלעגט געבנ דעמ הויפ-מאנ אָדער עמעצנ אנדערש פונ די דינסט-לײַט, געהייסנ „פאָמעסטיע“ (גוט), אונ די דינסט-לײַט, וואָס האָבנ באזיצט די דאָזיקע גיטער, האָבנ געהייסנ „פאָמעשטשיקעס“ (גוטבאזיצער).

אזויארומ האָבנ די הויפ-לײַט געבילדעט א היפשנ שיכט קליינע ערדבאזיצער (שפּעטער האָט מענ מיטנ נאָמענ „פאָמעשטשיקעס“ אָנגעהויבנ רופנ ביכלאל אלע

ערדבאַזיצער). דער גוטבאַזיצער האָט געהאַט רעכט צונויפצוזאַמלענ טשינש בײַ די פויערימ, וואָס האָבנ געלעבט אינ זײַנע גיטער, אונ צווינגענ זיי טאָנ פּאַנשטשינע=אַרבעט.

בײַ דער פעאָדאַלער אָרדענונג איז דער פויער קיינמאָל ניט געווענ פרײַ. דער פעאָדאַל פלעגט אימ מיט צוואַנג אײַנהאַלטנ בײַ זיכ אויפ דער ערד אונ פלעגט זיכ דערבײַ ניט אָפּשטעלנ אפילו פאַר אָפּענעמ געוואַלט. באַזונדערס איז שווער געווענ איועקצוגיינ פונ דעמ פעאָדאַלס ערד די „סטאַראָזשילצעס“, ד. ה. די פויערימ, וואָס האָבנ שוינ פונ לאַנג געלעבט אינ דער זעלבער יערושע=גאַכלע. אָבער אויכ די אי=בעריקע פויערימ זײַנענ געווענ באַגרענעצט אינ די רעכט אַריבערצוגיינ פונ איינ באַזיצער צו אַנ אַנדערנ: לויטנ מינהעג, האָבנ זיי געקאָנט אַוועקגיינ נאָר ווענ עס פלעגט פאַרענדיקט ווערנ די גאַנצע פעלד=אַרבעט, אָנהייב ווינטער, ווענ די טווע איז שוינ געווענ אַרויסגעפירט אויפנ פאָרעצס הויפ.

נאָכ דעמ, ווי עס האָט זיכ אויסגעבילדעט אַ שטאַרקע צענטראַליזירטע מעלוכע, וואָס האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסנ פונ די פעאָדאַלנ, האָבנ די אַדל=לײַט בײַ=שלאָסנ פאַרגעזעצלעכנ די דאָזיקע אָרדענונג אונ אַזויאַרומ נאָכ מער פאַרשטאַרקנ זייער מאַכט איבער די פויערימ.

קעדיי צו באַזאָרגנ די גוטבאַזיצער מיט לײַבייגענע אַרבעטס=הענט, האָט איוואַנ דער III אינ 1497 י. אַרויסגעגעבנ אַ געזעצ, וואָס האָט דערלויבט דעמ פויער אַוועקצו=גיינ פונעמ ערדבאַזיצער נאָר דאַנ, ווענ די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט איז געענדיקט. פאַר דער גאַנצער מעלוכע איז אײַנגעפירט געוואָרנ איינ טערמינ פונ פויערשנ „וויכאָד“ (אַרויסגאַנג) — דער „יורי=טאָג“, ד. ה. דעמ 26 נאָיאַבער לויטנ אַלטנ סטיל. דער פויער האָט געמוזט אַוועקגיינ פונעמ באַלעבאָס אַ וואָכ פאַרנ יורי=טאָג אונ אַ וואָכ נאָכנ יורי=טאָג. אַפריער האָט ער אָבער געמוזט צעצאָלנ זיכ מיטנ באַלעבאָס — באַצאָלנ פאַר „פּאָזשילאָיע“ (וווינ=אָרט), ד. ה. פאַרנ הויפ, מיט וועלכנ ער האָט זיכ באַנוצט. אויכ בizנ 1497 י. זײַנענ די פויערימ געווענ שטאַרק באַגרענעצט אינעמ רעכט אַריבערצוגיינ פונ איינ באַזיצער צו אַנ אַנדערנ; דער נײַער געזעצ האָט נאָכ מער פאַרשטאַרקט די דאָזיקע באַגרענעצונגענ. די מאָסקווער מעלוכע איז געווענ אַ פעאָדאַלע מעלוכע. דעריבער האָט זי מיט אַלע מיטלענ מיט=געהאָלפנ די פריצימ צו פאַרוואַנדלענ די פויערימ אינ לײַבייגענע.

דער צאָלרײַכער אַדל האָט באַקומענ אינ דער מעלוכע אַ גרויסע פּאָליטישע באַ=דײַטונג. ניט פאַרמאָגנדיק קיינ אייגענע ערד, זײַנענ די אַדל=לײַט געווענ אינגאַנצנ אָפּהענגיק פונעמ גרויספירשט, — פונ אימ פלעגנ זיי באַקומענ די גיטער אונ ער פלעגט זיי געבנ די מעגלעכקײַט צו עקספּלואַטירנ די פויערימ. דעריבער האָט דער גרויספירשט געפונענ אינ די אַדל=לײַט איבערגעגעבענע דינער; מיט זייער שטיצע האָט ער געהאַט די מעגלעכקײַט צו פאַרפעסטיקנ זײַנ מאַכט.

דאָס פאַרוואַלטונג=וועזנ אונ דאָס מיליטער. נאָכ דעמ, ווי די אָפּגעזונדערטע פירשטנטומס זײַנענ פאַרייניקט געוואָרנ אינ אַנ איינהײַטלעכער פעאָדאַלער מעלוכע, איז דאָס פאַרוואַלטונגס=וועזנ אינעמ מאָסקווער גרויספירשטנטומ אָרגאַניזירט געוואָרנ אויפ נײַע יעסוידעס. אינ איוואַנ דעמ III=טנס צײַטנ איז דאָס גאַנצע פאַרוואַלטונגס=וועזנ געווענ קאָנצענטרירט אינ די הענט פונעמ גרויספירשט.

אַלע פירשטנ, וואָס זײַנענ פריער געווענ זעלבשטענדיק, זײַנענ אַצינד אַריבער

דינען צום מאָסקווער גרויספירשט און זײַנען פון אומאָפהענגיקע הערשער געוואָרן דעם גרויספירשטס באָיארן. די גרעסטע יאכסאָנים צווישן זיי זײַנען אריַן אין באַשטאַנד פון דעם גרויספירשטס דומע, דה. פונעם ראט, וואָס צוזאמען מיט אים האָט דער גרויספירשט רעגירט. אפ דעם דינסט=לייטער זײַנען די געוועזענע פירשטן און די איבעריקע באָיארן געווען אײַנגעטיילט ניט לויט זייערע פארדינסטן, נאָר לויטן יִכעס, אָדער, ווי מע פלעגט עס דאן זאָגן, לויט דער „פּאָראָדע". די באָיארן פון גרעסטן יִכעס פלעגן באקומען הויכע אמטן. א באָיארין פון גרויסן יִכעס האָט ניט געקאָנט זײַן אמטלעך אונטערגעאָרדנט צו א מענטשן פון קלענערן יִכעס אָדער אפילע פארנעמען דעם זעלבן פּאָסטן, וואָס יענער. אזא סיידער האָט געהייסן „מעסטניטשעסטווא". די מעסטניטשעסטוואָ האָט אָנגעטאָן דער מעלוכע זייער פיל שאָדן. אָנשטאָט אוועקצושטעלן פייִקע און קלוגע מענטשן, האָט מען גאָר געדארפט אין זינען האָבן דעם יִכעס פון די מענטשן, מעגן זיי אפילע האָבן ווייניק פארשטאנד. באם באַשטימען מענטשן צו א מארש אָדער אפ א וועלכן=עס=איז פּאָסטן פלעגן זיך אָנהייבן קריגערײַען איבער די ערטער, און דאָס האָט זיך זייער שעדלעך אָפּגערופן אפ דער עצעם ארבעט. די מעסטניטשעסטוואָ איז געווען א האנאָכע מיצאד דעם גרויספירשט פאר די גרויסע פעאָדאלן. זי האָט שטארק געשטערט דעם ריכטיקן גאנג פון די מעלוכע=איניאָנים.

רוסיש כאַיִל פון XVI יה.
פון הערבערשטיינען.

אין די נײַ דעראָבערטע געביטן פלעגט דער גרויספירשט באַשטימען זײַנע שטאטהאלטערס. די שטאטהאלטערס האָבן רעגירט מיט די אָנגעטרויטע געביטן, זיי האָבן געמישפּעט, זיי האָבן צונויפגעזאמלט שטײַערן. דערפאר פלעגן זיי, לויטן אלטן מינהעג, „קאָרמענען זיך" אפן כעזשבן פון דער באפעלקערונג. ביז איוואן דעם III זײַנען די געצאָלטן לעטויווער די שטאטהאלטער מיט גאָרנישט ניט געווען באַגרענעצט. ער האָט אײַנגעשטעלט א פּינקטלעכע נאָרמע פונעם אויסהאלט מיט נאטור אָדער מיט געלט און האָט אויך באַשטימט די גרייס פון די געריכט= און האנדלס=אָפּצאָלן. אין מאָסקווע זײַנען אָרגאניזירט געוואָרן ספּעציעלע אנשטאלטן — „פּריקאזן", וואָס האָבן געהאט צו שאפן איבער פארשיידענע צווײַגן פון דער מעלוכע=פארוואלטונג, צום בײַשפּיל, מיטן מיליטער=וועזן (דער „ראזריאדני פּריקאז"), מיט די פינאנצן. א גרויסע ראָליע האָבן אינעם פארוואלטונגס=וועזן געשפּילט די גרויספירשטלעכע דיאקעס, דה. די שרײַבערס; אפ זיי איז געלעגן די גאנצע לויפנדיקע ארבעט. אין 1497 י. האָט איוואן דער III ארויסגעגעבן א „סודיעבניק", דה. א געזעצקאָדעקס, וואָס האָט אײַנגעשטעלט די פארוואלטונגס=אָרדענונג און די געריכטפירונג אין דער מעלוכע.

אינ איוואַנ דעמ III־טנס צײַטנ איז אָרגאַניזירט געוואָרנ אַ שטאַרקע אַרמיי. די קאָנצענטרירונג פֿונ דער מאַכט אונ די מיטלענ אינ איינע הענט האָט געגעבנ אַ מעגלעכקײַט באַדײַטנד צו העכערנ די קריגס־טעכניק. עס איז געשאַפֿנ געוואָרנ אַנ אַרטילעריע; מײַסטערס, וואָס מע האָט אויסגעשריבנ פֿונ מערב־אייראָפּע, האָבנ געגאָסנ האַרמאַטנ. דאָס מיליטער־וועזנ איז פֿאַרייניקט געוואָרנ. ביז אַהער פֿלעגט יעדער פֿירשט, לויטנ רופֿ פֿונעמ גרויספֿירשט, קומענ מיט זײַנ אייגענעמ כאַיל. אָט די צונויפֿגעשטוקעוועטע אַרמיי האָט געהאַט אַ סאַכ כעסרוינעס. ביים אַנ אומגעריכטנ אָנפֿאַל פֿונעמ סוינע איז שווער געווענ צונויפֿצוקלײַבנ זי. יעדעס מאָל האָט מענ געמוזט פֿאַרשטענדיקנ זיכ מיט יעדנ פֿירשט באַזונדער. ס'איז ניט געווענ קיינ איינהײַט אינ דער קאָמאַנדשאַפֿט. יעדער פֿאָלק פֿלעגט אַרויסטרעטנ באַזונדער אונטער זײַנ „פֿאָנ“. אָבער צוזאַמענ דערמיט, ווי איוואַנ דער III האָט פֿאַרניכטעט די באַזונדערע פֿירשטנטומס, האָט ער די פֿאָלקנ, אָדער, ווי מע האָט דאָס דאַנ גערופֿנ, די „הויפֿנ“ פֿונ די פֿירשטנ אָנגעשלאָסנ צו זײַנ גרויספֿירשטלעכנ הויפֿ. אַזוי האָט זיכ געשאַפֿנ זייער אַ גרויס מיליטער פֿונ „הויפֿ־לײַט“. די הויפּט־מאַסע פֿונ דעמ דאָזיקנ מיליטער איז באַשטאַנענ פֿונ די קליינע ערדבאַזיצער. צו אָט דעמ באַשטאַנד פֿלעגנ נאָכ צוקומענ די דינער פֿונ די באָיאַרנ אונ פֿרײַע מענטשנ.

דאָכ האָבנ די גרויסע באָיאַרנ פֿונ צווישנ די געוועזענע פֿירשטנ נאָכ פֿאַרהיט אינ אַ באַגרענעצטער צאָל אייגנ מיליטער, מיט וועלכנ זיי פֿלעגנ זיכ ביים די מאַרשנ אָנשליסנ צומ מיליטער פֿונ די הויפֿ־לײַט.

די צווישנפֿעלקערלעכע לאַגע פֿונ מאָסקווע. אינ די צײַטנ פֿונ איוואַנ דעמ III האָט די רוסישע מעלוכע פֿאַרנומענ אַנ אָנגעזעענ אָרט צווישנ די אַנדערע מעלוכעס פֿונ אייראָפּע. דער דײַטשישער אימפּעראַטאָר האָט אַפֿילע פֿאָרגעלייגט איוואַנ דעמ III דעמ טיטל קיניג, איוואַנ האָט אָבער דערקלערט, אַז ער נייטיקט זיכ ניט אינ קיינעמס באַשטעטיקונג. עס האָט אײַנגעשטעלט פֿאַרבינדונגענ מיט מאָסקווע דער רוימישער פּויפּסט, וועלכער האָט געוואָלט אַרונטערנעמענ מיזרעכ־אייראָפּע אונטער זײַנ אײַנפֿלוס. ס'האָבנ זיכ פֿאַרקניפּט לעבהאַפֿטע פֿאַרבינדונגענ צווישנ מאָסקווע מיט די האַנדלס־לענדער פֿונ מערב־אייראָפּע, באַזונדערס מיט דער רײַכער ווענעציאַנער רעפּובליק. דורכנ שוואַרצנ יאַמ אונ דורכ קרימ פֿלעגנ קעסיידער קומענ קיינ מאָסקווע ווענעציאַנער שליכימ אונ סאָכרימ. דער גרויספֿירשט האָט זיכ גענייטיקט אינ אייראָפּייִשע טעכניקער. דורכ ווענעציע פֿלעגט ער אויסשרײַבנ אַרכיטעקטאָרנ, האַרמאַטנ־מײַסטערס אונ אַנדערע ספּעציאַליסטנ.

אינ 1453 י. האָט דער טערקישער סולטאַנ פֿאַרכאַפּט קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אונ די ביזאַנטישע אימפּעריע איז געפֿאַלנ. באַ דער מיטהילפֿ פֿונ ווענעציע אונ פֿונעמ רוימישנ פּויפּסט איז געשלאָסנ געוואָרנ אַ שידעכ צווישנ איוואַנ דעמ III מיט דער פּלימעניצע פֿונעמ לעצטנ גריכישנ אימפּעראַטאָר—סאָפֿיאַ פּאַלעאָלאָג. אי ווענעציע אי דער פּויפּסט האָבנ דורכ דעמ דאָזיקנ שידעכ געהאָפֿט צו פֿאַרשטאַרקנ זייער אײַנפֿלוס אינ מאָסקווע, איוואַנ דער III האָט אָבער ניט דערלאָזנ קיינ אויסלענדישע אַרײַנמישונג אינ די אָנגעלעגנהײַטנ פֿונ דער רוסישער מעלוכע.

דורכ קרימ איז איוואַנ דער III אַרײַנגעטראָטנ אינ פֿאַרבינדונגענ מיט טערקײַ, אונ אַהינ האָבנ געקומענ פֿאָרנ מאָסקווער סאָכרימ. עס האָבנ זיכ אײַנגעשטעלט פֿאַרבינדונגענ אויכ מיט פּערסיע. דער טווערער סויכער אַפֿאַנאַסי ניקיטינ האָט נאָכ אַ לאַנגער ריי פּאַסירונגענ אָנגעשפּאַרט אַפֿילע קיינ אינדיע (1467—1472). ער האָט אי־

בערגעלאָזט א גלענצנדיקע באשרײַבונג פונ זײַנ „רײַזע איבער דרײַ יאמענ“ (דה. איבערנ קאספּישנ, אינדישנ אונ רויטנ). אפאנאסי ניקיטינ איז געווענ איינער פונ די ערשטע אייראָפּייער, וואָס האָבנ זיכ דערקליבנ קיינ אינדיע.

די גרויספירשטלעכע מאכט. אזויארום האָט זיכ אינ איוואנ דעמ III⸗טנס צײַטנ די לאגע פונעמ מאָסקווער גרויספירשטנטומ אינגאנצנ געענדערט. פריִער איז דאָס געווענ איינס פונ א סאכ פירשטנטומס פונ דער צאָפנ⸗מיזרעכדיקער רוס. אצינד איז דאָס פארוואנדלט געוואָרנ אינ אנ אייגנהײַטלעכער אונ שטארקער מעלוכע, וואָס האָט פאראייניקט קימאט דאָס גאנצע רוסישע פאָלק אונ איז געוואָרנ א נאציאָנאלע רוסישע מעלוכע. געענדערט האָט זיכ אויכ דער כאראקטער פונ דער גרויספירשטלעכער מאכט. איוואנ דעמ III⸗טנס צײַט איז דער אָנהייב פונ דער זעלבסטהערשונג, דה. פונ דער אומבאגרענעצטער מאכט פונעמ גרויספירשט. פריִער איז דער מאָסקווער גרויספירשט געווענ דער „ערשטער צווישנ גלײַכע“, דער סאמע מעכטיקער צווישנ די פיל רוסישע פירשטנ. אצינד איז ער געוואָרנ דער איינציקער הערשער איבער דער גאנצער צאָפנ⸗מיזרעכדיקער רוס. טיילמאָל פלעגט ער זיכ אפילע באטיטלענ מיטנ נאָמענ „צאר“. נאָכ דעמ, ווי די טערקנ האָבנ אײַנגענומענ קאָנסטאנטינאָפּאָל, האָט איוואנ דער III זיכ גענומענ באטראכטנ אלס דירעקטנ יורעש פונ די גריכישע אימפּעראטאָרנ. ער האָט איבערגענומענ פאר זײַנ מעלוכע דעמ ביזאנטישנ אימפּעראטאָרישנ הערב — דעמ צווייקעפּיקנ אָדלער. אינ פײַערלעכע מאָמענטנ פלעגט איוואנ דער III זיצנ אפּ א טראָנ, וואָס איז געווענ באפּוצט מיט טײַערע שטיינער; אינ א קרוינ, אָדער, ווי די רוסנ פלעגנ זי רופנ, אינ „מאָנאָמאכס היטל“ (ווי עס ווערט דערציילט, איז דאָס דאָזיקע היטל איבערגעגאנגענ בעירושע פונ וולאדימיר מאָנאָמאכנ, אונ מאָנאָמאכ אליינ זאָל עס קלוימערשט האָבנ באקומענ פונעמ גריכישנ אימפּעראטאָר, וואָס האָט אויכ געטראָגנ דעמ צונאָמענ מאָנאָמאכ).



דאָס אזויגערופענע מאָנאָמאכ־היטל, אראבישע ארבעט פונ XIII יה.

דער גרויספירשט האָט גענומענ פארבויענ די הויפּטשטאָט מיט גרויס פּראכט. ביז איוואנ דעמ III איז מאָסקווע געווענ פארבויט קימאט דורכויס מיט הילצערנע געבײַדעס. אפילע דעמ גרויספירשטס פּאלאצ איז געווענ א הילצערנער. די רוסישע מויערער האָבנ זיכ ניט שטענדיק געקאָנט ספּראווענ מיט דער בויונג פונ געמויערטע הײַזער. איוואנ דער III האָט באשלאָסנ איבערבויענ איינעמ פונ די קרעמל⸗קאטעדראלנ, אונ אז מע האָט שוינ געהאט אופגעשטעלט די ווענט ביזנ קופּאָל, איז דער גאנצער ביניענ אײַנגעפאלנ, ווײַל די וואפּנע איז געווענ שלעכטע.

איוואנ דער III האָט אָנגעהויבנ צוציִענ אויסלענדישע ארכיטעקטאָרנ אונ מײַסטערס. צווישנ זיי איז געווענ דער בארימטער איטאליענישער ארכיטעקטאָר אריסטאָטעל פיאָראוונטי; ער האָט אויסגעלערנט די רוסנ אָנצווענדנ מער פולקומע בוי⸗מיטלענ אונ מעכאנישע אײַנריכטונגענ. די מײַסטערס, וואָס מע האָט געבראכט פונ אויסלאנד, האָבנ אויסגעבויט די קרעמל⸗ווענט מיט די טורעמס, וואָס עקזיסטירנ ביזנ הײַנ⸗

די מעלוכעס אפ דער טעריטאָריע פון פססר א



יח. נאָך דער צעפאַלונג פון דער גאָלדענער האָרדע.



טיקנ טאָג, געמויערטע קאטעדראלנ, א פּרעכטיקנ געמויערטנ פּאלאצ, וואָס ביז איצט האָט זיכ פונ אימ אײַנגעהיט די „קראַסנאָיע קרילצאָ“ (פּאראד-ארײַנגאנג) מיט לייבנ-פיגורנ אונ די פּראכטפולע „גראנאָוויטאיא פּאלאטא“ (קאנטיקער זאל). צו-גלײַכ מיט איטאליענישע קינסטלער האָבנ איבער דער באפוצונג פונ דער הויפּט-שטאָט געארבעט אויכ פּסקאָווער מײַסטערס.

די אויסבילדונג פונ אנ איינהײַטלעכער מעלוכע אפנ אָרט פונ די אָפּגעזונדערטע פירשטנטומס האָט געמאכט א סאָפ צו די פעאָדאלע מילכאָמעס צווישנ די באזונ-דערע פירשטנטומס אונ האָט געשאפנ די מעגלעכקײַט פאר דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רוס אראָפּצוווארפנ דעמ טאָטערשנ יאָכ.

די פריערדיקע אומאָפּהענגיקע פירשטנ האָבנ אָבער ניט געקאָנט גלײַכ שאָלעמ מאכנ דערמיט, וואָס זיי האָבנ אָנגעוואָרנ זייערע באזונ-רעכט. די לאגע פונ פּאָשעטע באָיארנ באמ גרויספירשט האָט זיי ניט באפרידיקט. זיי האָבנ געוואָלט אָנטיילנע-מענ אינעמ רעגירנ מיטנ לאנד אונ האָבנ געפאָדערט, אז דער גרויספירשט זאָל פּאָלגנ זייערע אייצעס. קאָלזמאנ איוואנ דער III איז געווענ ארומגערינגלט מיט א קליינער גרופּע אלטע איבערגעגעבענע באָיארנ, האָט ער זיכ גערנ צוגעהערט צו זייערע מיינונגענ אונ האָט געדולדעט דערווידערונגענ. אצינד האָבנ זיכ באמ הויפ באוויזנ א סאכ נײַע באָיארנ פונ צווישנ די געוועזענע אודיעלנע פירשטנ. איוואנ דער III האָט ניט געטרויט זײַנע נעכטיקע סאָנימ, אונ די נײַע באָיארנ האָבנ זיכ אונטערגעוואָרפנ דעמ

דער אוספּעניע-קאטעדראל אינ מאָסקווע. 1475—1479 י.י. בוי-מײַסטער אריסטאָטעל פיאָ-ראווענטי. פאָטאָ.



די „גראַנאָוויטאַיאַ פּאַלאַטאַ" (קאַנטיקער זאַל) אין מאָסקווע. 1491 י. בוי־מײַסטערס
פּריאַזינ, אַנטאָני און אַלעוויז. פאָטאָ.

גרויספירשט קעגנ זייער ווילנ. דער גרויספירשט האָט זיכ גענומענ דערוויטערנ פונ די באָיארנ. ער האָט נאָכגעטאָנ די גריכישע אימפּעראַטאָרנ, וועלכע פלעגנ זיכ האַלטנ שטאָלצ און אומצוטריטלעכ. די באָיארנ, וואָס פלעגנ זיכ ניט אונטערוואַרפנ דעמ גרויספירשט, פלעגט מענ קעפּנ אָדער פאַרשיקנ. די באָיארנ האָבנ געהאַלטנ, אַז שולדיק אינ אָט דער פאָרגעקומענער ענדערונג איז די גרויספירשטנ סאָפיאַ „ווי נאָר ס'איז אהער געקומענ די גרויספירשטנ סאָפיאַ מיט די גריכנ, — האָבנ געטוישט די באָיארנ, — אַזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ גרויסע אומאָרדענונג".

אינ דער פאַרשטאַרקונג פונ דער גרויספירשטלעכער מאַכט האָט אַ גרויסע ראָליע געשפּילט די קירכ. דער קלער האָט געשטיצט די פאַראייניקונג פונ די רוסישע לענדער אינ אַנ אייגהייטלעכער מעלוכע. די קירכ האָט געלערנט, אַז דער גרויספירשט באַקומט זײַנ מאַכט פונ גאָט. איוואַנ דער III, פונ זײַנ זײַט, האָט געגעבנ דער קירכ קאָלעריי רעכט, האָט געזיכערט די אומבאַרירלעכקײַט פונ אירע ערדבאַזיצנ און האָט אכזאָריש פאַרפאָלגט די „אַפּיקאָרסים", דה. די מענטשנ, וואָס האָבנ געוואַגט צו קריטיקירנ די לערע פונ דער פּראַוואָסלאַווישער קירכ. דערפאַר האָט די קירכ גערנ געדינט דעמ גרויספירשט.

איוואַנ דער III האָט פאַרזיכטיק און אקשאָנעסדיק זיכ געסטאַרעט צו פאַרשטאַרקנ די רוסישע מעלוכע. איינצלנע דורכפאַלנ האָבנ אימ ניט אָפּגעשראָקנ און ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט געהאַנדלט קלוג, מיט בעזשבנ און זיכער. אַ קלוגע פאָליטיק האָט ער געפירט מיט די טאָטערשע כאַנטומס — ער פלעגט קונציק אָנרייצנ די קרימער און די סיבירער טאָטערנ אָפּ דער גאָלדענער האָרדע און פלעגט ניט גערנ אָנ־

ווענדנ געווער. שטרענג צו זײַנע וואסאלנ, האָט ער פעסט געהאלטנ די מאכט אינ זײַנע הענט אונ האָט געקענט צווינגענ, מע זאָל פאר אימ מוירע האָבנ.

די פארשטארקונג פונ דער רוסישער מעלוכע אינ די צײַטנ פונ וואסילי דעמ III. די פאראייניקונג פונ די פירשטנטומס פונ דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רוס ארומ מאָסקווע האָט פארענדיקט איוואנ דעמ III-טנס זונ—וואסילי דער III (1505—1533). אינ זײַנע צײַטנ איז אינ 1510 י. אָנגעשלאָסנ געוואָרנ פסקאָוו. וואסילי האָט ארויסגערופנ קיינ נאָווגאָראָד די פסקאָווער פאָסאדניקעס אונ די „בעסטע מענטשנ", קלוימערשט, כעדיי פאנאנדערצוקלײַבנ זייערע אָנקלאָגעס אפנ שטאטהאלטער, אונ האָט זיי ארעסטירט. דערנאָכ איז קיינ פסקאָוו ארויפגעפאָרנ דעמ גרויספירשטס א דיאק אונ האָט אפ דער וועטשע געמאָלדנ פונ דער טריבונע די פסקאָווער אײַנוווינער דעמ גרויספירשטס פאָדערונג, אז קיינ וועטשע זאָל אינ פסקאָוו ניט זײַנ אונ איבער דער שטאָט מיט די פאָרשטעט זאָלנ רעגירנ דעמ גרויספירשטס שטאטהאלטערס. דער וועטשע-גלאָק איז אראָפגענומענ געוואָרנ. בא 300 פסקאָווער פאמיליעס האָט מענ איבערגעשיקט וווינענ קיינ מאָסקווע, אונ אָנשטאָט זיי האָט מענ צוגעשיקט קיינ פסקאָוו מאָסקווער גוטבאזיצער.

וואסילי דער III.

פראנצויזישע גראוויור.

אינ וואסילימ צײַטנ איז ענדגילטיק אָנגעשלאָסנ געוואָרנ אויכ ריאזאנ. דער לעצטער ריאזאנער פירשט האָט ניט געוואָלט זײַנ אָפהענגיק פונ מאָסקווע, אונ ער איז ארײַנגעטראָטנ אינ פארבינדונגענ מיטנ קרימער כאנ. מע האָט דעמ ריאזאנער פירשט ארויסגערופנ קיינ מאָסקווע אונ אימ דאָ פארהאלטנ; אימ האָט זיכ אָבער אײַנגעגעבנ צו אנטלויפנ קיינ ליטע. זײַנ פירשטנטומ איז ארײַנ אינ באשטאנד פונ דער מאָסקווער מעלוכע (1521). אזויארומ איז אונטער דער העגעמאָניע פונ מאָסקווע פאראייניקט געוואָרנ די גאנצע צאָפנ-מיזרעכדיקע רוס.

וואסילי דער III האָט אויכ גענומענ אָפנעמענ צוריק די רוסישע געביטנ, וועלכע עס האָבנ פארכאפט די ליטווישע גרויספירשטנ. אינ 1514 י. האָט דאָס מאָסקווער מיליטער אָפגענומענ צוריק בא די ליטווינער די רוסישע שטאָט סמאָלענסק.

אינ דער רוסישער מעלוכע גופע האָט זיכ די מאכט פונעמ גרויספירשט זייער פארשטארקט. ער איז אציינד געווענ „אפנ גאנצנ רוסישנ לאנד א האר איבער הארנ". די געוועזענע אודיעלנע פירשטנ האָבנ אימ געמוזט דינענ „לויט זײַנ פולנ ווילנ". וואסילי דער III, ווי עס האָבנ וועגנ אימ געשריבנ אויסלענדער, „שטײַגט אריבער אלע מאָנארכנ פונ דער גאנצער וועלט", ער שאפט זיכ „אומגעשטערט מיטנ לעבנ אונ מיטנ פארמעגנ פונ אלעמענ". די מאָסקווער „דערקלערנ אָפנ, אז דעמ הארס ווילנ איז דער ווילנ פונ גאָט". די באָיארנ האָט וואסילי דער III באזײַטיקט

פונ רעגירנ. ער האָט ניט גערולדעט קײנ דערװידערונגענ פונ זײַער זײַט, אונ אויב עמעצ־װער פונ זײ פלעגט זיכ דערװעגנ צו רײדנ אימ אנטקעגנ, פלעגט ער אימ ארויסטרײַבנ פונ דער דומע מיט זידלערײַ. אלע איניאָנימ פלעגט ער באשליסנ מיט צװײ־דרײַ אָנגעטרויטע פערזאָנעג, דעריקער פונ די דיאקנ, װאָס האָבנ אימ אינ אלצ געפאָלגט.

אײנער פונ װאסילי דעמ III־טנס מיטצײַטלער—דער מאָנאכ פילאָפײ—האָט אינ זײַנער א װענדונג צומ גרויספירשט פאָרמולירט די אידעאָלאָגיע פונ דער אופקומענ־דיקער זעלבסטהערשונג. „מאָסקװע, — האָט ער געשריבנ, — איז א יורעשטע פונ די גרויסע הויפטשטעט פונ דער װעלט: פונעמ אוראלטנ רוימ אונ פונעמ צװײטנ רוימ — קאָנסטאנטינאָפאָל; מאָסקװע איז דער דריטער רוימ, אונ קײנ פערטער רוימ װעט ניט זײַנ“.

די פארברייטערונג פונ דער רוסישער מעלוכע אונ איר פארוואנדלונג אינ א פילנאציאָנאלער מעלוכע

קאפיטל XIII.

דאָס קיניגנ פונעמ צאר איוואנ דעמ IV.

§ 38. דאָס געוועלטיקנ פונ די באָיארנ. די רעפאָרמעס פונ די 1550־ער יאָרנ.

דאָס געוועלטיקנ פונ די באָיארנ. וואסילי איז געשטאָרבנ אינ 1533 י. אונ האָט איבערגעלאָזט דעמ טראָנ זײַנ דרײַיעריקנ זונ איוואנ. מאכמעס איוואנס מינדעריעריקײט האָט מיט דער מעלוכע געגומענ רעגירנ זײַנ מוטער, די פירשטנ יעלענא וואסיליעוונא גלינסקאיא (1533—1538). וואסיליס ברידער, אודיעלנע פירשטנ, האָבנ זיכ געפרווט אויסנוצנ דעמ ברודערס טויט, קעדיי צוריק צו קריגנ א טייל פונ זייער פריערדיקער אומאָפהענגיקײט. אָבער די פירשטנ יעלענא, אנ ענערגישע אונ אנטשלאָסענע פרוי, האָט גלײַכ דערשטיקט די אלע פרווונ. נאָכ דעמ, ווי זי האָט דערשטיקט דעמ בונט פונ די אודיעלנע פירשטנ, האָט יעלענא ארײַנגענומענ די גאנצע מאכט צו זיכ אינ די הענט. מע גיט איבער, אז די באָיארנ, וואָס האָבנ געהאסט יעלענענ, האָבנ זי געסאמט.

דער אומגעריכטער טויט פונ דער גרויספירשטינ יעלענא האָט אופגעבונדנ די הענט דעמ באָיארנטומ. אפנ טראָנ איז געזעסנ אנ אכטיעריק יונגל. די באָיארנ האָבנ זיכ געײַלט צו פארכאפנ די מאכט צו זיכ אינ די הענט; ס'איז אָבער צווישנ זיי ניט געווענ קיינ אײַנפארשטאנדיקײט. די פירשטנ שויסקיס אונ דער פירשט בעלסקי האָבנ צווישנ זיכ אָנגעהויבנ פירנ א פארביסענעמ קאמפ. די שויסקיס האָבנ צונויפגעקליבנ זייערע אָנהענגער, האָבנ זיכ ארײַנגעריסנ אינ קרעמל, זײַנענ מיט געוואלט ארײַנ אינ פאלאצ אונ האָבנ פארכאפט זייערע קעגנער. די שויסקיס האָבנ זיכ אָבער ניט לאנג

געהאלטנ בא דער מאכט. אינ 1543 י. האָט דער דרײַצניעריקער איוואנ, אונטערנ אײַנפלוס פונ זײַנע פעטערס די פירשטנ גלינסקימ, באפוילנ, מע זאָל אנדריי שויסקינ טייטנ. די מאכט איז אריבער צו די גלינסקימ. בא 9 יאָר האָט געדויערט דאָס געוועלטיקנ פונ די באָיארנ. די באָיארנ זײַנענ געווענ קעגנער פונ דער מעלוכע־צענטראליזאציע, וואָס האָט זיכ גענומענ אײַנשטעלנ. זיי פלעגנ צעגעבנ שטעט אונ וואָלאָסטנ אפ „קאָרמענענ זיכ“ זייערע קרוווים אונ אָנהענגער; די שטאטהאלטער, וואָס זיי האָבנ באשטימט, האָבנ ראבירט די באפעלקערונג. אויסנוצנדיק די אנארכיע אונ די מעהומע, פלעגנ די קאזאנער טאָטערנ מאכנ רויבערנדיקע אָנפאלנ אפ די רוסישע געביטנ.

אינ אָט די אומשטענדנ פונ קעסיידערדיקער רײַסערײַ צווישנ די באָיארנ איז דער גרויספירשט איוואנ געוואקסנ אָנ שום אופזיכט. אימ פלעגט אויסקומענ צוצוזענ העסלעכע סצענעס, גוואלדטאטנ, געשלעגנ, וואָס פלעגנ פאָרקומענ צווישנ די באָיארנ. דער קלייניקער איוואנ האָט אָבער אויסגעצייכנט פארשטאנענ די באדײַטונג פונעמ טיטל גרויספירשט, וועלכנ ער האָט געטראָגנ. נאָכ אלס קליינ קינד, בא דער מוטערס לעבנ, האָט ער אינ פײַערלעכע מאָמענטנ, ווענ מע פלעגט ארויסגיינ אינ קלויסטער אָדער ווענ מע פלעגט אופנעמענ געזאנדטע, געזענ, ווי ער ווערט ארומגערינגלט מיט גלאנצ אונ מיט פארערונג. נאָכ דער מוטערס טויט האָט ער געזענ, ווי די זעלבע באָיארנ, וואָס געוויינלעכ האָבנ זיי, ווי ער דריקט זיכ אויס, אפילע ניט געזאָרגט וועגנ זײַנ דערנערונג אונ קליידונג, זײַנענ ביימ די פאראד־אופנעמענ געקראָכנ פאר אימ אפ די קני. איוואנ האָט זיכ פרי אויסגעלערנט לייענענ אונ האָט געלייענט א סאכ. פונ די קירכלעכע ביכער אונ פונ היסטאָרישע ווערק האָט ער זיכ געשאפנ א באגריפ וועגנ א קייסער, וואָס באזיצט די פולע מאכט. א גרויסנ אײַנפלוס האָט אפ אימ אינ דעמ פראט געהאט דער מיטראָפאָליט מאקארי, א מענטש— פאר יענער צײַט — א געבילדעטער, וואָס האָט אינ זײַנע ליטעראַרישע ווערק געפרידיקט די זעלבע אידייענ. די באדינגונגענ פונ דער דערציִונג אונ די ווילדקײַט, וואָס האָט געהערשט ארומ, האָבנ בא דעמ יונגנ איוואנענ אנטוויקלט אכזאָריעס. דאָס צערעכענענ זיכ מיט אנדריי שויסקינ האָט דעמ יינגל געגעבנ צו דערפילנ די גאנצע קראפט פונ זײַנ מאכט. פונ דעמ מאָמענט אָנ האָבנ די באָיארנ, ווי די כראָניק דערציילט, „אָנגעהויבנ מוירע האָבנ פארנ קייסער“.

אינ 1547 י. האָט דער 17־יעריקער איוואנ פײַערלעכ אָנגענומענ דעמ טיטל צאר (דער טיטל „צאר“ נעמט זיכ פונעמ נאָמענ פונ די רוימישע אימפעראטאָרנ „צעזאר“ אונ באטײַט דאָס זעלבע, וואָס „אימפעראטאָר“). מיט דעמ דאָזיקנ אקט איז אונטערגעשטראָכנ געוואָרנ די באדײַטונג פונ דער רוסישער מעלוכע צווישנ די איבעריקע מעלוכעס פונ אייראָפע אונ די אומבאגרענעצטקײַט פונ דער מאכט פונעמ רוסישנ צאר אינעמ לאנד גופע.

נאָכ יעלענא גלינסקאיאס טויט האָט מענ זיכ געהאט אומגעקערט צו אייניקע אלטע פאראָנדקעס, וואָס האָבנ געהערשט אינעמ פעריאָד פונ דער פעאָדאלער צעברעקלטקײַט, אונ דאָס האָט זיכ שווער אָפגערופנ אפ דער לאגע פונ די ברייטע מאסנ פונ דער באפעלקערונג. אינ 1547 י. איז אינ מאָסקווע דעריבער אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד קעגנ די גלינסקימ. די אומיטלבארע סיבע איז געווענ די גרויסע סרייפע, וואָס האָט פארניכטעט א באדײַטנדיקנ טייל פונ דער שטאָט. דער דרוק פונ די גלינסקימ אונ פונ זייערע מענטשנ האָט דערפירט די מאָסקווער אײַנוווינער ביז פארצווייפלונג. די מאָסקווער אײַנוווינער האָבנ געטײַנעט, אז אינ דער סרייפע זײַנענ שול־

דיק זייערע אונטערדריקער, מע האָט געשריִענ, אַז די פירשטנ אַנאַ גלינסקאַיאַ, דעמ צאַרס באָבע, האָט מיט קישעפ אונטערגעצונדנ מאָסקווע. אײנעמ פונ די גלינסקיס האָט מענ דערהארגעט, די איבעריקע זײַנענ אַנטלאָפנ. דער צאַר אַלײנ האָט זיכ באַהאַלטנ אינ זײַנ דאָרפ וואָראָביאָוואָ (אַפ די איצטיקע לענינ-בערג).

די פאָדערונגענ פונעמ אדל.

ווענ דער אופשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרנ, האָט דער צאַר געשאַפנ אַ נײַע רעגירונג, וועלכע האָט געדאַרפט צוריק אופשטעלנ די אָרדענונג. ניט געטרויענדיק די באָיאַרנ, האָט דער צאַר אינ דער שפּיצ פונ דער מעלוכע-פאַרוואַלטונג אַוועקגעשטעלט אַ מענטשנ ניט פונ קײנ גרויסנ ייכעס, נאָר אַ קלוגנ אונ אַ געשיקטנ — אַלעקסײ אַדאַשעוונ. באַ דער שטיצע פונעמ אײַנפלוסרײַכנ הויפ-גאַלעכ סילוועסטער האָט אַדאַשעוו געשאַפנ אַנ אײגענע שטאַרקע פּאַרטײ, אינ וועלכער עס זײַנענ אַרײַנ אויכ אײניקע גרויסע באָיאַרנ, אונ האָט מיט איר הילפ דורכגעפירט אַ רײ רעפאָרמעס. פונ צווישנ זײַנע אָנהענגער האָט ער געשאַפנ אַנ „אויסדערוויילטע ראַדע“, דה. אַ „נאָענטע דומע“, וואָס אָנ איר פלעגט דער יונגער צאַר קײנ זאַכ ניט באַשליסנ. די אָרדנטלעכע אופגאַבע פונ דער „אויסדערוויילטער ראַדע“ איז געווענ שאַפנ אַ שטאַרקע מאַכט.

מאָסקווער אופשטאַנד פונ 1547 יאָר.
ניקאָנ-כראָניק.

צוליב דעמ האָט מענ געדאַרפט באַפרידיקנ די פאָדערונגענ פונ דער הויפּט-מאַסע דינגסט-לײַט — פונ די קלײנע גוטבאַזיצער די אדל-לײַט. די פאָדערונגענ פונ די דינסט-לײַט האָבנ אינ יענער צײַט געפונענ אַנ אָפּשפּיגלונג אינ די ווערק פונעמ אדלמאַנ איוואַנ פּערעסוועטאָוו. לויט פּערעסוועטאָווס מײנונג, דאַרפ דער צאַר זאָרגנ, דעריקער, וועגנ דעמ „באַזל“, דה. וועגנ דעמ אדל. ער דאַרפ אימ באַזאָרגנ מיט ערד אונ מיט אַ געלט-געהאַלט. אַזוי ווי קײנ ערד האָט ניט געקלעקט, האָט מענ גע-

דארפט צוטרעטנ צו פארכאפנ דאָס „קימאט גאנײדנ-לאנד" — דאָס קאזאנער כאנטום. קעדיי צו באזאָרגנ דעם אדל מיט געלט-געהאלט, האָט פערעסוועטאָוו פאָרגעלייגט צו קאָנצענטרירנ אלע מעלוכע-האכנאָסעס אינ דער צארישער קאזנא, אונ צוליב דעם אָפשאפנ דאָס „קאָרמענגענ". קעדיי צו ברענגענ אינ אָרדענונג די געריכטפירונג, מוז מענ צונויפשטעלנ א געזעצנ-קאָדעקס אונ אײנפירנ די הארבסטע שטראָפנ פאר כאבאר. אָט די אלע מאָסמיטלענ האָט מענ געקאָנט דורכפירנ נאָר באם באדינג, ווענ ס'איז דאָ א שטארקע מאכט אונ ווענ מע זאָל פארניכטנ די לעצטע רעשטלעכ פונ דער פעאָדאלער צעברעקלטקײט. אָבער אזוי ווי די „פוילע גווירים" — די באָיארנ וועלנ זײנ קעגנ דעם, האָט פערעסוועטאָוו געייצעט צו דערשטיקנ זייער ווידערשטאנד מיט „אכזאָריעס", דה. מיט טעראָר, ווײל, ווי ער האָט זיכ אויסגעדריקט, „אָנ אזא אכזאָריעס קאָנ מענ קיינ גערעכטיקײט אינ דער מעלוכע ניט אײנפירנ". אָט דאָס איז געווענ די פראָגראם פונעם אדל. א טייל באָיארנ האָט אײנגעזעענ די נייטיקײט צו גײנ אפ האנאָכעס. דער דאָזיקער טייל האָט זיכ פארייניקט ארומ אדאשעוונ אונ האָט אים געהאָלפנ דורכפירנ א ריי מאָסמיטלענ, וואָס האָבנ, פונ איינ זײט, געדארפט פארשטארקנ די צארישע מאכט אונ, פונ דער צווייטער זײט, באפרידיקנ די סאמע וויזנטלעכע באדערפענישנ פונעם אדל.

די רעפאָרמעס פונ די 1550-ער יאָרנ. פריער פאר אלצ איז מענ צוגעטראָטנ צו רעאָרגאניזירנ דאָס פארוואלטונגס-וועזנ. געשטויסנ דערצו האָבנ ניט נאָר די פאָדערונגענ פונעם אדל, נאָר, דעריקער, דאָס, וואָס אינ לאנד איז שטארק געוואקסנ די אומצופרידנקײט מיט די אלטע פארוואלטונגס-פאָראָנדקעס; אָט דער וווקס פונ אומצופרידנקײט האָט געפונענ זײנ אויסדרוק אינעם מאָסקווער אופשטאנד פונ 1547 י. די הערשנדיקע קלאסנ האָט געדראָט די געפאר פונ פאָלקס-צאָרנ. מע גיט איבער, אז אינ 1549 י. איז אינ מאָסקווע צונויפגערופנ געוואָרנ א סאָבאָר, דה. א באראטונג פונ גײסטלעכע, באָיארנ אונ אדל-לײט, אונ דאָרט זײנענ באהאנדלט געוואָרנ די מאָסמיטלענ, ווי צו בארויִקנ דאָס לאנד. אינ 1550 י. איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ א נײער „סודיעבניק" (געזעצנ-קאָדעקס), וואָס האָט אײנגעשטעלט די אָרדענונג פונ געריכטפירונג אונ שטראָפנ פאר נעמענ כאבאר.

ווענ איוואנ דער IV איז נאָכ געווענ א קליינ יינגל, האָט מענ אלע איניאָנים, וואָס זײנענ שײעכ גאזלאָנים, ארויסגענומענ פונ דער קאָמפעטענצ פונ די שטאטהאלטערס, וועלכע האָבנ פונ די דאָזיקע איניאָנים געמאכט פאר זיכ א האכנאָסע-ארטיקל, אונ איבערגעגעבנ צו ספעציעלע „גובא"-(קרײז-) סטאראָסטעס. די קרײז-סטאראָסטעס פלעגנ אויסגעוויילט ווערנ דורכ דער באפעלקערונג פונעם אויעזד פונ צווישנ די אָרטיקע אדל-לײט. פאקטיש איז דער גאנצער איניענ וואלנ געווענ קאָנצענטרירט באם אדל אינ די הענט. דאָס האָט געגעבנ די אדל-לײט גרויס מאכט איבער די פויערים, וואָס האָבנ געלעבט אינעם אויעזד.

אינ 1555 י. איז אונטער א שטארקנ דרוק פונ די ערטער אינגאנצנ אָפגעשאפט געוואָרנ דאָס „קאָרמענגענ זיכ". די שטאטהאלטערס זײנענ פארביטנ געוואָרנ אפ גאָלאָוואס אונ ריכטער, אויסגעוויילטע פונ דער באפעלקערונג. די גאָלאָוואס אונ די ריכטער פלעגנ מישפעטנ די שטאָט-לײט אונ די שווארצע, דה. די מעלוכישע פויערים, אונ אײנמאָנענ בא זיי די שטײערנ. די פויערים, וואָס האָבנ געלעבט אפ דער ערד פונ די פעאָדאלנ, האָבנ געהערט צומ געריכט פונ די ערדבאזיצער. די האכנאָסעס האָבנ אָנגעהויבנ ארײנקומענ דירעקט אינ דער קאזנא. דאָס דאָזיקע מאָסמיטל,

וואָס האָט פולשטענדיק אנטשפּראָכנ פערעסוועטאָווס פארלאנגענ, איז געווענ זייער א גרויסער שריט פאָרויס צומ צענטראליזירנ דאָס פארוואלטונגס=וועזנ.

גלײַכצײַטיק זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ מיטלענ צו פארבעסערנ די דינסט=לאגע פונעמ אדל אונ צו העכערנ זײַנ קריגס=פייִקײַט.

אינ 1555 י. איז פארעפנטלעכט געוואָרנ א געזעצ וועגנ מיליטער=דינסט; עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, בא וואָס פאר א נאָרמאלער גרייס פונעמ גוט (ארומ 150 הא) דער גוטבאזיצער מוז קומענ „אפ א פערד אונ אינ פולנ וואָפנ“. אויב דער דינסט=מאנ האָט פארמאָגט א גרעסערנ סכומ ערד, האָט ער, אנטשפּרעכיק צו דער גרייס פונ זײַנ גוט אָדער יערושע=נאכלע, געמוזט צושטעלנ א געוויסע צאָל כאָלאָפּעס.

קעדיי צו באזאָרגנ די אדל=לײַט מיט ארבעטס=קראפט, האָט דער געזעצנ=קאָדעקס פונ 1550 י. באשטעטיקט די באגרענעצונג פונעמ פויערשנ אוועקגאנג. אָט די אלע אָנגעוויזענע מאָסמיטלענ זײַנענ געווענ אינ די אינטערעסנ פונ די קליינע אונ מיטעלע פעאָדאלנ (אדל=לײַט). באגלײַכ דערמיט האָבנ די דאָזיקע מאָסמיטלענ מיטגעהאָלפנ צו פארשטארקנ די צארישע מאכט.

§ 39. די דעראָבערונגענ פונעמ צאר איוואנ דעמ IV.

דאָס דעראָבערנ די בײַוואָלגער כאנטומס. צומ אָנהייב פונ איוואנ דעמ IV=טנס קיניגנ איז די גאנצע צאָפנ=מיזרעכדיקע רוס שוינ געווענ פאראייניקט. אינ זײַנ צײַט הייבט זיכ שוינ אָנ דאָס באצווינגענ די שכייניש פעלקער אונ דאָס דעראָבערנ זייערע געביטנ. די רוסישע נאציאָנאלע מעלוכע ווערט אזויארומ ביסלעכווײַז פארוואנדלט אינ א פילנאציאָנאלער. בייסנ רעגירנ פונעמ פירשט וואסילי דעמ III האָבנ די קאזאנער טאָטערנ, מיט דער אונטערשטיצונג פונעמ קרימער כאנ, זיכ באפרײַט פונ זייער אָפּהענגיקײַט פונ מאָסקווע. די „אויסדערוויילטע ראדע“ איז צוגעטראָטנ פולשטענדיק צו דעראָבערנ דאָס קאזאנער כאנטומ. כוצ דעמ, וואָס מע האָט געמוזט באזאָרגנ דעמ אדל מיט ערד אונ מיט לײַבייגענע, האָבנ דערצו געשטויסנ אויכ אנדערע סיבעס: די קאזאנער טאָטערנ פלעגנ קעסיידער באפאלנ די רוסישע גרענעצ=געביטנ, פלעגנ זיי פארוויסטנ אונ אוועקפירנ א גרויסע צאָל געפאנגענע. כוצ דעמ איז קאזאנ געווענ דער שליסל צומ וואָלגער וועג אינ קאספישנ ימ ארײַנ אונ צו די וועגנ, וואָס פירנ אפ יענער זײַט אוראל. אינ 1550 י. איז פאָרגענומענ געוואָרנ א גרויסער מארש קעגנ קאזאנ, וועלכער האָט זיכ אינ פרילינג 1551 י. פארענדיקט דערמיט, וואָס מע האָט פונקט אנטקעגנ דער שטאָט קאזאנ, אפ דער בארגיקער זײַט פונ דער וואָלגע, אינעמ לאנד פונ די מארי, אויסגעבויט די שטאָט סוויאזשסק. די בארגיקע מארי, וואָס האָבנ ביז דאנ געצאָלט יאסאק די קאזאנער כאנענ, זײַנענ גענייט געוואָרנ אונטערצוווארפנ זיכ דעמ מאָסקווער צאר. אינ א יאָר ארומ איז דאָס מאָסקווער כאיל, האָבנדיק אלס שטיצפונקט סוויאזשסק, אריבער די וואָלגע אונ באלאגערט קאזאנ. די טאָטערנ האָבנ געגעבנ א פארצווייפלטנ ווידערשטאנד. ס'איז אָבער פולשטענדיק קלאָר געווענ, אז די קויכעס זײַנענ ניט קיינ גלײַכע. די רוסישע ארמיי איז באשטאנענ פונ 150 טויזנט מאנ אונ איז געווענ גוט באזאָרגט מיט ארטילעריע. מיט דער הילפ פונ אויסלענדישע אינזשעניערנ איז קאזאנ ארײַנגענומענ געוואָרנ אינ א ענגנ רינג פונ שוצגראָבנס, צו אירע ווענט זײַנענ צוגערוקט געוואָרנ באוועגלעכע טורעמס, אונ פונ אונטנ האָט מענ די ווענט



קאזאנ אינ XVII יה. פונ אָלעאריוסנ.

אונטערגעגראָבנ. טאָטעריש כאָל איז אינ שטאָט געווענ סאכאקל 30 טויזנט מאנ. בא דער אונטערשטיצונג פונ די פארטיזאנישע אָטריאדנ, וואָס פלעגנ באפאלנ דאָס מאָסקווער כאָל פונ היגטערלאנד, האָט זיכ קאזאנ געהאלטנ אָנדערהאלבנ כאדאָשימ צײַט. סאָפקאָלסאָפ זײַנעג די ווענט פונ דער שטאָט אופגעריסנ געוואָרנ. דעמ 2 אָקטיאבער 1552 י. איז קאזאנ אײַנגענומענ געוואָרנ דורכ א שטורעמ=אטאקע. די מאנצבלעג זײַנענ אויסגעהארגעט געוואָרנ קימאט אלע ביז איינעמ. די פרויענ אונ קינדער האָט מענ געמאכט פאר שקלאפנ. אָבער אויכ נאָכ דעמ, ווי קאזאנ איז געפאלנ, האָט דער קאמפ ניט אופגעהערט. די אָרטיקע באפעלקערונג: די טאָטערנ, די מארי, די אודמורטנ, די טשוואשנ, די מאָרדווא האָבנ זיכ נאָכ אלץ געווערט קעגנ די באצווינגער. די אופשטענדלער האָבנ דערלאנגט א שטארקנ קלאפ דעמ מאָסקווער כאָל אונ האָבנ אפילע גענומענ אינ געפאנגענשאפט דעמ וואָיעוואָדע, וואָס מע האָט קעגנ זיי געשיקט. פינפ יאָר האָט געדויערט דער קאמפ, אונ ערשט נאָכדעמ האָט מענ געמוזט אָנקומענ צו כאבאר, קעדיי אריבערצוציענ די אָרטיקע פעאָדאלנ אפ דער זײַט פונעמ רוסישנ צאר. די ערד פונעמ געוועזענעמ קאזאנער כאנטומ איז צעטיילט געוואָרנ צווישנ די מאָסקווער דינסט=לײַט אונ גײַסטלעכע. די באפעלקערונג איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ לײַבייגענע. אינעמ עקספלואטירנ די פויערשע באפעלקערונג פונעמ וואָלגע=געביט האָבנ זיכ באטייליקט אויכ די טאָטערשע פעאָדאלנ, וואָס א טייל פונ זייער ערד איז בא זיי געבליבנ אונ זיי זײַנענ אויסגעגלײַכט געוואָרנ מיט די מאָסקווער אדל=לײַט. אזויארומ זײַנענ די ארבעטנדיקע מאסנ פונעמ וואָלגע=געביט ארײַנגעפאלנ אונטער א צווייענדיקנ דרוק — אי פונ די מאָסקווער אי פונ די אָרטיקע פעאָדאלנ. ווענ מע האָט דעראָבערט קאזאנ, האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ אויכ די באשקירנ.

אינ 1555 י. האָט זיכ דערקלערט פאר א וואסאל פונ מאָסקווע דער הערשער

פונעמ סיבירער כאנטומ יעדיגער; ער האָט זיכ פארפליכט צו צאָלנ דעמ מאָסקווער צאר יערלעכנ צינז.

אינ 1556 י. איז געקומענ די ריי פונ אסטראכאנ: די מאָסקווער דינסט-לײַט האָבנ פארטריבנ דעמ אָרטיקנ כאנ אונ האָבנ פארנומענ די שטאָט. אזויארומ איז די גאנצע שטרעמונג פונ דער וואָלגע אריבער אינ די הענט פונ מאָסקווע.

דאָס אָנשליסנ אסטראכאנ האָט געעפנט דעמ וועג צו די קאספּישע לענדער. אויסנוצנדיק די אינערלעכע רײַסערײַענ צווישנ די קליינע פירשטנ פונ צאָפנ-קאווקאז, האָט איוואנ דער IV באפוילנ אויסצובויענ א שטאָט באמ טײַכ טערעק, אָבער אונטערנ דרוק פונ טערקײַ האָט ער זיכ געמוזט אָפּזאָגנ פונ דעמ דאָזיקנ פּלאנ.

א רוסישער קריגער א פוסגייער.
ג ע ו ו ע ר-ק א מ ע ר.

נאָכ דער באצווינגונג פונ קאזאנ אונ אסטראכאנ איז פארבליבנ ניט דעראָבערט דאָס קרימער כאנטומ. יאָר-אײַנ, יאָר-אויס פלעגנ די קרימער טאָטערנ מאכנ פארוויסטנדיקע אָנפאלנ אפ די רוסישע גרענעצ-געביטנ אונ אוועקפירנ טויזנטער געפאנגענע, וועלכע מע פלעגט דערנאָכ פארקויפנ קיינ טערקײַ. קעדיי צו זיכערנ די דאָרעמ-גרענעצנ קעגנ די דאָזיקע אָנפאלנ, האָט מענ אויסגעבויט א באפעסטיקטע ליניע, די אזוי-גערופענע טולער „זאסיעטשנאיא טשערטא“, וועלכע איז באשטאנענ פונ א ריי וואלנ, געמאכט פונ אָנגעוואלגערטע ביימער, פונ פעסטונגענ אונ אנדערע קינסטלעכע באפעסטיקונגענ.

קעדיי נאָכצושפּירנ נאָכ די טאָטערנ, פלעגט מענ ארויסשיקנ אינ סטעפּ אָטריאדנ, אָדער, ווי זיי האָבנ געהייסנ, סטאניצעס, אונ אײַנאָרדענענ אינ סטעפּ וואכפּונקטנ. געוויינלעכ פלעגט דער וואכמאנ נאָכשפּירנ נאָכנ סוינע פונ א הויכנ בוימ; אונטערנ בוימ זײַנענ געשטאנענ דעמ וואכמאנס כאווײרימ מיט געזאָטלטע פערד. ווי נאָר מע פלעגט באמערקנ פונווײַטנ א וואָלקנ שטויב, — א סימענ, אז עס דערנעענטערט זיכ טאָטערישע קאוואלעריע, פלעגט איינער פונ די וואכמענער זיכ אוועקיאָגנ מיט דער דאָזיקער יעדיִע צומ צווייטנ וואכפּונקט, אונ פונ דאָרט פלעגט מענ איבערגעבנ די יעדיִע ווײַטער. אזוי פלעגט די יעדיִע, אז די טאָטערנ גייענ, זייער שנעל איבערגעגעבנ ווערנ קיינ מאָסקווע, אונ דאָס פלעגט געבנ די מעגלעכקײַט שנעל ארויסצושיקנ מיליטער קעגנ די טאָטערנ.

סאָפ 50-ער יאָרנ פונ XVI יה. איז די מאָסקווער רעגירונג אריבער אינ אָנגריפ אפ קרימ. דאָס רוסישע כאַיל האָט זיכ גענומענ אראָפּלאָזנ אפ שיפנ איבערנ דאָנ אונ איבערנ דניעפּער אונ רויִנירנ דאָס קרימער ברעגלאנד. די מילכאָמע פאר דער באלטיק, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1558 י., האָט אָבער געשטערט אויסצונוצנ די דאָזיקע דערפאָלגנ.

דער אָנהייב פונ דער מילכאָמע פאַר ליוואָניע. די לעבנס=באַדערפענישנ האָבנ געצוווּנגענ מאָסקווע צו זוכנ אַנ ארויסגאַנג צומ באַלטישנ יאמ. מאָסקווע האָט זיכ גענייטיקט אינ אַנ ארויסגאַנג צומ יאמ אי קעדיי צו קאָנענ אַנטוויקלענ דעמ האַנדל אי קעדיי איינצושטעלנ קולטור=פאַרבינדונגענ מיט מערעוו=אייראָפּע. אָפּגעשניטנ פונ מערעוו=אייראָפּע דורכ ליוואָניע אונ ליטע, איז מאָסקווע אינ אירע פאַרבינדונגענ מיט מערעוו=אייראָפּע פאַקטיש געווענ אָפּהענגיק פונ די דאָזיקע צוויי מעלוכעס. זיי זײַנענ געווענ פאַרינטערעסירט, אַז די רוסישע מעלוכע זאָל בלײַבנ אַנ אָפּגעשטאַנענע אונ האָבנ אַקשאָנעסדיק געשטערט, אַז מערעוו=אייראָפּייִשע ספּעציאַליסטנ אונ טעכניקער זאָלנ קומענ דינענ באַמ רוסישנ צאַר.

נאָכ דער מאַפּאָלע באַ גרינוואַלד איז די יערידע פונעמ דײַטשישנ ריטערטומ געגאַנגענ וואָס ווײַטער אַלצ שטאַרקער. עס איז שוינ ניט געווענ אימשטאַנד אײַנצוהיטנ די אומאָפּהענגיקײַט פונ זײַנע באַזיצנ. הערשנ איבער ליוואָניע האָט באַטײַט הערשנ איבערנ באַלטישנ יאמ. אָט פאַרוואָס עס איז אַלצ נעענטער געגאַנגענ דערצו, אַז איבער ליוואָניע זאָל אויסברעכנ אַ צוזאַמענשטויס צווישנ די שכייניש מעלוכעס — צווישנ ליטע, שוועדנ, דענעמאַרק אונ דער רוסישער מעלוכע.



א רוסישער קריגער א רײַטער. געווער־קאַמער.

אינ יאנוואר 1558 י. האָט איוואנ דער IV אָנגעהויבנ א קריגס-אקציע קעגנ ליוואָניע. אינ עטלעכע כאדאָשימ ארומ איז איינגענומענ געוואָרנ נארווע, איינער פונ די וויכטיקסטע פאָרטנ פונ ליוואָניע. דערנאָכ איז געפאלנ דערפּט. די „דײטשישע שטעט" האָבנ זיכ איינע נאָכ דער אנדערער אונטערגעגעבנ די מאָסקווער וואָיעוואָדעס. אונטער די קלעפּ פונעמ מאָסקווער מיליטער איז ליוואָניע צעפאלנ געוואָרנ. באופגרויקט פונ די דערפאָלגנ פונעמ רוסישנ געווער, האָבנ זיכ די שכײנישע מעלוכעס ארײנגעמישט אינ די איניאָנימ פונ ליוואָניע: רעוועל האָט זיכ איבערגעגעבנ צו שוועדנ, דער אינדזל עזעל — צו דענעמארק, דער איבעריקער טייל ליוואָניע האָט זיכ אונטערגעגעבנ דעמ פּוילישנ קיניג אונ ליטווישנ גרויספירשט סיגיזמונד-אווגוסט. באמ מאגיסטער פונעמ ליוואָנישנ אָרדענ איז פארבליבנ בלויז קורלאנד, אָבער ער אליינ איז שוינ געוואָרנ וואסאל פונעמ פּוילישנ קיניג. די צעטיילונג פונ ליוואָניע האָט געבראכט דערצו, אז די מילכאָמע האָט זיכ פארצויגנ, אונ דאָס האָט זיכ שווער אָפּגערופנ אפנ אינערלעכנ צושטאנד פונ דער רוסישער מעלוכע.

§ 40. די אָפּריטשנינע.

דאָס שאפנ די אָפּריטשנינע. דער צאר איוואנ האָט געהאלטנ, אז די „אויסדערוויילטע ראדע" האָט ניט גענוג ענערגיש געפירט די מילכאָמע אינ ליוואָניע. די מאכלויקעס צווישנ דעמ צאר איוואנ אונ דער „אויסדערוויילטער ראדע" האָט זיכ אָנגעהויבנ איינגיכנ נאָכ דעמ, ווי מע האָט איינגענומענ קאזאנ. די באָיארנ, וואָס האָבנ געהערט צו אדאשעװס פּארטיי, האָבנ געשטרעבט צו באגרענעצנ דעמ צארס מאכט. אדאשעװ אונ דער גאלעכ סילוועסטער פלעגנ בא אלע איניאָנימ זיכ באראטנ מיט זייערע אָנהענגער די באָיארנ בעסאָד פונעמ צאר. אָט דער פּרווו צו באגרענעצנ דעמ צארס מאכט אינ די אינטערעסנ פונ א קליינער גרופּע באָיארנ האָט ארויסגערופנ א שטארקנ ווידערשטאנד מיצאד די ברייטע קרײזנ פונעמ דינסטשטאנד.

אינ אָנהייב 1560 י. איז אדאשעװ דערווײטערט געוואָרנ פונ מאָסקווע אונ איז באשטימט געוואָרנ אלס פאָשעטער וואָיעוואָדע אינ איינער פונ די דעראָבערטע ליוואָניער שטעט; דאָרט איז ער איינגיכנ געשטאָרבנ. גלײכצײטיק איז פארשיקט געוואָרנ אינ א מאָנאסטיר סילוועסטער. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ קעפּונגענ פונ זייערע אָנהענגער. א סאכ פונ זיי זײנענ אנטלאָפנ קיינ ליטע צו די סאָנימ פונ דער רוסישער מעלוכע. צווישנ די אנטלאָפענע איז געווענ אויכ דער פירשט קורבסקי, אנ אָנגעזעענער קריגס-פירער, וועמענ דער צאר האָט געהאָט געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ יעדער ארמיי, וואָס האָט אָפּערירט אינ ליוואָניע. אינ 1564 י. האָט קורבסקי געליטנ א מאפּאָלע אינ א שלאכט; האָט ער פאראטנ אונ איז, ווי ס'איז בא אימ געווענ אפריער אָפּגערעדט מיט סיגיזמונד-אווגוסטנ, אנטלאָפנ קיינ ליטע. אינ ליטע האָט קורבסקי באקומענ פארנ פאראט א גרויסע באלוינונג (גרויסע ערדבאזיצנ) אונ איז באשטימט געוואָרנ אלס קאָמאנדיר פונ איינער פונ די ארמייענ, וואָס האָט אָפּערירט קעגנ זײנ היימלאנד. קורבסקיס פאראט האָט געבראכט צו נײע קעפּונגענ.

די פאראטנ פונ די באָיארנ אונ די דורכפאלנ אינ ליוואָניע האָבנ נאָכ שארפער געשטעלט די פראגע וועגנ קאָנצענטרירנ די מאכט אינעמ צארס הענט, וועגנ ליקווידירנ פולשטענדיק די באָיארישע אָפּאָזיציע אונ די רעשטלעכ פונ דער פעאָדאלער



אלעקסאנדראָווער סלאָבאָדע. א צײכענונג פונ יענער צײט.

צעשפּליטערטקײט. מיט דעם דאָזיקנ צוועק האָט איוואנ דער IV אינ אָנהײב 1565 י. רעאָרגאניזירט די פאַרוואַלטונג מיט דער מעלוכע. ניט אָנטרויענדיק דעם באָיאַרנטום, וואָס האָט אים ארומגערינגלט, איז דער צאר אומגעריכט, אונטער דער וואכ פונ א ספּעציעלנ אָטריאד אדל־לײט, ארויסגעפאָרנ פונ מאָסקווע. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינ דער באפעסטיקטער אלעקסאנדראָווער סלאָבאָדע אונ האָט פונ דאָרט צוגעשיקט קײנ מאָסקווע דעם מיטראָפּאָליט א בריוו (גראמאָטע), ווו ער האָט געשריבנ וועגנ דעם פאראט פונ די באָיארנ אונ פאָרגעוואָרפנ דעם קלער, וואָס ער האָט זיכ אָנגענומענ פאר די פארעטער. דער צאר האָט דערקלערט, אז ער זאָגט זיכ אָפּ פונ טראָנ. אינ א ספּעציעלנ בריוו צום מאָסקווער סאָכרימטום אונ צום פאָלק האָט דער צאר געשריבנ, אז „קעגנ זײ טראָגט ער קײנ שום צאָרנ ניט“. דער צאר האָט געפאָדערט גרויסע פולמאכטנ צום קאמפ קעגנ דעם באָיארנטום. די באפעלקערונג פונ דער הויפּטשטאָט האָט זיכ דערשראָקנ, אז די באָיארנ קאָנענ נאָכ פארכאפּנ די מאכט, — האָט זי באגריסט דאָס אײנפירנ די נײַע אָרדענונג אינ דער מעלוכע אונ דעם טעראָר קעגנ דעם באָיארנטום.

די גאנצע טעריטאָריע פונ דער מעלוכע איז אײנגעטײלט געוואָרנ אפ צוויי טײלנ: „זעמשטשינע“, וואָס די פארוואלטונג מיט איר איז פארבליבנ אינ די הענט פונ דער באָיארנ־דומע, וועלכע האָט פונקציאָנירט אונטער דער אָנפירונג פונעם צאר, אונ „אָפּריטשנינע“, דה. דעם צארס פערזענלעכער באזיצ. אינ דער אָפּריטשנינע זײנענ ארײנ די בעסטע געביטנ, וואָס זײנענ געלעגנ אינ צענטער פונ דער מעלוכע אָדער זײ האָבנ געהאט א גרויסע האנדלס־באדײטונג. די שטאָט מאָסקווע איז פארטײלט געוואָרנ צווישנ דער זעמשטשינע אונ דער אָפּריטשנינע. עס האָבנ עקזיסטירט פאראלעל אָפּריטשנע אונ זעמסקע באָיארנ אונ וואָיעוואָדעס, ווי אויכ פריקאזנ, וואָס האָבנ פארוואלטעט מיט דער זעמשטשינע, אונ פריקאזנ, וואָס האָבנ

פארוואלטעט מיט דער אָפּריטשנינע. די הויפּטשטאָט פונ דער אָפּריטשנינע איז געווענ די אלעקסאנדראָווער סלאָבאָדע, ווו דער צאר האָט זיכ געפילט מער באוואָרנט פונ געפאר. די אָפּריטשנינע האָט געזאָלט ענדגילטיק אײַנברעכנ די מעכטיקײַט פונ די גרויסע פעאָדאלנ און שאפנ פונ דעם קלײנ=באזיצערישנ אדל קאדערנ, וואָס אז זיי זאָל זיכ קענענ שטיצנ א שטארקע צענטראלע מאכט. די גרויסע פעאָדאלנ, באזונדערס די, וואָס האָבנ געשטאמט פונ די אודיעלנע פירשטנ, האָבנ נאָכ ווײַט ניט אָנגעוואָרנ זייער גרויסע פּאָליטישע קראפט. „די מעלוכע, — פארצייכנט לענינ, — איז געווענ צעפאלנ אפ באזונדערע לענדער, צומאָל אפילע פירשטנטומס, וואָס האָבנ אײַנגעהיט לעבעדיקע שפורנ פונ דער פריערדיקער אווטאָנאָמיע, באזונדערס אינ דער פארוואלטונג, צומאָל זייער ספּעציעל מיליטער (די אָרטיקע באָיארנ פלעגנ גײנ אפ מילכאָמע מיט אײגענע פּאָלקנ), אײגענע צאָל=גרענעצנ אאוו.“ [1].

די דאָזיקע לאגע האָט ניט געשטימט מיט די אינטערעסנ פונ דער אופקומענדיקער צענטראליזירטער פעאָדאלער מעלוכע. דעריבער האָט מענ פונ דער טעריטאָריע פונ דער אָפּריטשנינע דערווײַטערט אלע פירשטנ און באָיארנ. זייערע יערושע=נאכלעס האָט מענ איבערגעשריבנ „אפנ צאר“. אָנשטאָט דעם האָט מענ זיי געגעבנ אנדערע, ווײַט ניט קײנ גלײַכווערטיקע, ערד, אינ ווײַטע קאנטנ, ווו זיי האָבנ ניט געהאט קײנע פּאָליטישע פארבינדונגענ. זייערע געוועזענע יערושע=נאכלעס האָט מענ צעגעבנ דעם קלײנ=אדל, פונ וועלכנ עס איז געשאפנ געוואָרנ א ספּעציעלער קאָרפּוס „אָפּריטשניקעס“. אינ דער שפּיצ פונ דער אָפּריטשנינע איז געשטעלט געוואָרנ מאליוטא סקוראטאָוו, צו וועמענ דער צאר האָט געהאט גרויס צוטרוי. די הויפּט=אופגאבע פונ די אָפּריטשניקעס איז געווענ אויסוואָרצלענ די רעשטלעכ פונ דער פעאָדאלער צעשפּליטערטקײַט. די אָפּריטשניקעס זײַנענ ווערבירט געוואָרנ פונ צווישנ דעם קלײנ=באזיצערישנ אדל, וואָס האָט צוליב זײַנע אײגענע אינטערעסנ געשטיצט דעם צאר אינ זײַנ קאמפ קעגנ דעם באָיארנטום. מיט דער הילפ פונ די אָפּריטשניקעס האָט דער צאר דורכגעפירט אנ אכזאָריעסדיקנ טעראָר איבער די באָיארנ. איוואנ דער IV האָט אָנ ראכמאָנעס געגומענ קעפּנ זײַנע סאָנימ; ער האָט אויסגעראָטנ די העכערע שיכטנ פונ די פעאָדאלנ, ער פלעגט אומברענגענ ניט נאָר זיי אלײנ „מיטנ גאנצנ שטאמ“, די מינדעריעריקע קינדער אײַנגעשלאָסנ, נאָר ער האָט אפילע ניט געשאנעוועט זייערע דינער און פויערימ.

די פרווונ פונ די גרויסע וועלטלעכע און גײַסטלעכע וואסאלנ צו פארייניקנ זיכ, קעדיי צו פירנ א קאמפּ קעגנ דעם צאר, זײַנענ דורכגעפאלנ. דער מיטראָפּאָליט פיליפּ, וואָס האָט געהערט צו דער אריסטאָקראטישער פאמיליע קאָליטשעוו, האָט זיכ געהאט געפרווט אָנעמענ פאר די באָיארנ, האָט מענ אימ אָבער אראָפּגעזעצט, פארשיקט אינ א מאָנאסטיר, און דאָרט האָט מענ אימ געהיימ געטײט. ארומ 1567 י. איז צוגעגרייט געוואָרנ א גרויסע באָיארישע פארשווערונג, זי איז אָבער אופגעדעקט געוואָרנ, און אירע אָנטייל=נעמער זײַנענ געקעפּט געוואָרנ. צו דער דאָזיקער פארשווערונג האָט זיכ געהאט אָנגעשלאָסנ אויכ נאָווגאָראָד, ווו עס האָבנ נאָכ געלעבט טראדיציעס פונ דער אמאָליקער פּאָליטישער זעלבשטענדיקײַט. א טייל נאָווגאָראָדער צוזאמענ מיטנ ארכיעפּיסקאָפּ איז גרייט געווענ צו פאראטנ און איבערגעבנ זיכ צו ליטע. אינ יאנוואר 1570 י. האָט דער צאר אויסגעריכט א גרוי=

---

[1] לענינ, ווערק, ב. I, ז. 73.

סע שטראָפ-עקספּעדיציע קעגנ נאָווגאָראָד. פינפ וואָכנ נאָכאנאנד האָבנ די אָפּריטשניקעס געפּײַניקט די נאָווגאָראָדער אײַנוווינער אונ געוואָרפנ זיי אינ טײַכ וואָלכאָוו. די שטאָט איז צעראבירט געוואָרנ. פונ נאָווגאָראָד האָט זיכ דער צאר אוועקגעלאָזט קיינ פּסקאָוו, צעראבירט די שטאָט, נאָר קיינ אכזאָריעסדיקע קעפּונגענ זײַנענ דאָ ניט געווענ.

די אָפּריטשנינע האָט אנטשפּראָכנ די קלאסנ-אינטערעסנ פונעמ קליינעמ אונ מיטעלנ אדל. דורכ דער אָפּריטשנינע האָבנ די אדל-לײַט פארגרעסערט זייערע ערד-באזיצנ, וואָרעמ מע פלעגט זיי צעגעבנ די קאָנפיסקירטע יערושע-נאכלעס פונ די באָיארנ. די אדל-לײַט האָבנ אויסגענוצט די אָפּריטשנינע אויכ קעדיי צו דריקנ אפנ פויערטומ. זיי פלעגנ אריבערפירנ פויערימ פונ פרעמדער ערד צו זיכ אינ די באזיצנ, ברעכנ אפילע די קלאָלימ, וואָס זײַנענ אײַנגעשטעלט געוואָרנ אינעמ „סודיעבניק“; דערבײַ פלעגנ זיי אָנווענדנ אָפענעמ גוואלדטאט, — אויב די פויערימ פלעגנ ניט וועלנ פרײַוויליק אריבערקלײַבנ זיכ, פלעגט מענ פארברענענ זייערע הײַזער.

די פארשטארקונג פונ דעמ צארס זעלבסטהערשערישער מאכט. די רויִנירונג אונ די טיילווײַזע אויסראָטונג פונ די גרויסע פעאָדאלנ האָט געבראכט דערצו, אז די צארישע מאכט האָט זיכ זייער פארשטארקט אונ ס'האָט זיכ אײַנגעשטעלט די זעלבסטהערשונג.

די שטימונגענ פונעמ באָיארנטומ, וואָס האָט געליטנ פונ דער אָפּריטשנינע, האָט אויסגעדריקט דער פירשט קורבסקי. ער האָט פונ ליטע פארפירט א קאָרעספּאָנדענצ מיט איוואנ דעמ IV. אינ זײַנע בריוו האָט ער באשולדיקט דעמ צאר אינ צוועקלאָזער, לויט זײַנ מיינונג, אכזאָריעס אונ האָט זיכ געסטארעט ריינוואשנ די באָיארנ, וואָס זײַנענ געווענ באשולדיקט אינ פאראט. דער צאר דארפ רעגירנ צוזאמענ מיט די באָיארנ אונ פאָלגנ זייערע אייצעס, — האָט קורבסקי געוואָלט אײַנריידנ דעמ צאר.

אינ זײַנע ענטפער-בריוו האָט איוואנ דער IV געטײַנעט, אז די צארישע מאכט איז אײַנגעפירט פונ גאָט. ניט פאָלגנ דעמ צאר איז די גרעסטע זינד. אלע זײַנע אונטערטאנענ זײַנענ צארישע כאָלאָפּעס, אונ ער איז פרײַ צו טאָנ מיט זיי, וואָס אימ געפעלט — אי באלוינענ, אי קעפּנ. יעטווידער פּרוּוו צו באגרענעצנ די צארישע מאכט איז א פארברעכנ.

דער קאמפּ אינ די פעאָדאלע קרײַזנ האָט זיכ שווער אָפּגערופנ אפ אלע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג. באמ רויִנירנ די באזיצנ פונ די באָיארנ, וואָס אפ זיי איז געפאלנ דעמ צארס צאָרנ, האָבנ אינ דער ערשטער ריי געליטנ די פויערימ. בײַסנ מארש אפ נאָווגאָראָד איז דער גאנצער קאנט אזוי פארוויסט געוואָרנ, אז די פויערשע ווירטשאפט האָט נאָכ א לאנגע צײַט ניט געקאָנט קומענ צו זיכ. איינער פונ די אָנטיילנעמער פונעמ מארש — הענריכ שטאדענ, א דײַטש, וואָס האָט געדינט אינ דער אָפּריטשנינע, האָט זיכ באריִמט, אז ארויסגעפאָרנ איז ער אינ נאָווגאָראָדער מארש מיט איינ פערד, אונ אומגעקערט האָט ער זיכ מיט 49 פערד אונ 22 פורנ אָנגערויבטנ גוטס.

אינ ליוואָניע האָט איוואנ דעמ IV-טנס מיליטער געליטנ מאפּאָלעס. אינ 1571 י. איז אומגעריכט אָנגעפאלנ אפנ לאנד דער קרימער כאנ דעוולעט-גיריי. דער כאנ איז אומגעשטערט דערגאנגענ ביז מאָסקווע, האָט פארברענט די גאנצע שטאָט, אכוצ דעמ קרעמל, אונ האָט אוועקגעפירט א קאָלאָסאלע צאָל געפאנגענע. אינ א יאָר

ארום האָט דעוולעט-גיריי געפּרוווט איבערכאַזערן דעם אָנפאַל, נאָר די „זעמסקע“ וואָיעוואָדעס האָבן אים באַם טײַך אָקאַ אָפּגעשטעלט און האָבן דערמיט געראַטעוועט מאָסקווע פון אַ צווייטן חורבן.

דער צאַר האָט פאַרשטאַנען, אַז קעדיי צו פירן דעם קאַמף קעגן די אויסערלעכע סאָנים, מוז מען פאַרייניקן אַלע פעאָדאַלן. די אָפּריטשנינע האָט שוין צו יענער צײַט איר זאַך געהאַט אָפּגעטאָן. די רעשטלעך פון דער פעאָדאַלער צעשפּליטערטקײַט זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס באָיאַרנטום איז גענוג אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די אָפּריטשנינע האָט אַזוי־אַרום אָנגעהויבן ווערן ניט נאָר ניט נייטיק, נאָר אַפילו שעדלעך. צווישן די אָפּריטשניקעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַררעטער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קעפּונגען צווישן די אָפּריטשניקעס גופא. אין 1572 י. איז די אָפּריטשנינע אָפּגעשאַפט געוואָרן.

ניט געקוקט אַף אירע נעגאַטיווע זײַטן, האָט די אָפּריטשנינע מיטגעהאָלפן צו צענטראַליזירן די מעלוכע. „דאָך האָט דער איצטיקער גרויספירשט, — זאָגט שטאַדען, — דערגרייכט, אַז אינעם גאַנצן רוסישן לאַנד, אין דער גאַנצער מעלוכע זײַנער איז איין גלויבן, איין וואָג און איין מאָס! נאָר ער אַליין רעגירט. אַלץ, וואָס ער זאָל ניט באַפוילן, ווערט אויסגעפילט, און אַלץ, וואָס ער זאָל ניט פאַרבאָטן, פאַרבלײַבט ווירקלעך אונטער אַ פאַרבאָט. קיינער ווידערשפּעניקט אים ניט: ניט די גײַסטלעכע, ניט די וועלטלעכע“.

די זעלבסטהערשונג האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן די צענטראַליזירטע פעאָדאַלע מעלוכע און צו פאַרגרעסערן איר שוצפעיִקײַט. דעריבער איז זי אין פאַרגלײַך מיט דער פריערדיקער צעשפּליטערטקײַט געווען אַ פּאָזיטיווע דערשײַנונג. דאָס אײַנפירן זעלבסטהערשונג האָט געשטימט מיט די אינטערעסן פון דער מערהײַט פונעם קלאַס פעאָדאַלן. דער קליינער און מיטעלער אַדל האָט געקאָנט דערשלאָגן זיך צו זײַנע הערשאַפט איבער די פּויערים און פאַרגרעסערן זײַנע ערדבאַזיצן נאָר מיט דער הילף פון אַן אומבאַגרענעצטער זעלבסטהערשונג פונעם צאַר. דעריבער האָט דער אַדל אָן ראַכמאָנעס פאַרניכטעט דאָס אַלץ, וואָס עס האָט געשטערט צו שאַפן די זעלבסטהערשערישע מאַכט.

די זעלבסטהערשונג איז געווען אויך אין די אינטערעסן פונעם סאָכרימטום, מאַכמעס די רעשטן פון דער פעאָדאַלער צעשפּליטערטקײַט האָבן געשטערט דער אַנטוויקלונג פונעם האַנדל צווישן די באַזונדערע געביטן פון לאַנד; דעריבער האָט דאָס סאָכרימטום ענערגיש געשטיצט אַלע מאָסמיטלען פונעם צאַר, וואָס זײַנען געווען געווענדט צו פאַרשטאַרקן די איינהײַט פון דער מעלוכע. פון דער אַנדערער זײַט, האָט אַ שטאַרקע מעלוכע מיטגעהאָלפן צו פאַרכאַפּן נײַע מערק אין מיזרעך און אין מײַרעוו. די זעלבסטהערשערישע מעלוכע האָט זיך געבויט אַפן בעזשבן פון די אַרבעטנדיקע פּויערים-מאַסן. דעם פּויערטום האָט די זעלבסטהערשונג געבראַכט אַ פאַרשטאַרקונג פונעם לײַבייגנטימערישן דרוק; זי האָט געגעבן די מעגלעכקײַט די אַדל-לײַט נאָך מער צו פאַרקנעכטן די פּויערים אַף זייער ערד.

§ 41. דער סאָף פון דער ליוואָנישער מילכאָמע.

דער גאַנג פון דער ליוואָנישער מילכאָמע. די אַרײַנמישונג פון שוועדן, פּוילן און ליטע אין דער ליוואָנישער מילכאָמע האָט אומגעהייער קאָמפּליצירט די לאַגע אין די באַלטישע געביטן. מאָסקווע איז שוין אַצינד אויסגעקומען צו קעמפן

ניט מיטנ שוואכנ אָרדענ, נאָר מיט דרײַ מעכטיקע מעלוכעס. אונ דאָכ האָט דאָס מאָסקווער מיליטער אינ 1563 י. דערשלאָגנ זיכ צו זייער א גרויסנ דערפאָלג. עס האָט זיכ אונטערגעגעבנ פאָלאָצק, איינע פונ די גרעסטע שטעט בא דער מײַרעוו=דווינע, אנ אמאָליקער צענטער פונ איינעמ פונ די רוסישע פירשטנטומס. דער קי=ניג סיגיזמונד=אווגוסט האָט פאָרגעלייגט דער מאָסקווער רעגירונג שליסנ שאָלעמ אונ האָט אײַנגעשטימט אָפצוגעבנ אלע שטעט אונ גע=ביטנ אינ ליוואָניע, וואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט דעראָבערט. די מאָסקווער רעגירונג איז אָבער ניט געווענ גענייגט אײַנצוגיינ אפ א שאָלעמ. דער זעמ=סקי סאָבאָר (פארזאמלונג פונ די פאָרשטייער פונ די הערשנדיקע קלאסנ), וואָס איוואנ דער IV האָט צו=נויפגערופנ אינ 1566 י., האָט געשטיצט דערינ דעמ צאר. אפנ סאָבאָר זײַנענ בײַגעווענ: דער הע=כערער קלער, הויפטשטאָטישע אמט=לײַט, גוטבאזי=צער פונ די אויעזדנ, וואָס גרענעצנ מיט דער ליטע, אונ דאָס גרויסע סאָכרימטומ. דער סאָבאָר איז באשטאנענ דערופ, אז די מילכאָמע זאָל פאָר=געזעצט ווערנ ביז מע וועט אָנשליסנ גאנצ ליוואָניע. עס איז געשלאָסנ געוואָרנ נאָר א וואָפנשטילשטאנד.



שלאכט-קליידונג פונ א מײַרעוו־אייראָפייִשנ ריטער פונ XVI יה. היסטאָרישער מוזיי.

די געפאר מיצאד מאָסקווע האָט געצווונגענ לי=טע אונ פוילנ נאָכ שטארקער צו באהעפטנ זיכ איי=נע מיט דער אנדערער. אפנ סיימ אינ לובלינ (1569) איז געשלאָסנ געוואָרנ א נײַע אוניע, וואָס לויט איר האָבנ זיכ פוילנ אונ ליטע פאראייניקט אינ א פויליש=ליטווישער מעלוכע אונטער דער מאכט פונ א געוויילטנ קיניג. די גרויסע ליטווישע פעאָדאלנ זײַ=נענ ניט גערנ אײַנגעגאנגענ אפ דעמ דאָזיקנ מאָס=מיטל, ווײַל דאָס האָט זיי געדראָט מיט א פארקלע=נערונג פונ זייערע רעכט, אָבער ס'איז בא זיי, ווי זיי אליינ האָבנ געזאָגט, „אפנ רוקנ געזעסנ דער סוינע“. כוץ דעמ האָבנ זיי ניט געפונענ קיינ שטיצע ניט נאָר בא די ווײַסרוסישע אונ אוקראאינישע פעאָדאלנ, וואָס זײַנענ געווענ אונטערגעוואָרפנ אונטער ליטע, נאָר אפילע בא דער אייגענער שליאכטע (אדל). אָט די שליאכטע האָט געזוכט א דערנעענטערונג מיט פוילנ, ווײַל זי האָט אויסגערעכנט צו באקומענ פונ פוילנ הילפ קעגנ מאָסקווע. די ליטווישע שליאכטע האָט אויכ געשטרעבט צו באקומענ אלע רעכט, וועלכע עס האָט געהאט די פוילישע שליאכטע. די לובלינער אוניע האָט באדײַטנד פארשטארקט דעמ פויליש=ליטווישנ צאד אינעמ קאמפ פאר ליוואָניע.

דער ענערגישער סטעפאנ באטאָרי, וואָס איז אינ 1576 י. (נאָכנ טויט פונ סי=גיזמונד=אווגוסט) אויסגעוויילט געוואָרנ פאר א קיניג איבער ביידע מעלוכעס — אי=בער פוילנ אונ ליטע, האָט אינ משעכ פונ א קורצער צײַט רעאָרגאניזירט די אר=

מיי. ער האָט געשאפנ א געשולטע אינפאנטעריע פונ געדונגענע דײַטשנ אונ אונגארנ, אונ אויכ א גוטע ארטילעריע אונ האָט אָנשטאָט דער פויליש-ליטווישער באשיצונגס-טאקטיק אײַנגעפירט די טאקטיק פונ דראנגפולנ אָנגריפּ. אינ 1578 י. האָט דאָס רוסישע מיליטער אונטער ווענדענ געליטנ א שרעקלעכע מאפּאָלע פונ די פּאָליאקנ מיט די שוועדנ. אינ 1579 י. האָט זיכ באטאָרי אומגעריכט באוויזנ אונטער פּאָלאָצק. קימאט זעקס כאדאָשימ צײַט האָט זיכ דער רוסישער גארניזאָנ פארטײַדיקט, אָבער ער האָט זיכ געמוזט אונטערגעבנ. באטאָרי האָט זיכ ניט באנוגנט מיט אָפּקעמפנ צוריק די שטעט, וואָס די רוסנ האָבנ געהאט דעראָבערט; ער איז ארײַנ בער די אלטע גרענעצנ פונ דער רוסישער מעלוכע. דאָ אָבער איז געקומענ א סאָפּ צו זײַנע דערפאָלגנ. אינ הארבסט 1581 י. האָט ער מיט א 100-טויזנטיקער ארמײַ באלאגערט פּסקאָוו, ארומגערינגלט די שטאָט מיט שוצגראָבנס אונ גענומענ זי באָמבארדירנ. ווענ ס'איז דורכגעבראָכנ געוואָרנ די וואנט, האָבנ די באלאגערער זיכ געלאָזט אינ א שטורעמ-אטאקע אונ פארכאפּט צוויי טורעמס. איינעמ פונ זיי האָבנ די רוסנ אופגעריסנ, אונ פונ דעמ צווייטנ האָבנ זיי דעמ סוינע ארויסגעשטויסנ. די פּאָליאקנ זײַנענ אָפּגעטראָטנ מיט גרויסע פארלוסטנ. די באלאגערונג האָט זיכ פארצויגנ, אונ באטאָרינ האָט זיכ טאקע ניט אײַנגעגעבנ צו נעמענ פּסקאָוו.

אינ דער זעלבער צײַט איז איוואנ דעמ IV אויסגעקומענ מילכאָמע צו האלטנ מיט שוועדנ, וואָס האָט אויכ פּרעטענדירט אפ ליוואָניע אונ האָט פארנומענ רעוועל, די

איוואנ דעמ IV-טנס דעלעגאציע צומ דײַטשישנ אימפּערישנ סיימ אינ רעגענסבורג.
דײַטשישע קאָלירטע גראוויור פונ XVI יה.

פרווונ פונעם רוסישנ מיליטער אײַנצונעמענ רעוועל זײַנענ ניט געלונגענ. דאָס שוועדישע מיליטער האָט געפירט די קריגס־אָפּעראַציעס אינ די גרענעצנ פונ דער רוסישער קארעליע אונ האָט פארכאפּט רוסישע שטעט. אזויארום האָט איוואנ דער IV אָפּ אלע פראָנטנ געליטנ מאפּאָלעס.

דאָס שליסנ שאָלעמ. די מוטיקע באשיצונג פונ פּסקאָוו האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט אָנצוהייבנ פירנ שאָלעמ־אונטערהאנדלונגענ. אינ 1582 י. איז מיט פּוילנ געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפּמאכ וועגנ וואָפנשטילשטאנד. איוואנ דער IV האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ אלע דעראָבערונגענ אינ ליוואָניע, אונ באטאָרי האָט צוריק אומגעקערט די רוסישע שטעט, וואָס ער האָט געהאט אײַנגענומענ. אינ א יאָר ארומ איז געשלאָסנ געוואָרנ א וואָפנשטילשטאנד אויכ מיט שוועדנ, דערבײַ אָבער האָט מענ געמוזט אָפּגעבנ די שטעט, וואָס די שוועדנ האָבנ דעראָבערט (יאמ, קאָפּאָריע, איוואנגאָראָד). אזויארום האָט די 25־יעריקע מילכאָמע (1558—1583) פארנ באלטישנ ברעגלאנד ניט געגעבנ קיינע רעזולטאטנ. עס האָט זיכ געלאָזט פילנ די דווירעסדיקע אָפּגעשטאנענקײַט פונ דער רוסישער מעלוכע; דאָכ האָט די מילכאָמע באוויזנ מערעוו־אייראָפּע די קראפט פונ דער נײַער מעלוכע.

איוואנ דער IV.
דײַטשישע גראוויור פונ XVI יה.

איוואנ דער IV. איוואנ דער IV איז געשטאָרבנ אינ א יאָר ארומ נאָכ דעמ, ווי עס האָט זיכ געענדיקט די מילכאָמע,— אינ 1584 י. דאָס איז געווענ א טאלאנטפולער, קלוגער מענטש. ער איז געווענ גוט געבילדעט פאר זײַנ צײַט. ער האָט ליב געהאט אונ האָט געקענט שרײַבנ, האָט געהאט א שארפנ קאָפּ. סײַ אינ דער אינערלעכער סײַ אינ דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָט ער געקענט טרעפלעכ אונ ריכטיק באשטימענ זײַנע צילנ אונ אופגאבנ אונ אויספילנ זיי מיט גרויס אקשאָנעס אונ ענערגיע. זײַנ געדאנק, אז רוסלאנד מוז האָבנ די ברעגנ פונעמ באלטישנ יאמ, איז א באווײַז פונ זײַנ שארפנ סייכל; דער דאָזיקער געדאנק האָט אָבער געקאָנט פארווירקלעכט ווערנ ערשט אינ די צײַטנ פונ פּיאָטר דעמ I. אינעמ צוזאמענשטויס מיטנ באָיארנטומ איז איוואנ דער IV ארויסגעטראָטנ אלס פארטיידיקער פונ די אינטערעסנ פונ דער צענטראליזירטער פעאָדאלער מעלוכע, בעראָש פונ וועלכער ער איז געשטאנענ. ער האָט געשריבנ צו קורבסקינ: „ווער קאָנ פירנ א קאמפ קעגנ די סאָנים, אויב די מעלוכע ווערט צעפּרעסנ פונ אינערלעכע קריגערײַענ?“ אינ דער געשיכטע איז איוואנ דער IV ארײַנ מיטנ נאָמענ גרויזאמער (גראָזני). די מענטשנ פונ יענער צײַט זײַנענ באזונדערס איבעראשט געווענ פונ זײַנ אכזאָריעס, וואָס האָט זיכ אנטפּלעקט פונ די קינדער־יאָרנ אָנ אונ האָט זיכ אנטוויקלט אינ די

באדינגונגענ פונ פארביסענעמ קאמפ קעגנ די אומגעהאָרכזאמע באָיארנ. דער קאמפ האָט אינ אימ אנטוויקלט א קרענקלעכע פארדעכטיקייט. אנ עקספּאנסיווער אונ א היציקער, פלעגט איוואנ דער IV ניט שטענדיק זיכ אָפּגעבנ א כעזשבנ אינ דעמ, וואָס ער טוט. ביים אנ אָנפאל פונ גרימצאָרנ האָט ער דערלאנגט א קלאפּ מיט א שטאָק אונ דערהארגעט זיינ עלטערנ זונ דעמ צארעוויטש איוואנ. דאָס קיניגנ פונ איוואנ דעמ IV איז, ניט געקוקט אָפּ אלע פינצטערע זייטנ פונ זיינ פּערזענלעכקייט, זייער א וויכטיקער פּעריאָד אינ דער געשיכטע פונ רוסלאנד. אינ זיינע צייטנ האָט די רוסישע מעלוכע ליקווידירט די רעשטנ פונ דער פעאָדאלער צעשפּליטערטקייט אונ האָט זיכ צונויפגעגאָסנ אינ אנ איינהייטלעכער פעסטער מעלוכע, וואָס איז פייִק צו באשיצנ זיכ קעגנ די אויסערלעכע סאָנים. אינ די פאָלקס-לידער אונ פאָלקס-מייסעס איז פארבליבנ דער אָנדענק וועגנ איוואנ דעמ IV ווי וועגנ א גרויזאמענ צאר, וואָס האָט געשטראָפט די פארעטער די באָיארנ.

§ 42. די באצווינגונג פונ די פעלקער פונ מייַרעוו-סיביר סאָפ XVI יה.

די באזיצנ פונ די סטראָגאנאָווס. אינ די לעצטע יאָרנ פונ איוואנ דעמ IV-טנס קיניגנ האָט די רוסישע מעלוכע גענומענ באצווינגענ מיירעוו-סיביר. דעמ אָנגריפ האָבנ אָנגעהויבנ די באלעבאטימ פונ גרויסע זאלצ-געווערבנ — די סטראָגאנאָווס. אינ זעקס יאָר ארומ נאָכ דעמ, ווי עס איז איינגענומענ געוואָרנ קאזאנ (1558), האָבנ זיי אויסגעבעטנ בא דער מאָסקווער רעגירונג א דערלויבעניש צו פארכאפּנ די שטיקער לאנד לענגאויס דער קאמע. נאָכ דעמ, ווי זיי האָבנ ארויסגעשטויסנ פונ דאָרט די אָרטגעבירטיקע איינוווינער — די מאנסי (וואָגולנ), האָבנ די סטראָגאנאָווס גענומענ שאפנ דאָ זאלצ-געווערבנ אונ באזעצנ לייביגענע פויערימ, וואָס האָבנ באדינט די געווערבנ מיט אומזיסטיקער ארבעט. קעדיי צו באוואכנ זייערע באזיצנ, האָבנ די סטראָגאנאָווס געבויט באפעסטיקטע פונקטנ, אויסגעשטאט זיי מיט ארטילעריע אונ געדונגענע פּרייוווילִיקע. פונעמ צאר האָבנ די סטראָגאנאָווס באקומענ פארשיידענע רעכט, וואָס האָבנ זיי געמאכט פאר אומבאגרענעצטע הערשער אינ זייערע באזיצנ. די מאנסי אונ די אנדערע פעלקער, בא וועמענ די סטראָגאנאָווס האָבנ אָפּגענומענ די ערד פאר די געווערבנ, זיינענ ניט אייננ מאָל באפאלנ די האָזיקע יִשוווימ. עס זיינענ געווענ פאלנ, ווענ די מאנסי האָבנ זיכ פארייניקט מיט סטראָגאנאָווס פויערימ, קעדיי צו קעמפנ קעגנ זייערע געמיינזאמע עקספּלואטאטאָרס. אינ אָט דעמ קאמפ פלעגנ די מאנסי-וואָגולנ קריגנ הילפ פונ זייערע שייוועט-ברידער, וואָס האָבנ געלעבט צו מיזרעכ-צו פונ אוראל.

אינגעמ סיבירער כאנטום האָט צו יענער צייט געהערשט שוינ גיט יעדיגער, וואָס איז געווענ א וואסאל אונ א צינז-צאָלער פונעמ מאָסקווער צאר, נאָר דער כאנ קוטשומ, וועלכער האָט דערהארגעט יעדיגערנ אונ איז געוואָרנ הערשער איבער סיביר. קוטשומ האָט געשטרעבט צו פארשטארקנ דאָס סיבירער כאנטום. אינ זיינע צייטנ איז איינגעפירט געוואָרנ דער מוסולמענישער גלויבנ, וואָס האָט געדארפט פארשטארקנ דעמ כאנס מאכט. קוטשומ האָט געפּרוווט פארשפּרייטנ זיינע באזיצנ צו מייַרעוו-צו פונ די אוראלער בערג.

יערמאקס מארש. אינ XVI יה. האָבנ אָפּ די גרענעצנ פונ דער רוסישער



דאָס הויז פונ די סטראָגאנאָװס אינ סאָל װיטשעגאָדסקאיא (סאָלװיטשעגאָדסק).
צײכענונג פונ XVIII יה.

מעלוכע, אינ די סטעפּעס באַמ דאָנ, געלעבט א סאכ פרײַע קאזאקנ. דאָס זײַנענ
געװענ דעריקער פויערימ אונ כאָלאָפּעס, װאָס זײַנענ אנטלאָפנ פונעמ פעאָדאלנ
דרוק. פונ צװישנ זײ פלעגנ עמ די סטראָגאנאָװס װערבירנ אָטריאדנ דינסט=לײַט
אפ צו באשיצנ זײערע באזיצנ אונ אויכ אפ צו פארברײטערנ די דאָזיקע באזיצנ
װײַטער צו מיזרעכ=צו. אינ 1581 י. האָבנ די סטראָגאנאָװס געשיקט אפ יענער זײַט
אוראל אנ אָטריאד געדונגענע קאזאקנ אונטער דער קאָמאנדע פונעמ אטאמאנ יער=
מאַק טימאָפײעװיטש. דעמ אָטריאד האָבנ זײ באזאָרגט מיט דערנערונג, מיט גע=
װער אונ שיפנ. דער אָטריאד האָט זיכ געלאָזט מיטנ װאסער=ארופ איבערנ טײַכ
טשוסאָװאיא, א בײַטײַכ פונ דער קאמע, ביז דעמ אָרט, װו מע האָט געדארפט
אריבערשלעפּנ די שיפנ מיט דער יאבאָשע. דאָ האָט ער איבערגעװינטערט. פרי=
לינג=צײַט האָט מענ אריבערגעשלעפּט די שיפנ אינ אײגעמ פונ די בײַטײַכנ פונ
טורא, װאָס פאלט ארײַנ אינ טאָבאָל. דאָס לאנד איז געװענ װײניק באפעלקערט,
אונ די קאזאקנ זײַנענ געגאנגענ פאָרויס קימאט אומגעשטערט. ארויסגעשװומענ פונ
דער טורא אינ טאָבאָל, זײַנענ זײ ארופגעטראָטנ אפ דער טעריטאָריע פונעמ סי=
בירער כאנטום. אפנ ערשטנ ערנסטנ װידערשטאנד האָבנ זיכ די קאזאקנ אָנגע=
שטויסנ ניט װײַט פונ דער הויפּטשטאָט פונעמ סיבירער כאנטום, דאָרט, װו דער
טײַכ טאָבאָל פאלט ארײַנ אינ אירטיש. דאָ האָט קוטשומ אויסגעבויט א באפעס=
טיקטע ליניע פונ אײַנגעװאלגערטע ביימער אונ האָט צונויפגעזאמלט א סאכ כאַיל
פונ טאָטערנ אונ אויכ פונ די אימ אונטערטעניקטע מאנסי (װאָגולנ) אונ כאנטע
(אָסטיאקנ). זײ האָבנ באגעגנט די קאזאקנ מיט א האָגל פײַלנ. די קאזאקנ האָבנ
אָפּגעענטפערט מיט א שיסערײַ פונ פײַער=געװער אונ האָבנ זיכ געלאָזט שטורע=
מענ די באפעסטיקונג. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א שלאכט אײנס אפ אײנס. די כאנ=
טע אונ די מאנסי האָבנ ניט אויסגעהאלטנ דעמ דרוק אונ האָבנ זיכ די ערשטע גע=

לאָזט לויפנ. דערמיט האָבנ זיי געבראָכנ דעמ פראָנט פונ די טאָטערנ. די קאזאקנ האָבנ נאָכגעיאָגט און אויסגעהארגעט די אנטלויפנדיקע קעגנער. נאָכ דער דאָזיקער מאפּאָלע האָט קוטשומ פארלאָזט זײַנ הויפּטשטאָט און איז אוועק אפּ דאָרעמ אינ סטעפּ אַרײַנ, און יערמאק מיט די קאזאקנ זײַנענ אַרײַנ אינ דער ליידיקער שטאָט. די ארומיקע באפעלקערונג האָט זיכ גלײַכ אונטערגעגעבנ דעמ זיגער. יערמאק האָט אָבער פארשטאנענ, אז א קליינעמ אָטריאד איז אוממעגלעכ אײַנצוהאלטנ זיכ צווישנ דער פײַנטלעכ-געשטימטער באפעלקערונג, האָט ער געשיקט קיינ מאָסקווע שליכימ אָנזאָגנ דעמ צאר, אז דאָס סיבירער כאנטומ איז דעראָבערט, און בעטנ הילפ.

וואַרטנדיק אפ הילפ, האָבנ די קאזאקנ ווײַטער פארכאפּט די ארומיקע שטיקער לאנד. די אײַנוווינער, באוואָפנטע מיט שפּיזנ און פײַלנ, צומאָל אפילע ניט מיט קיינ אײַזערנע, נאָר מיט ביינערנע שפּיצנ, זײַנענ ניט בעקויעכ געווענ קעגנצושטעלנ זיכ קעגנ פײַער-געווער. ניט געקוקט אפנ שנעלנ דערפאָלג, איז אָבער די לאגע פונ יערמאקס קליינעמ אָטריאד געוואָרנ גאנצ שווער. עס האָט אפילע ניט געהאָלפנ דער אָטריאד צאריש מיליטער, וואָס איז אימ געקומענ צו הילפ. איבערנ מאנגל אינ שפּײַז איז צווישנ די רוסישע דינסט-לײַט אויסגעבראָכנ סקאָרבוט. יערמאק אליינ האָט זיכ ארײַנגעפאקט אינ א קלעמ, אינ וועלכנ קוטשומ האָט אימ פארנארט, און ער איז אומגעקומענ: פּרוּווּנדיק ארופשפּרינגענ אפ א שיפל, האָט ער זיכ אויסגעגליטשט און איז דערטרונקענ געוואָרנ אינ אירטיש. די רוסישע דינסט-לײַט, וואָס זײַנענ געבליבנ לעבנ, האָבנ געמוזט פארלאָזנ סיביר. די הויפּטשטאָט פונעמ כאנטומ האָבנ ווידער פארנומענ די טאָטערנ.

דאָס אָנשליסנ מײַרעוו-סיביר. שוינ נאָכ איוואנ דעמ IV-טנס טויט זײַנענ קיינ סיביר געשיקט געוואָרנ וואָיעוואָדעס מיט א באדײַטנדיקער צאָל מיליטער. זיי האָבנ אינ 1586 י. אויסגעבויט די שטאָט טיומענ אפ די רויִנעס פונ דער טאָטערשער שטאָט, וואָס האָט געהייסנ מיטנ זעלבנ נאָמענ, און האָבנ פונדאנענ אָנגעהויבנ ביסלעכווײַז פארכאפּנ דאָס לאנד. אינ א יאָר ארומ איז אויסגעבויט געוואָרנ דער קליינער באפעסטיקטער פונקט טאָבאָלסק, באמ טײַכ טאָבאָל, ניט ווײַט פונ קוטשומס געוועזענער הויפּטשטאָט, וואָס די אײַנוווינער האָבנ זי אצינד אינגאנצנ פארלאָזט. טאָבאָלסק איז געוואָרנ דער צענטער פונ דער צארישער הערשאפט איבער מײַרעוו-סיביר. אינ די שפּעטערדיקע יאָרנ זײַנענ באצוווּנגענ געוואָרנ די ארומיקע שוואָטימ מאנסי און כאנטע.

דער קאמפ מיט קוטשומענ איז נאָכ אָבער ניט געווענ געענדיקט. קוטשומ האָט נאָכ אלצ ארומגעוואנדערט איבער דעמ באראבינסקער סטעפּ און באאומרויִקט מיט זײַנע אָנפאלנ די גרענעצ-געביטנ. ערשט אינ 1589 י. האָט קוטשומ געליטנ א פולשטענדיקע מאפּאָלע, נאָכ וועלכער ער איז שוינ מער ניט געקומענ צו זיכ.

דער פארהעלטנישמעסיק שנעלער זיג איבערנ סיבירער כאנטומ דערקלערט זיכ — כוץ דעמ, וואָס די טעכנישע איבערוואָג איז געווענ אפ דער זײַט פונעמ רוסישנ מיליטער, — אויכ דערמיט, וואָס צווישנ די טאָטערנ איז ניט געווענ קיינ פּאָליטישע איינהײַט. דאָס סיבירער כאנטומ איז געווענ צעטיילט אפ א ריי קליינע באזיצנ, וואָס זײַנענ איינער מיטנ אנדערנ געווענ שלעכט צוזאמענגעשלאָסנ. ווי נאָר קוטשומ האָט געליטנ די ערשטע מאפּאָלע, האָבנ אימ די וואסאלנ פארלאָזט. נאָכ שוואַכער איז געווענ די פארבינדונג צווישנ דעמ סיבירער כאנטומ און די אָסטיאַקישע און וואָגולישע פירשטנ, וואָס זײַנענ אימ געווענ אונטערגעוואָרפנ. אינעמ כאנס

באַיל האָבנ זײ זיכ באַטײליקט נאָר איבערגוואַלט, און בא דער ערשטער געלעגנהײט זײנענ זײ זיכ צעלאָפנ.

אפ די פעלקער, וואָס דער צאַריזמ האָט באַצווונגענ, איז אַראָפּגעלײגט געוואָרנ יאַסאַק, וועלכער פלעגט אַרײנקומענ אינ דער קאַזנאַ. דעמ יאַסאַק האָט מענ געצאָלט מיט סויבל-פעלכלעכ און אַנדערע מינימ קאָסטבאַרנ רויכוואַרג. כוץ דעמ צאַרישנ יאַסאַק האָבנ די סיבירער פעלקער געמוזט ברענגענ מאַטאָנעס די וואָיעוואָדעס און די דינסט-לײט. קעדײ צו צווינגענ צאָלנ דעמ יאַסאַק, פלעגט מענ נעמענ אַמאַנאַטנ, אָדער אָרוועסניקעס. די רעגירונג פלעגט אויכ אונטערקויפנ די אָרטיקע פירשטלעכ, פאַר רעגולערנ צאָלנ יאַסאַק פלעגט זי זײ שענקענ פאַרשײדענע צאַצקעס און מעכאַבעד זײנ מיטנ „צאַרס מאַטאָנע“ — מיט בראַנפנ אאַז״וו. דאָס רויכוואַרג, וואָס איז געגאַנגענ פונ סיביר, האָט געהאַט אַ גרויסנ ווערט. די קאַזנאַ פלעגט עס פאַרקויפנ קײנ אויסלאַנד און פלעגט אַזוי אַרום באַקומענ די נײטיקע מיטלענ אפ קריגס-הויצאָעס און אַנדערע אויסגאַבנ און אויכ אפ געהאַלט פאַר די דינסט-לײט.

צוזאַמענ מיטנ צאַרישנ מיליטער זײנענ קײנ סיביר אַרײנגעדרונגענ אויכ מאָסקווער סאָכרימ. זײ פלעגנ מיטברענגענ מיט זיכ ביליקע סכוירעס (גלעקלעכ, פיצלעכ צײג אאַז״וו). און אַלס אָפּצאָל דערפאַר פלעגנ זײ נעמענ בא די סיבירער פעלקער קאָסטבאַר רויכוואַרג. די סאָכרימ פלעגנ אומפאַרשעמט אָנשיקערנ די טײנע-אײנוווינער און דערנאָכ אויסנאַרנ בא זײ קימאַט פאַר אומזיסט סויבל-פעלכלעכ און אַנדערע מינימ רויכוואַרג.

אַזוי אַרום האָבנ אונטער דער מאַכט פונ די מאָסקווער צאַרנ אינ XVI יה., כוץ די רוסנ, זיכ אַרויסגעוויזנ אַ גאַנצע רײ אַנדערע פעלקער: די קאַזאַנער און אַסטראַכאַנער טאָטערנ, די מאָרדווע, די מאַרי, די טשוואַשנ, די אודמורטנ, די באַשקירנ און די פעלקער פונ מערעוו-סיביר. די רוסישע מעלוכע האָט ביסלעכווײז גענומענ ווערנ אַ פילנאַציאָנאַלע מעלוכע. אַרומ דעמ שטאַרקנ רוסישנ פאָלק זײנענ מיט געוואַלט פאַרײניקט געוואָרנ אַנדערע, שוואַכערע פעלקער.

§43. האַנדל און האַנטווערקערײַ אינ דער רוסישער מעלוכע אינ XVI יה.

די פאַרײניקונג פונ מיזרעכ-אײראָפּע אינ אַ צענטראַליזירטער פילנאַציאָנאַלער מעלוכע איז מעגלעכ געווענ נאָר אַדאַנק דעמ, וואָס די געביטנ, וועלכע זײנענ אַרײנ אינ באַשטאַנד פונ דער מעלוכע, זײנענ עקאָנאָמיש געווענ פאַרבונדנ צווישנ זיכ. אינ XVI יה. לאָזט זיכ מערקנ אַנ אַנטוויקלונג פונ די סכוירע- און געלט-פאַרהעלטענישנ. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט צוגעגרײט די עקאָנאָמישע פאַרײניקונג פונעמ לאַנד און האָט פאַרלײַכטערט דעמ פּראָצעס פונ זײנ פּאָליטישער פאַרײניקונג.

אינ XVI יה. האָבנ זיכ די האַנדלס-באַציִונגענ פונ דער רוסישער מעלוכע מיטנ מיזרעכ און מיטנ מערעוו באַדײַטנדיק אַנטוויקלט. נאָכנ דעראָבערנ קאַזאַנ און אַסטראַכאַנ האָט מאָסקווע געהאַלטנ אינ אירע הענט דעמ גאַנצנ וואַסער-וועג צומ קאַספּישנ ים. דאָס האָט מיטגעהאָלפנ צו פאַרשטאַרקנ דעמ האַנדל מיט אַזערבײַדזשאַנ, מיט פּערסיע און בוכאַראַ. דער פאַרקער צווישנ רוסלאַנד מיט מערעוו-אײראָפּע איז געווענ פאַרשוועריקט דורכ דעמ, וואָס צווישנ מערעוו-אײראָפּע און דער רוסישער מעלוכע זײנענ געלעגנ פײַנטלעכע לענדער — פּוילנ און ליטע.

אינ 1553 י. האָבנ די ענגלענדער געעפנט א גלײַכנ וועג מיטנ יאמ צו דער רוסישער מעלוכע. דער XVI יה. איז געווענ די אופבלי=טקופע פונעמ ענגלישנ האנדל. דאָס ענגלישע סאָכרימטומ האָט אָנגעהויבנ פירנ א פארביסענעמ קאמפ מיט די שפאניער אונ פאָרטוגעזער, וואָס האָבנ ביז דאנ געהערשט אפנ יאמ. דער יאמ=וועג קיינ אינדיע (ארומ אפריקע) איז געלעגנ אינ די הענט פונ די פאָרטוגעזער.

דאָס ענגלישע סאָכרימטומ האָט אויסגעריכט אנ עקספעדיציע צו געפינענ א וועג קיינ אינדיע דורכנ אײַז=אָקעאנ, ד. ה. יענעמ גרויסנ צאָפנדיקנ יאמ=וועג, וואָס איז באהערשט געוואָרנ איצט בא דער ראטנמאכט. די עקספעדיציע האָט געליטנ א שיפ=קאטאסטראָפע. איינ שיפ, אונטער דער קאָמאנדע פונעמ קאפיטאנ טשענסלער, האָט א שטורעמ=ווינט פארטראָגנ אינ ווײַסנ יאמ ארײַנ, צו דער לעפצונג פונ דער צאָפנ=דווינע. טשענסלער האָט זיכ פארבונדנ מיטנ וואָיעוואָדע פונ דער נאָענטסטער שטאָט כאָלמאָגאָרי, אונ יענער האָט וועגנ דעמ געלאָזט וויסנ איוואנ דעמ IV. טשענסלער איז ארויסגערופנ געוואָרנ אינ דער הויפטשטאָט. איוואנ האָט פארשטאנענ די גאנצע נוצנ, וואָס מע קאָנ האָבנ פונ א דירעקטנ פארקער מיט איינעמ פונ די רײַכסטע האנדלס=לענדער פונ אייראָפע. ער האָט געגעבנ די ענגלענדער דאָס רעכט צו האנדלענ אינ דער רוסישער מעלוכע אפ די סאמע גינסטיקע באדינגונגענ. די אייגענע אינדוסטריע איז אינ דער רוסישער מעלוכע געווענ שוואכ אנטוויקלט. האָט רוסלאנד אָנגעהויבנ באקומענ פונ ענגלאנד געוואנטנ אונ אנדערע שטאָפנ, מעטאלנ אונ מעטאל=פאבריקאטנ, ווי אויכ געווירצנ אונ אנדערע מינימ סכוירעס, וואָס זײַנענ געגאנגענ פונ אפריקע, אזיע אונ אמעריקע. אלס אויסטויש פלעגנ די ענגלישע סאָכרימ נעמענ רוסישנ רוישטאָפ: רויכווארג, האנפ, באזוער=שמאלצ אאוו. אונ פלעגנ דאָ אײַנקויפנ מיזרעכדיקע סכוירעס, באזונדערס אזערבײַדזשאנער זײַדנס.

א רוסישער סויכער פונ XVI יה.
פונ הערבערשטיינענ.

נאָכ די ענגלענדער האָבנ מיטנ ווײַסיאמישנ וועג, צוליב מיסכער מיט מאָסקווע, אָנגעהויבנ באנוצנ זיכ אויכ די האָלענדער. אינגיכנ נאָכ איוואנ דעמ IV=טנס טויט איז ניט ווײַט פונ דער לעפצונג פונ דער צאָפנ=דווינע אויסגעבויט געוואָרנ די שטאָט ארכאנגעלסק. דאָ פלעגט יעדעס יאָר פאָרקומענ א יאריד, ווו די אויסלענדישע סאָכרימ פלעגנ זיכ באגעגענענ מיט די רוסישע האנדלס=לײַט. דער ווײַסער יאמ איז אָבער א היפשנ טייל פונעמ יאָר באדעקט מיט אײַז. דער פארקער איבערנ ווײַסנ יאמ האָט געקאָנט גיינ נאָר אינ די זומער=כאדאָשימ. דעריבער טאקע האָט עס איוואנ דער IV מיט אזא אקשאָנעס געשטרעבט צו באהערשנ דאָס ברעגלאנד פונעמ באלטישנ יאמ.

האָלענדישע שיפנ אינעמ צאָפנדיקנ אײַז־אָקעאנ בא די ברעגנ פונ רוסלאנד.
גראווױור פונ הערית דע ווערטאַ׳ס בוכ.

דער אויסגעוואקסענער האנדלס־פארקער מיט מערעוו־אײראָפּע אונ מיטנ מיזרעכ האָט ארויסגערופנ אנ אלגעמײנע אופלעבונג אפנ אינערלעכנ רוסישנ מארק. די רויכווארג־סאָכרימ האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אפ מיזרעכ, אפ יענער זײַט אוראל, נאָכ קאָסטבאר רויכווארג. מע האָט גענומענ שיקנ יאמ־עקספּעדיציעס צומ אײַנגומ („גובא“) פונעמ טײַכ אָב צו געפינענ סויבל־רײַכע ערטער.

אינ די שטעט אונ דערפער איז אינ XVI יה. געווענ פארשפּרײט די קלײנ־האנטווערקערישע פּראָדוקציע. אינ די גרויסע שטעט, ווי נאָווגאָראָד אונ קאזאנ, לעמאָשל, האָבנ אינ XVI יה. עקזיסטירט העכער 100 מינימ האנטווערקערישע געווערבנ. עס זײַנענ געווענ מײַסטערס, וואָס האָבנ זיכ ספּעציאליזירט אפ ארבעטנ אויערינגלעכ, שפּילקעס, משוועקעס, אפ גײענ סאראפאנענ, יעפּאנטשעס (א אויבער־בעגעד אָנ ארבל), ווארעמע לײַבלעכ אאז. די סאָכרימ פלעגנ אופקויפנ די פּראָדוקטנ פונ די האנטווערקער, אוועקפירנ עס קײנ סיביר אונ אויסטוישנ דאָרט אפ רויכווארג, וואָס זײ פלעגנ דערנאָכ איבערפארקויפנ צו די אויסלענדער. אָט אזוי האָבנ זיכ גענומענ אײַנשטעלנ פארבינדונגענ צווישנ די באזונדערע מערק, אונ דאָס האָט צוגעגרײט זײער צונויפגיסונג אינ אײנ אלרוסלענדישנ מארק.

§ 44. דער שטײגער אונ די קולטור אינ XVI יאָרהונדערט.

די זיטנ פונ די רוסנ אינ XVI יאָרהונדערט. די רוסישע מעלוכע איז אינ XVI יה. אינ קולטור־הינזיכט געווענ אנ אָפּגעשטאנענ לאנד אינ פארגלײַכ מיט די לענדער פונ מערעוו־אײראָפּע. אינעמ פאמיליענ־שטײגער האָט געהערשט ברוטאלקײַט אונ גראָבקײַט. דער פאָטער איז געווענ פולמעכטיקער הערשער ניט נאָר אי־

בער די כאַלאַפּעס, נאָר אױכ איבער זײַנ פרױ אונ קינדער. פאַר דער מינדסטער שולד איז ער גרײט געװענ צו שלאָגנ מיט װאָס עס מאכט זיכ נאָר אונטער דער האַנט „איבערנ אױער אונ אינ די אױגנ, מיטנ פױסט אָדער מיטנ פוס א זעצ אונטערנ לעפּעלע, שטעכנ מיט אנ אײַזנ אָדער מיט א הילצערנעמ פלאָקנ“.

אינ XVI יה. איז אָנגעשריבנ געװאָרנ דער בוכ „דאָמאָסטראָי“ — א מינ סטאַטוט פונ פאַמיליענ־סײדער, װי עס װערנ געגעבנ אָנװײַזונגענ, װיאַזױ די מענטשנ, װאָס געהערנ צו די הערשנדיקע קלאַסנ, דאַרפנ לעבנ אונ אופירנ זיכ. גרױס אופמערקזאַמקײַט איז אינעמ „דאָמאָסטראָי“ געװידמעט דער קינדער־דערציִונג אונ די אָנװײַזונגענ, װיאַזױ דער מאַנ דאַרפ לערנענ דאָס װײַב „גוטע זיטנ“. די מיטלענ אָבער, װאָס דער „דאָמאָסטראָי“ האָט רעקאָמענדירט, זײַנענ ניט װײַט אַװעק פונ דער ברוטאַלער װירקלעכקײַט. די קינדער, האָט דער „דאָמאָסטראָי“ געװײַזט, דאַרפ מענ האַלטנ שטרענג: „שטראָפ דעמ זונ דײַנעמ פונ קינדװײַז אָנ, װעט ער זײַנ פאַר דיר אנ אָנלענ אפ דער עלטער; שלאָג דאָס קינד אָנ מילדקײַט; װעסט אימ שלאָגנ מיט א שטעקנ, װעט ער דערפונ ניט שטאַרבנ, ער װעט נאָכ געזונטער זײַנ“. אפנ זעלבנ אופנ װערט דאָרט רעקאָמענדירט צו באַהאַנדלענ די פרױ: „אױב אפנ װײַב, אפנ זונ אָדער אפ דער טאָכטער האָט דאָס רײדנ אונ דאָס בעטנ קײנ פולע ניט, זײ הערנ ניט אונ פאָלגנ ניט אונ האָבנ קײנ מורע ניט אונ טוענ ניט דאָס, װאָס דער מאַנ אָדער דער פאָטער אָדער די מוטער לערנענ, דאַרפ מענ זײ שמײַסנ מיט א קאַנטשיק װעדליק דער שולד זײַערער. אי ס'איז נוצלעכ, אי ס'טוט װײ, אז ס'איז שרעקלעכ, אי ס'איז צו געזונט“. דער „דאָמאָסטראָי“ איז געװענ דער באַליבטער בוכ בא די גראַמאָטנע רוסישע מענטשנ פונ XVI יה. ער איז דערגאַנגענ צו אונדז אינ א קאָפּיע, װעלכע דער גאַלעכ סילװעסטער האָט געמאַכט פאַר זײַנ זונ.



דרוק־װערקשטעל פונ XVI יה. רעסטאַװרירט.
פּ אָ ט אָ.

די בילדונג אונ די קונסט פונ XVI יאָרהונדערט. שריפטקענעװדיקײַט איז צװישנ די רוסנ געװענ זײער קנאַפּ פאַרשפּרײט. אפילע צװישנ די גאַלאָכימ זײַנענ געװענ אזעלכע, װאָס האָבנ קױמ געלײענט, אָס נאָכ אָס. די ביכער זײַנענ געװענ געשריבנ פונ דער האַנט, האָבנ געקאָסט זײער טײַער אונ זײַנענ געװענ א זעלטנהײַט. די אמעראַציִשע איבערשרײַבער — די קאָפּירער פלעגנ מאַכנ א סאַכ גרײַזנ אונ פעלערנ, װאָס פלעגנ גאַנצ אָפט פאַרקריפּלענ דעמ געדאַנק. אפ ביכער האָט מענ געקוקט װי אפ א מינ קישעפ־זאַכ. א נאָכפרעג האָבנ דעריקער געהאַט פאַרשײדענערלײ װאָרזאָגערישע ביכער. עס זײַנענ געװענ פאַרשפּרײט די װילדסטע אָבערגלױבענישנ. איבער די דערפער פלעגנ אַרומגײנ באָרװעסע, האַלב־נאַקעטע מענטשנ מיט צעפּאַטלטע האָר, װאָס פלעגנ סימולירנ די באַליקע אונ פאַרזיכערנ, אז צו זײ װײַזנ זיכ „הײליקע“.

דער ערשטער אָפגעדרוקטער בוכ אינ רוסלאנד — „אפאָסטאָל“ (1564 י.). פ אָ ט אָ.

איוואנ דער IV האָט פארשטאנענ, אז אפ צו קעמפנ קעגנ אומוויסנ איז פריִער פאר אלצ נייטיק בילדונג. אינ 1551 י. איז אינ מאָסקווע צונויפגערופנ געוואָרנ א „סאָבאָר“ (א פארזאמלונג פונ די גײַסטלעכע) מיטנ צוועק צו פארפעסטיקנ די לאגע פונ דער קירכ. אפנ סאָבאָר האָט דער צאר פאָרגעלייגט אָנצונעמענ מאָסמיטלענ צו באזײַטיקנ די העסלעכע זיטנ צווישנ די גײַסטלעכע (שיקרעס אד״ג.) אונ צו פארשפרייטנ בילדונג צווישנ דער באפעלקערונג. די גײַסטלעכע איז פאָרגעלייגט געוואָרנ צו עפענענ שולנ, ווו מע זאָל לערנענ די קינדער גראמאָטע. די באשטימונגענ פונעמ סאָבאָר האָבנ באטראָפנ א גאנצנ בוכ, וואָס איז אָנגערופנ געוואָרנ „סטאָגלאוו“ (הונדערט קאפיטלענ), נאָר אינ לעבנ זײַנענ זיי ניט דורכגעפירט געוואָרנ. קיינ שולנ האָט זיכ איוואנ דעמ IV-טנ ניט אײַנגעגעבנ צו שאפנ, ווײַל אינ דער רוסישער מעלוכע זײַנענ געווענ צו ווייניק מענטשנ, וואָס זאָלנ האָבנ גענוג בילדונג אפ צו זײַנ לערער.

קעדיי צו פארברייטערנ די בילדונג, האָט איוואנ דער IV געשאפנ א דרוקערײַ. ס'איז אויסגעבויט געוואָרנ דער „פעטשאטני דוואָר“ (א דרוק-הויפ), וועלכער האָט ארויסגעלאָזט עטלעכע קירכלעכע ביכער. אינעמ דרוק-הויפ האָבנ געארבעט צוויי רוסישע מײַסטערס: איוואנ פיאָדאָראָוו אונ פיאָטר מסטיסלאוועצ. דער ערשטער בוכ, וואָס זיי האָבנ אָפגעדרוקט, איז דערשינענ אינ 1564 י. טעכניש איז ער געווענ גוט געמאכט. ארומ אונ ארומ האָט אָבער געהערשט פינצטערניש אונ אומוויסנ. האָט מענ אפ די געדרוקטע ביכער געקוקט ווי אפ אנ אופטו פונעמ טײַוול. דאָס

דער קלויסטער פונ וואַסילי בלאַזשעני אינ מאָסקווע (1555—1559 י. י.).
פאָטאָ.

האָבנ אויסגענוצט די האַלב=גראַמאָטנע ביכער=איבערשרײַבער, וואָס האָבנ זיכ דערשראָקנ, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פונעמ דרוק=וועזנ זאָלנ זיי ניט אָנווערנ זייער פּאַרנאָסע; זיי האָבנ אופגעהעצט דעמ האַמוינ, אונ מע האָט דעמ „דרוק=הויפ“ צעגראָמירט. איוואַנ פיאָדאָראָוו מיט זײַנ כאַווער זײַנענ אַנטלאָפנ קיינ ליטע. זיי האָבנ פאָרגעזעצט זייער נוצלעכע טעטיקײַט אינ ווײַסרוסלאַנד אונ אוקראַינע אונ האָבנ דאָרט פיל מיטגעהאָלפנ דער אַנטוויקלונג פונעמ דרוק=וועזנ. דער ערשטער דורכפאַל האָט ניט אָפּגעשטעלט איוואַנ דעמ גרויזאַמענ, אונ ער האָט אינ דער אַלעקסאַנדראָווער סלאָבאָדע אויסגעשטאַט אַ נײַע דרוקערײַ.

ניט געקוקט אפ דער קימאט דורכוויסיקער אנאַלפאַבעטישקײַט פונ די ברייטע פאָלקסמאסנ, זײַנענ צווישנ די מאָסקווער גײַסטלעכע אונ באָיארנ אינ XVI יה. דאָכ געווענ געבילדעטע מענטשנ. פונ צווישנ זיי זײַנענ ארויסגעקומענ עטלעכע אָנגעזעענע שרײַבער. אונטער דער האזשגאָכע פונעמ מיטראָפּאָליט מאַקארי איז אופגעקומענ א קליינ קרײַזל ליטעראטנ, וואָס האָט געארבעט לויט זײַנ באשטעלונג. ס'איז געשאפנ געוואָרנ א ריי ווערק, וואָס האָבנ געדארפט רימענ די רוסישע מעלוכע, דערונטער אויכ די „סטעפּענאיא קניגא" — די געשיכטע פונ דער אויסבילדונג פונעמ מאָסקווער קיניגרײַכ, אָנגעהויבנ פונ דעמ קיעווער פירשט וולאדימיר אונ פונ זײַנ באָבע אָלגע אונ ביז איוואנ דעמ IV. א טאַלאנטפולער שריפטשטעלער איז געווער דער צאר איוואנ אליינ. פונ די באָיארנ איז א באגאבטער שריפטשטעלער געווענ דער פירשט קורבסקי, א מענטש זייער א געבילדעטער. ער האָט פארפאסט די „געשיכטע וועגנ דעמ מאָסקווער גרויספירשט" — דערינערונגענ וועגנ דעמ קיניגנ פונ איוואנ דעמ IV, וואָס זײַנענ אָנגעשריבנ געוואָרנ צו פארטיידיקנ די באָיארנ אונ מיט גרויס פײַנטשאפט צומ צאר. קורבסקיס בריוו צומ צאר איוואנ האָבנ זיכ אויסגעציכנט, ווערליק פאר יענער צײַט, מיט גרויסע ליטעראַרישע מײַלעס.

אינ XVI יה. קומט אופ אינ דער רוסישער מעלוכע אַנ אָריגינעלע, פארביקע נאציאָנאַלע קונסט. א מוסטער פונ דער ארכיטעקטור פונ יענער צײַט איז דער טעמפּל פונ וואסילי בלאזשעני, וועלכער איז אצינד פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מוזיי, — דאָס איז אַנ עמעסער שעדעוור פונ דער אלטער רוסישער קונסט. געבויט האָבנ אים רוסישע מײַסטערס: דער פסקאָווער מײַסטער פּאָסטניק יאקאָוולעוו אונ בארמא. נאָכ איינער אזא שעדעוור איז דער קלויסטער אינעמ דאָרפ קאָלאָמענסקאָיע אונטער מאָסקווע, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרנ עטוואָס פריִער. די פסקאָווער מײַסטערס האָבנ אויכ געשעמט אלס מאלער. אינ זייערע ווערק פילט זיכ די ווירקונג פונ מײַרעווודיקע מוסטערנ.

דער אנטוויקלונג פונ בילדונג אינ דער רוסישער מעלוכע האָט געשטערט דאָס, וואָס זי איז דורכ פוילנ אונ ליטע געווענ אָפּגעשניטנ פונ די מײַרעוו־אייראָפּײִשע קולטורעלע לענדער. די פוילישע אונ ליטווישע פעאָדאלנ האָבנ מיט אַלערליי מיטלענ געשטערט דערצו, אז צווישנ דער רוסישער מעלוכע מיט די מײַרעוו־אייראָפּײִשע לענדער זאָל זיכ אײַנשטעלנ א שטענדיקער פארקער, ווײַל זיי האָבנ מוירע געהאט, אז מיט דער פארשפּרייטונג פונ בילדונג זאָל די רוסישע מעלוכע ניט ווערנ צו שטארק.

די פעלקער פונ אונדזער לאנד
אינ XVII יאָרהונדערט

קאפיטל XIV.

די פויערימ־מילכאָמע אונ דער קאמפ קעגנ דער פוילישער אונ שוועדישער אינטערווענציע אינ דער רוסישער מעלוכע אינ אָנהייב XVII יאָרהונדערט.

§45. די רוסישע מעלוכע פאר דער פויערימ־מילכאָמע.

דאָס לייבייגנטומ. אינ דער צווייטער העלפט XVI יה. איז די לאגע פונ די פויערימ געוואָרנ זייער שווער. גייטיקנדיק זיכ אינ געלט, האָבנ די גוטבאזיצער גענומענ פארברייטערנ די מאָס אקער=פעלד, וואָס דער פויער איז מעכויעו געווענ צו באארבעטנ פונזייערטוועגנ, אונ פארגרעסערנ די פארשיידענע אָפּצאָלנ, וואָס די פויערימ האָבנ געדארפט ארייננטראָגנ מיט געלט אונ מיט נאטור. פריער פלעגט די גרויס פונ דעמ פויערס פליכטנ פארנ פּאָרעץ באשטימט ווערנ לויטנ מינהעג: דער פויער האָט געדארפט אופאקערנ דעמ פּאָרעצס פעלד אונ צאָלנ אימ טשינש אינעמ זעלבנ סכומ, ווי ס'איז געווענ איינגעשטעלט מעקאמע יאָרנ. אינ XVI יה. האָבנ די גוטבאזיצער אופגעהערט צו רעכענענ זיכ מיט דעמ דאָזיקנ מינהעג אונ האָבנ אליינ גענומענ איינשטעלנ די אָפּצאָלנ אונ די ארבעט=פליכטנ פונ זייערע פויערימ. די צארישע גראמאָטעס האָבנ פאראָרדנט די פויערימ, זיי זאָלנ אינ אלצ פאָלגנ דעמ גוטבאזיצער אונ טאָנ יעטווידע זאכ, וואָס דער גוטבאזיצער וועט זיי פארפליכטנ. די ליוואָנישע מילכאָמע האָט אָפּגעקאָסט זייער א סאכ. מע האָט דעריבער אינ עטלעכע מאָל פארגרעסערט די געלט=שטייערנ אי פונ די פויערימ אי פונ דער סאָכיש=האנטווערקערישער באפעלקערונג פונ די שטעט. ראטעווענדיק זיכ פונ

שווערער האָרעוואניע, פונ שטײַערנ אונ הונגער, האָבנ די פויערימ גענומענ מאסנווײַז אוועקוואַרפנ זײערע הײַזער אונ דערפער אונ זיכ אוועקלאָזנ אפ מיזרעכ, אפ יענער זײַט וואָלגע, אונ נאָכ מער צו דאָרעמ=צו, אפ יענער זײַט פונעמ טײַכ אָקא. דאָרט האָט זיכ אויסגעשפרײט דער קימאט אומבאפעלקערטער שווארצבאָדנדיקער סטעפ, ווו ס'איז שווער געווענ צו כאפנ די אנטלאָפענע פויערימ. מיטנ אוועקגײנ פונ די פויערימ איז אלצ לײדיקער געוואָרנ אינעמ צענטראלנ טײל פונ דער מעלוכע.

אָנגעוואָרנ די ארבעטס=הענט, איז די גוטבאזיצעריש=פעאָדאלע ווירטשאפט דערגאנגענ צו זײער א שווערער לאגע. די ערדבאזיצער האָבנ זיכ גענײטיקט אינ פויערימ אונ האָבנ גענומענ אריבערשלעפנ זײ אײנער באמ אנדערנ. יעדעס יאָר, פארנ יורי=טאָג, פלעגט זיכ אָנהײבנ א קאמפ פאר פויערימ. די מערהײַט פויערימ האָט ניט פארמאָגט קײנ געלט פאנאנדערצוצאָלנ זיכ מיטנ גוטבאזיצער. פלעגנ די פריקאזשיקעס פונ אנדערע גוטבאזיצער ארײַנטראָגנ פאר זײ דאָס גאנצע געלט, וואָס מע האָט געדארפט, אונ אריבערפירנ זײ אפ דער ערד פונ זײערע באלעבאטימ. רײַכע אונ מאכטהאָבנדיקע ערדבאזיצער פלעגנ אפילע מאכנ אָנפאלנ אפ דער ערד פונ זײערע שכײנימ, שמידנ די פויערימ אינ קײטנ אונ אוועקפירנ זײ אפ נײַע פלעצער. די מיטעלע אונ די קלײנע אדל=לײַט האָבנ זיכ געקלאָגט, אז מיט זײערע לײדיק=געוואָרענע באזיצנ קאָנענ זײ ניט אויספילנ די מיליטער=דינסט.

אינ 1581 י. האָט דער צאר איוואנ דער IV צײַטווײַליק, „ביז עס וועט ניט זײַנ דערופ קײנ צארישער אוקאז“, פארבאָטנ די פויערימ אריבערצוגײנ אינעמ יורי=טאָג פונ אײנ גוטבאזיצער צו אנ אנדערנ. די יאָרנ, אינ וועלכע די פויערימ איז פארבאָטנ געוואָרנ אוועקצוגײנ אינעמ יורי=טאָג, האָבנ באקומענ דעמ נאָמענ „פארבאָטענע“ יאָרנ. די פויערימ האָט מענ וואָס ווײַטער, אלצ שטארקער צוגעפעסטיקט צו דער ערד פונעמ גוטבאזיצער.

די קאזאקנ. בא דער נידערשטרעמונג פונ דאָנ האָבנ שוינ אינ XV יה. געלעבט קאזאקנ. מיטנ וואָרט „קאזאק“ האָט מענ אפ דער טיורקישער שפראכ גערופנ פרײַע מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ אָפגעטײלט פונ זײער פאָלק. די רוסישע אנטלאָפענע פויערימ אונ כאָלאָפעס, וואָס האָבנ זיכ באזעצט באמ דאָנ, האָבנ זיכ אויכ גענומענ רופנ קאזאקנ. דער צופלוס פונ רוסישער באפעלקערונג אפנ דאָנ איז באזונדערס געשטיגנ סאָפ XVI יה. אינ צוזאמענהאנג מיט דער פארשטארקונג פונעמ לײַבייגנטומ=דרוק אינ די צענטראלע געביטנ פונ דער רוסישער מעלוכע. דער סטעפ, א רײַכער מיט ווילדווארג, אונ די טײַכנ, רײַכע מיט פיש, האָבנ געקאָנט שפײַזנ אפנ דאָנ א פארהעלטניסמעסיק גרויסע באפעלקערונג. די קאזאקנ האָבנ זיכ דאָ געפילט זיכער קעגנ דעמ ווילקיר פונ די גוטבאזיצער אונ פונ די צארישע וואָיעוואָדעס. מיט קײנ ערדארבעט האָבנ זײ זיכ ניט פארנומענ. ברויט פלעגט מענ ברענגענ צו פירנ פונ די רוסישע שטעט.

די קאזאקנ פלעגנ מאכנ אָנפאלנ אפ די טאָטערישע אונ טערקישע באזיצנ אונ, ווענ ס'פלעגט זײ געראָטנ, פלעגנ זײ פארכאפנ א גרויסנ רויב. טײלמאָל פלעגנ די קאזאקנ בארויבנ אויכ רוסישע סאָכרימ אפ דער וואָלגע. אלע געמײנשאפטלעכע פראגנ, וואָס זײַנענ שײַעכ מארשנ, טײלנ דעמ רויב, די באציונגענ מיט מאָסקווע, פלעגנ די קאזאקנ באשליסנ אפ א פארזאמלונג, וואָס האָט געהײסנ „קרוג“ (קרײַז). אפ די דאָזיקע פארזאמלונגענ פלעגנ זײ אויסווײלנ אויכ זײערע עלטסטע — די אטאמאנענ.

דער צאר פיאָדאָר איוואנאָוויטש. נאָכ טויט פונעמ צאר איוואנ דעמ IV דעמ גרויזאמענ זײַנענ פונ זײַנע זינ פארבליבנ לעבנ: פיאָדאָר — פונעמ ערשטנ ווײַב, אנאסטאסיא ראָמאנאָווא, אונ דער מינדעריעריקער דימיטרי — פונעמ לעצטנ ווײַב, מאריא נאגאיא. צאר איז געוואָרנ פיאָדאָר איוואנאָוויטש (1584—1598). דעמ צארעוויטש דימיטרי צוזאמענ מיט זײַנ מוטער אונ מיט די קרויווימ האָט מענ אוועקגעשיקט אינ דער קליינער שטאָט אוגליטש, וועלכע איז אָפגעגעבנ געוואָרנ דעמ מינדעריעריקנ פירשט אלס זײַנ אודיעל.

פיאָדאָר איוואנאָוויטש. פאָרטרעט פונ אָנהייב XVII יה. היסטאָרישער מוזיי.

דער צאר פיאָדאָר איז געוועזנ א קרענקלעכער מענטש, ניט אינגאנצנ בא די געדאנקענ, אונ איז אבסאָליוט ניט געוועזנ פייִק צו רעגירנ מיטנ לאנד. גאנצע טעג האָט ער געדאוונט אינ די קלויסטערס, האָט ליב געהאט צו קלינגענ אינ די גלעקער אָדער צוקוקנ, ווי עס שלאָגנ זיכ אונ עס פאיאצעווענ זײַנע לייצימ. אינ פאָלק האָט מענ גערעדט אָפנ, אז דער נײַער צאר איז א „כאָסער-דייע“. די מאכט איבערנ לאנד האָבנ פארכאפט אינ זייערע הענט דעמ צארס קרויווימ אונ די באָיארנ, וואָס האָבנ אימ ארומגערינגלט. צווישנ זיי האָט זיכ גיכ ארויסגערוקט דער באָיארינ באָריס פיאָדאָראָוויטש גאָדונאָוו.

די פאמיליע גאָדונאָוו האָט ניט געהערט צו דער גאָר אלטער אריסטאָקראטיע. באָריס גאָדונאָוו איז געוואָרנ א מעקורעוו צו איוואנ דעמ IV די לעצטע יאָרנ פונעמ צארס לעבנ, דעריקער, אדאנק די קרויווישע פארבינדונגענ. פיאָדאָר איוואנאָוויטש איז געוועזנ פארהייראט מיט גאָדונאָווס שוועסטער אירינא. באָריס גאָדונאָוו האָט פארמאָגט גלענצנדיקע פייִקײַטנ, נאָר ער האָט ניט באקומענ קיינ גוטע (לויט יענער צײַט נאָכ) בילדונג. ער האָט זיכ ניט געקלאמערט, ווי די יאכסאָנימ די באָיארנ, אָנ דעמ אלטנ, ער האָט זיכ ניט געפרעמדט פונ אויסלענדער. באָריס גאָדונאָוו האָט פריִער פאר אלצ באזײַטיקט פונעמ צארישנ פאלאצ יענע באָיארנ, וואָס האָבנ געשטערט זײַנ מאכט. בא זיכ אינ הויז האָט ער אײַנגעפירט א סיידער, וואָס איז געוועזנ ענלעכ צומ סיידער פונעמ צארישנ פאלאצ אונ פלעגט אליינ אופנעמענ אויסלענדישע געזאנדטע.

אינ די לעצטע יאָרנ פונעמ צאר פיאָדאָרס לעבנ האָט זיכ באָריס גאָדונאָוו געשאפנ מיט אלע איניאָנימ פונ דער מעלוכע. זײַנ הויפט-זאָרג איז געוועזנ — פארשטארקנ די מעלוכע-מאכט אינ די אינטערעסנ פונ די אדל-לײַט. באָריס גאָדונאָוו האָט פארשטאנענ, וואָס פאר א גרויסע באדײַטונג פאר אָט דער זאכ עס קאָנ האָבנ

די קירכ. מיט דער פּראַוואָסלאַווישער קירכ אינ רוסלאנד האָט אָנגעפירט א מיטראָפּאָליט, וואָס האָט געלעבט אינ מאָסקווע. אלס העכסטע קירכלעכע מאכט האָט זיכ אינ דער רוסישער קירכ גערעכנט דער קאָנסטאנטינאָפּאָלער פּאטריארכ. די פּאטריארכנ האָבנ געלעבט אינ א לאנד, וואָס האָט זיכ געפונענ אונטער דער מאכט פונעמ טערקישנ סולטאנ. סאָפ XVI יה. האָבנ זיי אָנגעהויבנ פאָרנ קיינ מאָסקווע אויסבעטנ „נעדאָוועס" — מיט געלט אָדער מיט סויבל-פעלכלעכ. באָריס גאָדונאָוו האָט זיכ באנוצט מיטנ באזוכ פונעמ קאָנסטאנטינאָפּאָלער פּאטריארכ יערעמיע, ווענ יענער איז געקומענ נאָכ זיינ „נעדאָווע", אונ האָט ארויסגעקראָגנ בא אימ א האסקאָמע, אז פאר דער רוסישער קירכ זאָל באשטימט ווערנ א באזונדער פּאטריארכ. אינ 1589 י. איז ערשטער רוסישער פּאטריארכ געוואָרנ דער מיטראָפּאָליט יואָוו, וועלכער איז געשטאנענ נאָענט צו באָריס גאָדונאָוו.

די רעגירונג איז באזונדערס געווענ באאומרויִקט מיט דער פראגע וועגנ באזאָרגנ די גוטבאזיצער מיט פויערימ, וואָס האָבנ געהאלטנ אינ איינ אוועקגייענ פונ זייערע באלעבאטימ. קעדיי צוריקערנ די אנטלאָפענע פויערימ צו א גוטבאזיצער, האָט מענ געדארפט דערווייזנ, אז דער געפאנגענער פויער האָט פארנ אנטלויפנ ווירקלעכ געלעבט אפ אָט דעמ גוטבאזיצערס ערד. קעדיי צו פארגרינגערנ די דאָזיקע אויפגאבע, האָט מענ דורכגעפירט א נייע ציילונג פונ דער ערד אונ פונ דער באפעלקערונג, וואָס איז פארענדיקט געוואָרנ אינ די יאָרנ 1592—1593. אלע פויערימ, וואָס זיינענ בא דער דאָזיקער ציילונג געווענ צוגעשריבנ צו א באשטימטנ גוטבאזיצער, האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רעכענענ אלס זיינע לייבייגענע. אינ 1597 י. איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ אנ אוקאז, וואָס האָט איינגעפירט א פינפיאָריקנ טערמינ אפ אויפצוזוכנ אנטלאָפענע פויערימ. די פויערימ, וואָס מע האָט ניט אויפגעזוכט אינ פארלויפ פונ פינפ יאָר, פלעגנ בלייבנ לעבנ אינ די נייע ערטער.

אינ דער צווייטער העלפט XVI יה. האָט זיכ גענומענ שנעל פארגרעסערנ די צאָל כאָלאָפּעס. א סאכ פאראָרעמטע מענטשנ פלעגנ אנטלייענ געלט מיטנ באדינג, אז פאר די פּראָצענטנ וועלנ זיי אָפּדינענ מיט ארבעט אינעמ קרעדיטאָרס ווירטשאפט. אָט די דאָזיקע אָפּהענגיקע מענטשנ האָבנ געהייסנ „קאבאלנע כאָלאָפּעס". מע פלעגט זיי אָפּלאָזנ אפ דער פריי נאָכנ טויט פונ זייער באלעבאָס. דערמיט האָבנ זיי זיכ אונטערשיידט פונ די פולשטענדיקע כאָלאָפּעס, וואָס פלעגנ אריבערגיינ בעירושע. א פרייער מענטש, וואָס האָט געארבעט בא א צווייטנ פאר דערנערונג אונ פאר קליידונג, האָט פריער געקאָנט צו יעטווידער צייט אוועקגייענ פונעמ באלעבאָס, אויב נאָר ער פלעגט ניט אונטערשרייבנ קיינ „קאבאלנע צעטל". אצינד איז דער דאָזיקער קלאל אָפּגעשאפט געוואָרנ. לויטנ אוקאז פונ 1597 י. איז יעטווידער פרייער מענטש, וואָס האָט אָפּגעארבעט בא א צווייטנ פאר שפייז אונ פאר קליידונג העכער זעקס כאדאָשימ, געוואָרנ זיינער א כאָלאָפּ. אזוי-ארומ האָט באָריס גאָדונאָוו אינ די אינטערעסנ פונ די גוטבאזיצער נאָכ מער פארשטארקט די לייבייגענע אָפּהענגיקייט פונ די פויערימ אונ כאָלאָפּעס.

פאר דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פונ דער רוסישער מעלוכע אונ פאר דער פארפעסטיקונג פונ איר פּאָליטישער לאגע איז נייטיק געווענ צו באזיצנ דאָס ברעגלאנד פונעמ באלטישנ יאמ. דאָס וואָלט געגעבנ די מעגלעכקייט איינצושטעלנ א מער באקוועמענ פארקער מיט די מערעוו-אייראָפּייִשע לענדער. נאָכ דער ליוואָנישער מילכאָמע, וואָס האָט זיכ געענדיקט פאר רוסלאנד ניט-געלונגענ, האָט שוועדנ

פארכאפט דעמ טייל פונעמ באלטישנ ברעגלאנד, וואָס ליגט נאָענט צו די מאָסקווער באזיצנ. שוועדנ האָט אָפגעשניטנ רוסלאנד פונ יאמ, פונ די עקאָנאָמישע אונ קולטורעלע פארבינדונגענ מיט מיירעוו-אייראָפע אונ האָט דערמיט געשאפנ א געפאר, אז די אָפגעשטאנענקייט פונ דער רוסישער מעלוכע זאָל בלייבנ אזוי אפ אייביק.

אינ 1590 י. איז אויסגעבראָכנ א מילכאָמע מיט שוועדנ פארנ ארויסגאנג צומ יאמ. לויטנ שאָלעמ-אָפמאכ, וואָס איז געשלאָסנ געוואָרנ אינ 1595 י., זיינענ די אלטע רוסישע געביטנ לענגויס דעמ ברעג פונעמ פינישנ איינגוס, צווישנ דעמ טייכ נאראָווא אונ דער שטאָט קארעלא (קעקסהאָלמ), ווידער אריבער צו דער רוסישער מעלוכע.

דער צאר באָריס גאָדונאָוו. דער צאר פיאָדאָר איוואנאָוויטש איז געשטאָרבנ אינ 1598 י. מיט זיינ טויט האָט זיכ איבערגעריסנ די דינאסטיע פונ די רוסישע צארנ, וואָס האָט געצויגנ איר יכעס פונ ריוריקנ.

דעמ צארס יינגערער ברודער — דער צארעוויטש דימיטרי, וואָס האָט געלעבט מיט דער מוטער אינ אוגליטש, איז אומגעקומענ דעמ 15 מיי 1591 י. אינ דעמ טאָג אינדערפרי האָט דער נייניעריקער דימיטרי זיכ געשפילט מיט זיינע כאוויירימ מיט א מעסערל אינ „טישקעס" אפנ פאלאצ-הויפ, אונטער דער אויפזיכט פונ דער אמ אונ פונ דער ניאניע. לויט ווי זיי האָבנ דערציילט, איז אפ דימיטרינ אָנגעקומענ די פאליקע, אונ ער איז מיטנ האלדז ארופגעפאלנ אפנ מעסער, וואָס ער האָט געהאלטנ אינ דער האנט. אפנ געשריי פונ די פרויענ איז ארויסגעלאָפנ דעמ צארעוויטשס מוטער מאריא נאגאיא. זי האָט גענומענ שרייענ, אז דימיטרינ האָבנ געקוילעט גאָדונאָווס אונטערגעשטעלטע מענטשנ. דער אוילעמ, וואָס איז זיכ צונויפגעלאָפנ, האָט דערהארגעט דעמ מאָסקווער דיאק ביטיאגאָווסקי אונ נאָכ עטלעכע מענטשנ. פונ מאָסקווע איז אראָפגעשיקט געוואָרנ אנ אויספאָרשונגס-קאָמיסיע מיטנ פירשט וואסילי איוואנאָוויטש שויסקי אינ דער שפיצ; אָט די קאָמיסיע האָט איינגעפונענ, אז דער צארעוויטש האָט זיכ אליינ אומגערנ פארשאפט א טויט-געפערלעכע וווּנד. די קייסעריניע מאריא נאגאיא האָט מענ פארשיקט אינ א מאָנאסטיר, אירע קרויווימ אונ א סאכ אוגליטשער איינוווינער זיינענ פארשיקט געוואָרנ פארנ זעלבסטגעריכט אונ פאר בונטעווענ זיכ. אינ פאָלק האָט זיכ פארשפרייט א קלאנג, אז דער צארעוויטש איז דערמאָרדעט געוואָרנ לויט דער פאָראָרדענונג פונ באָריס גאָדונאָוונ.

נאָכנ טויט פונעמ צאר פיאָדאָר האָט באָריס גאָדונאָוו, וואָס האָט זיכ געשטיצט אפנ אדל, מער קיינ געפערלעכע קאָנקורענטנ ניט געהאט. דעריבער, ווענ עס איז זיכ צונויפגעקומענ דער זעמסקי סאָבאָר, וואָס איז אינ דער איבערוועגנדיקער מערהייט באשטאנענ פונ אדל-לייט אונ סאָכרימ, האָט ער פארנ מאָסקווער צאר אויסגעוויילט באָריס גאָדונאָוונ.

געוואָרנ צאר, האָט באָריס גאָדונאָוו ווייטער געפירט די זעלבע פאָליטיק, וואָס איוואנ דער IV. ער האָט נאָכ שטארקער גענומענ פארפאָלגנ די פאמיליעס פונ אריסטאָקראטישער, פירשטלעכער אונ באָיארישער אָפשטאמונג. באזונדערס האָט ער מוירע געהאט פאר די זינ פונעמ פארשטאָרבענעמ באָיארינ ניקיטא ראָמאנאָוויטש זאכארינ, אָדער די ראָמאנאָווס, ווי מע האָט זיי אָנגעהויבנ רופנ. די ראָמאנאָווס

זײַנען געווען דעמ צאַר פּיאָדאָרס קרוּווימ, און דער עלטערער צווישנ זיי — פּיאָ=
דאָר ניקיטיטש האָט געהאַט אַ סאַכ אָנהענגער צווישנ די אַדל=לײַט און טײַלווײַז אויכ
צווישנ דער שטאָטישער באַפעלקערונג. באָריס גאָדונאָוו האָט זיכ אָנגעכאַפּט פאַר
די מעסירעס, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ אַפ די ראָמאַנאָווס, ער האָט זיי באַשולדיקט,
אַז זיי פאַרטראַכטנ עפּעס בייזס קעגנ דעמ צאַר, און האָט פאַרשיקט אַלע ברידער
אַפ צאָפנ. דער עלטסטער פונ זיי — פיאָדאָר ראָמאַנאָוו איז פאַרשיקט געוואָרנ
אינ אַ מאָנאַסטיר אַלס אַ מאָנאַכ אונטערנ נאָמענ „סטאַרעצ פילאַרעט“. באָריס גאָ=
דונאָוו האָט שוינ געקאָנט פײַערנ זײַנ ניצאָכנ איבער זײַנע קעגנער די באָיאַרנ.
דעמלט האָט זיכ אָבער אויפגעהויבנ אַ נײַע גרויזאַמע געפאַר, — די פּויערימ=באַ=
וועגונג.

אינ 1601 י. האָט זיכ אינ לאַנד אָנגעהויבנ אַ הונגער. די רעגנס און די פרײַע
האַרבסט=פרעסט האָבנ געפּאַטערט די גערעטעניש. דעמ אַנדערנ פרילינג איז דער
קאָרנ אַפ די ווינטער=פעלדער אײַנגאַנצנ ניט אויפגעגאַנגענ. די פּויערימ האָבנ אַפי=
לע ניט געהאַט קיינ זריע צו פאַרזייענ אַפסנײַ. די הונגערגדיקע באַפעלקערונג האָט
זיכ געשפּײַזט מיט גראָז און מיט בעריאָזע=קאָרע. עס האָבנ גענומענ אויסשטאַרבנ
גאַנצע דערפער. אַפילע אינ מאָסקווע האָבנ זיכ אינ די גאַסנ געוואַלגערט טויטע
קערפּערס. דער שרעקלעכער הונגער האָט געדויערט דרײַ יאָר (1601—1603). די
גוטבאַזיצער, די מאָנאַסטירנ און די סאָכרימ, וואָס האָבנ געהאַט גרויסע זאַפּאַסנ
טווּע, האָבנ אויסגענוצט די געהעכערטע פרײַזנ אַפ ברויט און האָבנ דערבײַ אָנ=
געלעבט גרויסע פאַרמעגנס. די באָיאַרנ און די אַדל=לײַט האָבנ ניט געוואָלט געבנ
קיינ עסנ זייערע הויפ=פּויערימ די כאָלאָפּעס און האָבנ זיי גענומענ אַרויסטרײַבנ
פונ די הויפנ. מוירע האָבנדיק פאַר הונגער=בונטנ, האָט באָריס גאָדונאָוו באַפוילנ,
מע זאָל טיילנ ברויט פונ די קאַזיאָנע שפּײַכלערס. דאָס ברויט פלעגט אָבער אָנקו=
מענ ניט די מענטשנ, וואָס האָבנ געהונגערט, נאָר די, וואָס זײַנענ געשטאַנענ באַ
דער שיסל. די קאַזיאָנע זאַפּאַסנ ברויט האָבנ ניט געקלעקט אַפ אָנקאָרמענענ אַלע
הונגעריקע, ביימ די ערדבאַזיצער, צווישנ זיי אויכ דער פּאַטריאַרכ, האָבנ געהאַט
פולע שפּײַכלערס מיט טווּע און האָבנ אַלצ געוואַרט, אַז דער פרײַז אַפ טווּע זאָל
שטײַגנ נאָכ העכער.

די הונגעריקע פּויערימ און כאָלאָפּעס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צונויפּנעמענ אינ
אָטריאַדנ און באַפאַלנ די גוטבאַזיצער און סאָכרימ. אַנדערע האָבנ זיכ אַוועקגע=
לאָזט אַפנ דאָנ אָדער אינ די שטעט באַ דער גרענעצ מיט אוקראַינע. אינ 1603 י.
איז אַ גרויסער אָטריאַד פּויערימ און כאָלאָפּעס אונטער דער פירערשאַפט פונ
כלאָפּקאָ קאָסאָלאַפּ דערגאַנגענ ביז צו דער אומגעגנט פונ דער הויפּטשטאָט. עס
איז פאָרגעקומענ אַ פאַרביטערטע שלאַכט, אינ וועלכער עס איז דערהאַרגעט געוואָרנ
דער צאַרישער וואָיעוואָדע איוואַנ באַסמאַנאָוו. מיט גרויס מי האָט זיכ דעמ צאַ=
רישנ מיליטער אײַנגעגעבנ אָפּצושלאָגנ פונ דער הויפּטשטאָט די אויפגעשטאַנענע
פּויערימ. דורכ און וווּנדנ, איז כלאָפּקאָ קאָסאָלאַפּ אַרײַנגעפאַלנ אינ גע=
פאַנגענשאַפט און איז אינגיכנ געשטאָרבנ. אַ סאַכ פּויערימ און כאָלאָפּעס, וואָס
זײַנענ גענומענ געוואָרנ אינ געפאַנגענשאַפט, האָבנ די צאַרישע וואָיעוואָדעס אויפ=
געהאַנגענ אַפ ביימער לענגאויס די וועגנ. זיי האָבנ געוואָלט מיט אַכזאָריעסדיקע
שטראָפ=מיטלענ אָנשרעקנ די פאָלקס=מאַסע.

§ 46. דער פּרווו פונ די פּוילישע פּאנעס צו פארשקלאפנ די רוסישע מעלוכע. דער 1־טער פאלשער דימיטרי.

דער 1־טער פאלשער דימיטרי — א קרעאטור פונ פּוילנ. פּוילנ איז ניט געווענ באפרידיקט מיטנ רעזולטאט פונ דער ליוואָנישער מילכאָמע. איבגיכנ נאָכנ שליסנ דעמ וואָפנשטילשטאנד מיט מאָסקווע האָט סטעפאנ באטאָרי פאנאנדערגעארבעט א נײַעמ פּלאנ ווי צו דעראָבערנ די רוסישע מעלוכע. נאָכ סטעפאנ באטאָרימ טויט (אינ 1586 י.) האָט די אינערלעכע לאגע פונ פּוילנ ניט דערלויבט איר אָנצוהייבנ אנ אָפּענע מילכאָמע. דעריבער האָט פּוילנ באמ נײַעמ קיניג סיגיזמונד דעמ III באשלאָסנ אויסצונוצנ די אָפּגעשוואכטקײַט פונ דער רוסישער מעלוכע אונ דעמ האס פונ די אונטערשטע שיכטנ פונ דער באפעלקערונג צו באָרים גאָדונאָווס רעגירונג. מיט דעמ דאָזיקנ צוועק האָט פּוילנ ארויסגערוקט א פאלשנ פּרינצ — דעמ 1־טנ פאלשנ דימיטרי.

באלד ווי באָרים איז ארופ אפנ טראָנ, האָט זיכ גענומענ פארשפּרייטנ א קלאנג, אז דער צארעוויטש דימיטרי איז ניט דערהארגעט געוואָרנ אינ אוגליטש, אז ער האָט זיכ גאָר געראטעוועט אונ לעבט אינ פּוילנ. אינ אוקראינע, אינעמ שלאָס פונעמ פאנ אדאמווישניעוועצקי, האָט זיכ דעמלט באוויזנ א מענטש, וואָס האָט זיכ ארויסגעגעבנ פאר איוואנ דעמ IV־טנס זונ — דימיטרי. ווענ די מאָסקווער רעגירונג האָט זיכ דערוווּסט וועגנ דעמ, אז אינ פּוילנ האָט זיכ באוויזנ א פאלשער צארעוויטש, האָט זי געלאָזט מעלדנ, אז דער פאלשער דימיטרי איז ניט עמעצ אנדערש, ווי דער געוועזענער מאָנאכ גריגאָרי אָטרעפּיעוו, וואָס האָט געשטאמט פונ קאָסטראָמער קליינע אדל־לײַט. אינ די יונגע יאָרנ האָט ער אומגעוואנדערט איבער מאָנאסטירנ, איז געווענ אינ מאָסקווע. דערנאָכ איז ער צוזאמענ מיט נאָכ דרײַ מאָנאכנ אנטלאָפנ קיינ פּוילנ. די פראגע וועגנ דער פּערזענלעכקײַט פונעמ פאלשנ דימיטרי איז ענדגילטיק נאָכ ניט געלייזט ביז הײַנטיקנ טאָג.

די פּוילישע פּאנעס האָבנ מיט גרויס הינפּײַלעס אויפגענומענ די ידיעה, אז עס האָט זיכ באוויזנ א פאלשער דימיטרי. דעמ פאלשנ דימיטרי האָט מענ אריבערגעפירט צו ווישניעוועצקים א קאָרעוו — צומ וואָיעוואָדע יורי מנישעק, וואָס האָט געוווינט אינ סאמבאָר. פרילינג 1604 י. האָט דעמ פאלשנ דימיטרי אויפגענומענ אינ קראָקע דער קיניג סיגיזמונד דער III. נאָכ די אונטערהאנדלונגענ מיט די פּאנעס אונ מיט דער שליאכטע איז באשלאָסנ געוואָרנ קיינ אָפענע מילכאָמע קעגנ דער רוסישער מעלוכע ניט אָנצוהייבנ, נאָר דערלויבנ אלע שליאכטיטשעס לויט זייער ווילנ צו פארשרײַבנ זיכ אינ דעמ פאלשנ דימיטרים ארמיי. די גאנצע צוגרייטונג צומ מארש איז געפירט געוואָרנ אינ סאמבאָר. אָרגאניזירט האָבנ אימ די גרויסע פּוילישע מאגנאטנ, וואָס האָבנ געשטרעבט צו פארכאפּנ נײַע ערד. צו זיי האָבנ זיכ געהערנ אָנגעשלאָסנ די קליינע שליאכטיטשעס, וואָס האָבנ געטרוימט צו קריגנ א רײַכנ רויב אינ רוסלאנד.

דער פאלשער דימיטרי האָט געגעבנ דעמ קיניג אונ די פּאנעס אָנ א שיר צוזאָגנ. ער האָט אָנגענומענ דעמ קאטוילישנ גלויבנ אונ האָט זיכ פארפליכטעט אונטערצוווארפנ די רוסישע באפעלקערונג דער רוימישער קירכ. דעמ קיניג האָט ער צוגעזאָגט אָפּצוגעבנ סמאָלענסק אונ דעמ סעווערסקער (טשערניגאָווער) געביט. דער פאמיליע מנישעק האָט דער פאלשער דימיטרי געוואָלט אָפּגעבנ צומ רעגירנ נאָוו־

גאָראָדער און פּסקאָווער געגנטן, ווי אויך געבן געלט און טײַערע כּפּייצים פונ דער צארישער קאזנא. אפ דעם דאָזיקן טנײַ האָט יורי מנישעק מאכקימ געווען אפן שידעך צווישן זײַן טאָכטער מארינע מיטן פאלשן דימיטרי. מארינע האָט געזאָלט ווערן רוסישע קייסערינע.

שפּעט אין הארבסט פונ 1604 י. איז דער פאלשער דימיטרי מיט א פּוילישן אָטריאד פונ 4000 מאן און מיט עטלעכע הונדערט רוסישע קאזאקן אריבער דעם דניעפּער ארום קיעוו. די ערשטע שטעט האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם פאלשן דימיטרי קימאט אָן ווידערשטאנד. צו אים זײַנען געגאנגען קאזאקן, אנטלאָפענע פּויערים, כאָלאָפּעס, קליינע דינסטלײַט, — אלע, וואָס זײַנען געווען ניט צופרידן מיט באָריס גאָדונאָוון. די אָפּגענארטע פּויערים האָבן די ערשטע צײַט געגלייבט, אז דער פאלשער דימיטרי איז ווירקלעך איוואנ דעם גרויזאמענס א זון, און זיי האָבן געהאָפט, אז ער וועט זיי באפרײַען פונ דער לײַבייגנטימערישער קנעכטשאפט. סאָפ 1604 י. איז די צארישע ארמיי צוגעקומען ארויסצוהעלפן די שטאָט נאָווגאָראָד-סעווערסקי, וואָס די פּאָליאקן און דער פאלשער דימיטרי האָבן באלאגערט. לעבן דער דאָזיקער שטאָט איז פאָרגעקומען א גרויסע שלאכט. זי האָט אָבער ניט געגעבן קיין אנטשיידענעם רעזולטאט. דער פאלשער דימיטרי האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין סעווסק, סטארענדיק זיך אויסצומײַדן א באגעגעניש מיטן צארישן מיליטער אין יאנוואר 1605 י. איז דער פאלשער דימיטרי לעבן דאָרף דאָבריניטשי, ארום סעווסק, צעקלאפּט געוואָרן און איז מיט די רעשטלעך פונ זײַן מיליטער אנטלאָפן קיין פּוטיוול.



דעם 1-טנ פאלשנ דימיטריס א קוויטונג, אז ער האָט באקומען באמ סאנדאָמירער וואָיעוואָדע יו. מנישעק 4000 זלאָטעס. היסטאָרישער מ.ו.ז.יי.

ניט געקוקט אפן זיג, איז באָריס גאָדונאָווס לאגע וואָס ווײַטער געוואָרן אלץ ערגער, ווײַל אין א סאך ערטער האָבן זיך באוויזן נײַע אָטריאדן אופשטענדלער. די הויפּט-קרעפטן פונ דער צארישער ארמיי זײַנען געווען פארנומען מיטן באלאגערן די קליינע פעסטונג קראָמי, ווו עס איז געזעסן אן אָטריאד דאָנער קאזאקן, וואָס איז אריבער אפ דער זײַט פונעם פאלשן דימיטרי. דאָס צארישע מיליטער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו שלאָגן זיך, און א סאך קריגס-לײַט האָבן אינגאנצן אוועקגעוואָרפן די ארמיי און זײַנען אוועק אהיים.

אין אפּרעל 1605 י. איז באָריס גאָדונאָוו פּלוצלינג געשטאָרבן. אלס צאר איז דערקלערט געוואָרן זײַן זון פיאָדאָר, נאָך גאָר א יונגער. באָריס גאָדונאָווס טויט האָט פארגיכערט דעם זיג פונעם פאלשן דימיטרי. די רעשטלעך פונעם צארישן מיליטער אין דער שפּיץ מיט פּיאָטר באסמאנאָוון זײַנען אונטער קראָמי אריבער אפ דער זײַט פונעם פאלשן דימיטרי.

די באָיארן האָבן פארויסגעזען, אז דער אומקום פונ די גאָדונאָווס, וועמען זיי האָבן פארהאסט, איז שוין נאָענט. האָבן זיי זיך געײַלט וואָס גיכער צו מאכן אן

איבערקערעניש לעטוויוועס דעמ קלוימערשט געראַטעוועטנ צאַרעוויטש דימיטרי, קעדיי דערנאָכ אַלייִנ פאַרכאַפּנ די מאַכט צו זיכ אינ די הענט. דער פירשט וואַסילי איוואַנאָוויטש שויסקי האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ זײַנ פריִערדיקנ אייִדעס-זאָגנ וועגנ דעמ, אַז דער צאַרעוויטש דימיטרי איז געשטאָרבנ אינ אוגליטש, אונ האָט גענומענ טײַנענ, אַז דער צאַרעוויטש לעבט אונ גייט צו דער הויפּטשטאָט. ווענ קײנ מאָסקווע זײַנענ געקומענ דעמ פאַלשנ דימיטריס שליכימ מיט זײַנער אַ ווענדונג צומ פאָלק, איז אינ שטאָט אויסגעבראָכנ אַנ אופשטאַנד. דעמ צאַר פיאָדאָר באָריסאָוויטש אונ זײַנ מוטער האָט מענ דערהאַרגעט. ניט באַגעגנענדיק מער קײנ ווידערשטאַנד, איז דער פאַלשער דימיטרי צוגעקומענ צו מאָסקווע אונ איז אינ יונ 1605 י. אַרײַנגעטראָטנ אינ דער רוסישער הויפּטשטאָט. פאָרויס האָבנ ווי זיגער מאַרשירט אָטריאַדנ פויליש מיליטער.

דער פאַלשער דימיטרי אינ מאָסקווע. נאָכ דעמ, ווי דער פאַלשער דימיטרי האָט מיט דער הילפ פונ די פּאָליאַקנ פאַרכאַפּט דעמ צאַרישנ טראָנ, האָט ער גאַנצ גיכ אַנטפּלעקט זײַנע עמעסע צילנ. די לאַגע פונ די פּויערימ איז לאַכלוטנ ניט גרינגער געוואָרנ. די אַנטלאָפענע פּויערימ, אַכוצ די, וואָס זײַנענ אַוועק אינ די הונגער-יאָרנ, ווײַל זיי האָבנ ניט געהאַט קײנ מעגלעכקײט זיכ צו שפּײַזנ, האָט מענ אָנגעהויבנ צוריק אומקערנ צו די אַלטע גוטבאַזיצער. די שליאַכטיטשעס, וואָס זײַנענ אָנגעפאָרנ צוזאַמענ מיטנ פאַלשנ דימיטרי, האָבנ קעגנ זיכ דערוועקט דעמ אַלגעמײנעמ צאָרנ פונ דער רוסישער באַפעלקערונג. זיי האָבנ זיכ אויפגעפירט פרעכ אונ גראָב. דער פאַלשער דימיטרי האָט זיכ אַרומגערינגלט מיט אַ געדונגענער וואַכ פונ אויסלענדער. ער האָט אַריבערגעשיקט אַ סאַכ געלט קײנ פּוילנ. אינ מאָסקווע האָט מענ אָפנ גערעדט קעגנ דעמ צאַר.

אינ פרילינג 1606 י. איז קײנ מאָסקווע געקומענ צו פאָרנ מאַרינע אינ דער באַגלייטונג פונ אַ ריזיקער סוויטע אונ פונ נײַע אָטריאַדנ פויליש שליאַכטיטשעס. נאָכ דעמ פאַלשנ דימיטריס כאַסענע מיט מאַרינענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רוישיקע פײַערונגענ, וואָס האָבנ געדויערט עטלעכע טעג. די שיקערע שליאַכטיטשעס האָבנ זיכ דערלויבט נײַע עקסצעסנ. דער האַס צו די פּאָליאַקנ, וואָס האָבנ פרעכ געבאַלעבאַטעוועט אינ דער רוסישער הויפּטשטאָט, האָט דערגרייכט אַזוי ווײַט, אַז מע האָט יעדנ טאָג זיכ געקאָנט ריכטנ אַפ אַ פאָלקס-אופשטאַנד.

מיט דער אומצופרידנקײט פונ דער באַפעלקערונג האָבנ זיכ באַנוצט די באָיאַרנ. זיי האָבנ אָרגאַניזירט אַ פאַרשווערונג מיטנ פירשט וו. אי. שויסקי בעראָש.

דעמ 17 מײַ 1606 י. באַגינענ האָט זיכ דערהערט דער אָפּגערעדטער סיגנאַל—אַ גלאָקנ-קלינגערײַ, אונ אינ אַ ווײַלע אַרומ האָבנ שוינ געקלונגענ אונ אַליאַרמירט די גלעקער איבער דער גאַנצער הויפּטשטאָט. די מאָסקווער אײַנוווינער האָבנ געשריִענ איינער צומ אַנדערנ: „גייט אַפ דער ליטווע, שלאָגט די ליטווע“ („ליטווע“ — ליטווינער האָבנ באַ די רוסנ געהייסנ די פּאָליאַקנ). דער פאַלשער דימיטרי האָט זיכ דערוווּסט וועגנ דער געפאַר ערשט דאַנ, ווענ דער האַמויִנ האָט פאַרפלייצט דעמ פלאַצ אַרומ פּאַלאַצ. ער האָט זיכ געפּרוווט אַנטלויפנ, איז אַרויסגעשפּרונגענ פונ פענצטער, נאָר פאַלנדיק, האָט ער זיכ שטאַרק צעקלאַפּט. מע האָט אימ געפונענ אונ דערהאַרגעט. אינ עטלעכע טעג אַרומ האָט מענ דעמ פאַלשנ דימיטריס קערפּער פאַרברענט; דאָס אַש האָט מענ אַרײַנגעלייגט אינ אַ האַרמאַט אונ אויסגעשאָסנ דערמיט אינ יענער ריכטונג, פונוואַנענ דער פאַלשער דימיטרי איז געקומענ. אינ

דער 1-טער פאלשער דימיטרי אינ פּוילישער קליידונג. א פּאָרטרעט פונ יענער צײַט. היסטאָרישער מוזיי.

פארשיידענע עקנ מאָסקווע האָבנ גאנצע האמוינים בייסמײַסטע גראָמירט די פּוילישע פּאנעס אונ שליאכטיטשעס, וואָס האָבנ זיכ פארשפּארט בא זיכ אינ די הויפנ. באוואָפנט מיט מעסערס אונ שטיינער, זײַנענ די מאָסקווער אײַנוווינער געגאנגענ שטורעמענ די הײַזער, וואָס די גוט באוואָפנטע פּאָליאקנ האָבנ פארוואנדלט אינ קליינע פעסטונגענ. בא 2000 פּוילישע שליאכטיטשעס אונ סאָלדאטנ זײַנענ אויסגעהארגעט געוואָרנ, די איבעריקע האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ.

די באָיארנ האָבנ מוירע געהאט פארנ פאָלקס-אופשטאנד אונ האָבנ זיכ געײַלט וואָס גיכער אָפּצושטעלנ אים. פריִער פאר אלצ האָבנ זיי געדארפט, מע זאָל אופשטעלנ די צארישע מאכט. צוליב דעמ האָבנ זיי ארויסגערוקט פאר א צאר דעמ באָיארינ וו. אי. שויסקי, וואָס האָט געשטאמט פונ אנ אלטער פירשטלעכער פאמיליע. די באָיארנ האָבנ ניט געוואָלט צונויפרופנ קיינ זעמסקי סאָבאָר אפ אויסצוּוויילנ א צאר, ווײַל זיי האָבנ מוירע געהאט, אז דער סאָבאָר, וואָס באשטייט פונ א מערהײַט אדל-לײַט אונ מענטשנ פונ די פּאָסאדנ, וועט זײַנ קעגנ די באָיארנ. דעריבער איז וואסילי שויסקי פּראָקלאמירט געוואָרנ פאר א צאר אָנ שומ וואלנ. מע האָט זײַנ נאָמענ פּאָשעט אויסגעשריִענ דעמ 19 מײַ ארומ קרעמל פארנ האמוינ, וואָס האָט זיכ דאָ פארזאמלט אונ וואָס צווישנ אימ זײַנענ געווענ וואסילי שויסקיס א סאכ אָנהענגער.

אזוי-ארומ איז דער פּרווו פונ די פּאָליאקנ ארופצוזעצנ אפנ מאָסקווער טראָנ

זייערע א קרעאטור פולשטענדיק דורכגעפאלן: דאָס רוסישע פאָלק האָט עס ניט דערלאָזט.

דער צאַר וואסילי שויסקי (1606—1610). ביים וואסילי שויסקי איז געוואָרן צאַר, האָט ער געגעבן א צוזאָג, אז ער וועט רעגירן מיטן לאנד אין הסכּם מיט די באָיארן. עס איז צוזויפגעשטעלט געוואָרן א שוואַכע פּאַרן צאַר, לויט וועלכער ער האָט ניט געהאט קיין רעכט ניט פאַרורטיילן עמעצן צו טויט־שטראָף און אויך ניט אָפּנעמען אָן דער הסכּמה פון דער באָיארן־דומע דאָס פאַרמעגן בא די קרויווים פון פאַרורטיילטע. איבער די שטעט האָט מען צעשיקט גראַמאָטעס, ווו שויסקי האָט אויפגעוויזן זיינע רעכט אפן צארישן טראָן. די רייכע באָיארן האָבן זיך געיילט וואָס גיכער צו פאַרכאַפּן די בעסטע און די פעטסטע פאָסטנס.

וואסילי שויסקיס ארופטרעטן אפן טראָן האָט ארויסגערופן א נייעם אויסברוך פון אומצופרידנקייט אין לאנד. די אדל־לייט זיינען געווען ניט צופרידן דערמיט, וואָס די מאכט האָבן פארכאַפּט די באָיארן. אין מאָסקווע גופא זיינען פאָרגעקומען אומרוען צווישן דער אָרעמער באפעלקערונג פון די פּאָסאדן. די באָיארן האָבן מוזן געהאט, אז אין דער הויפּטשטאָט זאָל ניט אויסברעכן קיין אופשטאנד, האָבן זיי אפגיך צוגעגרייט דעם קרעמל צו באשיצונג, אויסגעשטעלט אף די קרעמל־ווענט האַרמאטן און צענומען דעם שטענדיקן בריק, וואָס איז געווען איבערגעוואָרפן איבערן גראָבן בא די טויערן פון דער פעסטונג.

§ 47. דער פּויערים־אופשטאנד אונטער דער פירערשאפט פון באָלאָטניקאָוון.

די באָלאָטניקאָוו־באוועגונג. בייסן קיניגן פון וואסילי שויסקי האָט זיך אפן גאנצן שטעטל פון דער רוסישער מעלוכע צעשפּילט א פּויערים־מילכאָמע. זי האָט זיך אָנגעהויבן אין הארבסט 1606 י. אין די דאָרעם־מיירעוודיקע שטעט, ווו עס האָט זיך צונויפגעקליבן א סאך אנטלאָפענע פּויערים און כאָלאָפּעס. צו זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן קאזאקן און קליינע דינסט־לייט. צו מיזרעכ־צו פון דער ניזער־שטראָמונג פון אָקא איז צוזאמען מיט דער רוסישער באפעלקערונג אופגעשטאנען אויך די מאָרדווא. אין דאָרעם איז אויסגעבראָכן אן אופשטאנד אין אסטראכאן. צו צאָפן־מיירעוו־צו פון מאָסקווע האָט זיך די באוועגונג פארשפּרייט אין טווערער, פּסקאָווער און נאָווגאָראָדער געביטן. אזוי איז אין פארלויף פון א קורצער צייט א באדייטנדיקער טייל פון דער מעלוכע ארומגעכאפּט געוואָרן דורך א ברייטער כוואַליע פאָלקס־אופשטאנדן.

די אויסגעבראָכענע באוועגונג האָט געטראָגן דעם כאראקטער פון צעשפּליטערטע, אָרטיקע ארויסטרעטונגען. ביים אין אייך ראיאָן האָט דער אופשטאנד געהאלטן ערשט באם אָנהייבן זיך, האָט אין א צווייטן שוין געהאלטן באם סאָף. דעריבער זיינען די אופשטענדלער זעלטן־ווען געווען אימשטאנד צו העלפן איינע די אנדערע. שטארקער פון אלע אנדערע איז געווען די באוועגונג פון די פּויערים, כאָלאָפּעס און קאזאקן אונטער דער פירערשאפט פון איוואן באָלאָטניקאָוו.

אין דער יוגנט איז באָלאָטניקאָוו געווען א באָיארישער כאָלאָפּ. ער איז אנטלאָפן צו די קאזאקן אפן דאָן, ארײנגעפאלן איז ער אָבער אין געפאנגענשאפט צו

די טאָטערנ, וועלכע האָבנ אימ פאַרקויפט צו די טערקנ. א געוויסע צײַט האָט באַלאָטניקאָוו געאַרבעט אַלס א רודערער אפ א גאַלערע, ווו מע האָט אימ, ווי אַלע איבעריקע קנעכט, צוגעשמידט מיט קייטנ צו דער באַנק אונ „אופגעמונטערט“ מיט א בײַטש. באַלאָטניקאָוונ האָט זיכ אָבער אײַנגעגעבנ צו באַפרײַענ זיכ פונ דער טערקישער געפענקעניש. ער איז איבערגעווענ נאָכדעמ אינ פאַרשיידענע אייראָפּײַשע לענדער אונ האָט זיכ סאָפקאָלסאָפ דערקליבנ צו דער רוסישער גרענעצ. אינ יענעמ מאָמענט גראָד האָבנ זיכ אינ די דאָרעמ-מערעוודיקע גרענעצ-ראַיאָנענ אָנגעהויבנ אופשטאַנדנ קעגנ שויסקינ. באַלאָטניקאָוו האָט זיכ געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ די אופגעשטאַנענע. לויט ווי עס דערציילנ מענטשנ פונ יענער צײַט, איז באַלאָטניקאָוו געווענ א הויכוווקסיקער, האָט פאַרמאָגט א גרויסע פיזישע קראַפט אונ האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט שרעקלאָזיקײַט אונ געוואַגטקײַט. די אויסלענדער האָבנ גערופנ באַלאָטניקאָוונ געוואַגטער אונ דערפאַרענער גיבער. אינ די שלאַכטנ מיטנ צאַרישנ מיליטער האָט ער אַרויסגעוויזנ גוטע קריגס-פייִקײַטנ.

אומעטומ, ווו עס פלעגנ זיכ באַווײַזנ באַלאָטניקאָווס אָטריאַדנ, פלעגנ די פויערימ אופשטײַנ קעגנ די גוטבאַזיצער אונ זיכ אָנשליסנ צו די אופשטענדלער. באַלאָטניקאָווס אַרמיי האָט זיכ פונ פוטיוול שנעל גענומענ דערנעענטערנ צו מאָסקווע, גייענדיק דורכ קראָמי, סערפוכאָוו אונ קאָלאָמנע אונ צעקלאַפנדיק אפנ וועג די צאַרישע אָטריאַדנ. אינ יעלעצ האָבנ די אופשטענדלער געפונענ גרויסע לאַגערנ מיט געווער, וועלכע עס האָט געהאַט פאַרגרייט דער 1-טער פאַלשער דימיטרי. אפנ וועג קיינ מאָסקווע האָבנ זיכ צו באַלאָטניקאָוונ אָנגעשלאָסנ די טולער אדל-לײַט, געפירט פונ איסטאָמאַ פאַשקאָוו. די טולער אדל-לײַט זײַנענ געווענ ניט צופרידנ מיט דער באָיאַרישער רעגירונג. די ברידער פראָקאָפּי אונ זאַכאַר ליאַפונאָוו האָבנ געבראַכט צו באַלאָטניקאָוונ די ריאַזאַנער גוטבאַזיצער. נאָכנ אײַנשליסנ די אָטריאַדנ אדל-לײַט איז באַלאָטניקאָווס אַרמיי געוואָרנ גרעסער אינ צאָל, אָבער ווייניקער מאָנאָליט.

אינמיטנ אָקטיאַבער 1606 י. איז באַלאָטניקאָוו צוגעקומענ צו מאָסקווע. די הויפּטשטאָט איז געווענ גוט באַשיצט דורכ דרײַ רייענ געמויערטע ווענט. שטורעמענ זי איז באַלאָטניקאָוו ניט געווענ אימשטאַנד; האָט זיכ אָנגעהויבנ א באַלאַגערונג. באַלאָטניקאָוו האָט געשריבנ אונ פאַרשפּרייט צווישנ דער באַפעלקערונג אופרופנ, וואָס האָבנ דעמלט געהייסנ „רייצ“-בריוו. אינ אָט די בריוו האָט ער גערופנ די פויערימ אונ כאָלאָפּעס אויסצוראָטנ די באָיאַרנ מיט די גוטבאַזיצער אונ האָט צוגעזאָגט די פויערימ אָפּצוגעבנ זיי די ערד, וואָס די פעאָדאַלנ האָבנ פאַרכאַפּט. די אדל-לײַט, וואָס זײַנענ געווענ אינ באַלאָטניקאָווס אַרמיי, האָבנ פאַרשטאַנענ, אַז די פויערימ, דה. זייערע קלאַסנ-סאָנימ זײַנענ פאַר זיי מער געפערלעכ, ווי די באָיאַרישע רעגירונג. זײַנענ דעריבער די ריאַזאַנער אדל-לײַט מיט די ברידער ליאַפונאָווס אַריבער צו שויסקינ.

אָנהייב דעקאַבער האָט דאָס צאַרישע מיליטער, פאַרשטאַרקט מיט א גרויסער צאָל פרישע קרעפטנ, אַטאַקירט באַלאָטניקאָווס לאַגער אַרומ דעמ דאָרפ קאָלאָמענסקאָיע אונטער מאָסקווע. אינ סאַמע ברענ פונ שלאַכט זײַנענ די טולער אדל-לײַט, וואָס האָבנ אָפּערירט אונטער דער קאָמאַנדע פונ איסטאָמאַ פאַשקאָוו, אויכ אַריבער אפ שויסקיס זײַט אונ האָבנ מיט זייער פאַראַט פאַרלײַכטערט דעמ ניצחונ פונעמ צאַרישנ מיליטער. באַלאָטניקאָוו איז מיט די רעשטלעכ פונ זײַנ אַרמיי אָפּ-

געטראָטנ אפ דאָרעמ און האָט זיך באַפעסטיקט אין קאַלוגע. סטאַרענדיק זיך צוציִענ אפ זײַנ זײַט די אדל־לײַט, האָט דער צאַר וואַסילי שויסקי פאַרגרעסערט דעמ טערמינ, בײַ וועלכנ עס ווערט דערלויבט אופצוזוכנ די אנטלאָפענע פויערימ און קינדער, ביז 15 יאָר. פרילינג 1607 י. איז א גרויסע אַרמיי צאַריש מיליטער צוגעטראָטנ צו באַלאַגערנ קאַלוגע. נאָר צו הילפ באָלאָטניקאָוונ האָבנ געהאַלטנ אין אײנ אָנקומענ פרישע אָטריאַדנ אופשטענדלער. שויסקיס מיליטער האָט געכאַפּט א מאַפּאָלע און האָט איבערגעריסנ די באַלאַגערונג. נאָכ דעמ איז באָלאָטניקאָוו אַריבער קײנ טולע, וווּ ער האָט זיך פאַרײניקט מיט פרישע אָטריאַדנ קאָזאַקנ. צווישנ זײ האָט זיך געפונענ א נײַער פאַלשער טראָנ־פּרעטענדענט, וואָס האָט זיך אַרויסגעגעבנ אַלס דעמ צאַר פיאָדאָר איוואַנאָוויטשס זונ — פּיאָטר. אינדערעמעסנ האָט דער צאַר פיאָדאָר איוואַנאָוויטש קײנ זונ ניט געהאַט.

דעמ זעלבנ יאָר, זומער, האָט שויסקי צונויפגעקליבנ א נײַע גרויסע אַרמיי.

פיר כאָדאָשימ האָט זיך באָלאָטניקאָוו באַשיצט אין טולע קעגנ דעמ סוינע, וועמענס מיליטער עס איז געווענ אין עטלעכע מאָל גרעסער פונ באָלאָטניקאָווס. ניט געקוקט אפנ הונגער און אפנ מאַנגל אין קריגס־מאַטעריאַלנ, האָבנ די באַלאַגערטע יעדנ טאָג פאַרגענומענ דרײַסטע אַטאַקעס און האָבנ פאַרשאַפט דער צאַרישער אַרמיי גרויסע פאַרלוסטנ. די צאַרישע וואָיעוואָדעס האָבנ מוירע געהאַט, אַז זײער מיליטער וועט ניט אויסהאַלטנ קײנ ווינטער־באַלאַגערונג. דאַנ איז לעבנ טולע אויסגעבויט געוואָרנ א דאַמבע, וואָס האָט אָפגעשטעלט די שטראָמונג פונעמ טײַכ אופּא. דאָס וואַסער האָט א פלײצ געטאָנ אין שטאָט אַרײַנ און פאַרטרונקענ די לעצטע זאַפּאַסנ שפּײַז און פּולווער. ערשט נאָכ דעמ האָבנ די באַלאַגערטע גענומענ פירנ אונטערהאַנדלונגענ וועגנ אונטערגעבנ זיך. דער צאַר וואַסילי שויסקי האָט צוגעזאָגט פרײַ לאָזנ אַלע אופשטענדלער. ער האָט אָבער דעמ דאָזיקנ צוזאָג ניט אויסגעפילט. איוואַנ באָלאָטניקאָוונ האָט מענ אָוועקגעשיקט אפ צאָפנ, קײנ קאַרגאָפּאָל, און דאָרטנ האָט מענ אימ דערטרונקענ. א סאַכ אָנטײלנעמער פונעמ אופשטאַנד האָט מענ פאַנאַנדערגעטײלט צווישנ די אדל־לײַט, אַלס כאָלאָפּעס און לײַבאײגענע פויערימ.

דער באָלאָטניקאָוו־אופשטאַנד, פונקט ווי אַלע אַנדערע פויערימ־אופשטאַנדנ אין דער עפּאָכע פונ פעאָדאַליזמ, האָט זיך געענדיקט מיט א מאַפּאָלע פונ די אופשטענדלער. די פויערימ־אופשטאַנדנ פונ יענער צײַט האָבנ געטראָגנ א סטיכישנ כאַראַקטער. די פויערימ און די כאָלאָפּעס זײַנענ געווענ שלעכט באַוואָפנט, זײַנענ ניט געווענ מיליטעריש געשולט און האָבנ ניט געקאָנט אויסהאַלטנ קײנ דויערנדיקנ קאַמפ מיטנ בעסער אָרגאַניזירטנ און באַוואָפנטנ צאַרישנ מיליטער. די פויערימ האָבנ געפילט דעמ אומרעכט און די לאַסט פונ דער פעאָדאַלער מאַכט, נאָר זײ האָבנ ניט געוווּסט, מיט וואָס זי צו פאַרבײַטנ. דעריבער האָבנ זײ געגלײבט, אַז א „גוטער" צאַר קאָנ פאַרבעסערנ די לאַגע פונעמ פאָלק.

באָלאָטניקאָוו איז אומגעקומענ. זײַנע אָטריאַדנ זײַנענ צעקלאַפּט געוואָרנ, נאָר דער אופשטאַנד קעגנ שויסקינ האָט געדויערט ווײַטער. נאָכ אין דער צײַט, ווענ באָלאָטניקאָוו איז געשטאַנענ אונטער מאָסקווע, זײַנענ אפ דער וואָלגע אופגעשטאַנענ די פעלקער מאָרדווע און מאַרי (טשערעמיסנ), וואָס זײַנענ געווענ פאַרשקלאַפּט דורכנ צאַריזמ. זײ האָבנ זיך פאַרײניקט מיט די רוסישע פויערימ און כאָלאָפּעס

און האָבן באַלאַגערט ניזשני-נאָווגאָראָד. ווען דאָס צאַרישע מיליטער האָט פאַרנ-דיקט מיט באָלאָטניקאָווען, האָט עס אָפּגעוואָרפן די אופשטענדלער פון דער שטאָט. אָבער אין הארבסט 1608 י. איז דער גאנצער מיטל-וואָלגער געביט שוין ווידער געווען ארומגעכאפט מיט אן אופשטאנד.

§ 48. דער אָנגריף פון פוילן און שוועדן אף דער רוסישער מעלוכע.

א נייע פוילישע קרעאטור — דער 2-טער פאלשער דימיטרי. דער דורכ-פאַל מיטן 1-טן פאלשן דימיטרי האָט ניט אָפּגעשטעלט די פארכאפונגס-אקציעס פון פוילן. שוין אין דעם טאָג, ווען דער 1-טער פאלשער דימיטרי איז דערהאר-געט געוואָרן, האָבן די פּאַליאקן פארשפרייט איבער מאָסקווע א קלאנג, אז אָנ-שטאָט אים האָט מען דערהארגעט קלוימערשט אן אנדער מענטש. די ערשטע צייט האָבן אָבער די פּאַליאקן ניט געקאָנט שיקן אין דער רוסישער מעלוכע קיין פריש מיליטער, ווייל אין פוילן גופא איז א טייל פון דער שליאכטע גראָד אופגעשטאנען קעגן דעם קיניג, זייענדיק אומצופרידן מיטן קיניגס פרוּוון צו באגרענעצן די רעכט פון די שליאכטיטשעס. אין 1607 י. האָט דאָס קיניגלעכע מיליטער צעקלאפט די אופגעשטאנענע שליאכטע. דאָס האָט געגעבן סיגיזמונד דעם III-טן די מעגלעכקייט צו פארנעמען זיך ווידער מיט די רוסישע איניאָנים. אין הארבסט 1607 י. האָט זיך אף דער מאָסקווער גרענעץ באוויזן א נייע פוילישע קרעאטור, וואָס האָט זיך ווי-דער ארויסגעגעבן פארן צארעוויטש דימיטרי איוואנאָוויטש, — א 2-טער פאלשער דימיטרי. ווער ער איז געווען אינדערעמעסן, האָט קיינער ניט געוווּסט. די פּאַליאקן האָבן צוגעשיקט דעם נייעם פאלשן דימיטרי גרויסע מיליטער-קרעפטן, וואָס זיי-נען צונויפגעזאמלט געוואָרן מיט דער דערלויבעניש פונעם קיניג. צווישן זיי זיינען געווען אויך רעגולערע פוילישע מיליטער-טיילן. דעם ליטווישן קאנצלערס א קאָרעוו, יאן סאפיעהא, האָט ארויסגעשטעלט אן אָטריאד פון קאָרעוו 7½ טויזנט מאן פוס-גייער און רייטער. דער העטמאן ראָזשינסקי איז געקומען מיט אן אָטריאד פון 4 טויזנט קריגער. צו דעם 2-טן פאלשן דימיטרי זיינען אויך געקומען אָטריאדן דאָ-נער און זאפּאָראָזשיער קאזאקן.

אין פרילינג 1608 י., אין א צוויי-טאָגיקער שלאכט אונטער באָלכאָוו, איז דעם צארס מיליטער צעקלאפט געוואָרן. דעם 2-טן פאלשן דימיטרים הויפט-קרעפטן האָבן דורך קאלוגע און מאָזשייסק זיך געלאָזט גיין אף מאָסקווע. זיי האָבן געמאכט א פרוּוו צו פארכאפן מאָסקווע, מע האָט זיי אָבער אָפּגעשלייַדערט. דאן האָבן די פּאַליאקן ניט ווייט פון דער הויפטשטאָט, אפן הויכן ברעג פונעם טייך מאָסקווע ארום דעם דאָרף טושינאָ, אויסגעבויט א באפעסטיקטן לאגער. לויטן נאָמען פון אָט דעם טושינער לאגער האָט מען דעם 2-טן פאלשן דימיטרי גענומען רופן דער „טושינער צאר“ אָדער דער „טושינער אויסוואָרף“ („טושינסקי וואָר“. — „וואָר“ האָט אין דער מאָסקווער רוס געהייסן ביכלאל א פארברעכער)

אין טושינאָ איז דעם 2-טן פאלשן דימיטרים ארמיי, וואָס איז באשטאנען דע-ריקער פון פוילישע און קאזאקישע אָטריאדן, געבראכט געוואָרן אין אָרדענונג. מיט די קאזאקן האָט גענומען קאָמאנדעווען איוואן זארוצקי, לויט דער אָפּשטאמונג א

שליאכטיטש, אונ די אָנפירונג מיט די קריגס-אקציעס, ווי אויכ די אַלגעמיינע אָנפירונג, האָבנ די פּאָליאקנ איבערגעלאָזט בא זיכ אינ די הענט.

די לאגע פונ מאָסקווע איז געוואָרנ זייער א שווערע. אינ שטאָט האָט זיכ אָנגעהויבנ א הונגער. די אומצופרידנקײַט מיטנ צאר איז קעסיידער געשטיגנ. פּאָרויסזעענדיק, אז וואסילי שויסקי וועט אינגיכנ אראָפּ פונ דער ארענע, האָבנ אפילע א סאכ באָיארנ אונ אדל-לײַט זיכ אוועקגעלאָזט אינ טושינער לאגער. דאָרט האָבנ זיי פּינ דעמ 2-טנ פאלשנ דימיטרי געקראָגנ גראמאָטעס אפ גיטער אונ אנדערע באַלוינונגענ. אייניקע אדל-לײַט זײַנענ צו עטלעכע מאָל אריבערגעלאָפנ פונ מאָסקווע קיינ טושינאָ אונ צוריק. אזוינע מענטשנ האָט מענ גערופנ „פּערעליאָטנ" (איבערפליִער).

באלאגערט מאָסקווע, האָבנ זיכ די טושינער אָטריאדנ גענומענ פארשפּרייטנ אינ פארשיידענע ריכטונגענ, וואָס פירנ פונ דער הויפּטשטאָט. אפ א הערא!שנ ווידערשטאנד האָבנ זיכ די פּוילישע פארכאפּער אָנגעשטויסנ אינעמ טראָ!צע-סערגיִעווער מאָנאסטיר (70 קמ. פונ מאָסקווע, איצט — די שטאָט זאגאָרסק), ווו עס האָט הינטער די הויכע פעסטונגס-ווענט געפונענ א באהעלטעניש די ארומיקע פּויערשע באַפעלקערונג. ניט געקוקט אפ דער גרויזאמער באָמבארדירונג מיט הארמאטנ, האָבנ די באשיצער פונעמ מאָנאסטיר מוטיק אָפּגעשלאָגנ אלע אטאקעס פונעמ סוינע. דערפאר אָבער האָט זיכ די טושינער אײַנגעגעבנ צו דערשלאָגנ זיכ גרויסע דערפאָלגנ אינעמ געביט פונ דער אויבער-וואָלגע. די רײַכע וואָלגער אונ צאָפנדיקע שטעט: יאָראָסלאוול, וואָלאָגדע, קאָסטראָמא א. אנד. האָבנ אָנערקענט די מאכט פונעמ 2-טנ פאלשנ דימיטרי. די באפעלקערונג פונ אָט די קאנטנ האָט נאָכ ניט געוווּסט, וואָס עס שטעלט מיט זיכ פאָר די מאכט פונעמ טושינער קייסערל. א סאכ האָבנ געמיינט, אז גייענדיק מיטנ „צארעוויטש דימיטרי", קעמפנ זיי קעגנ דעמ פארהאסטנ באָיארישנ צאר.

דער פארטיזאנישער קריג קעגנ די פּאָליאקנ. ביסלעכווײַז האָט דער שווינדל גענומענ ווערנ קלאָר. אינ די שטעט פלעגנ די פּאָליאקנ אָפּנעמענ די סכוירעס בא די סאָכרימ אונ ארופלייגנ שווערע שטײַערנ אפ דער באפעלקערונג. אינ די דערפער פלעגנ די טושינער אָטריאדנ בארויבנ די פּויערימ, אָפּנעמענ די טוווּ, דאָס היי, דערהארגענענ די אײַנוווינער, פארברענענ גאנצע דערפער. די פּאנעס פלעגנ זיכ נעמענ רויִשע שטעט אונ געביטנ „אפ געהאלט", דאָס הייסט, זיי פלעגנ דאָ צונויפנעמענ האכנאָסעס פאר זייערע אייגענע נוצנ וועגנ. די פּויערימ אינ די דערפער, די קליינע האנטווערקער, די דינסט-לײַט אונ די הענדלער אינ די שטעט האָבנ אליינ גענומענ קעמפנ קעגנ די פארכאפּער. עס האָבנ זיכ באוויזנ פּויערשע אָטריאדנ, מיט וועלכע עס האָבנ קאָמאנדעוועט אָדער אליינ די פּויערימ אונ כאָלאָפּעס, אָדער מיליטערישע דינסט-לײַט. זיי פלעגנ מאכנ דרייסטע אָנפאלנ אפ דעמ גוט-באוואָפנטנ פּוילישנ מיליטער. פונ סאָפ 1608 י. האָט שוינ אינעמ לאנד אומעטומ זיכ גענומענ אופהייבנ א פארטיזאנישער קריג.

דער צאר וואסילי שויסקי, אז ער האָט זיכ איבערצײַגט, אז אליינ וועט ער זיכ ניט ספּראווענ מיט די טושינער אונ מיט די אומרוענ אינ לאנד, האָט ער זיכ געווענדט נאָכ הילפ צומ שוועדישנ קיניג קארל דעמ IX. לויטנ אָפּמאכ, וואָס איז געשלאָסנ געוואָרנ, האָט מענ אָפּגעטראָטנ שוועדנ די שטאָט קארעלא (קעקסהאָלמ) מיטנ אויעזד. שוועדנ, פונ זײַנ זײַט, האָט צוגעזאָגט געבנ וואסילי שויסקינ מיליטערישע

הילפ אפ ארויסצוטרײַבנ די פוילישע אָטריאדנ אונ אופשטעלנ זײַנ מאכט אינ לאנד. אינדערעמעסנ אָבער האָט שוועדנ פונ לאנג שוינ געוואַרט אפ א געלעגנהײַט צו פארכאפּנ די רוסישע גרענעצ־געביטנ אונ ווידער אָפּשנײַדנ רוסלאנד פונ יאמ. געשלאָסנ מיט וואסילי שויסקינ א גינסטיקנ בונד פאר זיכ, האָט דער שוועדישער קיניג אינ פרילינג 1609 י. ארײַנגעשיקט קיינ נאָווגאָראָד א שטאַרקנ אָטריאד מיליטער אונטער דער קאָמאנדע פונ יאקאָוו דעלאגארדי. דער אָטריאד איז באשטאנענ פונ 15 טויזנט געדונגענע קריגסלײַט — שוועדנ, דײַטשנ, ענגלענדער, שאָטלענדער, פראנצויזנ אונ אנדערע. צום אָטריאד האָט זיכ אָנגעשלאָסנ דעמ צארס פלימעניק — דער פירשט מ. וו. סקאָפּינ־שויסקי מיט רוסישע קריגער. דער רוסיש־שוועדישער אָטריאד האָט זיכ אוועקגעלאָזט פונ נאָווגאָראָד דורכ טווער קיינ מאָסקווע, באפרײַענדיק אפנ וועג די שטעט, וואָס די טושינער האָבנ געהאט פארנומענ.

דער אָנהייב פונ דער מילכאָמע צווישנ פוילנ מיט דער רוסישער מעלוכע. דער ווידערשטאנד פונעמ רוסישנ פאָלק קעגנ די פוילישע פארכאפּער האָט באווײַזנ די פאנעמס אונ דער שליאכטע, אז זייער שטיצע פאר די פאלשע טראָנ־פרעטענדענטנ דערגרייכט ניט דעמ ציל. דאָס רוסישע לאנד, ווידער, איז געווענ רוינירט פונ דער פיליעריקער מילכאָמע. וואסילי שויסקיס רעגירונג האָט זיכ קוימ געהאלטנ. האָט די פוילישע שליאכטע דעריבער באשלאָסנ, אז ס'איז געקומענ דער פאסיקער מאָמענט, ווענ מע קאָנ דערלאנגענ דער רוסישער מעלוכע אנ ענדגילטיקנ קלאפּ. די סענאטאָרנ האָבנ געייצעט דעמ קיניג, ער זאָל ניט דורכלאָזנ די געלעגנהײַט צו פארגרעסערנ די באזיצנ פונ דער פוילישער מעלוכע. אינ פריִענ פרילינג פונ 1609 י. האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די צוגרייטונגענ צו דער מילכאָמע. א גאנצנ זומער האָבנ די פוילישע אָטריאדנ קעסיידער געמאכט אָנפאלנ אפ די גרענעצ־געביטנ אונ ראבירט די ווײַסרוסישע פויערימ. אינ הארבסט איז א גרויסע פוילישע ארמיי, מיטנ קיניג סיגיזמונד דעמ III אינ דער שפּיצ, אריבער די גרענעצנ אונ צוגעטראָטנ צו באלאגערנ סמאָלענסק.

נאָכ דעמ, ווי פוילנ האָט אָנגעהויבנ אנ אָפענע מילכאָמע קעגנ דער רוסישער מעלוכע, איז איר שוינ דער 2־טער פאלשער דימיטרי מער ניט נייטיק געווענ. דעריבער האָט סיגיזמונד III אָפּגערופנ די פּאָליאקנ, וואָס האָבנ געדינט באמ 2־טנ פאלשנ דימיטרי, צו זיכ אינ זײַנ ארמיי אונטער סמאָלענסק. דערווײַל איז דאָס רוסיש־שוועדישע מיליטער, אונטער דער קאָמאנדע פונ סקאָפּינ־שויסקי אונ דעלאגארדי, וואָס איז געגאנגענ פונ נאָווגאָראָד, ווינטער 1609 י. צוגעקומענ נאָענט צו מאָסקווע. ווענ דאָס מיליטער האָט זיכ דערנעענטערט, האָבנ די פּאָליאקנ אראָפּגענומענ די באלאגערונג פונעמ טראָיצע־סערגיִעווער מאָנאסטיר. אָנהייב יאנואר 1610 י. איז דער 2־טער פאלשער דימיטרי מיט די קאזאקנ אנטלאָפנ פונ טושינאָ קיינ קאלוגע. גלײַכ נאָכ אימ איז אוועק א טייל פּאָליאקנ, וואָס האָבנ נאָכ געהאָפט מיט דער הילפ פונעמ 2־טנ פאלשנ דימיטרי צו פארנעמענ מאָסקווע. די רוסישע באָיארנ אונ אדל־לײַט, וואָס האָבנ געדינט באמ 2־טנ פאלשנ דימיטרי, האָבנ באשלאָסנ צונויפצורעדנ זיכ מיטנ פוילישנ קיניג. זיי האָבנ אײַנגעשטימט צו אָנערקענענ אלס מאָסקווער צאר דעמ פוילישנ פרינצ וולאדיסלאוו אונ האָבנ דעמ 4 פעוראל 1610 י. געשלאָסנ דערופ מיט סיגיזמונדנ אנ אָפּמאכ. לויט די באדינגונגענ פונ אָט דעמ אָפּמאכ האָט סיגיזמונד אינ וולאדיסלאווס נאָמענ צוגעזאָגט ניט צו ענדערנ די מאָסקווער מעלוכע־אָרדענונג, אײַנהיטנ די מאכט פונ די אדל־לײַט אונ זייערע ערדבא־

זיצנ אונ אויכ אומקערנ די אנטלאָפענע פויערימ צוריק צו די אדל=לײַט. אָט אזוי איז ענדגילטיק צעפאלנ געוואָרנ דער טושינער לאגער. אינ מארט 1610 י. איז סקאָפינ=שויסקי מיטנ רוסיש=שוועדישנ מיליטער ארײַנ קיינ מאָסקווע. אינגיכנ נאָכ דעמ איז סקאָפינ=שויסקי פלוצלינג געשטאָרבנ.

סמאָלענסק, וואָס איז געווענ באלאגערט פונ די פאָליאקנ, האָט זיכ אקשאָנעסדיק באשיצט. דעריבער האָט דער קיניג באשלאָסנ, ניט אראָפנעמענדיק די באלאגערונג פונ סמאָלענסק, ארויסשיקנ מיליטער אונטער דער קאָמאנדע פונעמ פוילישנ העטמאנ זשאָלקעווסקי אפ צו פארנעמענ מאָסקווע. אנטקעגנ זשאָלקעווסקיס מיליטער, וואָס האָט זיכ דערנעענטערט צו מאָסקווע, איז ארויסגעשיקט געוואָרנ מיליטער אונטער דער קאָמאנדע פונעמ צארס ברודער דימיטרי שויסקי. די באגעגעניש איז פאָרגעקומענ אינ יונ 1610 י. לעבנ דעמ דאָרפ קלושינאָ. בײַמ דער שלאכט האָבנ די געדונגענע קריגער — די דײַטשנ אונ די שוועדנ — פאראטנ אונ זײַנענ אריבער אפ דער זײַט פונ די פאָליאקנ. דאָס צארישע מיליטער איז צעקלאפט געוואָרנ. דער וועג אפ מאָסקווע איז געווענ אָפנ. די שוועדנ, וואָס זײַנענ צו זיי אריבער, האָבנ די פאָליאקנ אָפגעלאָזט. דאנ האָבנ זיכ די שוועדנ אוועקגעלאָזט אינ נאָווגאָראָדער געביט אונ האָבנ זיכ גענומענ גרייטנ צו פארכאפנ נאָווגאָראָד.

אינ יול 1610 י. איז די הונגערנדיקע באפעלקערונג פונ מאָסקווע אופגעשטאנענ קעגנ וואסילי שויסקינ. אינ דער זעלבער צײַט איז פונ קאלוגע ווידער צוגעטראָטנ צו מאָסקווע דער 2=טער פאלשער דימיטרי. דאנ האָבנ די באָיארנ אונ די אדל=לײַט געכאפט וואסילי שויסקינ אונ אימ מיט געוואלט ארײַנגעזעצט אינ א מאָנאסטיר אלס מאָנאכ. אינ מאָסקווע האָט זיכ אויסגעבילדעט א צײַטווײַליקע באָיארישע רעגירונג, אינ וועלכער עס זײַנענ ארײַנ זיבנ מאנ, וואָס האָבנ געהערט צו אלטע, מערסטנטייל צו פירשטלעכע פאמיליעס. אָט די באָיארישע רעגירונג האָט מענ גענומענ רופנ „סעמיבאָיארשטשינא“ (די געוועלטיקונג פונ די זיבנ באָיארנ).

די פאָליאקנ פארכאפנ מאָסקווע, אונ די שוועדנ — דעמ נאָווגאָראָדער געביט. מוירע האָבנדיק פאר א פאָלקס=אופשטאנד אונ פאר דעמ, אז דעמ 2=טנ פאלשנ דימיטריס קאזאקנ זאָלנ ניט פארכאפנ די הויפטשטאָט, האָט די באָיארישע רעגירונג געײַלט צונויפצורייזנ זיכ מיט זשאָלקעווסקינ. זי האָט אײַנגעשטימט צו אָנערקענענ וולאדיסלאווג אלס מאָסקווער צאר מיטנ תנאַי, אז ער זאָל רעגירנ צוזאמענ מיט די באָיארנ. געשלאָסנ דעמ דאָזיקנ אָפמאכ, האָט די באָיארישע רעגירונג פארעטעריש ארײַנגעלאָזט דאָס פוילישע מיליטער קיינ מאָסקווע. אפ צו שליסנ דעמ שאָלעמ איז צו סיגיזמונד דעמ III אונטער סמאָלענסק געשיקט געוואָרנ א גרויסע דעלעגאציע. דער פוילישער קיניג האָט אָבער אליינ געוואָלט ווערנ מאָסקווער צאר, קעדיי צו אונטערטעניקנ די רוסישע מעלוכע אונטער פוילנ. די אדל=לײַט, וואָס זײַנענ געווענ אינ דער דעלעגאציע, האָבנ געשיקט קיינ מאָסקווע בריוו, וווּ זיי האָבנ באשריבנ די צאָרעדיקע אונ דערנידעריקנדיקע לאגע פונ דער דעלעגאציע; זיי האָבנ גערופנ די רוסישע מענטשנ ניט אונטערצוגעבנ זיכ דעמ קיניג אונ זײַנ זונ דעמ פרינצ. „זײַט זיכ גוט מעיאשעוו וועגנ דעמ צווישנ זיכ, — האָבנ זיי געשריבנ, — שיקט איבער קיינ נאָווגאָראָד, אונ קיינ וואָלאָגדע, אונ קיינ ניזשני (ניזשני=נאָווגאָראָד) אונדזער בריוו, אז אלע זאָלנ וויסנ“.

די פאָליאקנ האָבנ ארעסטירט די מאָסקווער שליכימ אונ האָבנ זיי אוועקגעשיקט קיינ פוילנ. די מאָסקווער באָיארישע רעגירונג האָט זיכ ארויסגעוויזנ אינ זייער א

דערשלאָגענער לאגע. די באָיארנ האָבנ געמוזט אינ אלצ פאָלגנ דעמ קאָמאנדיר פונעמ פוילישנ אָטריאד פאנ גאָנסעווסקי, וועלכער האָט פארנומענ דאָס אָרט פונ זשאָלקעווסקינ, ווענ יענער איז אָפגעפאָרנ. אייניקע באָיארנ האָבנ זיכ אפילע יאָ געפרווט קעגנשטעלנ, האָט מענ זיי אָבער טייקעפ ארעסטירט אונ איינגעזעצט אונטער דער אויפזיכט פונ פוילישע פריסטאוועס. די פאָליאקנ האָבנ צעגאנוועט אינ קרעמל די אוצרעס פונ דער צארישער קאזנא. זיי האָבנ ראבירט די באפעלקערונג פונ דער הויפטשטאָט אונ זיכ איזדיעקעוועט איבער איר. ניט בעסער איז געווענ די לאגע אויכ אינ אנדערע שטעט. סמאָלענסק איז נאָכ אלצ געווענ באלאגערט פונ א גרויסער צאָל פוילישע מיליטער מיטנ קיניג אינ דער שפיצ. די שוועדנ האָבנ פארכאפט דאָס דאָרעמדיקע ברעגלאנד פונעמ פינישנ איינגוס, וואָס האָט געהערט דער רוסישער מעלוכע, אונ האָבנ באדראָט נאָווגאָראָד. דער האנדל צווישנ די שטעט האָט זיכ קימאט אינגאנצנ אָפגעשטעלט. די האנטווערקער אונ די קליינע הענדלער האָבנ געליטנ זייער שווער. אויכ פיל אדל-לייט זיינענ רוינירט געוואָרנ, וויל זיי האָבנ ניט געהאט, ווער עס זאָל באארבעטנ זייער ערד. גאנצע געגנטנ זיינענ וויסט געוואָרנ. די רוסישע מעלוכע האָט גענומענ צעפאלנ ווערנ אפ באזונדערע טיילנ. די באפעלקערונג האָט אליינ נאָכ אלצ געפירט דעמ קאמפ קעגנ די פארכאפער.

§ 49. דער קאמפ פונעמ רוסישנ פאָלק קעגנ די פוילישע פארכאפער.

דער ערשטער לאנדווער. די פאָליאקנ אינ מאָסקווע האָבנ מיט אלע מיטלענ זיכ געסטארעט צווינגענ די גאנצע באפעלקערונג פונ דער הויפטשטאָט, זי זאָל שווערנ טרייהייט דעמ פוילישנ קיניג. דאָס פאָלק האָט זיכ אָבער ניט געוואָלט אונטערווארפנ ניט דעמ קיניג, ניט זיינ זונ דעמ פרינצ, ניט קיינ שומ אנדערע פוילישע מאכט-פאָרשטייער. צווישנ דער באפעלקערונג זיינענ פארשפרייט געוואָרנ אופרופנ, וואָס האָבנ געשטעמפלט מיטנ נאָמענ פארעטער יענע מאָסקווער באָיארנ, וועלכע האָבנ זיכ צונויפגערעדט מיט די פאָליאקנ. קעגנ די פאָליאקנ איז ארויסגעטראָטנ אויכ דער הויפט פונ דער רוסישער קירכ, דער פאטריארכ הערמאָגענ. סאָפ 1610 י. האָט ער גענומענ פאנאנדערשיקנ איבער די שטעט בריוו, אינ וועלכע ער האָט גערופנ די רוסישע מענטשנ צו פארייניקנ זיכ אונ גיינ באפרייענ די הויפטשטאָט. אז די פאָליאקנ האָבנ זיכ דערוווסט וועגנ די דאָזיקע בריוו, האָבנ זיי אריינגעזעצט הערמאָגענענ אינ טפיסע, זיי האָבנ אָבער ניט געקאָנט איינברעכנ זיינ ווילנ.

דעמ פאטריארכ הערמאָגענס אופרופנ האָבנ נאָכ מער פארשטארקט די פאָלקס-באוועגונג קעגנ די פארכאפער. פונ שטאָט צו שטאָט זיינענ פארשפרייט געוואָרנ בריוו מיטנ רופ צו באוואָפענענ זיכ אונ פארייניקנ זיכ צומ קאמפ קעגנ דעמ סוינע.

אינ יאנוואר 1611 י. איז דער ריאזאנער וואָיעוואָדע פראָקאָפי ליאפונאָוו צוגעטראָטנ צו אָרגאניזירנ א לאנדווער אפ צו באפרייענ מאָסקווע. אינ גרונט איז אָט דער לאנדווער באשטאנענ פונ אָטריאדנ אדל-לייט, דעריקער פונ די דאָרעמדיקע אויעזדנ. פראָקאָפי ליאפונאָוו האָט זיכ געוועגדט מיט א רופ אויכ צו די קאזאקנ אינ כאָלאָפעס; די קאזאקנ האָט ער צוגעזאָגט „געהאלט“, אונ די כאָלאָפעס—פרייהייט: עס האָבנ זיכ אָפגערופנ די קאזאקנ, וואָס זיינענ פריער געווענ אינעמ טושינער לאגער. פארשיידענע שטעט האָבנ גענומענ שיקנ איינע דער אנדערער בריוו, רו-

פנדיק גײנ צוזאמענ קײנ מאָסקווע. ווענ די פּאָליאקנ האָבנ באקומענ א ידיעה, אז עס אָרגאניזירט זיכ א רוסישער לאנדווער, האָבנ זײ גענומענ שיקנ די באפעלקערונג פונ דער הויפּטשטאָט אפּ צוואנגס-ארבעט צו באפעסטיקנ די שטאָט. די רוסנ האָבנ אָבער ניט נאָר ניט געוואָלט העלפנ די פּאָליאקנ, נאָר זײ פלעגנ אפילע אראָפּווארפנ פונ די ווענט די הארמאטנ, וואָס זײנענ שוינ פונ פריִער געווענ אײנגעשטעלט. די פּוילישע שליאכטיטשעס האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ קוילענ אונ הארגענענ די מאָסקווער אײנוווינער. די באפעלקערונג האָט זיכ באשיצט מיט דער גרעסטער פארביסנקײט. אײנער אנ אָטריאד, מיט וועלכנ עס האָט קאָמאנדעוועט דער פירשט דימיטרי מיכײלאָוויטש פּאָזשארסקי, האָט אָנגעהויבנ שטויסנ די פּאָליאקנ. אימ צו הילפ זײנענ אָנגעקומענ די אוואנגארד-אָטריאדנ פונעמ לאנדווער. דאנ האָבנ די פּאָליאקנ אונ די פארעטער די באָיארנ, וואָס זײנענ געווענ פארײנס מיט זײ, אונטערגעצונדנ מאָסקווע. די שלאכט איז געגאנגענ ווײטער צווישנ פלאקערנדיקע געבײדעס. דער רויב אונ דאָס פײער האָט אָבער געצוווּנגענ די רוסישע אָטריאדנ אָפּצוטרעטנ צו די ראנדנ שטאָט. אינ אָט דער שלאכט איז דער פירשט פּאָזשארסקי פארוווּנדעט געוואָרנ. אינ עטלעכע טעג ארומ, אינמיטנ מארט, זײנענ צו דער הויפּטשטאָט צוגעקומענ די הויפּט-קרעפטנ פונעמ לאנדווער. זײ זײנענ אָפּגעשטאנענ הינטער מאָסקווע עטלעכע כאדאָשימ, אָבער באפרײענ זי האָבנ זײ ניט געקאָנט.

דעמ 30 יונ זײנענ אויסגעארבעט געוואָרנ די באדינגונגענ (דער „פּריגאָוואָר“), וואָס האָבנ באשטימט די סטרוקטור פונ דער רעגירונג אונ די אָרגאניזירונג פונעמ מיליטער. אינ דער שפּיצ פונעמ לאנדווער, וואָס איז באשטאנענ פונ אדל-לײט אונ קאזאקנ, זײנענ אוועקגעשטעלט געוואָרנ דרײ „נאטשאלניקעס“: פונ די אדל-לײט — ליאפּונאָוו, אונ פונ די קאזאקישע אָטריאדנ, וועלכע זײנענ פריִער געווענ אינעמ טושינער לאגער, — זײערע אָנפירער, דער פירשט דימיטרי טימאָפײעוויטש טרובעצקאָי אונ דער אטאמאנ איוואנ זארוצקי. די אדל-לײט איז דעריקער אָנגעגאנגענ צו באזאָרגנ זיכ מיט ערד אונ מיט פּויערימ. אינ דעמ „פּריגאָוואָר“ איז געווענ אויסגענומענ, אז מע דארפ צוריק אומקערנ צו די גוטבאזיצער די לײבייגענע פּויערימ, וואָס זײנענ פונ זײ אוועק בײמ דער פּויערימ-מילכאָמע. דער „פּריגאָוואָר“ פונעמ 30 יונ, וואָס איז אויסגעארבעט געוואָרנ אינ די אינטערעסנ פונ די אדל-לײט, האָט פארשארפט דעמ קאמפּ אינעמ לאנדווער גופע. צווישנ די אדל-לײט אונ די קאזאקנ זײנענ פאָרגעקומענ קעסיידערדיקע צוזאמענשטויסנ. די קאזאקנ האָבנ דערהארגעט פּראָקאָפּי ליאפּונאָוונ. נאָכ זײנ טויט איז דער לאנדווער ענדגילטיק צעפאלנ געוואָרנ. די אָטריאדנ אדל-לײט זײנענ זיכ פאנאנדערגעגאנגענ. אונטער מאָסקווע איז געבליבנ שטײנ נאָר א טײל פונעמ קאזאקישנ מיליטער אונטער דער קאָמאנדע פונעמ פירשט טרובעצקאָי אונ אטאמאנ זארוצקי.

דער מוטיקער סמאָלענסקער גארניזאָנ אונטער דער קאָמאנדע פונ מיכאִל באָריסאָוויטש שעִינ האָט קימאט צוויי יאָר נאָכאנאנד אָפּגעשלאָגנ די פארביטערטע שטורעמ-אטאקעס פונעמ צאָלרײכנ פּוילישנ מיליטער. ניט די גרויזאמע באָמבארדירונג, ניט די קראנקײטנ, ניט דער מאנגל אינ פּראָדוקטנ, ניט די רײצנדיקע צוזאָגענישנ פונעמ קיניג האָבנ ניט געקאָנט אײנברעכנ די אקשאָנעס פונ די באלאגערטע. אפּ אלע פארשלאָגנ אונטערצוגעבנ זיכ האָבנ די באשיצער פונ סמאָלענסק געענטפערט, אז זײ האָבנ באשלאָסנ צו שלאָגנ זיכ ביזנ טויט. אָנהײב יונ 1611 י. האָט זיכ די פּאָליאקנ אײנגעגעבנ אויפצורײסנ א טײל פונ דער פעסטונג-וואנט. די לעצטע פאר=

ביטערסטע שלאַכט איז שוינ געגאַנגענ אינ די גאַסנ פֿונ דער ברענענדיקער שטאָט. די פֿאַרצווייפֿלטע אײַנוווינער האָבנ זיכ געוואָרפֿנ מיט די לעצטע קויכעס, פֿיל פֿונ זיי האָבנ זיכ אַליינ געוואָרפֿנ אינ פֿײַער אַרײַנ, אַבי ניט אַרײַנפֿאַלנ אינעמ סוינעס הענט. עס איז אופֿגעריסנ געוואָרנ א גרויסער פּולווער־קעלער, וווּ עס איז נאָכ געלעגנ בא 150 פּוד פּולווער. בײַסנ אופֿרײַס איז אונטער די רויִנעס פֿונ די אומגעפֿאַלענע געבײַעס אומגעקומענ א סאַכ פּאָליאַקנ אונ רוסנ. בלויז א קליינע צאָל פֿונ די באַשיצער פֿונ סמאָלענסק איז גענומענ געוואָרנ אינ געפֿאַנגענשאַפֿט; צווישנ זיי איז געווענ אויכ שעינ.

די אָקשאָנעסדיקע באַשיצונג פֿונ סמאָלענסק האָט געהאַט א גרויסע באַדײַטונג, וואָרעמ זי האָט פֿאַרהאַלטנ אונטער די ווענט פֿונ דער פֿעסטונג די הויפּט־קרעפֿטנ פֿונעמ פּוילישנ מיליטער. דאָס האָט פֿאַרלײַכטערט דעמ קאַמפּ פֿונעמ רוסישנ פֿאָלק פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿונ זײַנ היימלאַנד.



ד. מ. פּאָזשאַרסקיס „שווערד, וואָס ער האָט באַקומענ אַלס באַלוינונג פֿאַר באַפֿרײַענ מאָסקווע. היסטאָרישער מוזיי“.

מינינ אונ פּאָזשאַרסקיס לאַנדוועער. דער ערשטער לאַנדוועער, וואָס איז באַשטאַנענ דעריקער פֿונ אַדל־לײַט אונ פֿונ קאַזאַקנ־טיילנ, איז צו האַרבסט־צו פֿונ 1611 י. צעפֿאַלנ געוואָרנ. דער קאַמפּ פֿונעמ רוסישנ פֿאָלק קעגנ די פּוילישע פֿאַרבאַפֿער איז אָבער ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרנ. אינ דער שפּיץ פֿונ דער אָרגאַניזירונג פֿונ א נײַער פֿאָלקס־אַרמיי האָט זיכ געשטעלט דער ניזשני־נאָווגאָראָדער פּאָסאַד־אײַנוווינער מינינ, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרנ פֿונ דער פּאָסאַדישער באַפֿעלקערונג אַלס זעמסקע סטאַראָסטע פֿונ ניזשני־נאָווגאָראָד. ער האָט זיכ געווענדט צו דער באַפֿעלקערונג מיט א הייסנ רופֿ אופֿצוהייבנ זיכ פֿאַרטיידיקנ דאָס היימלאַנד אונ ניט שאַנעווענ פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿונעמ היימלאַנד ניט דאָס לעבנ, ניט דאָס פֿאַרמעגנ. די ניזשניענאָווגאָראָדער האָבנ אויסגעאַרבעט א „פּריגאָוואָר“, לויט וועלכנ זיי האָבנ צוגעזאָגט צו פֿאָלגנ די נאַטשאַלניקעס, געבנ געלט אַפּ געהאַלט די קריגס־לײַט אונ ניט שאַנעווענ זייער לעבנ. לויט מינינס פֿאָרשלאָג איז צו קאָמאַנדעווענ מיט דער פֿאָלקס־אַרמיי אײַנגעלאַדנ געוואָרנ דער פֿירשט דימיטרי מיכײַלאָוויטש פּאָזשאַרסקי, וואָס איז שוינ געווענ באַוווּסט פֿונ דער שלאַכט מיט די פּאָליאַקנ אונטער מאָסקווע, וווּ ער איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרנ.

פֿונ ניזשני־נאָווגאָראָד זײַנענ אַוועק אינ די אַנדערע שטעט בריוו מיט א רופֿ, מע זאָל זיכ אָנשליסנ צומ קאַמפּ פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿונעמ היימלאַנד, מע זאָל צושיקנ מענטשנ, געווער אונ געלט. עס האָט זיכ א ריר געטאָנ דאָס גאַנצע לאַנד — פֿונ דער צאָפֿנדיקער פּאָמאָריע (ברעגלאַנד פֿונעמ צאָפֿנדיקנ יאַמ) ביז ריאַזאַנ. די

פּאָליאַקנ אינ מאָסקווע זײַנענ געוואָרנ שטאַרק באומרויִקט, ווענ זײ האָבנ זיכ דערוווּסט, אַז עס זאַמלט זיכ אַ גרויסע צאָל פּאָלקס-כאַיִל. די באָיאַרנ, וואָס זײַנענ געזעסנ מיט זײ, האָבנ אויכ מוירע געהאַט פאַרנ לאַנדוועער אונ האָבנ זיכ געסטאַרעט אײַנרײדנ די באַפּעלקערונג, זי זאָל זיכ אונטערוואַרפנ דעמ פּוילישנ פּרינצ וולאַדיסלאַוו. אָבער די אַלע באַמיִונגענ פונ די באָיאַרנ האָבנ ניט געהאַט קײנ שומ דערפאָלג.

אינ פרילינג פונ 1612 י. איז דער לאַנדוועער אַריבער פונ ניזשני-נאָווגאָראָד קײנ יאַראָסלאַוול. אונטערוועגס האָט די באַפּעלקערונג מיט באַגײַסטערונג אויפגענומענ די לאַנדוועריסטנ. די אײַנוווינער פונ די שטעט האָבנ זײ געגעבנ געלט, פונ פאַרשײדענע זײַטנ האָבנ געהאַלטנ אינ אײנ צוקומענ נײַע אָטריאַדנ קריגס-לײַט. אינ יאַראָסלאַוול איז דער לאַנדוועער אָפּגעשטאַנענ בא פיר כאָדאָשימ. פאַר אָט דער צײַט איז געשאַפנ געוואָרנ אַ צײַטווײַליקע זעמסקע רעגירונג. עס האָבנ אָנגעהויבנ אַרבעטנ „פּריקאַזנ“ (רעגירונגס-אינסטיטוציעס), וואָס האָבנ אָנגעפירט מיט פאַרשײדענע צווײַגנ פונ דער מעלוכע-פאַרוואַלטונג. די אָנפירער פונעמ לאַנדוועער — מינינ אונ פּאָזשאַרסקי האָבנ פיל אויפגעטאָנ צו אָרגאַניזירנ די מיליטערישע קרעפטנ. דער לאַנדוועער האָט זיכ אויסגעבילדעט פונ פילצאָליקע פאַרשײדנאַרטיקע אָטריאַדנ; אינ זײַנ באַשטאַנד זײַנענ געווענ אַדל-לײַט פונ פאַרשײדענע שטעט, פּאָסאַד-לײַט, סטרעלצעס, קאַזאַקנ, פּויערימ. כוץ רוסנ האָבנ אינעמ לאַנדוועער אָנטײלגענומענ אויכ טאָטערנ, מאַריִער, טשוּוואַשנ א. אַנד. קאָלזמאַנ די הויפּט-קרעפטנ פונעמ לאַנדוועער זײַנענ געשטאַנענ אינ יאַראָסלאַוול, זײַנענ באַזונדערע אָטריאַדנ לאַנדוועריסטנ פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרנ אינ פאַרשײדענע זײַטנ, אונ זײ צוזאַמענ מיט דער באַפּעלקערונג האָבנ דעמ גרעסטנ טײל לאַנד באַפרײַט פונ די פּוילישע אָטריאַדנ אונ אויכ פונ די קאַזאַקנ, וואָס האָבנ פריִער געדינט דעמ 2-טנ פאַלשנ דימיטרי אונ וואָס האָבנ ניט געוואָלט אָנערקענענ די זעמסקע רעגירונג.

אינ פאַרשײדענע ערטער האָט די באַפּעלקערונג אַלײנ פאָרגעזעצט פירנ אַ קאַמפּ מיט די פּוילישע אָטריאַדנ. די פּאָליאַקנ האָבנ דאָס לאַנד ניט געקענט, פלעגנ זײ צווינגענ מיט געוואַלט די אָרטיקע פּויערימ, זײ זאָלנ זײ דינענ אַלס באַגלײטער. אָבער פיל פונ די דאָזיקע באַגלײטער פלעגנ, מאַקריעוו זײַענדיק זײער לעבנ, פאַרפירנ די פּוילישע אָטריאַדנ אינ די טיפע וועלדער אָדער אַרופירנ זײ גלײַכ אָפּ די רוסישע כאַיאָלעס. אַזאַ מינ העלדנטאַט איז באַגאַנגענ דער קאָסטראָמער פּויער איוואַנ סוסאַנינ, ווענ די פּוילישע שליאַכטיטשעס האָבנ געוואָלט צווינגענ צו זײַנ אַ באַגלײטער. איוואַנ סוסאַנינ האָט פאַרפירט אַ פּוילישנ אָטריאַד אינ אַ געדיכטנ וואַלד, אונ די שליאַכטיטשעס האָבנ אימ דאָרט דערהאַרגעט.

סאָפ אויגוסט 1612 י. זײַנענ די הויפּט-קרעפטנ פונעמ לאַנדוועער צוגעטראָטנ צו מאָסקווע. דער אַטאַמאַנ זאַרוצקי, וואָס האָט אָפּעדירט לעטוווּעס די פּאָליאַקנ, איז מיט אַ טײל קאַזאַקנ אַנטלאָפנ אָפּ דאָרעמ. די איבעריקע קאַזאַקנ, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אונטער מאָסקווע מיטנ פירשט ד. ט. טרובעצקאָי, האָבנ זיכ, עמעס, ניט גלײַכ אָנגעשלאָסנ צומ לאַנדוועער, אָבער זײ האָבנ אימ ניט געשטערט. אינ דער זעלבער צײַט, וואָס דער לאַנדוועער איז צוגעטראָטנ צו מאָסקווע, האָט אַ מענגע פּויליש מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פונעמ העטמאַנ כאָדקעוויטש געײַלט וואָס גיכער קומענ צו הילפ די פּאָליאַקנ: מיט זיכ האָבנ זײ געפירט געווער אונ שפּײַז. כאָדקעוויטשעס כאַיִל איז אינ צאָל געווענ ניט קלענער פונ מינינ אונ פּאָזשאַרסקיס

לאַנדווער. כאָדקעוויטש האָט אַ וואָרפ געטאָנ אַלע קרעפטנ קעגנ דעם לאַנדווער. די פּאָליאַקנ, וואָס זײַנענ געזעסנ אינ מאָסקווע, האָבנ אויכ פאָרגענומענ אַנ אַטאַקע. די לאַגע פונעם לאַנדווער איז געווענ זייער אַ שווערע. אַ גאַנצנ טאָג איז געגאַנגענ אַ פאַרביסענע שלאַכט. די לאַנדוועריסטנ זײַנענ אַראָפּ פונ די פערד אונ האָבנ זיכ געלאָזט שלאָגנ איינס אַפ איינס. אַ טייל פונ טרובעצקאָיס קאָזאַקישע „סאָטניעס“ (הונדערט=גרופּעס) האָט, ניט וואַרטנדיק אַפ זײַנ דערלויבעניש, זיכ אַלײנ אָנגעשלאָסנ אָנ דעם לאַנדווער אונ מיט זיי צוזאַמענ אָפּגעשלאָגנ די פּאָליאַקנ. אינ אַ טאָג אַרום זײַנענ די פּאָליאַקנ אַפּסנײַ אַריבער אינ אָנגריפ. זיי האָבנ זיכ געסטאַרעט דורכרײַסנ זיכ צו די פּונקטנ, וווּ מע קאָנ אַריבערגײנ דעם טײַכ מאָסקווע. דאַנ האָט קוזמאַ מינינ גענומענ בײַ פּאָזשאַרסקינ פיר הונדערט קריגער, אַריבערגעקליבנ זיכ מיט זיי איבערנ טײַכ אונ האַסטיק אַטאַקירט די פּאָליאַקנ פונ פלאַנג. די פּאָליאַקנ האָבנ ניט אויסגעהאַלטנ אונ זיכ געלאָזט לויפנ צו זיכ אינ לאַגער אַרײַנ. דער גאַנצער אָבאָז (400 פורנ מיט דערנערונג) איז אַרײַנגעפאַלנ אינ די הענט פונ די זיגער. די רעשטלעכ פונעם פּוילישנ כאַיִל זײַנענ אַנטלאָפנ. דער פּוילישער אָטריאַד, וואָס איז געזעסנ אינ מאָסקווע, איז געבליבנ אָנ הילפ אונ אָנ שפּײַז; די פּאָליאַקנ האָבנ אָנגעהויבנ לײַדנ הונגער. דעם 26 אָקטיאַבער 1612 י. האָבנ זיכ די פּאָליאַקנ אונטערגעגעבנ. מאָסקווע איז באַפרײַט געוואָרנ.

קאַפּיטל XV.

די זעלבסטהערשונג אינ רוסלאַנד אינ XVII יאָרהונדערט.

§50. דאָס קיניגנ פונ מיכאַיִל ראָמאַנאָוונ.

מיכאַיִל ראָמאַנאָוו ווערט אויסגעוויילט אַלס צאַר. נאָכ דעם, ווי מאָסקווע איז באַפרײַט געוואָרנ, האָבנ די הערשנדיקע קלאַסנ — די גוטבאַזיצער אונ די פאַרמעגלעכע פּאָסאַד=שיכטנ זיכ געווּלט וואָס גיכער צו פאַרכאַפּנ די מאַכט צו זיכ אינ די הענט. ס'איז טייקעפ צונויפגערופנ געוואָרנ אַ זעמסקי סאָבאָר אַפ אויסצוּוויילנ אַ צאַר.

דער סאָבאָר איז באַשטאַנענ דעריקער פונ אַדל=לײַט אונ פּאָסאַד=לײַט, אַ קלײנע גרופּע האָבנ דאָ באַטראָפנ די באָיאַרנ אונ דער קלער; אַ סאַכ פאָרשטײער זײַנענ געווענ פונעם קאָזאַקנטום, דעריקער פונ די קאָזאַקישע פּניי — די אַטאַמאַנענ. צווישנ די באָיאַרנ האָבנ זיכ נאָכ געפונענ אָנהענגער פונ וולאַדיסלאַוונ; עס זײַנענ צווישנ זיי געווענ אָנהענגער אויכ פונעם שוועדישנ פּרינצ. אָבער די גרונט=מאַסע אָנטײלנעמער פונעם סאָבאָר איז געווענ קעגנ די אינטערווענטנ. דעריבער איז באַשטימט געוואָרנ, אַז קײנעם פונ די אויסלענדער זאָל מענ פאַר קײנ צאַר ניט אויסוויילנ. פונ די באָיאַרנ זײַנענ אַמערסטנ פּאָפּולער געווענ צווישנ דעם אַדל אונ צווישנ די קאָזאַקישע אַטאַמאַנענ די ראָמאַנאָווס, קרויווים פונ די צאַרנ איוואַנ דעם IV אונ פיאָדאָר. פונ די ראָמאַנאָווס האָבנ די אַדל=לײַט אונ די קאָזאַקישע אַטאַמאַנענ

זיכ געריכט צו באַקומענ ערד, פויערים און קאָלערליי טויוועס פאַר זיכ. דער עלטסטער פאָרשטייער פונ דער דאָזיקער פאַמיליע, דער ראָסטאָווער מיטראָפּאָליט פילארעט, איז געווענ אינ געפאַנגענשאַפט אינ פוילנ. זײַנ 16-יעריקער זונ מיכאַיל איז געווענ א יינגל א כאראקטערלאָזער און ניט קיינ איבעריק קלוגער. די וואלנ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ אָנהייב 1613 י. דער זעמסקי סאָבאָר האָט אויסגעוויילט פאַר א צאר מיכאַיל ראָמאַנאָוונ. ווי מע דערציילט, האָבנ די באָיארנ גענומענ בא מיכאַילנ אנ אונטערשריפט, אז ער וועט אלצדינג טאָנ נאָר מיט זייער האסקאָמע. דער נײַער צאר איז געווענ צו יונג און ניט גענוג קלוג, ער זאָל קאָנענ רעגירנ זעלבשטענדיק. פאקטיש האָבנ די מעלוכע געפירט זײַנ מוטער און די קרויווים.

דער נײַער מאכט האָט זיכ ניט מיטאמאָל אײַנגעגעבנ צו באפעסטיקנ זיכ אינ דער מעלוכע. זארוצקי איז מיט מארינע מנישעק און מיט א טייל קאזאקנ אנטלאָפנ קיינ אסטראכאנ און האָט זיכ דערקלערט פארנ צאר דימיטרי, און מארינעס קליינינקנ זונ — פאַר א צארעוויטש איוואנ דימיטריעוויטש. די גרונט-מאסע קאזאקנ האָט ניט געשטיצט זארוצקינ, און די אײַנוווינער פונ אסטראכאנ האָבנ קעגנ אים אויפגעהויבנ אנ אופשטאנד. דאנ האָט זיכ זארוצקי אוועקגעלאָזט צום יאיק, נאָר דאָרט האָבנ אים די קאזאקנ געפאקט און צוזאמענ מיט מארינענ איבערגעגעבנ דער מאָסקווער מאכט. זארוצקינ האָט מענ אינ מאָסקווע געקעפט; מארינע איז געשטאָרבנ אינ טפיסע, און איר מינדעריעריקנ זונ האָט מענ אויפגעהאנגענ.

די קלייגע אָטריאדנ פאָליאקנ און ליטווינער, וואָס האָבנ נאָכ אלץ ראבירט און רוינירט די באפעלקערונג, האָט מענ מיט דערפאָלג אָפּגעראמט פונעמ לאנד.

דער נײַער רעגירונג איז פאָרגעשטאנענ א שווערע אויפגאבע — צעקלאפנ די אינטערווענציע און ליקווידירנ אירע פאָלגנ. די שוועדנ, וואָס האָבנ געהאט פארכאפט נאָווגאָראָד, האָבנ אלץ ניט אויפגעהערט צו פירנ מילכאָמע. דער שוועדישער קיניג, דער בארימטער קריגס-פירער גוסטאוו-אדאָלף, האָט אינ 1615 י. געליטנ א דורכפאל אונטער פסקאָוו. דאָס האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט אָנצוהייבנ פירנ שאָלעמ-אונטערהאנדלונגענ מיט שוועדנ בא דער פארמיטלונג פונ ענגלאנד און האָלאנד. די דאָזיקע מעלוכעס האָבנ צוליב די מילכאָמע-אקציעס געליטנ העזעק, וואָרעמ עס האָט זיכ פארקלענערט דער האנדל מיט דער רוסישער מעלוכע. אָנהייב 1617 י. איז געשלאָסנ געוואָרנ א שאָלעמ אינ סטאָלבאָוואָ. בא די שוועדנ אינ די הענט איז פארבליבנ דאָס גאנצע ברעגלאנד פונעמ פינישנ אײַנגוס מיט די רוסישע שטעט: אָרעשעק, איוואנ-גאָראָד, יאמ א. אנד.; דערפאר אָבער האָבנ זיי באפרײַט דעמ נאָווגאָראָדער געביט. די רוסישע מעלוכע איז ווידער אָפּגעשניטנ געוואָרנ פונעמ באלטישנ יאמ.

עס האָט נאָכ אלץ געדויערט די מילכאָמע מיט פוילנ. וולאדיסלאוו האָט זיכ ניט געוואָלט אָפּזאָגנ פונעמ מאָסקווער טראָנ. אינ 1618 י. איז ער צוגעטראָטנ צו מאָסקווע, אָבער די שטורעמ-אטאקע פונ די פאָליאקנ איז אָפּגעשלאָגנ געוואָרנ. אָפּטרעטנדיק פונ מאָסקווע, איז וולאדיסלאוו צוגעקומענ צום טראָיצע-סערגיעווער מאָנאסטיר און האָט געשטעלט א פאָדערונג, ער זאָל זיכ אונטערגעבנ. פונ די פעסטונג-ווענט האָט מענ א קלאפ געטאָנ פונ הארמאטנ איבערנ פוילישנ כאַיל און געצוווּנגענ עס אָפּצוטרעטנ.

סאָפ 1618 י. האָבנ די מאָסקווער און פוילישע באפולמעכטיקטע געשלאָסנ אינעמ דאָרפ דעולינ (לעבנ טראָיצע-סערגיעווער מאָנאסטיר) אנ אָפּמאכ וועגנ וואָפנ-

שטילשטאַנד אַפ 14½ יאָר. סמאָלענסק מיט דער אַרומיקער טעריטאָריע און דעמ סעווערסקער (טשערניגאָווער) געביט האָט מענ געמוזט אָפטרעטנ פוילנ.

די אויפשטעלונג פונ דער מעלוכע. נאָכ דער פוליאַקער מילכאָמע און די מײַסימ פונ די אינטערווענטנ איז דאָס לאַנד געווענ רויִנירט. אויפשטעלנ די מעלוכע-פאַרוואַלטונג האָבנ דער רעגירונג אינ די ערשטע יאָרנ פונ מיכאַילס קיניגנ שטאַרק מיטגעהאָלפנ די זעמסקע סאָבאָרנ, וואָס האָבנ קעסיידער פונקציאָנירט. אַפ די סאָבאָרנ פלעגנ באַהאַנדלט ווערנ אַלע לויפנדיקע נויטבאַדערפענישנ פונ דער מעלוכע. עס פלעגנ אײַנגעפירט ווערנ נײַע שטײַערנ אדג. בײַ דעמ צושטאַנד פונ אַלגעמײנער רויִנירונג איז דאָס אײַנמאָנענ שטײַערנ פונ דער באַפעלקערונג צוגעגאַנגענ זייער שווער. דער זעמסקי סאָבאָר פלעגט אַרויסשיקנ אַפ די ערטער זײַנע פאָרשטייער צו הילפ די צאַרישע שטײַערנ-זאַמלער. נאָכנ שליסנ שאָלעמ מיט פוילנ האָט זיכ פונ פוילישער געפאַנגענשאַפט צוריקגעקערט דעמ צאַרס פאָטער פילאַרעט ראָמאַנאָוו. אינ מאָסקווע האָט מענ אימ גלײַכ געמאַכט פאַר א פאַטריאַרכ, און ער האָט פאַקטיש גענומענ רעגירנ מיט דער מעלוכע. אַלע אוקאַזנ פלעגנ געשריבנ ווערנ אינ נאָמענ פונעמ צאַר און פונ זײַנ פאָטער. פילאַרעט האָט אפילע אָנגענומענ דעמ טיטל „גרויסער האַר“(«Великий государь»). ער האָט פאַרײניקט אינ זײַנ פערזאָנ אי די וועלטלעכע, אי די גײַסטלעכע מאַכט — די מאַכט פונ א צאַר און א פאַטריאַרכ. אַדאַנק דעמ האָט זיכ די צענטראַלע מאַכט זייער פאַרשטאַרקט.

די אויפשטעלונג פונ א שטאַרקער צענטראַלער מאַכט האָבנ אויסגענוצט די גוטסבאַזיצער, קעדײַ ענדגילטיק צו דערשטיקנ די פויערימ-באַוועגונג און צוריק אויפשטעלנ זייער מאַכט איבער דעמ לײַבייגענעמ דאָרפ.

די רעגירונג האָט אָנגעהויבנ מיט א ברייטער האַנט פאַנאַנדערטיילנ ערד מיט פויערימ די אַטאַמאַנענ און די אַנדערע פאַרמעגלעכע קאַזאַקנ. דער אויבערשיכט פונ די קאַזאַקנ איז אַזויאַרומ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ גוטסבאַזיצער. מיט דער קאַזאַקישער אָרעמשאַפט האָט מענ זיכ גאַנצ גיכ אָפגערעכנט. די צאַרישע וואָיעוואָדעס האָבנ אומעטומ פאַרפאָלגט און גראָמירט די קאַזאַקישע אָטריאַדנ. די הויפט-קרעפטנ פונ די קאַזאַקנ זײַנענ אינ 1614 י. צעקלאַפט געוואָרנ אינעמ מאַלאָיאַראָסלאַווער אויעזד, און די איבעריקע האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ.

אינ 1616 י. איז אויסגעבראָכנ א גאַנצ שטאַרקע באַוועגונג צווישנ די פויערימ און כאָלאָפעס פונ ניזשני-נאָווגאָראָדער אויעזד. די אויפשטענדלער האָבנ גענומענ אויסהאַרגענענ די אַדל-לײַט און אונטערצינדנ דערפער. דעמ זעלבנ יאָר האָבנ זיכ פאַרשפרייט אומרוענ צווישנ די טאָטערנ און די מאַרי אינ קאַזאַנער אויעזד. זיי זײַנענ צוגעטראָטנ צו די שטעט און האָבנ זיכ געפרווט פאַרײניקנ מיט די אויפשטענדלער פונעמ ניזשני-נאָווגאָראָדער קאַנט. דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט געוואָרנ.

זיכ צערעכנט מיט די אויפשטענדלער, האָבנ די גוטסבאַזיצער אויסגענוצט זייער זיג, קעדײַ נאָכ מער צו פאַרקנעכטנ די פויערימ. אונטערנ דרוק פונעמ אַדל און פונ די מאָנאַסטירנ האָט די רעגירונג דורכ א ריי אוקאַזנ פאַרלענגערט די טערמינענ פונ אויפזוכנ אַנטלאָפענע פויערימ פונ 5 יאָר, ווי ס'איז פריִער געווענ, ביז 15 יאָר. דאָס איז געווענ א צוגרייטונג צומ פולשטענדיקנ אָפשאַפנ דעמ באַשטימטנ טערמינ, וואָס האָט עקזיסטירט אַפ אָפצוזוכנ די אַנטלאָפענע פויערימ.

§ 51. די אויסערנ־פּאָליטיק נאָכ דער פּויערימ־מילכאָמע.

די מילכאָמע מיט פּוילנ פאר סמאָלענסק. די רוסישע מעלוכע האָט ניט געקאָנט רויִק באַצוִענ זיכ דערצו, וואָס זי האָט אָנגעוואָרנ סמאָלענסק. סמאָלענסק איז געווענ אנ ערשטקלאַסיקע פעסטונג, וואָס האָט באַשיצט דעמ אריבערגאַנג איבערנ דניעפּער, אונ האָט געהאט א גרויסע האנדלס־באַדײַטונג. דעריבער האָט די מאָסקווער רעגירונג אינ מעשעכ פונ דער גאַנצער צײַט פונעמ דעוּלינער וואָפנשטילשטאַנד זיכ ענערגיש געגרייט צו א נײַער מילכאָמע.

די געשעענישנ פונ אָנהייב XVII יה. האָבנ קלאָר באַוויזנ, ווי טעכניש אָפּגעשטאַנענ עס איז די רוסישע מעלוכע. די רעגירונג פונעמ צאר מיכאִל האָט זיכ געפּרווט אפּגיכ העכערנ די קריגס־אײַנגשאַפטנ אונ די טעכניק פונ דער רוסישער ארמיי. מע האָט אײַנגעקויפט אינ אויסלאַנד א גרויסע צאָל געווער. מע האָט געשאַפנ ספּעציעלע פּאָלקנ פונ געדונגענע אויסלענדער. ענדלעכ, פונ רעקרוטירטע פּויערימ פונ די מאָנאַסטירישע אונ פונ א טייל גוטבאַזיצערישע גיטער, אונ אויכ פונ פרײַוויליקע האָט מענ געשאַפנ רוסישע פּאָלקנ לויטנ אויסלענדישנ מוסטער, די דאָזיקע פּאָלקנ זײַנענ געשולט געוואָרנ אפ אנ אייראָפּעיִשנ אויפנ אונטער דער אָנפירונג פונ אויסלענדישע אָפיצערנ.

אינ 1632 י. איז א שטאַרקע מאָסקווער ארמיי צוגעטראָטנ צו באַלאַגערנ סמאָלענסק. אינ דער שפּיצ פונ דער ארמיי איז געשטאַנענ דער באָיארינ שעִנ, וואָס האָט זיכ באַרימט געמאַכט אינ די יאָרנ 1611—1610 מיט דער העראָיִשער באַשיצונג פונ סמאָלענסק. אינ פּוילנ איז צו יענער צײַט געשטאָרבנ סיגיזמונד דער III, קיינ נײַער קיניג איז נאָכ ניט געווענ אויסגעוויילט, אונ אינ לאַנד זײַנענ פאָרגעקומענ אומרוענ. סמאָלענסק אָבער איז געווענ שטאַרק באַפעסטיקט, אונ די באַלאַגערונג האָט זיכ פארצויגנ. צווישנ די אויסלענדער, וואָס זײַנענ געווענ אפ מיליטער־דינסט בא דער מאָסקווער מעלוכע, איז די דיסציפּלינ געווענ זייער א שוואַכע; זיי האָבנ זיכ קעסיידער ארומגעריסנ אייגער מיטנ אנדערנ אונ פלעגנ אָפּט אריבערגיינ אפ דער זײַט פונ די סאָנימ.

די פּאָליאַקנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ מיט פארשיידענע געשאַנקענ צו באַוועגנ די קרימער טאָטערנ, זיי זאָלנ ארויסטרעטנ קעגנ מאָסקווע. די טאָטערנ זײַנענ באַפאַלנ די דאָרעמדיקע גרענעצ־געביטנ פונ דער רוסישער מעלוכע. גלײַכ בא דער ערשטער יעדיִע וועגנ דעמ טאָטערשנ אָנפאַל האָבנ די אדל־לײַט פונ די דאָרעמ־אויעזדנ פארלאָזט דאָס מיליטער אונ האָבנ זיכ אײַליק אַוועקגעלאָזט צו באַשיצנ זייערע גיטער.

די דיסציפּלינ אינעמ רוסישנ מיליטער איז געבראָכנ געוואָרנ. שעִנ אַלייִנ האָט אָפּנ געצווייפלט אינ דער מעגלעכקײַט פונ א זיג אונ האָט דורכגעלאָזט די פּאַסיקע צײַט אפ אײַנצונעמענ די פעסטונג. דער נײַער קיניג, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרנ אינ פּוילנ,—וולאַדיסלאַוו דער IV, סיגיזמונד דעמ III־טנס זונ, האָט זיכ אײַליק אַוועקגעלאָזט מיט זײַנ מיליטער ארויסצוהעלפנ דעמ פּוילישנ גאַרניזאָנ אינ סמאָלענסק. די רוסנ זײַנענ ארײַנגעפאַלנ אינ א קלעמ צווישנ וולאַדיסלאַווס מיליטער אונ די באַפעסטיקונגענ פונ סמאָלענסק. נאָכ אייניקע פרווונ דורכצושלאָגנ זיכ האָבנ זיכ די רוסנ געמוזט אונטערגעבנ אפ שווערע באַדינגונגענ: די גאַנצע רוסישע ארטילעריע איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ דעמ סוינע.

די מאָסקווער באָיארנ, וואָס האָבנ שעִנען ניט ליב געהאט פאר זײַנ גרויסהאַל־



פײַער-געווער פונ XVI—XVII יה. געווער-קאַמער.
אויבנ — די 52-פונטיקע שיס-רער „טראָיל“. אונטנ — די 38-פונטיקע שיס-רער „מעדוועד“, 1590 י.

טערקײַ, האָבנ זיכ באַנוצט מיט דעמ דאָזיקנ דורכפאַל אפּ צו באַשולדיקנ אימ אינ פאַראַט. שעינ איז געקעפּט געוואָרנ. די ווײַטערדיקע דערפאָלגנ פונ די פּאָליאַקנ זײַנענ אָפּגעשטעלט געוואָרנ בא דער פעסטונג בעלאיא. אפנ פאָרשלאָג פונ די פּאָליאַקנ אונטערצוגעבנ זיכ האָט דער קלײנער גאַרניזאָנ פונ דער פעסטונג געענטפערט, אז ער וועט זי באַשיצנ ביזנ לעצטנ אָטעמ. די געפאַר פונ א מילכאָמע מיט טערקײַ אונ דער ווידערשטאַנד, אפ וועלכנ זײ האָבנ אָנגעטראָפנ אונטער בעלאיא, האָט געצווונגענ דעמ קיניג ווּלאַדיסלאַוו צוײַלנ זיכ מיטנ שליסנ שאָלעמ. דער שאָלעמ איז געשלאָסנ געוואָרנ בא דעמ גרענעצ-טײַכ פּאָליאַנאָווקע אינ 1634 י. לויטנ שאָלעמ-אָפּמאַכ איז סמאָלענסק אונ די אנדערע שטעט, וואָס פּוילנ האָט פאַרכאַפּט בײמ דער אינטערווענציע, געבליבנ בא פּוילנ; פּוילנ האָט אָבער אײַנגעשטימט צו אָנערקענענ מיכאַילנ פאַרנ רוסישנ צאַר. ווּלאַדיסלאַוו האָט זיכ ענדגילטיק אָפּגעזאָגט פונ זײַנע פּרעטענזיעס אפנ צאַרישנ טראָנ.

די באַציִונגענ מיט קרימ אונ טערקײַ. אײנע פונ די סיבעס, פאַרוואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט געליטנ דעמ דורכפאַל אונטער סמאָלענסק, זײַנענ געווענ די אָנפאַלנ פונ די קרימער טאָטערנ אפ די דאָרעמדיקע אויעזדנ. נאָכ דעמ, ווי די מילכאָמע האָט זיכ געענדיקט, האָט די מאָסקווער רעגירונג זיכ א נעמ געטאָנ זײער ענערגיש צומ רעמאָנטירנ אונ בויענ די פאַרפעסטיקונג-ליניע, וואָס האָט באַשיצט די דאָרעמ-גרענעצ קעגנ די טאָטערשע אָנפאַלנ. די דאָזיקע באַפעסטיקונגענ האָבנ געגעבנ די מעגלעכקײַט אויסצונוצנ די פּרוכטבאַרע סטעפּעס, אונ די רוסישע ערדבאַזיצער האָבנ גלײַכ אָנגעהויבנ פאַנאַנדערכאַפּנ דאָ שטיקער לאַנד.

אינ 1637 י. זײַנענ די דאָנער קאַזאַקנ אומגעריכט באַפאַלנ די טערקישע פעסטונג אזאָוו. די דאָזיקע פעסטונג האָט באַהיט דעמ ארויסגאַנג פונ דאָנ צומ אזאָווער ים אונ האָט געשטערט די דאָנער קאַזאַקנ צו מאַכנ אָנפאַלנ אפנ ברעגלאַנד פונ קרימ. נאָכ א צווײכאָדאָשימדיקער באַלאַגערונג האָבנ די קאַזאַקנ מיט א שטורעמ-אַטאַקע אײַנגענומענ אזאָוו, אויסגעהאַרגעט די גאַנצע מוסולמענישע באַפעלקערונג אונ זיכ באַזעצט אינ דער דעראָבערטער שטאָט.

אינ 1641 י. האָט דער טערקישער סולטאַנ ארויסגעשיקט צו אזאָוו א גרויסע אַרמײ מיט א שטאַרקער אַרטילעריע. דער קלײנער קאַזאַקישער אָטריאַד, וואָס איז געזעסנ אינ אזאָוו, האָט מוטיק אָפּגעשלאָגנ 24 אַטאַקעס אונ געצווונגענ די טערקנ

2791—14

אראָפּצונעמענ די באַלאַגערונג. ריכטנדיק זיכ אפּ נייע אָנפאַלנ, האָבנ די קאָזאַקנ גע־שיקט קיינ מאָסקווע בעטנ הילפ.

א מילכאָמע מיט טערקיי וואָלט געפאָדערט נייע גרויסע הויצאָעס, דעריבער איז די פראַגע וועגנ אזאָוו אריבערגעטראָגנ געוואָרנ אינ זעמסקי סאָבאָר, וועלכער איז צונויפגערופנ געוואָרנ אינ 1642 י. די דינסט־לייט אונ דאָס סאָכרימטום, וואָס האָבנ זיכ פאַרזאַמלט אפנ סאָבאָר, האָבנ זיכ אפילע יאָ ארויסגעזאָגט פאר דעמ, אז אזאָוו זאָל גענומענ ווערנ אונטער דעמ צארס מאכט, אָבער אינ דער זעלבער צייט האָבנ זיי זיכ ביטער געקלאָגט אפּ דער שטייער־לאַסט, אפּ די דיאַקנ די כאבארניקעס, אפּ די אונטערדריקונגענ מיצאַד די וואָיעוואָדעס אונ אפּ אנדערע אומאָרדענונגענ אינ דער מעלוכע־פאַרוואַלטונג. די רעגירונג האָט דערזענ, אז אפּ אקטיווער הילפ פונ די אָנפירנדיקע קלאסנ איז שווער אויסצורעכענענ, האָט זי פאָרגעלייגט די קאָזאקנ צו פאַרלאָזנ אזאָוו.

§ 52. די פעאָדאַל־לייבייגנטימערישע ווירטשאַפט.

די לאַגע פונ די פויערימ. ווי אינ די פריקע יאָרהונדערטער פונ פעאָדאַליזמ, איז אויכ אינעמ XVII יה. די ערד פונ יעדנ פעאָדאַלנ באַזיצ באשטאַנענ פונ פּרי־צישער ערד אונ פונ פויערשער. די פויערימ האָבנ באארבעט זייערע ערד־כאַלאָקימ אונ געפירט אפּ זיי א ווירטשאַפט, אונ דאָס פלעגט זיי געבנ די מיטלענ צומ לעבנ. כוצ דעמ פלעגנ די פויערימ מיט זייער אינווענטאַר באארבעטנ דעמ פּאָרעצס ערד, אונ די גערעטעניש פלעגט גיינ אינגאנצנ פארנ פּאָרעצ. ווי עס האָט אָנגעוויזנ וו. אי. לענינ, זיינענ פאר דער עקזיסטענצ פונ אָט דער דאָזיקער ווירטשאַפט־סיס־טעמ, וועלכע הייסט „פאנשטשינע־ווירטשאַפט“, נייטיק פאָלגנדיקע באַדינגונגענ: „ערשטנס, די הערשאַפט פונ דער נאטורעלער ווירטשאַפט. דער לייבייגנטימערישער גוט דארפ מיט זיכ פאָרשטעלנ א זעלבסטגענוגנדיק געשלאָסענע איינהייט, וואָס גע־פינט זיכ אינ זייער א שוואכער פארבינדונג מיט דער איבעריקער וועלט“ [1]. צווייט־טנס, איז פאר אזא ווירטשאַפט נייטיק, אז דער פויער זאָל באקומענ א כיילעק ערד אונ זאָל זיינ צו אימ צוגעפעסטיקט, קעדיי ער זאָל ניט קאָנענ אוועקגיינ פונ דעמ גוטבאזיצער. דער דריטער באַדינג איז דעמ פויערס פערזענלעכע אָפּהענגיקייט פונ דעמ גוטבאזיצער: „ווענ דער גוטבאזיצער וואָלט ניט געהאַט קיינ דירעקטע מאכט איבער דער פערזענלעכקייט פונעמ פויער, — האָט לענינ געשריבנ, — וואָלט ער ניט געקאָנט צווינגענ, עס זאָל אפּ אימ ארבעטנ א מענטש, וואָס פאַרמאָגט אנ אייגענעמ כיילעק ערד אונ פירט אנ אייגענע ווירטשאַפט“ [2]. דער פערטער באַדינג (אונ דער רעזולטאַט) פונ דער פאנשטשינע־ווירטשאַפט איז „דער העכסט־נידעריקער רוטינע־צושטאַנד פונ דער טעכניק, ווייל דאָס פירנ די ווירטשאַפט איז געלעגנ אינ די הענט פונ קליינפויערימ, וואָס זיינענ דערדריקט דורכ נויט, דערנידעריקט דורכ דער פערזענלעכער אָפּהענגיקייט אונ אינטעלעקטועלער פינצטערקייט“ [3].

דעמ פויערס אָפּהענגיקייט פונעמ ערדבאזיצער, וואָס איז אויפגעקומענ צוזאַמענ מיט דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט, איז מיט דער צייט געוואָרנ אלצ שווערער. די צאַ־

---

[1] לענינ, ווערק, ב. III, ז. 140.
[2] דאָרטנ.
[3] דאָרטנ, ז. 141.

רישע רעגירונג האָט דורכ א רײ אוקאזנ אינ XVI יה. אונ אינ דער ערשטער העלפט XVII יה. פארפיקסירט אונ נאָכ מער פארשטארקט די מאכט פונ די גוטבאזיצער איבער די פויערים. די פויערים האָבנ פארלאָרנ דאָס רעכט אוועקצוגײנ אינעמ יורי-טאָג; די גוטבאזיצער האָבנ גענומענ אופזוכנ אונ אומקערנ צוריק די אנטלאָפענע פויערים אינ פארלויפ פונ 5 יאָר אונ נאָכדעמ אפילע פונ 15 יאָר. אָבער אפילע דאָס האָט די גוטבאזיצער ניט צופרידנגעשטעלט. זײ האָבנ אלצ געפאָדערט, מע זאָל אינגאנצנ אָפשאפנ די טערמינענ פונ אופזוכנ אונ צוריקערנ די אנטלאָפענע, אונ זײ האָבנ זיכ עס דערשלאָגנ. לויטנ געזעצ („אולאָזשעניע") פונעמ צאר אלעקסײ מיכײלאָוויטש (1649) האָט מענ די אנטלאָפענע פויערים, אויב מע פלעגט זײ כאפנ, אָפגעגעבנ צוזאמענ מיט זײערע מישפּאָכעס אונ מיטנ פארמעגנ די אלטע באזיצער, וויפל צײט עס זאָל ניט האָבנ אוועק, פונ זינט די פויערים זײנענ אנטלאָפנ. די פריצים פלעגנ לויטנ אײגענעמ ווילקיר אריבערפירנ די פויערים פונ אײנ באזיצ אינ אנ אנדערנ. עס זײנענ געוואָרנ אלצ אָפטער די פאלנ פונ פארקויפנ די פויערים אָנ ערד. אזויארומ האָט די פעאָדאלע אָפהענגיקײט פונ די פויערים זיכ אויסגעדריקט אינעמ לײביגנטומ, וואָס איז פארפיקסירט געוואָרנ דורכ די מעלוכע-געזעצנ.

די דאָרפישע באפעלקערונג איז אינ דער רוסישער מעלוכע פונ XVII יה. באשטאנענ פונ עטלעכע קאטעגאָריעס. די פריוואט-באזיצערישע פויערים האָבנ געלעבט אפ דער ערד, וואָס האָט געהערט די מאָנאסטירנ, דער קירכ, די באָיארנ אונ די גוטבאזיצער. די פויערים, וואָס זײנענ געווענ צוגעשריבנ צומ צארישנ פאלאצ אונ וואָס פלעגנ צושטעלנ פאר אימ פראָדוקטנ, האָבנ באקומענ דעמ נאָמענ „דוואָרצאָווע", פאלאצ-פויערים. די גאנצע איבעריקע ערד האָט געהערט דער מעלוכע, אונ די פויערים, וואָס האָבנ געלעבט אפ אָט דער ערד, האָבנ געהײסנ „שווארצע" («черные») אָדער „שווארצסאָכעדיקע" («черносошные»). אפ אלע פויערים האָבנ געדריקט שווערע צארישע שטײערנ.

אינ XVII יה. האָט די צאָל פריוואט-באזיצערישע פויערים געהאלטנ אינ אײנ וואקסנ. בא די ערשטע צארנ פונ דער ראָמאנאָוו-דינאסטיע האָט די רעגירונג צעגעבנ דער הויפ-אריסטאָקראטיע אונ די אדל-לײט א גרויסנ סכומ ערד צוזאמענ מיט די „שווארצסאָכעדיקע" אונ „דוואָרצאָווע" פויערים. גרויסע ערד-מאסיוונ האָבנ צעכאפט דעמ צארס קרוווימ. צומ סאָפ פונ אָט דעמ יאָרהונדערט איז דער כילעק, וואָס איז פריער געווענ צווישנ די גיטער אונ די יערושע-נאכלעס, קימאט פארשווונדנ, ווײל די מערהײט גיטער האָט גענומענ איבערגײנ בעיערושע.

די לאגע פונ די פריוואט-באזיצערישע פויערים איז געווענ באזונדערס שווער. אינ XVII יה. האָבנ די פריצים אלצ מער אונ מער פארגרעסערט דעמ סכומ ארבעט, וואָס דער פויער איז מעכויעוו געווענ צו טאָנ אפנ פאָרעצס פעלד. כוצ דעמ פלעגנ די פויערים ארײנטראָגנ דעמ ערדבאזיצער נאטורעלנ טשינש, וואָס איז באשטאנענ פונ פארשיידנארטיקע פראָדוקטנ פונ דער לאנדווירטשאפט אונ פונ די דאָרפישע געווערבנ. די פראָדוקטנ, וואָס פלעגנ ארײנקומענ פונ די פויערים, פלעגנ גײנ אפ דערנערנ דעמ גוטבאזיצערס פאמיליע אונ זײנע הויפ-מענטשנ. כוצ דעמ נאטורעלנ טשינש מיט פראָדוקטנ פונ זײער ווירטשאפט, האָבנ נאָכ די פויערים געמוזט צאָלנ דעמ גוטבאזיצער געלט-טשינש, וועלכער האָט געווײנלעכ באטראָפנ פונ 50 קאָפ. ביז 1 רובל פונ יעדנ פויערשנ הויפ.

אז עס פלעגט קומען הארבסט, ענדע שניט, פלעגן א סאך פויערים זיך נעמען צו פארשיידענע מעלאָכעס. מע האָט געוועבט לייוונט, געוואלקעוועט וואָל, אויסגעארבעט פעל, געמאכט הענטשקעס, געטאָקט הילצערנע געפעס, געשמידט פון אייזן לאנדווירטשאפטלעכע געצייג אאוו. א טייל פון אָט די זאכן פלעגט בלייבן באם פויער אין דער ווירטשאפט אָדער אָפגעגעבן ווערן דעם פּאָרעץ אלס טשינש. דאָס איבעריקע פלעגט פארקויפט ווערן אפן נאָענטסטן מארק. נייטיקנדיק זיך אין געלט אפ צו באצאָלן די צארישע שטייערן און דעם געלט-טשינש די פריצים, האָבן זיך די פויערים. אלץ מער און מער גענומען פארבינדן מיטן מארק, ווייל נאָר פונעם פארקויפן זייערע פראָדוקטן האָבן זיי געקאָנט באקומען די נייטיקע געלט-מיטלען.

לאנדווירטשאפטלעכע ארבעט. זאמלונג „לעקארסטוואָ דושעוונאָיע" („א רעפועה פאר דער נעשאָמע"), XVII יה.

באגלייך מיט דער אנטוויקלונג פונעם פויערשן האנדל האָט זיך פארשטארקט די דיפערענצירונג צווישן די פויערים גופע. אין די דערפער זיינען אופגעקומען פויערים — אופקויפערס. אייניקע פון זיי פלעגן איינגאנצן אוועקווארפן די לאנדווירטשאפט און ווערן סאָכרים.

אין XVII יה. האָבן זיך שוין די גוטבאזיצער ניט באנוגנט מיט די פראָדוקטן, וואָס זיי פלעגן באקומען בא די פויערים אָדער בא זייערע כאָלאָפעס און האנטווערקער. דער רייכער באָיארין און דער הויפטשטאָטישער אדלמאן פלעגן זיך נייען קליידער פון איטאליענישן סאמעט אָדער פון ענגלישן געוואנט, טראָגן סויבלענע היט; זיי האָבן ליב געהאט טייערע צירונג, געטרונקען אויסלענדישע וויין, פלעגן זיך איינשאפן פאר זייער שטוב-ווירטשאפט פארשיידענע כפייצים פון אויסלאנד. אָט די אלע זאכן האָבן זיי געקאָנט קויפן נאָר אפן מארק פאר דעם געלט, וואָס זיי פלעגן באקומען פון די פויערים אָדער וואָס זיי פלעגן אויסלייזן פון פארקויפן די פראָדוקטן פון דער פויערשער ווירטשאפט.

די ליבייגנטימערישע ווירטשאפט האָט זיך גענומען צופאסן צום מארק, וואָס האָט אין XVII יה. געהאלטן אין אנטוויקלען זיך.

אלס ביישפיל פון א גרויסער ליבייגנטימערישער ווירטשאפט אינמיטן XVII יה. קאָן דינען די ווירטשאפט פונעם באָיארין באָריס איוואנאָוויטש מאָראָזאָוו. מאָראָזאָוו האָט אין זיינע גרויסע באזיצן פארמאָגט בא 300 דערפער, ווו עס האָבן געלעבט העכער 40 טויזנט ליבייגענע פויערים. בלויז געלט-האכנאָסע פלעגט מאָראָזאָוו יעדעס יאָר באקומען פון די

פויערימ 10 טויזנט רובל (רעכענענדיק אפנ געלט פונ אָנהייב XX יה. באטרעפט דאָס בא 170 טויזנט רובל). אינ די פילצאָליקע שפּײַכלערס זײַנענ געלעגנ הונדערטער טויזנטער פּוד טווּגע. בײַם דער מילכאָמע מיט פּוילנ האָט מאָראָזאָוו אויסגענוצט די הויכע פּרײַזנ אפּ ברויט אונ האָט אָנגעקליבנ א קאָלאָסאל פּארמעגנ. בא מאָראָזאָוונ אינ פּריצישנ הויפ האָבנ געלעבט ביז 700 דינער אונ הויפ-מענטשנ, וואָס אפּ אופּצוהאלטנ זיי פלעגנ די פויערימ צושטעלנ א גרויסנ סכומ פארשיידענע פּראָדוקטנ. מאָראָזאָוו האָט אויסגעבויט אײַזנ- אונ פּאָטאש-זאוואָדנ אונ האָט געצוווּנגענ זײַנע פויערימ צו טאָנ דאָרט די סאמע שווערע ארבעט. דעמ פּאָטאש (אש, וואָס ווערט צוגעגרייט אפּ א ספּעציעלנ אופנ) פלעגט מענ פארקויפנ אויסלענדישע סאָכרימ.

מאנופאקטורנ. פונ די האנטווערקער, וואָס האָבנ געלעבט אינ די שטעט, איז זעלטנ-ווער געווענ פארבונדנ מיט דער לאנדווירטשאפט. זיי פלעגנ אופקויפנ אפּנ מארק רוישטאָפּ אונ פארקויפנ די פּראָדוקטנ פונ זייער ארבעט. אינ יעדער מער באדײַטנדיקער שטאָט זײַנענ געווענ צענדליקער פארשיידנארטיקע מעלאָכעס.

א שוכטער-קלייט אינ מאָסקווע, XVII יה. פונ אָלעאר יענ.

באגלײַכ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער האנטווערקערישער פּראָדוקציע האָבנ זיכ אינ רוסלאנד אינ XVII יה. באוויזנ די ערשטע מאנופאקטורנ. דער האנטווערקער מאכט דעמ פּראָדוקט פונ זײַנ ארבעט אליינ. אינ די מאנופאקטורנ ארבעט שוינ צוזאמענ, אָפּהענגיק פונעמ פארנעמ פונ דער אונטערנעמונג, א געוויסע צאָל ארבעטער. יעדערער פונ זיי פילט אויס א באזונדערנ טייל פונ דער געמיינזאמער ארבעט. די ארבעט אינ דער מאנופאקטור ווערט געטאָנ מיט דער האנט, מיט דער הילפ פונ פּאָשעטע אינסטרומענטנ (דער נאָמענ „מאנופאקטור“ שטאמט פונ די לאטײַנישע ווערטער: „מאנוס“ — א האנט אונ „פאקטום“ — באארבעט). אינ פארגלײַכ מיט דער ארבעט פונעמ האנטווערקער גיט די מאנופאקטור א העכערע ארבעט-פּראָדוקטיווקײַט. אינ 1632 י. האָט דער האָלענדישער סויכער אנדריי וויניוס באקומענ דאָס רעכט פאנאנדערצוארבעטנ דאָס אײַזנארצ ארומ טולע אונ האָט אויסגעבויט די ערשטע אײַזנ-מאנופאקטור, וואָס האָט געלייגט דעמ יעסאָד פאר די קומענדיקע טולער אײַזנ-זאוואָדנ. אינ עטלעכע יאָר ארומ האָט אונטער מאָסקווע דער שוועד קאָיעט אויסגעבויט א גלאָז-זאוואָד. אינ דער צווייטער העלפט XVII יה. האָבנ די מעלוכע, די סאָכרימ, די ערדבאזיצער אָרגאניזירט א גאנצע ריי מאנופאקטורנ: אפּ מאכנ אײַזנ, שמעלצנ קופּער, אויסארבעטנ גלאָז, פּאפּיר, לעדער. די גרונט-קאדרענ ארבעטער אינ די מאנופאקטורנ פונ יענער צײַט זײַנענ באשטאנענ פונ פויערימ (לײַבייגע-

נע) אָדער פונ אנדערע אָפּהענגיקע מענטשנ. עס האָבנ זיכ שוינ דאָ באוויזנ אויכ געדונגענע פרײַע „ארבעטס-לײַט“, וואָס האָבנ געשטאמט פונ די אָרעמסטע שיכטנ פונ דער שטאָטישער באפעלקערונג.

דער האנדל. די מערקלעכ, וואָס פלעגנ אופקומענ אינ די שטעט אונ אינ אייניקע גרויסע דערפער, זײַנענ פריִער געווענ קנאפּ-וואָס פארבונדנ איינס מיטנ אנדערנ. אינ XVII יה. האָט זיכ צווישנ די מערקלעכ אינ די דערפער אונ שטעט אײַנגעשטעלט א קעסיידערדיקער האנדלס-פארקער. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז אינ אייניקע ערטער האָט די שטאָטישע אונ דאָרפישע באפעלקערונג זיכ גענומענ ספּעציאליזירנ אפ אויסארבעטנ א באשטימטנ מינ סכוירע. די שווארצערדישע ראיאָנענ פלעגנ באזאָרגנ מיט זייער ברויט די צענטראלע געביטנ פונ דער מעלוכע; יאראָסלאוול האָט געשעמט מיט זײַנע שפּיגלענ, וואָס מע פלעגט זיי ארויספירנ אפילע קיינ סיביר; וואָלאָגדע האָט אויסגעארבעט פארשיידענע זאכנ פונ אײַזנ; קאלוגע איז געווענ בארימט מיט מײַסטער-ווערק, געמאכטע פונ האָלצ אאוו. אינ די דאָרעמדיקע שטעט האָט מענ געקאָנט טרעפנ סאָכרימ פונ צאָפנ-פּאָמאָריע; אינ די צאָפנדיקע שטעט פלעגנ זיכ צונויפפאָרנ פארשיידענע האנדלס-לײַט, וואָס פלעגנ אײַנקויפנ סכוירעס צומ ארויספירנ קיינ ארכאנגעלסק, קיינ סיביר אונ אנדערע ערטער. אָט אזוי האָבנ געגנטנ אונ שטעט גענומענ פארלירנ זייער פריִערדיקע עקאָנאָמישע אָפּגעזונדערטקײַט.

אינ XVII יה. איז, ווי עס ווײַזט אָנ לענינ, פאָרגעקומענ די צונויפגיסונג פונ די קליינע מערק אונ מערקלעכ אינ איינ „אלרוסלענדישנ מארק“[1]. מיט דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל-אויסטויש צווישנ פארשיידענע קאנטנ האָבנ די געביטנ, וואָס זײַנענ פריִער געווענ טיילנ פונ באזונדערע פּידשטנטומס, פאקטיש זיכ צונויפגעגאָסנ אינ איינ גאנצעס. אומעטומ האָבנ גענומענ פארשווינדנ די אָרטיקע באזונדערהײַטנ, וואָס זײַנענ פארבליבנ פונ די פריִערדיקע צײַטנ, אונ עס האָט זיכ גענומענ אײַנשטעלנ אנ אלגעמיינע אָרדענונג פאר גאנצ רוס.

דער האנדל האָט פארבונדנ די רוסישע מעלוכע מיט פיל אויסלענדישע מעלוכעס. די גרעסטע פּאָרט-שטאָט פאר האנדל מיט מערעוו-אייראָפּע איז געוואָרנ ארכאנגעלסק. יעדנ זומער פלעגט אינ ארכאנגעלסקער פּאָרט אָנקומענ א גרויסע צאָל ענגלישע, האָלענדישע אונ דײַטשישע שיפנ מיט קאָלערליי סכוירעס: געוואנטנ, זײַדנס, טײַערע געשיר, געווער, מעטאלנ א. אנד. צו יענער צײַט פלעגנ אהער מיט דער צאָפנדווינע אָנפאָרנ רוסישע סאָכרימ מיט סיבירער רויכווארג, מיט פעל, האנפ, לײַנ, סמאָלע, פּאָטאש, שפעק אונ מיט די ארבעטס-פּראָדוקטנ פונ די פויערימ אונ פונ די שטאָטישע באלמעלאָכעס. דער האנדל מיט מיזרעכ איז געגאנגענ דעריקער דורכ אסטראכאנ, וווהינ די בוכארער אונ פערסישע סאָכרימ פלעגנ ברענגענ צו פירנ סכוירעס פונ מיזרעכ.

די שטעט. די אנטוויקלונג פונ דער האנטווערקערישער פּראָדוקציע אונ פונעמ האנדל האָט מיטגעהאָלפנ דעמ וווּקס פונ די שטעט. די שטאָט איז אינ דער רוסישער מעלוכע פונ XVII—XVI יה. באשטאנענ פונ עטלעכע טיילנ. דער צענטראלער טייל שטאָט איז געווײַנלעכ געווענ ארומגערינגלט מיט א הילצערנע, און אינ אייניקע גרויסע שטעט אפילע מיט געמויערטע ווענט — מיט שיס-נעסטנ אונ מיט טו-

[1] לענינ, ווערק, ב. I, ז. 73.



ארכאנגעלסקער פּאָרט אינ XVII יה. האָלענדישע גראוויור פונ XVII יה.

רעמס. אהינטער די ווענט פונ די באפעסטיקונגענ האָבנ זיכ געפונענ די אדמיניסטראטיווע אנשטאלטנ, דאָרט האָט מענ געהיט די זאפאסנ שפּײַז אונ פולווער, דאָ זײַנענ געשטאנענ ספּעציעלע הײַזקעס פאר דער באפעלקערונג אפנ פאל פונ א באלאגערונג. דער דאָזיקער טייל שטאָט האָט געהייסנ קרעמל, אָסטראָג אָדער פּאָשעט „גאָראָד“ (דער ארומגעצאמטער טייל שטאָט). הארט לעבנ דעם באפעסטיקטנ טייל שטאָט איז געלעגנ דער יִשוּב פונ די האנטווערקער אונ פונ די קליינע הענדלער — דער „פּאָסאד“. ווײַטער, הינטער דעם פּאָסאד, צווישנ לאָנקעס אונ פעלדער, זײַנענ געווענ פאנאנדערגעוואָרפנ באזונדערע סלאָבאָדעס אונ דערפער, וואָס האָבנ געהערט די מאָנאסטירנ אָדער די באָיארנ.

די אנטוויקלונג פונעם אינערלעכנ אונ אויסערלעכנ האנדל פונ דער רוסישער מעלוכע אינ XVII יה. האָט מיטגעהאָלפנ דערצו, אז עס זאָל זיכ אנטוויקלענ א קלאס סאָכרים. דער העכערער שיכט פונעם סאָכרימטום, וואָס האָט געהאט גרויסע פּריווילעגיעס, האָט געטראָגנ דעם טיטל „גאָסטי“ (געסט). דער דאָזיקער טיטל פלעגט געגעבנ ווערנ לויט ספּעציעלע צארישע גראמאָטעס. דאָס רוסישע סאָכרימטום האָט געפירט א קאמפ מיט די אויסלענדישע (ענגלישע, האָלענדישע, דײַטשישע אונ אנדערע) סאָכרים, וואָס האָבנ געשטרעבט צו פארכאפּנ דעם רוסישנ מארק צו זיכ אינ די הענט. די רוסישע סאָכרים האָבנ זיכ דערשלאָגנ בא דער רעגירונג, זי זאָל פארבאָטנ די אויסלענדער צו האנדלענ אָנ „פּאָשלינע“, דה. אָנ גרענעצ-אָפּצאָל.

אפ דער פּאָסאד-באפעלקערונג זײַנענ ארופגעלייגט געוואָרנ געלט-פליכטנ אונ נאטורעלע פליכטנ — די אזויגערופענע „פּאָסאדסקאָיע טיאגלאָ“. אלע, וואָס האָבנ געצאָלט די „טיאגלאָ“, האָבנ געהייסנ „טיאגלעצי“. פונ אָט די פליכטנ איז געווענ באפרײַט די באפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אפ דער ערד פונ דער קירכ, פונ די באָיארנ אונ פונ די אדל-לײַט. די פּאָסאד-באפעלקערונג איז באשטאנענ פונ עטלעכע קאטעגאָריעס, אָפּהענגיק פונעם פארמעגנס-צושטאנד. צו דער העכסטער קאטעגאָריע האָבנ געהערט די גרויסע סאָכרים. די האנטווערקער אונ די קליינע הענדלער, ווי אויכ די, וואָס האָבנ געלעבט פונ צופעליקער ארבעט, — זיי האָבנ געבילדעט די נידעריקערע שיכטנ פונעם פּאָסאד. די רײַכע „טיאגלאָ“-צאָלער פונעם פּאָסאד, אָדער, ווי

מע האָט זיי גערופֿנ, די „פֿײַנערע מענטשנ“, פֿלעגנ פֿאַרנעמענ די געווײלטע שטעלעס און האָבנ זיכ געסטאַרעט צו פֿאַרלײַכטערנ פֿאַר זיכ די לאַסט פֿונ די פּאָסאַד-שטײַערנ. די לאַגע פֿונ די אונטערשטע שיכטנ פֿונ דער פּאָסאַד-באַפֿעלקערונג איז געווענ זייער א שווערע: זיי זײַנענ געווענ פֿאַרשקלאַפֿט בא די רײַכע סאָכרימ, אַפֿ זיי איז געפֿאַלנ די לאַסט פֿונ די שווערע מעלוכע-שטײַערנ.

§ 53. שטאָטישע אופֿשטאַנדנ אינמיטנ XVII יה.

דער צאַר אַלעקסײ מיכײַלאָוויטש. נאָכנ טויט פֿונעמ צאַר מיכאַיל איז אַפֿנ מאָסקווער טראָנ אַרופֿגעטראָטנ זײַנ זונ אַלעקסײ מיכײַלאָוויטש (1645—1676). דאָס איז געווענ נאָכ גאָר א יונגערמאַנ, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט סאָקאָלנ-יאַגד אונ אַנדערע פֿאַרווײַלונגענ. דאָס רעגירנ האָט אַרײַנגענומענ צו זיכ אינ די הענט זײַנ דערציִער, דער באָיאַרינ באָריס איוואַנאָוויטש מאָראָזאָוו. ער האָט אַפֿ די וויכטיקסטע פּאָסטנס אַוועקגעשטעלט זײַנע מעקוראָווימ. קעדיי צו פֿאַרפֿעסטיקנ זײַנ אײַנפֿלוס, האָט מאָראָזאָוו כאַסענע געמאַכט דעמ צאַר מיט איינער פֿונ די טעכטער פֿונעמ אַדלמאַנ מילאָסלאַווסקי, וועלכער האָט געשטאַמט ניט פֿונ גרויסנ ייִכעס, אונ אַליינ האָט ער כאַסענע געהאַט מיט מילאָסלאַווסקיס א צווייטער טאָכטער.

די לאַגע אינ דער רוסישער מעלוכע איז צו יענער צײַט, ווענ דער צאַר מיכאַיל איז געשטאָרבנ, געווענ א שווערע. די ניט-געלונגענע מילכאָמע מיט פּוילנ האָט אינגאַנצנ רויִנירט דאָס לאַנד, וואָס איז נאָכ ניט געהאַט געקומענ צו זיכ פֿונ די פֿאָלגנ פֿונ דער אינטערווענציע. מאָראָזאָוו האָט זיכ גענומענ, קוידעמקאָל, פֿאַרפֿעסטיקנ די פֿינאַנצנ. פֿונ עקאָנאָמיע וועגנ האָט ער פֿאַרקלענערט דאָס געהאַלט די דינסט-לײַט. קעדיי צו העכערנ די האַכנאָסעס, איז אײַנגעפֿירט געוואָרנ א נײַער, זייער א גרויסער שטײַער אַפֿ זאַלצ. טויזנטער פֿודנ פֿיש האָבנ געפֿוילט, ווײַל עס איז אומעגלעכ געווענ צו קויפֿנ זאַלצ. די רעגירונג האָט געמוזט אַפֿגיכ אָפּשאַפֿנ דעמ זאַלצ-שטײַער. מע האָט גענומענ אײַנפֿירנ אַנדערע שטײַערנ. די הויכע שטײַערנ זײַנענ מיט זייער גאַנצער לאַסט געפֿאַלנ אַפֿ די ווייניק-פֿאַרמעגלעכע שיכטנ פֿונ דער באַפֿעלקערונג, בײַפּראַט אַפֿ די שטאָטישע האַנטווערקער, שוואַרצאַרבעטער, קלייִנהענדלער.

אינ גאָר אַנ אַנדער לאַגע האָבנ זיכ געפֿונענ די רײַכע „געסט“ (די סאָכרימ), וואָס פֿונ צווישנ זיי פֿלעגנ עס באַשטימט ווערנ די אופֿמאָנער פֿונ די שטײַערנ אונ אָפּצאָלנ. זיי פֿלעגנ רײַכ ווערנ אַפֿנ כעזשבנ פֿונ דער אָרעמשאַפֿט. די באַשטײַערונג האָבנ אויסגעמיטנ אויכ די האַנדלס-לײַט, וואָס האָבנ געשטאַמט פֿונ פּויערימ, וועלכע האָבנ געהערט צו די באָיאַרנ אונ צו דער קירכ. פֿיל פֿונ זיי האָבנ געפֿירט זייער גרויסע געשעפֿטנ, נאָר זיי פֿלעגנ קיינע שטײַערנ ניט צאָלנ, ווײַל זיי זײַנענ געווענ לײַבייגענע. אַרומ די שטעט זײַנענ געווענ גרויסע סלאָבאָדעס, וואָס האָבנ געהערט צו די באָיאַרנ אונ מאָנאַסטירנ. די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿונ די דאָזיקע סלאָבאָדעס האָט זיכ באַשעפֿטיקט מיט האַנדל אונ מעלאָכעס אונ האָט מיט דערפֿאָלג קאָנקורירט מיט די פּאָסאַד-אײַנוווינער, ניט טיילנדיק מיט זיי די שטײַערנ-לאַסט.

די אופֿשטאַנדנ אינ די שטעט. די שווערע לאַגע פֿונ די נידעריקע שיכטנ פֿונ דער פּאָסאַד-באַפֿעלקערונג האָט אינ די ערשטע יאָרנ פֿונ אַלעקסײ מיכײַלאָוויטשעס קיניגנ דערפֿירט צו א רײ אופֿשטאַנדנ אונ אומרועננ אינ די שטעט. דעמ 1 יונ 1648 י. האָט דער צאַר זיכ צוריקגעקערט פֿונ גאָטעסדינגסט קיינ מאָסקווע. דער

אוילעמ, וואָס איז אימ ארויס אנטקעגנ, האָט זיכ פאר אימ גענומענ באקלאָגנ אפ מאָראָזאָווס מעקוראָווימ. די אָנקלאָגער האָט מענ צעטריבנ מיט בײַטשנ. צומאָרגנס האָט זיכ דער האמויג ארײַנגעריסנ אינ קרעמל אונ האָט זיכ געלאָזט צומ פאלאצ, פאָדערנדיק, אז מע זאָל אימ זײַנע הענט איבערגעבנ לעאָנטי פלעשטשעיעוו, וואָס האָט געהאט צו שאפנ איבער דער פאָליציי אינ דער הויפטשטאָט. אינ פאָלק איז פלעשטשעיעוו געווענ באוווּסט אלס אנ אכזאָריעסדיקער אונטערדריקער אונ גאזלענ. די באָיארנ, וואָס זײַנענ ארויס פונ פאלאצ אײַנרײדנ דעמ אוילעמ, האָבנ געמוזט אנטלויפנ. מע האָט אָנגעהויבנ גראָמירנ די הײַזער פונ די באָיארנ אונ דיאקעס. אײַנער פונ די אײַנפלוסרײַכסטע דיאקעס איז דערהארגעט געוואָרנ. דער אופשטאנד איז געוואָרנ אלצ דראָענדיקער אינ פארנעמ. עס זײַנענ אויסגעבראָכנ סרײפעס, וואָס האָבנ ארומגעכאפט א גרויסנ טייל שטאָט. דער איבערגעשראָקענער צאר האָט איבערגעגעבנ אינ די הענט פונעמ האמויג די סאמע פארהאסטע סראָרעס — פלעשטשעיעוונ אונ טראכאניאָטאָוונ. מע האָט זיי דערהארגעט. די אופשטענדלער האָבנ געפאָדערט דעמ קאָפ פונ מאָראָזאָוונ אליינ. דער צאר האָט ארויסגעשיקט אפנ רוימנ פלאצ באָיארנ, וואָס האָבנ אינ זײַנ נאָמענ געשווירנ, אז מאָראָזאָוו וועט באזײַטיקט ווערנ פונ רעגירנ. באנאכט האָט מענ אימ ארויסגעפירט פונ מאָסקווע אינ איינעמ פונ די ווײַטסטע מאָנאסטירנ.

דער אופשטאנד איז געוואָרנ נאָכ מער געפערלעכ, ווײַל עס האָבנ אימ אויסגענוצט אויכ די אדל=לײַט, וואָס זײַנענ זיכ גראָד צונויפגעפאָרנ אפ דינסט. די פאָסאד=באפעלקערונג אונ די אדל=לײַט האָבנ אָנגעגעבנ דעמ צאר א ביטעשריפט מיט א פאָדערונג צונויפצורופנ א זעמסקי סאָבאָר אפ צונויפשטעלנ א נײַעמ געזעצנ=קאָדעקס, א נײַע „אולאָזשעניע“.

גלײַכצײַטיק מיט מאָסקווע זײַנענ פאָרגעקומענ אומרועס אינ א גאנצער ריי אנדערע שטעט: אינ קורסק, אינ סאָל ווִיטשעגאָדסקאיא (סאָלוויטשעגאָדסק), אינ אוסטיוג א. אנד. די רעגירונג האָט זיכ צוגעײַלט אונ האָט אינ הארבסט 1648 י. צונויפגערופנ א זעמסקי סאָבאָר. די צאָל אָנטיילנעמער פונעמ סאָבאָר איז געווענ זייער גרויס. אינ דער איבערוועגנדיקער מערהײַט זײַנענ דאָס געווענ אויעזדנע אדל=לײַט אונ פאָסאד=לײַט. אלע זייערע פאָדערונגענ זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ. אינ יאנוואר 1649 י. איז באשטעטיקט געוואָרנ א נײַע „אולאָזשעניע“ — א געזעצנ=קאָדעקס. אינ דעמ דאָזיקנ געזעצנ=קאָדעקס זײַנענ גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרנ די פליכטנ אונ די רעכט פונ באזונדערע שטאנדנ: די באדינגונגענ פונ דינסט פונ די אדל=לײַט אונ אויכ די באדינגונגענ פונ דער פאָסאדישער „טיאגלאָ“ (די שטײַערנ=פליכטנ). צוגונסטנ דעמ אדל איז דערלייזט געוואָרנ, סאָפקאָלסאָפ, די פראגע, וואָס די גוטסבאזיצער האָבנ ניט איינ מאָל אופגעהויבנ,—וועגנ אָפשאפנ די טערמינענ פונ אופזוכנ די אנטלאָפענע פויערימ אונ וועגנ פולשטענדיקנ פארוואנדלענ די פויערימ אינ לײַבייגענע. די פאָסאד=לײַט האָבנ זיכ דערשלאָגנ, אז אלע באָיארישע אונ קירכלעכע סלאָבאָדעס זאָלנ אָנגעשלאָסנ ווערנ צו די פאָסאדנ. די באפעלקערונג פונ אָט די סלאָבאָדעס איז אויסגעגלײַכט געוואָרנ אינ די שטײַערנ=פליכטנ מיט די פאָסאד=לײַט. די פאָסאד=באפעלקערונג גופע איז ענדגילטיק צוגעפעסטיקט געוואָרנ צו די פאָסאדנ, וווּ זי האָט געלעבט. די „אולאָזשעניע“ האָט גלײַכצײַטיק זייער פארשטארקט די צארישע מאכט, האָט אײַנגעפירט טויט=שטראָפ פאר פארברעכנס קעגנ דעמ צארס פערזענלעכקײַט אונ הארבע שטראָפנ פאר באליידיקנ דעמ צאר.

די באוועגונג, וואָס האָט זיך דורכגעקײַקלט איבער די שטעט פון דער רוסישער מעלוכע זומער 1648 י., האָט זיך אײַנגעשטילט ניט מיטאמאָל. אין 1650 י. זײַנען אויסגעבראָכן זייער שטארקע אומרוען אין נאָווגאָראָד און אין פסקאָוו.

באזונדערס שטארק איז געווען דער אופשטאנד אין פסקאָוו. די פסקאָווער אײַנוווינער האָבן אראָפּגעזעצט דעם צארישן וואָיעוואָדע און אָרגאניזירט אן אייגענע פארוואלטונג. זיי האָבן אוועקגעשיקט קיין מאָסקווע א ביטשריפט, אין וועלכער זיי האָבן, אגעוו, געפאָדערט, אז זייערע פאָרשטייער זאָלן זיך באטייליקן אינעם וואָיעוואָדישן געריכט. אין דער ענטפער-גראַמאָטע, וואָס איז אָנגעקומען פון מאָסקווע, האָט מען זיי פירגעוואָרפן: „עס איז קיינמאָל ניט געווען, אז מוזשיקעס זאָלן צוזאמען מיט באָיארן און וואָיעוואָדעס באטייליקן זיך אין געריכט-איניאָנים, און דאָס וועט ווײַטער אויך ניט זײַן“. גלײַכצײַטיק איז קעגן פסקאָוו ארויסגעשיקט געוואָרן א שטארקע ארמיי.

די פסקאָווער אײַנוווינער האָבן זיך מוטיק פארטיידיקט אין מעשעך פון קימאט דרײַ כאָדאָשים און האָבן פארשאפט גרויסע פארלוסטן דעם צארישן מיליטער. אין פסקאָווער אויעזד האָבן די אופגעשטאנענע פויערים גענומען אויסהארגענען די גוטסבאזיצער. דער אופשטאנד האָט אָנגענומען אזא ערנסטן כאראקטער, אז דער צאר האָט אוועקגעשיקט קיין פסקאָוו א דעלעגאציע מיט א צוזאָג צו געבן אמניסטיע. קיין פולע איינהײַט איז אין פסקאָוו ניט געווען. די רײַכע לײַט האָבן גענומען אײַנריידן די פסקאָווער אײַנוווינער, זיי זאָלן אופהערן זיך אנטקעגנשטעלן און זאָלן שווערן טרײַהײַט דעם צאר. ריכטנדיק זיך אויף אן אמניסטיע, האָבן די פסקאָווער נאָכגעגעבן. מע האָט זיי אָבער ביטער אָפּגענארט. ווען דער אופשטאנד האָט זיך אײַנגעשטילט, איז אוועק א גאנץ קעפּונגען און פארשיקונגען. די פסקאָווער רײַכע לײַט האָבן נאָך אליין מיטגעהאָלפן דער צארישער אדמיניסטראציע, איבערגעבנדיק אין אירע הענט די איניציאטאָרן פונעם אופשטאנד.

§54. די פארוואלטונגס-אָרגאנען פון דער רוסישער מעלוכע.

די צארישע מאכט. אין XVII יה., אין די צײַטן פון די ראָמאנאָווס, האָט זיך ענדגילטיק אויסגעבילדעט די מעלוכע-אָרדענונג פון דער פעאָדאל-לײַבייגנטימעדיקער רוסישער מעלוכע. לענין גיט דער לײַבייגנטימערישער מעלוכע פאָלגנדיקע כאראקטעריסטיק: „קעדיי אײַנצוהאלטן זײַן הערשאפט, קעדיי אײַנצוהיטן זײַן מאכט, האָט דער גוטסבאזיצער געמוזט האָבן אן אפאראט, וואָס זאָל פאראייניקן אונטער דעם גוטסבאזיצערס שליטע א קאָלאָסאלע צאָל מענטשן, זאָל זיי אונטעראָרדענען צו באַשטימטע געזעצן, קלאָלים, — און אָט די אלע געזעצן האָבן זיך אין גרונט אויסגעלאָזט צו איין זאך — אײַנהאלטן די מאכט פונעם גוטסבאזיצער איבער דעם לײַבייגענעם פויער“[1]. אין דער שפיץ פון דער רוסישער מעלוכע איז געשטאנען א צאר א זעלבסטהערשער, וואָס איז אליין געווען דער ערשטער גוטסבאזיצער. די אדל-לײַט האָבן זיך גענייטיקט אין א שטארקן צאר, וואָס זאָל קאָנען אָפּהיטן זייערע קלאסנאינטערעסן. דעם צארס ווילן איז געווען א געזעץ פארן גאנצן לאנד. אלע דינסט-

[1] לענין, ווערק, ב. XXIV, ז. 372.

לײַט אונ אפילע די סאמע אריסטאָקראטישע באָיארנ האָבנ זיכ גערופנ דעמ צארס כאָלאָפּעס; די באפעלקערונג, אפ וועלכער עס זײַנען געווענ ארופגעלייגט שטײַער-פליכטנ, דה. די פּאָסאד-באפעלקערונג אונ די פּויערימ, — האָבנ אפילע ניט געטאָרט אָנרופנ זיכ כאָלאָפּעס, זיי זײַנען געווענ דעמ צארס „סיראָטעס", זײַנע „יעסוימימ". ווענדנדיק זיכ צומ צאר, האָבנ זיכ אלע געמוזט אָנרופנ מיט פארקלענערונג-נעמענ: „פּעטרושקא", „איוואשקא". פארנ צאר פלעגט מענ זיכ בוקנ, פאלנדיק צו די פיס, אזוי ווי פאר א גאָט. דערפאר, אז מע האָט געוואָלט וועגנ עפּעס-וואָס בעטנ דעמ צאר, האָט דאָס געהייסנ «бить царю челом» דה. קלאפּנ זיכ מיטנ שטערנ אָנ דער ערד.

דעמ צארס מאכט האָט זיכ געהאלטנ אויכ אפ דער פּראכט אונ גלאנצ, מיט וועלכע ער האָט זיכ ארומגערינגלט. אינ פײַערלעכע מאָמענטנ, — באמ אופנעמענ אויסלענדישע געזאנדטע, אָדער צומ ארויסגייננ אינ קלויסטער, פלעגט זיכ דער צאר באווײַזנ אינ זײַנ „באָלשאָי נאריאד", דה. אינעמ פּרעכטיקנ פּאראד-קאָסטיום: אינ א קאפטנ פונ בראָקאט, אויסגענייט מיט פּערל, אינעמ „בארמאכ" (א ברייטער בראָקאט-קאָלנער מיט געמעלנ פונ הייליקע), אינ מאָנאָמאכס היטל, מיטנ סצעפּטער אינ די הענט.

די באָיארנ-דומע. צומ לייזנ די מער וויכטיקע פראגנ האָט דער צאר געהאט ארומ זיכ זײַנעמ א ראט פונ מעקוראָווימ באָיארנ, וואָס האָט געהייסנ די „באָיארנ-דומע". אגעוו, איז פארנ צאר קלאל ניט אָבליגאטאָריש געווענ צו באראטנ זיכ מיט דער באָיארנ-דומע. ער האָט זיכ געקאָנט באנוגענע דערמיט, וואָס ער האלט זיכ אָנ אייצע בלויז מיט עטלעכע באזונדערס אָנגעטרויטע פּערזאָנענ, אָדער אפילע גאָר ניט פרעגנ בא קיינעמ קיינ אייצע אונ אָנעמענ דעמ אָדער יענעמ באשלוס. די באָיארנ-דומע איז געווענ אנ אינסטיטוציע אנ אריסטאָקראטישע, אהינ פלעגנ באשטימט ווערנ מענטשנ פונ „גרויסנ יִיכעס". עמעס, אינ XVII יה. פלעגנ אלס מיטגלידער פונ דער באָיארנ-דומע אלצ אָפטער אונ אָפטער ארײַנפאלנ אויכ אזוינע, וואָס האָבנ געשטאמט פונ פארהעלטניסמעסיק קנאפּנ יִיכעס.

די „פּריקאזנ". צוליב די לויפנדיקע אָנגעלעגנהײַטנ פונ דער מעלוכע-פּארוואלטונג האָבנ עקזיסטירט ספּעציעלע אנשטאלטנ — „פּריקאזנ". אינ דער שפּיצ פונ יעדנ פּריקאז איז געשטאנענ א באָיארינ, אונ אלס געהילפנ האָט ער בא זיכ געהאט איינעמ אָדער צוויי דיאקנ. די קאנצעליארישע ארבעט האָבנ געפירט פּאָדיאטשעס. די דיאקנ אונ די פּאָדיאטשעס זײַנען געווענ מענטשנ ניט פונ יאכסאָנישער אָפּשטאמונג. זיי האָבנ געלעבט פונ צארישנ געהאלט אונ פונ כאבאר. זיי זײַנען געווענ א געהאָרכזאמ געצײַג פונ דער צארישער מאכט אונ האָבנ פארווירקלעכט די צענטראליזירונג פונ דער מעלוכע-פּארוואלטונג. פּריקאזנ איז געווענ העכער 40. די ארבעט איז צווישנ זיי געווענ פארטיילט זייער ניט גלײַכמעסיק. א ספּעציעלער „פּאָסאָלסקי פּריקאז" (געזאנדשאפט-פּריקאז) האָט געהאט צו שאפנ איבער די באציונגענ מיט די אויסלענדישע מעלוכעס. דאָס מיליטער-וועזנ איז געווענ אײַנגעטיילט צווישנ עטלעכע פּריקאזנ: דער „ראזריאדני פּריקאז" האָט אויסגעפילט די פונקציעס פונ א הויפּט-שטאב, דער „סטרעלעצקי" האָט געהאט צו שאפנ איבער די סטרעלצעס, דער „אינאָזעמני" איבער די אויסלענדער, וואָס האָבנ געדינט אינעמ מאָסקווער מיליטער, דער „רײַטארסקי" — איבער די רײַטער-פּאָלקנ (קאוואלעריסטנ, וואָס זײַנענ געווענ געשולט אפ אנ אויסלענדישנ שטייגער אונ זײַנענ געווענ באוואָפנט

מיט סאבליעס און מושקעטן), דער „פּושקאַרסקי" — מיטן אויסאַרבעטן און אויפהיטן געווער. גיטער די אַדל־לײַט פּלעגט פּאַרטײלן דער „פּאָמעסטני" פּריקאַז. אויך די פינאַנצ־אָנגעלעגנהײטן זײַנען געווען פּאַרטײלט צווישן עטלעכע פּריקאַזן. עס זײַנען אויך געווען פּריקאַזן, וואָס האָבן פּאַרוואַלטעט מיט באַזונדערע, צומאָל זײער גרויסע, געגנטן: דער סיבירער פּריקאַז — מיט סיביר, דער מאַלאָראָסישער פּריקאַז — מיטן אָנגעשלאָסענעם טײל פון אוקראַינע. קײן באַשטימטע סיסטעם אין דער אַרבעט־פּאַרטײלונג צווישן די פּריקאַזן איז ניט געווען, און דאָס האָט ביז גאָר פּאַרשוועריקט דאָס פּאַרוואַלטונגס־וועזן. דער געזאַנדטשאַפט־פּריקאַז, צום בײַשפּיל, האָט זיך ניט בלויז באַשעפטיקט מיט דיפּלאָמאַטישע ענינים, נאָר ער פּלעגט אויך צונויפנעמען שטײַערן פון די שטעט, וואָס זײַנען אים געווען אונטערגעאָרדנט.

יעדער פּריקאַז האָט אַלײן געמישפּעט און באַשטימט די שטראָפן. די געריכטפּראָצעדור איז דעמלט געווען זײער אַן אַכזאָריעסדיקע. די באַשולדיקטע פּלעגט מען מוירעדיק פּײַניקן. פּאַר אַ קלײנער שולד פּלעגט מען דעם באַשולדיקטן, אַן אויסגעצויגענעם אויף דער ערד, שמײַסן מיט גראָבע ריטער („באַטאָגן"). פּאַר מער ערנסטע פּאַרברעכנס פּלעגט מען אָן ראַכמאָנעס שמײַסן מיט אַ בײַטש איבער דער הוילער פּלײצע. אַלס שטראָף־מיטלען פּלעגט ברײט אָנגעווענדט ווערן דאָס אויסשנײַדן די צונג, אָפּהאַקן אַ האַנט, טויט־שטראָף. פּאַר פּאַרברעכנס קעגן דער רעליגיע פּלעגט מען פּאַרברענען לעבעדיקערהײט.

אָט אַזוי האָט מען עס אין דער רוסישער מעלוכע אונטערגעהאַלטן די מאַכט פונעם צאַר און פון די פעאָדאַלן. אַגעוו, די זעלביקע אַכזאָריעסדיקע שטראָפן פּלעגן אין XVI—XVII יאָרהונדערטער אָנגעווענדט ווערן אויך אין די מער קולטורעלע לענדער פון מײַרב־אײראָפּע.

די אָרטיקע פּאַרוואַלטונג. צום פּאַרוואַלטן מיט די שטעט פון דער רוסישער מעלוכע פּלעגן געשיקט ווערן וואָיעוואָדעס פון צווישן די באָיאַרן און אַדל־לײַט. דער וואָיעוואָדע האָט קאָמאַנדעוועט מיטן שטאָט־גאַרניזאָן, האָט געמישפּעט און אויך אויפגעמאָנט די שטײַערן פון די אײַנוווינער פון שטאָט און פונעם דערבײַיקן אויעזד. די געוויילטע סטאַראָסטעס זײַנען פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַגענטן, אונטערגעאָרדנטע צו די וואָיעוואָדעס. די קרײַז־סטאַראָסטעס האָבן נאָך אַלץ עקזיסטירט, אָבער שוין אַלס געהילפן פון די וואָיעוואָדעס. אַזויאַרום זײַנען בײַ די וואָיעוואָדעס אין די הענט קאָנצענטרירט געוואָרן אַלע געביטן פון דער פּאַרוואַלטונג און דאָס האָט זײ געגעבן זײער גרויסע מעגלעכקײטן פאַר מיסברויכן. די וואָיעוואָדעס האָבן געקוקט אויף זײער שטעלע ווי אויף אַ קעסט־אינינע.

די אַרמײ. דאָס אַלטע רײַטערישע אַדל־כאַיל האָט ביסלעכווײַז געגומען אָנוווערן זײַן פּרינערדיקע קריגס־באַדײַטונג. אין פרידנס־צײַט פּלעגן די אַדל־לײַט באַלעבאַטעווען בײַ זיך אין די גיטער. פון צײַט צו צײַט נאָר פּלעגט מען זײ אַרויסרופן אויף אַ קאָנטראָל, קעדײ קלאָר צו מאַכן איטלעכנס קריגס־פעיִקײט. אין פאַל פון אַ מילכאָמע האָבן זיך די אַדל־לײַט געמוזט מעלדן צו דער דינסט «конно, людно и оружно» דה. רײַטנדיק אויף אַ פערד, מיט אײגענע מענטשן און אין פולן וואָפן. באַוואָפנט זײַנען די אַדל־לײַט געווען זײער פאַרשײדנאַרטיק, — ווער מיט שיס־געווער, ווער מיט פײַל־און־בויגן. די דיסציפּלין פונעם אַדל־כאַיל איז געווען אַ שוואַכע. פיל פון

זיי פלעגנ זיכ מיט פארשיידענע טערוצים אויסדרייענ פונ דינסט. די אדל־לײט, וואָס פלעגנ זיכ צום קאָנטראָל ניט מעלדנ, פלעגט מענ שלאָגנ מיט „באטאָגנ“ אונ צומאָל פלעגט מענ אפילע אָפּנעמענ בא זיי די גיטער. מאכמעס דער שוואכקײט פונעם אדל־כאיל איז שוינ אינ XVI יה. אָרגאניזירט געוואָרנ סטרעלצעס־מיליטער. די סטרעלצעס פלעגנ באקומענ א געלט־געהאלט, זײנענ געווענ באוואָפנט מיט שיסגעווער אונ פלעגנ ארויסגייִנ אינ שלאכט אינ א ריכטיקער פראָנט־אָרדענונג. די סטרעלצעס זײנענ אָבער אויכ ניט געווענ קיינ פולשטענדיק רעגולער מיליטער. זיי האָבנ געלעבט אינ מאָסקווע אונ אינ אנדערע גרויסע שטעט אינ ספּעציעלע סלאָבאָדעס אונ פלעגנ זיכ אינ פרידנס־צײט באשעפטיקנ מיט האנטווערקערײ אונ מיט קליינ־האנדל. לויטנ ארט לעבנ האָבנ זיכ די סטרעלצעס קנאפּ־וואָס אונטערשיידט פונ פּאָשעטע פּאָסאד־אײנוווינער. דעריבער פלעגט ניט זעלטנ פּאסירנ, אז זיי פלעגנ זיכ באטייליקנ אינ די אופשטאנדנ פונ דער פּאָסאד־באפעלקערונג.

נאָכ פונ באָריס גאָדונאָווס צײטנ האָט די מאָסקווער רעגירונג אָנגעהויבנ דינגענ אָטריאדנ אויסלענדישע סאָלדאטנ. אזוינע „אויסלענדישע“ פּאָלקנ זײנענ שוינ געווענ בא מיכאיל פיאָדאָראָוויטשנ אינעם מיליטער. אָבער די דערפארונג פונ דער באלאגערונג פונ סמאָלענסק אינ 1632 י. האָט באוויזנ, ווי ווײט אומנוציק אונ ניט־זיכער עס איז אָט דאָס אומדיסציפּלינירטע געדונגענע מיליטער, וואָס פלעגט פארקויפנ זײנ געווער דעמ, ווער עס פלעגט באצאָלנ טײערער. אינ פראט פונ טעכניק איז אָט דאָס געדונגענע מיליטער אויכ געווענ ווײט ניט פולקומ. דעריבער איז מענ אינ די צײטנ פונעמ צאר אלעקסיי מיכײלאָוויטש אריבער צו אנ אנדער מעטאָד, וואָס איז שוינ אויסגעפרובירט געוואָרנ בא זײנ פאָטערס לעבנ. מע האָט קאָמפּלעקטירט פּאָלקנ פונ רוסישע רעקרוטנ אָדער פרײוויליקע, אונ אפּ צו לערנענ זיי די אויסלענדישע פראָנט־אָרדענונג האָט מענ אײנגעלאדנ אינסטרוקטאָרנ פונ אויסלאנד. אזוי זײנענ געשאפנ געוואָרנ די רײטער־פּאָלקנ אונ אינפאנטעריע־פּאָלקנ פונ „אויסלענדישער פראָנט־אָרדענונג“, ווו נאָר די אָפיצערנ זײנענ געווענ אויסלענדער.

אינ די ערשטע יאָרנ נאָכ אלעקסיי מיכײלאָוויטשעס טויט איז אינ דער רוסישער ארמיי געווענ 63 פּאָלקנ, געשולטע אפּ אנ אייראָפּײִשנ אויפנ, — זיי האָבנ באטראָפנ 60 פּראָצענט פונעמ גאנצנ מיליטער, אויב מע זאָל ניט רעכענענ די קאזאקנ. אזויארומ האָט זיכ אינ XVII יה. אָנגעהויבנ די איבערבויונג פונ דער ארמיי אונ דאָס האָט געהעכערט אירע קריגס־אייגנשאפטנ. אינ די צײטנ פונ אלעקסיי מיכײלאָוויטשנ איז געמאכט געוואָרנ א פרווו צו שאפנ א פלאָט. אויסלענדישע מײסטערס האָבנ אויסגעבויט די שיפ „אָריאָל“, זי איז אָבער ביים ראזינס אופשטאנד פארניכטעט געוואָרנ.

§ 55. ניקאָנס קירכ־רעפאָרמ אונ די שפּאלטונג.

די קירכ־רעפאָרמ. די זעלבסטהערשערישע רוסישע מעלוכע האָט זיכ גענייטיקט אינ א שטארקער קירכ, וואָס זאָל נאָכ מער פארפעסטיקנ די מאכט פונעמ צאר אונ די הערשאפט פונ די אדל־לײט. צוליב דעמ האָט מענ געמוזט באזײטיקנ די פארשיידנהײטנ אינ דעמ קירכלעכנ ריטואל אונ שטרענגער אונטערוואָרפנ אלע קירכ־אָרגאניזאציעס דער העכסטער קירכלעכער מאכט.

אינ די צײַטנ פונ אלעקסײ מיכײַלאָװיטשנ איז פּאטריארכ געװאָרנ ניקאָנ, װעלכער האָט געהאט א גרויסנ אײַנפלוס אפנ צאר. ניקאָנ האָט באלעבאטעװעט איבער די קאָלאָסאלע פּאטריארכישע אונ מאָנאסטירישע באזיצנ, װי איבער זײַנ אײגענער ערד. ניקאָנס רײַכטימער זײַנענ געװענ זײער גרויס. דעמ אונטערגעאָרדנטנ קלער פלעגט ער באהאנדלענ זײער שטרענג. די גאלאָכימ פלעגנ זאָגנ װעגנ אימ, אז ער איז א „בײזע כײַע“.

לויט ניקאָנס פאראָרדענונג איז פאָרגענומענ געװאָרנ אנ אלגעמײנע רעװיזיע פונ די קירכלעכע ביכער אונ מינהאָגימ מיטנ צװעק פולשטענדיק צו אוניפיצירנ זײ. אלס מוסטער האָט געדינט די גריכישע קירכ. די רעװיזיע פונ די קירכלעכע ביכער אונ מינהאָגימ איז דורכגעפירט געװאָרנ אונטער דער אָנפירונג פונ גריכנ אונ פונ געלערנטע קיעװער מאָנאכנ. ניקאָנ האָט פאראָרדנט, אז מע זאָל זיכ צײלעמענ ניט מיט צװײ פינגער, װי פריער, נאָר מיט דרײַ, װי דאָס טוענ די גריכנ; אז די איקאָנעס זאָלנ געמאָלט װערנ לויט גריכישע מוסטערנ אאװ. ניקאָנ האָט זיכ ניט באנוגנט מיט ענדערנ אײניקע קירכלעכע צערעמאָניעס. ער האָט געטײַנעט, אז די קירכלעכע מאכט דארפ שטײנ העכער פונ דער צארישער מאכט. די מאכט פונעמ פּאטריארכ האָט ער פארגליכנ מיט דער זונ אינ הימל, די מאכט פונעמ צאר — מיט דער לעװאָנע, װאָס באקומט איר שײַנ פונ דער זונ. ניקאָנ האָט זיכ צוגעאײגנט דעמ טיטל „גרויסער האר“, פלעגט זיכ ארײַנמישנ אינ די אָנגעלעגנהײַטנ פונ דער מעלוכע=פארװאלטונג אונ פלעגט אפילו אָפּגעבנ אזוינע פאראָרדענונגענ, װאָס האָבנ געהאט א שײַכעס צו קריגס=אקציעס.

דאָס, װאָס ניקאָנ האָט זיכ שױנ צופיל פארשטארקט, האָט ארויסגערופנ גרויס אומצופרידנקײַט צװישנ דער הויפ=אריסטאָקראטיע אונ די אדל=לײַט. דער צאר האָט געשטיצט אלע מאָסמיטלענ ניקאָנס צו פארפעסטיקנ די קירכ, ער האָט אָבער ניט געװאָלט, עס זאָל אָפּגעשװאכט װערנ זײַנ אײגענע מאכט. צװישנ דעמ צאר אונ ניקאָנענ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מאכלויקעסנ, װאָס האָבנ זיכ אײַנגיכנ געענדיקט מיט א פולשטענדיקנ אײַנרײַס. װעלנדיק אָנשרעקנ דעמ צאר אונ די באָיארנ, האָט ניקאָנ אומגעריכט אראָפּגעװאָרפנ פונ זיכ די פּאטריארכישע קלײדונג אונ איז אװעקגעפאָרנ פונ מאָסקװע אינ װאָסקרעסענסקער מאָנאסטיר (נאָװי=יערוסאלימ). ניקאָנ האָט זיכ געריכט, אז דער צאר װעט אימ רופנ צוריק; ער האָט אָבער געװארט אומזיסט. דער קירכנ=סאָבאָר, װאָס האָט זיכ פארזאמלט אינ 1666 י. אונ װאָס אפ אימ זײַנענ בײַגעװענ צװײ גריכישע פּאטריארכנ, האָט ניקאָנענ גופע פארורטײלט, נאָר זײַנע קירכלעכע רעפאָרמעס האָט ער אָנערקענט פאר ריכטיק. אלס פּאָשעטער מאָנאכ איז ניקאָנ פארשיקט געװאָרנ אינ אײנעמ פונ די צאָפנדיקע מאָנאסטירנ.

אָט אזוי אומגעלונגענ האָט זיכ געענדיקט ניקאָנס פרוּװ צו שטעלנ די קירכלעכע מאכט העכער פונ דער װעלטלעכער. אינעמ קאמפ צװישנ דעמ פּאטריארכ אונ דעמ צאר זײַנענ אלע פאָרצוגנ געװענ אפ דער זײַט פונעמ צאר. דעמ צאר האָט געשטיצט דער ערדבאזיצערישער אדל, װײַל די אומאָפּהענגיקע לאגע פונ דער קירכ, װאָס באזיצט א קאָלאָסאלע טעריטאָריע, װאָלט פאר אימ געװענ א באשטימטע געפאר.

דער אָנהײב פונ דער שפּאלטונג אינ דער פּראװאָסלאװישער קירכ. ניקאָנס רעפאָרמעס האָבנ ארויסגערופנ אינ דער קירכ א שפּאלטונג („ראסקאָל“) —

די קעגנער פונ די קירכ-רעפאָרמעס האָבנ זיכ אָפּגעשיידט פונ דער קירכ. זיי האָבנ ניט געוואָלט אָנערקענענ די ענדערונגענ, וואָס ניקאָנ האָט איינגעפירט, אונ האָבנ געפאָדערט, עס זאָל בלייבנ דער אלטער ריטואַל. דערפאַר האָט מענ זיי גענומענ רופנ „ראַסקאָלניקעס“ (שפּאַלטער).

דער העכערער קלער אונ די מאָנאַסטירנ, וואָס האָבנ פאַרמאָגט אָנ א שיר ערד מיט א קאָלאָסאַלער באפעלקערונג ליבייגענע, האָבנ גרויזאַמ עקספּלואַטירט זייערע פויערימ, אָנגעזאַמלט גרויסע רייכטימער, גענאַרט דאָס פאָלק מיט איקאָנעס, וואָס באווייזנ „מאָפסימ“, מיט הייליקע ביינער אדג. די מאָנאַסטירנ אונ דער העכערער קלער זיינענ, מיט קליינע אויסנאַמענ, געווענ אָנהענגער פונ ניקאָנס רעפאָרמעס, וועלכע האָבנ נאָכ מער פאַרשטאַרקט די מאַכט פונ די קירכלעכע פעאָדאַלנ.

דער נידעריקערער קלער האָט זיכ געפונענ אינ א סאַכ אַנ ערגערער לאַגע אונ האָט אליינ אויכ געליטנ פונעמ ווילקיר פונ דער קירכ-נאַטשאַלסטווע. פונ צווישנ דעמ נידעריקערנ קלער טאַקע זיינענ ארויסגעקומענ די ערשטע קעגנער פונ ניקאָנס רעפאָרמעס. אזא איז געווענ דער פּראָטאָפּאָפּ אַוואַקומ. פאַר זיינער אַנ ארויסטרעטונג אינ מאָסקווע קעגנ ניקאָנענ מיט זיינע קירכ-רעפאָרמעס איז אַוואַקומ פאַרשיקט געוואָרנ קיינ מיזרעװ-סיביר, ווו ער האָט קימאַט צענ יאָר געהאַט אויסצושטיינ קאָלערליי איזדיעקענישנ מיצאַד די צאַרישע וואָיעוואָדעס. צוריקגעקומענ קיינ מאָסקווע, האָט אַוואַקומ פאָרגעזעצט דעמ קאַמפּ קעגנ די קירכלעכע רעפאָרמעס. מע האָט אימ פאַרשיקט אפ צאָפנ, קיינ פּוסטאָזערסק, ווו מע האָט אימ ארייננגעזעצט אינ אַנ ערדשטיבע (אינ א טיפער גרוב). אינ 1681 י. האָט מענ אימ פאַרברענט אפ א שייטערהויפנ. אלע ארויסטרעטונגענ אַוואַקומס זיינענ געווענ געצילט אפ איינצוהיטנ דאָס אלטע, די אלטע צערעמאָניעס אונ מינהאָגימ, אונ זיי האָבנ געטראָגנ א רעאַקציאָנערנ כאַראַקטער. דעמ קאַמפּ אָבער קעגנ די נייע איינפירונגענ האָט אַוואַקומ פאַרבונדנ מיט א קאַמפּ קעגנ די גוואַלדטאַטנ אונ מיסברויכנ פונ די מאַכטהאָבער, פונ דער העכערער קירכלעכער מאַכט.

די אָנהענגער פונ דעמ „אלטנ גלויבנ“, וואָס געשטאַמט האָבנ זיי פונ דעמ פאַרשעטנ שטאָטישנ האַמוינ — פונ האַנטווערקער, הענדלער, דינסט-לייט, — האָבנ געקעמפט, דעריקער, קעגנ דער שטאַרקער מאַכט פונ דער הערשנדיקער קירכ אונ קעגנ דער באַרייסערע פונעמ גירינקנ קלער. אינ דער פויערשער מאַסע איז דער קאַמפּ קעגנ דער הערשנדיקער קירכ געווענ פאַרבונדנ מיטנ קאַמפּ קעגנ דער פעאָדאַל-ליבייגנטימערישער סיסטעמ. די פויערימ אונ דער פּראָסטער שטאָטישער אוילעמ פלעגנ אַוועקגיינ פונ דעמ ליבייגנטימערישנ דרוק אינ די צאַפּנדיקע וועלדער, אינ די דאָרעמדיקע סטעפּעס, אפנ דאָנ, אונ שאַפנ דאָרט געמיינדעס פונ „ראַסקאָלניקעס“. אזוי-אַרומ האָבנ זיי געמיינט פּאָטער צו ווערנ פונ דער פעאָדאַל-ליבייגנטימערישער אונטערדריקונג.

ניקאָנס קירכלעכע רעפאָרמ האָט אָנגעטראָפנ אפ א ווידערשטאַנד אויכ מיצאַד א קליינער קאָנסערוואַטיווער גרופּע הויפ-אַריסטאָקראַטיע, אונ אויכ מיצאַד א טייל פונ דעמ העכערנ קלער. דאָס איז געווענ צו דערקלערנ מיט דער מוירע, אז די קירכלעכע נייע איינפירונגענ זאָלנ ניט א וואַקל טאָנ די לאַגע פונ דער קירכ.

קאפיטל XVI.

אוקראינע אונ ווייסרוסלאנד אינ XVII יארהונדערט.

§ 56. אוקראינע אונ ווייסרוסלאנד אונטער דער הערשאפט פונ פוילנ.

די פוילישע פאנעם פארכאפנ אוקראינישע אונ ווייסרוסישע טעריטאריעס. נאכנ שליסנ די ליובלינער אוניע פונ 1569 י. צווישנ ליטע אונ פוילנ איז דער גרעסטער טייל פונ דער אוקראינישער טעריטאריע (וואלינ, קיעווער אונ טשערניגאווער געביטנ) אריבער צו פוילנ. די גרויסע פוילישע ערדבאזיצער — די פאנעם האבנ גענומענ כאפנ פאר זיכ שטיקער אוקראינישע אונ ווייסרוסישע ערד. צוערשט האבנ זיי פארכאפט די ערד אינעמ רעכטברעגיקנ, מערעוודיקנ, טייל אוקראינע, דערנאכ, שוינ צומ סאפ XVI יה., האבנ זיכ די פוילישע גוטבאזיצער אריבערגעווארפנ אפנ לינקנ ברעג פונעמ דניעפער. אפ דער טעריטאריע פונ אוקראינע זיינענ געשאפנ געווארנ קאלאסאלע גיטער פונ די פוילישע מאגנאטנ — די זשאלקעווסקים, פאטאצקים א. אנד.

די שנעלע אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט בא די פוילישע גוטבאזיצער איז געווענ צו דערקלערנ מיטנ געשטיגענעמ ברויט-עקספארט פונ פוילנ אונ ליטע קיינ מערעוו-אייראפע. פונ די פּריצישע גיטער פלעגט דאס ברויט אריבערגעפירט ווערנ מיט די טייכנ צו די פארטנ פונעמ באלטישנ יאמ, וואס צווישנ זיי האט די גרעסטע באדייטונג אינעמ עקספארט-האנדל מיט ברויט געהאט דאנציק.

אינ זייערע אוקראינישע אונ ווייסרוסישע באזיצנ האבנ די פאליאקנ גענומענ איינפירנ פוילישע פאראנדקעס. די לאגע פונ די פויערימ אינ פוילנ איז געווענ שווערער, איידער אינ א וועלכנ-עס-איז אנדערנ אייראפייִשנ לאנד אינ יענער צייט. די פוילישע גוטבאזיצער האבנ גענומענ פארניכטנ די פויערימ-געמיינדעס, וואס האבנ פארמאגט גרויסע באצירקנ ערד. די פוילישע פאנעם פלעגנ פארכאפנ די בעסטע געמיינדישע ערד, באזעצנ די פויערימ אפ קליינע כאלאקימ אונ ארופלייגנ אפ זיי שווערע אפצאלנ אונ פליכטנ.

דער פוילישער גוטבאזיצער האט געהאט די פולע מאכט איבער דער באפעלקערונג פונ זיינע באזיצנ. ער האט געקאנט אפנעמענ באמ פויער דאס פארמעגנ, באשטראפנ אימ מיט וואס ער האט געוואלט, אפילע דערהארגעגענ. די פויערימ האבנ זיכ פאר קיינעמ ניט געטארט באקלאגנ אפ די אונטערדריקונגענ אונ אוולעס. די גוטבאזיצער פלעגנ מיט פאראכטונג רופנ די פויערימ „כלאפעס“ אדער „בידלא“ (בעהיימעס).

די פאליאקנ האבנ גערוידעפט די אוקראינישע אונ ווייסרוסישע פאלקס-קולטור. אפ צו פארשטארקנ זייער לאגע אינ אוקראינע אונ אינ ווייסרוסלאנד האבנ זיכ די פוילישע פאנעם באנוצט מיט דער הילפ פונ דער קאטוילישער קירכ. די פארשפרייטונג פונעמ קאטאליציזמ האט באגעגנט א שטארקנ ווידערשטאנד ניט נאר מיצאד די פויערימ אונ דער שטאטישער באפעלקערונג, נאר אויכ מיצאד א טייל אוקראינישע אונ ווייסרוסישע גוטבאזיצער. דאנ איז, לויטנ פארשלאג פונ די יעזויטנ, גע-

אנ אוקראינישער פויער אונ פויערטע. צייכענונגע פונ XVIII יה. פונ ריגעלמאנענ.

שאפנ געוואָרנ א פלאנ צו פאראייניקנ די קאטוילישע אונ די פראוואָסלאווישע קירכ (שליסנ אנ אוניע). לויט דער דאָזיקער אוניע האָט דער קירכ-ריטואל בא די פראוואָסלאוונע צומיינסטנס געדארפט פארבלייבנ דער זעלבער, וואָס פריער, די פראוואָסלאוונע קירכ האָט אָבער געמוזט אונטערווארפנ זיכ דעמ רוימישנ פויפסט אונ די יעפיסקאָפנ, וואָס ווערנ פונ אימ באשטימט. צו אנטשיידנ די פראגע וועגנ שליסנ אנ אוניע האָט זיכ אינ 1596 י. פארזאמלט אינ דער שטאָט בריסק א קירכ-סאָבאָר (פארזאמלונג). די מערהייט אָנטיילנעמער פונ דעמ דאָזיקנ סאָבאָר האָט ניט געוואָלט קיינ אוניע אונ איז באשטאנענ דערויפ, אז די פראוואָסלאוונע קירכ זאָל זיינ אבסאָליוט זעלבשטענדיק. דאָכ האָבנ די ווינציקע אָנהענגער פונ דער אוניע, ניט רעכענענדיק זיכ מיט דער מיינונג פונ דער מערהייט, פראָקלאמירט די אוניע, אונ דער פוילישער קיניג האָט דאָס שליסנ די אוניע באשטעטיקט דורכ א ספעציעלנ אוקאז. די אוניע האָט געדארפט מיטהעלפנ פוילנ צו באהערשנ די אוקראינישע אונ ווייסרוסישע טעריטאָריעס.

פונ דעמ פוילישנ דרוק האָט געליטנ אויכ די שטאָטישע באפעלקערונג. נאָכ אינ XV—XVI יה. האָבנ א סאכ אוקראינישע אונ ווייסרוסישע שטעט באקומענ זעלבסטפארוואלטונג. ווענ אינ אוקראינע אונ אינ ווייסרוסלאנד האָט זיכ אנטוויקלט דער פוילישער ערדבאזיצ, זיינענ די שטעט געוואָרנ אָפהענגיק פונ דער פוילישער מאכט אונ פונ די פוילישע גוטבאזיצער. לויטנ פוילישנ געזעצ, האָבנ אלע גוטבאזיצער געהאט דאָס רעכט אָנ „פאָשלינעס" ארויסצופירנ קיינ אויסלאנד די פראָדוקטנ פונ זייער ווירטשאפט אונ אויכ איינקויפנ פאר זיכ די נייטיקע סכוירעס.

2791—15

אָט די פּריווילעגיע פונ די גוטבאזיצער איז געווענ א שווערער קלאפּ פארנ שטאָטישנ האנדל. די פּוילישע מאכט=אָרגאנענ האָבנ זיכ אופגעהערט רעכענענ מיט דער זעלבסטפארוואלטונג פונ די שטעט, אונ די פּוילישע גוטבאזיצער פלעגנ אָפּנעמענ בא די שטעט די ערד אונ דריקנ די געווערבנ אונ דעמ האנדל.

די אוקראינישע אונ ווײַסרוסישע באפעלקערונג פונ די שטעט פלעגט זיכ פארייניקנ אינ „בעווערעס“ („בראטסטוועס“), וואָס פלעגנ אונטער דער שילד פונ קירכלעכע פארבאנדנ (די בעווערעס פלעגנ געשאפנ ווערנ בא די קירכעס) באשיצנ די נאציאָנאלע קולטור אונ פירנ א קאמפּ קעגנ דער קאטוילישער קירכ. די בעווערעס פלעגנ שאפנ שולנ, דרוקערײַענ, ארויסלאָזנ ביכער אונ העלפנ זייערע מיטגלידער. כאָטש א טייל אוקראינישע אונ ווײַסרוסישע פעאָדאלנ האָט גענומענ נאָכמאכנ די פּוילישע פּאנעס אונ שליאכטיטשעס, ריידנ פּויליש אונ איבערנעמענ די פּוילישע מינהאָגימ אונ פאָראנדקעס, איז אָבער די פאָלקס=מאסע געבליבנ טרײַ דער מוטער=שפּראכ אונ דעמ היימלאנד. אָט פארוואָס דעמ פּריצישנ פּוילנ האָט זיכ, ניט געקוקט אפ די אונטערדריקונגענ, ניט אײַנגעגעבנ צו פארניכטנ די פאָלקס=קולטור פונ אוקראינע אונ ווײַסרוסלאנד.

א ווײַסרוסישער פּויער.
צייכענונג פונ XVIII יה.

ראטעווענדיק זיכ פונ אונטערנ יאָכ פונ די פּוילישע גוטבאזיצער, פלעגנ די אוקראינישע אונ ווײַסרוסישע פּויערימ אוועקגייג אפ דאָרעמ, צו דער נידערשטרעמונג פונעמ דניעפּער, ווו דער סטעפּ איז נאָכ געווענ ניט באפעלקערט, פּונקט ווי דאָס פלעגנ אינ דער זעלבער צײַט טאָנ די רוסישע פּויערימ, וואָס פלעגנ אוועקגייג אפנ דאָנ. אפנ אינדזל כאָרטיצע לעבנ די דניעפּער=שוועלנ האָט זיכ געשאפנ א באפעסטיקטער לאגער פונ קאזאקנ אונ פונ פּויערימ, וואָס זײַנענ אנטלאָפנ פונ אוקראינע. זיי האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רופנ זאפּאָראָזשיער קאזאקנ (ווײַל זיי האָבנ זיכ באזעצט אהינטער די שוועלנ — за порогами). קעדיי צו באשיצנ זיכ קעגנ אָנפאלנ, האָט מענ דאָ אויסגעבויט וואלנ פונ אײַנגעוואלגערטע ביימער. פונעמ אוקראינישנ וואָרט „סיטש“ (א באפעסטיקונג פונ וואלגער=ביימער) האָט אויכ דער באפעסטיקטער קאזאקישער לאגער באקומענ דעמ נאָמענ „סיטש“. די גרונט=באשעפטיקונג פונ די קאזאקנ איז געווענ פישפאנג, יאגד אונ פארשיידענע מעלאָכעס. אָפט פלעגנ די קאזאקנ זיכ אוועקלאָזנ אינ דער ווײַט — מאכנ אָנפאלנ אפ טאָטערשע ישוווימ אונ טערקישע שטעט, אונ דערנאָכ פלעגנ זיי דעמ געבראכטנ רויב פארקויפנ. זאפּאָראָזשיע האָט קיינ באשטענדיקע באפעלקערונג קימאט ניט געהאט. די קאזאקנ פלעגנ זיכ צונויפקומענ אינ דער „סיטש“ באלד פונ אָנהייב פרילינג, ווי נאָר עס פלעגט אָפּפאלנ דאָס געוויסער. דאַנ פלעגט דער אינדזל פארוואנדלט ווערנ



א זאפאראָזשער שיפל („טשײַקע“). צייכענונג (פונ באָפלאנענ) פונ XVII יה.

אינ א רוישיקנ באלעבטנ לאגער, פול מיט מענטשנ. די קאזאקנ פלעגנ אויסוויילנ זייערנ אנ אטאמאנ אונ אנדערע אָנפירער. הונדערטער מענטשנ האָבנ פונ ווערבע=ביימער אונ לינדנ=ביימער געבויט לאנגע קאזאקישע שיפלעכ, וואָס האָבנ געהייסנ „טשײַקעס“ (מעוועס). אנדערע האָבנ אינ דער זעלבער צײַט פאריכט געווער אונ פארגרייט אלדאָס נייטיקע. ווענ אלע צוגרייטונגענ פלעגנ זײַנ פארענדיקט, פלעגנ הונדערטער קאזאקישע „טשײַקעס“ זיכ שנעל אוועקלאָזנ איבערנ דניעפער מיטנ וואסער=אראָפ אונ ארויסגיינ אינ שווארצנ יאמ. געוויינלעכ פלעגנ זיכ די קאזאקנ אוועקלאָזנ צו די טערקישע ברעגנ, צומאָל אפילע צומ סולטאנס הויפטשטאָט — קאָנסטאנטינאָפאָל. די קאזאקנ פלעגנ אזוי שנעל איבערשווימענ דעמ יאמ, אז די טערקישע וואכ=פאָסטנס פלעגנ זעלטנ=ווענ באווײַזנ מיטצוטיילנ דעמ סולטאנ וועגנ דער נאָענטער געפאר. די קראפט פונ די קאזאקנ איז געלעגנ אינ זייער דרייסטקייט אונ אינ דער אומגעריכטקײַט פונעמ אָנפאל. ווינטער פלעגט די זאפאראָזשיער סיטש בלײַבנ פוסט. די קאזאקנ פלעגנ זיכ אוועקלאָזנ אינ די אוקראַינישע אונ פוילישע שטעט אויסצופארקויפנ דעמ רויב, וואָס זיי האָבנ פארכאפט בײַמ די אָנפאלנ, אונ די פראָדוקטנ פונ זייערע געווערבנ. אפנ אינדזל כאָרטיצע פלעגנ פארבלײַבנ נאָר וועכטער. די הארמאטנ, די ביקסנ, די שיפנ — אלצ פלעגט מענ זאָרגזאמ באהאלטנ בײַזנ קומענדיקנ פרילינג.

די צאָל זאפאראָזשיער קאזאקנ האָט זיכ באדײַטנדיק פארגרעסערט צומ סאָפ XVI יה. אינ די צײַטנ פונעמ קיניג סטעפאנ באטאָרי האָט מענ א טייל קאזאקנ פארשריבנ אינ ספעציעלע צעטלענ (רייסטערס) אונ מע האָט די דאָזיקע קאזאקנ גענומענ רופנ „רייסטער=קאזאקנ“. די פוילישע רעגירונג האָט געשטרעבט אויסצונוצנ זיי צומ באשיצנ די פוילישע גרענעצ=געביטנ אונ צוליב מילכאָמע. דעריבער פלעגנ די „רייסטער=קאזאקנ“ באקומענ געהאלט פונעמ קיניג אונ זײַנענ געווענ איינגעקווארטירט אינ די שטעט. אינ די „רייסטערס“ פלעגט ארײַנפאלנ בלויז אנ אומבאדײַטנדיקער טייל, דער מער פארמעגלעכער טייל פונעמ אוקראַינישנ קאזאקנטומ. די איבעריקע קאזאקנ האָט די פוילישע רעגירונג געוואָלט פארוואנדלענ אינ לײַבײגענע פויערימ אונ אומקערנ זיי צוריק די גוטבאזיצער.

שוינ צומ סאָפ XVI יה. האָט זיכ צווישנ די רייסטער=קאזאקנ אָנגעהויבנ א פראָצעס פונ דיפערענצירונג. עס איז אופגעקומענ א רײַכערער שיכט קאזאקנ, וואָס האָבנ זיכ גענומענ פארוואנדלענ אינ קליינע גוטבאזיצער. זיי פלעגנ זיכ אײַנשאפנ אייגענע בוטאָרנ, האָבנ פארמאָגט זייערע לײַבייגענע פויערימ אונ געהאט בא זיכ פארשיידענע געווערבנ. צווישנ אָט די דאָזיקע קאזאקנ האָט זיכ די פוילישע קולטור געלאָזט פארשפרייטנ לײַכטער.

אינ דער שפיצ פונעמ רייסטער=קאזאקישנ מיליטער איז געשטאנענ א העטמאנ,

וואָס פלעגט באשטעטיקט ווערנ פונעמ קיניג; דער העטמאנ איז געווענ ארומגערינגלט פונ א פארמעגלעכער „גענעראלנאיא סטארשינא“ (גענעראל=עלטסטע), וואָס איז באשטאנענ פונ פארשיידענע עלטסטע, וואָס די קאזאקנ פלעגנ אויסוויילנ.

די פאָלקס=אופשטאנדנ קעגנ פוילנ. דער פוילישער דרוק אינ אוקראינע אונ ווײַסרוסלאנד האָט פונ סאָפ XVI יה. אָנ ארויסגערופנ א ריי סטיכישע פאָלקס=אופשטאנדנ. די זאפאָראָזשיער קאזאקנ פלעגנ זיכ ביימ אָט די אופשטאנדנ געוויינלעכ פאראייניקנ מיט די פויערימ=אָטריאדנ. טיילמאָל פלעגט צו די אופשטאנדנ זיכ אָנשליסנ אויכ א טייל פונ די רייסטער=קאזאקנ. ביימ די אופשטאנדנ האָבנ די פויערימ געצונדנ די פוילישע שלעסער, אונ די גוטבאזיצער, אויב זיי פלעגט זיכ אײַנגעבנ צו ראטעווענ זיכ, פלעגנ אנטלויפנ קיינ פוילנ. נאָכדעמ פלעגנ זיי צוריקומענ מיט פויליש מיליטער אונ אכזאָריעסדיק זיכ אָפרעכענענ מיט די פויערימ. די גרויסע אונ געדיכטע וועלדער בא דער מיטלשטרעמונג פונעמ דניעפער פלעגנ אויסבאהאלטנ די אופשטענדלער פונ פארפאָלגונגענ אונ געבנ זיי די מעגלעכקײַט צו פירנ א דויערנדיקנ פארטיזאנישנ קריג.

זאפאָראָזשער הערב. פונ די „לידער צומ אָנדענק פונעמ העטמאנ סאהײַדאטשני“, XVII יה.

די ערשטע גרויסע אופשטאנדנ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ די 90=ער יאָרנ פונעמ XVI יה. אינ 1595 י. איז אפ וואָלינ אויסגעבראָכנ אנ אופשטאנד, וואָס אינ דער שפיצ פונ אימ איז געשטאנענ א זונ פונ א האנטווערקער א פעלצנמאכער סעמערינ נאליוואַיקאָ. פונ וואָלינ זײַנענ נאליוואַיקאָס אָטריאדנ אריבער קיינ ווײַסרוסלאנד אונ האָבנ אופגעהויבנ די ווײַסרוסישע פויערימ. די אופשטענדלער האָבנ פארכאפט עטלעכע שטעט — סלוצק, מאָהילעוו, פינסק. דער פוילישער קיניג סיגיזמונד דער III האָט ארויסגעשיקט קעגנ די אופשטענדלער א גרויסע צאָל מיליטער אונטער דער קאָמאנדע פונעמ העטמאנ זשאָלקעווסקי. נאליוואַיקאָס אָטריאד איז ארומגערינגלט געוואָרנ ארומ דער שטאָט לובנ. ביימ א וואָפנשטילשטאנד האָבנ די פאָליאקנ געבראָכנ זייער וואָרט אונ אויסגעהארגעט די אומבאוואָפנטע, אונ דעמ אָנפירער פונעמ אופשטאנד נאליוואַיקאָ האָט מענ איבערגעשיקט קיינ ווארשע אונ דאָרט פארפײַניקט. די פויערימ=באוועגונג קעגנ די פאנעס האָט געדויערט אויכ אינ אָנהייב XVII יה.

אינ די 30=ער יאָרנ פונעמ XVII יה. האָט זיכ די זאפאָראָזשיער סיטש אָפסנײַ אופגעהויבנ קעגנ די פאָליאקנ. דער אופשטאנד איז דערשטיקט געוואָרנ מאכמעס דעמ פאראט פונ די קאזאקישע עלטסטע. נאָכ דעמ האָבנ די פאָליאקנ מיט דער הילפ פונ א פראנצויזישנ אינזשעניער אויסגעבויט העכער פונ די שוועלנ די פעסטונג קאָדאק, וועלכע האָט געזאָלט שטערנ דעמ פארקער צווישנ זאפאָראָזשיע

מיט אוקראַינע. דער פּױלישער העטמאַנ האָט געלאָזט רופֿנ די קאַזאַקנ, זײ זאָלנ אָנקוקנ די פֿעסטונג, װאָס איז אױסגעבױט געװאָרנ קעגנ זײ. — װי איז אײַך געפֿעלנ קאָדאַק? — האָט ער געפֿרעגט מיט כױזעק. — דאָס, װאָס מענטשלעכע הענט האָבנ געמאַכט, קאָנענ מענטשלעכע הענט צעשטערנ, — האָט אימ געענטפֿערט דער „סאָטניק“ (הונדערט-עלטסטער) באָגדאַנ כמעלניצקי. אינ עטלעכע יאָר אַרומ האָט זיכ אָנגעהױבנ א נײַער אױפֿשטאַנד, אונ די קאַזאַקנ האָבנ װירקלעכ צעשטערט די פֿעסטונג קאָדאַק.

ערשט אינ 1638 י. האָט דאָס פּױלישע מיליטער דערשטיקט דעמ פֿאָלקס-אױפֿשטאַנד אינ אוקראַינע. דער פּױלישער סײמ האָט „אױף אײביקע יאָרנ“ פֿאַרניכטעט אַלע קאַזאַקישע להאָטעס אונ די זעלבסטפֿאַרװאַלטונג. אָנשטאָט א העטמאַנ איז באַשטימט געװאָרנ א קאָמיסאַר פֿונ דער פּױלישער רעגירונג. די צאָל רײסטער-קאַזאַקנ איז פֿאַרקלענערט געװאָרנ. עס האָבנ מיט זײ גענומענ קאָמאַנדעװענ פּױלישע שליאַכטיטשעס. אינ די אוקראַינישע שטעט זײַנענ צעשטעלט געװאָרנ פּױלישע גאַרניזאָנענ.

§ 57. דער קאַמפּ פֿונעמ אוקראַינישנ פֿאָלק קעגנ פּױלנ.

באָגדאַנ כמעלניצקי. נאָכ דעמ, װי דער אױפֿשטאַנד פֿונ 1638 י. איז דערשטיקט געװאָרנ, איז אינ מעשעכ פֿונ צענ יאָר אינ אוקראַינע אונ װײַסרוסלאַנד ניט געװענ מער קײנ נײַע אומרוענ. די פּױלישע שליאַכטיטשעס האָבנ די דאָזיקע צײַט אָנגערופֿנ — די צײַט פֿונ „גאָלדענער רו“. דער האַס אָבער פֿונ דער אונטערדריקטער אוקראַינישער אונ װײַסרוסישער באַפֿעלקערונג צו דער פּױלישער מאַכט האָט זיכ פֿאַר אָט דער צײַט נאָכ מער פֿאַרשטאַרקט.

פֿרילינג 1648 י. איז אוקראַינע װידער אױפֿגעשטאַנענ קעגנ דער פּױליש-פּריצישער אונטערדריקונג אונ דער פּױלישער מאַכט. די באַװעגונג האָבנ אָנגעהױבנ די זאַפּאָראָזשיער קאַזאַקנ אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿונ באָגדאַנ כמעלניצקי.

באָגדאַנ כמעלניצקינ האָט מענ אינ אוקראַינע גוט געקענט. ער איז געװענ א געבילדעטער מענטש, האָט זיכ געלערנט אינ דער קיִעװער אַקאַדעמיע, האָט געקענט לאַטײַנ. ער האָט זיכ ניט אײנ מאָל געהאַט באַטײליקט אונ אָנגעפֿירט מיט דרײסטע יאַמ-מאַרשנ. בא צװײ יאָר צײַט איז באָגדאַנ אָפּגעװענ אינ געפֿאַנגענשאַפֿט בא די טערקנ. די קאַזאַקנ פֿלעגנ אימ אָפֿט אױסקלײַבנ צו פֿירנ אונטערהאַנדלונגענ מיט דער פּױלישער רעגירונג, אונ כמעלניצקי פֿלעגט בײמ די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגענ פֿאַרטײדיקנ די אינטערעסנ פֿונעמ קאַזאַקנטומ.

באָגדאַנ כמעלניצקי איז געװענ א פֿאַרמעגלעכער קאַזאַק אונ האָט געהערט צומ רײסטער-מיליטער. ניט װײַט פֿונ טשיגירינ האָט ער פֿאַרמאָגט אַנ אײגענעמ כוטאָר. די צאָרעס, װאָס אוקראַינע האָט געליטנ אונטער דער פּױלישער הערשאַפֿט, פֿלעגנ בא כמעלניצקינ אַרױסרופֿנ א געפֿיל פֿונ צאָרנ אונ אױפֿרעגונג. אינ יענער צײַט איז די אױפֿרעגונג געװאַקסנ אױכ צװישנ די פֿאַרמעגלעכע רײסטער-קאַזאַקנ, װאָס אינ פֿאַרגלײַכ מיט די פּױערימ אונ מיט דער פּאָשעטער קאַזאַקישער מאַסע זײַנענ זײ געװענ אינ א בעסערער לאַגע. אינגיכנ האָט באָגדאַנ כמעלניצקי אַלײנ אױכ אױסגעפּרוּװט אױף זיכ די װילדע העפֿקײרעס פֿונ דער פּױלישער מאַכט. דער פּױלישער שליאַכטיטש טשאַפּלינסקי האָט אומגעזעצלעכ באַקומענ בא דער פּױלי-

שער מאַכט אַ שײַנ אָפּ צו ווערנ באַלעבאָס איבער באָגדאַנ כמעלניצקיס כוטאָר; ער האָט אומגעריכט פאַרכאַפּט דעמ כוטאָר און האָט אַלע שטובּיקע מענטשנ כמעלניצקיס געשמידט אינ קייטנ. ווענ באָגדאַנ כמעלניצקי האָט פאַרקלאָגט דעמ באַלייִדיקער צומ געריכט, האָט טשאַפּלינסקי פאַרשמיסנ ביז צומ טויט כמעלניצקיס צענ־יאָריקנ זונ. באָגדאַנ כמעלניצקי האָט זיכ געווענדט נאָכ הילפ צומ קיניגלעכנ געריכט, אָבער דערפונ איז אויכ קיינ שומ פּולע ניט געווענ. דער דאָזיקער פאַל האָט באַשײַמפּערלעכ באַוויזנ די קאַזאַקישע עלטסטע, ווי שוצלאָז און רעכטלאָז די אוקראַינער זײַנענ אינ דער פּוילישער מעלוכע.

באָגדאַנ כמעלניצקי.
פּאָרטרעט פונ יענער צײַט, פונ דער קאָלעקציע פונעמ מיניסטעריומ פאַר אויסערנ־איניאָנימ.

געקומענ צוריק אַהיימ נאָכ די אומזיסטע שטאַדלאָנעסנ אינ וואַרשע, האָט באָגדאַנ כמעלניצקי צונויפגענומענ זײַנע נאָענטסטע קאַזאַקנ אָפּ אַ געהיימער באַראַטונג. אָפּ אָט דער דאָזיקער באַראַטונג איז ער צומ ערשטנ מאָל אַרויסגעטראָטנ מיט אַ רופ אופצוהייבנ אַנ אופשטאַנד קעגנ דער פּוילישער הערשאַפט. „ניט שוינ זשע וועלנ מיר לאָזנ אונדזערע ברידער ווײַטער לײַדנ צאָרעס? — האָט ער געזאָגט. — איכ האָב אומעטומ געזענ שרעקלעכע אונטערדריקונגענ. דאָס אומגליקלעכע פאָלק בעט הילפ“. עס האָבנ אימ אָפּגעענטפערט די אַלטע קאַזאַקנ: „צײַט צו נעמענ זיכ פאַר דער סאַבליע, צײַט אַראָפּצוּוואַרפנ פונ זיכ די פּוילישע קנעכטשאַפט“. דורכ פאַרעטער האָבנ זיכ די פּוילישע פּאַנעמ דערוווּסט וועגנ כמעלניצקיס פּלענער, האָבנ זיי אימ אַרעסטירט און אַרײַנגעזעצט אינ טפיסע. כמעלניצקינ האָט זיכ אָבער אײַנגעגעבנ צו אַנטלויפנ קיינ זאַפּאָראָזשיע, און דאָרט האָט ער זיכ באַפעסטיקט אָפּ איינעמ פונ די אינדזלענ.

דערווײַל האָבנ זיכ אינ אוקראַינע אָנגעהויבנ פּויערימ־אומרוענ. ס׳איז ניט געווענ קיינ איינ דאָרפ, וווּ עס זאָל זיכ ניט לאָזנ הערנ קיינ רופ צו אַנ אופשטאַנד. אייגער אַ פּוילישער פּאַנ האָט אָפּגענומענ בײַ זײַנע פּויערימ עטלעכע טויזנט פאַרבאַהאַלטענע ביקסנ. די פּאַנעמ האָבנ גענומענ אָפּגיכ פאַרלאָזנ זייערע שלעסער מיטנ גאַנצנ פאַרמעגנ און האָבנ זיכ געלאָזט לויפנ קיינ פּוילנ. אַלע סימאָנימ האָבנ באַוויזנ, אַז אָט באַלד וועט אויסברעכנ אַנ אַלגעמיינער פאָלקס־אופשטאַנד.

באָגדאַנ כמעלניצקי האָט פאַרשטאַנענ, אַז דער קאַמפּ מיטנ גוט באַוואָפנטנ און פּילצאָליקנ פּוילישנ מיליטער וועט זײַנ אַ שווערער. דעריבער האָט ער באַשטימט צו שליסנ אַ בונד מיטנ קרימער כאַנ. פונ זאַפּאָראָזשיע האָט זיכ באָג־

דאנ כמעלניצקי אוועקגעלאָזט אינ דער הויפּטשטאָט פונ קרימ — באכטשיסאראַי. דער קרימער כאנ איז דעמאלט גראָד געווענ ניט צופרידנ מיטנ פּוילישנ קיניג, וועלכער האָט אימ צײַט עטלעכע יאָר ניט געצאָלט קיינ צינז. האָט דער כאנ מיטגעשיקט מיט כמעלניצקינ אנ אָטריאד טאָטערנ אונטער דער קאָמאנדע פונ אייגעמ פונ זײַנע מורזעס (פירשטנ). די זאפּאָראָזשיער סיטש האָט מיט פרייד באגעגנט באָגדאנענ, ווענ ער איז צוריקגעקומענ פונ קרימ. די פארזאמלטע קאזאקנ האָבנ אימ פּראָקלאמירט פאר א העטמאנ פונעמ קאזאקישנ כאַיל אונ האָבנ אימ איבערגעגעבנ די מאכט־עמבלעמע: די גרויסע העטמאנישע בולאווע.

פרילינג 1648 י. איז כמעלניצקי מיט די קאזאקנ ארויסגעטראָטנ פונ זאפּאָראָזשיע. דאָס פּוילישע כאַיל אינ דער שפּיצ מיטנ העטמאנ פּאָטאָצקי האָט מארשירט אימ אנטקעגנ. אָנהייב מײַ האָט כמעלניצקי לעבנ דעמ טײַכל „זשאָלטע וואָדי“ צעקלאפּט דעמ פּוילישנ אָטריאד, וואָס האָט זיכ געהאט ארויסגערוקט פאָרויס. די קאזאקנ, וואָס זײַנענ געווענ אינ דעמ אָטריאד, זײַנענ נאָכ פאר דער שלאכט אריבער אפּ כמעלניצקיס זײַט. די יעדיע וועגנ דער מאפּאָלע האָט געצווונגענ פּאָטאָצקינ אפּגיכ אָפּצוטרעטנ. כמעלניצקי האָט פארפאָלגט דעמ סוינע אונ האָט אימ, אינמיטנ מײַ, אונטער קאָרסונ אינגאנצנ צעקלאפּט. דער העטמאנ פּאָטאָצקי איז גענומענ געוואָרנ אינ געפאנגענשאפט. די קאזאקנ אונ טאָטערנ האָבנ באקומענ א גרויסנ רויב.

די פּויערימ־אופשטאנדנ. נאָכ די ניצבוינגעס, וואָס די קאזאקנ בעראָש מיט באָגדאנ כמעלניצקינ האָבנ אָפּגעהאלטנ איבערנ פּוילישנ מיליטער, האָבנ די פּויערימ־אופשטאנדנ ארומגעכאפּט גאנצ אוקראַינע. די פּריצימ האָבנ געוואָרפנ זייערע שלעסער אונ דאָס פארמעגנ אונ זײַנענ געלאָפנ ראטעווענ זיכ קיינ פּוילנ. בא די אופגעשטאנענע פּויערימ האָבנ זיכ באוויזנ העלדנמוטיקע פירער, וואָס צווישנ זיי האָט זיכ באזונדערס אויסגעטיילט מאקסימ קריוואָנאָס, אָדער, ווי ער ווערט אָנגערופנ אינ די פאָלקס־לידער, „פּערעבינאָס“. איינער פונ די רײַכסטע פּויליש־אוקראַינישע מאגנאטנ — דער פירשט יערעמיא ווישנעוועצקי האָט זיכ געפּרווט דערשטיקנ דעמ אופשטאנד דורכ אומגעהייערער אכזאָריעס. ער האָט אָבער ניט געקאָנט אויסהאלטנ דעמ צוזאמענשטויס מיט די קאזאקיש־פּויערשע אָטריאדנ פונ מאקסימ קריוואָנאָס, וועלכער פלעגט זיכ מוירעדיק שנעל באווײַזנ אומעטומ, ווו מע פלעגט דארפנ צעקלאפּנ די צונויפגענומענע שליאכטיטשעס. נאָכ אוקראַינע האָט זיכ אופגעהויבנ אויכ ווײַסרוסלאנד, ווו עס האָבנ זיכ אויכ געשאפנ צענדליקער פּויערשע אָטריאדנ. דרייסט אונ געלונגענ האָט אָפּעריזט דער אָטריאד ווײַסרוסישע פּויערימ אונטער דער פירערשאפט פונ קריוואָשאפּקא.

אינ סענטיאבער 1648 י. האָט כמעלניצקי צוזאמענ מיט מאקסימ קריוואָנאָסנ, וועלכער האָט זיכ מיט אימ פארייניקט, דערלאנגט א נאָכ מער צעשמעטערנדיקנ קלאפּ דעמ פּוילישנ קיניגלעכנ מיליטער באמ טײַכ פּיליאווקע.

אָנהייבנדיק דעמ קאמפּ קעגנ פּוילנ, האָט כמעלניצקי פארטיידיקט די אינטערעסנ הויפּטזאכלעכ פונ די רייסטער־קאזאקנ. ער האָט געפאָדערט צו פארגרעסערנ די צאָל פונעמ קאזאקישנ רייסטער־מיליטער, אופצושטעלנ צוריק די רעכט, וואָס זײַנענ אָפּגענומענ געוואָרנ בא די קאזאקנ, אויסצאָלנ דעמ פארהאלטענעמ לוינ, אופהערנ צו רודפנ די פּראוואָסלאווע קירכ. דער מאסנ־אופשטאנד פונ די פּויע־

ריכ און די הילפ פונ דער שטאָטישער באַפעלקערונג האָבנ כמעלניצקינ באַוויזנ, אַז דעמ קאַמפ מיט פוילנ פירט ניט נאָר דאָס קאָזאַקנטומ, נאָר דאָס גאַנצע אוקראַינישע פאָלק.

דער זיג באַמ טײַכ פיליאַווקע איבער די פוילישע הויפט־קרעפטנ האָט געעפנט פאַר כמעלניצקינ דעמ וועג אַפ וואַרשע. די פויערימ און א טייל קאָזאַקנ האָבנ פונ אימ געפאָדערט, ער זאָל פאַרנעמענ א מאַרש אַפ דער פוילישער הויפטשטאָט. כמעלניצקי האָט זיכ אָבער געוואַקלט, ווײַל ער האָט נאָכ אַלץ געהאָפט אַפ א פרידלעכנ אויסגלײַכ מיטנ פוילישנ קיניג. כמעלניצקי איז צוגעקומענ ביז לוואָוו און זאַמאָשטש, דערנאָכ אָבער האָט ער פאַרקערעוועט צוריק קיינ קיִעוו, ווו די באַפעלקערונג האָט אימ באַגעגנט מיט גרויס פאַראַד און האָט אימ באַגריסט אַלס דעמ אויסלייזער פונ אוקראַינע פונ אונטערנ פוילישנ יאָכ.

נאָכ דער מאַפּאָלע באַמ טײַכ פיליאַווקע האָט די פוילישע רעגירונג, קעדיי צו געווינענ צײַט אַפ צונויפנעמענ נײַ מיליטער, אַוועקגעשיקט קיינ קיִעוו שליכימ צו שליסנ א שאָלעמ. נעמענדיק אינ אַכט די דערפאָלגנ פונעמ פויערימ־אויפשטאַנד, האָט כמעלניצקי ניט געוואָלט אײַנגיינ אַפ קליינע האַנאָכעס, און ער האָט געפאָדערט צו באַפרײַענ אוקראַינע פונעמ פוילישנ מיליטער. „איכ וועל אַרויסרײַסנ דאָס גאַנצע אוקראַינישע פאָלק פונ דער פוילישער קנעכטשאַפט“, — האָט ער געזאָגט צו די פוילישע שליכימ. די שאָלעמ־אונטערהאַנדלונגענ האָבנ ניט געגעבנ קיינע רעזולטאַטנ.

דער זבאָראָווער שאָלעמ. זומער 1649 י. איז כמעלניצקי אַרויסגעטראָטנ אינ א נײַעמ מאַרש. צו אימ האָט זיכ אָנגעשלאָסנ דער קרימער כאַנ מיט א גרויסער טאָטערישער האָרדע. אונטער דער שטאָט זבאָראָוו האָבנ די קאָזאַקנ און טאָטערנ אַרומגערינגלט דאָס פוילישע מיליטער. די פוילישע פאַנעמ האָט זיכ אָבער אײַנגעגעבנ אונטערצוקויפנ דעמ קרימער כאַנ. זיי האָבנ אימ געגעבנ א גרויסע סומע געלד, און ער האָט פאַרגעלייגט כמעלניצקינ צו שליסנ א שאָלעמ מיטנ קיניג. כמעלניצקי האָט פאַרשטאַנענ, אַז אויב ער וועט ניט מאַסקימ זײַנ מיטנ כאַנ, שטייט ער אינ א גרויסער סאַקאָנע מיצאַד די טאָטערנ. דעריבער איז ער אײַנגעגאַנגענ דערויפ און האָט געשלאָסנ א שאָלעמ, וואָס האָט באַקומענ דעמ נאָמענ זבאָראָווער שאָלעמ. לויט די באַדינגונגענ פונ דעמ דאָזיקנ שאָלעמ, איז אוקראַינע, עמעס, פאַרבליבנ וואַסאַל אָפהענגיק פונ דעמ פוילישנ קיניג, זי האָט אָבער באַקומענ א זעלבסטפאַרוואַלטונג אינ דער שפיצ מיט א העטמאַנ. אוקראַינישער העטמאַנ איז געוואָרנ באָגדאַנ כמעלניצקי. די צאָל רייסטער־קאָזאַקנ האָט געדאַרפט פאַרגרעסערט ווערנ פונ 6000 ביז 40.000.

מיטנ זבאָראָווער שאָלעמ פונ 1649 י. האָט זיכ פאַרענדיקט דער ערשטער פעריאָד פונ דער מילכאָמע פאַר דער באַפרײַונג פונ אוקראַינע. די באַדינגונגענ פונעמ שאָלעמ האָבנ באַפרידיקט די הויפט־פאָדערונגענ פונ די פאַרמעגלעכע רייסטער־קאָזאַקנ. אינ אַנ אַנדער לאַגע האָבנ זיכ אָבער געפונענ דאָס פאָשעטע קאָזאַקנטומ און די פויערימ. א סאַכ פויערימ, וואָס האָבנ זיכ געשלאָגנ מיט די פוילישע שליאַכטיטשעס און זײַנענ נאָכדעמ ניט אַרײַנ אינ באַשטאַנד פונעמ פערציקטויזנטיקנ רייסטער־מיליטער, וואָס איז אויסגערעדט געוואָרנ אינ די שאָלעמ־באַדינגונגענ, האָבנ זיכ געמוזט צוריק אומקערנ אַפ די אַלטע ערטער, צו זייערע פריִערדיקע פריצימ. די פויערימ זײַנענ ווי פריִער געבליבנ לײַבייגענע בײַ די גוטבאַזיצער. נאָכנ שליסנ

דעמ שאָלעמ האָבנ זיכ די פוילישע פאנעס גענומענ אומקערנ צוריק אינ זייערע אוקראינישע גיטער. באָגדאנ כמעלניצקי האָט געפאָדערט, אז די פויערימ זאָלנ פאָלגנ זייערע פריצימ.

אזויארומ האָט דער זבאָראָווער שאָלעמ ניט באפרידיקט די פויערימ. דעריבער האָבנ די פויערימ ניט געוואָלט אופגעבנ דעמ קאמפ און האָבנ ניט געלאָזט די פאנעס צוריק אינ זייערע גיטער. די פויערימ האָבנ אָפנ געטאדלט באָגדאנ כמעלניצקינ, וואָס ער האָט געשלאָסנ שאָלעמ מיט פוילנ. דער מוטיקער אָנפירער פונ די פויעריש-קאזאקישע אָטריאדנ ניעטשײַ האָט צו באָגדאנ כמעלניצקינ אזוי געזאָגט: „אויב דיר געפעלט צו זײַנ א קנעכט, זײַ, און מיר וועלנ זיכ אויסקלײַבנ אנ אנדער עלטסטנ (העטמאנ), וועלכער וועט בעסער, ווי דו, זיכ אָננעמענ פאר אונדז“.

די באנײַונג פונ דער מילכאָמע. אינ פוילנ האָט מענ דעמ זבאָראָווער שאָלעמ באטראכט ווי א נייטיקע פאוזע אפ צו רעאָרגאניזירנ דאָס צעקלאפטע מיליטער. די פאנעס האָבנ זיכ מיט אָט דער פאוזע באנוצט אויכ אפ צו צעקלאפנ די פויערימ-באוועגונג. אפ די פעלדער האָבנ זיכ געוואלגערט קערפערס פונ פארפײַניקטע און אויסגעשאָכטענע פויערימ און שטאָטישע אײַנוווינער. פיל פויערשע פירער זײַנענ אומגעקומענ, דערונטער אויכ מאקסימ קריוואָנאָס. אינ אָנהייב 1651 י. האָט דאָס פוילישע מיליטער זיכ ארײַנגעריסנ אינ די מײַרעוו-געביטנ פונ אוקראינע, איידער כמעלניצקי האָט באוויזנ צונויפנעמענ די קאזאקנ אפ אָפצושלאָגנ דעמ אָנפאל. אינ סאמע אָנהייב פונ דער נײַער מילכאָמע איז אומגעקומענ דער העלדנמוטיקער ניעטשײַ, וועלכער האָט זיכ דרייסט געוואָרפנ אינ שלאכט מיט א קליינעמ אָטריאד צו באשיצנ די באפעלקערונג.

פרילינג 1651 י. איז ארויסגעטראָטנ א גרויסע פוילישע ארמיי אינ דער שפיצ מיטנ קיניג. דער רוימישער פויפסט האָט געמאָלדנ, אז ער איז לעכאטכילע מויכל פאר אלע זינד די אָנטיילנעמער פונ דער מילכאָמע קעגנ דעמ אוקראינישנ פאָלק. באָגדאנ כמעלניצקי האָט זיכ ווידער פארייניקט מיטנ קרימער כאנ. אינ יונ 1651 י. האָט זיכ אונטער בערעסטעטשקע אָנגעהויבנ א שלאכט. ביים דער דאָזיקער שלאכט האָבנ די טאָטערנ פלוצלינג פארלאָזט די קאזאקנ און זײַנענ אָפגעטראָטנ. באָגדאנ כמעלניצקי האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אײַנרעדנ דעמ כאנ, ער זאָל זיכ צוריקקערנ אפנ שלאכט-פעלד. דער כאנ האָט אָבער ניט נאָר ניט צוריקגעקערט זיכ, נאָר ער האָט אפילע פארהאלטנ דעמ העטמאנ בא זיכ. געבליבנ אָנ אנ אָנפירער, האָבנ זיכ די קאזאקנ און די פויערימ ארומגעגראָבנ אינ לאגער און האָבנ עטלעכע טעג מוטיק אָפגעשלאָגנ די אטאקעס פונ די פאָליאקנ. אינ די דאָזיקע געראנגלענ האָט זיכ באזונדערס אויסגעצייכנט באָגונ, וואָס איז באקאנט געווענ אי די קאזאקנ, אי די פאָליאקנ מיט זײַנ לעגענדארער קראפט און געוואגטקײַט. די קאזאקנ האָבנ אויסגעוויילט באָגונענ פאר זייער אָנפירער. אינ די אטאקעס, וואָס ער האָט פאָרגענומענ, האָט ער איבערראשט די סאָנימ מיט זײַנע קריגס-אײַנפאלנ און מיט דער געוואגטקײַט פונ די אומגעריכטע אָנפאלנ.

די קרעפטנ זײַנענ אָבער געווענ ניט קיינ גלײַכע. די קאזאקנ האָבנ געמוזט טראכטנ וועגנ א צוריקטריט; באנאכט איז א טייל קאזאקנ אומבאמערקט אָפגעטראָטנ מיט דער הרעבליע, וואָס זיי האָבנ געמאכט אפ א זומפ. באגינענ האָבנ זיכ די פאָליאקנ ארײַנגעריסנ אינעמ שיטער-געוואָרענעמ לאגער און האָבנ זיכ גרויזאמ אָפגערעכנט מיט די איבערגעבליבענע, וואָס צווישנ זיי זײַנענ געווענ א סאכ שלעכט

באוואָפנטע פּויערימ. באַ א דרײַ הונדערט קאזאקנ האָבנ זיכ פארקליבנ אפ א קליינינקנ אינדזל אונ האָבנ ניט אופגעהערט אקשאָנעסדיק צו באשיצנ זיכ. די פּאָליאקנ האָבנ פּאָרגעלייגט די קאזאקנ אונטערצוגעבנ זיכ אונ האָבנ צוגעזאָגט שענקענ זיי דאָס לעבנ, זיי האָבנ אָבער באקומענ פונ די קאזאקנ אזא ענטפער: „דאָס לעבנ איז אונדז ניט טײַער, אונ מיט דער גנאָד פונ די סאָנימ מיִעסנ מיר זיכ“. נאָכ דעמ האָבנ זיכ די קאזאקנ ארומגענומענ, אונ זיי האָבנ זיכ געוואָרפנ אפ די פּאָליאקנ. אלע קאזאקנ זײַנענ אומגעקומענ ווי העלדנ.

ערשט אינ א כוידעש ארומ האָט דער קרימער כאנ פרײַגעלאָזט באָגדאנ כמעלניצקינ. די פּאָליאקנ האָבנ צו יענער צײַט געהאט פארנומענ קיִעוו, אונ די טאָטערנ האָבנ מוירעדיק רויִנירט דאָס לאנד. אינ פאָלק האָט מענ גערעדט אפנ העטמאנ, אז ער איז שולדיק אינ די דורכפאלנ. דער העטמאנ האָט געמוזט אײַנגײנ אפ די שווערע באדינגונגענ פונעמ שאָלעמ-אָפּמאכ, וועלכער איז אינ הארבסט 1651 י. אונטערגעשריבנ געוואָרנ אינ בעלאָצערקאָוו. ס'איז קימאט אינגאנצנ פארלאָרנ געגאנגענ אלצ, וואָס מע האָט געהאט דעראָבערט אינ שווערנ קאמפ. די צאָל פונעמ קאזאקישנ רייסטער-מיליטער איז פארקירצט געוואָרנ ביז 20 טויזנט. די קאזאקנ האָבנ אָנגעוואָרנ די רעכט, וואָס זיי האָבנ געהאט באקומענ לויטנ זבאָראָווער שאָלעמ.

די פּוילישע פּריצימ האָבנ גענומענ צוריק אומקערנ זיכ קיינ אוקראַיִנע אונ האָבנ זיכ גרויזאמ נויקעמ געווענ אינ די פּויערימ פאר זייער אָנטייל אינעמ אופשטאנד. ראטעווענדיק זיכ פונ די רעדיפעס, האָבנ די פּויערימ מאסנווײַז גענומענ אוועקגײנ אפנ לינקנ ברעג דניעפּער אונ ווײַטער, אפ יענער זײַט פונ דער רוסישער מעלוכישער גרענעצ. ס'האָט גיכ אָנגעהויבנ פּוסט ווערנ אפ דער טעריטאָריע פונ אוקראַיִנע, וואָס האָט זיכ געפונענ אונטער דער פּוילישער מאכט. אינ דער זעלבער צײַט אָבער האָט די אוקראַיִנישע באפעלקערונג גענומענ באזעצנ די פרוכטבארע ערד-פלעצער באַ דער אויבערשטרעמונג פונעמ צאָפנ-דאָניעצ, אונ דאָ זײַנענ גיכ אויסגעוואקסנ צענדליקער נײַע אוקראַיִנישע סלאָבאָדעס. די דאָזיקע געגנט האָט באַקומענ דעמ נאָמענ „סלאָבאָדישע אוקראַיִנע“.

ניט געקוקט אפנ שאָלעמ-אָפּמאכ, וואָס איז געשלאָסנ געוואָרנ אינ בעלאָצערקאָוו, האָבנ אָטריאדנ שליאכטיטשעס ניט אופגעהערט באָרעוו צו מאכנ אוקראַיִנישע דערפער, באראבעווענ אונ אויסהארגענענ די אײַנוווינער, ניט שאָנעווענדיק ניט קיינ זקיינימ, ניט קיינ פרויענ, ניט קיינ קינדער. דער פּוילישער קיניג האָט זיכ אײַנגעבעטנ מיטנ קרימער כאנ דורכ דעמ, וואָס ער האָט אימ דערלויבט אינ פארלויפ פונ 40 טעג ראבעווענ די אוקראַיִנישע באפעלקערונג. אפ די וועגנ, וואָס פירנ קיינ קרימ, האָבנ זיכ געצויגנ לאנגע רייענ געפענטעטע געפאנגענע. די קרימער האָבנ אוועקגעפירט מיט זיכ צענדליקער טויזנטער מאנצבלענ אונ פרויענ, אפ וועמענ עס האָט געווארט שווערע שקלאפערײַ. אינ אנ אלטער אוקראַיִנישער ליד זינגט מענ וועגנ דער דאָזיקער צײַט:

ס'האָט זיכ פארטרויערט אוקראַיִנע, — ניטאָ איר ווו אהינטאָנ זיכ.
מיט פערד געטראָטנ האָט די האָרדע קליינע קינדער,
די קליינע געטראָטנ, די גרויסע צוגענומענ,
די הענט זיי געבונדנ, צום כאנ פאר קנעכט אוועקגעטריבנ.

§58. דער אַנשלוס פונ אוקראַיִנע צו דער רוסישער מעלוכע אונ די מילכאָמע מיט פוילנ.

דער אַנשלוס פונ אוקראַיִנע צו דער רוסישער מעלוכע. די מילכאָמע פונ די יאָרנ 1648—1651 האָט קלאָר באַוויזנ, אַז מיט די אייגענע קויכעס איז אוקראַיִנע ניט אימשטאַנד צו באַפרייענ זיכ פונ פוילישער קנעכטשאַפט. אַרומגערינגלט פונ אַלע זייטנ מיט שטאַרקערע מעלוכעס ווי זי, האָט אוקראַיִנע אינ יענער צייט ניט געקאָנט ווערנ זעלבשטענדיק. אונ ווענ די אוקראַיִנישע פויערים אונ קאָזאַקנ זײַנענ אינ 1652 יאָר אָפסניי אויפגעשטאַנענ קעגנ די פוילישע פריצימ אונ דער פוילישער מאַכט, האָט באָגדאַנ כמעלניצקי גענומענ פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיט דער מאָסקווער רעגירונג וועגנ אָנשליסנ אוקראַיִנע צו דער רוסישער מעלוכע. אויפנ זעמסקי סאָבאָר, וואָס איז צונויפגעקליבנ געוואָרנ אינ מאָסקווע אינ האַרבסט 1653 י., איז באַשלאָסנ געוואָרנ צו באַשיצנ אוקראַיִנע אונ דערקלערנ פוילנ אַ מילכאָמע. דעמ 8 יאַנוואַר 1654 י. האָט זיכ אינ פערעיאַסלאַוול אינ דער אָנוועזנהייט פונ מאָסקווער פאָרשטייער פאַרזאַמלט די ראַדע — אַ באַראַטונג פונ פאָרשטייער פונעמ אוקראַיִנישנ קאָזאַקנטומ. דער העטמאַנ באָגדאַנ כמעלניצקי האָט זיכ געווענדט צו די פאַרזאַמלטע קאָזאַקנ מיט אַ רעדע, אינ וועלכער ער האָט דערמאָנט וועגנ דער שווערער לאַגע פונעמ אוקראַיִנישנ פאָלק. „ס'איז אײַכ אַלעמענ באַוווּסט, — האָט ער געזאָגט, — אַז אונדזערע סאָנימ ווילנ אונדז אויסראָטנ אַזוי, אַז דער נאָמענ רוס (דה. אוקראַיִנע) זאָל אינ אונדזער לאַנד אַפילע ניט דערמאָנט ווערנ. דעריבער קלײַבט זיכ אויס אַ האַר פונ צווישנ פיר קייסאָרימ. דער ערשטער איז — דער טערקישער קייסער, ער אונטערדריקט די גריכנ. דער צווייטער איז — דער קרימער כאַנ, ער האָט פיל מאָל פאַרגאָסנ דאָס בלוט פונ אונדזערע ברידער. דער דריטער איז — דער פוילישער קיניג. וועגנ דעמ, וואָס פאַרא אונטערדריקונגענ מיר שטייענ אויס פונ די פוילישע פאַנעס, איז איבעריק צו דערציילנ. דער פערטער איז — דער צאַר פונ דער גרויסער רוס, דער מיזרעכדיקער צאַר". טויזנטער שטימענ האָבנ אָפגעענטפערט: „מיר ווילנ אונטערנ מיזרעכדיקנ צאַר". לויט דער פאַרשטענדיקונג, וואָס איז עטוואָס שפּעטער געשלאָסנ געוואָרנ אינ מאָסקווע, האָט אוקראַיִנע באַקומענ דאָס רעכט אויפ זעלבסטפאַרוואַלטונג אינ דער שפּיצ מיט אַנ אויסגעוויילטנ העטמאַנ. די צאָל רייסטער-קאָזאַקנ איז באַשטימט געוואָרנ 60 טויזנט.

די מאַכט פונעמ פוילישנ קיניג אונ פונ די פוילישע פריצימ איז פאַרנ אוקראַיִנישנ פאָלק געווענ אינ פיל מאָל שווערער, איידער די אונטערטאַנשאַפט צומ רוסישנ צאַר. דאָס גרויסרוסישע פאָלק איז קרוייוויש מיטנ אוקראַיִנישנ אונ ווײַסרוסישנ פעלקער אי לויט דער אָפשטאַמונג אי לויט דער שפּראַכ אונ קולטור. דאָס אַריבערגייינ פונ אוקראַיִנע אינ באַשטאַנד פונ דער רוסישער מעלוכע איז פאַר איר געווענ אַ קלענער בייז, איידער עס זאָלנ זי געווענ פאַרכאַפּנ דאָס פריצישע פוילנ אָדער די סולטאַנישע טערקײַ.

די מילכאָמע מיט פוילנ אונ מיט שוועדנ. פוילנ האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטנ אוקראַיִנע דער רוסישער מעלוכע. דעריבער האָט בלויז אַ מילכאָמע געקאָנט באַפרייענ אוקראַיִנע פונ אונטער דער פוילישער הערשאַפט. אינ מאָסקווע איז באַשלאָסנ געוואָרנ אָנצוהייבנ אַ מילכאָמע מיט פוילנ ניט נאָר פאַר אוקראַיִנע,

נאָר אויך פאַר ווײַסרוסלאַנד. די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1654 י. און האָט, מיט קליינע איבעררײַסן, געדויערט 13 יאָר (1654—1667). באַלד אינעם ערשטן יאָר מילכאָמע איז באַפרײַט געוואָרן פון אונטערן פּוילישן דרוק קימאַט די גאַנצע טעריטאָריע פון ווײַסרוסלאַנד. אין פיל שטעט האָבן די אײַנוווינער אליין אַרויסגע-טריבן די פּוילישע גאַרניזאָנען. די באַפעלקערונג האָט מיט פרייד באַגעגנט דאָס רוסישע מיליטער. אין האַרבסט האָט זיך אונטערגעגעבן סמאָלענסק. אין א יאָר אַרום, זומער-צײַט, האָט דאָס רוסישע מיליטער פאַרנומען ווילנע. גלײַכצײַטיק האָט אין דער רעכטברעגיקער אוקראַינע דאָס אוקראַאינישע און רוסישע מיליטער געפירט א דערפאָלגרײַכן קאַמף מיט די פּאָליאַקן און אויך מיט די טאָטערן, וואָס זײַנען אַריבער אַפן צאַד פון פּוילן. באַפרײַט די אוקראַאינישע קאַנטן, איז באָגדאַן כמעל-ניצקי צוזאַמען מיט די מאָסקווער וואָיעוואָדעס אַריבער די גרענעץ פון פּוילן און פאַרנומען ליובלין.

אין 1656 י. האָט זיך אין דער מילכאָמע אַרײַנגעמישט דער שוועדישער קיניג קאַרל דער X, וועלכער האָט באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן אייניקע געביטן פון פּוילן. ער האָט פאַרנומען וואַרשע, קראָקע און פיל אַנדערע פּוילישע שטעט. דער אָנגריף פון שוועדן האָט געשטויסן די פּוילישע רעגירונג אָנצוהייבן פירן שאָלעם-אונטערהאַנד-לונגען מיט מאָסקווע. קעדיי צו שליסן א פעסטן שאָלעם, האָט די מאָסקווער רע-גירונג אַרויסגעשטעלט די פּוילישע פאָרשטייער א פאָדערונג, אז פּוילן זאָל זיך אָפּ-זאָגן פון אוקראַינע און ווײַסרוסלאַנד. פּוילן האָט ניט געוואָלט אײַנגיין אף די דאָ-זיקע באַדינגונגען, — איז דעריבער געשלאָסן געוואָרן נאָר א וואָפּנשטילשטאַנד, לויט וועלכן די קריגס-אַקציעס צווישן ביידע צדאָדים זײַנען אָפּגעשטעלט געוואָרן.

דער קאַמף קעגן פּוילן האָט נאָכאַמאָל באַוויזן, ווי ווײַט נייטיק עס איז פאַר רוסלאַנד צו באַזיצן די באַלטישע פּאָרטן צוליבן פאַרקער מיט מײַרעוו-אייראָפּע, פונוואַנען עס פלעגט אָנקומען געווער און מילכאָמע-מאַטעריאַלן. די מאָסקווער רע-גירונג האָט באַשלאָסן מאַכן א פרווו אָפּצונעמען בא שוועדן דעם דאָרעם-ברעג פון נעם באַלטישן יאַם, וועלכן שוועדן האָט געהאַט פאַרכאַפּט אין דער ערשטער העלפט XVII יה. די מילכאָמע מיט שוועדן האָט זיך אָנגעהויבן אין 1656 י. די רוסישע אַרמיי האָט אײַנגענומען עטלעכע שוועדישע פעסטונגען בא דער מײַרעוו-דווינע און באַלאַגערט ריגע. די באַלאַגערונג איז ניט געלונגען, ווײַל דער גאַרניזאָן פון דער שוועדישער פעסטונג האָט באַקומען הילף מיטן יאַם. די מילכאָמע האָט זיך, מיט א פאַרענדערלעכן דערפאָלג, געצויגן עטלעכע יאָר. אין 1661 י. איז מיט שוועדן געשלאָסן געוואָרן דער קאַרדיסער שאָלעם, וואָס לויט זײַנע באַדינגונגען זײַנען ביידע צדאָדים פאַרבליבן בא זייערע פריערדיקע באַזיצן. אויך דאָס מאָל האָט זיך רוסלאַנד ניט אײַנגעגעבן דורכצושלאָגן זיך צום באַלטישן יאַם.

אין 1657 י. איז געשטאָרבן באָגדאַן כמעלניצקי. זײַן העטמאַנישע מאַכט האָט אָנערקענט גאַנץ אוקראַינע. נאָך זײַן טויט איז אויסגעבראָכן א קאַמף פאַר דער מאַכט צווישן באַזונדערע גרופּעס פון דער אוקראַאינישער „סטאַרשינאַ" (קאַזאַקן-עלטסטע). דעם דאָזיקן קאַמף האָט אויסגענוצט פּוילן, וואָס האָט זיך באַמיט אונ-טערצוקויפן די אוקראַאינישע שליאַכטיטשעס און דאָס פאַרמעגלעכע קאַזאַקנטום מיט געלט און מיט האַפּטאַכעס. דער נײַער העטמאַן וויגאָווסקי, א שליאַכטיטש לויטן אָפּשטאַם, איז מיט א טייל פון דער קאַזאַקישער סטאַרשינאַ אַריבער אף דער זײַט פון פּוילן. אין בוגד מיטן קרימער כאַן האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו דערלאַנגען א

קלאפ דעמ רוסישנ מיליטער אונטער קאָנאָטאָפ. דאָס פוילישע מיליטער האָט געבראָכנ דעמ וואָפנשטילשטאנד אונ האָט אויכ גענומענ פירנ קריגס-אקציעס. אָבער דאָס פאָשעטע קאזאקנטומ אונ די אוקראַינישע פויערימ האָבנ ניט געשטיצט די אָנהענגער פונ פוילנ אונ האָבנ ווײַטער אקשאָנעסדיק געקעמפט צוזאמענ מיטנ רוסישנ מיליטער פאר דער באפרײַונג פונ אוקראַינע. בײדע צדאָדימ — אי פוילנ אי די רוסישע מעלוכע — זײַנענ געווענ שטארק אויסגעצערט פונ דער פיליאָריקער מילכאָמע. ענדלעכ, אינ 1667 י. איז נאָכ דויערנדיקע אונטערהאנדלונגענ געשלאָסנ געוואָרנ דער אנדרוסאָווער וואָפנשטילשטאנד (אינעמ דאָרפ אנדרוסאָוו, לעבנ סמאָלענסק) אפ 13½ יאָר. בא דער רוסישער מעלוכע איז פארבליבנ א טייל ווײַסרוסלאנד, סמאָלענסק אונ די אוקראַינישע טעריטאָריעס אפנ לינקנ ברעג דניעפער. אפנ רעכטנ ברעג דניעפער איז צו דער רוסישער מעלוכע אריבער אפ צוויי יאָר צײַט קיעוו מיטנ דערבײַיקנ ראיאָנ; אָבער אז די צוויי יאָר זײַנענ אוועק, האָט מענ קיעוו די פאָליאקנ ניט צוריקגעקערט. אינ 1686 י. האָבנ זיי געמוזט אײַנגיינ דערופ, אז קיעוו זאָל „אפ אייביקע יאָרנ“ אָנגעשלאָסנ ווערנ צו רוסלאנד.

קאפיטל XVII.

די פאָלקס־אופשטאנדנ אינ דער רוסישער מעלוכע אינ דער צווייטער העלפט XVII יאָרהונדערט.

§ 59. דער קופער־בונט אינ מאָסקווע אינ 1662 יאָר.

די פארשטארקונג פונעמ קלאסנקאמפ. די פארשטארקונג פונעמ לײַבאייגנ-טימערישנ דרוק אינ XVII יה. האָט ארויסגערופנ א פארשארפונג פונעמ קלאסנקאמפ, באזונדערס אינ צוזאמענהאנג מיט דער מילכאָמע מיט פוילנ, וואָרעמ די גאנצע לאסט פונ די שטײַערנ אונ פליכטנ איז געפאלנ אפ דער עקספלואטירטער באפעלקערונג. אינ די 60-ער יאָרנ פונ XVII יה. זײַנענ אינ פארשיידענע ערטער פונעמ לאנד אויסגעבראָכנ איינצלנע אופשטאנדנ, אונ אינ די יאָרנ 1670—1671 האָט זיכ צעפלאקערט א פויערימ-מילכאָמע, וואָס האָט ארומגעכאפט די קאָלאָסאלע דאָרעמ-מיזרעכדיקע טעריטאָריע פונ דער רוסישער מעלוכע.

די שווערע עקאָנאָמישע לאגע פונעמ לאנד ביים דער מילכאָמע מיט פוילנ איבער אוקראַינע האָט זיכ נאָכ מער פארערגערט איבער דער דעזאָרגאניזירטקײַט פונ דער געלט-סיסטעמ. בײַטיקנדיק זיכ אינ גרויסע געלט-מיטלענ אפ צו דעקנ די מילכאָמע-הויצאָעס, האָט די צארישע רעגירונג אינ 1654 י. ארויסגעלאָזט קופער-געלט, ביים פריער האָט צירקולירט אויסשליסלעכ זילבער-געלט. די רעגירונג האָט צוגעגליכנ דאָס קופער-געלט צו זילבער-געלט, כאָטש דער ווערט פונ קופער איז געווענ קימאט אינ הונדערט מאָל קלענער, איידער דער ווערט פונ זילבער. אינ משעכ פונ 8 יאָר איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ א קאָלאָסאלער סכומ קופער-געלט. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז עס זײַנענ שטארק געשטיגנ די פרײַזנ אפ אלע סכוירעס, באזונדערס אפ דערנערונגס-פראָדוקטנ. די פויערימ האָבנ אופגעהערט צו פארקויפנ

ברויט פאר קופער-געלט. פונ דעמ ווירטשאפטלעכנ כורבנ, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ, האָט מער פונ אלעמענ געליטנ די שטאָטישע אָרעמשאפט. זייער שווער איז געוואָרנ אויכ די לאַגע פונ די סטרעלצעס אונ פונ אנדערע קליינע דינסט-לײַט, וועלכע פלעגנ באקומענ אויסגעצאָלט זייער געהאלט מיט קופער-געלט.

דערפירט ביז צו פארצווייפלונג, האָט די ווייניק פארמעגלעכע פאָסאד-באפעלקערונג פונ מאָסקווע דעמ 25 יול 1662 י. אויפגעהויבנ אנ אויפשטאנד. אינדערפריִ זײַנענ אינ טאָג פונעמ אויפשטאנד אינ פארשיידענע ערטער פונ דער הויפטשטאָט פאנאנדערגעקלעפט געוואָרנ פראָקלאמאציעס, אינ וועלכע עס זײַנענ געווענ אויסגערעכנט די נעמענ פונ די פארהאסטע צארישע באָיארנ אונ גרויסע סאָכרימ. א האמויִנ האנטווערקער, קליינהענדלער, „העפקער-מענטשנ“ („гулящие люди“) אונ אויכ סאָלדאטנ אונ סטרעלצעס האָט זיכ אוועקגעלאָזט אינ דאָרפ קאָלאָמענסקאָיע אונטער מאָסקווע, ווו ס'האָט זיכ דעמלט געפונענ דער צאר. דער האמויִנ האָט געצוווּנגענ דעמ צאר ארויסצוגייִנ פונ קלויסטער צו פירנ אונטערהאנדלונגענ אונ האָט דראָענדיק געפאָדערט, מע זאָל אימ איבערגעבנ אינ די הענט די סאמע פארהאסטע באָיארנ, מע זאָל פארגרינגערנ די שטײַערנ אונ פארניכטנ דאָס קופער-געלט. וועלנדיק געווינענ צײַט, האָט דער איבערגעשראָקענער צאר צוגעזאָגט אלצ, וואָס מע האָט געבעטנ. די אויפשטענדלער האָבנ אימ אָבער ניט געטרויט אונ האָבנ געשריִענ: „וואָס איז דאָ צו גלייבנ?“ דער צאר האָט געשווירנ, אז ער וועט אלצ אויספילנ, אונ, אלס באשטעטיקונג דערצו, האָט ער געגעבנ א טקיִעס-כאפ אייִנעמ א מענטשנ פונעמ האמויִנ. אָפגענארט פונ דעמ צארס האפטאָכע, האָט דער האמויִנ שוינ געהאט אויסגעקערעוועט צו גייִנ צוריק קיינ מאָסקווע, איז אָבער אימ אנטקעגנ אָנגעקומענ פונ מאָסקווע א נײַער האמויִנ, אונ זיי האָבנ זיכ ביידע פארייניקט. די אויפשטענדלער האָבנ זיכ ווידער ארײַנגעריסנ אינ קאָלאָמענסקאָיע פונקט אינ דער מינוט, ווענ דער צאר האָט זיכ געזעצט אפנ פערד, קעדיי אָפצופאָרנ קיינ מאָסקווע.

אציִנד זײַנענ שוינ אינ קאָלאָמענסקאָיע געווענ צונויפגעצויגנ פאָלקנ סטרעלצעס, וואָס מע האָט ארײַנגעפירט אינעמ צארס גוט דורכ די הינטערשטע טויערנ. דעריִבער האָט דער צאר געענדערט דעמ טאָנ אונ האָט א געשריי געטאָנ, אז מע זאָל „יענע מענטשנ שלאָגנ אונ האקנ ביז צומ טויט, אונ די לעבעדיקע כאפנ“. די סטרעלצעס זײַנענ אומגעריכט באפאלנ דעמ אומבאוואָפנטנ האמויִנ אונ האָבנ אימ געטריבנ צומ טײַכ מאָסקווע. א סאכ מענטשנ זײַנענ אויסגעקוילעט געוואָרנ, א סאכ זײַנענ דערטרונקענ געוואָרנ אינ טײַכ, די מערהײַט האָט מענ געכאפט. די צארישע רעגירונג האָט זיכ אכזאָריעסדיק אָפגערעכנט מיט די אויפגעשטאנענע: 18 מאנ האָט מענ אויפגעהאנגענ אפ די מאָסקווער הויפט-וועגנ; די איבעריקע האָט מענ אויסגעשניטנ די צינגער, אָפגעהאט די פיס, די הענט, אָדער פארשמיסנ מיט בײַטשנ. מוירע האָבנדיק אָבער פאר א נײַעמ אויפשטאנד, האָט דער צאר דאָס קופער-געלט אָפגעשאפט.

§ 60. וואָלגער געביט אינ XVII יאָרהונדערט.

די פעלקער פונעמ וואָלגער געביט. די וואלד- אונ סטעפ-שעטעכנ אפ ביידע זײַטנ וואָלגע זײַנענ געווענ באזעצט פונ פארשיידענע פעלקער. אינעמ וואלדיקנ געביט, צו מיזרעכ-צו פונעמ טײַכ וויאטקא, האָבנ געלעבט די אודמורטנ (וואָטיא-

קעמ). אפ ביידע ברעגנ פונ דער וואָלגע, — אפנ לינקנ ברעג (צווישנ די טײַכנ וויאַטקא אונ וועטלוגא) אונ אפנ רעכטנ ברעג (צווישנ די טײַכנ וואָלגע אונ סורא), האָבנ געלעבט די מאַרי:ער (טשערעמיסנ). זיי האָבנ זיכ געטיילט אפ: אינ דער נידער וווינענדיקע, וואָס האָבנ פאַרנומענ דעמ נידעריקנ, לינקנ ברעג וואָלגע, וועלכער איז באַדעקט מיט וועלדער אונ זומפנ, אונ „באַרגיקע“, וואָס האָבנ געלעבט אפנ רעכטנ, הויכנ ברעג טײַכ. שכײנימ פונ די מאַרי:ער זײַנענ געווענ די טשוואַשנ אונ די מאָרדווא. די מאָרדאָווישע יישווימ האָבנ פאַרנומענ די טעריטאָריע פונ דער נידער=אָקא אונ פונ דער אויבער=שטרעמונג פונ סורא. אפ ביידע ברעגנ בא דער נידערשטרעמונג פונ דער קאמע האָבנ געלעבט די טאָטערנ. די טעריטאָריעס צו דאָרעמ=מיזרעכ=צו פונ דער קאמע אונ לענגויס דעמ טײַכ אופא זײַנענ געווענ באַזעצט פונ באַשקירנ. די באַשקירנ האָבנ געלעבט אויכ אפ יענער זײַט אוראַל, בא דער אויבערשטרעמונג פונ טאָבאָל. אָט די אלע פעלקער זײַנענ נאָכ דעמ, ווי איוואַנ דער IV האָט דעראָבערט דאָס קאזאַנער כאַנטומ, אַרײַנ אינ באַשטאַנד פונ דער רוסישער מעלוכע.

די צאַרישע רעגירונג פלעגט צונויפנעמענ פונ די באַצוווּנגענע פעלקער פונ וואָלגער געביט נאַטור=שטײַער (יאַסאַק), וועלכנ זיי האָבנ פרי:ער געצאָלט דעמ קאַזאַנער כאַנ אונ זײַנע וואַסאַלנ. א טייל באַפעלקערונג איז, כוץ יאַסאַק, געווענ באַשטײַערט אויכ מיט א געלט=אָפּצאָל. די צאַרישע שטײַערנ=אופמאָנער פלעגנ באַגיינ פאַרשיידענע גוואַלדטאַטנ, פלעגנ אָפּנעמענ בא דער באַפעלקערונג דאָס ברויט אונ דאָס פי. די מאָנאַסטירנ אונ די גוטסבאַזיצער האָבנ געשטרעבט צו פאַרכאַפּנ די פרוכטבאַרע ערד אונ די וועלדער, וואָס זײַנענ רײַכ מיט פוטער=בײמעס, אונ פאַרקנעכטנ די באַפעלקערונג.

צומ פאַרפעסטיקנ איר מאַכט איבער די וואָלגער פעלקער האָט די צאַרישע רעגירונג אויסגענוצט די הילפ פונ דער קירכ, וועלכע פלעגט אַריבערפירנ די באַפעלקערונג אינ פראַוואָסלאַווישנ גלויבנ. די צוואַנג=טויפונג האָט זיכ באַזונדערס פאַרשטאַרקט אינ דער צײַט, ווענ פאַטרי:אַרכ איז געווענ ניקאָנ. די פראַוואָסלאַווישע גאַלאָכימ פלעגנ צונויפנעמענ אינ די מאָרדאָווישע דערפער די פויערימ אונ טויפנ זיי, אונ נאָכדעמ פלעגט מענ זיי צווינגענ אויסצוהאַקנ די „פאַרהײליקטע“ וועלדלעכ אונ פאַרברענענ די הילצערנע מאַצייוועס אפ די קוואָרימ פונ די פאַרשטאָרבענע עלטערנ.

די לאַגע פונ באַשקיריע. דער גרונט=צווײַג פונ דער ווירטשאַפט איז בא די באַשקירנ געווענ נאָמאַדישע פיצוכט. די באַשקירנ האָבנ זיכ באַשעפטיקט מיט יאַגד אפ פוטער=בײמעס, מיט וואַלד=בינענצוכט אונ מיט פישפאַנג. שוינ אינ XVII יה. האָבנ די באַשקירנ אינ אייניקע ערטער גענומענ טיילווײַז אַריבערגיינ צו ערדאַרבעט; עס זײַנענ בא זיי אופגעקומענ דערפער פונ קלײנע הילצערנע הײַזער. זומערצײַט פלעגנ די באַשקירנ אַרויסטרײַבנ די טשערעדעס פי אונ טאַבונעס פערד אפ סטעפישנ נאַטירלעכנ פיטער, אונ שפעט אינ האַרבסט זיכ צוריקקערנ אינ די ווינטער=יישווימ.

די באַפעלקערונג פונ באַשקיריע איז געווענ אײַנגעטײלט אינ וואָלאָסטנ; יעדע וואָלאָסט, ווידער, איז באַשטאַנענ פונ עטלעכע געמיינדעס. די וואָלאָסט האָט פאַרייניקט מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ גערעכנט פאַר קינדער פונ אײנ שטאַמ. אינ XVII יה. איז שוינ אָבער די שטאַמ=אָרדענונג בא די באַשקירנ געווענ אינ א צושטאַנד פונ פולשטענ=

דיקער צעפאלונג. האגאמ די ערד מיט די פאשע=פלעצער פארנ פי האָט זיכ נאָכ גערעכנט פאר אנ אלגעמיינעמ באזיצ פונ דער וואָלאָסט אָדער פונ אירנ א טייל— פונ דער געמיינדע, זײַנענ שוינ אָבער אינ דער ווירקלעכקײַט די באלעבאטימ אפ דער ערד געווענ די רײַכע לײַט, וואָס האָבנ געטראָגנ טיטלענ פונ פירשטנ, טארכאנעס און באטירנ. זיי האָבנ פארמאָגט גרויסע סטאדעס פי, פלעגנ באקומענ פונ דער באפעלקערונג גרויסע האכנאָסעס און פלעגנ צווינגענ די אָפהענגיקע מענטשנ צו ארבעטנ בא זיי אינ דער ווירטשאפט.

ווי אפ די איבעריקע פעלקער פונ מיטל=וואָלגע, האָט די צארישע רעגירונג אויכ אפ די באשקירנ ארופגעלייגט א נאטור=שטײַער (יאסאק), וואָס איז באשטאנענ פונ פעלכלעכ פונ מארדערס, פוקסנ, וועווערקעס און אנדערע ווערטפולע פוטער=כײַעס. אינ XVII יה. האָבנ די רוסישע גוטבאזיצער און די מאָנאסטירנ גענומענ צעכאפנ פאר זיכ די רײַכע ערד=פלעצער פונ באשקיריע, די געדיכטע וועלדער, די אויסגעצייכנטע פישפאנג=פלעצער, די זאלצ=גרובנס, דעמ שווארצ=באָדנדיקנ סטעפ. קעדיי צו פארפעסטיקנ איר מאכט אינ דעמ דאָזיקנ קאנט, האָט די צארישע רעגירונג אויסגעבויט א גרויסע צאָל באפעסטיקטע שטעט, דערונטער אויכ די שטאָט אופא. דער רוסישער ערדבאזיצ האָט אָנגעטאָנ שאָדנ דער פיצוכט און די וואלד=געווערבנ פונ די באשקירנ. די וואָיעוואָדעס אינ די שטעט האָבנ מיסגעברויכט מיט זייער מאכט און ראבירט די באפעלקערונג.

די קאלמיקנ. אינ די 30=ער יאָרנ פונ XVII יה. האָבנ זיכ בא דער נידער=וואָלגע באוויזנ די קאלמיקנ. פריער האָבנ די קאלמיקנ ארומגעוואנדערט צו צאָפנצו פונ דער אָזערע זײַסאנ, אינעמ בארגיקנ לאנד, וואָס האָט געהייסנ דזשונגאריע. זיי זײַנענ געווענ אײַנגעטיילט אינ שוואָטימ, וואָס רעגירט מיט זיי האָבנ פירשטנ. די שוואָטימ זײַנענ געווענ אומאָפהענגיק איינער פונ דעמ אנדערנ, נאָר צײַטנווײַז, ווענ ס'האָט געדראָט א געפאר פונ אנ אָנפאל מיצאד די שכיינישע פעלקער, פלעגנ זיי זיכ פאראייניקנ אינ אייננ אלגעמיינעמ בונד אונטער דער אָנפירונג פונעמ שטארקסטנ שייוועט און פונ זײַנ פירשט.

אינ אָנהייב XVII יה. האָט איינער פונ די גרויסע קאלמיקישע שוואָטימ צוגעוואנדערט נאָענט צו דער אויבערשטרעמונג פונעמ אירטיש און גענומענ באפאלנ די רוסישע שטעטלעכ. גייענדיק ווײַטער צו דאָרעמ=מײַרעוו=צו, האָט א טייל קאלמיקנ אינ די 30=ער יאָרנ פונ XVII יה. פארנומענ די סטעפעס צווישנ די טײַכנ יאיק און וואָלגע. אינ 1656 י. האָבנ די דאָזיקע קאלמיקנ געשווירנ טרײַהײַט רוסלאנד. סאָפ XVII און אָנהייב XVIII יה. האָט מיט די וואָלגער קאלמיקנ רעגירט דער דרייסטער און ענערגישער כאנ איוקא, וועלכער האָט זיכ אפילע יאָ אָנערקענט פאר אנ אונטערטאנ פונעמ רוסישנ צאר, נאָר ער האָט זיכ אופגעפירט אומאָפהענגיק און פלעגט אפילע באפאלנ די רוסישע שטעט בא דער וואָלגע. די קאלמיקנ, וואָס זײַנענ פארבליבנ אינ אזיע, האָבנ געבילדעט די דזשונגארישע מעלוכע, וואָס האָט זיכ זייער פארשטארקט צומ סאָפ XVII יה.

די אופשטאנדנ אינ וואָלגער געביט און אינ מײַרעוו=סיביר. די פעלקער פונ וואָלגער געביט האָבנ אקשאָנעסדיק געקעמפט קעגנ דער צארישער רעגירונג, ניט געלאָזט פארכאפנ זייער ערד און האָבנ ניט אייננ מאָל געמאכט אופשטאנדנ. אייניקע פונ אָט די אופשטאנדנ האָבנ געדויערט צו עטלעכע יאָר. די גרעסטע זײַנענ געווענ די אופשטאנדנ פונ דער באשקירישער באפעלקערונג. צוזאמענ מיט די

באשקירנ האָבנ אינ אָט די אופשטאַנדנ זיכ באַטייליקט אויכ אַנדערע פעלקערשאַפטנ פונ וואָלגער-געביט און פונ מײַרעוו-סיביר: די טאָטערנ, מאַרײַער (טשערעמיסנ), טשוּוואַשנ, קאַלמיקנ, די מאַנסי, די כאַנטע.

אינ 1662 י. איז אויסגעבראָכנ אַנ אופשטאַנד גלײַכצײַטיק אינ עטלעכע ערטער פונ באשקיריע און מײַרעוו-סיביר. מיטנ אופשטאַנד פונ די טאָטערנ, באשקירנ און וואָגולנ (מאַנסי) אינ מײַרעוו-סיביר האָט אָנגעפירט איינער פונ די קינדסקינדער פונעמ סיבירער כאַנ קוטשום. די אופשטענדלער פלעגנ באַפאַלנ די רוסישע באַפעסטיקטע שטעט און פאַרניכטנ די מאָנאַסטירנ און די רוסישע סלאָבאָדעס. דער אופשטאַנד האָט געדויערט עטלעכע יאָר און ס'איז אימ זייער שווער געווענ צו דערשטיקנ. דאָס צאַרישע מיליטער, פאַרשטאַרקט מיט פאָלקנ סאָלדאַטנ פונ „אויסלענדישער פראָנט-אָרדענונג“, וועלכע מע האָט אהער, אַפ דער וואָלגע, צוגעשיקט פונ מאָסקווע, האָט גענומענ אויסראָטנ די באַפעלקערונג, ניט שאַנעווענדיק אַפילע „סאַמע אויפעלעכ“, ווי עס ווערט דערציילט אינ אַנ אָפיציעלנ ראַפאָרט.

נאָכנ דערשטיקנ דעמ דאָזיקנ אופשטאַנד האָט די צאַרישע רעגירונג פאַרכאַפט נײַע שטיקער לאַנד אינ באשקיריע. מע האָט מיט געוואַלט אָנגעהויבנ נעמענ יונגע באשקירנ פאַר סאָלדאַטנ און שיקנ זיי קעגנ קרימ. אינ די 70-ער יאָרנ איז פונ באַזונדערע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסנ אויסגעוואַקסנ אַ נײַער באשקירישער אופשטאַנד, וועלכער האָט צו זײַנ העכסטנ גראַד דערגרייכט אינ 1682 י. מיטנ אופשטאַנד האָט אָנגעפירט דער עלטסטער פונ איינער אַ באשקירישער וואָלאָסט סעיִט סאַדיר (דעריבער רופט מענ דעמ דאָזיקנ אופשטאַנד — דער סעיִט-אופשטאַנד). די באשקירנ זײַנענ געשטיצט געוואָרנ פונ די קאַלמיקנ, בעראָש מיטנ כאַנ איוקאַ. דער פאַראַט פונעמ קאַלמיקישנ פירער, וואָס איז אַריבער אַפ דער זײַט פונ דער צאַרישער רעגירונג, און דער שטאַרקער געוואָרענער קאַמפ צווישנ די קאַלמיקנ און באשקירנ גופע פאַר פאַשע-פלעצער האָבנ פאַרגרינגערט צו דערשטיקנ דעמ אופשטאַנד.

§ 61. דער פאָלקס-אופשטאַנד אונטער דער פירערשאַפט פונ סטעפּאַנ ראַזינ.

די דאָנער קאַזאַקנ אינ XVII יה. דאָס דאָנער קאַזאַקנטומ איז ניט געווענ קיינ איינאַרטיקע מאַסע. צווישנ די קאַזאַקנ, וואָס האָבנ געלעבט בײַ דער נידערשטראָמונג פונ דאָנ און וואָס האָבנ באַקומענ דעמ נאָמענ „אונטערשטע“ («низовые»), האָט זיכ אויסגעבילדעט אַ שיכט טאַקיפע, פאַרמעגלעכע קאַזאַקנ (געהייסנ האָבנ זיי „באַלעבאַטימ“ — «домовитые»), וואָס האָבנ פאַרכאַפט אינ זייערע הענט די געוויילטע פאַסטנס. די פאַרמעגלעכע קאַזאַקנ האָבנ געפירט האַנדל מיט די רוסישע שטעט, און אויכ מיט קאַווקאַז, מיט קרימ און מיט טערקײַ. פאַר די סכוירעס, וואָס מע פלעגט ברענגענ צו פירנ פונ רוסלאַנד, — טווּע, ווײַנ, געווער, פולווער, געוואַנט אַ. אַנד., פלעגנ די פאַרמעגלעכע קאַזאַקנ צושטעלנ פיש, רויכוואַרג, גוטע נאָגײַישע פערד און קריגס-רויב. אינ זייערע געווערבנ און אינעמ האַנדל פלעגנ די פאַרמעגלעכע קאַזאַקנ זיכ באַנוצנ מיט דער אַרבעט פונעמ אָרעמענ קאַזאַקנטומ, פונ דער האָלאָטע («голытьба»). די טאַקיפע קאַזאַקנ פלעגנ באַזאָרגנ די האָלאָטע מיט געווער, מיט קליידער, מיט שפײַז און שיקנ זי אינ רויב-עקספּעדיציעס. בײַ די קא-

זאקנ האָט עס געהייסנ „גיינ נאָכ זיפּונעס“ (פויערשע רעקלעכ). די קאזאקנ פלעגנ ראבירנ אפּ דער וואָלגע האנדלס־קאראוואנענ, וואָס האָבנ געהערט צו מאָסקווער סאָכרימ, פלעגנ באפאלנ די ברעגנ פונעמ קאספּישנ יאמ אונ גראָמירנ די אולוסנ (יישוּווימ) פונ די קרימער טאָטערנ. ווענ ס׳פלעגט זיי געראָטנ, פלעגנ זיי ברענגענ צו פירנ אפנ דאָנ א רײַכנ רויב, וואָס דער גרעסטער טייל דערפונ פלעגט ארײַנפאלנ אינ די הענט פונ די טאקיפע קאזאקנ. דער אדמיניסטראטיווער צענטער פונעמ „אונטערשטנ“ קאזאקנטומ איז געווענ די שטאָט טשערקאסק.

די קאזאקנ, וואָס האָבנ געלעבט בא דער מיטלשטרעמונג פונ דאָנ אונ בא זײַנע בײַטײַכנ, האָבנ געהייסנ „אייבערשטע“ („верховые“). אויכ צווישנ זיי זײַנענ געווענ פארמעגלעכערע קאזאקנ, וואָס האָבנ באוויזנ אײַנצושאפנ זיכ אנ אייגענע ווירטשאפט. אייניקע פונ זיי זײַנענ געבוירנ געוואָרנ באמ דאָנ אונ האָבנ דאָרט אָפּגעלעבט לאנגע יאָרנ; דעריבער האָבנ זיי געהייסנ טוישווימ („старожилы“). דער גרעסטער טייל פונ די „אייבערשטע“ קאזאקנ האָט אָבער געהערט צו דער קאזאקישער אָרעמשאפט, וועלכע האָט געהאלטנ אינ איינ וואקסנ אפנ כעזשבנ פונ נײַאָנגעקומענע פונ די רוסישע שטעט. די נײַ־אָנגעקומענע זײַנענ געווענ אנטלאָפענע פויערימ, כאָלאָפּעס, מענטשנ פונ דער שטאָטישער אָרעמשאפט אונ פונ אנדערע שיכטנ ניט־פארמעגלעכע באפעלקערונג. דערוויל אָבער האָבנ די מאָנאסטירנ אונ די גרויסע ערדבאזיצער, מיטגלידער פונ דער צארישער מישפּאָכע אונ באָיארנ, — דעמ צארס מעקוראָווימ, אָנגעהויבנ צעכאפנ די פרוכטבארע ערד בא די אויבערשטרעמונגנ פונ די לינקע בײַטײַכנ פונ דאָנ. די אנטלאָפענע פויערימ אונ כאָלאָפּעס זײַנענ געשטאנענ אינ א געפאר, אז מע וועט זיי צוריק אומקערנ צו זייערע אלטע גוטבאזיצער, אָדער פארקנעכטנ בא די אָרטיקע ערדבאזיצער.

אינ די 60־ער יאָרנ פונ XVII יה. איז, מאכמעס דער פאראָרעמונג אונ דעמ הונגער, דער צופלוס פונ אנטלאָפענע אונ נײַ־אָנגעקומענע אפנ דאָנ שנעל געוואקסנ. מיט דער פארגרעסערונג פונ דער באפעלקערונג האָט זיכ אפנ דאָנ אָנגעהויבנ פילנ א גרויסער מאנגל אינ ברויט, וואָס ברענגענ פלעגט מענ עס פונ די צאָפנדיקע רוסישע שטעט.

סטעפּאנ ראזינס אופשטאנד. אינ די 60־ער יאָרנ האָבנ זיכ צווישנ דער הונגערנדיקער קאזאקישער אָרעמשאפט אָנגעהויבנ אומרוענ. אינ 1666 יאָר האָט דער קאזאקישער אטאמאנ וואסילי אוס געבראכט צו פירנ א באדײַטנדיקנ קאזאקישנ אָטריאד אונטער טולע. צו אימ האָבנ גלײַכ גענומענ אריבערלויפנ די לײַבייגענע פויערימ פונ די טולער גוטבאזיצער. אינ דער זעלבער צײַט האָט זיכ אפנ דאָנ, בא דער קאזאקישער אָרעמשאפט — בא דער האָלאָטע באוויזנ דער אטאמאנ סטעפּאנ טימאָפייעוויטש ראזינ, וואָס האָט זיכ געשטעלט אינ דער שפּיצ פונ א גרויסנ קאזאקיש־פויערשנ אופשטאנד.

פרילינג 1667 י. האָט אנ אָטריאד אָרעמשאפט מיט סטעפּאנ ראזינענ אינ דער שפּיצ זיכ אריבערגעקליבנ פונ דאָנ אפּ דער וואָלגע. די קאזאקנ האָבנ פארכאפּט עטלעכע טײַכ־שיפנ מיט טווּע אונ פארשיידענע סכוירעס, וואָס האָבנ געהערט דעמ צאר, דעמ פּאטריארכ אונ דעמ רײַכנ סויכער וואסילי שאָרינ. אפּ איינער פונ די שיפנ זײַנענ געווענ פארשיקטע, געשמידטע אינ אײַזערנע קייטנ. די קאזאקנ האָבנ אויסגעהארגעט די וואכ אונ באפרײַט די ארעסטירטע. אונ ראזינ האָט צו די פארשיקטע, צו די סטרעלצעס אונ צו די שיפ־רודערער זיכ געווענדט מיט אזוינע ווערטער

מער: „איר זײַט אַלע פרײַ, גייט וווהינ איר ווילט: מיט געוואַלט וועל איכ אײַכ ניט צווינגענ, אָבער ווער עס וויל זײַנ מיט מיר — דער וועט זײַנ א פרײַער קאַזאַק. איכ בינ געקומענ שלאָגנ נאָר די באָיארנ אונ די רײַכע הארנ, אונ מיט די אָרעמע אונ פּראָסטע לײַט בינ איכ גרייט, ווי א ברודער, טיילנ זיכ מיט אַלצ".

אַפ 35 גרויסע שיפנ זײַנענ ראַזינס קאַזאַקנ, אויסמײַדנדיק אסטראַכאַנ, ארויסגעשווומענ אינ קאַספּישנ יאַמ אונ האָבנ זיכ געלאָזט צומ טײַכ יאַיִק (אוראַל), ווו זיי האָבנ פאַרכאַפּט דאָס באַפעסטיקטע שטעטל יאַיִצקי גאָראָדאָק.

דעמ ווינטער האָט ראַזינ פאַרבראַכט באַמ טײַכ יאַיִק. אינ פרילינג האָט ער זיכ אַראָפּגעלאָזט צומ יאַמ אונ איז אַוועק צו די ברעגנ פונ פּערסיע. צו יענער צײַט האָט שוינ ראַזינ בײַ זיכ געהאַט עטלעכע טויזנט קאַזאַקנ. זיי האָבנ אָנגעמאַכט א מוירעדיקנ כורבנ אַפנ קאַווקאַזער ברעג פונעמ קאַספּישנ יאַמ. אומעטומ, ווו די קאַזאַקנ האָבנ אָנגעפאַלנ, פלעגנ זיי באַפרײַענ די שקלאַפנ, אונ פיל פונ זיי האָבנ זיכ אָנגעשלאָסנ צו ראַזינס אָטריאַד. ווענ די קאַזאַקישע שיפנ זײַנענ צוגעשווומענ צו פּערסיע, האָט ראַזינ געשיקט עטלעכע מענטשנ זאָגנ דעמ שאַכ, אַז ער איז גרייט מיט די קאַזאַקנ אַפ שטענדיק בלײַבנ בײַ אימ אינ לאַנד, ווײַל ער וויל מער ניט לײַדנ דעמ יאָכ פונ די מאָסקווער באָיארנ. דער שאַכ, וואָס האָט געהאַלטנ אײַנ האַנט מיט דער מאָסקווער רעגירונג, האָט געהייסנ האַרגענענ ראַזינס שליכימ. דאַנ האָבנ די קאַזאַקנ גענומענ ראַבעווענ אונ רויִנירנ די פּערסישע שטעט. האָט דער שאַכ ארויסגעשיקט קעגנ ראַזינס אָטריאַד בײַ 50 שיפנ מיט קריגס־לײַט. עס איז פאָרגעקומענ א פאַרביטערטע שלאַכט אַפנ יאַמ. די מערהײַט פּערסישע שיפנ איז דערטרונקענ געוואָרנ.

ניט געקוקט אַפ די דאָזיקע דערפאָלגנ, האָט ראַזינ מער ניט געקאָנט פאַרבלײַבנ אַפ די ברעגנ פונעמ קאַספּישנ יאַמ, וואָרעמ אינ די שלאַכטנ מיט די פּערסנ האָבנ די קאַזאַקנ געליטנ גרויסע פאַרלוסטנ, ס'זײַנענ צווישנ זיי געווענ א סאַכ דערהאַרגעטע אונ פאַרווונדעטע, אונ צווישנ די גאַנצ געבליבענע האָבנ געבושעוועט פאַרשיידענע קראַנקײַטנ.

אינ האַרבסט 1669 י. האָט זיכ ראַזינ ווידער באַוויזנ אונטער אסטראַכאַנ. פאַר דער צײַט, וואָס ער איז דאָ ניט געווענ, האָט מענ די שטאָט שטאַרק באַפעסטיקט אונ דעמ שטאָטישנ גאַרניזאָנ פאַרגרעסערט.

זעענדיק אָבער, אַז די סימפּאַטיעס פונ דער באַפעלקערונג זײַנענ בעפיירעש אַפ ראַזינס זײַט, האָבנ די אסטראַכאַנער וואָיעוואָדעס זיכ ניט אַנטשלאָסנ ארײַנצוטרעטנ מיט אימ אינ א שלאַכט. זיי האָבנ געוואָלט וואָס גיכער פּאָטער ווערנ פונעמ פירער פונ דער קאַזאַקישער האָלאָטע אונ האָבנ דעריבער מאַסקימ געווענ דורכצולאָזנ ראַזינס אָטריאַד צומ דאָנ, דערבײַ האָבנ זיי נאָר געפאָדערט, ער זאָל אָפּגעבנ דעמ געבראַכטנ רויב אונ דאָס געווער.

די אסטראַכאַנער אָרעמשאַפט האָט מיט באַגײַסטערונג באַגריסט סטעפּאַנ טימאָפייעוויטש ראַזינענ, האָט אימ גערופנ „באַטקאַ" (פאָטער). ראַזינס קאַזאַקנ, וואָס זײַנענ אַוועק אינ מאַרש אָפּגעריסנ־אָפּגעשליסנ, האָבנ אצינד געטראָגנ גרויסאַרטיקע זײַדענע קליידער, מיט גאָלד געשפּיגנט. ראַזינ האָט מיט א ברייטער האַנט געטיילט דער באַפעלקערונג גאָלדענע מאַטבייעס אונ קאָסטבאַרע כפייצימ.

ראַזינ האָט דאָס גאַנצע געווער ניט אָפּגעגעבנ, ווי דאָס האָבנ געפאָדערט די וואָיעוואָדעס. מיט א גוט באַוואָפנטנ אָטריאַד איז ער אַוועק אַפנ דאָנ, ווו עס האָט

שוינ ברייט געקלונגענ דער רומ וועגנ זײַנע דערפאָלגנ. צוזאַמענ מיט ראַזינענ איז אוועק אויכ א טייל אסטראַכאַנער אײַנוווינער.

אפנ דאָנ, העכער פונ דער לעפצוגנ פונעמ דאָנעצ, האָבנ ראַזינס קאַזאַקנ אויסגעבויט אפ אַנ אינדזל א באַפעסטיקטנ לאַגער, וואָס האָט באַקומענ דעמ נאָמענ „קאַגאַלניצקי גאָראָדאָק“. פונ פאַרשיידענע זײַטנ האָבנ אַהער אינ ראַזינס לאַגער געײַלט קאַזאַקנ, פויערימ, כאָלאָפּעס, אונ אויכ אַנטלאָפענע סטרעלצעס. ראַזינ האָט פאַרכאַפּט מיט זיכ א טייל פונעמ אָטריאַד אונ האָט זיכ אַוועקגעלאָזט קיינ טשערקאַסק, ווו עס האָט זיכ צו יענער צײַט צונויפגענומענ דער קאַזאַקישער קרײַז („קרוג“ — פאַרזאַמלונג פונ די עלטסטע) צו פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיטנ געקומענעמ שאָלױעב יעוודאָקימאָוו. ער איז צוגעשיקט געוואָרנ פונ מאָסקווע, קעדיי צונויפנעמענ ידיעס וועגנ דער באַוועגונג פונ דער האָלאָטע אונ צוזאָגנ די טאַקיפע קאַזאַקנ מאַטאָנעס, אויב זיי וועלנ בלײַבנ טרײַ דעמ צאַר. סטעפּאַנ ראַזינ האָט זיכ באַוויזנ אינעמ קאַזאַקישנ „קרוג“ גראָד אינ דעמ מאָמענט, ווענ די טאַקיפע קאַזאַקנ האָבנ זיכ געקליבנ אויסוויילנ א דעלעגאַציע מיט אַנ ענטפער קיינ מאָסקווע. ווי נאָר ראַזינ האָט זיכ באַוויזנ אינ טשערקאַסק, האָט זיכ די שטימונג בא די קאַזאַקנ שאַרפ געענדערט: דאָס אָרעמע קאַזאַקנטומ איז אַריבער אפ זײַנ זײַט, אונ דער צאַרישער שאָלױעב יעוודאָקימאָוו איז דערהאַרגעט געוואָרנ.

פונ טשערקאַסק האָט זיכ סטעפּאַנ ראַזינ מיט נײַע אָטריאַדנ קאַזאַקישער אָרעמשאַפט אַוועקגעלאָזט איבערנ דאָנ מיטנ וואַסער־אַרופ אונ איז אַריבער אפ דער וואָלגע. עס האָבנ צו אימ געהאַלטנ אינ איינ קומענ קאַזאַקנ אונ פויערימ גאַנצע אָטריאַדנווײַז, גרופּעסווײַז אונ איינצלווײַז. צווישנ די געקומענע איז געווענ אויכ וואַסילי אוס, וועלכער איז באַוווּסט געווענ צווישנ די קאַזאַקנ מיט זײַנ דרייסטקײַט אונ געוואַגטקײַט. ער איז געוואָרנ ראַזינס נאָענטסטער מיטהעלפער. צו יענער צײַט האָט שוינ דער אָטריאַד אויפשטענדלער געציילט העכער 7 טויזנט מאַנ. מיט דער הילפ פונ די אײַנוווינער גופע האָט ראַזינ לײַכט אײַנגענומענ די שטאָט צאַריצינ (איצט סטאַלינגראַד) אונ האָט דאָ פאַרכאַפּט גרויסע זאַפּאַסנ געווער.

זינט ראַזינ האָט זיכ דאָס צווייטע מאָל באַוויזנ אפ דער וואָלגע, ד. ה. פונ פרילינג 1670 י., הייבט זיכ אָנ א נײַער פעריאָד פונעמ קאַזאַקיש־פויערשנ אויפשטאַנד. די ערשטע צײַט איז ראַזינ אַרויסגעטראָטנ אַלס אַנ אַטאַמאַנ פונ א קאַזאַקישנ מאַרש „נאָכ זיפונעס“, האַגאַמ שוינ דאַנ האָבנ זיכ זײַנע מײַסימ אונטערשיידט פונ געוויינלעכע קאַזאַקישע אָנפאַלנ מיטנ ציל צו פאַרכאַפּנ קריגס־רויב. פונ סאַמע אָנהייב אָנ פונ דער באַוועגונג איז ראַזינ אַרויסגעטראָטנ אַלס סוינע פונ די וואָיעוואָדעס, פונ די אדל־לײַט אונ רײַכע סאָכרימ. דער דערפאָלג פונ ראַזינס מאַרש האָט מיטגעהאָלפנ דעמ שנעלנ שוווּנג פונ דער קאַזאַקישער באַוועגונג אפנ דאָנ. דער קלאַנג וועגנ דעמ רומפולנ אַטאַמאַנ פונ דער קאַזאַקישער אָרעמשאַפט האָט זיכ פאַרשפּרייט ווײַט אַריבער די גרענעצנ פונ די קאַזאַקישע יִשוּווימ. ראַזינ ווערט אַצינד דער פירער פונעמ סטיכיש־שטײַגנדיקנ פאָלקס־אויפשטאַנד. נאָכנ אײַנעמענ צאַריצינ האָט ראַזינ באַשלאָסנ אָנצוהייבנ א מאַרש אינ דער טיפ פונ דער רוסישער מעלוכע. צוליב דעמ האָט מענ געמוזט צוערשט פאַרנעמענ אַסטראַכאַנ אונ פאַרפעסטיקנ פאַר זיכ דעמ געביט פונ דער נידער־וואָלגע. דער אַסטראַכאַנער וואָיעוואָדע האָט אַרויסגעשיקט קעגנ ראַזינענ אַנ אָטריאַד סטרעלצעס, אָבער די סטרעלצעס האָבנ אויסגעהאַרגעט זייערע קאָמאַנדירנ אונ אַליינ זײַנענ זיי אַריבער אפ דער



ראזין נעמט איַין אסטראכאן. פונעם בוך „דריַי רײַזעס״ — פונעם האָלענדער יאן סטרייס (XVII יה).

צײַט פֿון די אופֿשטענד-
לער. אין יונ 1670 י. איז ראזין צוגעטראָטן צו אס-
טראכאן. די שטאָט איז געווען ארומגערינגלט מיט א הויכער געמויערטער וואנט מיט טורעמס. אף די ווענט זײַנען געשטאנען א סאך הארמאטן. דער וואָיעוואָדע האָט זיך גע-
קליבן אָפּשלאָגן דעם אָנ-
פֿאל. פֿיל סטרעלצעס און די אָרעמע באפעלקערונג פֿון שטאָט האָבן אָבער נאָר געוואַרט אף דער גע-
לעגנהײט, זיי זאָלן קאָנען העלפֿן די קאזאקן אײַננע-
מען די פֿעסטונג.

ס'איז געווען פֿאר-
נאכטלעך, ווען עס האָט זיך צעטראָגן אַן אליארם-
געקלאנג פֿון די גלעקער. דאָס איז געווען א סיגנאל, אַז די קאזאקן האָבן זיך געלאָזט אין א שטורעמ-
אטאקע. די באוואָפֿנטע אדל-לײַט האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו יענעם טייל וואנט, פֿונוואנען עס האָבן זיך געלאָזט הערן די געשרייען פֿון די שלאכט-אָנטײלנעמער. די קאזאקן אָבער זײַנען בײַם-
מײַסטע אין דער נאכט-
פֿינצטערניש אומבאמערקט צוגעקומען צו דער פֿעסטונג פֿון אן אנדער זײַט. זיי האָבן צו-
געשטעלט לייטערס צו די הויכע ווענט און האָבן גענומען אריבערקריכן אין שטאָט ארײַן.

אף די ווענט האָבן שוין אף די קאזאקן אָפּגעוואַרט די אײַנוווינער און האָבן זיי געהאָלפֿן. עס האָבן זיך דערהערט פֿײַף הארמאט-שאָסן אלס צייכן, אז די שטאָט גייט זיך אונטער. די אָרעמע באפעלקערונג פֿון אסטראכאן האָט זיך אָנגע-
שלאָסן צו ראזינס קאזאקן און האָט זיך א לאָז געטאָן שלאָגן די אדל-לײַט און אלע די, ווער עס האָט זיך נאָך קעגנגעשטעלט. צו אינדערפֿרי-צו איז שוין אסטראכאן געווען אײַנגענומען.



סטעפּאן ראזינס א „רייץ-בריוו".
פֿאָטאָ פֿון אָריגינאל.

איבערזעצונג פֿונעם טעקסט: א גראמאָטע פֿון סטעפּאן טימאָ-
פֿייעוויטש ראזין. עס שרײַבט סטעפּאן טימאָפֿייעוויטש ראזין צום גאנצן פּראָסטן פֿאָלק. ווער עס וויל גאָט און דעם קייסער דינען, און אויך דעם גרויסן כאזײַ, און אויך סטעפּאן טימאָפֿייעוויטשן, האָב איך ארויסגעשיקט קאזאקן, און צוזאמען זאָלט איר די פֿאַרעטער אויסראָטן, און די בלוטזויגער פֿון דער געמיינדע אויסראָטן. און אז מײַנע קאזאקן וועלן זיך נעמען עפּעס טאָן, זאָלט איר אויך גיין צו זיי אף א ראט, און די פֿארשקלאפֿטע און די געשטראָפֿטע זאָלן גיין אין פֿאָלק צו מײַנע קאזאקן.

סטעפאנ ראזינענ צוזאמענ מיט זײַנ ברודער (צוגעבונדנ צומ וואָגנ) פירט מענ קעפנ. אינעמ אייבערשטנ ווינקל רעכטס — סטעפאנ ראזינס בילד. ע נ ג ל י ש ע ג ר א ו ו י ו ר.

פונ אסטראכאנ האָט זיכ ראזינ אוועקגעלאָזט מיט דער וואָלגע — מיטנ וואסער-ארופ. דער אופשטאנד האָט זיכ ווי א ברייטע כוואליע צעגאָסנ איבער ביידע זײַטנ טײַכ. ראזינס קרעפטנ זײַנענ געוואקסנ מיט יעדנ טאָג. פונ פארשיידענע ערטער זײַנענ צו אימ געגאנגענ קאזאקנ, סטרעלצעס, כאָלאָפעס, פויערימ. דער האס צו די פריצימ איז געווענ אזוי גרויס, אז די פויערימ פלעגנ מיט זיכ ברענגענ אינ זעק די אָפּגעהאקטע קעפּ פונ זייערע הארנ אונ אנידערלייגנ זיי צו ראזינס פיס. פונ דעמ מאָמענט אָנ, זינט ראזינ לאָזט זיכ אוועק אינ זײַנ מארש מיטנ וואסער-ארופ איבער דער וואָלגע, ווערט די גרונט-קראפט פונעמ אופשטאנד די פויערשע באפעלקערונג.

די אופשטענדלער זײַנענ געווענ שלעכט באוואָפנט, פיל פונ זיי האָבנ געהאט נאָר העק, מעסערס אונ שפיזנ. אָבער די סטרעלצעס, וואָס פונ זיי זײַנענ באשטאנענ די צארישע גארניזאָנענ אינ די שטעט, האָבנ ניט געוואָלט גיינ קעגנ דעמ פאָלק. זיי פלעגנ בינדנ די אדל-לײַט אונ די קאָמאנדירנ אונ אופעפענענ פאר ראזינענ די טויערנ פונ די פעסטונגענ. אזויארומ האָט ראזינ, מיט דער הילפ פונ דער באפעלקערונג גופע, שנעל אײַנגענומענ סאראטאָוו (דער אלטער סאראטאָוו איז געלעגנ אפנ לינקנ ברעג וואָלגע, עטוואָס העכער פונ דעמ איצטיקנ סאראטאָוו) אונ סאמארע (דער איצטיקער קויבישעוו), ער האָט אָבער אָנגעטראָפנ אפ אנ אקשאָנעסדיקנ ווידערשטאנד אינ סימבירסק (דער איצטיקער אוליאנאָווסק).

ראזינס שליכימ פלעגנ ארומגיינ איבער די דערפער אונ פארשפרייטנ געהיימ זײַנע ווענדונגענ צו דער באפעלקערונג, וועלכע מע האָט דאנ גערופנ „רייצ-בריוו“ („прелестные письма“). אינ זיי האָט ראזינ גערופנ צומ אופשטאנד „דאָס גאנצע געמיינע פאָלק“ („чернь“). דה. אלע אָרעמע אונ אונטערדריקטע מענטשנ. ער האָט געטײַנעט, אז ער גייט פארנ „גרויסנ קייסער“ קעגנ די פארעטער די באָיארנ אונ די אדל-לײַט. אינ פאָלק האָט זיכ פארשפרייט א קלאנג, אז צוזאמענ מיט רא-

זינען געפינט זיך דעם צאַרס זון אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש און דער פירער פון די אוקראַינישע פויערים־אַטריאַדן דער דרייסטער ניעטשײַ. אינדערעמעסן איז ניע־טשײַ שוין לאַנג געווען דערהאַרגעט פון די שלאַכטיטשעס אין אוקראַינע, און דער צאַרעוויטש אַלעקסיי אַלעקסייעוויטש איז געשטאָרבן, נאָך איידער דער אופשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. ווי אַ גרויסער טייל פון דער פאָלקס־מאַסע, האָט אויך ראַ־זין נאַיוו געגלייבט אין דער מעגלעכקײַט צו באַקומען הילף בײַ דער צאַרישער מאַכט.

ראַזינס רוף צו אַן אופשטאַנד איז געווען געווענדט צו די רוסן, און אויך צו די טאָטערן, צו די טשוּוואַשן, צו דער מאָרדווע און צו די אַנדערע אונטערדריק־טע פעלקער. אַלס ענטפער אַף דעם דאָזיקן רוף האָט זיך אַ הייב געטאָן די באַ־פעלקערונג אַף ביידע ברעגן פון מיטלסטן לויף פון וואָלגע.

ראַזינס דערפאָלגן אַף דער וואָלגע און די גיכע פאַרשפּרייטונג פונעם פויערים־אופשטאַנד האָבן אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכן אומרו אין מאָסקווע. דער צאַר האָט דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פון די מאָסקווער און פּראָווינציעלע אַדל־לײַט. צו זיי זײַנען אָנגעשלאָסן געוואָרן די סטרעלצעס און די פּאָלקן פון „אויס־לענדישער פּראָנט־אָרדענונג“. אָט די גאַנצע ריזיקע אַרמיי איז געשיקט געוואָרן צו דערשטיקן דעם אופשטאַנד.

קימאַט אַ גאַנצן כוידעש האָט ראַזין באַלאַגערט סימבירסק. אין אָנהייב אָק־טיאַבער 1670 י. איז אונטער סימבירסק פּאָרגעקומען אַ שלאַכט צווישן ראַזינס אָט־ריאַדן און די אָנגעקומענע צאַרישע מיליטער־טיילן. געשלאָגן האָט מען זיך איינס אַף איינס. די צדאָדים האָבן זיך אַזוי אויסגעמישט, אַז ס'איז שווער געווען צו אונ־טערשיידן, ווער ס'איז דאָ אַ פרעמדער און ווער — אַן אייגענער. ראַזין האָט זיך געשלאָגן אין די געפערלעכסטע ערטער פון דער שלאַכט. זײַן קאָפּ איז געווען פאַר־וווּנדעט מיט אַ שווערד, אַ פוס איז בײַ אים געווען דורכגעשאָסן פון אַ קויל, און ער האָט זיך נאָך אַלץ געשלאָגן. ניט געקוקט אַפן אַקשאָנעסדיקן ווידערשטאַנד, איז ראַזינס אָטריאַד צעקלאַפּט געוואָרן. מיט אַ קליינער גרופּע קאַזאַקן איז ראַזין אַוועק אַפן דאָן.

ניט געקוקט אַף ראַזינס מאַפּאָלע אונטער סימבירסק, האָט זיך דער פויערים־אופשטאַנד וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרשפּרייט און האָט אַרומגעכאַפּט אַ קאָלאָ־סאַלע טעריטאָריע: מיט דער וואָלגע אַרוף־צו ביז קאַזאַן און ניזשני־נאָווגאָראָד, און אַפן רעכטן ברעג וואָלגע — קימאַט ביזן טײַך אָקאַ. די אופשטענדלער האָבן פאַר־כאַפּט טעמניקאָוו, פּענזע, האָבן באַלאַגערט טאַמבאָוו און אַנדערע שטעט. אַף בײַ־דע זײַטן וואָלגע האָבן זיך צום אופשטאַנד אָנגעשלאָסן די קאַלמיקן, די טאָטערן, די מאָרדווע, די טשערעמיסן (מאַרין), די טשוּוואַשן, די באַשקירן.

אַפן רעכטן ברעג וואָלגע האָבן זיך די לײַבאייגענע פויערים פאַראייניקט מיט דער אָרעמער שטאָטישער באַפעלקערונג. די פויערים האָבן גענומען פאַרניכטן די פּריצי־שע גיטער און האָבן געפירט מיט דערפאָלג אַ פּאַרטיזאַנישן קריג מיטן צאַרישן מיליטער. מיט איינעם אַ גרויסן אָטריאַד האָט קאָמאַנדעוועט די פויערטע אַליאָנאַ, אַ געבווירענע אַן אַרזאַמאַסער. דער אופשטאַנד אין וואָלגער געביט האָט זיך אָפּ־גערופן אויך אין אַנדערע ערטער — אַרום קאָלאָמנע אונטער מאָסקווע און אין די וואָלאָסטן פון צאָפן־פּאָמאָריע. אין דער סלאָבאָדישער אוקראַינע האָט אָפּערירט סטעפּאַן ראַזינס ברודער — פראָל. אָבער די צעשפּליטערטע פויערישע אָטריאַדן האָבן ניט געקאָנט לאַנג קעגנשטעלן זיך דעם גוט באַוואָפנטן מיליטער. דאָס צאַרי־

שע מיליטער האָט גענומענ ארומרינגלענ דעם אופשטאנד־ראיאָנ פונ פארשיידענע זײַטנ און האָט זיכ אָנראכמאָנעסדיק אָפּגערעכנט מיט דער באפעלקערונג.

די פויערים, וואָס מע פלעגט כאפּנ, פלעגט מענ ברענגענ קיינ ארזאמאס, און דאָ פלעגט מענ זיי פּײַניקנ און קעפּנ. ארום דער שטאָט האָט מענ צעשטעלט טליעס. אפ יעדער טליע איז געהאנגענ צו 40—50 קערפּערס. לויט ווי עס דערציילט אנ אויסלענדער, אנ איידעס פונ די געשעענישנ, זײַנענ פאר דרײַ כאדאָשים צײַט אינ ארזאמאס געקעפּט געוואָרנ 11.000 מאנ.

מיט די אומענטשלעכע פּײַניקונגענ האָבנ די צארישע וואָיעוואָדעס געוואָלט אָנשרעקנ די פויערים און צווינגענ זיי אונטערצוגעבנ זיכ. נאָר אפילע בעשאס די פּײַניקונגענ האָבנ זיכ די אָנפירער פונ די אָטריאַדנ אופגעפירט מוטיק. „וואָס איז געווענ אײַער קאוואָנע?“ — האָבנ בא זיי געפרעגט די הענקער. — „מיר האָבנ געוואָלט אײַננעמענ מאָסקווע און אויכ אלעמענ, די באָיארנ, דעמ אדל און די דיאקנ, אויסהארגענענ“ — איז געווענ דער ענטפער.

ס'איז ארײַנגעפאלנ אינ געפאנגענשאפט אויכ די אָנפירערנ פונעמ פויערים־אָטריאד אליאָנא. פארורטיילט צום פארברענענ, האָט זי רויק אויסגעהערט דעם טויט־אורטייל. שטארבנדיק, האָט זי געזאָגט: „ווענ אלע וואָלטנ מילכאָמע געהאלטנ אזוי ווי איכ, וואָלט דער פירשט יורי געמוזט מאכנ „פליטע“ (דער פירשט יורי דאָלגאָרוקי האָט קאָמאנדעוועט מיט צארישנ מיליטער).

צום אָנהייב 1671 י. זײַנענ די גרונט־נעסטנ פונעמ אופשטאנד אפנ רעכטנ ברעג וואָלגע געווענ פארנומענ פונעם צארישנ מיליטער.

סטעפּאנ ראזינענ האָט זיכ נאָכ דער מאפּאָלע אונטער סימבירסק אײַנגעגעבנ צו דערקלײַבנ זיכ ביזנ דאָנ. אָבער דאָרט האָבנ שוינ, נאָכנ אוועקגאנג פונ דער האָלאָטע, געבאלעבאטעוועט די מאקיפע קאזאקנ. אינ אפּרעל 1671 י. האָבנ זיי געכאפּט ראזינענ אינ קאגאלניצקי גאָראָדאָק און האָבנ אים אליינ געבראכט צו פירנ קיינ מאָסקווע. מע האָט ראזינענ שוידערלעכ געפּײַניקט, ער האָט אָבער קיינ אייג קרעכצ ניט ארויסגעלאָזט. אינ יונ 1671 י. האָט מענ ראזינענ אינ מאָסקווע געפערטלט (באם פערטלענ פלעגט דער הענקער אָפּהאקנ צוערשט די הענט מיט די פיס; צולעצט פלעגט מענ אָפּהאקנ דעם קאָפּ).

לענגער פונ אלעמענ האָט זיכ געהאלטנ נידער־וואָלגע. נאָכ דעם, ווי ראזינ האָט זיכ אוועקגעלאָזט מיט דער וואָלגע ארופ־צו, איז אינ אסטראכאנ פארבליבנ דער אטאמאנ וואסילי אוס. א צווייטער מיטקעמפער ראזינס, פיאָדאָר שעלודיאק, האָט אינ יונ 1671 י. פאַרגענומענ א נײַעמ מארש מיטנ וואסער־ארופ איבער דער וואָלגע און איז דערגאנגענ ביז סימבירסק; מע האָט אים אָבער צעקלאפּט, און ער האָט זיכ צוריקגעקערט קיינ אסטראכאנ: אינ אווגוסט דעמ זעלבנ יאָר איז א גרויסע צאָל צאריש מיליטער צוגעקומענ צו אסטראכאנ. פיאָדאָר שעלודיאק האָט נאָכ בא צוויי כאדאָשים צײַט באשיצט די שטאָט. ערשט סאָפ נאָיאבער האָט דאָס צארישע מיליטער פארנומענ אסטראכאנ, — די לעצטע פעסטונג פונעם אופשטאנד. שעלודיאקנ האָט מענ אופגעהאנגענ.

אינ פאָלק האָט מענ נאָכ א לאנגע צײַט ניט געוואָלט גלייבנ, אז ראזינ איז אומגעקומענ. אלטע לײַט פלעגנ דערציילנ, אז ראזינ האָט זיכ בלויז באהאלטנ: ס'וועט קומענ די צײַט, וועט ער זיכ ווידער באווײַזנ אפ דער וואָלגע און וועט

אויסרופנ זײַנ שלאכט=רופ צו דער קאזאקישער האָלאָטע אונ פויערשער אָרעמ=שאפט. דער אָנדענק וועגנ דעמ דרייסטנ אטאמאנ סטעפאנ טימאָפייעוויטש האָט זיכ פארהיט אינ אָנ א שיר פאָלקס=לידער, וואָס האָבנ זיכ פארשפרייט איבער גאנצ רוסלאנד.

דו גיי אופ, גיי אופ, העלע זונ אינ הייכ!
איבער בארג גיי אופ, איבער הויכנ בארג,
איבער ווילדנ וואלד, איבער גרינעמ וואלד;
דו דערוואַרעמ אונדז, מענטשנ אָרעמע,
בראווע יונגענ, פונ הײמ אנטלאָפענע, —
ניט קיינ רויבער — קיינ גאזלאָנימלעכ זײַנענ מיר,
סטענקא ראזינס באלמעלאָכעלעכ זײַנענ מיר.

נאָכ דער צעגראָמירונג פונעמ פויערימ=אופשטאנד סאָפ XVII יה. האָט זיכ צווישנ פויערטומ אָנגעהויבנ פארשפרייטנ א געפיל פונ אנטוישונג אינ די מעטאָדנ פונ אָפענעמ קאמפ. עס האָט זיכ פארשטארקט די באוועגונג פונ די „ראסקאָלני=קעס“. אינ קוימ=צוטריטלעכע וואלד=ערטער בא די טײַכנ מעדוועדיצא אונ כאָפּר (די לינקע בײַטײַכנ פונ דאָנ) איז אופגעקומענ א גרויסע צאָל ראסקאָלניקישע יִישו=וימ. אייניקע פירער פונ די „ראסקאָלניקעס“ האָבנ אפילע געפריידיקט, אז מע דארפ זיכ אינגאנצנ אָפזאָגנ פונ קעגנשטעלנ זיכ קעגנ גוואלדטאט אונ מע דארפ זיכ שיידנ מיטנ לעבנ. אונטער דער ווירקונג פונ זייערע פאנאטישע דראָשעס זײַנענ בא די ראסקאָלניקעס סאָפ XVII יה. ניט זעלטנ געווענ פאלנ פונ מאסנווײַזנ אליינ פארברענענ זיכ.

דער אופשטאנד אונטער דער פירערשאפט פונ סטעפאנ ראזינ איז (נאָכ דער פויערימ=מילכאָמע אינ אָנהייב XVII יה.) געווענ די גרעסטע באוועגונג קעגנ פעאָ=דאלנ דרוק. די אופגעשטאנענע קאזאקנ, פויערימ, כאָלאָפעס אונ די ניט=רוסישע באפעלקערונג פונ וואָלגער געביט האָבנ פארכאפט א קאָלאָסאלע טעריטאָריע אונ פארשאפט א ריי מאפּאָלעס דעמ צארישנ מיליטער.

אלע פויערימ=מילכאָמעס אינ אייראָפע אונ אינ רוסלאנד זײַנענ געווענ א קאמפ פונעמ פארקנעכטעטנ אָדער פארקנעכטעט ווערנדיקנ פויערטומ קעגנ דעמ פעאָדאלנ דרוק. דער כאווער סטאלינ האָט די פויערימ=מילכאָמעס אָנגערופנ „רעוואָליוציעס פונ די לײַבייגענע פויערימ“ אונ האָט באטאָנט זייער רעוואָליוציאָנערנ כאראקטער, אפ וויפל די פויערימ=מילכאָמעס זײַנענ געווענ געווענדט קעגנ דעמ פעאָדאליזמ אונ דעמ לײַבייגנטימערישנ רעזשימ.

באטאָנענדיק דעמ פראָגרעסיווג כאראקטער פונ די פויערימ=מילכאָמעס, האָבנ מארקס אונ ענגעלס, אונ דערנאָכ לענינ אונ סטאלינ באוויזנ די שוואכע זײַטנ פונ די דאָזיקע מאסנ=באוועגונגענ. די פויערימ=באוועגונגענ זײַנענ געווענ ניט אָרגאניזירט אונ סטיכיש. זייער שוואכקײַט איז באשטאנענ אינ דער צעברעקלטקײַט, אינ דער צעשפּילטערטקײַט פונ די רעוואָליוציאָנערע קרעפטנ, וואָס דאָס האָט געגעבנ דעמ רעגירונגס=מיליטער די מעגלעכקײַט צו דערשטיקנ איינ אופשטאנד נאָכנ אנדערנ.

אופדעקנדיק די שוואכקײַט פונ די פויערימ=מילכאָמעס, האָבנ לענינ אונ סטאלינ אָנגעוויזנ, אז די פויערימ קאָנענ ניט זיגנ אָנ דער הילפ אונ אָנפירונג פונעמ פראָ=לעטאריאט. דערבײַ האָבנ זיי אונטערגעשטראָכנ, אז די פירער פונ די פויערימ=אופ=

שטאנדנ אינ רוסלאנד זײַנענ געווענ צאריסטנ: זיי זײַנענ ארויסגעטראָטנ קעגנ די גוטבאזיצער, אָבער פאר א „גוטנ צאר“.

אָט די אלע שטריכנ האָבנ אויכ געפונענ זייער אָפשפיגלונג אינ די פויערימ־מילכאָמעס, וואָס האָבנ זיכ צעפלאקערט אינ רוסלאנד אינ XVII יה.

קאפיטל XVIII.

די קולטור פונ דער רוסישער מעלוכע אינ XVII יאָרהונדערט.

§ 62. קולטור אונ בילדונג.

אינ איר קולטור־אנטוויקלונג איז די רוסישע מעלוכע געווענ אָפגעשטאנענ פונ אנדערע אייראָפייִשע לענדער. צווישנ דער העכערער פעאָדאלער אריסטאָקראטיע איז געווענ א סאכ אומגעבילדעטע מענטשנ אונ אפילע אנאלפאבעטנ. גריגאָרי קאָטאָשיכינ, א פאָדיאטשי פונ איינעמ א מאָסקווער פריקאז, האָט אינ זײַנער א באשרײַבונג פונ דער רוסישער מעלוכע אויסגעדריקט זײַנ אופרעגונג איבער דער מאָסקווער אמעראצעס. ער דערציילט, אז בײַמ די זיצונגענ פונ דער באָיארנ־דומע פלעגנ אייניקע באָיארנ קיינ איינ וואָרט ניט קאָנענ ארויסברענגענ, זיי פלעגנ נאָר זיצנ „מיט אָנגעשפיצטע בערד“. א סאכ אנאלפאבעטנ איז געווענ אויכ צווישנ דעמ פראָווינציעלנ אדל. קיינ נאָרמאל אָרגאניזירטע שולנ איז ניט געווענ. גראמאָטע האָט מענ זיכ געלערנט באמ דיאטשאָק — אינ קלויסטער, אָדער — בײַ פארמעגלעכע מענטשנ — פלעגט דער דיאטשאָק קומענ אהיימ לערנענ גראמאָטע. די גאנצע לערע איז באשטאנענ אינ אויסכאזערנ אפ אויסווייניק עטלעכע קירכלעכע ביכער. אינ XVII יה. זײַנענ דערשינענ די ערשטע געדרוקטע אלעפבייזנ. דער לערער פלעגט פירזאָגנ, אונ די שילער פלעגנ אימ מיט א ניגנ נאָכזאָגנ וואָרט בא וואָרט. ס׳איז אפילע געווענ אזא פאָלקס־ווערטל: „אז מע לערנט אלעפבייז, שרײַט מענ אפ דער גאנצער שטוב“. פארנ קלענסטנ גרײַז פלעגט מענ די שילער שמײַסנ מיט ריטער. די ריטער האָט* מענ אפילע באזונגענ אינ לידער.

אינ א באזונדערס שווערער לאגע זײַנענ געווענ די פרויענ אינ די באָיארישע, אָדעליקע אונ סאָכרישע פאמיליעס. די מיידלעכ זײַנענ דאָרט ביז דער כאסענע געוואקסנ אינגאנצנ אָפגעזונדערט פונ דער וועלט. זיי האָבנ ניט געטאָרט באווײַזנ זיכ פאר א פרעמד אויג אונ האָבנ ניט אָנגעזענ קיינ פרעמדע מענטשנ. דעמ גאנצנ טאָג פלעגט דאָס מיידל פארברענגענ אינ אויסנייענ אונ זאָגנ טפילעס. שידוכימ פאר די קינדער פלעגנ טאָנ די עלטערנ אליינ. כאָסנ־כאלע פלעגנ זיכ געוויינלעכ ניט זענ ביזנ סאמע טאָג פונ דער כאסענע. ניט בעסער איז געווענ די לאגע אויכ פונ דער פארהייראטער פרוי, זי איז געווענ אנ עמעסע שקלאפנ בא איר מאנ אונ האָט גאָרנישט ניט געטאָרט טאָנ אָנ זײַנ דערלויבעניש. שריפטקענעוודיקײַט איז צווישנ די פרויענ געווענ א זעלטענע דערשײַנונג.

די האלבאָשע פונ דער פארמעגלעכער באפעלקערונג איז געווענ א שווערע אונ אומבאקוועמע. די אייבערשטע בגאָדימ האָבנ געגרייכט נידעריקער פונ די קני, אונ די ארבל האָבנ זיכ געשלעפט קימאט ביז דער ערד. דעריבער פלעגט מענ זיי אופקלײַבנ אינ אָנ א שור

פאלדנ. אינ אזא האלבאָשע איז שווער געווענ גיכ צו באוועגנ זיכ אונ צו ארבעטנ. וועלנ־דיק בארימענ זיכ מיט דער אשירעס, פלעגט מענ צומאָל אופנעמענ געסט בא זיכ אינ שטוב, אָנגעטאָנ אינ גרויסארטיקע פוטערס.

די יאָמטעוודיקע מאלבושימ, גענייט פונ טײַערנ געוואנט אָדער פונ מיזרעכדיקנ זײַד, האָבנ געפינקלט מיט איידל־שטיינער, מיט פערל אונ מיט ריזיקע גאָלדענע אָדער זילבערנע קנעפ. די אריסטאָקראטנ פלעגנ טראָגנ זייער הויכע, פונ אויבנ ברייטערע, פוטערנע היט („גאָרלאטנע” היט האָבנ זיי געהייסנ). אינ אזא שווערער הוט איז קימאט אומעגלעכ גע־ווענ דעמ קאָפ א קער צו טאָנ. בײַם א פײַערלעכנ צערעמאָניאל פלעגט א באָיארינ אפילע אָנטאָנ דרײַ היט (א פלאכע הוט — א „טאפיא“, א מיץ אונ א „גאָרלאטנע” הוט).

די האָר פלעגט מענ טראָגנ קורצ געשוירנ. באזונדערס האָט מענ געכאָליעט די באָרד. טאָמער איז בא עמעצנ די באָרד שוואכ געוואקסנ, האָט מענ געהאלטנ, אז אזא מענטש איז פײַנק אָפּצוטאָנ אלדאָס בייז.

דער קולטור־אנטוויקלונג פונ דער רוסישער מעלוכע אינ XVII יה. האָט ניט וויניק מיטגעהאָלפנ דאָס, וואָס עס האָט זיכ פארשטארקט איר דערנעענטערונג מיט די מער קולטורעלע מערעוו־לענדער. אינ מאָסקווע אונ אינ אייניקע אנדערע גרויסע שטעט האָבנ זיכ באוויזנ ענגלענדער, דײַטשנ, האָלענדער, פראנצויזנ אונ פאָ־ליאקנ. אייניקע פונ זיי פלעגנ קומענ צו פאָרנ אפ א קורצער צײַט צוליב מיסכער, אנדערע פלעגנ פארבלײַבנ לעבנ אינ די רוסישע שטעט. נייטיקנדיק זיכ אינ מענטשנ מיט ווּיסנ, פלעגט די מאָסקווער רעגירונג אײַנלאדנ צו זיכ אפ דינסט ספּעציאליסטנ פונ מיליטער־וועזנ, דאָקטוירימ, קינסטלער אונ מענטשנ פונ פארשיידענע אנדערע ספּעציאליטעטנ. ווײַט ניט אלע אויסלענדער זײַנענ געווענ נוצלעכע מענטשנ. פיל פונ זיי פלעגנ זיכ ארויסווײַזנ פאר שווינדלער, וואָס פלעגנ קומענ קיינ רוסלאנד דאָ גיסאשער צו ווערנ אָדער פירנ שפּיאָנישע ארבעט. אנדערע האָבנ גערינט געוויסנ־האפט אונ איבערגעגעבנ זייערע קענטענישנ די רוסנ.

א בילד, ווי מע לערנט גראמאָטע אינ רוסלאנד אינ XVII יה. גראווייור פונ בורצעווס „אלעפבייז”, פונ 1637 יאָר.

רוסישע באָיאַרישע קאָסטיומענ פונ XVII יה. פונ אָלעאַריעו.

אינ מאָסקווע גופע איז סאָפ XVI יה. אופגעקומענ א גאַנצע סלאָבאָדע, וואָס איז געווענ באַזעצט פונ אויסלענדער. שפּעטער האָט מענ זי געגומענ רופנ „ניעמעצקאיא סלאָבאָדא“ (די „דײַטשישע סלאָבאָדע“). אינמיטנ XVII יה. האָט מענ זי אריבערגעפירט אפ יענער זײַט פונעם טײַכ יאוזע, ניט ווײַט פונעם דאָרפ פּרעאָבראַזשענסקאָיע. באַזוכנדיק די דײַטשישע סלאָבאָדע, האָבנ די רוסנ געהאַט די מעגלעכקײַט בא זיכ אינ לאַנד צו באַקענענ זיכ מיט דער אייראָפּייִשער קולטור. אינ XVII יה. האָבנ די רוסנ גענומענ אָפּטער פאָרנ קיינ אויסלאַנד. די מאָסקווער אדל-לײַט פלעגנ גאַנצ אָפט פאָרנ אינ באַשטאַנד פונ געזאַנדשאַפטנ קיינ ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, פראַנקרײַכ, טערקײַ אונ אַנדערע אייראָפּייִשע אונ מיזרעכדיקע לענדער. די רוסישע האַנדלס-לײַט האָבנ אויכ געפּרוּווט פאָרנ אינ די אייראָפּייִשע שטעט מיט זייערע סכוירעס, אָבער די דאָזיקע פּרוּוונ האָבנ ניט געהאַט קיינ דערפאָלג, מאַכמעס דאָס אויסלענדישע סאָכרימטום האָט אויס מוירע פאַר קאָנקורענצ ניט דערלאָזט קיינ רוסישנ האַנדל בא זיכ אינ די לענדער.

די באַקאַנטשאַפט מיט דער אויסלענדישער, באַזונדערס מיט דער מערעוו-אייראָפּייִשער, קולטור, האָט געבראַכט דערצו, אַז ביסלעכווײַז האָבנ אירע עלעמענטנ גענומענ ארײַנדרינגענ אינ שטייגער פונ די פּאַרמעגלעכע קלאַסנ פונ דער רוסישער באַפעלקערונג — פונעם אדל אונ פונ די סאָכרים. אינ די רײַכע הײַזער האָבנ זיכ באַוויזנ כפייצים, וואָס האָבנ געשטאַמט פונ אויסלאַנד: בילדער, געאָגראַפישע קאַרטעס, מוזיקאַלישע אינסטרומענטנ, ביכער, געשיר, באַצירונגענ א. אנד.

די מערעוו-אייראָפּייִשע ווירקונג האָט באַרירט אויכ די אינטעלעקטועלע אינטערעסנ פונעם געבילדעטנ שיכט פונ דער רוסישער געזעלשאַפט. דער באָיאַרינ אפא-

נאסי לאַוורענטיעוויטש אָרדינ=נאשטשאָקינ, וואָס האָט געהאט א גרויסנ אײַנפלוס אינ די צײַטנ פונעמ צאר אלעקסײ מיכײַלאָוויטש, איז געווענ א הייסער אָנהענגער פונ איבערבויענ די מעלוכע=פארוואלטונג פונ רוסלאנד לויט די בעסטע אייראָפּייִ=שע מוסטערנ.

א צווייטער קולטור=שטראָמ איז געגאנגענ פונ אוקראַיִנע. דער אײַנפלוס פונ אוקראַיִנע האָט זיכ באזונדערס פארשטארקט נאָכנ אָנשלוס פונ אוקראַיִנע צו דער רוסישער מעלוכע. אינ מאָסקווע האָבנ אָנגעהויבנ ארבעטנ קיִעווער איקאָנעס=מאָלער, שניצער אונ אנדערע מײַסטערס. די באָיארנ פלעגנ אײַנלאדנ צו זיכ אינ שטוב אוקראַיִנישע לערער אונ דערציִער. דער געבילדעטער ווײַסרוסישער מאָנאכ סימעאָנ פּאָלאָצקי איז געווענ א לערער באמ צאר אלעקסײ מיכײַלאָוויטש אינ שטוב. כוץ דעמ האָט ער פארפאסט קאָמעדיעס, געשריבנ לידער אונ געלערנט די מאָסקווער לײַט רעדנערישע קונסט.

באָיארינ א. ל. אָרדינ־נאשטשאָקינ.
א פּאָרטרעט פונ יענער צײַט, פונ דער קאָלעקציע פונעמ מיניסטעריומ פאר אויסערנ־איניאָנימ.

אינ XVII יה. איז איבערגעזעצט געוואָרנ אפ רוסיש א גרויסע צאָל אויסלענדישע ווערק וועגנ געשיכטע, קריגס=קונסט, מעדיצינ, אסטראָנאָמיע, מאטעמאטיק, געאָגראפיע, נאטורוויסנשאפט א. אנד. דורכ איבערגעזעצטע דערציילונגענ, ראָמאנענ, אינ וועלכע עס זײַנענ באשריבנ געוואָרנ ריטערישע העלדנטאטנ אונ פאסירונגענ, האָבנ זיכ די רוסישע לייענער באקענט מיט וועלטלעכע ליטעראַרישע ווערק, וואָס זײַנענ פאר זיי ביז דאנ געווענ אומבאקאנט. עס האָבנ זיכ אויכ באוויזנ רוסישע נאָכמאכונגענ, אונ דערנאָכ אויכ זעלבשטענדיקע ווערק, וואָס האָבנ געשילדערט דעמ שטייגער פונעמ אדל אונ פונ די סוחרימ. צו דער צווייטער העלפט XVII יה. געהערט א באדײַטנדיקע צאָל קליינע סאטירישע דערציילונגענ, ווו עס זײַנענ אויסגעלאכט געוואָרנ גאלאָכימ שיקורימ, גיריקע ריכטער, כאבארניקעס פּאָדיאטשעס, שווינדלער אדל=לײַט א. אנד. די דאָזיקע ליטעראטור האָט געשטרעבט צו ווײַזנ דעמ לעבנס=עמעס; אינ קעגנזאצ צו דער קירכלעכער ליטעראַטור איז די וועלטלעכע ליטעראטור געווענ א רעאַליסטישע.

די זעלבע דערנענטערונג צומ לעבנ מערקט זיכ אויכ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער רוסישער מאָלערײַ. די קינסטלער האָבנ אָנגעהויבנ שטרעבנ צו „לעבעדיקײַט", צומ מער פּינקטלעכנ שילדערנ די ווירקלעכקײַט. אינ די „פּארסונעס" (פּאָרטרעטנ) האָט מענ געשטרעבט צו דערגרייכנ ענלעכקײַט מיטנ אָריגינאל. דער טאלאנטפולער



דער קרעמל־פּאַלאַץ, די קרעמל־קאַטעדראַלן און די „גראַנאָוויטאַיאַ פּאַלאַטאַ". צייכענונג פון 1672 יאָר.

מאָסקווער קינסטלער סימאָנ אושאַקאָוו האָט געײַצעט אָפּצולערנענ זיכ פונעמ שפּיגל, וואָס רעפּראָדוצירט פּינקטלעכ די ווירקלעכע וועלט; אושאַקאָוו האָט געראטנ, אז בא דעמ קלאל זאָל מענ זיכ האלטנ אינ דער מאָלערײַ.

אינ XVII יה. האָט זיכ די מאָסקווער הויפ=אריסטאָקראטיע צומ ערשטנ מאָל באקענט מיט טעאטער. אינ די צײַטנ פונעמ צאר אלעקסיי מיכײַלאָוויטש האָט דער פּאסטאָר פונ דער דײַטשישער סלאָבאָדע גאָטפריד גרעגאָרי געשאפנ פונ רוסישע שילער, מיטנ אָנטייל פונ דײַטשישע אקטיאָרנ, א „קאָמעדיענ=טרופּע“, וואָס פלעגט געבנ ספּעקטאקלענ אפ היסטאָרישע טעמעס. שפּעטער האָט מענ פארנ טעאטער אויסגעבויט א ספּעציעלע געבײַדע, ווו מע האָט אויכ אופגעפירט פּיעסנ, וואָס זײַנענ אָנגעשריבנ געוואָרנ פונ רוסישע אווטאָרנ. בײַסנ ספּעקטאקל פלעגט דער צאר זיצנ אפ א באזונדער באנק אנטקעגנ דער בינע, אונ די אײַנגעלאדענע באָיארנ פלעגנ שטיינ. די קייסעריניע פלעגט קוקנ דעמ ספּעקטאקל פונ א לאָזשע, וואָס איז געווענ פארשטעלט מיט גראטעס.

די קולטור=אנטוויקלונג אינ XVII יה. האָט אָנגערירט בלויז די העכערע שיכטנ פונעמ הערשנדיקנ קלאס.

די פאָלקסמאסנ זײַנענ פארבליבנ אינ פולשטענדיקנ אומוויסנ אונ פינצטערניש. די פויערימ האָבנ געלעבט אינ שמוציקע כאטעס, ווו די אויוונס זײַנענ געווענ אָנ קוימענס אונ דער רויכ פלעגט ארויסגיינ דורכנ אײַנציקנ קליינעמ פענצטערל. די ווענט אונ די סטעליע זײַנענ געווענ באדעקט מיט סאזשע. דעמ אומוויסנ פונ דער באפעלקערונג האָבנ אויסגענוצט די גאלאָכימ, די זנאכארנ אונ זנאכארקעס (שפּרעכער אונ שפּרעכערנס), וואָס פלעגנ היילנ מיט „אָפּשפּרעכענישנ“, מיט „הייליק וואסער“ אונ פארשיידענע קרײַטעכצער. דעריבער איז די שטערבלעכקײַט, באזונדערס צווישנ קינדער, געווענ זייער גרויס. אינ צײַטנ פונ עפּידעמיעס פלעגנ אויסשטארבנ גאנצע שטעט אונ אויעזדנ.

ניט געקוקט אפ דער נויט אונ לײַבקנעכטשאפט, האָט זיכ די פאָלקס=שאפונג ניט אויסגעלאָשנ. וואנדערער, קאליקעס פלעגנ זינגענ „בילינעס“ אונ היסטאָרישע לידער, ווו עס פלעגט דערציילט ווערנ וועגנ גרויסע געשעענישנ, וועגנ דעמ קאמפ קעגנ דעמ טאָטערשנ יאָכ אונ וועגנ פאָלקס=אופשטאנדנ. די באאָבאכטונגס=פייִקײַט אונ דער שארפזינ פונ דעמ רוסישנ מענטשנ האָבנ זיכ אנטפּלעקט אינ אָנ א שיור פאָלקס=ווערטלעכ, וויצנ, מײַסעלעכ. פאָלקס=קאָמעדיאנטנ („סקאָמאָראָכנ“) פלעגנ אופירנ קליינע סצענקעס, אינ וועלכע עס פלעגנ אָפט אויסגעלאכט ווערנ די גאלאָכימ אונ באָיארנ.

די קירכ האָט זיכ מיט אלע מיטלענ געסטארעט צו דערשטיקנ די פאָלקס=שאפונג, זי האָט פארווערט מוזיק אונ גאסנ=פאָרשטעלונגענ. דער פּאטריארכ ניקאָנ האָט אפילע באפוילנ צונויפצונעמענ אונ פארברענענ די מוזיקאלע פאָלקס=אינסטרומענטנ.

§ 63. מאָסקווע—די הויפּטשטאָט.

אינ XVII יה. איז מאָסקווע געווענ א גרויסע שטאָט מיט א צאָלרײַכער באפעלקערונג. די אויסלענדער פלעגנ זי פארגלײַכנ מיט די גרעסטע שטעט פונ מײַרעוו=אייראָפּע. אינמיטנ שטאָט איז געשטאנענ דער קרעמל, וואָס איז געווענ דער אדמיניסטראטיווער צענטער פונ דער הויפּטשטאָט. אינ קרעמל האָט זיכ געפונענ

א מאָסקווער גאס אינמיטנ XVII יה׳ פונ אָלעאריעג.

דער צארישער פּאַלאצ, וועלכער איז באשטאנענ פונ א סאכ באזונדערע געבײַען. לעבנ פּאַלאצ האָבנ זיכ געפונענ די ווירטשאפטלעכע געבײַען: סקלאַדנ, קעלערס, ברויט־שפּײַכלערס, פערד־שטאַלנ א. אנד. ניט ווײַט פונעמ פּאַלאצ איז — מיטנ פּאסאד צומ איוואנאָווער פּלאַצ — געשטאנענ א גרויסער מויער פונ די פּריקאזנ. פונעמ גאנעק פונ אָט דעמ הויז פלעגט מענ דעמ פארזאמלטנ האמוינ מעלדנ די פארשיידענע פאראָרדענונגענ פונעמ צאר אונ פונ די באָיארנ. לעבנ די פּריקאזנ האָט מענ געשמיסנ מיט א בײַטש אָדער געשלאָגנ מיט שטעקנס די פארורטיילטע צו שטראָפ. דער אָנדענק וועגנ דעמ איז פארבליבנ אינעמ רוסישנ פאָלקס־ווערטל: „Кричать во всю Ивановскую“ ד. ה. שרײַענ אפנ גאנצנ איוואנאָווער פּלאַצ, וואָס דאָס באטײַט: שרײַענ מיט אלע קויכעס. אינ קרעמל האָבנ זיכ געפונענ די הויפנ פונ די באָיארנ, פונ די גײַסטלעכע אונ פונ אייניקע גרויסע סאָכרימ.

מאָסקווע איז געוואקסנ אונ זיכ פארשפּרייט אינ אלע זײַטנ, ארומכאפנדיק אנ אלצ ברייטערנ קרײַז ארומ דעמ קרעמל. אינ דעמ ערעכ, ווי די שטאָט איז געוואקסנ, האָבנ די פירשטלעכע אונ באָיארישע גיטער, ווי אויכ זייערע דערפער אונ סלאָבאָדעס ארומ מאָסקווע, וואָס זײַנענ געווענ באזעצט פונ האנטווערקער אונ כאָלאָפּעס, זיכ אלצ מער פארייניקט מיט דער שטאָט. דער אָנדענק וועגנ די לאָנקעס אונ דערפער, וואָס זײַנענ אמאָל געלעגנ אינ די גרענעצנ פונ דער שטאָט, האָט זיכ פארהיט אינ די נעמענ פונ די מאָסקווער גאסנ אונ פּלעצער. אפנ אָרט פונעמ קודרינער פּלאַצ (איצט דער אופשטאנד־פּלאַצ) איז אמאָל געלעגנ דאָס דאָרפ קוד־

 2791—17



קאָלאָמענער פּאַלאַץ אונטער מאָסקווע. גראַווירור פֿון XVIII יה.

רינאָ. דאָרט, וווּ ס'געפֿינט זיך איצט די גאַס פּאָליאַנקאַ, איז אַמאָל געווען אַ רײַן פֿעלד („פּאָליאַנקאַ“ — לאָנקע). דער ברייטער פּלאַץ בײַם קרעמל האָט זיך געשאַפֿן סאָף XV יה. אַפֿן אָרט פֿון אָפּגעברענטע געבײַדעס. דעריבער האָט ער נאָך אַ לאַנגע צײַט געהייסן „פּאָזשאַר“ („סרייפֿע“). אַפֿן אָרט דעם פּלאַץ איז געגאַנגען אַ מאַרק-האַנדל און דאָ פֿלעגט מען אויך קעפּן. פֿון דער מיט XVII יה. האָט מען דעם דאָזיקן פּלאַץ אָנגעהויבן רופֿן „קראַסנאַיאַ פּלאָשטשאַד“ (וואָס דאָס האָט באַטײַט: „דער שיינער פּלאַץ“), ווײַל דאָס איז געוואָרן דער גרעסטער און דער שענסטער פּלאַץ אין מאָסקווע.

עטלעכע מאָל האָט מען מאָסקווע אַרומגעבויט מיט נײַע פֿעסטונג-ווענט. צוערשט האָט מען צום קרעמל אין די 30-ער יאָרן פֿון XVI י. צוגעבויט די וואַנט פֿון „קיטײַ-גאָראָד“. סאָף XVI יה. האָט דער רוסישער מײַסטער פֿיאָדאָר קאָן אויסגעבויט די וואַנט פֿונעם „בעלי גאָראָד“ (ווײַסע שטאָט). אין באָריס גאָדונאָווס צײַטן זײַנען די געבײַען צו דרויסן-צו פֿונעם „בעלי גאָראָד“ אַרומגערינגלט געווען מיט אַ הילצערנער וואַנט מיט הויכע טורעמס. די הילצערנע וואַנט האָט אָפּגעברענט בײַסן אויפֿשטאַנד קעגן די פּאָליאַקן אין פֿרילינג 1611 י. דאַן האָט מען אַפֿן איר אָרט געמאַכט אַ גרויסן „זעמליאַנאָי וואַל“ — ערד-וואַל.

קיטײַ-גאָראָד איז געווען דער האַנדלס-צענטער פֿון מאָסקווע. דער גרעסטער טייל קיטײַ-גאָראָד איז געווען פֿאַרבויט מיט רייען קליינע קלייטלעך, וואָס זײַנען געשטאַנען ענג צונויפֿגעפּרעסט איינע לעבן דער אַנדערער. אין יעדער ריי האָט מען געהאַנדלט מיט אַ באַזונדער מין סכוירע: מיט פֿלייש, פֿיש, אײַזן, געוואַנט, זײַדנס, שפּיצן א. אַנד. דער גרעסטער האַנדל איז געגאַנגען אין די „אײַנפֿאָר-הויפֿן“ („гостиные дворы“), וווּ עס פֿלעגן זיך אָפּשטעלן די אָנגעפֿאָרענע סוחרים פֿון פֿאַרשיידענע לענדער.

אינעמ בעלי-גאָראָד האָבנ געלעבט א סאכ רײַכע אדל-לײַט אונ סאָכרימ. די גרויסע באָיארישע הויפנ זײַנענ געווענ ענלעכ אפ דאָרפישע גיטער. אינ די גערוימע שפײַכלערס אונ קעלערס זײַנענ געלעגנ זאַפאַסנ פראָדוקטנ, וואָס מע פלעגט ברענגענ צו פירנ פונ די דערפער. אינ די ענגע הויפ-געבײַדעס האָבנ געלעבט הונדערטער כאָלאָפעס פונ דער באָיארישער הויפ-דינערשאַפט.

די האַנטווערקער אונ האַנדלס-לײַט האָבנ געלעבט אינ באַזונדערע סלאָבאָדעס. עס זײַנענ געווענ סלאָבאָדעס, וואָס האָבנ געהערט דעמ צאַר, באַזונדערע באָיאַרנ אונ די מאָנאַסטירנ. אינ דער קאַדאַשאָווער סלאָבאָדע האָבנ געלעבט וועבער, וואָס פלעגנ מאַכנ לײַוונט פאַרנ פאַלאַצ; אינ דער קוזניעצקער — שמידנ; אינ דער בראָנער — מײַסטערס, וואָס פלעגנ מאַכנ העלמס אונ רינג-פאַנצערס; אינ די איבעריקע סלאָבאָדעס — האַנטווערקער פונ פאַרשײדענע אַנדערע פאַכנ. די הײַזער פונ די אָרעמע מענטשנ האָבנ זיכ מיט גאָרניט אונטערגעשײדט פונ דאָרפישע כאַטעס. ערטערווײַז זײַנענ די געבײַדעס געשטאַנענ פעסט צונויפגעפרעסט אײנס לעבנ אַנדערנ, ערטערווײַז זײַנענ געבליבנ ניט פאַרבויט גרויסע פוסטע פלעצער, אָדער ס'האָבנ געגרינט פאַשע-פלעצער פאַרנ פי, אינ די שמאָלע קרומע געסלעכ האָבנ זיכ אָפט ניט געקאָנט פאַנאַנדערפאָרנ צווײ וועגענער. אינ אײניקע גאַסנ האָבנ באַזונדערע הײַזער אַזוי אַרויסגעשטאַרצט, אַז זײ פלעגנ פאַרשטעלנ דעמ דורכפאָר.

אינ מאָסקווע איז געווענ זײער קויטיק. בלויז עטלעכע גאַסנ זײַנענ געווענ אויסגעברוקירט מיט רײענ קײַלעכדיקע בערוונעס. דאָס אומרײנס פלעגט מענ אַרויסגיסנ גלײַכ אַפ דער גאַס. פרילינג-צײַט, ווענ די שטאָט פלעגט זיכ באַפרײַענ פונ אײַז אונ שנײ, פלעגט די לופט פול ווערנ מיט אַנ אומדערטרעגלעכנ געשטאַנק. דעריבער פלעגנ זיכ אינ שטאָט אָפט פאַרשפרײטנ אַנשטעקנדיקע קראַנקײַטנ, וואָס פלעגנ צו-



דער קרעמל אינ די צײַטנ פונעמ צאַר אַלעקסײ מיכײַלאָוויטש. פונ מײערבערגנ.

נעמענ זייער א סאכ קאָרבאָנעס. מאכמעס דער ענגשאפט פונ די הילצערנע געבײדעם פלעגט א סרייפע זיכ שנעל פארשפרייטנ איבער דער גאנצער שטאָט. מאָסקווע פלעגט אָפט אָפברענענ אינ מעשעכ פונ עטלעכע שאָ.

אָט אזוי האָט אויסגעזענ די הויפטשטאָט פונ דער רוסישער מעלוכע.

קאפיטל XIX.

די פעלקער פונ סיביר אינ XVII יאָרהונדערט.

§64. מיזרעכ־סיביר אינ XVII יאָרהונדערט.

די פעלקער פונ מיזרעכ־סיביר. אינ XVII יה. האָט די רוסישע מעלוכע אָנגעשלאָסנ צו אירע באזיצנ קימאט גאנצ מיזרעכ־סיביר — פונעמ יעניסיי ביזנ אָכאָטסקער יאמ. אפ אָט דעמ ריזיקנ שטעכ האָבנ געלעבט פארשיידענע פעלקערשאפטנ, וואָס האָבנ זיכ געפונענ אפ פארשיידענע שטאפלענ פונ סאָציאַל־עקאָנאָמישער אנטוויקלונג. צו מיזרעכ־צו פונעמ יעניסיי ביזנ אָכאָטישנ ברעגלאנד האָבנ געוווינט די שוואָטימ עווענקנ, אָדער טונגוסנ, ווי די רוסנ פלעגנ זיי רופנ. געלעבט האָבנ זיי גרויסע שטאמענווײז, צווישנ וועלכע עס פלעגנ אָפט פארקומענ בלוטיקע צוזאמענשטויסנ. ווינטער פלעגנ זיכ די עווענקנ פארנעמענ מיט יאגד אינ דער סיבירער טײגע, אונ זומער פלעגנ זיי זיכ צונויפקלײבנ בא די טײכנ כאפנ פיש. די עווענקנ האָבנ געוווינט אינ „טשומעס", דה. אינ געצעלטנ, וואָס מע פלעגט זומער באדעקנ מיט אילמע אונ ווינטער מיט פעל; אָט די געצעלטנ האָט מענ געקאָנט פירנ פונ איינ אָרט אפנ אנדערנ. צומ אריבערפירנ מענטשנ אונ מאסע פלעגנ זיכ די עווענקנ באנוצנ מיט פארהיימישטע הירשנ. ארטיקלענ פונ אײזנ פלעגנ די עווענקנ קריגנ בא די שכיינימ, נאָר דאָס איז בא די עווענקנ געווענ ווייניק אינ באנוצ. בא אייניקע שוואָטימ זײנענ געווענ אינ געברויכ פאנצערס, וואָס מע פלעגט מאכנ פונ ביינערנע פלאטנ. אָנטאָנ פלעגנ זיכ די עווענקנ אינ בונטפארביקע קליידער, זיי האָבנ ליב געהאט העל־פארביקע בלישטשענדיקע באפוצונגענ, די געזיכטער האָבנ זיי טאטוירט. די עווענקנ האָבנ זיכ אויסגעצייכנט מיט גרויס קריגערישקײט, אונ די שכיינימ האָבנ פאר זיי מוירע געהאט. א גרויסנ אײנפלוס האָבנ בא זיי געהאט די שאמאנענ, דה. קישעפמאכערס. די עווענקנ האָבנ געגלייבט, אז די שאמאנענ קאָנענ ארויסרופנ גײסטער. צוליב דעמ פלעגנ זיכ די שאמאנענ אָנטאָנ אינ ספעציעלע קליידער, אוועקלאָזנ זיכ אינ א ווילדנ טאנצ, באגלייטנדיק דעמ טאנצ מיט א קלאפערײ אינ א „הייליקנ" פויק מיט גלעקלעכ (א טאמבורינ).

צו דאָרעמ־צו פונ די עווענקנ, בא דער אויבערשטרעמונג פונעמ יעניסיי, האָבנ פונ לאנג אָנ געלעבט די יעניסייער קירגיזנ. בא די כינעזער האָבנ זיי פארצײטנס געהייסנ כאקאסנ. דעריבער רופנ מיר די פעלקער, וואָס לעבנ בא דער אויבערשטרעמונג פונעמ יעניסיי, — כאקאסנ. די קירגיזנ זײנענ געווענ פיציכטלער אונ פלעגנ ארומוואנדלענ אינ די סטעפעס באמ יעניסיי. די קירגיזער פירשטלעכ פלעגנ בא די שכייניש וואלד־פעלקער נעמענ ציגז, וועלכנ זיי פלעגנ אופמאָנענ אינ רויכווארג. אינ די אומצוטריטלעכע בארג־שפאלטנ פונ אלטײ האָבנ געלעבט פארשיידנארטיקע בארג־שוואָטימ. אייניקע פונ אָט די שוואָטימ האָבנ געקענט שמעלצנ אײזנ אונ אויסאר=

בעטנ פונ דעם געווער אונ אַנדערע זאַכנ. די שכײַנישע פעלקער פלעגנ אופקויפנ די אײַזנ-זאַכנ אָדער צונעמענ זיי מיט געוואַלט אַלס צינדז. די אַלטײַער פעלקער זײַנענ אַרײַנ אינ באַשטאַנד פונ די אָיראָטישע באַזיצנ (אָיראָטנ — אײנער פונ די מאָנגאָלישע שוואָטימ); דעריבער רופנ מיר אַצינד זייער לאַנד — אָיראָטיע.

אינ צענטער פונ דער טעריטאָריע, וואָס איז געווענ באַזעצט פונ די עווענקנ, באַ דער מיטלשטרעמונג פונעמ טײַכ לענאַ, האָבנ געלעבט די יאַקוטנ. לויט אַ יאַקוטישער לעגענדע, זײַנענ זיי געקומענ אַהער פונ דאָרעמ, פונ טראַנסבײַקאַל, אונ האָבנ פאַרנומענ די טעריטאָריעס באַ דער לענאַ נאָכ אַ דויערנדיקנ אונ האַרטנעקיקנ קאַמפ מיט די עווענקנ. אינ פראַט פונ קולטור זײַנענ די יאַקוטנ אינ XVII יה. געשטאַנענ העכער פונ די אַרומיקע פעלקער. באַשעפטיקט האָבנ זיכ די יאַקוטנ מיט אופציִענ רינדער אונ פערד. דערצו האָט מיטגעווירקט די שעפע אויסגעצייכנטע לאָנקעס באַ דער מיטלשטרעמונג פונעמ טײַכ לענאַ. די יאַקוטנ האָבנ געוווינט אינ הילצערנע הײַזקעס, וואָס פלעגנ באַהייצט ווערנ פונ פײַער-שטעלנ. זיי האָבנ געקענט פרימיטיוו באַאַרבעטנ מעטאַלנ; זייער געווער (מעסערס, אַרופגעזעצט אַפ הילצערנע הענטלעכ), באַזונדערס די פאַנצערס, האָט געהאַט אַ שעם אַפילע באַ די רוסנ. אינ XVII יה. האָט די שטאַמ-אָרדענונג באַ די יאַקוטנ שוינ אָנגעהויבנ צעפאַלנ ווערנ. פונ דער מאַסע יאַקוטנ האָבנ זיכ אויסגעטיילט פירשטלעכ, באַזיצערס פונ גרויסע טשערעדעס. באַ די האָזיקע פירשטלעכ האָבנ, כוץ שקלאַפנ, געדינט אויכ פרײַע יאַקוטנ — אָרעמעלײַט, וואָס האָבנ ניט געהאַט קיינ אייגנ פי אָדער זיי האָבנ עס פאַרמאָגט אינ ניט קיינ גענוגנדיקער צאָל.

באַ דעם בײַטײַכ פונ יעניסיי — אַנגאַראַ, באַ דער אָזערע בײַקאַל אונ באַ דער אויבערשטרעמונג פונ דער לענאַ האָבנ געלעבט די בוריאַט-מאָנגאָלישע שוואָטימ. די הויפט-באַשעפטיקונג פונ די בוריאַטנ איז געווענ פיצוכט, אינ אַ קנאַפער מאָס — אויכ ערדאַרבעט; זיי פלעגנ אַפילע געבנ אַפ בײַט אַנדערע פעלקער גערשטנ אונ פראָסע אונ נעמענ רויכוואַרג אונ אַנדערע מינימ סכוירעס. אַ באַהילפיקע באַשעפטיקונג איז געווענ יאַגד. אינ דער שפיצ פונ די בוריאַטישע שוואָטימ זײַנענ געשטאַנענ פירשטלעכ.

באַמ טײַכ אַמור האָבנ געלעבט דאַורנ אונ שוואָטימ קרויווישע מיט זיי. די דאַורנ האָבנ שוינ אינ XVII יה. פאַרמאָגט אַ הויכע קולטור. זיי האָבנ געלעבט אינ דערפער, האָבנ זיכ פאַרנומענ מיט ערדאַרבעט, האָבנ געזייט פאַרשיידענע מינימ טוווע-קולטורנ אונ קולטיווירט פאַרשיידנאַרטיקע גרינס אונ פרוכט-ביימער; זיי האָבנ פאַרמאָגט אַ סאַכ פי; פונ כינע האָבנ זיי אײַנגעשאַפט אונ אײַנגעפירט באַ זיכ הינער. צוגלײַכ מיט ערדאַרבעט אונ פיצוכט האָט פאַר די דאַורנ אַ געוויסע באַדײַטונג געהאַט אויכ דער יאַגד אַפ פוטער-כײַעס, באַזונדערס אַפ סויבלענ, מיט וועלכע זייער לאַנד איז געווענ רײַכ. די רײַכקײַט פונ דער טעריטאָריע באַמ אַמור האָט צוגעצויגנ די שכײַנישע כינעזישע פעאָדאַלנ. זיי האָבנ געצוווּנגענ די אײַנוווינער פונ אַרומ אַמור צו צאָלנ זיי צינדז מיט סויבל-פעלכלעכ. יעדעס יאָר פלעגנ צומ אַמור אָנפאָרנ פונ כינע צינדז-אופמאָנער, אונ צוזאַמענ מיט זיי — כינעזישע סאָכרימ מיט סכוירעס. באַ די כינעזער פלעגנ די דאַורנ זיכ אײַנשאַפנ זײַדנס אונ מעטאַלנ. אונטערנ אײַנפלוס פונ די כינעזער האָבנ די דאַורנ גענומענ בויענ גוטע הײַזער מיט פענצטער, וואָס אַנשטאָט גלאָז זײַנענ זיי געווענ איבערגעצויגנ מיט אַ דינעמ פאַפיר; זיי האָבנ זיכ גענומענ קליידנ אַפ אַ כינעזישנ מאַניר. די דאַורנ האָבנ געהאַט גוט באַפעסטיקטע שטעט.

בא דער לעפּצונג פונעמ אמור האָבנ געלעבט די גיוואכנ, אָדער גיליאקנ. זייער הויפּט־באשעפטיקונג איז געווענ פישפאנג.

די פעלקער, וואָס האָבנ געלעבט אינ צאָפנ־מיזרעכ פונ סיביר (די אָדולנ, אָדער יוקאגירנ, די נימילאנער, אָדער קאָריאקנ, די לאָראוועטלאנער, אָדער טשוקטשעס, די איטעלמענער, אָדער קאמטשאדאלנ), זײנענ נאָכ געשטאנענ אפ זייער א נידעריקער קולטור־שטופע. זיי האָבנ ניט געוווּסט פונ קיינ אײַזנ און האָבנ אָנשטאָט דעם געברויכט שטיינ און ביינ, — געשאָסנ מיט פײַלנ, וואָס די שפּיצנ זײַנענ בײַ זיי געווענ שטיינערנע, באנוצט שטיינערנע מעסערס. פונ אײַזנ האָבנ זיי זיכ דערוווּסט ערשט בא די רוסנ, דעריבער האָבנ זיי אינ זייערע מײַסעלעכ גערופנ די רוסנ — „אײַזערנע מענטשנ“.

§ 65. די דעראָבערונג און קאָלאָניזירונג פונ מיזרעכ־סיביר.

די רוסישע עקספּאנסיע אפ מיזרעכ. מיזרעכ־סיביר איז דעראָבערט געוואָרנ דורכ די סיבירער דינסט־לײַט, ד. ה. דורכ די קאזאקנ און אנדערע מיליטער־מענטשנ, וואָס האָבנ געדינט אינ די סיבירער שטעט. לויט זייער אייגענער איניציאטיוו פלעגנ זיי זיכ אוועקלאָזנ קליינע אָטריאדגעווײַז צו באצווינגענ די „ניט־פרידלעכע לענדער“. כוץ דעם, וואָס זיי פלעגנ צונויפנעמענ צארישנ יאסאק, פלעגנ זיי נאָכ א סאכ רויב־ווארג צונעמענ פאר זיכ אליינ, פלעגנ פארקויפנ די פארכאפּטע געפאנגענע פאר שקלאפנ און רײַכ ווערנ דערפונ. בא די באצוווּנגענע שוואָטימ פלעגנ זיי נעמענ אלס אמאנאטנ (אָרוועסניקעס) זייערע עלטסטע און פירשטלעכ; אינ די באצוווּנגענע לענדער האָבנ זיי געבויט קליינע הילצערנע פעסטונגענ. געהאָלפנ די סיבירער דינסט־לײַט האָבנ יעגער, וואָס פלעגנ פונ יאָר צו יאָר קומענ אהער אינ אלצ א גרעסערער צאָל פאנגענ סויבלענ. אינ געיעג נאָכנ סויבל פלעגנ זיכ די יעגער פארקלײַבנ אינ די ווײַטסטע ווינקלענ פונ סיביר אמאָל נאָכ פריער, איידער עס פלעגנ אהינ קומענ די דינסט־לײַט. די פארטיעס קאזאקנ און יעגער האָבנ גענומענ ארײַנדרינגענ אלצ טיפער און ווײַטער אפ מיזרעכ, אינ די אומבאקאנטע לענדער. אָט אזוי איז אינ מעשעכ פונ עטלעכע צענדליק יאָר אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ גאנצ מיזרעכ־סיביר פונ יעניסיי ביזנ אָכאָטסקער יאמ.

אפ די מיזרעכ־ברעגנ פונעמ אײַנגוס („גובא“) פונעמ טײַכ אָב האָט זיכ געפונענ דאָס לאנד, וואָס די רוסנ האָבנ עס גערופנ מאנגאזעיא. פונדאנענ פלעגנ זיכ די יעגער מיט די טײַכנ, אָדער אריבערשלעפנדיק די שיפלעכ מיט דער יאבאָשע, פארקלײַבנ ביז דער נידערשטרעמונג פונעמ יעניסיי (ווו עס שטייט אצינד די שטאָט טורוכאנסק). ניט געקוקט אפ די געפארנ פונ אָט דעמ ווײַטנ וועג, האָט די שעפע רויכווארג צוגעצויגנ יעדעס יאָר אינ מאנגאזעיא א גרויסע צאָל יעגער. אינ די צײַטנ פונעמ צאר באָריס גאָדונאָוו איז קיינ מאנגאזעיא געשיקט געוואָרנ א גרויסע קריגס־עקספּעדיציע, וועלכע האָט נאָכ א הארטנעקיקנ קאמפּ מיט די נענצעס („סאמאָיעדנ“), וואָס האָבנ ארומגעוואנדערט אינ דעמ דאָזיקנ קאנט, אויסגעבויט א שטאָט (א הילצערנע פעסטונג). אזוי איז פארכאפּט געוואָרנ דער וועג, וואָס האָט געפירט צו דער נידערשטרעמונג פונעמ יעניסיי. עטוואָס שפּעטער האָבנ זיכ די רוסנ פונ מיטל־אָב דערקליבנ צומ מיטל־יעניסיי, ווו זיי האָבנ אינ 1619 י. אויסגעבויט די שטאָט יעניסייסק. פונ יעניסייסק זײַנענ זיי אוועק ווײַטער באצווינגענ די עווענקנ

(טונגוסנ), די בוריאַטנ און די אַנדערע פעלקער באַם יעניסיי. מיט אַ יאָר צענ שפּעטער איז באַם טײַכ יעניסיי אויסגעבויט געוואָרנ די שטאָט קראַסנאָיאַרסק. דאָ האָבנ די רוסישע דינסט=לײַט אָנגעטראָפנ אַפ אַ שטאַרקנ ווידערשטאַנד מיצאַד די קירגיזנ.

מיטנ רעכטנ בײַטײַכ פונ יעניסיי — מיט דער אַנגאַראַ — האָבנ די רוסנ זיכ דערקליבנ פונ יעניסייסק ביז צו דער גרויסער אָזערע בײַקאַל. אינמיטנ XVII יה. איז ניט ווײַט פונ דעם אָרט, וווּ די אַנגאַראַ פליסט אַרויס פונ דער אָזערע, אויפגעקומענ דער באַפעסטיקטער אירקוטסקער איבערווינטערונגס=פונקט (די שפּעטערדיקע שטאָט אירקוטסק). די בוריאַטישע שוואָטימ, וואָס האָבנ געלעבט אינעם באַסיינ פונ דער אַנגאַראַ און אַפנ ברעגלאַנד פונ בײַקאַל, האָבנ געגעבנ אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד די באַצווינגער. יענע בוריאַטנ, וואָס האָבנ געלעבט באַ די ברעגנ פונ בײַקאַל, האָבנ אַריבערגעוואַנדערט קיינ מאָנגאָליע. דאָרט זײַנענ זיי אַרײַנגעפאַלנ אינ שווערער אָפּהענגיקײַט צו די מאָנגאָלישע פעאָדאַלנ, און פיל פונ זיי האָבנ זיכ אומגעקערט צוריק אונטער דער מאַכט פונ די מאָסקווער צאַרנ.

זייער אַ וויכטיקער מאָמענט אינ דער געשיכטע פונ דעם, ווי די רוסנ האָבנ דעראָבערט מיזרעכ=סיביר, איז געווענ די אַנטדעקונג פונעם וועג — פונ יעניסיי צו דער לענע. די קלאַנגענ וועגנ די רויכוואַרג=רײַכטימער פונעם „גרויסנ טײַכ" צו מיזרעכ=צו פונ יעניסיי האָבנ זייער פרי אָנגעהויבנ צוציענ די יעגער און די דינסט=לײַט. פונ צוויי זײַטנ, פונ יעניסייסק און פונ מאַנגאַזעיאַ, האָבנ קימאַט אינ איינ און דער זעלבער צײַט זיכ אַ לאָז געטאָנ אַהינ גאַנצע מענגעס גליק=זוכער. זיי פלעגנ באַפאַלנ די יאַקוטנ, וואָס האָבנ געלעבט באַ דער לענע, אָפּנעמענ באַ זיי דאָס רויכוואַרג און דאָס פי און נעמענ אינ געפאַנגענשאַפט די פרויענ און קינדער. כוץ דעם, וואָס די יעניסייער און מאַנגאַזעיער דינסט=לײַט פלעגנ צו עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד באַראַבעווענ די באַפעלקערונג, פלעגנ זיי איבערנ רויב אַפילע איינער מיטנ אַנדערנ פירנ שלאַכטנ. אינ 1632 י. האָבנ די יעניסייער דינסט=לײַט אויסגעבויט באַ דער לענע דעם יאַקוטער אָסטראָג (יאַקוטסק). אינ אַ געווּסער צײַט אַרומ זײַנענ קיינ יאַקוטסק געשיקט געוואָרנ פונ מאָסקווע ספּעציעלע וואָיעוואָדעס. פונ יאַקוטסק האָבנ די פאַרטיעס דינסט=לײַט און יעגער זיכ אַוועקגעלאָזט ווײַטער — זוכנ און דעראָבערנ „ווײַטע", „אומבאַקאַנטע" לענדער. זיי האָבנ זיכ פאַרקליבנ אַפ צאָפנ=מיזרעכ ביז צומ סאַמע אָקעאַנ, אינ לאַנד פונ די אָדולנ (יוקאַגירנ) און האָבנ זיי באַשטײַערט מיט יאַסאַק.

דעזשניעווס עקספּעדיציע. אינ 1648 י. האָט אַ פאַרטיע האַנדלס=לײַט און יעגער פאַרטראַכט אויסצופאָרשנ דאָס ברעגלאַנד פונעם אײַז=אָקעאַנ צו מיזרעכ=צו פונ דער לעפצונג פונעם טײַכ קאָלימאַ. זיי האָבנ געזוכט די ערטער, ווו עס זײַנענ פאַראַנ יאַם=פערד, קעדיי צו באַקומענ די זייער ווערטפולע שטויסציינ פונ די יאַם=פערד. בעראָש פונ דער עקספּעדיציע האָט זיכ געשטעלט דער קאַזאַק סעמיאָנ דעזשניעוו. די עקספּעדיציע איז אַרויסגעפאָרנ פונ דער לעפצונג פונ קאָלימאַ אַפ זיבנ שיפנ און האָט זיכ געלאָזט לענגויס די ברעגנ. די שיפנ, מיט וועלכע די דרייסטע יאַם=רײַזנדע האָבנ זיכ געלאָזט אינ וועג אַרײַנ, זײַנענ געווענ אַבי=ווי צונויפגעקלאַפּט פונ ברעטער. די מערהײַט שיפנ איז אומגעקומענ. בלויז די שיפ, מיט וועלכער עס איז געפאָרנ דעזשניעוו אַליינ, איז פאַרטראָגנ געוואָרנ דורכ אַ שטורעמ=ווינט ווײַט

אפ מיזרעכ, אינ דעמ דורכגומ, וואָס שיידט אָפּ אזיע פונ אמעריקע (דער בערינג=דורכגומ). אינ אייראָפּע האָט נאָכ דעמלט קיינער ניט געוווסט, צי אזיע איז אָפּגעטיילט פונ אמעריקע דורכ א יאמ=דורכגומ. אפ דער דאָזיקער פראגע האָט געענטפערט דעזשניעוומ רײַזע. בײַ הײַנטיקנ טאָג הייסט דער עקסטער צאָפנ=מיזרעכדיקער קאפ פונ אזיע דעזשניעוו=קאפ.

גלײַכצײַטיק מיט די אנטדעקונגעג אינ צאָפנ=מיזרעכ איז געגאנגענ די אויספאָרשונג פונעמ אָכאָטסקער ברעגלאנד אונ פונ דער טעריטאָריע באמ אמור. פונעמ בײַטײַכ פונ דער לענע—אלדאנ — זײַנענ די דיגסט=לײַט דערגאנגענ צומ ברעגלאנד פונעמ אָכאָטסקער יאמ אונ האָבנ דאָ אויסגעבויט דעמ אָכאָטסקער באפעסטיקטנ פונקט. די אָכאָטישע עווענקנ (טונגוסנ) האָבנ זיכ לאנג געווערט, זיי האָבנ זיכ אָבער געמוזט אונטערווארפנ דער קראפט פונ שיס=געווער.

דער קאמפ פארנ אמור. די יעגער, וואָס זײַנענ געגאנגענ אפ יאגד צומ אמור, האָבנ געבראכט א ידיע, אז דאָס דאורנ=לאנד (באמ אמור) איז זייער רײַכ אונ דאָרט איז פאראנ א שעפע סויבלענ. אינ 1643 י. האָט דער יאקוטסקער וואָיעוואָדע אויסגעריכט צומ אמור א קריגס=עקספעדיציע אונטער דער קאָמאנדע פונ וואסילי פאָיארקאָוו. פאָיארקאָוונ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו דערגרייכנ דעמ טײַכ זעיא, א בײַטײַכ פונעמ אמור, ווו ער האָט אויסגעבויט ניט קיינ גרויסנ באפעסטיקטנ פונקט. אינגיכנ אָבער האָט זײַנ אָטריאד געגומענ פילנ א מאנגל אינ פראָדוקטנ, עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א הונגער: צוערשט האָט מענ געגעסנ סאָסנע=קאָרע אונ וואָרצלענ, דערנאָכ, אז דער שניי איז צעגאנגענ, — גראָז; לעסאָפ איז דערגאנגענ דערצו, אז מע האָט אָנגעהויבנ עסנ די קערפערס פונ די געשטאָרבענע. פאָיארקאָוו האָט זיכ קוימ געהאלטנ אינ זײַנ באפעסטיקטנ פונקט, אָפּשלאָגנדיק די אָנפאלנ פונ די דאורנ. פרילינג=צײַט האָט ער אויסגעבויט שיפנ אונ האָט זיכ מיט די לעבנ=געבליבענע מענטשנ געלאָזט מיט דער זעיא צומ אמור, אונ דערנאָכ איז ער אוועקגעשוומענ מיטנ וואסער=אראָפּ. אינ דער לעפצונג פונ אמור האָט פאָיארקאָוו איבערגעווינטערט אונ האָט צונויפגענומענ יאסאק פונ די גיוואכנ (גיליאקנ). אָנהייב זומער איז פאָיארקאָווס אָטריאד ארויס אינ אָפענעמ יאמ אונ אוועקגעשוומענ לענגויס דעמ ברעג אפ צאָפנ. ערשט אינ יול 1646 י., פונקט אינ דרײַ יאָר ארומ נאָכנ ארויספאָרנ, האָבנ די רעשטלעכ פונ פאָיארקאָווס אָטריאד מיט אומגעהייערע שוועריקײַטנ זיכ דערקליבנ ביז יאקוטסק.

ניט געקוקט אפ אלע שוועריקײַטנ פונ צוקומענ צומ אמור, האָט די רײַכקײַט פונ די בײַ=אמורער לענדער נאָכ אלצ געצויגנ צו זיכ אונטערנעמערישע מענטשנ. אינ 1649 י. האָט דער האנדלס=מאנ יעראָפּיי כאבאראָוו צונויפגעקליבנ אפנ אייגענעמ כעזשבנ פרײַוויליקע מענטשנ, באזאָרגט זיי מיט געווער אונ מיט פראָדוקטנ אונ אוועקגעפירט באצווינגענ די „בײַ=אמורער פעלקער“. דרײַ יאָר נאָכאנאנד האָט כאבאראָוו מיט זײַנ כאַיל געגאזלט אפנ אמור, פארברענט יישווימ, אויסגעהארגעט אָדער צוגענומענ אינ געפאנגענשאפט די אײַנוווינער. די כינעזער, וואָס פריער פלעגנ זיי אויכ נעמענ ציגז פונ די בײַ=אמורער=אײַנוווינער, האָבנ ניט געוואָלט אָפּטרעטנ דאָס רויב די רוסנ. א גרויסע צאָל כינעזיש כאיל איז אומגעריכט באפאלנ דעמ קליינעמ באפעסטיקטנ פונקט, וואָס כאבאראָוו האָט אויסגעבויט באמ אמור. אָבער ניט געקוקט דערופ, וואָס די קויכעס זײַנענ געווענ ניט קיינ גלײַכע, האָבנ די רוסנ אָפּגעשלאָגנ דעמ אָנגריפ אונ האָבנ געצוווּנגענ די כינעזער אָפּצוטרעטנ. די לאגע פונ

כאבאראָווס אָטריאַד איז דאָכ געווענ זייער א שווערע. קיינ פּראָדוקטנ איז אינ ערגעצ ניט געווענ צו קריגנ. כאבאראָווס אַליינ האָט מענ אָפּגערופנ קיינ מאָסקווע. די רעשטלעכ פונ זײַנ אָטריאַד האָבנ די כינעזער צעשמעטערט.

אינ מאָסקווע האָט מענ זיכ נאָכ אַלצ ניט אָפּגעזאָגט פונעמ געדאַנק אָנצושליסנ די בײַ-אַמורער טעריטאָריעס. מע האָט אָבער באַשלאָסנ צו האַנדלענ מער פאָרזיכטיק. בײַ איינעמ פונ די צאָפנדיקע בײַטײַכנ פונעמ אַמור האָט מענ אויסגעבויט דעמ נערטשינסקער באַפעסטיקטנ פּונקט. אינ 15 יאָר אַרומ נאָכ כאבאראָווס אָנפאַל האָבנ די קאַזאַקנ אַפנ אַמור גופא אויסגעבויט ניט קיינ גרויסע פעסטונג — אַלבאַזינ. דער כינעזישער אימפּעראַטאָר, וואָס האָט אַליינ געשטרעבט צו הערשנ איבערנ אַמור, האָט געשטעלט א פאָדערונג, מע זאָל דאָס נײַע שטעטל פאַרניכטנ. ווענ דאָס איז אָבער ניט אויסגעפילט געוואָרנ, האָט א גרויסע צאָל כינעזיש מיליטער מיט האַרמאַטנ באַלאַגערט די פעסטונג אַלבאַזינ און געצוווּנגענ דעמ קליינעמ גאַרניזאָנ צו פאַרלאָזנ זי. אַלבאַזינ איז פאַרניכטעט געוואָרנ. אינ א יאָר אַרומ האָבנ די רוסנ אָפּסנײַ אויפגעבויט אַלבאַזינ און האָבנ זי שטאַרק פאַרפעסטיקט. די כינעזער האָבנ ווידעראַמאָל באַלאַגערט די פעסטונג. דאָס מאָל האָט דער גאַרניזאָנ פונ אַלבאַזינ, ניט געקוקט דערויפ, וואָס דעמ קעגנערס כא!ל איז געווענ אָנ א שיער גרעסער, קימאַט א יאָר צײַט מיט דערפאָלג אויסגעהאַלטנ די מוירעדיקע באָמבאַרדירונג. די באַלאַגערונג האָט זיכ געענדיקט, ערשט ביים מע האָט גענומענ פירנ שאָלעמ-אונטערהאַנדלונגענ. אינ 1689 י. איז אינ נערטשינסק געשלאָסנ געוואָרנ א שאָלעמ-אָפּמאַכ, אינ וועלכנ ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אַז די גרענעצנ צווישנ די רוסישע און כינעזישע באַזיצנ גייענ דורכ לענגאויס דעמ טײַכ אַרגונ און לענגאויס דעמ סטאַנאָוואָיער און יאַבלאָנאָווער באַרג-רוקנס; אַזוי אַרומ איז דער אַמור און די דערבײַליגנדיקע טעריטאָריע פאַרכאַפּט געוואָרנ פונ כינע. די פעסטונג אַלבאַזינ איז ווידעראַמאָל פאַרניכטעט געוואָרנ.

די אויפשטאַנדנ פונ דער אָרטיגער באַפעלקערונג פונ סיביר. אינ פאַרלויפ פונ זייער א קורצער צײַט האָט די רוסישע מעלוכע אָנגעשלאָסנ צו אירע באַזיצנ די קאָלאָסאַלע טעריטאָריע — פונ אוראַל ביזנ אָכאָטישנ יאַמ. אַפ די פעלקער, וואָס האָבנ געלעבט אַפ אָט דער גאַנצער טעריטאָריע, איז אַרופגעלייגט געוואָרנ א שווערער יאַסאַק און מע האָט זיי גענומענ מוירעדיק באַראַבעווענ. דעריבער זײַנענ אינ סיביר ניט איינ מאָל אויסגעבראָכנ אויפשטאַנדנ קעגנ דער צאַרישער הערשאַפט. עטלעכע מאָל האָבנ געמאַכט אויפשטאַנדנ די יאַקוטנ; בײַ איינעמ פונ אָט די אויפשטאַנדנ האָבנ זיי שיר ניט פאַרניכטעט יאַקוטסק. א דויערנדיקנ און האַרטנעקיקנ קאַמפ מיט די באַצווינגער האָבנ געפירט די בוריאַטנ און די אָכאָטישע עווענקנ. א גרויסער אויפשטאַנד איז פאָרגעקומענ אינ מײַרעוו-סיביר אינ די צײַטנ פונעמ צאַר אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש. די דאָזיקע אויפשטאַנדנ האָבנ אָבער ניט געהאַט קיינ דערפאָלג: איינס פונ דעמ אַנדערנ אָפּגעזונדערט, זײַנענ די סיבירער פעלקער אינעמ קאַמפ קעגנ דער צענטראַליזירטער רוסישער מעלוכע געווענ אָנמעכטיק.

די קאָלאָניזירונג פונ סיביר. ניט געקוקט אַפ דער ווײַטקײַט, האָבנ די רוסנ אינ XVII יה. גענומענ באַזעצנ זיכ אינ סיביר. די רעגירונג פלעגט ווערבירנ און שיקנ קיינ סיביר מענטשנ אַפ מיליטער-דינסט און צוליב אַנדערע צוועקנ. גלײַכ פונ אָנהייב אָנ האָט מענ גענומענ פאַרשיקנ קיינ סיביר פאַרברעכער און אויכ אָרעמשאַפט, וואָס האָט געמאַכט אויפשטאַנדנ קעגנ די באָיאַרנ און די אַדל-לײַט. פונ דער אַנדע-

דער זײַט, פלעגנ פויערימ, וואָס זיי איז שווער געווענ צו לעבנ אונטערנ דרוק פונ די גוטבאזיצער אונ פונ דער צארישער מאכט, אליינ אוועקגיינ פונ הונגער אונ פונ די אונטערדריקונגענ אפ יענער זײַט אוראל, האָפנדיק צו געפינענ דאָרט א בעסער לעבנ.

אינ די סיבירער שטעט אונ באפעסטיקטע פונקטנ איז דער רעגירונג אויסגעקומענ צו האלטנ א גרויסע צאָל קאזאקנ אונ אנדערע דינסט-לײַט. כדיי צו שפײַזנ זיי, האָט מענ געמוזט צוטרעטנ אינ סיביר צו באארבעטנ די ערד. מע האָט אָנגעהויבנ געבנ די פויערימ ערד אינ סיביר אונ אויכ געלט- אונ זריע-האלוואָעס. דערפאר האָבנ זיי געדארפט אופאקערנ א באשטימטע צאָל דעסיאטינעס „פארנ קייסער" (דאָס האָט געהייסנ „דעסיאטינאיא פאשניא" — מײַסער-פעלד), אָדער אָפגעבנ יעדעס יאָר דער קאזנא א געוויסנ סכומ טווע. אָט די גאנצע טווע איז געגאנגענ אפ דערנערנ די דינסט-לײַט. די פויערימ אינ סיביר האָבנ זיכ וווייניק וואָס אונטערשיידט פונ לײַבייגענע. נאָר געארבעט האָבנ זיי ניט אפ די גוטבאזיצער, נאָר אפ דער פעאָדאלער מעלוכע. זייער פיל רוסנ זײַנענ אָנגעפאָרנ קיינ סיביר צוליב מיסכער אונ געווערבנ. פיל פונ זיי פלעגנ פארבלײַבנ אינ סיביר, זיכ אײַנשאפנ א שטיקל ערד צומ אקערנ, אָדער זיכ פארשרײַבנ אפ מיליטער-דינסט. צומ סאָפ XVII יה. זײַנענ די מײַרעוו-סיבירער אויעזדנ באדעקט געוואָרנ מיט א געדיכטער נעצ רוסישע סלאָבאָדעס אונ דערפער.

די רוסישע קאָלאָניזאציע האָט מיטגעהאָלפנ דעמ אופשטײַג פונ די פראָדוקטיוו-קרעפטנ פונ סיביר. אינ אייניקע ראיאָנענ האָט א באדײַטנדיקע אנטוויקלונג באקומענ די ערדארבעט. צומ סאָפ XVII יה. זײַנענ שוינ די דאָרעמדיקע אויעזדנ פונ מײַרעוו-סיביר געווענ דורכויס ערדארבעטעריש. לויט דער באשרײַבונג פונ רײַזנדער, איז דאָס שוינ געווענ א געדיכט באפעלקערטער קאנט מיט גוטע אקער-פעלדער. מע איז צוגעטראָטנ פאנאנדערצוארבעטנ די נאטור-רײַכטימער פונ סיביר: אײַזנארצ, זאלצ-קוואלנ. די רוסישע קאָלאָניסטנ האָבנ א סאכ אופגעטאָנ פאר דער אנטדעקונג אונ אויספאָרשונג פונ צאָפנ-אזיע. צומ סאָפ יאָרהונדערט איז איינער פונ די סיבירער דינסט-לײַט — סעמיאָנ רעמעזאָוו אפילע צוגעטראָטנ צונויפצושטעלנ א געאָגראפישנ אטלאס פונ סיביר. די מײַרעוו-אייראָפּײַשע געאָגראפנ האָבנ אויסגענוצט די דערציילונגענ פונ די רוסנ אונ זייערע קארטעס בא זייערע וויסנשאפטלעכע ארבעטנ וועגנ אזיע.

פונקט ווי די אָרטגעבירטיקע אײַנוווינער, האָט אויכ די רוסישע באפעלקערונג פונ סיביר שטארק געליטנ פונ די אונטערדריקונגענ, פונ דער רויבערײַ פונ די צארישע וואָיעוואָדעס אונ פונ די שווערע מעלוכע-פליכטנ. ניט איינ מאָל זײַנענ דאָ אויסגעבראָכנ אופשטאנדנ קעגנ דער אדמיניסטראציע. אזוי, צומ בײַשפיל, איז סאָפ XVII יה. פאָרגעקומענ א גרויסער אופשטאנד אינ קראסנאָיארסק. צומ קאמפ קעגנ דעמ געמיינזאמענ סוינע פלעגט ניט-זעלטנ זיכ פארייניקנ מיט די רוסנ די אָרטגעבירטיקע באפעלקערונג: צוזאמענ מיט די קראסנאָיארסקער דינסט-לײַט האָבנ געקעמפט קעגנ די וואָיעוואָדעס אויכ די ארומיקע טאָטערנ.

די דעראָבערונג פונ סיביר האָט געהאט זייער א גרויסע באדײַטונג פאר די מאָסקווער פעאָדאלנ. פונ סיביר פלעגט די רוסישע מעלוכע באקומענ רויכווארג צומ האנדל מיט מײַרעוו-אייראָפּע אונ מיט פערסיע. דאָס איז געווענ א קוואל פונ געלט-מיטלענ אפ ארויסצוגעבנ געהאלט די אדל-לײַט אונ אויכ אפ צו אָרגאניזירנ די לאנדשוצ קעגנ די סאָנימ.



די דעראָבערונג און קאָלאָניזירונג פון סיביר אין XVII—XVI יה.

קאפיטל XX.

טראנסקאווקאז אונ מיטל־אזיע אינ XVII—XVI יאָרהונדערטער.

§66. טראנסקאווקאז אינ XVII—XVI יאָרהונדערטער.

טראנסקאווקאז האָט לאנג ניט געקאָנט קומענ צו זיכ נאָכ דעמ כורבנ, וועלכנ עס האָט דאָ אָנגעמאכט די אינוואזיע פונ די טאָטערנ. די לאנדווירטשאפט אונ דער האנדל איז געפאלנ. די עקאָנאָמישע פארבינדונגענ צווישנ די באזונדערע געביטנ זײַנענ צעשטערט געוואָרנ. עס האָט זיכ פארשטארקט די פעאָדאלע צעשפליטערטקײַט פונעמ לאנד.

גרוזיע איז סאָפ XV יה. צעפאלנ געוואָרנ אפ עטלעכע קיניגרײַכנ: דאָס קארטליער (מיט דער הויפטשטאָט טביליסי), דאָס קאכעטינער אונ אימערעטינער קיניגרײַכנ אונ די פירשטנטומס: מינגרעלער, מעסכעטער, גוריער, סוואנעטיע אונ אבכאזיע.

יעדע פונ אָט די קליינע מעלוכעס איז נאָכ ווײַטער געווענ צעברעקלט אפ א סאכ פיצינקע פעאָדאלע באזיצנ. א צעשפליטערטע אונ אָפגעשוואכטע דורכ די אינערלעכע רײַסערײַענ, איז גרוזיע ניט אימשטאנד געווענ צו געבנ א שטארקנ ווידערשטאנד די אויסערלעכע סאָנימ. בישכיינעס מיט טראנסקאווקאז האָבנ זיכ אויסגעבילדעט צוויי שטארקע מעלוכעס — טערקײַ אונ פערסיע. אינ XVI יה. האָט זיכ צווישנ זיי אָנגעהויבנ א פארביטערטער קאמפ פאר טראנסקאווקאז, וואָס האָט פונ ביידע צדאָדימ געהאט אויסצושטיינ פארוויסטנדיקע אָנפאלנ. אינ 1555 י. איז צווישנ ביידע מעלוכעס געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפמאכ, לויט וועלכנ גרוזיע איז פארטיילט געוואָרנ צווישנ פערסיע אונ טערקײַ. דער מײַרעוו-טייל פונ גרוזיע (אימערעטיע) איז אָנגעקומענ טערקײַ, אונ דער מיזרעכ-טייל (קארטליע אונ קאכעטיע) — פערסיע. די גרוזינישע קיניגרײַכנ אונ פירשטנטומס זײַנענ אזוי-ארומ ארײַנגעפאלנ אינ וואסאלער אָפהענגיקײַט צו די שכײַנישע מעלוכעס.

שטרעבנדיק אומצוקערנ זייער אומאָפהענגיקײַט, האָבנ די קאכעטינער קייסאָרימ געזוכט הילפ בא די מאָסקווער צארנ. אינ 1586 י. איז צווישנ מאָסקווע אונ קאכעטיע געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפמאכ, לויט וועלכנ די קאכעטינער קייסאָרימ האָבנ זיכ אָנערקענט אלס וואסאלנ פונ מאָסקווע. צוליב דעמ גרויסנ מעהאלעכ אָבער, וואָס איז געלעגנ צווישנ די ביידע לענדער, איז די רוסישע מעלוכע ניט אימשטאנד געווענ צו געבנ קריגס-הילפ אירע פארבינדעטע. די לאגע פונ גרוזיע איז נאָכ מער פארשווערט געוואָרנ דורכ דעמ, וואָס צווישנ טערקײַ אונ פערסיע איז נאָכ אלץ געגאנגענ א קאמפ פאר באזונדערע געביטנ. אינ 1614 י. איז קאכעטיע געוואָרנ א קאָרבנ פונ דער אינוואזיע פונעמ פערסישנ שאכ אבאס. אזא גרויזאמענ כורבנ, ווי דאָס מאָל, איז נאָכ דאָס לאנד ביז דאנ קיינמאָל ניט אויסגעשטאנענ. העכער 150 טויזנט גרוזינער האָט מענ אריבערגעזעצט קיינ פערסיע. דער קאכעטינער קייסער טיימוראז האָט ווידעראמאָל געמוזט ווענדנ זיכ צו מאָסקווע, ווו צאר איז דעמלט געווענ מיכאיל פיאָדאָראָוויטש. אינ אלעקסיי מיכײַלאָוויטשס צײַטנ איז טיימוראז אליינ געקומענ צו פאָרנ קיינ מאָסקווע בעטנ הילפ. ער איז אופגענומענ געוואָרנ מיט גרויס קאָוועד. אזוי-ארומ איז שוינ אינ XVII יאָרהונדערט קלאָר געווענ, אז אָנשליסנ זיכ

צו רוסלאנד איז פאר גרוזיע געווענ א קלענער בייז אינ פארגלײַכ מיטנ גורל, וואָס האָט איר געדראָט אונטער דער מאכט פונ טערקײַ אונ פערסיע.

די אָנגריפנ פונ די טערקנ אונ פערסנ האָבנ אינגאנצנ כאָרעוו געמאכט טראנסקאווקאז. אזערבײַדזשאנ האָבנ אינ אָנהייב XVI יה. פארכאפט די פערסנ. דערנאָכ איז אזערבײַדזשאנ איבערגעגאנגענ פונ איינ מעלוכע צו דער אנדערער — אָט צו די טערקנ, אָט צו די פערסנ — אונ דאָס האָט זיכ שרעקלעכ אָפגערופנ אפ דער באפעלקערונג. די שטעט פונ טראנסקאווקאז, וואָס האָבנ אמאָל געהאט געבליט — טבילִיסי אונ קוטאיסי — זײַנענ פוסט געוואָרנ.

באזונדערס שווער איז געווענ די לאגע פונ די פויערימ. קעדיי אײַנצוהיטנ זייערע באזיצנ, פלעגנ די גרוזינישע אונ ארמענישע ערדבאזיצער אָנעמענ דעמ מוסולמענישנ גלויבנ אונ דערמיט זיכ אײַנקויפנ שטיצע מיצאד די טערקישע אונ פערסישע פעאָדאלנ. בא זייער א גרויסער צאָל פויערימ האָט מענ אינגאנצנ אָפגענומענ די ערד אונ מע האָט זיי געמאכט קימאט פאר שקלאפנ (אזויגערופענע „געקויפטע לײַבייגענע”). דער קארטלִיער קייסער ראָסטאָמ, דעמ פערסישנ שאכס א קרעאטור, האָט אינמיטנ XVII יה., לויט א פארשטענדיקונג מיט די פעאָדאלנ, באשטעטיקט, אז די פויערימ האָבנ קיינ רעכט ניט אוועקצוגייִנ פונ דער ערד פונ זייערע הארנ.

די פעאָדאלנ האָבנ געשטרעבט צו אונטערטעניקנ אפילע די בארג=געמיינדעס, וואָס האָבנ ביז דאַנ געהאט פארהיט זייער פרײַהײַט. בלויז די מוטיקע בארג=אײַנוווינער — די כעווסורנ — אונ אייניקע געמיינדעס פונ דער פרײַער סוואנעטיע האָבנ באוויזנ צו באשיצנ אונ אײַנהיטנ זייער אומאָפהענגיקײַט. אזויארומ האָבנ די גרוזינישע, ארמענישע אונ אזערבײַדזשאנישע פויערימ געליטנ פונ א צווייענדיקנ דרוק — אי פונ די אייגענע אי פונ די פרעמדע פעאָדאלנ.

§ 67. מיטל־אזיע אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער.

אינ מיטל=אזיע האָבנ זיכ אינ אָנהייב XVI יה. אויסגעבילדעט צוויי גרויסע אוזבעקישע מעלוכעס: די בוכארער אונ די כיווער. די באפעלקערונג זייערע איז באשטאנענ פונ טורקמענער, טאדזשיקנ אונ אוזבעקנ. די טורקמענער האָבנ ארומגעוואנדערט מיט טשערעדעס פי צווישנ דעמ קאספּישנ יאמ אונ דעמ טײַכ אמו=דאריא. די הויפט=באשעפטיקונג פונ די טאדזשיקנ איז געווענ ערדארבעט, וועלכע האָט זיכ מיט א באזונדערנ דערפאָלג אנטוויקלט אינ די פרוכטבארע באוואסערטע ראיאָנענ. אינ די שטעט האָבנ זיכ די טאדזשיקנ באשעפטיקט מיט האנטווערקערײַ אונ האנדל. די אוזבעקנ זײַנענ אינ דער גרונט=מאסע זייערער געווענ נאָמאדנ פיציכטלער, נאָר טיילווײַז האָבנ זיי שוינ גענומענ אריבערגייִנ צו א באזעסנ ארט לעבנ. סאָפ XVI יה., האָבנ אינעמ געביט פונ דער נידערשטרעמונג פונעמ טײַכ סיר=דאריא זיכ באוויזנ די קארא=קאלפאקנ, וועלכע האָבנ פריער געוואנדערט צו צאָפנ=צו פונעמ אראלער יאמ.

אינעמ בוכארער כאנטומ האָבנ זיכ באפעסטיקט די יאָרשימ פונעמ אוזבעקישנ דעראָבערער שייבאני. אינ כיווע האָט רעגירט די פונ זיי אומאָפהענגיקע דינאסטיע אוזבעקישע כאנענ. ביידע מעלוּכעס זײַנענ געווענ צעפאלנ אפ א סאַכ קלײנע פירשטנטומס, וואָס זײַנענ רעגירט געוואָרנ פונעמ כאנס קרויווימ. דער הערשנדיקער

שיכט איז געווענ די שוואָטים-אריסטאָקראַטיע (בעקנ), וועלכע האָט ביסלעכווייז קאָנצענטרירט בא זיכ אינ די הענט קאָלאָסאַלע ערדבאזיצנ.

די בוכארער מעלוכע האָט זיכ זייער פארשטארקט סאָפ XVI יה., בייס דער הערשאַפט פונ אבדול-כאנ, וועלכער האָט אויסגעראָטנ קימאַט אַלע זיינע קרויווים אונ האָט אָנגעשלאָסנ זייער ערד צו זיינע באזיצנ. באַם פארפעסטיקנ זיינ מאכט האָט אבדול-כאנ זיכ געשטיצט אָפ דער הילפ פונעם מוסולמענישנ קלער. סאָפ XVI יה. האָט די דינאַסטיע פונ שייבאַנים יאָרשים אינ בוכארא אופגעהערט צו עקזיסטירנ. בא דער נייער דינאַסטיע איז די מאכט אריבער צו דער שוואָטים-אריסטאָקראַטיע. די אוזבעקישע בעקנ, וואָס פריער זיינענ זיי געווענ דעם כאַנס שטאַטהאַלטער, זיינענ אצינד געוואָרנ זעלבשטענדיקע רעגירער, דעריבער איז די טעריטאָריע פונ בוכארא צעשפליטערט געוואָרנ אָפ קליינע אומאָפהענגיקע באזיצנ. שטארקער אונ פארייניקטער איז געוואָרנ דאָס כיווער כאַנטום.

מיט דער אנטוויקלונג פונ דער פעאָדאַלער איינגעזעסענער ווירטשאַפט האָט זיכ די געוועזענע שוואָטים-אריסטאָקראַטיע פארוואנדלט אינ גרויסע ערדבאזיצער, וועלכע האָבנ אונטערטעניקט בא זיכ אינ די באזיצנ די באפעלקערונג, וואָס האָט דאָרט געלעבט. דער געשטיגענער פעאָדאַלער דרוק האָט אינ 1681 י. ארויסגערופנ א פאָלקס-אופשטאַנד אינעם טאָל פונ זעראַוושאַנ.

די גרויסע מיטל-אזיאַטישע שטעט (בוכארא, סאַמארקאַנד, כיווע א. אנד.) האָבנ אינ XVII יאָרהונדערט געהאַט א צאָלרייכע האַנטווערקערישע אונ סאָכרישע באפעלקערונג. דער קאַראַוואַנענ-האַנדל האָט פארבונדנ די דאָזיקע שטעט מיט די מערק פונ כינע, אינדיע אונ רוסלאַנד. די שטעט זיינענ באַרייכערט געוואָרנ מיט א ריי אויסגעצייכנטע געביידעס. עס זיינענ אויסגעבויט געוואָרנ גוטע געביידעס פאַר שולנ (מעדרעסע), באזונדערס אינ סאַמארקאַנד. דער אופשטייג פונ דער אָרטיקער קולטור האָט זיכ אויסגעדריקט אינ דער פארשפרייטונג פונ דער פערסישער אונ טאַדזשיקישער ליטעראַטור, וואָס אונטער איר איינפלוס האָט זיכ גענומענ שאַפנ אנ אוזבעקישע ליטעראַטור. באַם הויפ פונעם בוכארער כאנ האָבנ הויפ-דיכטער באזונגענ געראָטענע קריגס-מאַרשנ אונ קריגס-מוט.

אינ XVII יה. האָבנ זיכ גענומענ פארפעסטיקנ די עקאָנאָמישע פארבינדונגענ פונ מיטל-אזיע מיט דער רוסישער מעלוכע. פונ מיטל-אזיע פלעגט מענ דורכ אסטראַכאַנ פירנ קיינ רוסלאַנד זייד, באַוולנע אונ זיידענע שטאָפנ אונ פארשיידענע קאָסטבאַרע כפייצים. פונ רוסלאַנד פלעגט מענ ברענגענ צו פירנ פוטערוואַרג, בייג פונ יאַם-פערד, מעטאַלנ אונ הילצערנ געשיר אונ אנדערע זאכנ.

די גרונט־דאטעס אינ דער געשיכטע פונ פססר

(פונ די אוראַלטסטע צײַטנ ביז סאָפ *XVII* יה.)

VIII יה. פאר דער נײַער ערע	דער אופבלי פונ דער מעלוכע אורארטו
VIII—III יה. פאר דער נ. ע.	די הערשאפט פונ די סקיפנ אינ די שווארציאמישע סטעפעס
VII יה. פאר דער נ. ע.	דער אופקום פונ די גריכישע קאָלאָניעס באמ שווארצנ יאמ
II יה. פאר דער נ. ע.	דער שקלאפנ־אופשטאנד אינ דער באָספאָרישער מעלוכע
סאָפ IV יה. פונ דער נ. ע.	די הונענ־אינוואזיע
VIII—VI יה. פונ דער נ. ע.	דער טיורקישער קאהאנאט
VII יה. פונ דער נ. ע.	די אראבער דעראָבערנ מיטל־אזיע אונ טראנסקאווקאז
VIII יה. פונ דער נ. ע.	די אויסבילדונג פונ דער כאזרישער מעלוכע
סאָפ VIII יה. פונ דער נ. ע.	מוקאנאס אופשטאנד אינ מיטל־אזיע קעגנ די אראבער
IX יה. פונ דער נ. ע.	די צעפאלונג פונעמ אראבישנ קאליפאט
צווייטע העלפט IX יה.	די אויסבילדונג פונ דער סאמאנידנ־מעלוכע
860 י.	דער מארש פונ רוס אפ קאָנסטאנטינאָפּאָל
911 י.	אָליעגס אָפּמאכ מיט די גריכנ
941 י.	איגאָרס מארש אפ ביזאנצ
945 י.	איגאָרס אָפּמאכ מיט די גריכנ
971—967 יי.	סוויאטאָסלאווס מילכאָמע מיטנ ביזאנטישנ אימפּעראטאָר
988 י.	וולאדימיר סוויאטאָסלאוויטשעס אָפּמאכ מיט ביזאנצ, מיטנ באַדינג אײַנצופירנ אינ קיִעווער רוס דעמ קריסטלעכנ גלויבנ
1015 י.	וולאדימיר סוויאטאָסלאוויטשעס טויט
1054—1019 יי.	דאָס רעגירנ פונעמ פירשט יאראָסלאוו דעמ קלוגנ
1068 י.	דער אופשטאנד אינ קיִעוו
1125—1089 יי.	דאָס קיניגנ פונ דאוויד דעמ בויער אינ גרוזיע
1113 י.	דער אופשטאנד אינ קיִעוו
1125—1113 יי.	דאָס רעגירנ פונעמ פירשט וולאדימיר מאָנאָמאכ
1122 י.	טביליסי באפרײַט זיכ פונ אונטער דער מאכט פונ די סעלדזשוקנ
1136 י.	דער אופשטאנד אינ נאָווגאָראָד
1147 י.	ס'ווערט צומ ערשטנ מאָל דערמאָנט מאָסקווע
1174—1157 יי.	דאָס רעגירנ פונעמ פירשט אנדריי באָגאָליובסקי
1169 י.	אנדריי באָגאָליובסקיס כאיאָלעס נעמענ אײַנ קיִעוו
1212—1176 יי.	דאָס רעגירנ פונעמ פירשט ווסעוואָלאָד די גרויסע נעסט
1213—1184 יי.	דאָס קיניגנ פונ טאמארענ אינ גרוזיע
1185 י.	איגאָר סוויאטאָסלאוויטשעס שלאכט מיט די פּאָלאָווצעס
1202 י.	די אויסבילדונג פונעמ שווערדריטערס־אָרדענ (ליוואָנער אָרדענ)
1206 י.	טעמוטשינ ווערט פּראָקלאמירט אלס טשינגיס־כאנ

1216 י.	די ליפיצקער שלאכט
1223 י.	די שלאכט אפנ טײַכ קאלקע
1227 י.	טשינגיס-כאנס טויט
1237 י.	באטי רײַסט זיכ אַרײַנ אינ דער צאָפנ-מיזרעכדיקער רוס
1237 י.	די פארײניקונג פונעם שווערדריטערס-אָרדענ מיטנ טעווטאָנישנ אָרדענ
1238 י.	טאראביס אופשטאנד אינ סאמארקאנד
1240 י.	דער זיג פונעם פירשט אלעקסאנדער יאראָסלאוויטש איבער די שוועדנ אפנ טײַכ ניעווא
1242 י.	דער פירשט אלעקסאנדער יאראָסלאוויטש (ניעווסקי) צעקלאפט די דײַטשישע ריטערס אפ דער טשודישער אָזערע (די שלאכט אפנ אײַז)
1255 י.	דאניִיל דער גאליטשער ווערט פראָקלאמירט אלס קיניג
1341—1316 יי.	דאָס רעגירנ פונעם פירשט געדימינ אינ ליטע
1341—1325 יי.	דאָס רעגירנ פונעם פירשט איוואנ דאנילאָוויטש קאליטא אינ מאָסקווע
1328 י.	איוואנ קאליטא — וולאדימירער גרויספירשט
1389—1359 יי.	דאָס רעגירנ פונעם פירשט דימיטרי איוואנאָוויטש (דאָנסקאָי)
1405—1370 יי.	דאָס רעגירנ פונ טימורנ
1392—1377 יי.	דאָס רעגירנ פונעם פירשט יאגײַלאָ אינ ליטע
1380 י.	די קוליקאָווער שלאכט
1385 י.	די אוניע פונ ליטע מיט פוילנ
1425—1389 יי.	דאָס רעגירנ פונעם גרויספירשט וואסילי דימיטריִעוויטש.
1430—1392 יי.	דאָס רעגירנ פונעם גרויספירשט וויטאָווט אינ ליטע.
1410 י.	די גרינוואלדער שלאכט
1462—1425 יי.	דאָס רעגירנ פונעם גרויספירשט וואסילי וואסיליעוויטש דעם בלינדנ
1437 י.	די גרינדונג פונעם קאזאנער כאנטום
די מיט XV יה.	די אויסבילדונג פונ דער קאזאכישער האָרדע
1505—1462 יי.	דאָס רעגירנ פונעם גרויספירשט איוואנ דעם III וואסיליעוויטש
1475 י.	די טערקנ דעראָבערנ קרים
1478 י.	דער אָנשלוס פונ נאָווגאָראָד צו דער רוסישער מעלוכע
1515—1479 יי.	דאָס רעגירנ פונ מענגלי-גירײ
1480 י.	דאָס רוסישע פאָלק באפרײַט זיכ פונ טאָטערשנ יאָכ
1485 י.	דער אָנשלוס פונ טווער צו דער רוסישער מעלוכע
1497 י.	דער „סודיעבניק" פונ איוואנ דעם III
1502 י.	די קרימער טאָטערנ פארניכטנ די רעשטלעכ פונ דער גאָלדענער האָרדע
1503 י.	דער אָנשלוס פונעם טשערניגאָוו-סעווערסקער לאנד צו דער רוסישער מעלוכע
1533—1505 יי.	דאָס רעגירנ פונעם גרויספירשט וואסילי III איוואנאָוויטש
1510 י.	דער אָנשלוס פונ פסקאָוו צו דער רוסישער מעלוכע

1514 י. דער אָנשלוס פון סמאָלענסק צו דער רוסישער מעלוכע

1584—1533 יי. דאָס רעגירן פונעם גרויספירשט, פון 1547 י. אָן — צאַר איוואַן דער IV

1547 י. דער אופשטאַנד אין מאָסקווע

1550 י. דער „סודיעבניק" פון איוואַן דעם IV

1552 י. דאָס איינעמען קאַזאַן

1553 י. די ענגלענדער אַנטדעקן דעם צפונדיקן ים־וועג קיין רוסלאַנד

1556 י. דער אָנשלוס פון אַסטראַכאַן

1583—1558 יי. די ליוואָנער מילכאָמע

1564 י. דאָס דערשיינען פון דעם ערשטן רוסישן בוך, וואָס איוואַן פיאָדאָראָוו האָט אָפּגעדרוקט אין מאָסקווע

1572—1565 יי. די אָפּריטשנינע

1569 י. די פאַרייניקונג פון פוילן מיט ליטע. די לובלינער אוניע

1581 י. דער אָנהייב פון יערמאַקס מאַרש קיין סיביר

1581 י. ס'ווערט אָפּגעשאַפט דאָס אַריבערגיין פון די פויערים אין יורי־טאָג.

1598—1584 יי. דאָס קיניגן פון פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן

1586 י. קאַכעטיע ווערט וואַסאַל־אָפּהענגיק פון מאָסקווע

1605—1598 יי. דאָס קיניגן פון באָריס פיאָדאָראָוויטש גאָדונאָוו

1606—1605 יי. דאָס קיניגן פונעם I־טן פאַלשן דימיטרי

1610—1606 יי. דאָס קיניגן פון וואַסילי איוואַנאָוויטש שויסקי

1607—1606 יי. דער פויערים־אופשטאַנד אונטער דער פירערשאַפט פון איוואַן באָלאָטניקאָוו

1612 י. מינין און פּאָזשאַרסקי לאַנדווער באַפרייט מאָסקווע

1645—1613 יי. דאָס קיניגן פון מיכאַיל פיאָדאָראָוויטש ראָמאַנאָוו

1614 י. דער פּערסישער שאַך אַבאַס פאַרוויסטעט גרוזיע

1676—1645 יי. דאָס קיניגן פון אַלעקסיי מיכײַלאָוויטש

1650—1648 אופשטאַנדן אין די שטעט פון דער רוסישער מעלוכע

1648 י. סעמיאָן דעזשניעווס עקספּעדיציע

1648 י. דער אָנהייב פונעם פאָלקס־אופשטאַנד אין אוקראַינע (אונטער דער פירערשאַפט פון באָגדאַן כמעלניצקי) קעגן דער פּויליש־שער הערשאַפט

1649 י. די „סאָבאָרנאָיע אולאָזשעניע"

1649 י. דער זבאָראָווער שאָלעם

1654 י. די באַשטימונג פון דער פּערעיאַסלאַווער ראַדע וועגן אָנשליסן זיך פון אוקראַינע צו רוסלאַנד

1662 י. דער קופּער־בונט אין מאָסקווע

1662 י. די אופשטאַנדן אין באַשקיריע און אין מיזרעך־סיביר

1667 י. דער אַנדרוסאָווער וואָפנשטילשטאַנד צווישן רוסלאַנד און פּוילן

1671—1667 יי. דער פּאָלקס־אופשטאַנד אונטער דער פירערשאַפט פון סטעפּאַן ראַזין

גענעאלאָגישע טאבעלע פון דער ריוריק־דינאסטיע

ריוריק

איגאָר — אָלגא

סוויאטאָסלאוו (געשט. ארום 972 י. פון דער נ. ע.)

יאראָפּאָלק | אָליעג | וולאדימיר (געשט. 1015 י.)

סוויאטאָפּאָלק געשט. ארום 1019 י. | איזיאסלאוו דער פּאָלאָצקער | יאראָסלאוו געשט. 1054 י. | מסטיסלאוו געשט. 1036 י. | באָריס געשט. ארום 1015 י. | גלעב געשט. ארום 1015 י. | סוויאטאָסלאוו געשט. ארום 1015 י.

בריאטשיסלאוו געשט. 1044 י. | וולאדימיר געשט. 1052 י. | איזיאסלאוו געשט. 1078 י. | סוויאטאָסלאוו געשט. 1076 י. | וסעוואָלאָד געשט. 1093 י. | איגאָר געשט. 1060 י.

וסעסלאוו געשט. 1101 י. | ראָסטיסלאוו געשט. 1066 י. | סוויאטאָפּאָלק געשט. 1113 י. | אָליעג געשט. 1115 י. | וולאדימיר מאָנאָמאכ געשט. 1125 י. | דאוויד געשט. 1112 י.

וואָלאָדאר | וואסילקאָ געשט. 1124 י. | סוויאטאָסלאוו געשט. 1164 י. | מסטיסלאוו געשט. 1132 י. | יורי דאָלגאָרוקי געשט. 1157 י.

וולאדימירקאָ געשט. 1066 י. | איגאָר, דער העלד פונעם „געזאנג וועגן איגאָרס כאַיל״ געשט. 1202 י. | וסעוואָלאָד געשט. 1196 י. | איזיאסלאוו געשט. 1154 י. | אנדריי באָגאָליובסקי געשט. 1174 י. | מיכאַיל געשט. 1176 י. | וסעוואָלאָד די גרויסע נעסט געשט. 1212 י.

יאראָסלאוו אָסמאָמיסל געשט. 1187 י. | וולאדימיר געשט. 1212 י. | מסטיסלאוו געשט. 1170 י. | יורי געהייראט מיט דער גרוזינישער קייסעריניע טאמארע.

ראָמאַן דער גאַליטשער געשט. 1205 י.

דאַניִיל דער גאַליטשער געשט. 1264 י.

יורי געשט. 1238 י. · יאראָסלאַוו

אלעקסאנדר ניעווסקי געשט. 1263 י. · יאראָסלאַוו, דער טווערער פירשט געשט. 1272 י.

דאַניִיל, דער מאָסקווער פירשט. געשט. 1303 י. · מיכאַיִל געשט. 1318 י.

יורי געשט. 1325 י. · איוואַן קאַליטאַ געשט. 1341 י. · דימיטרי געשט. 1325 י. · אלעקסאנדר געשט. 1339 י.

סימעאָן גאָרדי (דער שטאָלצער) געשט. 1353 י. · איוואַן געשט. 1359 י.

דימיטרי דאָנסקאָי געשט. 1389 י.

וואסילי I געשט. 1425 י. · יורי געשט. 1434 י.

וואסילי II דער בלינדער געשט. 1462 י. · דימיטרי שעמיאַקאַ געשט. 1453 י. · וואסילי קאָסאָי געשט. 1448 י.

איוואַן דער III געשט. 1505 י.

וואסילי דער III געשט. 1533 י. · יורי, דער דמיטראָווער פירשט געשט. 1536 י. · אנדריי, דער סטאריצקער פירשט געשט. 1537 י.

איוואַן IV דער גרויזאמער, צאַר געשט. 1584 י. · וולאדימיר געשט. 1570 י.

איוואַן געשט. 1582 י. · צאַר פיאָדאָר געשט. 1598 י. · דימיטרי געשט. 1591 י.

אינהאלט.

אונדזער לאנד אין דער ווייטער פארגאנגענהייט

זייט

קאפיטל I. די אורראלטע געמיינדע-אָרדענונג אין אונדזער לאנד 3

§ 1. די אורעלטסטע מענטשלעכע געזעלשאפט 3

§ 2. דער מוטער-שטאם 6

§ 3. דער פאָטער-שטאם 8

קאפיטל II. די אורעלטסטע מעלוכעס אפ דער טעריטאָריע פון אונדזער לאנד 12

§ 4. די אורעלטסטע שקלאפנבאזיצערישע מעלוכעס אפ קאווקאז און אין מיטל-אזיע 12

§ 5. די פעלקער פונעם צאָפנדיקן שווארציאמישן געביט (ביזן III יה. פון דער נייער ערע) 18

§ 6. דער וועג פון די נאָמאדן 24

§ 7. די פריִע פעאָדאלע מעלוכעס אין טראנסקאווקאז 26

§ 8. די פעלקער פון מיטל-אזיע אין קאמף קעגן די אראבער 31

§ 9. די קוזרים (כאזארן) און די באָלגארן אפ דער וואָלגע 34

די קיִעווער מעלוכע

קאפיטל III. די אויסבילדונג פון דער קיִעווער מעלוכע 38

§ 10. די סלאווגן אין VI—IX יאָרהונדערטער 38

§ 11. די מיזרעכדיקע סלאווגן ווערן פארייניקט אונטער דער מאכט פון קיִעוו . . . 46

§ 12. דאָס איינפירן קריסטנטום אין קיִעווער רוס 51

קאפיטל IV. די צעפאלונג פון דער קיִעווער מעלוכע 58

§ 13. די ענדגילטיקע איינשטעלונג פון פעאָדאלע פארהעלטענישן אין דער קיִעווער מעלוכע 58

די פעאָדאלע צעשפּליטערונג פונ מיזרעכ־אײראָפּע אונ מיטל־אַזיע

קאפּיטל V. די פעאָדאלע פירשטנטומס אינ XIII—XII יאָרהונדערטער . 67

§ 14. די פאַרשטאַרקונג פונ דער פעאָדאלער צעשפּליטערטקײט 67

§ 15. דאָס גאליטש־וואָלינער פירשטנטום אינ XIII—XII יאָרהונדערטער 70

§ 16. דאָס ראָסטאָוו־סוזדאלער פירשטנטום 73

§ 17. דאָס נאָווגאָראָדער לאַנד 78

§ 18. טראַנסקאַווקאַז אונ מיטל־אַזיע אינ XII—XI יאָרהונדערטער 85

קאפּיטל VI. די מאָנגאָלישע דעראָבערונגענ אינ XIII יאָרהונדערט. 90

§ 19. טשינגיס־כאַנס מעלוכע 90

§ 20. די דעראָבערונג פונ מיזרעכ־אײראָפּע 95

§ 21. טראַנסקאַווקאַז אונ מיטל־אַזיע אונטער דער מאַכט פונ די מאָנגאָלנ 101

קאפּיטל VII. דער קאַמפּ מיט די דײַטשישע אונ שוועדישע פעאָדאַלנ . . 102

§ 22. די פאַרכאַפּונגענ פונ די דײַטשישע פעאָדאַלנ אינ די באַלטישע געביטנ . . . 102

§ 23. דער קאַמפּ פונ נאָווגאָראָד אונ פּסקאָוו קעגנ די שוועדישע אונ דײַטשישע פעאָדאַלנ 105

קאפּיטל VIII. דאָס ליטווישע גרויספירשטנטום 108

§ 24. די אויסבילדונג פונעם ליטווישנ גרויספירשטנטום 108

§ 25. די סאָציאַלע אָרדענונג פונעם ליטווישנ גרויספירשטנטום 113

קאפּיטל IX. דאָס וולאַדימירער גרויספירשטנטום 114

§ 26. די פירשטנטומס פונ דער צאָפנ־מיזרעכדיקער רוס 114

§ 27. נאָווגאָראָד אונ פּסקאָוו אינ XV—XIV יאָרהונדערטער 119

קאפּיטל X. די דערהײבונג פונ מאָסקווע 121

§ 28. די פאַרשטאַרקונג פונעם מאָסקווער פירשטנטום 121

§ 29. דער אָנהײב פונעם קאַמפּ קעגנ די טאָטערנ 124

§ 30. דער פעאָדאַלער קאַמפּ אינ דער ערשטער העלפט XV יאָרהונדערט 129

קאפּיטל XI. טימורס מעלוכע אונ די צעפאַלונג פונ דער גאָלדענער האָרדע . . 131

§ 31. טימורס מעלוכע. די אוזבעקנ 131

§ 32. די פעלקער פונעם וואָלגער געביט אונטער דער מאַכט פונ די טאָטערנ . . . 136

§ 33. דאָס קרימער כאַנטום 138

§ 34. דאָס סיבירער כאַנטום. די קאַזאַכנ 139

די באַשאַפונג פונ דער רוסישער נאַציאָנאַלער מעלוכע

קאפּיטל XII. דאָס רעגירנ פונ די פירשטנ איוואַנ דעמ III אונ וואַסילי דעמ III . 141

§ 35. די אויסבילדונג פונ דער טעריטאָריע פונ דער רוסישער מעלוכע 141

§ 36. די באַפרײַונג פונ אונטערנ טאָטערשנ יאָך. די דעראָבערונגענ פונ איוואַנ דעמ III . 144

§ 37. די סאָציאַלע אונ מעלוכישע אָרדענונג פונ דער רוסישער מעלוכע סאָפּ XV יה. . 146

די פארברייטערונג פון דער רוסישער מעלוכע און איר פארוואנדלונג אין א פילנאציאנאלער מעלוכע

קאפיטל XIII. דאס קיניגן פונעם צאר איוואן דעם IV. 158
§ 38. דאס געוועלטיקן פון די באיארן. די רעפארמעס פון די 1550־ער יארן 158
§ 39. די דערגאבערונגען פונעם צאר איוואן דעם IV. 162
§ 40. די אפריטשינע 166
§ 41. דער סאף פון דער ליוואנישער מילכאמע 170
§ 42. די באציונגען פון די פעלקער פון מיזרעך־סיביר סאף XVI יה 174
§ 43. האנדל און האנטווערקערײַ אין דער רוסישער מעלוכע אין XVI יה 177
§ 44. דער שטייגער און די קולטור אין XVI יה 179

די פעלקער פון אונדזער לאנד אין XVII יארהונדערט

קאפיטל XIV. די פויערים־מילכאמע און דער קאמף קעגן דער פוילישער און שוועדישער אינטערווענציע אין דער רוסישער מעלוכע אין אנהייב XVII יארהונדערט 184
§ 45. די רוסישע מעלוכע פאר דער פויערים־מילכאמע 184
§ 46. דער פרווו פון די פוילישע פאנעס צו פארשקלאפן די רוסישע מעלוכע. דער 1־טער פאלשער דימיטרי 190
§ 47. דער פויערים־אופשטאנד אונטער דער פירערשאפט פון באלאטניקאוו 194
§ 48. דער אנגריף פון פוילן און שוועדן אף דער רוסישער מעלוכע 197
§ 49. דער קאמף פונעם רוסישן פאלק קעגן די פוילישע פארכאפער 201
קאפיטל XV. די זעלבסטהערשונג אין רוסלאנד אין XVII יארהונדערט . 205
§ 50. דאס קיניגן פון מיכאיל ראמאנאוו 205
§ 51. די אויסערן־פאליטיק נאך דער פויערים־מילכאמע 208
§ 52. די פעאדאל־לײַבאייגנטימערישע ווירטשאפט 210
§ 53. שטאטישע אופשטאנדן אינמיטן XVII יה. 216
§ 54. די פארוואלטונגס־ארגאנען פון דער רוסישער מעלוכע 218
§ 55. ניקאנס קירכ־רעפארם און די שפאלטונג 221
קאפיטל XVI. אוקראינע און ווײַסרוסלאנד אין XVII יארהונדערט . . . 224
§ 56. אוקראינע און ווײַסרוסלאנד אונטער דער הערשאפט פון פוילן 224
§ 57. דער קאמף פונעם אוקראינישן פאלק קעגן פוילן 229
§ 58. דער אנשלוס פון אוקראינע צו דער רוסישער מעלוכע און די מילכאמע מיט פוילן 235
קאפיטל XVII. די פאלקס־אופשטאנדן אין דער רוסישער מעלוכע אין דער צווייטער העלפט XVII יארהונדערט 237
§ 59. דער קופער־בונט אין מאסקווע אין 1662 יאר 237
§ 60. וואלגער געביט אין XVII יה 238
§ 61. דער פאלקס־אופשטאנד אונטער דער פירערשאפט פון סטעפאן ראזין 241

קאפיטל XVIII. די קולטור פונ דער רוסישער מעלוכע אינ XVII יאָרהונדערט . 251
§ 62. קולטור אונ בילדונג 251
§ 63. מאָסקווע—די הויפּטשטאָט 256
קאפיטל XIX. די פעלקער פונ סיביר אינ XVII יאָרהונדערט 260
§ 64. מיזרעך־סיביר אינ XVII יה. 260
§ 65. די דעראָבערונג אונ קאָלאָניזירונג פונ מיזרעך־סיביר 262
קאפיטל XX. טראנסקאווקאז אונ מיטל־אזיע אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער 268
§ 66. טראנסקאווקאז אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער 268
§ 67. מיטל־אזיע אינ XVI—XVII יאָרהונדערטער 269
די גרונט־דאטעס אינ דער געשיכטע פונ פססר 271
גענעאלאָגישע טאבעלע אינ דער ריוריקס־דינאסטיע 274

ИСТОРИЯ СССР. Часть I.
На еврейском языке.

Редактор перевода *Л. Гольдберг.*
Подписано к печати 9/IV 1941 г.
А-38074. Тираж 7.500. 17,5 п. л. + 7 вклеек.
51,7 тыс. зн. в 1 п. л., 22,5 уч.-изд. л. + 1,14 вклеек.
Цена 4 р. 30 к.

Заказ № 2791.

17-я ф-ка нац. книги Огиза РСФСР треста «Полиграфкнига»,
Москва, Шлюзовая наб., 10.